STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09744

ZRIEH-TSAYT

Leo Katz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָ קאַץ

זריעה-צייט

(ראָמאַן)

וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך
והחזקת בו גר ותושב וחי עמך
(ויקראָ כה, 35)

פאַרלאַג „איקוף", מעקסיקע

איבערגעזעצט דורך **יעקב מעסטל**

דאָס בוך איז דערשינען אין ענגליש אין פאַרלאַג
„אַלפרעד אַ קנאָפף", אונטער דעם טיטל
"SEEDTIME"

דאָס בוך איז געזעצט און געדרוקט געוואָרן אין דער דרוקעריי פון
מאַנועל פינטעל

געווידמעט דעם אָנדענק פון

פֿייגעלע יאַגאָדאַ

געשטאָרבן, דעם 17־טן יולי 1946

38 יאָר אַלט, אַרויסגעריסן פון אַ לעבן פול מיט

געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט

וועגן „איקוף" - פארלאג

די מעקסיקאנער אידישע עפנטלעכקייט האט ביז איצט א סך געהערט וועגן דער קולטור־ארבעט פון „איקוף". אונזער ארגאניזאציע איז די איינציקע, וואס פירט אן א ברייט־פארצווייגטע ארבעט אויפן געביט פון אידישער קולטור. די „איקוף"־אונטערנעמונגען זענען געווארן אמתע קולטור־יום־טובים אויף דער אידישער גאס. א דאנק דער אומדערמידלעכער ארבעט פון די קינסטלער — חברים לייב און בעטי ראבינאוויטש, האט עס זיך דעם „איקוף" איינגעגעבן ווידער צו באלעבן די אפגעשטארבענע טעאטער ארבעט אין מעקסיקע. זיי האבן צוגעצויגן צו דער ארבעט עטלעכע טאלענטירטע חברים ווי: משה מארקוסהאמער און פרוי, דעם חבר לובינסקי און די פיאנא־שפילערין סטרוגאטש.

דער היגער „איקוף" איז דער וויכטיקסטער פארשפרייטער פון אידישן בוך אין אידישן ישוב. א דאנק דער ארבעט פון „איקוף" דערהאלטן הונדערטער מעקסיקאנער אידן די „יידישע קולטור", דעם ניו־יארקער חודש־זשורנאל פון אלוועלטלעכן אידישן קולטור־פארבאנד, דערהאלטן צוגעשיקט אלע ביכער, וואס דערשיינען אין „איקוף"־פארלאג אין ניו־יארק. און ווען עס האט זיך געמוזט פארמאכן די איינציקע אידישע בוכהאנדלונג, וואס מעקסיקע האט פארמאגט, האט דער היגער „איקוף" איבערגענומען אויך די ארבעט פון א מוכר ספרים. עס ווערן אזוי ארום פארשפרייט ביכער, וואס דערשיינען אין ניו־יארק און אין מאסקווע, אין בוענאס־איירעס און אין פאריז.

און איצט איז דער היגער „איקוף" צוגעטרעטן צו א גרעסערן פאר־מעסט: צו פארלאג־ארבעט. „זריעה־צייט" איז די ערשטע פון א רייע ארבעטן, וואס „איקוף" פלאנט ארויסצוגעבן. דאס בוך „זריעה־צייט" וואס איז דערשינען אין ניו־יארק אין ענגלישער שפראך אונטערן נאמען „סיד־טיים" האט געפונען א מעכטיקן אפקלאנג סיי אין דער גרויסער ענגלישער פרעסע פון אמעריקע און סיי אין דער ענגליש-אידישער פרעסע.

סיאיז אַ בוך פון אידישן לעבן. עס שפיגלט אָפּ אַ ווינקל פון תפיצות ישראל, וועגן אידישן שטייגער־לעבן און וועגן אָפּקלאַנג פון גרויסע וועלט־געשעענישן אויף דער אידישער גאַס. סיאיז אַ אידיש בוך און דאַרף דער־שיינען אין דער אידישער שפּראַך. דער היגער „איקוף" האָט זיך גערעכנט מיט אָט דעם פאַקט און האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע אַרויסצוגעבן דעם בוך.

אָבער דער „איקוף" באַטראַכט, ווי געזאָגט, דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך נאָר ווי אַן אָנהויב פון זיין פאַרלאַג־אַרבעט. דער „איקוף" האַלט, אַז נאָך דעם שווערן חורבן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, איז עס היינט נויט־ווענדיקער ווי ווען סיאיז נישט פריער, אַרויסצוגעבן וואָס מער אידישע ביכער. דאָס אַרויסגעבן פון דעם בוך איז מעגלעך געוואָרן אַ דאַנק דער אַקטיווער הילף פון אַ רייע פריינט, וועלכע מיר דערמאָנען אויף דער לעצ־טער זייט פון דעם בוך.

מיר האָפן, אַז מער מענטשן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין דעם דערשיינען און אין פאַרשפּרייטן פון אידישן בוך, וועלן זיך גרופּירן אַרום אונזער אָרגאַניזאַציע און וועלן אונז העלפן דערגרייכן די גרויסע צילן, וועל־כע מיר האָבן זיך געשטעלט.

די פאַרוואַלטונג פון „איקוף"
אין מעקסיקע

1

ווען דער לערער פון גימנאַסטיק און עקזאַמען פון שטעטל סערעט, הערבערט האַלטער, א בחור נאָך, האָט אויפן וואָקזאַל אין טשערנאָוויץ געקויפט אַ באַן־בילעט קיין האַדיקפאַלוואַ, האָט ער געוואוסט, אַז ער נעמט מיט דעם אַ גרויסע ריזיקע. וואָרים שבתים האָט מען זעלטן ווען ביים האַדיקפאַלווער באַן־הויף געטראָפן אַ פיאַקער, וואָס זאָל פירן די אָנקומענדיקע פאַסאַזשירן קיין סערעט. אמת, מיט א צוויי שעה פריער האָט ער געקאָנט דירעקט פאָרן קיין סערעט מיט א געוויינלעכן לאָקאַל־צוג. אָבער ביזן לעצטן מאָמענט האָט ער נאָך אַלץ געהאָפט, אַז אים וועט געלינגען מיטצוברענגען עמעצן, וועלכער זאָל פאַרטרעטן די לאַנד־רעגירונג ביי דער צערעמאָניע פון אָנצינדן דעם ערשטן גאַז־לאָמפּ אין סערעט — אַ גאַז־לאָמפּ, וואָס ער אַליין, הערבערט האָלטער, האָט מיט אייגענע הענט צוזאַמענגעשטעלט. מיט דעם וואָלט ער פאַרשטאָפּט די מיילער פון אַלע קעגנער פון זיין נייעם גאַז־לאָמפּ. נאָר אַלע זיינע באַמיאונגען זענען געווען אומזיסט. אים איז נישט געלונגען צו איבערצייגן די לאַנד־רעגירונג צו שיקן אַ פאַרטרעטער צו אָט דעם — ווי ער האָט געדענקט — היסטאָרישן מאָמענט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער שטאָט סערעט. האָט די בוקאָווינער רעגירונג נישט פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון אָט דעם טעכנישן אויפטו ביי דער רומענישער גרענעץ? אָדער איז דאָס גלאַט געווען אַ שפּיצל פון זיינע שונאים? האָלטער האָט זיך שטאַרק געערגערט וואָס זיין פּלאַן איז נישט אינגאַנצן געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דעם, וואָס אין סערעט האָט זיך נישט געפונען קיין איין מענטש, וועלכער זאָל קאָנען מיט באַשטימטקייט זאָגן וועגן זיך, אַז ער האָט נישט קיין שונאים. אַזוי זענען שוין די סערעטער מענטשן. און נאָך א טרייסט האָט ער געהאַט: אַז די האָפענונג פון זיינע קעגנער, וועלכע האָבן געגלויבט און געוואונטשן דער נייער לאָמפּ זאָל נישט קאָנען ברענען, וועט אינגאַנצן פאַרטונקלט ווערן אין העלן ליכט פון דעם אָנגעצונדענעם גאַז־לאָמפּ.

האָלטער האָט געמוזט נעמען די ריזיקע צו פאָרן איבער האַדיקפאַלוואַ, ווייל שוין מאָרגן אָוונט האָט געזאָלט פאָרקומען די צערעמאָניע, און ער האָט דאָך געדאַרפט כאָטש איין טאָג פריער אָנקומען אין סערעט, כדי צונישט מאַכן די געהיימע פּלענער פון זיינע שונאים. און דאָס מאָל האָט ער באמת געהאַט מזל: נאָך איידער ער איז אַרויס פון האַדיקפאַלווער באַנ־

הויף, האָט ער דערזען דעם פּיאַקערניק אָנופרי. אויך אָנופרי, וועלכער האָט געבראַכט צו דער באַן צוויי פּאַסאַזשירן קיין סוטשאַוואַ, איז געווען צופרידן וואָס ער וועט האָבן כאָטש איין פּאַרשוין צוריקצופירן קיין סערעט. ער האָט דעריבער האַלטערן פּאַרגעלייגט אַ מציאה: „פּאַר אייערט־וועגן וועל איך רעכענען פּאַרן אויבנאָן אין שליטן, צוזאַמען מיט דער פּוטער־דעק — בלויז איין קראַנע. און אַנדערער אויף אייער אָרט וואָלט ביי מיר פאַר דעם פּרייז געפאָרן נאָר אויף דער קאָזלע".

זיי זענען ביידע אַרויס פון דער באַן־סטאַנציע.

„וואָס איילסטו זיך אַזוי, אָנופרי?"

זיי האָבן זיך אומגעקוקט. ביים אַרויסגאַנג פון באַנהויף איז געשטאַנען דער באַן־וועכטער און געפּעק־טרעגער גריגאָרי מיט צוויי שיינע לעדער־וואַליזעס. הינטער אים — אַ פרעמדער מאַן פון אַרום פופציק, אין אַן עלעגאַנטן שאָפּן־פּעלץ מיט אַ פוטערנער טשאַפּקע. זיין אויפגע־בלאָזן פּנים איז געווען פול מיט רויטלעכע פלעקן און זיינע דיקע בלאָנדע וואָנצעס זענען שוין געווען גרוילעך.

„וועל", האָט געזאָגט דער פרעמדער צו אָנופרין, „וועט איר מיך מיטנעמען קיין סערעט?"

„אבי מ׳באַצאָלט, פיר איך יעדן וואוהין נאָר ער וויל. פאַראַן נאָך אַ פרייער פּלאַץ אויבנאָן. דריי קראָנען, אַ פוטער־דעק אַריינגערעכנט."

„אָל ראַיט".

„מיינט דאָס יאָ, אָדער ניין?"

„ווייניקער געפרעגט, און נעמט מיינע וואַליזעס".

אָנופרין האָט מען נישט באַדאַרפט צוויי מאָל זאָגן. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די וואַליזעס, זיי צוגעבונדן ביים הינטערשטן טייל פון שליטן און צוויי מאָל אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש — אַ סימן, אַז ער איז צופרידן. פלעגט ער דאָך באַקומען פון זיין באַלעבאָס, דודל סמאָטשעק, אַ פערטל פון דעם באַלעגאָלע־געלט, וואָס ער האָט גענומען פון די פּאַסאַזשירן אויפן וועג צוריק. אָנופרי איז אַרויף אויף דער קאָזלע; די פערד האָבן זיך אַ ריר געטאָן און דער שליטן האָט זיך גענומען גליטשן איבער דעם גלאַטן, שניי־באַדעקטן וועג קיין סערעט.

קוים זיך אַריינגעזעצט אין שליטן, האָט דער פרעמדער אויסגעטאָן די הענטשקע פון זיין רעכטער האַנט, אַרויסגענומען אַ ציגאַרעטן־דאָזע און זי אונטערגעטראָגן דעם שכן. „מיט אייער דערלויבעניש", האָט גע־זאָגט האַלטער און אָנגעהויבן זוכן אין די קעשענעס אַ שוועבעלע. אָבער נאָך איידער ער האָט באַוויזן אַרויסצונעמען דאָס פּעקל שוועבעלעך, האָט דער פרעמדער שוין געהאַלטן גרייט אַ זילבערן פייערצייג: „דאָס נוצן מיר

ביי אונז אין אַמעריקע. ס'איז מאָדערנער און פּראַקטישער. צו דעם דאַרפט איר נישט מער ווי איין האַנט, און ביי אַ שוועבעלע מוזט איר נוצן ביידע הענט".

„דער הער איז אַן אַמעריקאַנער? מיין נאָמען איז האַלטער — הערבערט האַלטער, קאַיזער־און־קעניגלעכער האויפּטמאַן אין דער רעזערווע, קאַיזער־קעניגלעכער גימנאַסטיק־לערער ביים קאַיזער־קעניגלעכן פראַנץ יאָזעף־גימנאַזיום אין כערעט, עקאָנאָם פון אונזער סערעטער שטאָט־געמיינדע. אונטער מיין פאַרוואַלטונג שטייען זעקס פערד, צוויי אָקסן און די גאַנצע איבעריקע באַוועגלעכע און אומבאַוועגלעכע אינווענטאַר פון אונזער שטאָט־פאַרוואַלטונג."

„זייער אָנגענעם אייער באַקאַנטשאַפט. מיין נאָמען איז ראַלף סמיט, פון באָפאַלאָ..."

„אַנטשולדיקט וואָס איך שלאָג אייך איבער — אָבער זייט איר נישט אפשר פון יענע באָפאַלאָ בילס, וואָס האָבן לעצטן זומער אין טשערנאָוויץ געוויזן קונצן מיט חיות? אויב איר ווילט מיר דערלויבן בלויז אַ קליינע קריטיק — ס'איז געווען אַ גרויסער פעלער פון אייך, וואָס איר זייט נישט אַריבערגעקומען אויך צו אונז, קיין סערעט. מיר סערעטער האַלטן זייער אַ סך פון קונסט. ביי אונז וואָלט אייער צירק געווען געהאַט נאָך אַ סך אַ גרעסערן דערפאָלג ווי אין טשערנאָוויץ. אויב איר פאָרט איצט קיין סערעט טאַקע וועגן דער אָנגעלעגנהייט, קאָן איך אייך ווינטשן אַ סך גליק. אין קיין שום אַנדערער שטאָט וועט איר נישט געפינען אַזוי פיל קונסט־ליבנדיקע מענטשן, וואָס האָבן אַזאַ פאַרשטענדעניש פאַר חיות, ווי ביי אונז אין סערעט."

„איך פאַרזעבלעך האָב גאַרנישט צו טאָן מיט קיין צירק. איך קום אַהער וועגן גאַנץ אַנדערע געשעפטן — איך קום דאָ זוכן אויל, פּעטראָלעאום. אָבער איך בעט אייך, זאָל דאָס דערווייל בלייבן אַ שטרענגער סוד צווישן אונז, ביז עס וועט זיך ערשט אַרויסווייזן, צי עס געפינט זיך באמת פּעטראָלעאום אין אייער געגנט. אַ, דעמאָלט וועלן מיר שוין אָפן רעדן וועגן דעם! אייער שטאָט וועט דעמאָלט באַגליקט ווערן".

אַנופרי האָט פאַרשטאַנען דייטש. ער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך באַמיט אויפצוכאַפּן אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט. דער גימנאַסטיק־לערער האַלטער האָט זיך שטאַרק געוואונדערט וואָס אַ מענטש איז אַזש פון אַמעריקע אייגנס געקומען קיין סערעט זוכן פּעטראָלעאום. און אַזוי ווי ער האָט גראָד ערשט געהאַט פאַרדיכערט זיין פּאַפּיראָס מיט דעם אַמעריקאַנער פייערצייג, האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז אָט די צוויי זאַכן האָבן עפּעס אַ שייכות איינס מיטן אַנדערן. אין עסטרייך זענען שוועבעלעך

געווען פֿאַרהעלטניסמעסיק ביליק; אָבער אויף דער אַנדערער זייט, אין רומעניע, קאָסטן זיי פֿיר און פֿינף מאָל אַזוי פֿיל. האָט ער אַ פֿרעג געטאָן ביים אַמעריקאַנער: „וויפֿל מאָל קאָנט איר אָנצינדן אַט דאָס פֿייערצייג, זינט ס'איז איין מאָל אָנגעפֿילט?"

„ביי אַן אַכט הונדערט, ביז טויזנט מאָל."

האַלטערס מוח האָט גענומען אויסרעכענען: אַזאַ פֿייערצייג נעמט אין זיך אַריין העכסטנס אַ פֿופֿציקסטל פֿון אַ ליטער. אַ ליטער פּעטראָלעאום קאָסט איצטער צען גראַשן. קאָן מען פֿאַר צען גראַשן, הייסט עס, אַרויסבאַקומען דעם ווערט פֿון פֿערציק ביז פֿופֿציק טויזנט שוועבעלעך. ער האָט דערזען פֿאַר זיך דעם אויפֿשטייג פֿון אַ גאַנץ נייער אינדוסטריע: פּעטראָלעאום און פֿייערצייגן. דער אַמעריקאַנער געבן אים וועט דאָך איינעמען וועלטן! אַזאַ געלעגנהייט מוז מען אויסנוצן — נישט איינער איז שוין באַגליקט געוואָרן דורך אַט אַזאַ צופֿעליקער באַגעגעניש. מען דאַרף נאָר וויסן ווי צוצוגיין צו דעם ענין. אייגנטלעך וויל דאָך דער אַמע־ריקאַנער מיט זיין פֿייערצייג דאָס זעלבע, וואָס ער מיט זיין גאַז־לאָמפּ. ביידע, דער גאַז־לאָמפּ און דאָס פֿייערצייג, שעפּן זייער כוח פֿון פּעטראָ־לעאום; ביידע ברענגען טעכנישן פּראָגרעס; ביידע עפֿענען פֿאַר דער וועלט ברייטע, לויכטנדיקע פּערספּעקטיוון. אַזעלכע צוויי מענטשן דאַרפֿן גיין האַנט אין האַנט. „איר זייט געקומען אין אונזער שטאָט — דערקלערט ער דעם אַמעריקאַנער — אין אַ היסטאָרישן מאָמענט. מאָרגן קומט ביי אונז פֿאַר די צערעמאָניע פֿון אָנצינדן דעם ערשטן גאַז־לאָמפּ ביי אונז אין שטאָט. דערווייל בלויז איין לאָמפּ. אָבער נאָכאַלעמען איז דאָך אין אָנהויב פֿון דער וועלט אויך נאָר געווען בלויז איין מענטש און אַ סך חיות — און היינט זענען פֿאַראַן הונדערטער מיליאָנען מענטשן. אַזוי וועט אויך פֿון מאָרגן אָן זיין ביי אונז אין שטעטל איין גאַז־לאָמפּ און צוויי־און־פֿערציק אַלטע נאַפֿט־לאָמפּן. ווען איר, הער ראַלף סמיט, וואָלט וועלן מאָרגן זיך באַטייליקן אין אונזער יום־טוב ווי אַן אָפֿיציעלער גאַסט, וואָלט עס געווען אַ שווע־רער קלאַפּ פֿאַר די שונאים פֿון דעם נייעם לאָמפּ און אַ גרויס גליק פֿאַר דעם באַשטאַנד פֿון טעכנישן פֿאָרשריט."

„מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, מיסטער האַלטער; איך וועל עס געדן טאָן. אויב איר קאָנט אַריבערקומען צו מיר אין האָטעל, וואָלטן מיר גע־כאַפּט אַן אויספֿירלעכן שמועס וועגן דעם. דערווייל אָבער בעט איך אייך, עס מוז בלייבן אַ שטרענגער סוד צווישן אונז. דערמאָנט נישט דערווייל קיינעם קיין וואָרט וועגן פּעטראָלעאום. יאָ, וואָס איך האָב אייך געוואָלט פֿרעגן — וואָס פֿאַר אַ האָטעל וואָלט איר מיר דאָ רעקאָמענדירט?"

„דער מאָדערנסטער, ערשט ניי־אויפגעבויטער האָטעל איז 'אַננאַ־האָף'.״

„יאָ, מ׳האָט עס מיר שוין רעקאָמענדירט. העי, פּורמאַן — האָטעל אַננאַהאָף.״

„איז שוין, הייסט עס, אונזער האָטעל אַננאַהאָף באַקאַנט איבער דער וועלט! און איצט נאָך דער גאָז־לאָמפּ, און שפּעטער אפשר... אָבער וועגן דעם, ווי איר זאָגט, דאַרף מען נאָך דערווייל נישט רעדן — מיר ווילן, דאַכט זיך, מיט גאָרנישט זיך דאַרפן שעמען קעגן אַנדערע פעלקער און לענדער...״

מיט גלאָק־געקלאַנג האָט דער שליטן זיך געגליטשט באַרג־אַראָפּ דעם סוטשאַווער וועג צום סערעטער מאַרק. אין שטאָט איז געווען שבת: אַלע קראָמען פאַרמאַכט, האָט מען נאָר דאָ און דאָרט געזען אַ מענטשן פאַר־בייגיין, קונדסים האָבן זיך געוואָרפן מיט שניי. אַנופּרי איז צוגעפאָרן צום האָטעל אַננאַהאָף. ער האָט עטלעכע מאָל אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש, כּדי אָנצוזאָגן די האָטעל־מענטשן, אַז אַ ווירטיקער גאַסט איז געקומען. איצט האָט ער אָפּגעבונדן די צוויי וואַליזעס און זיי איבערגעגעבן דעם האָטעל־דינער. „דאָ איז אייער פאַר־געלד — האָט דער אַמעריקאַנער זיך געווענדעט צו אַנופּרין — „און אָט איז אַן עקסטראַ קראָנע טינקגעלט״. און צו האַלטערן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „און אייך, מיין ליבער פריינט, דער־וואַרט איך היינט אָוונט, ווען ס׳איז אייך נאָר מעגלעך.״

סערעט איז שוין געוואוינט געווען צו האָבן ביי זיך רייכע געסט, בפרט פון די רומעניש באַיאַרן־קרייזן. אָבער אַ גאַסט, וועלכער זאָל אין ניכטערן צושטאַנד געבן אַ קראָנע טרינקגעלט, נאָכדעם ווי ער האָט באַצאָלט דריי מאָל אַזוי פיל, וואָס מען רעכנט געוויינלעך אַ פּאַסאַזשיר, איז נישט געווען אַזאַ אָפּטע דערשיינונג. אַ באַזונדערן איינדרוק האָט די קראָנע טרינק־געלט געמאַכט אויפן האָטעל־פּערסאָנאַל.

⚜ 2 ⚜

„מיט פייוול פראַגט וויל איך נישט האָבן קיין עסקים״, איז אַרומ־געגאַנגען אַ ווערטל אין סערעט: — כאָטש דווקא מיט אים האָבן די סערעטער געהאַט מער עסקים, ווי מיט עמעצן אַנדערש אין שטעטל. פייוול איז געווען קורץ געוואַקסן, קלאָציש־ברייטביינערדיק, מיט גאַנצע „בערדט״ איבער די אויגן, ווי מ׳פלעגט זאָגן אויף זיינע שוואַרצע, געדיכטע ברעמען — און דער איינציקער אין סערעט, וואָס האָט ראַזירט די וואָנצעס. פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס זיין אמתער פאַמיליע־נאָמען איז, האָט קיינער נישט גע־

וואוסט. מ׳האָט בלויז געוואוסט, אַז ער האָט צוואַנציק יאָר געדינט אין דער עסטרייכישער אַרמיי, פון דעם צען יאָר אין באָסניע, וואו — לויט פּיוזל האָט ליב געהאַט צו דערציילן — מען האָט אָפּט באַדאַרפט זיך אַרומשלאָגן מיט די טערקן און סערבן. אין באָסניע, פלעגט ער זאָגן, שפּילט א טויטער אַזאַ ראָל, ווי אין סערעט אַ שיכור.

נאָך צוועלף יאָר דינען אין דער עסטרייכישער אַרמיי איז מען געווען באַרעכטיקט צו אַ שטעלע אין אַן אַמט: מען האָט געקאָנט ווערן אַ געריכט־שרייבער, א סעקוועסטער, וואָס גייט ארום פּענדן, א שטייער־באַאַמטער, אַ זשאַנדאַר, אָדער אַ „פינאַנץ" — אַ וועכטער ביים טאַריף־אַפּצאָל. פון די צוואַנציק יאָר, וואָס פּיוזל האָט געדינט אין דער קייזער־און־קעניגלעכער אַרמיי, האָט ער זיבעצן יאָר געדינט פרייוויליק, און דערפאַר האָט ער — ווי ער האָט זיך באַרימט — געקאָנט אפילו באַקומען דעם פּאָסטן פון אַ תליון. אָבער —פלעגט ער זאָגן— איך בין א באַשיידענער מענטש און וויל נישט קלעטערן צו הויך. צי טאַקע נאָר זיין באַשיידנקייט האָט אים אָפּגע־האַלטן אַנצונעמען די שטעלע פון אַ תליון, איז שווער צו זאָגן. זיכער איז, אַז קיין קייזער־קעניגלעכער באַאַמטער האָט ער נישט געקאָנט ווערן, ווייל ער האָט נישט געקענט שרייבן און לייענען. מסתם האָט ער אויך צוליב דעם נישט געקאָנט ווערן קיין תליון.

פּיוזל פלעגט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק זיך זאַיאָוועט ביים בעצירקס־הויפּטמאַן אין סערעט, אים פאַרגעלייגט זיין מיליטער־פּאַס, אַז ער איז באַפרייט פון דער אַרמיי, און אַנגעוויזן אויף זיינע רעכט צו אַ שטעלע ביי דער קייזער־קעניגלעכער רעגירונג. דער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט דורכגעקוקט זיינע פּאַפּירן און אים געפרעגט: „פאַרוואָס זייט איר דוקא געקומען אַהער, קיין סערעט?"

„פאַרוואָס זאָל איך נישט קומען קיין סערעט?"

נאָך אַזאַ ענטפער, האָט שוין דער בעצירקס־הויפּטמאַן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, ווי ווידער צו שטעלן פראַגן: „ווילט איר, הייסט עס, ווערן אַ פּריוואַטער בירגער, און איר זוכט, ווי איך פאַרשטיי, אַן אנשטענ־דיקע באַשעפטיקונג?"

„גאַנץ ריכטיק, הער בעצירקס־הויפּטמאַן, אַט דאָס טאַקע וויל איך. איך וואָלט וועלן עפּעס אַן אנשטענדיקע ציווילע באַשעפטיקונג, ווי איר זאָגט, וואָס איז פּאַסיק פאַר מיין שטאַנד און מיין דערפאַרונג אין דער קייזער־און קעניגלעכער אַרמיי."

„צום ביישפּיל?"

„איך וואָלט וועלן אַ קאָנצעסיע, אַזוי צו זאָגן, אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ נאַכט־לאָקאַל, מיט פרויען־פּערסאָנאַל."

דער בעצירקס־הויפּטמאַן, וואָס איז געווען פּאַרטאָן אין פּיוולס דאָ־קומענטן, האָט אַ בליק געטאָן אויף אים: „איר זייט פאַרהייראַט?"

„איך מעלד געהאָרכזאַם — נ י י ן ."

„איר ווייסט אפשר, אַז לויטן געזעץ קאָן אַזאַ דערלויבעניש געגעבן ווערן בלויז צו פּערזאָנען פון ווייבלעכן געשלעכט."

„וועגן דעם וועט קיין אָפּהאַלט נישט זיין, הער בעצירקס־הויפּטמאַן. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך פריי זיין און ווידער קומען צו אייך."

עטלעכע טעג שפּעטער איז פּיוול פּראַנט ווידער געקומען צום בע־צירקס־הויפּטמאַן, דאָס מאָל אין דער באַגלייטונג פון דער בלאָנדער, בלוי־אויגיקער און דיקלעכער אידאַ טירינגער, די טאָכטער פון דעם חזיר־שלעגער האָרסט טירינגער: „מיט אייער דערלויבעניש, הער בעצירקס־הויפּטמאַן — דאָס איז מיין כלה, מיין צוקונפטיקע לעבנס־באַגלייטערין און קאָמפּאַניאָן אין געשעפט. איך האָב שוין אריינגעגעבן אין מאַגיסטראַט די אַלע פּאַפּירן, וואָס זענען נויטיק פאַר אַ דערלויבעניש דורכצופירן אַ חתונה צווישן אַ איד און אַ נישט־אידישע. דער הער בירגערמייסטער האָט מיר צוגעזאָגט צו דערליידיקן אַלע פאָרמאַליטעטן אין דער קורצסטער צייט."

מען האָט אויסגעשטעלט פּאַפּירן, אין וועלכע עס האָט זיך געזאָגט, אַז פונעם מאָמענט אָן, ווען פריילין אידאַ טירינגער באַקומט די דערלוי־בעניש צו עפענען אין און אַרום דער שטאָט סערעט אַ נאַכט־לאָקאַל מיט „מיידלעך", זאָגט זיך אָפּ פּיוול פון אַלע זיינע רעכט אויף אַ רעגירונג־שטעלע. אַזוי האָט פריילין טירינגער באַקומען איר קאָנצעסיע. צוויי וואָכן שפּעטער, ווען פּיוול האָט געבראַכט זיין אַמטלעכן הייראַט־שיין, האָט דער בעצירקס־הויפּטמאַן נאָך אַריינגעשריבן אין די פּאַפּירן, אַז — נעמענדיק אין באַטראַכט איר מאַנס אַקטיווע פאַרדינסטן אין דער קייזער־און־קעניג־לעכער אַרמיי, ווערט — לויטן געזעץ — אידאַס געשעפט באַפרייט פון צאָלן שטייערן אויף גאַנצע צען יאָר.

דער חזיר־שלעגער טירינגער האָט געגעבן זיין איידעם צען טויזנט גולדן צושטייער, און מיט דעם זיך געזיכערט אַ שותפות אין געשעפט. פּיוול אַליין האָט אויך געהאַט אָפּגעשפּאָרט אביסל קאַפּיטאַל, האָט מען געקויפט אַ פּלאַץ אין וועלדל אויסער דער שטאָט, נאָענט צו דער רומע־נישער גרענעץ, און מיט אַ יאָר שפּעטער איז שוין די צוויי שטאָקיקע געביידע, מיטן נאָמען „אידאַ־היים", געווען באַרימט אויף ביידע זייטן גרענעץ.

אַזוי ווי קיינער האָט נישט געוואוסט פּיוולס צווייטן נאָמען — און אַ מענטש מוז דאָך האָבן צוויי נעמען — האָט מען אים גערופן פּיוול

פראַנט, וואָס האָט פּאַקטיש געמיינט: פּיוול נאוף, בעל־תאוה. אָבער פּיוול האָט זיך דערפון געמאַכט אַ פּוסבאַד. ער איז שטאָלץ געווען, וואָס אין זיין געשעפט געפינען זיך די פרישסטע, געשמאַקע דאַמעלעך, און וועד־ליג דעם דערפאָלג זיינעם איז געווען צו זען, אַז ער איז גערעכט. אין זיין לאָקאַל האָבן פאַרקערט שמוגלאַרעס פון אַלע געגנטן פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און פון רומעניע; און אין האַרבסט, בעת דעם שמוגלער־סעזאָן, איז זיין לאָקאַל געווען איבערגעפילט.

אין יענער געגנט איז נישט געווען קיין אָפיציעלער גרענעץ־דורכ־גאַנג. בלויז אַ נישטיקער ראָוו אין וועלדל האָט דאָ אָפגעטיילט איין מאָנאַרכיע פון דער צווייטער; און ווען נישט די קליינע מייל־שטיינער צו ביידע זייטן, באַמאָלט מיט די קאָלירן פון זייערע לענדער, וואָלט מען אָפילו נישט געקאָנט דערקענען, אַז דאָ געפינט זיך א גרענעץ. אום ווינטער האָט מען דאָ־אַרום געפירט געהילץ פון רומעניע קיין סערעט.

אין הויך־סעזאָן האָבן מענטשן מיט ווייניק געלט נישט געקאָנט אפילו צושמעקן צום „אידאַ־היים". איז איינער פרעך געוואָרן, האָט ער באַלד דערפילט פּיוולס אייזערנע פויסטן, אַז ער האָט שוין פאַרזאָגט א צענטן. פּיוול פלעגט קיינמאָל נישט גיין זיך לאָדן אין געריכט — ער האָט תיכף אַליין זיך ספראָוועט מיט אַלץ און מיט אַלעמען. זיין לאָקאַל איז געווען אָפן אַ גאַנץ גייענדיק יאָר, א חוץ אום יום־כיפּור. ערב יום־כפור פלעגט פּיוול אַרויסהענגען ביים אריינגאנג א פלאקאַט, געשריבן דורך זיין פרוי:

האַלט זיך איין, פריינט, אין 24 שעה אַרום וועט חוה דיך ווידער אויפ־נעמען אין איר גן־עדן.

א יאָר שפּעטער האָט דאָס „אידאַ־היים" געעפנט דעם זומער־סעזאָן פאַר, פאַרהעלטניסמעסיק, ווייניקער פאַרמעגלעכע געסט. עטלעכע גימנאַ־זיסטן פון די צוויי העכסטע קלאַסן האָבן געשיקט א דעפּוטאַציע צו פּיוולען, ער זאָל אויך זיי דערלויבן צו באַזוכן זיין לאָקאַל אין די זומער־חדשים. פּיוול האָט ארויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר די באַדערפעניש פון דער יוגנט, און ער האָט עס זיי באַוויליקט. אויס דאנקבאַרקייט האָבן די גימ־נאַזיסטן פאַרביטן זיין נאָמען פון פּיוול פראַנט אויף „פּעבוס אַגריקאָלאַ".

אין אָוונט, ווען אָנופרי האָט אין דודל סמאַטשעקס שליטן געבראַכט צופירן דעם אמעריקאַנער צום האָטעל „אַננאַהאָף", האָט אין „אידאַ־היים" געהערשט דער געווינלעכער גרויסער פאַרקער פון א שבת־אויפדערנאַכט. דער גימנאַסטיק־לערער האַלטער האָט ביז דעמאָלט נאָך קיינמאָל נישט גע־האָט געוואָגט אַריינצושמעקן אין יענעם לאָקאַל. ער האָט דעריבער נישט גע־וואוסט צי פּיוול פאַררעכנט אים צווישן די „פאַרמעגלעכערע", אָדער נישט. אָבער ווען זיין נייער פריינט, דער אַמעריקאַנער פּעטראָלעאום־זוכער, האָט

אים געבעטן ער זאָל אים ווייזן עפּעס אויסערגעוויינלעכעס אין שטעטל, האָט אים האָלטער אַריינגעפירט אין „אידאַ־היים".

ווי נאָר זיי זענען אַריינגעקומען, האָט פּיוול פּראָבט זיי אָפּגעמאָסטן מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. דער פרעמדער איז אים געפעלן געוואָרן — אַן אַנשטענדיקער גאַסט. ער האָט זיי אָנגעוויזן דעם בעסטן טיש אין א ווינקל און באַפוילן דער שוואַרץ־אויגיקער יעלענאַ און דער בלאָנדער אָלגאַ, זיי זאָלן זיך אָפּגעבן מיט די ניי־אָנגעקומענע געסט.

ראַלף סמיט איז אַריינגעגאנגען אין לאָקאַל מיטן געדאַנק נישט פיל צו טרינקען, ווייל ער האָט געוואָלט אויסנוצן דעם ערשטן אָוונט אויף צו שליסן באַקאַנטשאַפטן און זיך באַקענען מיט די פאַרהעלטענישן. ער האָט אַפילו געקאָנט פאַרטראָגן אַ סך משקה, אָבער די געזאַלצענע מאַנדלען אויפן טיש האָבן גערייצט דעם דורשט און די שוואַרצע יעלענאַ האָט אים געמאַכט איבערצוכאַפּן אַביסל די מאָס. יעלענאַ האָט באַשטעלט — צוערשט גאָלד־העלן אונגאַרישן וויין, דערנאָך שווערן, געדיכטן פאָרטוויין און אלטן מאַלאַגאַ. ס'איז שוין געווען אַרום האַלבע נאכט — דאָס לאָקאַל איז געווען פול — ווען ראַלף סמיט האָט באַפוילן צו טראַקטירן יעדן איינעם מיט אַ גלאָז עכטן שאַמפּאַניער אויף זיין חשבון.

די געסט אין „אידאַ־היים" האָבן זיך געטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: יענע, וועלכע האָבן געשמוגלט אינדוכטריע־אַרטיקלען קיין רומעניע, האָט מען גערופן „טוריסטן", און די שמוגלאַרעס פון לעבנסמיטל אויס רומעניע קיין עסטרייך האָט מען באַצייכנט ווי „קור־געסט". אחוץ די סטאַבילע געסט, האָבן זיך יענעם אָוונט נאָך געפונען אין לאָקאַל דער ה'יפּט פון דער רומענישער גרענעץ־וואַך אין ווערפולי, הויפּטמאַן לופּעסקו, און זיין גאַסט, לייטענאנט בוראַר. פּיוול אַליין האָט געבראַכט דעם שאַמפּאַניער, האָט געעפנט די פלעשער און געהאָלפן די מיידלעך אָנפילן די גלעזער. מען האָט אַפילו אָנגעגאָסן אַ גלאָז שאַמפּאַניער פאַר האָלטערן, כאָטש ער איז שוין לאַנג געלעגן שיכור אונטערן טיש.

מר. ראַלף האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. הויפּטמאַן לופּעסקו, וועלכער איז אַ יאָר צייט געווען צוגעטיילט צו דער רומענישער לעגאַציע אין לאָנדאָן, האָט גערעדט גוט ענגליש. ער האָט אויפגעהויבן זיין גלאָז שאַמפּאַניער און אויסגערופן: „מר. אַמעריקאַנער, לויט אייער אויסזען, האָב איך אייך געהאַלטן פאַר אַ דייטש. נאָר אזוי ווי איר טרינקט שאַמפּאַניער, זע איך, אַז איר האָט געשמאַק. ווארום אַ דייטש פאַרשטייט אַ דרעק פון ווייַן, ער זשליאָקעט ביר און פרעסט..."

דאָ האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס קיינער האָט גאָרנישט דערוואַרט — ראַלף סמיט האָט פּלוצים אָנגעהויבן רעדן רומעניש, און דווקא גוט רו־

מעניש, מיט אַ דייטשן אַקצענט: „איר... איר... רומענישער ציגיינער... איר אָקסן־קאָפּ... איר אָפּשטאַם פון דער רוימישער פאַרברעכער־קאָלאָניע! ווי וואַגט איר... איר רומענישער חזיר, די הויך־ציוויליזירטע דייטשע קולטור... אָנצורופן אַ ביר־נאַציע...״

דער הויפּטמאַן האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס גלאָז שאַמפּאַניער דעם אַמעריקאַנער גלייך אין פּנים אַריין. פּייוול פּראַנט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צווישן זיי, ער האָט עפּעס אַריינגעשעפּטשעט דעם הויפּטמאַן אין אויער, און דער הויפּטמאַן מיט זיין באַגלייטער האָבן פאַרלאָזן דאָס לאָקאַל. דער אַמעריקאַנער האָט געפּאָכעט מיט די הענט; דערנאָך האָט ער גענומען אַרומזוכן אין די קעשענעס, האָט באַצאָלט די רעכענונג און, מיטשלעפּנדיק האַלטערן מיט זיך, האָבן זיי ביידע זיך אַרויסגעוואַקלט אין גאַס.

זיי זענען נישט ווייט אַוועק. ווי נאָר זיי זענען אַרויף אויפן טונקעלן, פון שניי־שטורם פאַרנעפּלטן וועג, האָט עמעצער אויף גיך פאַרוואָרפן אַ שווערן טוך איבער זייערע קעפּ און זיי אַריבערגעשלעפּט אויף דער רומענישער זייט. שיכורערהייט האָבן זיי זיך אפילו נישט געקאָנט ווערן. האַלטערן האָט מען אַזאַ זעץ געטאָן אין בויך, אַז ער איז באַלד צוזאַמענגעזונקען, ווי אַ ליידיקער זאַק. אויף סמיטן האָבן אַ האָגל־געטאָן קלעפּ פון רעכטס און פון לינקס, און ענדלעך — מיט אַ קאָפּע אין הינטן — איז ער באַוואוסטלאָז אַוועקגעפאַלן נעבן האַלטערן.

עטלעכע מינוט שפּעטער איז דער יונגער רומענישער קאָרפּאָראַל וואַסילי, אויף זיין בייטאַכטיקן פּאַטרול פון דער רומענישער גרענעץ־וואַך, פאַרבייגעגאַנגען דעם וועג און זיך אָנגעשטויסן אויף די צוויי ליגנדיקע מענטשן. ער האָט אָנגעשטעלט זיין האַנט־לעמפּל אויפן אַמעריקאַנער, און צו זיין איבעראַשונג דערקענט אין אים אַן אַלטן באַקאַנטן נאָך פון זיין היים — אַ דאָרף, ווייט פון דאַנעץ, ערגעץ אין צענטראַל־רומעניע. זיין אמתער נאָמען דאָרט איז געווען קורט קראַוטער, אָבער די פּויערים אין דאָרף האָבן אים גערופן באַראָן גערמאַנזל. ער איז געווען דער גענעראַל־פאַרוואַלטער פון אַלע גיטער פון דעם גוט־באַזיצער סטעפּאַנעסקו, צו וועלכן ס׳האָט אויך געהערט דאָס דאָרף, פון וואַנען וואַסילי האָט געשטאַמט. ביים אָנבליק פון אָט דעם שיכורן מאַן, איז פאַר וואַסיליס אויגן אויפגעשוואומען אַ בילד, וואָס האָט אים יאָרנלאַנג פאַרפאָלגט, אפילו אין זיינע חלומות. וואַסילי איז דעמאָלט אַלט געווען אפשר צוועלף יאָר און האָט שוין געאַרבעט אין הויף פונעם גוט. ס׳איז געווען אין אַ זומער נאָכמיטאָג. ער איז אָנגעקומען צום הויף אויף אַ פור היי און דערזען, ווי אָט דער דייטש שלאָגט זיין פאָטער מיט אַ רייט־בייטש איבערן פּנים. וואַסיליס פאָטער האָט זיך געלאָזן דאָס בלוט פון דער נאָז, אָבער ער האָט פאַרביסן די ליפּן און גע־

שוויגן. וואַסילי איז אַראָפּ פון וואָגן, האָט אונטערגעשטעלט אַ פוסן דעם דייטש און אים איבערגעקערט אויף דער ערד. אויף גיך האָט ער אויס־געריסן די בייטש און מיט איר גענומען קנאַקן אין דעם צעוואַלעטן דייטש. עטלעכע פּאַראָבקעס האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף וואַסילין, אים גע־בונדן און שווידערלעך געשלאָגן, דערנאָך האָבן זיי אים אַריינגעוואָרפן אין קעלער, וואו ער איז אָפּגעלעגן 48 שעה אָן עסן און טרינקען.

זייט דעמאָלט איז דער דייטש נאָך אָפט געקומען אויפן גוט, אָבער ער און וואַסילי פלעגן מיט א כיוון זיך אויסמיידן. נאָר ביי וואַסילין איז געבליבן דער איינציקער וואונטש — אַמאָל נאָך זיך גוט אָפּרעכענען מיטן דייטש. און אָט האָט ער אים איצט אין זיינע הענט! אין ערשטן אויגנבליק האָט ער אים געוואָלט דערשיסן. אָבער דאָ האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז בעסער פריער דורכצוקוקן דעם דייטשנס פּאַפּירן און זען — פון וואַנען האָט ער זיך פלוצים אַהער גענומען? ער האָט אַ קוק געטאָן אין זיין בריוו־טאַש, און דאָרט געפונען א קאָנווערט מיט דער אויפשריפט: „צום הויפּטמאַן דאַניעל לופּעסקו, שעף פון גרענעץ־דינסט, ווערפּולי." דער קאָ־נווערט איז נישט געווען פאַרקלעבט. וואַסילי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו און אָנגעהויבן לייענען. ווען ער האָט געענדיקט, איז אים שוין קלאָר גע־ווען, אַז איצט טאָר ער דעם דייטש גאָרנישט טאָן — עס קאָנען דערפון אויסוואַקסן קאָמפּליקאַציעס, וואָס וואָלטן נאָר געשטערט וואַסיליס ווייטערדיקע אַרבעט און זיינע אַלע פּלענער פאַר דער צוקונפט.

ער האָט אַריבערגעשלעפּט די צוויי שיכורים אויף דער עסטרייכישער זייט פונם ראַזו און זיי דאָרט געלאָזט ליגן, וואו זיי האָבן ביסלעכווייז אָנ־געהויבן קומען צו זיך.

3

ס'איז געווען דעם צווייטן זונטיק פון מאָנאַט יאַנואַר 1907. שוין גאַנץ פרי האָט, אויפן באַפעל פון בירגערמייסטער פראַנץ בייל, דער מאַ־גיסטראַט־דינער שרובעק זיך אַרויסגעלאָזט מיט זיין פּויק איבער די גאַסן פון כערעט. זיין פּויקעריי האָט פאַרז'שעט אַפילו דאָס גלאָקן־געקלאַנג פון די קלויסטערס. יעדע צוואַנציק שריט האָט שרובעק זיך אָפּגעשטעלט און אַזוי זיך צעליאַרעמט מיט זיין פּויק, אַז אַפילו די, וועלכע זענען נאָך גע־שלאָפן, האָבן געקאָנט טויב ווערן. „שטייט אויף, שטייט אויף! — האָט ער געשריגן — היינטיקן זונטיק שלאָפט מען נישט שפּעט. היינט ווערט אָנגעצונדן דער גאַז־לאָמפּ. דער הער בירגערמייסטער פאַרלאַנגט, אַז

צוליב דעם יום־טוב זאָל יעדער איינוואוינער פון אונזער שטאָט אַרויסהענ־גען אַ פאָן פונעם פענסטער, אויפן באַלקאָן, אָדער דורכן קוימען.״

מיטאָג־צייט האָבן שוין געוויעט די עסטרייכישע שוואַרץ־געלע פאָנען פון אַלע הייזער ביי דער הויפט־גאַס און אויפן מאַרק, און האָבן צוגעגעבן דער שטאָט אַ יום־טובדיקן אויסזען. דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל איז אַרומגעפאָרן איבער דער שטאָט אין זיין עלעגאַנטן שליטן און קאָנטראָלירט, צי מ׳האָט דורכגעפירט זיין באַפעל. ער איז געווען צופרידן. דער מאַרק און די הויפטגאַס זענען געווען פול מיט מענטשן. די פויערים פון אַרום, וועלכע זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו גיין אין קלויסטער, זענען שוין געבליבן אין שטאָט און אָנגעפילט די שענקן און קוואַטירן. קעגן די שוואַרץ־געלאַנציקע כאַליעוועס פון זייערע שטיוול האָבן די פלאַכטעס שניי אויסגעקוקט אַ סך ווייסער. אויך פון די רומענישע דערפער אויף יענער זייט גרענעץ זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ סך מענטשן, זיך צו באַטייליקן אין דעם יום־טוב.

דער מאַגיסטראַט־דינער שרובעק איז אַרומגעגאַנגען פון שענק צו שענק און, מיט אַ מינע פון אַ טיף געהיימעניש, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז היינט אָוונט וועט, אחוץ דעם אָנצינדן פון גאַז־לאָמפּ, פאָרקומען נאָך עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע געשעעניש. אין יעדן שענק האָט מען אים באַזונדער טראַקטירט, אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אויסזאָגן וואָס אַזוינס עס וועט פאָרקומען. ער האָט בלויז, ווי בסוד, אַ זאָג געטאָן: „נאָכן אָנצינדן דעם גאַז־לאָמפּ, וועט דער הער בעצירקכהויפּטמאַן פּערזענלעך עפּעס איי־בערגעבן אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער אַליין.״

דער פּענסיאָנירטער גענעראַל מראַזיק האָט אָנגעטאָן זיין פּאַראַדנע אוניפאָרם, מיט דעם הוט מיט גרינע פעדערן — גלייך היינט וואָלט געווען דער 18־טער אויגוסט, דעם קייזערס געבורטסטאָג. ווי פאַר דעם גאָטעס־דינסט יעדן 18־טן אויגוסט, האָט ער אויך היינט געמאַכט אַן אָפיציעלן באַזוך ביים בעצירקס־הויפּטמאַן, און פון דאָרט איז ער גלייך געגאַנגען אין קאַסינאָ, וואו עס זענען שוין געזעסן די אָנגעזעענסטע בירגער פון שטאָט און געטרונקען ביר. אַלע זענען געווען איבערצייגט, אַז דער בעצירקס־הויפּט־מאַן האָט שוין דעם גענעראַל אויסגעזאָגט דעם סוד, וואָס עס דאַרף היינט אָוונט פאָרקומען, און מען האָט אים געבעטן, ער זאָל עס אויך זיי דער־ציילן. גענעראַל מראַזיק פלעגט ווייניק רעדן; אָבער איצט האָט ער נישט געקאָנט ביישטיין די צודרינגלעכקייט פון די נייגעריקע מענטשן, און ער האָט אָנגעהויבן:

„דער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט מיר גאָרנישט פאַרטרויט, און איך האָב עס אויך פון אים נישט פאַרלאַנגט. און וואָלט ער אפילו מיר עפּעס דער־

ציילט, וואָלט איך עס אויך אייך נישט אויסגעזאָגט. אָבער איך האָב מיר מיין אייגענעם פאַרדאַכט: ווען איך בין נאָך געווען אַ יונגער אָפיציר, האָט עפּעס פּאַסירט, פאַר וועלכן יעדער עסטרייכער האָט זיך באַדאַרפט שע־מען. די מעקסיקאַנער האָבן דעמאָלט דערשאָסן דעם ברודער פון אונזער מאַיעסטעט, דעם קייזער. מיר דאַכט, אַז איצט האַנדלט זיך עפּעס וועגן אַט דער זאַך. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז מעקסיקע גרענעצט זיך מיט אַמע־ריקע. און עס קאָן דאָך נישט זיין בלויז אַ צופאַל, וואָס פונקט נעכטן נאָכ־מיטאָג, פיר־און־צוואַנציק שעה איידער מען דאַרף אונז לאָזן הערן די באַ־קאַנטמאַכונג פון זיין מאַיעסטעט, איז אָנגעקומען אַן אַמעריקאַנער אין אונזער שטאָט.”

ווען מראַזיק איז נישט קיין גענעראַל, וואָלט אים דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע אין סערעטער גימנאַזיע, הילאַריאָן טאָפּאַן, אפילו נישט גע־לאָזט אויסרעדן. אָבער קוים האָט דער גענעראַל געענדיקט, האָט הילאַ־ריאָן טאָפּאַן באַלד זיך אָנגערופן: „אויב איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, מיינט אייער עקסצעלענץ אונז צו זאָגן, אַז אַמעריקע קלויבט זיך צו פאַר־פירן אַ קריג מיט מעקסיקע צוליב דעם גאָטזעליקן ברודער פון אונזער קייזער. ניין, עקסצעלענץ, גענעראַל באַראָן פאָן מראַזיק. דאָס וועל איך מיר שוין דערלויבן צו באַשטרייטן — עס איז מיין פליכט. רעפּובליקן פאַרמאָגן נישט קיין מיליטערישע ווערדע און פירן נישט קיין מלחמות — סיידן אַ בירגער־קריג. דאָס קאָן איך אייך, ווי אַ קענער פון געשיכטע, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער היסטאָריקער, אַזוי צו זאָגן...”

„און די אַלטע גריכישע רעפּובליקן, און רוים?” — האָט אים דער גע־ווייגלעך רואיקער גענעראַל איבערגעריסן מיט כעס.

„זיי האָבן דאָך נישט געהאַט קיין פּרעזידענטן; און אויסער דעם, זענען זיי טאַקע, ווי יעדער היסטאָריקער ווייסט עס, שאַנדהאַפטיק אונ־טערגעגאַנגען.”

אויף דעם איז, אין באַגלייטונג פון דעם גימנאַסטיק־לערער האַלטער, אַריינגעקומען אין קאַסינאָ דער אַמעריקאַנער. דער גענעראַל און הילאַריאָן טאָפּאַן האָבן אויפגעהערט זיך קריגן — די אַריינגעקומענע האָבן אויף זיך געצויגן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. האַלטער האָט אַרומגעפירט זיין פריינט פון טיש צו טיש און פאַרגעשטעלט די געסט. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן פון די פּלעצער, און דער אַמעריקאַנער האָט געהאַלטן אין איין איבערחזרן: זייער אַנגענעם, עס פרייט מיך אויסערגעוויינלעך”.

מ׳האָט גיך געמאַכט אַ טיש און ביי אים אַוועקגעזעצט דעם אַמע־ריקאַנער. יעדער פון די אָנוועזנדיקע האָט שטאַרק באַגערט זיך צוזעצן צו אָט דעם טיש — טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש, דער פּרעזידענט און אייגנטימער

פון דער סערעטער פּאַלקס ליי־ און שפּאַר־קאַסע, האָט עס געוואַגט דער ערשטער. נעבן אים האָט זיך באַלד צוגעזעצט סילוועסטער זילבערבוש, דער אייגנטימער פון דער אַפּטייק „אונטער גאָטס השגחה". זילבערבוש האָט אַ פרעג געטאָן: „אנטשולדיקט, הער סמיט, פּירט זיך אויך אין אַמעריקע, אַז בלויז קלאַסיש־געלערנטע, הויכגעבילדעטע מענטשן קאָנען ווערן אַפּטייקערס?"

„אונזער פּרינציפּ איז: פאַר דער איידלסטער פּראָפעסיע, דער איידלסטער מענטש."

עטלעכע פון די געסט, האָבן איינער נאָכן אנדערן, גענומען צוריק זייערע שטולן צום זעלבן טיש. זיי האָבן געשטעלט פאַרשידענע פראַגן, אָבער נישט וועגן דעם, וואָס עס האָט אינטערעסירט דעם אַמעריקאַנער. זיי זענען געווען פאַראינטערעסירט בלויז אין איין זאַך: צוליב וואָס איז דער אַמעריקאַנער געקומען קיין סערעט פּונקט אַן אָוונט פאַרן גרויסן יום־טוב? יעדער האָט געוואָלט וויסן צי איז דאָ עפּעס אַ שייכות צווישן זיין קומען, און דער רעדע, וואָס דער בעצירקס־הויפּטמאַן דאַרף היינט ביינאַכט האַלטן. אָבער וואָס מער די סערעטער זענען צוגעשטאַנען, אַלץ פאַרזיכטיקער האָט דער אַמעריקאַנער אויסגעמיטן צו ענטפערן אויף זייערע פראַגן.

דער שוסטער פּאַדרוצקי, מיט דער קייזער פראַנץ־יאָזעף־באָרד און אין אוניפאָרם פון קאָמענדאַנט פון די פרייוויליקע פייער־לעשער, האָט זיך דורכגעשטופּט צום טיש און אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום אַמעריקאַנער: „דערלויבט מיר זיך פאָרצושטעלן — סעבאַסטיאַן פּאַדרוצקי, קאָמענדאַנט פון די פרייוויליקע פייער־לעשער, צווייטער פאָרזיצער פון וועטעראַנען־פאַראיין, ערזאַץ־אויסשוס־מיטגליד פון פאַראיין צום פאַרשענערן די שטאָט סערעט. איך האָב זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע צום שטאָט־האַלטער, וועלכע האָט פּראָטעסטירט און נישט דערלאָזט, אַז דורך אונזער שטאָט זאָל דורכגעפירט ווערן אַ באַן־ליניע. מיר דאַרפן אין אונזער שטאָט רו, און נישט דעם רויך און דאָס פייפן פון לאָקאָמאָטיוון. בין איך נייגעריק צו וויסן, צי ס'איז אמת, אַז אין אַמעריקע גייען באַנען אין מיטן דער שטאָט."

„ביי אונז לויפן באַנען אויף די גאַסן און אין דער לופטן. פון אונזערע הויך־לויפנדיקע באַנען קאָן מען אריינקוקן אין אַלעמענס וואוינונגען. ביי אונז..."

מען האָט אים נישט געלאָזט אויסרעדן: „אריינקוקן אין אַלעמענס וואוינונגען? און אויב עמעצער האָט ביי זיך אין הויז פּריוואַטע זאַכן...?"

„נישטאָ קיין פּריוואַטע זאַכן ביי אונז אין אַמעריקע. דאָרט איז אַלץ פרייַ, אָפן, ווי אויפן ים...״

„דער הער בירגערמייסטער גייט״ — האָט אויסגערופן דער באַלע־באָס פון קאַסינאַ.

דער צילינדער אויפן קאָפּ פונעם קיילעכדיקן ביר־ברענער און בירגערמייסטער פראַנץ בייל האָט אויסגעקוקט, ווי א לאַנגער קוימען אויף א נידעריק הויז. דער ווירט האָט אים צוגעפירט צום טיש, וואו ס'איז געזעסן דער אַמעריקאַנער. דער בירגערמייסטער האָט אַ הויב געטאָן זיין צילינדער, זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט: „איך האָב שוין געהערט וועגן אייער באַזוך אין אונזער אָפּגעלעגן, אָבער שיינעם ווינקל. נאָך נעכטן אָוונט האָב איך אייך געוואָלט באַגריסן, אָבער לײדער — געווען אוממעגלעך — צופיל צו טאָן. יאָ, מיר מוזן אַלץ אָפּפערן צוליב דעם וואוילזיין פון דער עפנטלעכקייט. אָבער עס לוינט. אונזער שטאָט באַקומט אַ וואונדערבאַרן לאָמפּ, אויף צעפוקעניש פון אַלע שונאים און נישט פאַרגינער. איך האָב אייך טאַקע געוואָלט איינלאַדן, איר זאָלט זייַן אונזער ערן־גאַסט ביי אָט דער פייערונג. און, אויב איך מעג מיר דער־לויבן די פראַגע — וואָלט איר אפשר געווען אַזוי גוט זאָגן בלויז מיט עטלעכע ווערטער באַגריסן... אָדער איז עס אפשר צופיל פאַרלאַנגט פון אייך?״

„אָבער מיטן שענסטן פאַרגעניגן, הער בירגערמייסטער. איך בין דער גרעסטער אָנהענגער פון פּראָגרעס און טעכנישער וויסנשאַפט.״

„אויב אַזוי, וועל איך אייך בעטן, און טאַקע אַלע געסט דאָ, צו גיין מיט מיר, ווייל די צערעמאָניע הויבט זיך באַלד אָן.״

ס'איז געוואָרן טונקל. אין קיין שום הויז האָט איצט נישט געברענט קיין ליכט — אַזוי האָט דער בירגערמייסטער באַפוילן, כדי דער עפעקט פונעם גאַז־לאָמפּ זאָל קומען וואָס מער צום פאַרשיין. יעדער האָט עס גערן געטאָן, ווייל אַלע זענען געווען נייגעריק צו זען ווי דער גאַז־לאָמפּ וועט זיך צעשיינען אין דער פינסטער. דער שניי האָט אַפילו געמילדערט די פינסטערניש, אָבער ס'איז געווען גענוג טונקל. קיין מענטש איז יענעם אָוונט נישט געבליבן אין דער היים. טויזנטער מענטשן האָבן אַרומגע־רינגלט די שטאַנג, אויף וועלכער עס איז געהאָנגען דער לאָמפּ. מען האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַרן בירגערמייסטער מיטן אַמעריקאַנער און די אַנ־דערע געסט, וועלכע זענען אָנגעקומען פון קאַסינאַ. פראַנץ בייל איז אַרויף אויפן פּאָדיום, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער שטאַנג, און האָט אַראָפּגע־נומען דעם צילינדער. דערויף האָט דער פּאָליציי־וואַכמייסטער אויפגע־וויקלט אַן אַמעריקאַנער פאָן און זי באַפעסטיקט נעבן דער שוואַרץ־געל־

לער עסטרייכישער פאָן. דער בירגערמייסטער האָט מיט דער רעכטער האַנט אַ הויב געטאָן דעם צילינדער אין דער הויך, און די פייערלעשער־קאַפּעליע האָט אַ קנאַק געטאָן די עכטרייכישע קייזער־הימנע. אַלע האָבן אַראָפּגענומען די היטלען. בעת דעם שפּילן האָט דער פּאָליציי־וואַכמייסטער געדרייט אַ קאַרבע, און דער גאַז־לאָמפּ האָט לאַנגזאַם זיך אַראָפּגעלאָזן פון זיין הויך. דער אַלטער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לאָמפּ, אים געעפנט, און ווען די קאַפּעליע האָט אויפגעהערט שפּילן, האָט ער אויסגערופן: „ווּאיק — סילענציאום! די פאַרשפּראָכענע שעה האָט געשלאָגן."

ווער דער לאָמפּ ברענען, אָדער נישט..." — האָט מען געהערט פון אַ סך מיילער.

האַלטער האָט אַ שלעפּ געטאָן די נאָכהענגענדיקע קייט צום בירגערמייסטער, און נאָך איידער מען האָט געקאָנט באַמערקן וואָס עס קומט פאָר, האָט דער לאָמפּ זיך העל צעשטראַלט און אָנגעהויבן זיך באַוועגן אַלץ העכער און העכער. דער אָרום איז געוואָרן אַלץ העלער און העלער. אַזאַ אילומינאַציע האָט נאָך סערעט קיינמאָל נישט געזען!

פראַנץ בייל האָט מיט זיין קול איבערגעשריגן די שטורמדיקע הוראַ־געשרייען:

„אָט דער לאָמפּ, מיינע ליבע סערעטער, איז דער סימבאָל פון עסטרייכישער קולטור און ציוויליזאַציע. ער איז אַ באַשיידענער אָבער העלער אָפּשיין פון דעם זוניקן ליכט פון זיין מאַיעסטעט, אונזער רומפולן קייזער פראַנץ־יאָזעף דער ערשטער, לאַנג זאָל ער לעבן. ווי דער קייזער שטראַלט פון איין עק מאָנאַרכיע ביזן צווייטן, ווי ער האַלט זיין וואַכזאַם אויג איבער די יעניקע, וועלכע צאָלן נישט קיין שטייערן, שמוגלען, אָדער גנבענען, און מיט דעם איז נאָך זיין ליכט נישט אויסגעשעפּט, אַזוי לייכט אָט דער לאָמפּ פון אונזער מאַגיסטראַט ביז ווייט די רומענישע גרענעץ אַריבער, פעלקער, לענדער און שטעט קוקן היינט אָוונט מיט קנאה אויף דער לויכטנדיקער דערגרייכונג פון אונזער שטאָט. פונקט ווי דער קייזער רעגירט איינער אַליין איבער זיין גאַנצן גרויסן קייזער־ און קעניגרייך און האָט נישט ליב מען זאָל זיך מישן אין זיינע גנאָד־פולע האַנדלונגען, און פאַרלאַנגט געהאָרכזאַמקייט צו די, וועלכע ער האָט באַשאָנקען מיט זיין פאַרטרויען, אַזוי בזיטיקט זיך דער לאָמפּ, וואָס מאַכט אונז פון נאַכט טאָג, אין נישט מער ווי בלויז עטלעכע ליטער פּעטראָלעאום און אַ זאַרגזאַמע האַנט פון אונזערע געמיינדע־פאַרזאָרגער. אָט דער לאָמפּ לערנט אונז געטריישאַפט צו זיין מאַיעסטעט און אַז טוגנט און געהאָרכזאַמקייט איז אונזער העכסטע פליכט. לאַנג לעבן זאָל זיין מאַיעסטעט אונזער קייזער! לאַנג שיינען זאָל אונזער לאָמפּ! הוראַ!"

„הוראַ! הוראַ!"

דער בירגערמייסטער האָט ווידער א הויב געטאָן דעם צילינדער: „איצט, מיינע פאַרערטע מיט־בירגער, וועט רעדן דער הויכגעשעצטער גאַסט פון אַמעריקע."

„לײדיס ענד דזשענטלמען: אויך ביי אונז אין לאַנד, באַזונדערס אין דער קאַנטרי און אויך אין מאַנכע סיטיס, האָבן מיר גאַז־לאָמפּן. ביי אונז פּראָדוצירט מען דעם גאַז פון קוילן; ביי אייך דאָ — פון פּעטראָלעאום. גאַז איז דאָס ליכט פון ציוויליזאַציע. לאַנג לעבן זאָל אייער בירגערמייסטער און אייער שטאָט. און אין אַמעריקע..."

נישט געווען באַשערט דעם אַמעריקאַנער ווייטער צו דערציילן, און נישט די סערעטער זאָלן עס הערן, וואָס נאָך עס ווערט אויפגעטאָן אין אַמעריקע מיט גאַז־לאָמפּן — ווארים אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט די פאַרשיכורטע שטים פון לעוויצקין, דעם דינער פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט: „אַכטונג! דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן". דער מאָגערער בעצירקס־הויפּטמאַן, דער העכסטער רעגירונגס־באַאַמטער אין גאַנצן בעצירק, האָט איצט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. דער בירגערמייסטער האָט איבערגעלאָזט דעם אַמעריקאַנער, איז אַוועקגעלאָפן צום בעצירקס־הויפּטמאַן און האָט אים, דורך דעם אויף גיך געפאָרמטן „שפּאַליר", אַרויפגעפירט אויף דער פּלאַטפאָרמע. דער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט געפאָכעט מיט דער האַנט, ווי א רעדנער, וואָס וויל איינשטילן א שטאַרקן אַפּלויז — כאָטש קיינער האָט נאָך דערווייל נישט אַפּלאָדירט. ער האָט זיך באַמיט, אַז זיין טרוקענער טאָן פון אַ באַאַמטער זאָל קלינגען מער אָראַטאָריש און האָט גערעדט אויפן זעלבן אופן, ווי דער לערער פון געשיכטע, הילאַריאָן טאָפּאַן, ווען ער פלעגט ביי זיינע פאָלקסטימלעכע קורסן דערקלערן, אַז דאָס וואָרט „ברוטאַל" שטאַמט פון דעם צעזאַר־מערדער ברוטוס. די פאַרזאַמלטע האָבן מיט גרויס שפּאַנונג אים געקוקט אין מויל אַריין — ענדלעך וועט מען זיך דערוויסן דאָס גרויסע געהיימניש, אויף וועלכן זיי האָבן שוין שעהן־לאַנג געוואַרט.

אויפן גרויסן, העל־באַלויכטענעם פּלאַץ האָט געהערשט איצט אַ זעלטענע שטילקייט דורך וועלכער עס האָט זיך דורכגעשניטן דעם בעצירקס־הויפּטמאַנס שטים, ווי אַ זעג, וואָס שניידט־אונטער א בוים: „געליבטע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט, מיט־בירגער פון דער שטאָט, וואו איך האָב דאָס גרויסע גליק צו זיין דער בעצירקסהויפּטמאַן! געוויינלעך מאַכט מען נ י ש ט קיין אַמטלעכע דערקלערונגען אויף דעם אופן, ווי איך וויל עס איצט טאָן. אָבער ווען דאָס האַרץ איז פול, גייט עס איבער דורכן מויל. שריפטלעך וועל איך די אַמטלעכע דערקלערונג, אין אַלע אונזערע

לאַנד־שפּראַכן, מאַכן ערשט מאָרגן — אָדער ווילט איר אפשר בעסער צו־וואַרטן טאַקע ביז מאָרגן?"

„רעדן! איצט רעדן!" — האָבן זיך דערהערט שטימען.

„מיט אַן איבערגעגאַנגען האַרץ און אַ פֿול מויל!"

„מיט פּיל פרייד קאָן איך אייך באַקאַנט מאַכן, אַז זיין מאַיעסטעט האָט באַוויליקט אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט וועגן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט."

„אַ דעקרעט?"

„אויף גאַנץ סערעט?"

פונעם בירגערמייסטער האָט עס ווי אַרויסגעזיפּצט: „עס איז דאָך געשען!".

דער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און האָט אומדירעקט געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס דער עולם האָט צו אים אַריבערגעשריגן. „מיט דעם האָט זיין מאַיעסטעט באַוויליקט דאָס אַל־געמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַל־רעכט פאַר דער גאַנצער מאָ־נאַרכיע, פאַר אירע אַלע שטעט און דערפער. פאַרשטייט זיך, אַז אויך פאַר אונזער שטאָט, אָבער נישט פאַר אונגאַרן. איך ווינטש אייך גליק צו אייער נייעם לאָמפּ. דעם רעשט וועט איר זיך שוין דערוויסן פון דער אָפיציעלער אַמטלעכער פּראָקלאַמאַציע. דריי מאָל הורא פאַר זיין מאַיעסטעט, אונזער רומפולן מאָנאַרך!"

„הוראַ! הוראַ! הוראַ!"

דער בעצירקס-הויפּטמאַן מיטן בירגערמייסטער זענען אראָפּ פונעם פּאָדיום און האָבן פאַרלאָזט דעם פונעם גאַז־לאָמפּ באַלויכטענעם פּלאַץ. אַ סך זענען זיי נאָכגעגאַנגען, מיט דער האָפענונג עפּעס מער זיך צו דערוויסן. אַ גרויסער עולם האָט געשטראָמט אין די שענקן און אין קאַסינאָ. די אוי־קראַינער און רומענער האָבן קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם בע־צירקס־הויפּטמאַנס דייטשער רעדע, און פון יענע, וועלכע האָבן יאָ פאַר־שטאַנען דייטש, האָבן בלויז אייניקע געכאַפּט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער ברייטער עולם איז זיך צעגאַנגען. דער גאַז־לאָמפּ האָט באַלויכטן די שנייאיקע ווייסקייט ווייט איבער דער שטאָט און די אַרומיקע געגנט. דער לאָמפּ איז איצט געשטאַנען איינזאַם, פאַרלאָזן.

4

סערעט האָט פאַרמאָגט אַ היפּשע צאָל לייענער פון די טשערנאָוויצער צייטונגען און אפילו עטלעכע אַבאָנענטן פון די ווינער צייטונגען. שוין זייט אַ יאָר, און אפשר מער, האָט די פּרעסע געהאַלטן אין איין שרייבן

וועגן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער, אין ווין און אין אַנדערע אינדוס־טריעלע שטעט, פאַר אַ גלייך און געהיים וואַל־רעכט. אין קאַסינאָ האָט איינמאָל דער בירגערמייסטער פאַרזיכערט, אַז אָט די דעמאַגאָגן וועלן אָנ־טרעפן ביי אונזער קייזער אויף אַ האַרטער נוס, ווען זיי וועלן קומען מיט אַזעלכע פאַרלאַנגען. אָבער אין סערעט האָט מען זיך ווייניק געקימערט וועגן אַזעלכע זאַכן. די סערעטער זענען געווען מער פאַראינטערעסירט אין די לאָקאַלע נייעס און אַנאָנסן אין די צייטונגען, ווי אין די פּאָליטישע אַרטיקלען און באַריכטן.

דערפאַר איז די רעדע פון בעצירקס־הויפּטמאַן געווען אַזאַ איבערא־שונג. אין קאַסינאָ האָבן זיך איצט פאַרזאַמלט כמעט אַלע מיטגלידער פון געמיינדע־ראַט, אַדוואָקאַטן, ריכטער, גימנאַזיע־פּראָפעסאָרן, דער אַפּטיי־קער — אַפילו מענטשן, וועלכע פלעגן זעלטן אַריינקומען אַהין. דער אַל־טער דר׳ בענקענדאָרף, מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, האָט געזאָגט אין אַ פּאַטריאַרכאַלישן טאָן, ווי ער וואָלט געשטאַנען איבער אַ האָפענונגלאָזן פּאַציענט: „איך האָב מורא, אַז עס האָלט זייער שלעכט, ווען זיין מאַיעסטעט האָט באַוויליקט די פאָדערונגען פונעם המון.״

ס׳איז אָנגעקומען דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל. אַלע זענען געווען זיכער, אַז דער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט דעם בירגערמייסטער איבערגעגעבן געוויסע סודות, און זיי זענען צוגעשטאַנען, ער זאָל עס דערציילן. „וואָס ווילט איר, מיינע הערן?״ — האָט ער זיך געבעטן — „מיין צונג איז געב־בונדן דורך מיין אַמט. אַלץ, וואָס איר דאַרפט זיך דערוויסן, וועט פאַר־עפנטלעכט ווערן שריפטלעך.״

„אָבער זאָגט אונז ווייניקסטנס, הער בירגערמייסטער, צי פון איצט אָן וועט יעדער קאָנען אויסקלייבן פאַר אַ בירגערמייסטער, אָדער אין גע־מיינדע־ראַט, וועמען ער וועט וועלן.״

„גאָט צו דאַנקען — ניין. דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן — אָבער איך בעט אייך נישט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט די וואָרט ביז מאָרגן — האָט מיר פאַרזיכערט, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט באַציט זיך נאָר אויפן פאַר־לאַמענט און נישט אויף אונזער געמיינדע־ראַט.״

„ווי הייסט, אויפן פאַרלאַמענט יאָ, און אויפן סערעטער געמיינדע־ראַט — נישט?״

„ווייל דאָ... ווייל דאָס גייט זיי דאָרט גאָרנישט אָן... ווייל ביי אונז הערשט אָרדענונג... ווייל אַזוי ווילן זיי... ווייל — אויב איר ווילט עס שוין דווקא וויסן — דאָרט האַלט מען רעדעס און מען שפּילט זיך אין געזעצן, און ביי אונז דאָ, אין סערעט, ווערט אָפּגעטאָן ערנסטע אַרבעט.״

דאָ האָט זיך אויפגעהויבן דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע, הילאַריאָן

טאָפּאַן, און אויסגעשריגן: „׳דאַגאַ זוערבום׳, זאָל דורך מיר די אינטעליגענץ רעדן. שוין ביי די אַלטע גריכן, און באַזונדערס ביי די ספּאַרטאַנער, האָבן געהאַט דאָס שטים־רעכט בלויז אינטעליגענטע מענטשן און די בעסערע בירגער פון שטאָט און לאַנד...״

פראַנץ בייל האָט נישט געוואוסט וואָס הילאַריאַן טאָפּאַן באַצוועקט מיט זיינע רייד און ער האָט אים איבערגעשלאָגן: „אונז אינטערעסירן דאָ נישט קיין אַלטע, אָדער יונגע גריכן. איך ווייס, הער פּראָפעסאָר, אַז איר געהערט נישט צו יענע, וואָס רעדן זיך איין, אַז צוליב דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט ווערט א י ר דער וואָרט־זאָגער, און נישט די, וועלכע זענען צו דעם באַרופן דורך זייער שטאַנד אין לעבן, אָבער צו יענע טאַקע וויל איך דאָ בלויז זאָגן: דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן ווייסט גענוי, אַז אין אונזער שטאָט געפינען זיך האַלב־אינטעליגענטן און מענטשן, וועלכע פאַרשטייען נישט די צייטונג־אַרטיקלען, וואָס זיי לייענען — און אָט די האָבן שוין זייט וואָכן גערעדט, אַז די דעמאָנסטראַציעס אין ווין און די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן געצוואונגען אונזער קייזער איינצופירן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. אונזער קייזער לאָזט זיך נישט פון קיינעם באַאיינפלוסן. ער האָט נישט מורא פאַר קיין רעוואָלוציעס און דעמאָנסטראַציעס אין רוסלאַנד. ער האָט באַוויליקט דאָס אַלגעמיינע, גלייכע און געהיימע וואַלרעכט, ווייל ער וויל אַזוי, ווייל ער האָט אַ גרונד פאַר דעם. אָבער די יעניקע, וועלכע גלויבן — ווי זיי האָבן שוין זייט וואָכן וועגן דעם גערעדט — אַז צוליב דעם וועלן די אַרבעטער אין מיין ביר־ברענעריי אַרבעטן בלויז צוועלף שעה אַ טאָג...״

„דאָס וואָלט דאָך שוין געמיינט דער סוף, ווען עס זאָל אַזוי ווייט קומען״ — האָט אויפגערעגט זיך צעשריען הילאַריאַן טאָפּאַן — דאָס זענען די געפערלעכסטע סימפּטאָמען! שוין אין דער רעוואָלוציע פון 1848, ווען די רעבעלן האָבן באַהערשט אונגאַרן, האָט זיין מאַיעסטעט זיך אויך געבאָרגט אַן אַרמיי ביים צאַר, כדי...״

„איך וועל אייך פאַרט בעטן, הער פּראָפעסאָר, מיר נישט איבערצושלאָגן אין מיטן פון מיינע אויספירונגען. ווי איך האָב שוין פריער געזאָגט, איז דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן פולשטענדיק מיט מיר איינשטימיק, אַז דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט די פאַרהעלטנישן אין אונזער געמיינדע און קיין מענטש האָט נישט דאָס רעכט צו באַשרענקען די פרייהייט פון מיינע אַרבעטער. אויב זיי ווילן אַרבעטן פופצן שעה אַ טאָג, טאָר זיי קיינער דעם קאָפּ נישט פאַרדרייען מיט צוועלף, אָדער ווייניקער שעה. איצט גיי איך אהיים, און איך האָב היינט מער גאָרנישט צו זאָגן וועגן דעם.״

נאָך די אַלע טענות אין קאַסינאָ, איז דעם פּאַפּיר־הענדלער נתן ברענ־דער נאָך אַלץ נישט קלאָר געווען וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער איז דע־ריבער אַוועק אין גאַסטהויז „פּייעריקער ווייַן“, וואו ס'פלעגן אַריינקומען באַלעגאַלעס, פּיאַקערניקעס, באַלמעלאָכעס און הענדלער מיט בהמות. אויך דאָ האָט מען ביי די מערנטע טישן גערעדט וועגן די לעצטע געשעענישן, און גערעדט האָט מען נישט דייטש, ווי אין קאַסינאָ, נאָר אידיש, רומעניש און רוטעניש. מ'האָט געמישט די דריי שפּראַכן צוזאַמען, און דאָך האָט מען זיך אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען. דערפאַר טאַקע האָט דאָ באַנדער זיך געפילט א סך היימישער, ווי אין קאַסינאָ — דאָ האָט ער געקאָנט פריי זיך אויסדריקן אין זיין אייגענער שפּראַך. הגם נישט איבעריק באַליבט, האָט מען זיך אָבער צום אַלטן בענדער באַצויגן מיט אַ געוויסן דרך־ארץ — ער איז געווען דער עלטסטער מענטש אין שטאָט. אפילו די עלטסטע לייט געדענקען אים פון תמיד אָן מיט א גרויער באָרד. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן דערינערונגען פון אַמאָליקע צייטן, און דער עולם האָט זיך גערן צוגעהערט.

ער איז אַריין אין שענק און גלייך אַ זאָג געטאָן: „קינדער, גלויבט מיר, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. פון דעם מאָל וועט קיין ברויט נישט זיין.“

„פון וואָס פאַר אַ מאָל?“ — האָט געפרעגט דודל שמאַטשעק, וועלכער האָט געהאַלטן די פּיאַקערס אין שטאָט.

„נישט פון מיין מאָל, בהמה. איך מיין דעם עסק מיטן וואַל־רעכט. ווען מען הערט זיך אַזוי גענוי צו וואָס דער בירגערמייסטער זאָגט, האָט מען דאָס געפיל, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. מיר רעדן דאָך צווישן זיך — לאָמיר אָקאָרשט זען: וואָס קאָן זיין די סיבה, אַז פּלוצים, אין מיטן ווינטער, זאָל דער קייזער ארויסגעבן אַ געהיים וואַל־רעכט פאַר גאַנץ סע־רעט און אַלע איבעריקע פעלקער פון עסטרייך? אין קאַסינאָ זאָגט מען, אַז דאָס באַציט זיך אויף יעדן איינעם, אָן א שום אונטערשייד. דער פּראָ־פעסאָר טאַפּאַן, וועלכער איז דאָך אַ געבילדעטער מענטש, דערציילט, אַז דאָס האָט גאָר צו טאָן מיט א רעוואָלוציע, וואָס איז אויסגעבראָכן אין רוסלאַנד. דער קייזער, זאָגט ער, האָט געשיקט קיין אונגאַרן אָן אַרמיי, וואָס ער האָט זיך אויסגעבאָרגט ביים צאַר, און אַז אויך די אַלטע גריכן וועלן האַלטן מלחמה.“

דודל שמאַטשעק האָט אַ שטאַרקן זופּ געטאָן פון זיין גלאָז ווייַן, האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס מויל און געזאָגט: „איך קען זייער גוט דעם פּראָפעסאָר טאַפּאַן. אַ העלפט פון זיינע רייד מעג מען אַריינוואַרפן אין

וואַסער, און מיט דער אַנדערער העלפט קאָן מען אפילו אַ קאַץ דעם עק נישט פאַרבינדן. ער מיינט אויך, אַז מ׳קאָן די פערד אָפּנאַרן און זיי געבן היי פאַר האָבער. נישט מיך, פּעטערקע! ער דאַרף זיך נאָך גוט אונטער־גאַרטלען, מיר צו פאַרהעדן די ציין. דאָ האַנדלט זיך איינפאַך וועגן וואַלן צום פאַרלאַמענט און אַז דער פּשוטער מענטש זאָל אויך האָבן אַ שטיקל דעה. איך האָב עס שוין פון לאַנג געהערט פון מיינע פּאַסאַזשירן."

אַלע האָבן זיך געשפּאַנט צוגעהערט. אָבער דער אַלטער ברענדער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּפּטרן מיט דעם: „צו וואָס דאַרף מען אַ פאַרלאַ־מענט?"

„ס׳זאָל העלפן דעם קייזער מאַכן די געזעצן."

„זאָג איך דאָך, אַז ס׳טויג נישט, אַז עפּעס שטימט דאָ נישט. וואָס וויים איך, און דו, און די אַנדערע סערעטער וועגן געזעצן. אויב דער קייזער מוז זיך ערשט ביי אונז אָנפרעגן, איז שוין זייער ביטער. דער קייזער דאַרף מיר זאָלן אים העלפן? ווען אשטייגער, דודל, דארפסטו מ׳זאָל דיר העלפן? ווען ס׳פאַלט ביי דיר אַוועק אַ פערד, אָדער א פיאַקער קערט זיך איבער, אָדער ווען דאַרף א סוחר, ווי איך, הילף? ווען, חלילה, איך באַנ־קראָטיר. אויב דער קייזער ת׳ופט אונז שוין צו הילף — נו, לאָמיר בעסער נישט רעדן וועגן דעם."

6

„וואָלט איך אין מיין יוגנט נישט געווען געפילט אַ בייטש איבער זיך, וואָלט פון מיר גאָרנישט געוואָרן." אַזוי פלעגט הילאַריאָן טאָפּאָן טענהן צו זיינע סטודענטן און זייערע עלטערן. און ער פלעגט נאָך צוגעבן: „ווען איך זאָל נישט געווען זיך פילן אין שול ווי אין א געפענגעניש, וואָלט מיין גאַנצע שול־צייט געווען אַ פאַרלוירענע."

האָט ער טאַקע געזען, אַז זיינע סטודענטן זאָלן זיך פילן ביי אים, ווי אַ חיה אין שטייג, אונטערן קנוט פון וועכטער. „צו איינגלעד אויף דער שול־באַנק, ווי צו מענטשן פון המון, מוז מען האָבן אַ רוט". ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן די ווערטער, וואָס שלמה המלכס זון, רחבעם, האָט געזאָגט צו די שליחים פון פאָלק: „מיין פאָטער האָט אייך שווער געמאַכט דעם יאָך; איך אָבער וועל אייך שטראָפן מיט שטעכיקע ריטער". יעדע נייע איינפירונג, אין דער שטאָט, ווי אין דער שול, איז פאַר אים געווען א געפאַר פאַר דער מענטשהייט.

מאָנטיק אינדערפרי, נאָך דער צערעמאָניע מיטן גאַז־לאָמפּ און נאָך דעם בעצירקס־הויפּטמאַנס פּראָקלאַמירן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט, איז ער געקומען אין גימנאַזיע א זייער אויפגערעגטער, זיין לעקציע אין הע־

כערן קלאַס, וואָס ער האָט דאָס מאָל געהאַלטן צווישן צוועלף און איינס, האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ ציטאַט פון שילערן:

„ווי יענע, וואָס צו אײביק־בלינדע
געטרויען זיי די פאַקלען פון הימלישן ליכט;
עס וועט זיי נישט לייכטן — עס קאָן נאָר צינדן
אַ פייער, וואָס שטעט און פעלקער פאַרניכט."

יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעהויבן מיט דעם ציטאַט, האָבן זיינע סטודענטן געציטערט — עס קומט עפּעס... דער קלאַס אין געשיכטע האָט דעמאָלט געהאַלטן ביי די מלחמות צווישן די פערסן און גריכן, אָבער טאַפּאַן האָט גענומען רעדן וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע: „ווי אַ נביא, האָט דער גרויסער, אומשטערבלעכער דיכטער פרידריך פאָן שילער געשריבן די פערזן, וואָס איך האָב ערשט פאַר אייך ציטירט. יעדער פון אייך דאַרף דאָס איינקריצן אין זיינע שיטערע געהירן. אין זיין צאַרטן דיכטער־אויער האָבן אָפּגעקלונגען די שוידערלעכע טאָטן פון דער רעוואָ־לוציע. די סאַנגקילאָטן, אָן די הויזן, האָבן געשטורעמט דעם וועלט־באַ־רימטן קעניג־שלאָס אין ווערסאַל. מיט זייערע שמוציקע שטיוול האָבן זיי פאַראומרייניקט די וואונדערבאַרע אָריענטאַלישע טעפּיכן. ווייל דעם המון, דעם „וואולגוס" פעלט יעדער זין פאַר קונסט און שיינקייט. אמת, אחוץ דעם גרויסן שאָדן, וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אָפּגעטאָן, האָט זי אויך איינגעפירט אַן אומשטערבלעכן סיסטעם — די מאָס פון דעם מעטער. אָבער — האָט זיך צוליב אַ מעטער געלוינט צו קעפּן אַ דער־הויבענעם קעניג און זיין קעניגין?"

איינער פון די שילער האָט אױפגעשטעלט צוויי פינגער פון דער רעכטער האַנט — אַ צייכן, אַז ער וויל שטעלן אַ פראַגע. טאַפּאַן, נישט צופרידן וואָס מען האָט אים איבערגעשלאָגן, האָט זיך אָנגערופן: „וואָס האָט שוין אייער קלוגער מוח אויסגעטראַכט?"

„איך בעט, הער פּראָפעסאָר — האָט מען די מעטער־מאָס איינגע־פירט פאַר דער הינגריכטונג פון לודוויג דעם פערצנטן, אָדער ערשט נאָכ־דעם?"

„אויב איר שטעלט שוין יאָ אַזאַ קלוגע פראַגע, וויל איך איר זאָלט מיר פריער ענטפערן אויף אַן אַנדערער פראַגע: וואָס איז אייך אויפפאַליק אין פּנים פון אונזער דערהויבענעם מאָנאַרך, וואָס הענגט דאָ פאַר אונז אויף דער וואַנט?"

„זיינע שיינע באַקן־בערד."

„אידיאָט. ווי קאָנען אייך ליגן אנשטענדיקע זאַכן אין קאָפּ, ווען איר לויפט נאָך מיידלעך גאַנצע אָוונטן. איך האָב עס שוין נישט איינמאָל באַ־מערקט. נאָר איך וועל אייך שוין עפּעס אויסלערנען. זאָגט מיר — אָבער

אויף גיך: וואָס שטייט געשריבן אין ערשטן פּאַראַגראַף פון אונזער קאָנ־סטיטוציע?"

„דער קייזער איז צו קיינעם נישט פאַראַנטוואָרטלעך און זיין פּערזאָן איז אומבאַרירלעך."

„ריכטיק. זעצט זיך. אייער אייזל־קאָפּ געדענקט דאָך עפּעס. אין אָט דער נישט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט ליגט די דערהויבנקייט פון דער אידייע. דער קייזער איז בלויז איינער קעגן פופציק מיליאָן. ווען ער זאָל דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך צו יעדן באַזונדער, וואָלט ער קיין איין שעה נישט געקאָנט רעגירן. ווער עס פאַרנעמט אַן אַנפירנדיקע שטעלע, מוז אויך האָבן אַ גרויסע מאָס אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט. נאַטירלעך קאָן מען אַזאַ אומ־פאַראַנטוואָרטלעכקייט נישט איבערגעבן אין די הענט פון צעלאָזענע שול־יונגען אָדער פון ברייטן המון. דערפאַר איז עס אַ פאַרברעכן, ווען מען פאָדערט צו געבן דעם פאָלק שטים־רעכט. דאָס וואָלט געמיינט צו באַ־שרענקען די אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון זיין מאַיעסטעט. אָבער מיר דאַ באַשעפטיקן זיך נישט מיט פּאָליטיק, נאָר מיט ריינער וויסנשאַפט, און זיין מאַיעסטעט, אונזער דערהויבענער מאָנאַרך ווייסט — אין זיין פולער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט — וואָס צו טאָן."

בעת טאָפּאָן האָט אויף דעם אופן אויפגעקלערט דעם יונגן דור אין זיין שול די אידייע וועגן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט און די פילאָסאָפיע פון אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט, האָבן שוין אויף די סלופּעס און ווענט פון דער שטאָט געפינקלט די פרישע פלאַקאַטן מיטן אמטלעכן מאַניפעסט, וואָס איז אַרויס אויפן באַפעל פון בירגערמייסטער:

צו אַלע בירגער פון דער שטאָט סערעט

זיין מאַיעסטעט, אונזער אין כבוד דערהויבענער מאָנאַרך, פראַנץ יאָ־זעף דער ערשטער, האָבן באַוויליקט צו שענקען אַלע פעלקער פון עסטרייך דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַל־רעכט. דאָס דאָזיקע וואַל־רעכט איז געגעבן פאַר אַלע קעניגרייכן און לענדער, וואָס זענען פאַרטראָטן אין פּאַרלאַמענט, און באַציט זיך בלויז אויפן רייכס־פּאַרלאַ־מענט. אין די באַזונדערע לענדער און געמיינדעס, צו וועלכע אויך סערעט געהערט, בלייבט אַלץ, ווי ס'איז פריער געווען. אַלע בירגער ווערן אויפ־געפאָדערט זיך צו פאַרשרייבן אין די שטים ליסטן, כדי זיי זאָלן — אין דער געהעריקער צייט — קאָנען דערפילן זייער פליכט, וואָס מען האָט באַוויליקט אויף זיי אַרויפצולייגן צום אַלגעמיינעם נוצן.

(אונטערגעשריבן)

פראַנץ בייל, בירגערמייסטער

גערוויינלעך פלעגט מען אָמטלעכע באַקאַנטמאַכונגען פאַרעפנטלעכן אין דריי שפּראַכן — דייטש, אוקראַיניש און רומעניש. די איצטיקע באַקאַנטמאַכונג איז געווען געשריבן בלויז אויף דייטש. די מערסטע אוקראַינישע און רומענישע איינוואוינער פון דער שטאָט האָבן צו ווייניק פאַרשטאַנען דייטש. האָבן זיי געבעטן אַנדערע, מען זאָל עס זיי פאַרטייטשן. אָבער דאָס איז אָנגעקומען זייער שווער: קיינער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז — כאָטש דאָס וואַל־רעכט איז געגעבן פאַר אַלע קעניגרייכן און לענדער, וואָס זענען פאַרטראָטן אין רייכספאַרלאַמענט, און אין דעם איז דאָך אויך סערעט אַריינגערעכנט — זאָל אין די באַזונדערע לענדער און געמיינדעס אַלץ בלייבן ווי געווען. דער געמיינדע־סעקרעטאַר האָט עס געפּרוּווט צו דערקלערן: „די הויכע קרייזן אין ווין זענען פולשטענדיק צופרידן מיט דער כשרעטער געמיינדע־פאַרוואַלטונג און האָבן דערפאַר נישט געהאַלטן פאַר נויטיק איינצופירן ענדערונגען. און וואָס אָנבאַלאַנגט דעם פאַרלאַמענט, איז עס דעם קייזערס זאַך צו טאָן וואָס ער וויל, און ער האָט נישט ליב, ווען מען שטעלט אים צופיל פראַגן."

א סך זענען אַוועק צופרידענע — אַבי עס האַנדלט זיך נישט וועגן נייע שטייערן. אַנדערע ווידער האָבן דווקא געוואָלט וויסן פאַרוואָס דער קייזער האָט נישט ליב מען זאָל אים שטעלן צופיל פראַגן. דער בוכהענדלער גראַוער האָט עס דערקלערט אויף זיין אופן: „איינציקע מענטשן אין אונזער שטאָט מיינען, אַז זיי זענען געבוירענע בירגערמייסטערס און געמיינדע־פאַרשטייער, און ווילן שוין אַזוי שטאַרבן. אָבער דער קייזער — וואָס עלטער ער ווערט, ווערט ער אַלץ קליגער. ער קאָן נישט מער פאַרליידן אַז אין סערעט זאָלן שטענדיק די זעלבע מענטשן האָבן צו באַפעלן, און אַנדערע זאָלן מוזן שווייגן. וויל ער, אַז די סערעטער זאָלן שיקן צו אים קיין ווין זייערס א פאַרטרעטער, פונקט ווי יעדער אין סערעט איז געצוואונגען צו גיין אין מיליטער־דינסט."

„ס׳איז, מאַל זיך, נישט פונקט ווי מיטן מיליטער־דינסט" — האָט זיך אַריינגעמישט מיכל הייער, דער טעפער — „צום מיליטער מוז יעדער גיין, און צום פאַרלאַמענט וועט גאַנץ סערעט שיקן בלויז איין מענטשן. מיר דאַכט, אַז עס וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען די גאַנצע שטאָט שיקט איין פאַרטרעטער צום מיליטער, און יעדער סערעטער זאָל האָבן דאָס רעכט צו פאָרן קיין ווין, ווי א דעפּוטאַט צום פאַרלאַמענט."

פון וואַנען עס האָבן זיך צום געמיינדע־דינער שרובעק גענומען אַזעלכע ווערטער, איז שווער צו זאָגן. מעגלעך, אַז ער האָט זיי געהערט פון פראַנץ בייל, און מיט דער צייט זענען זיי שוין געוואָרן ווי זיין אייגנס — סיי ווי, ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער זאָגן: „איך בין נאָר אַן עפנטלעכער פונקציאָנער, און בלויז איין פערזאָן. אָז מיר קאָן מען זיך אפשר איך באַגיין — אָבער זיכער נישט צום גוטן.“

פראַנץ שרובעק איז נישט געווען קיין אַנגעלייגטער גאַסט ביי די בירגער אין סערעט. צו זיינע פליכטן האָט געהערט איינצומאַנען די אַרויפגעלייגטע שטראָפן פאַר נישט פירן דעם הונט אויף אַ קייטל, פאַר אַרויסשיטן דאַך מיסט, דאָרט וואו מ׳האָרף נישט, פאַר נישט אָפּרייניקן דעם שניי. שרובעק אַליין האָט געהאַלטן, אַז ער האָט מער שונאים, ווי דאָס געמיינדע־געפּענגעניש האָט וואַנצן; און שרובעקס שונאים האָבן געהאַלטן, אַז זיינע קענטעבישן אין לייענען און שרייבן זענען ווייט נישט גענוג אויף צו דערפילן די פליכטן פון אַ געמיינדע־פונקציאָנער.

דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל האָט איבערגעגעבן שרובעקן אַ ליסט מיט דרייסיק נעמען — פון די דרייסיק וויכטיקסטע פערזענלעכקייטן אין סערעט, ווי דער בירגערמייסטער האָט עס ביי דער געלעגנהייט אונטערגעשטראָכן: „געדענקט, שרובעק, מיט אָט דער ליסט פאַרטרוי איך אייך איין אייערע הענט אַ שטרענג רעגירונג־געהיימעניש. זוכט־אויף יעדן פון די דרייסיק הערן פערזענלעך און זאָגט יעדן באַזונדער שטרענג געהיים, אַז איך לאָז אים בעטן צו קומען אין מיין אמט־צימער היינט אָוונט, 8 דעם זייגער. דאַכו זעלבע זאָגט אויך דעם הער אַמעריקאַנער אין האָטעל ׳אַנאַהויף׳.“

אויף דער ליסט האָבן זיך געפונען די נעמען פון אַדוואָקאַטן, ריכטער, גלחים, גימנאַזיע־לערער און רייכערע סוחרים. שרובעק האָט אַריינגעשטעקט די ליסט אין דעם מאָנטל־מאַנשעט פון זיין מונדיר און זיך פאַרגענומען נישט צו פאַרזוכן קיין טראָפּן משקה, ביז ער וועט נישט אויספילן זיין שליחות. אָבער גראָד ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס ווירטהויז „אונטערן שוואַרצן פערד“, איז געשטאַנען ביים שענק־טיש זיין אַמט־קאַלעגע, דער פאָליצײַ־וואַכמייסטער באַסטאַסיו. באַסטאַסיו האָט אים פאַרבעטן צו טרינקען מיט אים אַ שנאַפּס. נו, אַ וואַכמייסטער קאָן מען נישט אָפּזאָגן, און שרובעק ווידער האָט נישט געהערט צו די מענטשן, וואָכו לאָזן זיך בראַקטירן, זיי זאָלן דערנאָך נישט רעוואַנזשירן זיך מיט אַ טרונק...

ווען שרובעק איז אַרויס פון שענק, האָט אויף זיין לבנה־אַרטיקן פּנים זיך צעשפּילט אַ גליקלעך־צופרידן שמייכעלע און זיינע פּיס האָבן זיך גע־וואַקלט אין נישט־זיכערע טריט. ער האָט אַרויסגענומען די ליסט פון מאַנשעט, אַריינגעקוקט, אָבער די בוכשטאַבן האָבן געגומען טאַנצן פאַר זיי־נע אויגן. האָט ער געבעטן אַ פאַרבייגייענדיקן גימנאַזיסט, ער זאָל אים פאָרלייענען די ערשטע פינף נעמען: „עס האַנדלט זיך וועגן אַ געהיימער פאַרזאַמלונג היינט אָווגט אין בירגערמייסטערס צימער. אָבער געדענקט — זאָגט קיינעם נישט וועגן דעם. עס איז אַ שטרענג רעגירונג־געהיימעניש, און אויסער דער רעגירונג און דעם בירגערמייסטער און אונז ביידע, טאָר קיינער וועגן דעם נישט וויסן."

און אַזוי איז שוין ביזן אָוונט נישט געווען אַ מענטש אין שטאָט, וואָס זאָל נישט וויסן, אַז היינט קומט פאַר ביים בירגערמייסטער אַ געהיימע פאַרזאַמלונג וועגן רעגירונג־סודות.

אַלע פאַרבעטענע זענען געקומען. „ווי איר אַלע שטויסט זיך אָן, מיינע הערן" — האָט געזאָגט דער בירגערמייסטער — „האַנדלט זיך ביי דער איצטיקער צוזאַמענקונפט וועגן דער פראַגע פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. נישט, חלילה, מיר זאָלן קריטיקירן די פאַראָרדענונגען פון זיין מאַיעסטעט — גאָט זאָל היטן. אויב דער קייזער האָט פּראָקלאַמירט דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט, ווייסט ער וואָריל וואָס ער טוט. וואָרים אויב דער קייזער וואָלט עס נישט געוואָלט, וואָלט ער עס דאָך נישט געטאָן. ס'איז אודאי אויך זייער גוט פאַר אַלע פעלקער און לענדער פון גאַנץ עסטרייך. אָבער איך האָב מורא, אַז די סערעטער זענען נאָך נישט גענוג רייף פאַר דעם. זייט מען האָט פּראָקלאַמירט דאָס נייע וואַל־רעכט, הערט מען פאַרשידענע קלאַנגען. מענטשן גאָרנישטן, וואָס זענען קיינמאָל גאָרנישט געווען, און ווילן האָפנט־לעך אויך קיינמאָל גאָרנישט זיין, מיינען איצט, אַז מען איז אָפּהענגיק פון זיי און אַז, נעבן דעם קייזער, זענען זיי די איינציקע, וואָס האָבן צו זאָגן איבער דער רעגירונג. ביז איצט האָבן מיר, אָן דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, שטענדיק געשיקט אין פּאַרלאַמענט דעם הער אוניווערסיטעט־פּראָ־פעסאָר האָפראַט סקעדל. ער האָט שטענדיק אָנגענומען דעם מאַנדאַט, אָן שום קאָפּ־דרייעניש, און מיר האָבן ביז איצט נאָך נישט געהערט, אַז די הויכע קרייזן אין ווין זאָלן נישט זיין מיט אים צופרידן. מיר מוזן דערריי־בער זען, ווי אַזוי מיר קאָנען אויך איצט, ביי די אַלע שוועריקייטן פונעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, באַווערן דעם הער סקעדל, ער זאָל אָננעמען אונ־זער מאַנדאַט. פאַר די דערפער האָב איך נישט קיין מורא. אָבער דאָ אין שטאָט קוקט עס נישט אויס אַזוי פויגלדיק. אפשר ווילן די הערן אַרויס־זאָגן אַ מיינונג וועגן דעם?"

קודם האָט מען געשוויגן. דערנאָך האָט דער אַפּטייקער זילבערבוש געפּרעגט צי ס'איז אמת, אַז דעם הער בירגערמייסטערס זון דאַרף ווערן א חתן פאַר פריילין סקעדל, אויב יאָ, וואָלט ער וועלן אָפּגעבן מזל־טוב. דערויף האָט פראַנץ בייל געענטפערט: „פּריוואַט־זאַכן שטייען נישט דאָ אויף דער טאָג־אָרדנונג. אויסער דעם איז עס א פאַרלוימדונג פון געוויסע קרייזן, אַז דער דעפּוטאַט סקעדל האָט צוגעזאָגט דעם יונגן ענזער א קאַנ־צעסיע אויף אַ צווייטער אַפּטייק. פאַרקערט: דער הער דעפּוטאט האָט מיר נישט איינמאָל געזאָגט, אַז ער באַטראַכט אייער אַפּטייק 'אונטער גאָטס השגחה' ווי פּולשטענדיק פּאַסיק פאַר אַלע סערעטער."

„איך האָב חלילה גאָרנישט קעגן דעם הער האָפראַט סקעדל" — האָט געזאָגט טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש, דער פּרעזידענט און אייגנטימער פון דער נײַערטער „פאָלקס לייַ־ און שפּאַר־קאַסע' — אָבער פּונקט ווי ס'איז אַ נישט־פאַרמיידלעך נאַטור־געזעץ, אַז דער קייזער בלייבט דער הערשער אַזוי לאַנג, ביז דער אַלמעכטיקער אין הימל נעמט אים נישט צו ביי אונז, אַזוי איז אויך זיכער, אַז נישט איינער און דערזעלבער מוז אויף תמיד בלייבן אונזער דעפּוטאט. דר' אדאלבערט קאספער, דער פּרעזידענט פון די בוי־קאָווינער דייטשע קאַסע־קאָסטנס, האָט מיר געשריבן, אַז ער וואָלט גרייט געווען אָנצונעמען פון אונז א מאַנדאַט..."

פראַנץ בייל איז אויפגעשפּרונגען: „אַ מאַנדאַט צום פּאַרלאַמענט איז אַן ערשטקלאַסיקע איינפלוסרייכע פּאָזיציע; קומט עפּעס אַ הער קאַספּער און דערקלערט, אַז ער איז גרייט אונז צו טאָן די געפעליקייט און עס אָנ־נעמען... דאָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן! מיר דאַרפן נישט קיין אַנ־דערע, און זיכער נישט קיין פרעמדע..."

„וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן, הער בירגערמייסטער?"

"... אַז דער הער אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר סקעדל איז אַ פאַרשטייער פון דער וויסנשאַפט און איז אַ סך מער צוגעפּאַסט צום גייסט פון די סערעטער, ווי עפּעס איינער וואָס לייט געלט אויף פּראָצענט."

„און איר, הער בירגערמייסטער — איר מאַכט אייער ביר בלויז אויס וואוילטעטיקייט פאַר דער מענטשהייט? זאָל דער הער סקעדל ווייטער לער־נען זיינע סטודענטן דאָס רוימישע רעכט. מיר דאַרפן אין פּאַרלאַמענט א מאָדערן רעכט מיט מאָדערנע געזעצן. מיר דאַרפן..."

„מיר וועלן האָבן גענוג קאַנדידאַטן", האָבן אַנדערע זיך אָנגערופן.

„יעדער קאָן דערוויילט ווערן."

„קיינער וועט דאָ נישט..."

דאָ האָט זיך אויפגעשטעלט ר' מענדעל־שלמה שרייבער, דער פּרע־זידענט פון דער אידישער קהלה און דער וויצע־בירגערמייסטער פון סע־רעט — אַ איד א תלמיד־חכם, דערצו א תקיף, וואָס האָט געהאַלטן אין זיין

באַזיץ די ערשטע סערעטער קרעדיט־באַנק, און א הדרת־פּנים, מיט א שיינער, גרוילעכער באָרד פון א פּאַטריאַרך. „וואו תלמידי־חכמים פאַר־זאַמלען זיך, דאָרט רוט די שכינה" — האָט ער אָנגעהויבן מיט א גמרא — „וואָס וואָלט דער קייזער געזאָגט, ווען ער זאָל זען, וואָס פאַראַ אומאיינִי־קייט עס הערשט צווישן די אָנפירנדיקע פּערזענלעכקייטן פון זיין שטאָט סערעט? ער האָט געמ'ג דאגות אָן אונז. ער האָט אונז געגעבן דאָס אַלגע־מיינע וואַל־רעכט, און עס געמאַכט געהיים, דירעקט און גלייך. דאָס באַ־ווייזט, אַז ער וויל מיר זאָלן געהיים, דירעקט און אַלע גלייך דערפילן זיין וואונטש. אָט דאָס הייסט אמתע ליבע. און אויב גאָט איז צווישן אונז — ווער קאָן צווייפלען, אַז דער געערטער האָפראט, הער פּראָפעסאָר סקעדל דאַרף אויך ווייטער זיין אונזער פאַרטרעטער אין פאַרלאַמענט?

„פון וואַנען זענען מיר אַזוי זיכער, אַז סקעדל איז גאָטס און דעם קייזערס ווילן?" — האָבן אין דער זעלבער צייט געפרעגט דער אַפּטייקער און קאָנסטאַנטינאָוויטש.

„ס'איז מער זיכער" — האָט געענטפערט דער בירגערמייסטער — „אַז סקעדל איז גאָטס ווילן, ווי אַז אייער אַפּטייק איז אונטער - „גאָטס השגחה", ווי איר רופט זי. זאָגן כ'קאָן גאָר געמאָלט זיין, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט, אונזער שטאָט סערעט זאָל האָבן נאָך א צווייטע אַפּטייק אויך. איך דערקלער די היינטיקע צוזאַמענקונפט פאַר געענדיקט. און איר, מיינע הערן, מעגט אַ טראַכט טאָן, צי איז ביי היינטיקע צייטן נישט נויטיק אַביסל מער אייניקייט צווישן אונז."

ווען פראַנץ בייל איז געבליבן אַליין מיט ר' סענדער־שלמה שרייבער, האָט ער שטיל א זאָג געטאָן: „צווישן אונז גערעדט, הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין צו וואָס דער 'אַלטער' האָט עס איצטאַנצן באַדאַרפט."

„ווער קאָן פאַרשטיין זיינע וועגן?..."

8

בלויז ווייניק מענטשן אין שטאָט זענען נישט געווען אָפּהענגיק פון סענדער־שלמה שרייבער. וועלכער באַלמעלאָכע אָדער הענדלער האָט גע־קאָנט אויסקומען אָן א הלוואה? און הלוואות אויף א וועקסל האָט מען גע־קאָנט באַקומען גאָר אין סענדער־שלמה שרייבערס באַנק. ער האָט כמעט אַלעמען געזאָגט „דו", כאָטש צו אים אַליין האָבן זיך אַלע געווענדט מיט „רב" און „זיי" — אין דריטער פּערזאָן. ביי עולה־לתורה־זיין איז ער געווען דער „מורנו־ורבנו", און ער האָט, מיט רעכט, זיך געהאַלטן פאַרן גרעסטן תלמיד־חכם אין שטאָט. ער האָט גערעדט גוט דייטש און איז גע־

זוען דער שטענדיקער אָפיציעלער פעסט־רעדנער דעם 18־טן אויגוסט, צום קייזערס געבורטס־טאָג. כמעט יעדער האָט שוין געקענט פון אויסנווייניק דעם אָנהויב פון דער דאָזיקער רעדע: „דער קייזער איז נישט קיין מלאך". דאָ פלעגט ער מאַכן אַ פּויזע, און דערנאָך צוגעבן: „ער איז אַ סך מער ווי אַ מלאך — ער איז אַ מענטש, ווייל ער האָט אַ האַרץ."

זעלטן ווער האָט געוואגט נישט צו שטימען פאַר סענדער־שלמה שרייבער אַלס פּרעזידענט פון דער קהלה, מחמת די אָפּשטימונג איז נישט געווען קיין געהיימע. צו אָט די זעלטענע אָפּשטימער האָט געהערט דער קירזשנער זלמן פליקער, דער „לאַטוטניק". אין קעגנזאַץ צו סענדער־שלמה שרייבער, האָט קיינער פאַר זלמנען נישט מורא געהאַט, אָבער אַלע האָבן אים ליב געהאַט. ער האָט געוואוינט אין אַ קליין שטיבל מיט אַ גערטנדל, אויסער דער שטאָט, אויף יענער זייט פון טייך סערעט. זונטיק פרי פלעגט ער, מיט נאָדל־פאָדים אין זעקל, אַוועק פון דער היים און נעמען וואַנדערן איבער די דערפער. ער האָט געקענט יעדע כאַטע אין דאָרף, און פונקט אַזוי איז ער געווען באַהאַוונט אין יעדן פויערישן פעלץ, וואָס ער פלעגט פאַרריכטן. פרייטיק פאַרנאַכט פלעגט ער זיך אומקערן אַהיים מיט אַ פּאָר מטבעות און אַביסל שפּייז אין זעקל. מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גוטן באַלמעלאָכע, און זיין ווייב, און אַפילו פרעמדע אויך, פלעגן צו אים טענהן: דו קאָנסט דאָך האָבן אַרבעט אין דער היים, און אַפילו מער פאַרדינען אויך.. אָבער זלמן האָט נישט געוואָלט הערן. אַמאָל נאָר פלעגט ער ענטפערן: „מיר איז טויזנט מאָל ליבער צו פאַרריכטן אַ פּויערישן קאָזשוך, איידער די רייכע שאָפּן־פעלצן פון די הערן בייל, שרייבער, קאָנסטאַנטינאָוויטש און זייערע ווייבער". נישט איינמאָל פלעגט ער אַזוי אַוועק פון דער היים אויף גאַנצע צוויי וואָכן, און אַמאָל נאָך לענגער. ער האָט געדינט דריי יאָר אין אַ ווינער רעגימענט און געלייענט דייטשע ביכער. אַחוץ דעם האָט ער גערעדט רומעניש און אוקראַיניש, און מיט ווייב און קינדער, פאַרשטייט זיך — אידיש, ווי אַלע אידן אין יענער געגנט. ווען ער איז אַהיימגעקומען אויף שבת, פלעגט ער גיין אין שוהל, וואו סענדער־שלמה שרייבער איז געווען דער ערן־פּרעזידענט און געזעסן אויבן־אָן, ביי דער מזרח־וואַנט.

סענדער־שלמה שרייבער האָט געהאַט אַ טבע אָפּצושפּעטן פון מענטשן און זיי, דווקא אין שול, שטעלן „אינטעליגענץ־פראַגן", ווי ער האָט עס גערופן: „פאַרוואָס מאַכט מען נישט אַן איוורן פון פוטער, נאָר פון ציגל?" ווענדן פלעגט ער זיך געוויינלעך צו מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַ טובה פון אים — ווי פראָלאָנגירן אַ פאַרלענגערט וועקסל און דאָס גלייכן — האָבן זיי שוין געוואוסט דעם ענטפער: „ווייל די קאַץ וואָלט גענאַשט דעם איוורן". אַן אַנדערשמאָל פלעגט ער פרעגן: „ווי קומט עס, וואָס ווען אַ קאַן

האָט אַ לאַך, רינט דאָס וואַסער אַרויס, און ווען דער שטיוול איז צעריסן, רינט דאָס וואַסער אַריין?"

אײנמאָל, ווען נאָך אַ וואַנדער פון עטלעכע וואָכן, איז זלמן ווידער געקומען אין שוהל אַריין און זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין געוויינלעכן פּלאַץ — ביי דער טיר, האָט סענדער־שלמה שרייבער געהייסן דעם שמש אים צורופן און ביי אים געפרעגט: „מען זאָגט מיר, זלמן, אַז אונטערוועגנס אַרבעטסטו אום שבת — ווייסטו, אַז מיט דעם האַלטסטו אָפּ משיחן? עס שטייט בפירוש געשריבן, אַז ווען אַלע אידן, אַן אַן אויסנאַם, וועלן רוען אום שבת, וועט משיח תיכף קומען." האָט זלמן דערויף געענטפערט: „עס שטייט אָבער אויך געשריבן, אַז משיח וועט קומען, ווען ביי אַלע אידן אין שטאָט וועט אויסגיין דער לעצטער גראָשן, נו, וועגן דעם, הער פּרעזידענט, האָט איר שוין געזאָרגט — איר האָט שוין ב"ה ביי די סערעטער אידן צוגענומען דעם לעצטן גראָשן. איצט פעלט נאָך, אַז איר זאָלט אַוועקוואַרפן אייער אָנגעפילטן בייטל, וועט שוין משיח זיכער קומען".

סענדער־שלמה שרייבער האָט זיך אַוועקגעדרייט אַ בייזער און זייט דעמאָלט האָט ער נישט געקאָנט אָנקוקן זלמנען, דערקלערנדיק אים פאַר אַן אויסוואורף, אַ סורר־ומורה, אָבער ביי אַנדערע איז דער רעספּעקט פאַר זלמן פליקער נאָך מער געוואַקסן.

ס'האָט זיך פאַרנומען אַ שאַרפער ווינטער. קורצע, קלאָרע, פראָסטיקע טעג־מענטשן האָבן געזאָגט, אַז ס'איז שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ קאַלטער ווינטער. מעגלעך, אַז יעדן ווינטער זאָגט מען אַזוי, אָבער דעם יאַנואַר איז באמת געווען זייער קאַלט. פון יענער זייט גרענעץ זענען אַריבערגעקומען קיין סערעט אַ סך ווייניקער שליטנס האַלץ, ווי אין די פריערדיקע יאָרן. מען האָט געזאָגט, אַז די פּויערים אין רומעניע האָבן נישט געקאָנט באַצאָלן די אַרענדע צו די רומענישע באָיאַרן, האָט מען ביי זיי צוגענומען די פערד — איצט האָבן זיי נישט מיט וואָס צו פירן דאָס האָלץ, האָבן די פּויערים געהונגערט, און אין שטאָט האָט מען געציטערט פאַר קעלט. גאַנצע סטאַדעס וועלף האָבן יענעם ווינטער זיך אַרונטערגעלאָזן אַזש ביז צו די ברעגן פון טייך סערעט, און מענטשן, וועלכע האָבן באַדאַרפט אַרויספאָרן פון שטאָט, האָבן זיך נישט געוואַגט אין וועג אַריין אָן אַ ביקס.

אין אָט אַזאַ פראָסטיקן טאָג איז זלמן פליקער געקומען צום בירגערמייסטער בעטן אַ וואָפן־פּאַס, ער זאָל מעגן טראָגן אַ ביקס. זלמן איז געווען אַ פעלדוועבל אין דער רעזערווע, דערצו האָט ער געוואוינט אויסער דער שטאָט, האָט אים דער געמיינדע־סעקרעטאַר באַלד אויסגעשטעלט דעם פּאַס, ס'האָט זיך בלויז גענויטיקט די אונטערשריפט פונעם בירגערמייסטער, אָדער זיין שטעל־פאַרטרעטער. אַזוי ווי דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל איז יענעם טאָג נישט געווען אין שטאָט, איז זלמן פליקער אַוועק נאָך אַן אונטער־

שריפט צום וויצע-בירגערמייסטער כּוּנדער־שלמה שרייבער. ער האָט באַלד געגעבן זיין אונטערשריפט, אָבער דערביי האָט ער סאַרקאַסטיש באַמערקט: „דאַרפסט די ביקס צום פאַרריכטן די פעלצן?" זלמן האָט רואיק אַריינגעלייגט דעם אונטערגעשריבענעם דאָקומענט אין קעשענע, און שטייענדיק שוין ביי דער טיר, האָט ער געענטפערט: „איך דאַרף די ביקס אויף צו פאַריאָגן די זמער־זשוקעס פון מיין דירה — זיי לאָזן מיך נישט שלאָפן אום ווינטער".

9

מ'האָט שוין כמעט פאַרגעסן אָנעם גאַז־לאָמפּ, וועלכער האָט איצט באַ־לויכטן די שטאָט יעדן אָוונט ביז צען דעם זייגער. די סערעטער איינוואוינער האָבן אַצונד געהאָט אַ נייעם עסק: דער אַמעריקאַנער ראלף סמיט האָט באַ־קומען די דערלויבעניש פונעם בירגערמייסטער צו מאַכן אויסגראָבונגען ביים וועלדל, נישט ווייט פון דער רומענישער גרענעץ. צוליב דעם האָט ער געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט משה מאַשיניסט, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „מעכאַניקער", הגם קיינער האָט נישט געוואוסט צי ער פאַרשטייט עפּעס פון דער דאָזיקער מלאכה. משה מאַשיניסט האָט געדונגען צוויי טאָג־אַרבעטער, וועלכע האָבן — נישט געקוקט אויף דער קעלט און אויף דער האַרט־איינגעפרוירענער ערד — געהאַלטן אין איין גראָבן און בויערן ביים ראַנד פונעם וועלדל, אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז דער אַמעריקאַנער זוכט דאָרט פּעטראָלעאום־קוואַלן, ווייל אין אַמעריקע הערשט אַ גרויסער מאַנגל אין אָט דעם אַרטיקל.

סימע דער בעקער (צוליב זיין פייער־רויטער באָרד, גערופן דער „רויטער בעקער") האָט דורך אַ בריוו אָנגעפרעגט ביי זיין שוועסטער אין ניו יאָרק צי ס'איז אמת, אַז דאָרט פעלט טאַקע אויס פּעטראָלעאום: „שרייב מיר אַלץ אַרויס אויספירלעך, ווייל דאָ קאָן מען קריגן נאַפט אין יעדן געוועלב, און אפשר טאַקע אויך אונטער דער ערד. איך וואָלט דעמאָלט אויפגעגעבן מיין נעסטשאַסנע בעקעריי, ווייל — ווי דו ווייסט וואויל — אַרבעט מען דערביי גאַנצענע נעכט, און ערשט נאָכדעם זענען איינעם די זעמל צו ברוין און דעם אַנדערן צו בלאַס. איינער פרעגט: וואָס האָבן זיך אייערע זעמל אַזוי דערשראָקן, וואָס זיי זענען בלאַס? און אַן אַנדערער האָט אַ טענה: געוועזן אפנים ביי אייך אין אויוון אַ הייסער מלאך — דאָס זענען דאָך נישט קיין זעמל, נאָר קוילן. וואָס דאַרף איך דיר מאריך־זיין — מעגסט זיך שעצן גליקלעך, וואָס האָסט מיט זיי נישט צו טון. אַז זיי קוקן אויף דיר נישט ווי אויף אַ בעקער, נאָר ווי עפּעס אויף אַ פאַרבער — אַז מ'קאָן קיינעם נישט צופרידנשטעלן. און דאָ איז מען פון זיי אַפּהענגיק מיטן שטיקל

ברויט... גלויב מיר, אַז פֿאַרשימלט ברויט איז אויך צו גוט פֿאַר מיינע חזירשע קונים, זאָל מיר גאָט אָזוי העלפֿן. הכלל — אויב מען זוכט דאָרט ביי אייך אין אַמעריקע פּעטראָלעאום, זאָלסטו קיינעם וועגן דעם נישט דערציילן. איך וועל דיר פֿון דאַנען שיקן וויפֿיל פּעטראָלעאום דו ווילסט, און דו וועסט עס דאָרט קאָנען פֿאַרקויפֿן. אסור מיר, אויב עס וועט אונז ביידע שאַטן, אַז מיר זאָלן שוין אויך אַמאָל געהאָלפֿן ווערן און ווערן כאָטש שטיקלעך נגידים".

כדי קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז ער האָט געשריבן אַזאַ בריוו צו זיין שוועסטער (דער בריוו־טרעגער יוסטפּאַן פּלעגט האָבן אַ טבע צו לייענען אַלע בריוו פֿון אַמעריקע און קיין אַמעריקע), האָט דער „רויטער בעקער" אויפֿגעגעבן דעם בריוו אין דעם רומעניש גרענעץ־שטעטל. און ס'איז געקומען אַ תשובה. די שוועסטער האָט אין איר בריוו אויסגעדריקט די מורא, צי איז אפֿשר איר ברודער חלילה־וחס נישט משוגע געוואָרן — „אָדער אפֿשר זענען אַלע מיינע לאַנדסלייט דאָרט „אין דע אָלד קאַנטרי קרעזי". דאָ וואַרפֿט מען אַריין אַ „ניקל", און ס'קומט אַרויס „געז", מען ווייסט אַליין נישט פֿון וואַנען, אַנדערע באַנוצן זיך מיט עלעקטריק — מ'גיט אַ דריק אַ קנעפּל, און ס'ווערט ליכטיק ווי ביי טאָג. אָרימעלייט וואַשן דעם קאָפּ מיט נאַפֿט, אָבער מענטשן, וועלכע זענען „בעסער אָפּ", באַנוצן אַזאַ מין פּולווער, וואָס גיט מער שוים, ווי די בעסטע זייף ביי אייך. כמעט קיינער וואָלט דאָ נישט אַריינגענומען קיין פּעטראָלעאום אין שטוב, אַפֿילו נישט אומזיסט, בלייב שוין בעסער ביי דיין בעקעריי, ווייל אָן פּעטראָלעאום קאָן די וועלט נאָך אויסקומען, אָבער אָן ברויט — נישט".

נאָך איידער דער רויטער בעקער האָט דעם בריוו געלייענט, האָט שוין דאָס גאַנצע שטעטל זיך דערוואוסט פֿון יוסטפּאַנען וואָס עס שטייט אין בריוו. אַ סך זענען געקומען צום רויטן בעקער אויסצוגעפֿינען איינצלהייטן, און עטלעכע טעג האָט זיין בעקעריי געהאַט גרויס שפֿע — וואָרים כדי זיך לאָזן ווייזן דעם בריוו, האָט מען דאָך געמוזט עפּעס קויפֿן. די מענטשן האָבן געלייענט דעם בריוו און געשטוינט: אויב אין אַמעריקע דאַרף מען נישט קיין פּעטראָלעאום, וואָסזשע זוכט דער אַמעריקאַנער פּעטראָלעאום אין סערעט? און אפֿשר זוכט ער גאָר עפּעס אַנדערש... מען האָט געפּרוּווט עפּעס צו דערשמעקן ביים אינזשעניר האָלטער, וועלכער איז דאָך אַ פּריינט פֿונעם אַמעריקאַנער, אָדער ביי משה מאַשיניסט — אָבער ביידע האָבן געשוויגן. עס האָבן זיך פֿאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דער אַמעריקאַנער זוכט גאָר אוצרות, וואָס די טערקן האָבן דאָרט פֿאַרגראָבן. דאָס האָט שוין אויפֿגעבראַכט דעם עולם — וואָס הייסט, אַ פֿרעמדער וועט אַוועקפֿירן „אונזערע" אוצרות!

אָבער גראָד דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע, הילאַריאָן טאַפּאַן, וועלכער איז נישט געווען קיין באַזונדערער פריינט פונעם אַמעריקאַנער, האָט אים פּאַרטיידיקט: „ווי קאָן מען פאַרלאַנגען פון אַן אַמעריקאַנער ער זאָל זוכן טערקישע אוצרות ביי זיך אינדערהיים, אַז אַמעריקע איז נישט קיין היסטאָרישער באָדן און האָט קיינמאָל נישט געהאַט דאָס גליק, אַז דאָרט אין לאַנד זאָלן זיך אָפּשפּילן וועלט-היסטאָרישע דראַייגענישן, ווי ביי אונז אין כערעט. זענען אַמאָל די טערקן באַפאַלן אַמעריקע? האָבן די וואַנדאַלן דאָרט געוואַנדערט, אָדער האָבן די מאָנגאָלן אַמאָל צעשטערט זייער לאַנד? קיין שום דערהויבן געשעעניש פון היסטאָרישער באַדייטונג, ווי ביי אונז, איז דאָרט נישט פאָרגעקומען.״

10

דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל האָט פאַררופן צו זיך סענדער-שלמה שרייבערן, דעם באַלעבאָס פון דער „סערעטער פאָלקס ליי־ און שפּאָר־קאַסע״ טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש, זיין אייגענעם שותף בערל וויגלער און דעם באַזיצער פון דער אַפּטייק „אונטער גאָטס השגחה״, הער זילבערבוש: „מיינע הערן — האָט ער געזאָגט — אויפן באַפעל פון דעם הער בעצירקס־הויפּטמאַן, דאַרף איך דורך אַן אָפיציעלן פּלאַקאַט לאָזן וויסן דער באַפעלקערונג, אַז זיין מאַיעסטעט האָבן באַוויליקט צו באַשטימען די ערשטע אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַלן צום פּאַרלאַמענט, פאַר אַלע צו דער עסטרייכישער מאָנאַרכיע געהעריקע קעניגרייכן און לענדער, ווי אויך פאַר דער שטאָט סערעט, אויף דעם 11־טן מאַי פון דעם יאָר. דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן האָט מיר שטרענג פאַרטרוילעך מיטגעטיילט, אַז אין די העכסטע קרייזן האָט מען אויסגעדריקט דעם וואונטש, אונזער בעצירק זאָל דערוויילן אַ קאָנסערוואַטיון דעפּוטאַט און אַז זיי וואָלטן זייער וואַרעם באַגריסט די ווידער־דערוויילונג פון הער האַפּראַט סקעדל צום נייעם פּאַרלאַמענט. דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן מיינט דעריבער, אַז — אויפן וואונטש פון יענע הויכע קרייזן — דאַרפן מיר אַלע עקזיסטירנדיקע מיינונג־פאַרשיידנהייטן צווישן אונז אָפּלייגן אויף נאָך די וואַלן. וואָרים ווער קאָן צווייפלען, אַז די פּראָקלאַמירונג פון די וואַלן וועט אַרויסרופן גאָר אַ גרעסערע מיינונג־פאַרשיידנהייט ביי דער באַפעלקערונג. דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן האַלט — און דאָס איז ווידער שטרענג פאַרטרוילעך — אַז אויב מען וויזט די מאַסן אַ פינגער, ווילן זיי גלייך די גאַנצע האַנט. דאָס איז אויך מיין מיינונג — אויך דאָס, מיינע הערן, איז שטרענג פאַרטרוילעך.״

„דער איינציקער אויסוועג — האָט געזאָגט סענדער־שלמה שרייבער — איז אַ קאָמיטעט. מיר גרינדן אַ קאָמיטעט. אויב מיר וועלן אַלע צוזאַמען זיין פאַראייניקט אין איין קאָמיטעט, וועלן זיי שוין אַלע שטימען ווי די העכסטע קרייזן פאַרלאַנגען, און זיין מאַיעסטעט וועט זיך איבערצייגן, אַז אין טערנעט הערשט איינייקייט.״

די איבעריקע האָבן געשוויגן. פראַנץ בייל האָט אַלעמען באַטראַכט, און דערנאָך געזאָגט: „איך נעם אָן דאָס שווייגן פון די אַנדערע ווי אַ צושטימונג״.

„ווען מיינער אַ קליענט שווייגט, זע איך אין דעם, ליידער, אַ סימן פון נישט צופרידנקייט״ — האָט זיך אָנגערופן טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש.

„און איר, מיינע הערן?״ — האָט פראַנץ בייל זיך געווענדט צו בערל ווילגער און דעם אַפּטייקער זילבערבוש.

בערל ווילגער האָט אַ ציי געטאָן מיט די אַקסל און זילבערבוש האָט געזאָגט: „מיר וועלן וואַרטן און זען״.

דער שמועס האָט זיך געענדיקט אָן אַ רעזולטאַט. ווען דער בירגער־מייסטער איז געבליבן מיט סענדער־שלמה שרייבערן אַליין, האָט ער צו אים געזאָגט: „אַ ביטערע לאַגע. פריער, פאַרן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, האָבן מיר איינס־און־צוויי דורכגעשמוגלט סקעדלען, איצט האָט זיך פּלוצים יעדער איינער זיינע באַזונדערע קאַפּריזן. איך מוז אייך זאָגן — איך בין אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. כ׳האָב באַקומען אַ בריוו פון סקעדלען, אַז איבער־מאָרגן קומט ער צופאָרן. מ׳וואָלט באַדאַרפט פאַר אים צוגרייטן אַן אויפ־נאַמע ביים באַנהויף, אָבער גיי טו עפּעס, אַז אַלע שאָקלען זיך אָפּ! אַ, ווען דער קייזער וואָלט די זאַך באַטראַכט פון דעם סערעטער שטאַנדפּונקט...״

סענדער־שלמה שרייבער האָט עס באַטראַכט פון זיין שטאַנדפּונקט: „ווען מען פוצט־אויס די ברילן, זעט מען קלאָרער. צוערשט וועגן דער אויפנאַמע: איר, פאַרשטיי איך, וועט שיקן צום באַנהויף אייערע צוויי הונ־דערט אַרבעטער און אָנגעשטעלטע; און איך וועל דאָס זעלבע טון — איז די אויפנאַמע איין־מאָל אַוועק. און וועגן דעם איבעריקן וועלן מיר זען.״

נאָכן געשפּרעך מיטן בירגערמייסטער, האָט טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָ־וויטש אָנגעפרעגט ביים פּרעזידענט פון די קאַסע־שטאַלקאַסטנס, דר״ אַראַל־בערט קאַספּער, צי איז ער נאָך אַלץ אַ קאַנדידאַט פאַר די פּאַרלאַמענט־וואַלן, און קוים צוויי שעה שפּעטער האָט ער באַקומען אַ טעלעגראַמע:

ביבין שטאָלץ מיטן פּאַרטרויען פון די סערעטער סטאָפּ בינעם אויף זיך דעם שווערן יאָך סטאָפּ וואַל־הוצאות אַרויסגעשיקט קאַספּער.

ווען טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט זיך געאיילט מיט דער טעלע־גראַמע אין קאַסינאָ, האָט ער אויפן וועג דערהערט די שטאָטישע פּויק און דערזען, ווי אַרום דעם געמיינדע־דינער שרובעק האָט זיך פאַרזאַמלט, אַ גרויסער עולם. קאָנסטאַנטינאָוויטש האָט זיך איינגעהערט וואָס שרובעק האָט

אויסגערופן: „דער הער בירגערמייסטער לאָזט בעטן אַלע סערעטער, אָן אונ־טערשייד פון גלויבן, רעליגיע, נאַציאָנאַליטעט, עלטער און געשלעכט, צו קומען צום באַנהויף פערזענלעך און אין מאַסן, יאָמטעווודיק אָנגעטון, דאָ־נערשטיק אינדערפרי, פּונקט צען מינוט צו עלף. דאָרט וועט איר האָבן די געלעגנהייט צו זען און וואַרעם צו באַגריסן אייער דעפּוטאַט און וויטערדיקן קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט דעם הער האַפּראַט און אוניווערזיטעט־פּראָפע־סאָר סקעדל. ווער עס וועט נישט קומען, וועט מער אַזאַ געלעגנהייט נישט האָבן.״

אחוץ אַ טייל פון די אַרבעטער אין דער ביר־ברענעריי, עטלעכע גע־מיינדע־אָנגעשטעלטע און פריינט פון פראַנץ בייל און סענדער־שלמה שריי־בער, איז צו דער אויפנאַמע ביים באַנהויף נאָך געקומען בלויז דער פּראָפע־סאָר פון געשיכטע, הילאַריאַן מאַפּאַן. באַגריסנדיק סקעדלען, האָט ער גע־זאָגט: „די סערעטער האָבן פּאַראַסטן זייער בכּורה, ווי די אַטענער זייער שטאַטסמאַן פּעריקלעס. אָבער גייסט מיינט מער ווי ברייטע מאַסן. איר קאָנט רעכענען אויף מיר און אייערע אַנדערע איבערגעגעבענע אָנהענגער.״

11

זופּן סקעדל איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין סערעט, איז נאָך גע־שטאַנען אַ ליידיקער פּלאַץ צווישן דעם מאַרק און דער ביר־ברענעריי. שפּע־טער האָט פראַנץ בייל דאָרט אויפגעשטעלט אַ שיינע מאָדערנע געביידע און עס אַ נאָמען געגעבן „האָטעל אָנגאָהאָף״. אין האַרבסט, נאָכן שניט, זענען די רומענישע גוטס־באַזיצער אַריבערגעקומען קיין סערעט, כּדי דאָ, ביים לעצטן זוים פון קולטור, ווי זיי פּלעגן זיך זאָגן אויסדריקן, צו געניסן פון דער מערב־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. דער „אָנגאָהאָף״ פּלעגט דעמאָלט זיין איבערגעפּאַקט. אָפט פּלעגט מען דאָ אין אַ נאַכט פאַרשפּילן און געווינען הונדערטער טויזנטער. די סערעטער האָבן דעם האָטעל גערופן — דאָס קליי־נע מאָנטע קאַרלאָ. אָבער איצט, אום ווינטער, איז אין דעם האָטעל איינגע־שטאַנען בלויז דער אַמעריקאַנער דאַלף סמיט. אַהער האָבן אויך דער ביר־גערמייסטער פראַנץ בייל און סענדער־שלמה שרייבער געבראַכט זייער גאַסט, דעם האַפּראַט סקעדל. בייל האָט אים אַרומגעפירט איבער אַלע צי־מערן און אים געוויזן די וואַכערליימונג און דעם וואַסער־קלאָזעט. „מיט דעם בין איך אינספּירירט געוואָרן״, — האָט ער פאַרזיכערט סקעדלען — „ווען איך האָב געזען דאָס גליק צו זיין אַ גאַסט ביי אייך אין הויז.״ סענדער־שלמה שרייבער, וועלכער האָט אין זיין הויז נאָך נישט פאַרמאָגט די אַלע איינריכטונגען, האָט געפרעגט ביים האַפּראַט סקעדל: „איז עס אמת, ווי מען

דערציילט, אַז אין קייזערלעכן הויף אין ווין איז אַלץ געבליבן ביים אַלטן, ווי אין אַמאָליקע גוטע צייטן, אַפילו אָן אַ וואַסער־קלאָזעט?".

סקעדל האָט נישט געוואָלט אָננעמען די איינלאַדונג צום מיטאָג־עסן, און בלויז געבעטן זיי זאָלן זיין ביי אים דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. ער איז געבליבן אַליין און גענומען טראַכטן: אין קומענדיקן פּאַרלאַמענט וועט די רעגירונג, נאָר מער ווי ביז איצט, זיין אָנגעוויזן אויף יעדער אָפּגעגעבענער שטים. דורכן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט וועט די אָפּאָזיציע וואַקסן און יעדע שטים וועט די ווערט זיין מינדסטנס דריי מאָל אַזויפיל. לויט דער אויפנאַם ביים באַנהויף, זענען די אויסזיכטן דאָ נישט איבעריק גרויס...

נאָכמיטאָג האָבן אַלע דריי געטרונקען קאַווע צוזאַמען. אין אויוון האָט געקנאַקט אַ לוסטיק פייערל. פון דאַך האָבן אייז־סטאַמפּאַליעס אַראָפּגעהאָנגען ביז איבער די פענסטער. פון דערווייטנס האָבן זיך דערטראָגן קוויטשערייען און לוסטיקע אויסגעשרייען פון קינדער, וועלכע האָבן זיך געגליטשט און זיך געוואָרפן מיט קאַלבעס שניי. דורכן פענסטער האָט מען געקאָנט זען דעם רואיגען־באַרג, וויַיט ביז איבער דער רומענישער גרענעץ אַריבער. סקעדל האָט אָנגעגאָסן די שמעקנדיקע קאַווע און אַ זאָג געטאָן: „אין ווין רעדט מען וועגן אַ גרויסן געוויטער, וואָס קלויבט זיך אויף יענער זייט גרענעץ."

„און אונזער רעגירונג וועט שווייגן?" — האָט געפרעגט סענדער־שלמה שרייבער.

אין סקעדלס ענטפער האָט געקלונגען אַ מעלאַנכאָלישער אונטערטאָן: „מיט אַ שטרויענער קאַסקע און אַ פּאַפּירענעם פּאַנצער קאָן מען נישט ווערן קיין פייערלעשער."

„איר דאַרפט שוין זען די פייערלעשער איינריכטונג ביי אונז!" — האָט שטאָלץ באַמערקט פראַנץ בייל — „מיר האָבן אויסגעגעבן גאַנצע דריי הונדערט קראָנען אויף נייע, פייער־געזיכערטע איינריכטונגען. איין זאַך נאָר קאָן איך נישט פאַרשטיין: צו וואָס האָט אונזער קייזער באַדאַרפט דאָס אַל־געמיינע וואַל־רעכט?"

„און אויב איך מעג שטעלן נאָך אַ פראַגע" — האָט זיך אָנגערופן סענדער־שלמה שרייבער — „מ'זאָגט יאָקבי, אַז זיין מאַיעסטעט איז אויף אַ געוויסן אופן געווען געצוואונגען איינצופירן אַזאַ ראַדיקאַלע ענדערונג—?"

סקעדל האָט דערלאַנגט פּאַפּיראָסן זיינע געסט און האָט אַליין פאַררויכערט: „די מערסטע שטעט זענען צוזאַמענגעשטעלט אָדער פון שטיין, אָדער פון ציגל. ביי אונז איז אַלץ מייסטנס פון האָלץ, און האָלץ ברענט לייכט. די אַנדערע זייט פון אונזערע גרענעצן איז באַוואוינט פון די זעלבע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס לעבן אין אונזער אייגענער מאָנאַרכיע. קאָן יעדער פונק, וואָס פליט פון דאָרט אַריבער, גאַנץ לייכט אָנצינדן אונזער האָלץ."

„אָבער דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט" — האָט איינגעוואָנדט סענדער־שלמה שרייבער — ברענגט דאָך אַריין נאָך מער אומרו און צעמישעניש."

„וועל איך אייך זאָגן, מיינע הערן — אין ווין דערציילט מען אַזאַ אַנעקדאָט: אונזער פינאַנץ־מיניסטער האָט וואָכנלאַנג פאַרהאַנדלט מיטן פּרעזידענט פון אַ ווינער באַנק־הויז וועגן אַ הלואה. ענדלעך האָט מען זיך געאייניקט און מ'האָט באַדאַרפט אונטערשרייבן די פּאַפּירן. צו דער צערע־מאָניע פון אונטערשרייבן זענען אויך געקומען דער מיניסטער־פּרעזידענט, דער מיניסטער פון אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן און אַ פאַרטרעטער פונעם קייזער. מ'האָט געטרונקען שנאַפּס, וויין און ליקער, געהאַלטן טאָוסטן און זיך צוגעוואונטשן, און דער סעקרעטאַר האָט דערלאַנגט דעם פינאַנץ־מיניסטער די פעדער צום אונטערשרייבן. זאָגט פּלוצים דער מיניסטער פאַר אינערלעכע אַנגעלעגנהייטן צום באַנקיר: מיין פּאָליציי־שעף האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אייער זון איז טעטיק אין ראַדיקאַלע קרייזן. ס'וואָלט מיר געווען זייער פיינלעך, אַז נאָך די פריינטלעכע באַציאונגען, וואָס הערשן צווישן אונז, זאָלן מיר דאַרפן אייער זון אַרעסטירן. מיר וואָלטן דעריבער געבעטן איר זאָלט זען פּועלן ביי אייער זון, ער זאָל זיך צוריקציען פון די דאָזיקע קרייזן. — ווען דער באַנקיר האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון שטול און גאַנץ קאַלט גענומען זיך געזעגענען. אַלע זענען געווען דערשטוינט. פרעגט דער פינאַנץ־מיניסטער: וואָס איז געשען? ענטפערט דער באַנקיר: אַ רעגירונג, וואָס האָט מורא פאַר מיין זון, קאָן איך נישט געטרויען קיין הלואה."

פראַנק בייל האָט נישט געכאַפּט דעם זין פונעם אַנעקדאָט. ער האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „דער הער מיניסטער האָט האָפנטלעך דעם פרעכן באַנקיר אַנגעלערנט און אים אַרעגטירט."

סקעדל האָט זיך געמאַכט נישט־הערנדיק, האָט אַ זופּ געטאָן פון זיין קאַווע און ווייטער געזאָגט: „קעגן אונזערע קרעדיטאָרן און פאַרן אויס־לאַנד מוזן מיר שפּילן די ראָל פון שטאַרקע. דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט דאַרף באַווייזן דער וועלט אונזער קרעדיט־פעאיקייט און אונזער כוח."

„אָבער ווי אַזוי קאָנען מיר באַוועגן אונזערע מענטשן" — האָט געפרעגט סענדער־שלמה שרייבער — „זיי זאָלן שטימען אין די אינטע־רעסן פון דער רעגירונג? פאַר יעדן מאַנדאַט זענען דאָ דריי אָדער פיר קאַנדידאַטן. מיט וואָס פאַר אַ מאַכט קאָנען מיר דורכזעצן, אַז ס'זאָל דערוויילט ווערן גראַד דער קאַנדידאַט, וואָס איז פּאַסיק פאַר די אינטערעסן און דער קרעדיט־פעאיקייט פון דער רעגירונג?"

„וועגן דעם, מיינע הערן" — האָט געענטפערט סקעדל — „דאַרפט איר שוין ביי מיר נישט פרעגן קיין עצה. ווען אַ רעגירונג איז אָפּהענגיק פון די קאַפּריזן פון איין באַנקיר, איז וויפל וואַל־באַרעכטיקטע זענען אָפּ־

העגגיק פון די קאַפּריזן פון אײך, הער שרײבער, און װיפל פון אײך, הער בירגערמײסטער?"

„פאַר די אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון מײן ביר־ברעגעריי, גאַ־ראַנטיר איך. אַזוי אױך פאַר דעם געמײנדע־פּערסאָנאַל און פאַר די יעניקע, װאָס באַקומען קאָנצעסיעס פון דער געמײנדע" — האָט פּאַרזיכערט בײל.

סענדער־שלמה שרײבער האָט עטלעכע מאָל אַ גלעט געטאָן זײַן לאַנגע באָרד און װידער געפרעגט: „פּלאַנט די רעגירונג דורכצופירן די װאַלן באמת געהײם?"

„מער־װײניקער."

„װעט איר מיר דערלויבן, הער דעפּוטאַט, איך זאָל א י י ך דער־צײלן אַ קלײנעם אַנעקדאָט: ס'איז אַ מנהג אין רביאישע הויפן, אַז פאַר יום־טובים שיקט יעדער חסיד א פלאַש װײַן דעם רבין כדי אײַנצושפּאָרן די אַרבעט פון איבערנעמען אײַנצלנע פלעשער און זײ גיסן אין באַזונדערע כלים. האָט אײן רבי אויפגעשטעלט אין זײַן קעלער אַ גרויסע פאַס, און באַפוילן זײַנע חסידים, זײ זאָלן מער נישט ברענגען די פלאַש צו אים, נאָר זײ אַרײַנגיסן אין פאַס. װען דער רבי האָט אום יום־טוב געמאַכט קידוש און גענומען דעם בעכער צום מויל, האָט ער דערפילט, אַז ער טרינקט װאַסער און נישט קײן װײַן."

„דאָס איז דאָך" — האָט בײל זיך געקאָכט — „אַן אָפענע באַטריגערײ פון צוטרויען, װאָס קײן אונטערטאַן טאָר זיך נישט דערלויבן אונטער קײן שום אומשטענדן. װען מײַנע אַרבעטער..."

סקעדל האָט װידער זיך געמאַכט נישט־הערנדיק בײלס רײד, און געזאָגט צו שרײבערן: „אײַער אַנעקדאָט איז מיר באַקאַנט. עס איז אָבער דאָ א צװײטער טײל פונעם אַנעקדאָט, װעלכער איז אפשר אײַך נישט באַקאַנט. אײַנדערפרי, באַלד נאָכן לײענען, איז דער רבי אַרויף אויפן באַלעמער און הויך אויסגערופן: עטלעכע פון מײַנע חסידים האָבן, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, באַגאַנגען אַן עבֿרה און צוגעגאָסן װאַסער צום װײַן. מיט דעם איז מײַן קידוש געװאָרן א ברכה לבטלה. װאָרים װי איר װײסט גאַנץ װאױל, מעג מען מאַכן קידוש נאָר איבער רײנעם װײַן. אָבער גאָט איז זיך מרחם איבער אַ בעל־תשובה. מײַן קעלער בלײַבט הײַנט די גאַנצע נאַכט אָפן. דאָס פאַס שטײט גרײט — װער עס װיל, קאָן נאָך װערן אַ בעל־תשובה."

„װאָסזשע איז געשען?" — האָט געפרעגט בײל.

„די גאַנצע נאַכט האָט מען געהאַלטן אין אײן קומען און גײן אין רבינס קעלער, און צומאָרגנס איז דאָס פאַס שוין פול געװען מיט רײנעם װײַן."

„איך זויפן רבינ׳ס אָרט וואָלט געווען אַ סך שטרענגער" — האָט באַ־מערקט בייל.

ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. דאָס פייער פון אויוון האָט געוואָרפן אַ רויטן שיין אויף דער וואַנט קעגנאיבער. סענדער־שלמה שרייבער האָט אַ קלונג געטאָן. ס׳איז אַריינגעקומען אַ דינער און אָנגעצונדן דעם מיט אַ סך קרישטאָל־גלעזלעך באַהאַנגענעם נאַפט־לאָמפּ. מיט דער טונקלקייט איז איצט אויך פאַרשוואונדן די אַנעקדאָטן־שטימונג וועגן דעם ווינער באַנקיר מיט די מיניסטערס און וועגן דעם רבין מיט זיינע חסידים און דעם פאַרוואָסערטן וויין.

„אײן זאַך איז פאַר אונז קלאָר, מיינע הערן" — האָט פאַרענדיקט סקעדל — „אַז מיט די פריערדיקע מעטאָדן קאָן מען איצט נישט אַרבעטן. אַמאָל איז געגוג געווען זיך זען מיט אַ טוץ מענטשן, און די נויטווענדיקע צאָל שטימען איז געווען געזיכערט. ביי אַזאַ גרויסער צאָל וויילער, איז דאָס מער נישט מעגלעך. מיר מוזן איצט, מיינע הערן, זיך איינינקן אויף אַ גאַנץ נייעם פּלאַן פון אַרבעט."

12

ס׳איז געווען פרייטיק מיטאָגצייט — אַ מילדער טאָג, סוף יאַנואַר. פון די מייסטע שטיבער האָט אַרויסגעשמעקט דאָס פריש־געבאַקענע ברויט. דער געמיינדע־דינער שרובעק איז געגאַנגען פונעם מאַרק מיט דער הויפּט־גאַס אין דער ריכטונג צום סערעט־טייך און געפויקט. הינטער אים איז נאָכ־געלאָפן אַ שערענגע קינדער, איטגערע און דערוואַקסענע, און זיך געוואָרפן מיט שניי־קוילן. פון צייט צו צייט האָט זיך שרובעק אָפּגעשטעלט, אַרויס־געשלעפּט פונעם לינקן מאַנטל־מאַנשעט אַ פּאַפּיר און זיך געמאַכט, ווי ער וואָלט בוכשטעבלעך פאַרגעלייענט: „אַ הויכער, אָנגעלייגטער גאַסט איז געקומען קיין סערעט. דער הויכער גאַסט איז דער ראַט פון ווינער הויף, וועלכער פאַרטרעט די שטאָט סערעט אין קייזערס פאַרלאַמענט און וויל זי אויך ווייטער פאַרטרעטן. אַזוי ווי דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט גיט יעדן איינעם דאָס רעכט אַלץ אַליין צו באַשטימען, בעטן דער הער דעפּוטאַט און דער הער בירגערמייסטער, אַז אַלע סערעטער, אָן אונטערשייד פון ראַנג און שטאַנד, זאָלן מאָרגן קומען צום געמיינדע־ראַט דריי דעם זייגער נאָכמיטאָג. יעדער איינער קאָן מיטברענגען זיינע וואונטשן, זיינע פאַר־לאַנגען און זיינע זאָרגן. דער הער דעפּוטאַט וועט זיי אַלע איבערנעמען און זיי ברענגען אין נייעם פאַרלאַמענט, כדי זיי דערנאָך איבערצוגעבן דעם

קייזער. ביים איבערגעבן די וואונטשן און זאָרגן האָבן די אָרגאַניזאַציעס דעם פאַרצוג פאַר די אינדיווידואַליטעטן."

אויסהערנדיק שרובעקס רעדע, האָט דער טעפּער מיכל הייער געזאָגט צו אַ גרופּע צוהערער: „אויב ער וויל מיטנעמען אַלע אונזערע צרות קיין וויִן, מוז ער באַשטעלן אַ ספּעציעלן צוג מיט אַ כּך לאַסט־וואַגאָנען. נאָר וואָס דער קייזער וועט טאָן מיט אַזאַ פּאַק צרות און פאַרלאַנגען, הייב איך נישט אָן צו וויסן. כ'האָב מורא, אַז ס'וועט זיין ווי מיט נחמיה באָדנער און דעם רבין. נחמיה באָדנער האָט זיך געקלאָגט פאַרן רבין, אַז זיין ציג גיט אים ווייניק מילך, ער האָט נישט אויף קיין האָלץ צום הייצן און דערצו וואוינט ער מיט דער משפּחה זאַלבע־אַכט קיין עין־הרע אין איין ענג שטיבל, וואָס איז אויך זיין וואַרשטאַט. דער רבי האָט אים געהייסן די ציג, און די עטלעכע הינער, וואָס ער פאַרמאָגט, אַריינגעמען צו זיך אין שטיבל. האָט ער אַזוי געטאָן; ס'איז אָבער געוואָרן אַזוי ענג אין שטיבל, אַז מ'האָט נישט געקאָנט אָטעמען. איז נחמיה ווידער געלאָפן צום רבין מיט אַ קלאָג: רבי לעבן, ס'איז מער נישט צום אויסהאַלטן! האָט דער רבי אים אויסגעהערט און אים געהייסן די ציג מיט די הינער ווידער אַרויסנעמען פונעם שטיבל. נחמיה האָט געטאָן, ווי דער רבי האָט אים געהייסן, און זייט דעמאָלט האָט ער זיך געפילט אין זיין שטיבל אַזוי גוט, ווי באַך קיינמאָל נישט."

13

שוין צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג איז דער פּלאַץ ביים מאַגיסטראַט געווען געפּאַקט מיט מענטשן. עס זענען געקומען אידן אין זייערע לאַנגע, שבת־דיקע קאַפּאָטעס, און רוטענער אין זייערע אַליין־געמאַכטע, פאַרביקע לייוונטענע העמדער, שאַפּענע פּעלצן און היטלען פון ציגענער פעל. די דייטשע שוואַבן האָבן געטראָגן גרינע היטלעך מיט איינגעשטעקטע פאַרביקע פעדערן. ס'איז געווען אַ פּאַסיקער טאָג — שבת, ווען אַלע קראָמען און וואַרשטאַטן זענען פאַרמאַכט.

„מ'בעט די הערן זיך אויסשטעלן לויט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיי פאַרטרעטן" — האָט אויסגערופן דער געמיינדע־סעקרעטאַר, שטייענדיק אויפן העכסטן טרעפּל פונעם אַריינגאַנג. ער האָט דאָס זעלבע איבערגעחזרט אויף אידיש, רומעניש און אוקראַיניש. ווי נאָר דער שטאָט־זייגער האָט געשלאָגן דריי, האָט דער סעקרעטאַר אָנגעהויבן אַריינלאָזן — קודם די סוחרים. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון פינף מענטשן, וועלכע האָבן

פאַרטראַטן די פיר שפּראַכן און נאַציאָנאַליטעטן פון דער שטאָט סערעט.
דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל האָט פאַרגעשטעלט די צוויי אָנפירער
פון דער דעלעגאַציע: „הער הערמאַן זיבורג, באַזיצער פון דעם גרעסטן
שפּייז־געשעפט, און הער דוד געלבער, באַזיצער פון דעם מאָדע־געשעפט
'אַ לאַ װילע דע פּאַרי'. די אַלע פינף הערען זענען אַ מוסטער פון געטרייע
אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט."

האָפראַט פּראָפעסאָר סקעדל האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט יעדן באַ־
זונדער געגעבן די האַנט, נאָכאַמאָל פרעגנדיק ביי יעדן זיין נאָמען, און
געזאָגט: „איך דאַרף נישט ערשט באַטאָנען, מיינע הערען, ווי גליקלעך איך
בין פּערזענלעך זיך צו באַקענען מיט אייך. איך האָב שוין אַ סך געהערט
וועגן אייך, און שטענדיק בלויז גוטס. אין די עקסטע קרייזן אין ווין איז
מיר אָפט אויסגעקומען צו רעדן וועגן דער שטאָט סערעט. און איצט,
האָבנדיק דאָס גליק פּערזענלעך זיך צו באַקענען מיט אייך, בעט איך אייך
מיר צו דערקלערן אַלץ, אין וואָס די שטאָט סערעט נויטיקט זיך."

אין סוחרים־פאַראיין האָט מען, נאָך לאַנגע און הייסע דיסקוסיעס,
געהאָט באַשלאָסן, אַז זיבורג זאָל זיין דער פירער, און געלבער — דער
פירשפּרעכער פון דער דעלעגאַציע. די פּאַסיקע רעדע איז פריער אויס־
געאַרבעט געוואָרן דורך אַ באַזונדערער קאָמיסיע, און דוד געלבער האָט
זי דערנאָך אויסגעלערנט אויף אויסוויינִיק. אָבער איצט האָט ער זיך בשום
אופן נישט געקאָנט דערמאָנען דאָס ערשטע וואָרט פון דער רעדע און עד
איז געבליבן שטיין אַ צעשראָקענער. דער בירגערמייסטער האָט אויסגע־
נוצט די פאַרלעגנהייט און האָט אויף גיך אַ זאָג געטאָן: „אין וואָס די שטאָט
סערעט נויטיקט זיך, איז פריער פאַר אַלץ — אַ דעפּוטאַט."

„געוויס, געוויס" — האָט סקעדל עס צונישט געמאַכט — „פאַר־
שטייט זיך, אַז אַ דעפּוטאַט — דערויף בין איך דאָך דאָ. אָבער איך וואָלט
וועלן וויסן וואָס פאַראַ זאָרגן און וואונטשן האָבן די היגע סוחרים, דער
דער איידלסטער צווייג פון דער שטאָט."

דוד געלבער האָט זיך ענדלעך דערמאָנט די ערשטע ווערטער פון
דער רעדע און ער האָט אָנגעהויבן: „וואָס מיר דאַרפן, הער קייזערלעכער
דעפּוטאַט? מיר וואָגן גאָרנישט צו פאַרדרייען דעם קאָפּ פון זיין מאַיעסטעט
מיט אַלע אונזערע נויטן און זאָרגן. אָבער אייך הייסן וואונטש אונזערן ווילן
מיר דאָך אויסדריקן: מיר נויטיקן זיך זייער שטאַרק אין אַ באַן־פאַרבינדונג
קיין מיהאַלעני. שטעלט זיך אייך פאָר אונז וועגן דעם ביי ווען ס'איז אייך
באַר מעגלעך — אין פּאַרלאַמענט, ביים מיניסטער, אָדער אפשר טאַקע די־
רעקט ביי זיין מאַיעסטעט. דער קייזער האָט דאָך שוין אַזויפיל באַנען —
וואָס פאַראַ ראָל שפּילט ביי אים נאָך אַ באַן אויסצובויען? דאָס צווייטע,
וואָס מיר דאַרפן זייער נויטיק אין אונזער שטאָט, איז אַ קאַזאַרמע מיט

סאָלדאַטן. פאַרוואָס זאָלן אַלע כאַלדאַטן זיין אין טשערנאָוויץ? סאָלדאַטן קויפן, און דאָס לעבט־אויף דעם האַנדל. ווען איר באַוויליקט אונז אָט די צוויי פאָדערונגען, הער האַפּראַט, קאָנט איר זיכער זיין, אַז איר וועט באַקומען אַלע אונזערע שטימען; און פּאַרט בשלום, אין גאָטס נאָמען, מיט אונזערע וואונטשן קיין ווין, ווי אונזער פאַרטרעטער צום קייזער און צום פאַרלאַמענט.”

„זייט זיכער, מיינע הויך־געערטע הערן, סוחרים און פאַרטרעטער פון האַנדל, אַז אייערע וואונטשן זענען אויך מיינע, און איך קאָן רואיק זאָגן, אַז זיי זענען אויך די וואונטשן פון זיין מאַיעסטעט דעם קייזער. איך בין גליקלעך צו הערן פון אייך, אַז וואָס טעכניק און פאַרשריט אַנבאַלאַנגט, דענקט איר פּונקט אַזוי ווי איך. איר וועט באַקומען אייער באַן־ליניע און איך וועל זיך אויך באַמיען איר זאָלט קריגן אַ גאַרניזאָן סאָלדאַטן אין אייער שיינער שטאָט.”

„מיר האָבן אַלץ געפּועלט” — האָט די דעלעגאַציע פאַרזיכערט זייערע מענטשן, וועלכע האָבן געוואַרט אינדרויסן — „מיר באַקומען אַ באַן־ליניע קיין מיהאַלעני און אַ גאַרניזאָן מיט אַ סך סאָלדאַטן.”

ווי נאָר זיבורג האָט אַרויסגערעדט די ווערטער, האָט דער פּיאַקער־באַזיצער דודל שמאָטשעק אַ געשריי געטון צו זיינע מענטשן: „העי! פּיאַקערניקעס און באַלעגאָלעס — קומט אַלע מיט מיר, מיר ווילן אויך עפּעס אַ שמועס טון מיט דעם צילינדער.”

אַרום דודל שמאָטשעק האָבן זיך צונויפגעקליבן אַ הייפל מענטשן מיט ברייטע פּלייצעס און מיט בייטשן אין די פעסטע הענט. דער געמיינדע־סעקרעטאַר האָט געהאַלטן ביים אריינלאָזן אַ דעלעגאַציע פון „דייטשן הויז”. אָבער די חברה פּיאַקערניקעס האָבן אים אַ שטופּ געטון אָן אַ זייט, און ער האָט אפילו נישט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן. זיי האָבן אַריינגעשטורמט אין זאַל, ווי זיי וואָלטן אַקעגנגעלאָפן אַן אָנקומענדיקן צוג, צו כאַפּן דעם באַגאַזש פון די פּאַסאַזשירן. „לאָזט מיך רעדן” — האָט געשריען דודל שמאָטשעק — „איר, הער קייזערלעכער דעפּוטאַט, צי פּראָפעסאָר, אָדער וואָס איר זייט! איר ווילט אויסבויען אַ באַן־ליניע קיין מיהאַלעני? ווייסט איר, אַז הונדערטער פאַמיליעס אין שטאָט לעבן פון פירן פאַרשוינען און משא, קיין מיהאַלעני און צוריק? מיר וועלן זיך נישט לאָזן אַרויסרייסן דאָס שטיקל ברויט פון מויל. זאָגט אונז דאָ אָפן, אָן קונצן: איר גייט בויען אַ באַן־ליניע, אָדער נישט?”

פראַנץ בייל איז אויפגעשפּרונגען און געוואָלט רופן די פּאָליציי, מען זאָל זיי אַרויסוואַרפן, אָבער סקעדל האָט אים באַרואיקט און אים געהייסן זיך אַוועקזעצן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ערגעץ־וואו געזען אַ

פערד־באַן, און דעריבער תיכף געזאָגט צו דודל שמאַטשעק און זיינע מענטשן: „באַרואיקט אייך, מיינע הערן. דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרדריס־לעכער טעות. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פערד־אייזנבאַן, ביי וועלכער יעדער איצטיקער קוטשער און פורמאַן...״

„דאָרט אין ווין, האָט פראָפעסאָר, דערציילט זיי אַזעלכע מעשיות! ביי אונז דרייען זיך די רעדער, און מיר דאַרפן נישט קיין אַנדערע דרייע־נישן. אויב איר מיינט, אַז איר וועט אונז דאָ פאַרדרייען דעם קאָפּ, ווילן מיר אייך זאָגן, אַז מיר סערעטער זענען ערלעכע און אָפנהאַרציקע מענטשן. ווען דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט באַשטייט אין מאַכן אַ באַן קיין מיהאַלעני, קאָנען מיר זיך אויסדאָסן אויף דעם, און נישט געהיים, נאָר גאַנץ עפנטלעך און דירעקט.״

„גאָט אין הימל!״ — איז פראַנץ בייל געווען אויסער זיך — „וואָס וועט זיך דער הער דעפּוטאַט דענקען וועגן אונז, סערעטער, ווען אַזעלכע רייד...״

ווידער האָט אים סקעדל באַרואיקט: „זאָלן נאָר די הערן זיך אָראָפּ־רעדן פון האַרצן. ביטע, רעדט ווייטער, הער פאָרשטייער פון די פורמאַ־נעס, איך הער זיך גערן צו.״

„איך האָב מער גאָרנישט וואָס צו רעדן. איצט וואַרטן מיר אויף אַ וואָרט פון אייך.״

„איך מיין: אַנטוויקלט נאָר ווייטער אייער פּראָגראַם.״

„איך האָב נישט קיין שום פּראָגראַמען. מיר פּיאַקערניקעס, באַלעגאָ־לעס, איד אָדער קריסט, דאַרפן האָבן היי און האָבער פאַר די פערד און עסן פאַר אונזערע קינדער. וואָס מיר דאַרפן נישט — איז די אייזנבאַן.״

„אייער שטאַנדפּונקט, מיינע געערטע הערן, ווייזט מיר אויס צו זיין זייער אַ גערעכטער. נישט זיין מאַיעסטעט און נישט איך וואָלטן וועלן צעשטערן ערלעכע פּרנסות. איך וועל, אויב איר וועט מיר שענקען אייער פאַרטרויען דורך אייערע שטימען, פאַרשלאָגן אין נייעם פּאַרלאַמענט, מען זאָל נישט אויסבויען קיין אייזנבאַן.״

די דעלעגאַציע פון די סוחרים האָט זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר. ווי נאָר זיי האָבן דערהערט סקעדלס לעצטע ווערטער, האָט דוד געל־בער אויפגעריסן די טיר און אַריינגעשריען: „נישט קיין אייזנבאַן? אָדער מען בויט אויס אַן אייזנבאַן, אָדער איר מעגט זיך שוין באַצייטנס זוכן אַן אַנדערן פּאָסטן.״

„מיינס אַ לעדער־זיץ איז נישט גענוג פאַר אייערע סוחרישע תחתער, איר טרעל־בייבער וואָס איר זייט!! איך באַנקראָטירט גענוג אויך אָן אַן אייזנבאַן.״

„אייזנבאַנען!"
„צעך... האָבער... פּאַרלאַמענט... פערד... קייזער... שטימען...
געהיים..."

סקעדל איז אַנטלאָפן צום בירגערמייסטער אין צימער. און אַלע סעק־רעטער, די פּאַרטרעטער פון אָרגאַניזאַציעס, ווי יעדער באַזונדער, זענען אויך אַוועק אַהיים, מיטנעמענדיק מיט זיך אַלע זייערע זאָרגן און וואונטשן.

14

דער ווינט האָט זיך געשפּילט מיט די צאַרטע שנייעלעך, וואָס זענען געפאַלן אין אומענדלעכע מאַסן. נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַראָפּ־צופאַלן אויפן באָדן, האָט זיי דער ווינט מיט זיין גאַנצער קראַפט ווידער אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, ווי ער וואָלט זיי וועלן צוריקשיקן אַהין, פון וואַנען זיי זענען געקומען. אָבער די שנייעלעך האָבן זיך נישט געלאָזן: מיט דער זעלבער געשווינדקייט ווי זייער שונא, דער ווינט, האָב זיי זיך פּאַראייניקט אין פּיראַמידן, בערגלעך און גאַנצע בערג־קייטן. נאָר פון ווינט איז געוואָרן אַ שטורם. ער האָט געיאָמערט דורכן וואַלד, אויסגע־וואָרצלט בוימער, און די אומצאָליקע שנייעלעך האָבן געמוזט זיך אונ־טערגעבן און טאַנצן לויטן טאַקט פון דער ווילדער מוזיק.

איינזאַם אין אָט דעם ווילדן געווירבל איז געשטאַנען דער רומענישער גרענעץ־סאָלדאַט וואַסילי. ארומגעבונדן אַ טיכל איבערן קאָפּ, אַז זיין צוויי־שפּיציק מיליטער־היטל זאָל נישט אַראָפּפליען, האָט ער נאָך שטאַרקער אַרומגעגאַרטלט זיין מאַנטל, פון וועלכן דער ווינט האָט געריסן די פּאָלעס. דער שניי האָט שוין געגרייכט איבער די כאָליעוועס פון זיינע שטיוול. ווי מיט וועסלעס אין אַ שטורמישן ים, האָט וואַסילי מיט צוויי שטעקנס אין ביידע הענט געפּרואווט זיך דורכרייסן דורך די צעווילדעוועטע עלעמענטן, כדי ווייטער צו גיין. זיינע אויגן האָבן געזוכט דורכצודרינגען דעם טאַנצנ־דיקן כאַאָס, און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער זעט אַ ליכט אין אַן איינזאַם שטיבל אַריבער דעם טייך, אויף יענער זייט פון דער עסטרייכי־שער גרענעץ. געוווען מינוטן, ווען אים האָט זיך געדאַכט, אַז די כוחות פאַרלאָזן אים — אומקערן זיך? וואוהין? צום הילצערנעם וואַך־שטיבל ביי דער גרענעץ? דער שטורם האָט עס שוין מסתם אַוועקגעטראָגן, ווי מיט צוויי יאָר צוריק, אָדער עס ליגט גאָר באַגראָבן אונטער די שווערע שניי־פלאָכטעס. און אחוץ דעם... ער וועט זיך נישט אומקערן וואָס עס זאָל נישט זיין. איז דאָך היינט אַנגאָס, זיין אַנושקאָס געבורטסטאָג. ער מוז איר אי־

בערגעבן זיין מתנה — די ווייסע לייוונט-בלוזע מיט די צוויי פּיאַלקעס, וואָס ער אַליין האָט מיט אייגענע הענט אויסגעשטיקט פון בלויען זייד.

געווען נאָך אַ פינף הונדערט מעטער צום שטיבל אויף דער עסטרייכישער זייט, וואוהין וואַסילי האָט איצט געוואַנדערט אין יענער נאַכטיקער זאַווערוכע, וואָס האָט געבושעוועט גלייך אַלע נאַטור־עלעמענטן וואָלטן זיך אָפּגעריסן פון דער קייט. ער האָט שוין געדענקט, אַז ער וועט נישט דערגרייכן זיין ציל. און כדי צו פאַרטרייבן אַזעלכע געדאַנקען, האָט ער גענומען זיך פאַרזינקען אין דערינערונגען:

דעמאָלט, מיט צוויי יאָר צוריק, האָט אים דער שניי־שטורם פאַרכאַפּט, ווען ער איז, פּונקט ווי היינט, געווען אין דינסט, באַוואַכנדיק די רומענישע גרענעץ קעגן עסטרייך. צוליב וואָס אייגנטלעך די וואַכן פּאַטרולירן די גרענעץ, האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין. זיין פאָטער איז געווען אַן אָרימער פעלד־אַרבעטער אויף אַ גוט אין דער געגנט פון יאַסי, גאַנץ ווייט פון דאַנען. וואַסילי איז געווען דער עלטסטער צווישן די זעקס קינדער. זיי האָבן געוואוינט אין אַ ליימענער כאַטע, מיט אַ שטרוידעכל, וואָס האָט געהאַט בלויז איין שטוב, אין וועלכער מ'האָט נאָך געהאַלטן זייערע צוויי ציגן. זייענדיק נאָך אַ קינד פון פיר יאָר, האָט ער שוין געמוזט צוהעלפן דער מוטער אין באַלעבאַטישקייט, און מיט זיבן יאָר האָט ער שוין געאַרבעט אויפן גוט ווי אַ פאַסטוך. אין אַ שולע איז ער קיינמאָל נישט געגאַנגען — אין דאָרף איז בכלל קיין שולע נישט געווען. זומער איז מען אַרומגעלאָפן באָרוועס, און פאַרן ווינטער האָט דער פאַרוואַלטער פון גוט געגעבן אַ פאָר שטרויענע שיך אָנצוטאָן. אינדערהיים האָט מען אָפּט דערציילט, אַז ערגעץ־וואו, אין אַ גרויסער שטאָט, איז דאָ אַ רעגירונג, וואָס פלאַנט צו געבן יעדן פעלד־אַרבעטער אַ פאָר אַקער ערד. האָט מען בעהאָפּט, געוואַרט, אָבער קיין ערד האָט מען קיינמאָל נישט באַקומען.

אַזוי איז אַוועק זיין קינדהייט און זיין יוגנט, ביז מ'האָט אים גענומען צום מיליטער. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער דעמאָלט געזען אַ גרויסע שטאָט — בכלל צום ערשטן מאָל אַ שטאָט געזען. ערשט ביים מיליטער האָט ער צום ערשטן מאָל אָנגעטאָן אַ פאָר לעדערנע שיך אויף די פיס, אָבער נישט צו גיין אין זיי אַ גאַנצן טאָג — בלויז פאַר די מיליטער־איבונגען און פאַר דעם אייגציקן פרייען האַלבן־טאָג אין דער וואָך. אַ שווערע צייט געווען אין די ערשטע טעג פון זיין מיליטער־דינסט. געגעסן האָט מען כמעט דאָס זעלבע, ווי אינדערהיים: מאַמאַליגע מיט ברינדזע און ציבעלעס — בלויז זונטיק אַ שטיקל פלייש. די גימנאַסטישע קני־איבונגען, דאָס מאַרשירן, סאַלוטירן, ווי דאָס דערקענען די ראַנגען פון די עלטסטע און זיך באַגיין מיטן געווער, האָט ער זייער גיך אויסגעלערנט. שווער איז אים נאָר אָנגעקומען דאָס, וואָס מ'האָט גערופן „דאָס טעאָרעטישע". דער

פעלדוועבל האָט זיך באַמיט זיי אויסצופֿלערגען וואָס ער מיינט אַ „וויזיר־ליניע" — אַ טעאָרעטישע ליניע ביים צילן מיט דער ביקס. האָט ער אָנגעשטעלט אַ געווער, אַרויסגערופֿן איינעם נאָכן אַנדערן, זיי געהייסן קוקן מיטן רעכטן אויג איבער דער רייר פֿון דער ביקס, און דערנאָך געפֿרעגט: „זעסט די וויזיר־ליניע?". פֿאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט גאָרנישט נישט געזען. אָבער — האָט מען געענטפֿערט „ניין", האָט דער פֿעלדוועבל דערלאַנגט אַ קאַפּע אין הינטן; האָט מען געזאָגט „יאָ", האָט דער פֿעלדוועבל געוואָלט מען זאָל אים ווייזן, וואו די וויזיר־ליניע געפֿינט זיך — און דעמאָלט האָט מען שוין געקראָגן פּעטש.

ס'איז געקומען אַ נייער פֿעלדוועבל. ער האָט צונויפֿגענומען זיין גאַנצע ראָטע סאָלדאַטן און געפֿרעגט: „אַ קאַמאַר האָט איר אַמאָל געזען?" אַלע האָבן געענטפֿערט „יאָ". האָט דער פֿעלדוועבל ווייטער געפֿרעגט: „האָט אַ קאַמאַר אַ געשלעכטס־אָרגאַן?". געוויס האָט ער. „האָט עמעצער פֿון אייך אַמאָל געזען אָט דעם געשלעכטס־אָרגאַן?" זיי האָבן נאָכגעקלערט, און באַלד געענטפֿערט „ניין". „איצט" — האָט דער פֿעלדוועבל דערקלערט — „וועט איר שוין פֿאַרשטיין וואָס עס איז אַזוינס אַ וויזיר־ליניע. פּונקט אַזוי ווי אַ קאַמאַר האָט אַ געשלעכטס־אָרגאַן, כאָטש מיר זען אים נישט, אַזוי איז אַ וויזיר־ליניע עפּעס, וואָס איז פֿאַראַן, כאָטש מיר זעען עס נישט. נישט אַמאָל. אַ גענעראַל זעט די וויזיר־ליניע."

נאָך עטלעכע חדשים מיליטער־דינסט, איז געקומען אַן איבּספּעקציע פֿון אָפֿיצירן, און וואסילי איז צוגעטיילט געוואָרן צום דינסט ביי דער גרענעץ. זיין דעמאָלט איז ער געשטאַנען אין דאָרף ווערפּולי, ביי דער עסטרייכישער גרענעץ־שטאָט סערעט. אין אָנהויב האָט ער זיך דאָ געפֿילט זייער גוט. דאָס עסן איז געווען בעסער, ווי אין דער קאַזאַרמע; פּונעם באַקומענעם לוין האָט מען געקאָנט אָפּשפּאָרן אויף אַ פּעקל טיטון פֿאַר אַ גאַנצער וואָך; אַ חוץ די פֿאַר שיך, אין וועלכע מען האָט געקאָנט גיין ווען מ'האָט געוואָלט, האָט מען נאָך געגעבן אַ פּאָר שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. ווער ס'האָט נאָך דערצו באַקומען אַביסל געלט פֿון דער היים, האָט געקאָנט יעדן זונטיק גיין טאַנצן מיט אַ מיידל. אָבער וואסילי האָט קיין איבעריק געלט נישט געהאַט — די אייגענע אין זיין דאָרף זענען געווען פּונקט אַזוי אָרים, ווי די פּויערים דאָ אין די דערפֿער.

נאָך אָפּדינען אַ שטיקל צייט, איז עס אים געוואָרן אויפֿגעפֿאַליק, וואָס ער ווערט נאָר זעלטן צוגעטיילט צום נאַכט־דינסט. און גראָד אין די נעכט, האָט ער באַמערקט, הערשט אַ לעבעדיקער פֿאַרקער אויף ביידע זייטן גרענעץ. פֿון דער רומענישער זייט ווערן אַריבערגעפֿירט קיין עסטרייך בהמות, וויין און תבואה, און פֿון דער עסטרייכישער זייט ברענגט מען אַריבער

שטאָפּן און וועש קיין רומעניע. ער האָט עס אַמאָל געזאָגט זיין הויפּטמאַן; האָט יענער אים דערקלערט, אַז ס'איז די פליכט פון אַ גרענעץ־סאָלדאַט גאַרנישט צו וויסן און גאָרנישט צו זען.

פאַרזונקען אַזוי אין געדאַנקען, איז וואַסילי שוין געווען אַ וואָסערע צוויי הונדערט מעטער פונעם הויז, וואוהין ער איז געגאַנגען. ס'איז איצט געווען נאָך מער פינסטער, אָבער דער ווייסער שניי האָט די טונקלקייט אַביסל געמילדערט. נאָר דער שטורעם האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן. דער ווינט האָט געפּאַטשט אין פּנים, די שנייעלעך האָבן געטאַנצט פאַר די אויגן — אָבער ס'איז פאַרט שוין נישט ווייט. כ'איז אים הייס געוואָרן — ער האָט זיך געבאָדן אין שוויס, אָבער ס'איז פאַרט נישט מער ווי נאָך צוויי הונדערט מעטער — — נייך, ער וועט זיך נישט אונטערגעבן, ווי דעמאָלט.

מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער האָט געהאַלטן וואַך אין דער נאַכט, האָט ער צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דורכגעמאַכט אַזאַ שטורעם ווי היינט. ווען ער האָט געפילט, אַז זיינע כוחות פאַרלאָזן אים, האָט ער געוואָלט זיך אומקערן צוריק, אָבער אויך דאָס האָט ער שוין מער נישט געקאָנט טאָן. אַ מידקייט איז אים באַפאַלן און ער האָט געוואָלט אָפּרוען א ווײַלע — — און אָט האָט זיך אים געדאַכט, אַז זיין מאַמע איז אַריינגעקומען — — ער האָט גערוט אויף זיין געלעגער, איינגעדעקט מיטן טאַטנס פעלץ, און די מיטער האָט געהאַלטן זיין האַנט. אַזאַ אָנגענעמען וואַרעמקייט האָט געשטראָמט פון איר... ווי גוט... ער האָט געעפנט די אויגן און דערזען פאַר זיך אַ מיידל מיט טונקל־בלאָנדע צעפּ — צוויי גרויסע בלויע אויגן האָבן אויף אים געקוקט. ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס אַ מיידל האַלט זיין האַנט... ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אוועקגענומען זיין האַנט, אָבער ס'האָט אים באַלד באַנג געטאָן. אַ מילדע, ווייכע שטים האָט געזאָגט: איך וועל אַרייַנרופן דעם טאַטן."

ער איז געווען אַליין אין צימער. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, און אַלץ איז אים פאָרגעקומען ווי אין אַ חלום. נאָר ביים גוט-באַזיצער אין הויף האָט ער געזען אַזאַ בעט, אין וועלכן ער איז איצט געלעגן. אונטערן קאָפּ אַ ווייך קישן, דאָכ העמד אויף אים האָט זיך געלאַשטשעט צו זיין קערפּער, צוגעדעקט איז ער געווען מיט אַ וואָלענער דעק. אויפן נאַכט-קעסטל ביים בעט איז געשטאַנען א גרויסער קעראָסין־לאָמפּ, וואָס האָט באַלויכטן דאָס צימער ווי נאָר ביי פּריצים.

ווי קומט ער אַהער?

„נו, יונגערמאַן, ווי פילט איר זיך?" — האָט ער דערהערט אַ שטים.

ער האָט זיך איבערגעדרייט אין בעט און דערזען פאַר זיך דעם הויפּט פון דער עסטרייכישער גרענעץ־וואַך אין זיין גרינעם מונדיר. דער נאָמען

זײַנער איז געווען אַביסל שווערלעך אַרויסצורעדן — ווענצעסלאַוו אָקרולי. „שײַן וואָלט איר אויסגעקוקט, געפּרײַטער, ווען איך זאָל נישט געווען צופעליק אָנקומען און אײַך נישט אַרויסשלעפּן פון שניי, אין וועלכן איר זײַט געלעגן שוין דרײַ פערטל באַגראָבן. כּוֹאיז נישט געווען אַ לײַכט שטיקל אַרבעט אײַך אַריבערצוברענגען אַהער אין אַזאַ געוויטער; ס'איז אָבער פאַרט געלונגען. מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן אײַך. נו, גאָט צו דאַנקען, דער קריזיס איז פאַרבײַ. איר וועט דאָ בלײַבן, ביז איר וועט פולשטענדיק געזונט ווערן. איך האָב שוין גערעדט מיט אײַער הויפּטמאַן. ער לאָזט אײַך זאָגן, אַז ער האָט פאַר אײַך באַשטימט דעם ראַנג פון אַ געפרײַטער. אין אַזאַ שטורעם האָט איר באַלד באַדאַרפט אַרײַן אין וואַלד־אויפזעערס שטיבל. נו, דאָס צווייטע מאָל וועט איר שוין פאַרזיכטיקער זײַן.”

נײַן, הײַנט — אין אַנושקאַס געבורטסטאָג — קאָן ער נישט פאַרזיכטיק זײַן. און אָט שטייט ער בײַ איר הויז. דער אַרײַנגאַנג איז אינגאַנצן פאַרלייגט מיט שניי. מיט די לעצטע כּוחות האָט ער זיך דורכגעאַרבעט אַ וועג ביז צו דער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט. ווענצעסלאַוו אָקרולי אַליין האָט געעפנט: „אין אַזאַ שניי־שטורעם? די יוגנט איז נישט צום פאַרבעסערן — וויל גאָרנישט אָפּלערנען. אַנושקאַ, זע נאָר ווער ס'איז געקומען.”

אַנושקאַ האָט אים אַרומגעכאַפּט און אַראָפּגענומען פון אים דעם מאַנטל, דאָס היטל, די שטיוול. פרוי אָקרולי איז אַרײַן אין קיך און דער הער אָקרולי איז געגאַנגען ברענגען שטעק־שיך. וואַסילי און אַננאַ זענען אויף אַן אויגנבליק געבליבן אַליין. „איך בין פינף טעג נישט געקומען” — האָט וואַסילי געזאָגט, האַלטנדיק זי אַרומגענומען — „ווײַל איך האָב געוואָלט פאַרענדיקן אויסשטריקן אָט די צוויי פּיאָלקעס אויפן העמד. און נאָך אַ קלייניקייט האָב איך דיר געבראַכט.” ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שײַן־געבונדן ביכעלע לידער אין דער טשעכישער שפּראַך. אויף דער ערשטער זײַט פון ביכל האָט ער אָנגעשריבן אויף טשעכיש: פאַר מײַן אַנושקאַ. פון די דאָזיקע צוויי ווערטער אין איר מוטער־שפּראַך האָט זי איצט, נאָך אַ סך מער ווי פריער, אַרויסגעלייענט, וואָס זי באַטײַט פאַר אים און ער פאַר איר.

איבערדויסן האָט געוואויעט דער ווינט, געבושעוועט דער שטורעם. ווי וועלנדיק זיך נוקם זײַן וואָס דאָס שטיבל שטייט נאָך אויפן אָרט, האָט דער ווירבל־ווינט צוריקגעיאָגט דעם רויך אין קוימען אַרײַן, ווי ער וואָלט וועלן דערשטיקן דאָס פײַער. אָבער פאַר אַננאַן האָט דער שטורעם געקלונגען ווי מוזיק, בפרט אַז וואַסילי איז געווען אויכעט געפּאַר און איז געזעסן נעבן איר. זי האָט שטענדיק ליב געהאַט צו קוקן אויף אַ שטורעם און הערן זײַן געברויז. נאָר דעמאָלט, מיט צוויי יאָר צוריק, האָט זי און די מוטער זיך שטאַרק געשראָקן צוליב דעם פאָטער, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין

וועג. און דערנאָך האָט ער אהיימגעבראַכט אַ פרעמדן מאַן — האַסילין, אַז וועלכן זי וואָלט איצט, דאַכט זיך, גאָרנישט געקאָנט לעבן.

פייערלעך האָבן געבערענט די געבורטסטאָג־ליכטלעך. דער טיש איז געווען געדעקט יום־טובדיק. ווי גוט ס'איז וואָס וואַסילי איז געקומען, און אויך דער טאַטע איז היינט נישט אין דינסט. פריער פלעגט זי זיך פילן איינזאַם, אָן פריינט, אָן שוועסטער און ברידער. איצט זיצט ער דאָ, נעבן איר — אַ ברודער, אַ פריינט, אַ טייל פון איר אַליין. מ'האָט ווייניק גערעדט. אפשר האָט מען גערעדט, און זי האָט עס נישט געהערט — זי איז געזעסן נעבן אים און געהאַלטן זיין האַנט. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז בלויז ער, וואַסילי, רעדט — צו איר, נאָר זי הערט אים — ער זאָגט איר עפּעס בלויז פאַר איר, וואָס אַנדערע קאָנען נישט און דאַרפן נישט הערן.

די געבורטסטאָג־ליכט זענען שוין געווען אויסגעגאַנגען, דער לאָמפּ פאַרלאָשן. אַננאַ איז געלעגן אין בעט מיט דער מוטער, בעת אין אַנדערן צימער האָט וואַסילי גערעדט מיט איר פאָטער וועגן עפּעס, וואָס ער האָט נאָך נישט געהאַט גערעדט מיט איר. זי האָט עס דערקענט אין קלאַנג פון זיינע ווערטער. פאַרבאַרגט ער עפּעס פאַר איר? זי האָט אים חלילה אין גאָרנישט פאַרדעכטיקט, אָבער זייט חדשים האָט זי געפילט, אַז ער זאָגט נישט אַרויס אַלץ, וואָס ליגט אים אויפן האַרצן. צומאָל האָט זיך אַ פייערל אָנגעצונדן אין זיינע אויגן, אָבער נישט מיט יענעם פלאַם, וואָס האָט אַזוי געוואַרעמט איר האַרץ. און צומאָל האָט גאָר זיין בליק געבלאָנדזשעט ווייט אַוועק, איבער איר... נייך, נישט וועגן אַן אַנדערער טראַכט ער. און דאָך האָט ער אין יענע מאָמענטן אויך נישט וועגן איר געטראַכט. איר פאָטער האָט געוואוסט דעם סוד. איינמאָל האָט זי געטראָפן איר פאָטער און אים אין אַן איבטימען געשפּרעך, און ווען זיי האָבן זי דערזען, זענען זיי ביידע שטיל געוואָרן. אָבער אויך דער פאָטער זאָגט איר גאָרנישט וועגן דעם.

היינט, פאַרן שלאָפן גיין, האָט איר וואַסילי אַ שעפּטשע געטאָן, אַז מאָרגן וועט ער מיט איר רעדן וועגן אַ וויכטיקער זאַך. אין דריי חדשים אַרום פאַרענדיקט ער זיין מיליטער־דינסט. ער רעדט אָפט וועגן אומקערן זיך צוריק אין זיין דאָרף — וואָס וועלן זיי דאָרט טאָן? די מוטער וויינט, ווי אָפט זי הערט רעדן וועגן דעם; דער פאָטער שווייגט. פאַרשטייט זיך, אַז — אויב עס קאָן אַנדערש נישט זיין — וועט זי מיטגיין מיט וואַסילין צו אים אַהיים — ווייזשע אַנדערש? אָבער אַוועקפאָרן מיט אים קיין אַמעריקע וואָלט איר ליבערשט געווען — כאָטש אַנקל טאָמאַס שרייבט, אַז לעצטנס איז דאָרט אביסל שווערלעך געוואָרן. אָבער אַמעריקע — שרייבט ער — איז פאָרט אַמעריקע; מען קאָן נאָך דאָרט אַלץ עפּעס לייכטער געפינען ווי ערגעץ־אַנדערש. אפשר וויל איר טאַקע מאָרגן וואַסילי זאָגן, אַז

ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו פֿאָרן קיין אַמעריקע.

זי האָט שוין נישט איין מאָל שטודירט אויף דער מאַפּע דעם וועג קיין אַמעריקע: אַ שוואַרצע, געדרייטע ליניע, וואָס פֿירט דורך פֿיל־פֿאַרביקע פֿלעקן, ביז צו אַ ווייטער בלויער פֿלאַך; דערנאָך ווערט די מאַפּע ווידער פֿאַרביק־געפֿלעקט, און דאָרט ערשטע געדרוקטע וואָרט אויף איר איז „ניו־יאָרק”. איצט, אין טונקלקייט פֿון צימער, בעת אינדרויסן האָט געיאָמערט דער ווינט, האָט זי זיך אײַנגעדעקט ביז איבערן קאָפּ און פֿאַרמאַכט די אויגן, כּדי אַלץ בעסער צו זען. די שוואַרצע ליניע האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיקער באַן. זי האָט געהאַלטן וואַסילין בײַ דער האַנט, און ביידע האָבן אַרויסגעקוקט דורכן פֿענסטער. די טעלעגראַפֿן־סלופּעס האָבן געשווינד פֿאַרבײַ־געיאָגט, ווי דעמאָלט, ווען זי מיט אירע עלטערן זענען אַהער געפֿאָרן, דאָ זיך באַזעצן. אויף גרעסערע סטאַנציעס האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. געפּעק־טרעגער האָבן געשלעפּט קופֿערטן, קאָנדוקטערס זענען אַרומגעלאָפֿן און אויסגערופֿן די נעמען פֿון שטעט. וואַסילי האָט פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט עמעצן, און זי איז מיד געוואָרן, האָט זי אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זײַנע אַקסל. דערנאָך האָט זי דערהערט עמעצן רעדן — הויך, און דאָך געשעפּטשעט — זי האָט דערקענט וואַסיליס קול, און איר פֿאָטערס, אויך פֿון דעם אַרומוואַנדערנדיקן קירזשנער זלמן פֿליקער, און עפּעס אַ פֿרעמדע שטים. מען האָט גערעדט רומעניש. דער פֿאָטער האָט דערלאַנגט שנאַפּס און קאַווע. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעמישט מיט איר חלום, און זי האָט נישט געוווּסט — שלאָפֿט זי, אָדער איז זי וואַך.

זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. דער שניי האָט פֿאַרבלאָזן די פֿענסטער און געגעבן דעם צימער אַ גרוי־ווייכן קאָליר פֿון אַ פֿאַרטאָגיקן פֿרימאָרגן. זי האָט געריבן די אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך נאָך געוועבט דער בײַנאַכטיקער חלום. אַלע האָבן שוין אויף איר געוואַרט מיטן אָנבײַסן. די שמעקנדיקע קאַווע מיט הויט פֿון פֿריש־געוועלטער מילך, די פּוטער־קעז און געריכערט חזיר־פֿלייש אויפֿן טיש און דער נוס־קוכן, וואָס איז געבליבן פֿון דער נעכטיקער געבורטס־טאָג־סעודה, האָבן גערייצט דעם אַפּעטיט. דער שטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט. דאָס פֿײַער אין אויוון האָט רויִק געפֿלאַקערט און זיי אַלעמען אַרומגענומען מיט אַן אָנגענעמער וואַרעמקייט. נאָכדעם ווי זיי האָבן זייערע קערפּערס אײַנגעריבן מיט פֿרישן שניי, אַנאַ האָט דערציילט ווי עס האָט זיך איר געחלומט, אַז זי איז געפֿאָרן מיט דער באַן קיין אַמעריקע. דערויף האָט די מוטער געזאָגט, אַז אין דער נאַכט פֿון איר געבורטסטאָג וואָלט זי געמעגט האָבן שענערע חלומות.

ווען מ'האָט געענדיקט דאָס עסן, האָט וואַסילי שטילערהייט געזאָגט צו אַנאַן: „מיר וועלן גיין אַ ביסל שפּאַצירן, וועל איך דיר אַלץ דערציילן.”

דערווייל האָט ער צוזאַמען מיט אַקרולין זיך גענומען אַפּרייניקן דעם שנײ. וואָס האָט פולשטענדיק פאַרשאָטן די טיר פונעם פאַר־הויז. ס'איז נישט געווען קיין לייכט שטיקל אַרבעט. דורכן הויף, וואָס איז — צוליב דעם הויז — געווען ווייניקער פאַרשאָטן מיט שנײ, האָבן זיי דורכגעגראָבן א סטעזשקע צום הויפּט־אַריינגאַנג; ערשט איצט האָבן זיי געקאָנט אָפּשאַרן דעם שנײ פון טיר־און־פענסטער און אַזוי אַרום געעפנט א וועג צום שטראָז.

ס'איז געווען מיטאָג־צייט, ווען וואַסילי און אַנגאַ זענען אַרויס פון שטוב. ביידע זענען געגאַנגען איין שטיוול, — אַנדערש וואָלטן זיי אַפילו נישט געקאָנט קיין שריט מאַכן. זיי האָבן געטראָטן איבער דעם פריש־געפאַלענעם שנײ, צווישן שנײ־קופּעס צו ביידע זייטן, וואָס האָבן געסטאַרטשעט העכער פון זייערע קעפּ. איבער זיי זענען געהאַנגען שווערע וואָלקנס. אָפּגעגאַנגען קוים עטלעכע שריט, איז זיי אַנטקעגנגעקומען א שליטן מיט 2 פערד און זיי האָבן געמוזט גאַנץ ענג זיך צודריקן צו דער זייטיקער שנײ־וואַנט, אויסצומיידן נישט איבערגעפאָרן צו ווערן. דאָס געקלאַנג פון די שליטן־גלעקלעך האָט זיך דערווייטערט, ס'איז געוואָרן גאַנץ שטיל.

נאָך אין דער נאַכט, און אויך פאַרמיטאָג, בעת ער האָט אָפּגעריי־ניקט דעם שנײ פון אַרום הויז, האָט ער אַלץ געטראַכט וואָס און ווי אַזוי ער זאָל איר אַלץ דערציילן; אָבער ער האָט נישט געקאָנט צוזאַמענגעמען די געדאַנקען. ערשט איצט, האַלטנדיק איר האַנט אין זיינער און פילנדיק דעם ריטם פון איר בלוט, איז אים קלאָר געוואָרן וואָס ער וויל איר זאָגן. עס האָט לאַנגזאַם זיך גענומען קלעבן א וואָרט צו א וואָרט, און ער האָט אָנגעהויבן:

„אַנושקאַ, דו מוזט אוודאי מיינען, אַז איך פאַרבאָרג עפּעס פאַר דיר. אמת, פאַראַן אַ זאַך, וואָס איך האָב דיר ביז איצט נישט געזאָגט. כ'האָב עס דיר שוין פון לאַנג געוואָלט זאָגן, אָבער — עפּעס האָט זיך נישט גע־מאַכט... איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, צי האָב איך ווענס געטראַכט וועגן אַ צוקונפט פאַר מיר, איידער איך האָב דיך געקענט. היינט קומט עס מיר פאָר, ווי איך וואָלט דעמאָלט נאָך געווען א קליין וואַסערל, וואָס פליסט רואיק אין טאָל. ביז איך האָב מיט דיר זיך באַקאָנט איז מיין לעבן זיך געגאַנגען ווי אין אַ נעפּל, דורך וועלכן איך האָב אפילו נישט געפּרוּווט דערבליקן מיין ווייטע, אומבאַקאַנטע צוקונפט. נאָר זעלטן פלעגט זיך אין מיר דערוועקן עפּעס אַ מין נישט קלאָר פאַרגעפיל וועגן גרויסע שטראָמען, וואַסערפאַלן און ימים מיט ברויזנדיקע כוואַליעס. אין אָט דער ווייסטער איינזאַמקייט, ווען איך האָב נאָך אפילו נישט פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף עפּעס זוכן אין לעבן, האָב איך דיך געפונען. איך האָב געקוקט אין דיינע

טיפע אויגן און געטראכט — אָט איז דער האפן, וואו מיין לעבן דאַרף אַריינפליסן. אָבער דערנאָך..."

ער האָט דערפילט, ווי איר האַנט נעמט זיך באַפרייען פון זיינער. זי איז געבליבן שטיין און האָט אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט. ער האָט זי א ציַ געטאָן צו זיך, זי אַרומגענומען און געקושט, און ווייטער געזאָגט: „דערנאָך איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז דו ביזט דער לויכטנדיקער שטערן אין דער פינסטערער נאַכט פון מיין ציללאָזן וואנדער. מיין וועלט איז געווען אַן ענגע — האָט קוים געגרייכט פון מיין היימישן דאָרף צו דער קאַזאַרמע, און פון דאָרט צו מיין איצטיקן גרענעץ־פּאָסטן. מענטשן פון מיין שניט מיינען גאָרנישט, נישט אין דאָרף, נישט אין דער קאַזאַרמע — מען באַטראַכט זיי ווי בהמות. ווען איך האָב דיך געטראָפן, האָב איך צוערשט נישט געוואגט אפילו אויפצוהייבן מיינע אויגן צו דיר. נאָר פאַרגנבעטערהייט האָב איך געכאַפּט אויף דיר אַ בליק. ערשט נאָכדעם, ווען איך בין שוין טעג אָפּגעלעגן ביי אייך אין הויז און דו האָסט אויף מיר אַכטונג געגעבן, האָט זיך דערוועקט אין מיר עפּעס, וואָס איך האָב מורא געהאט צו אנטפּלעקן אפילו פאַר זיך אַליין. שפּעטער האָב איך שוין געוואגט צו קוקן דיר אין די אויגן. איך האָב געזען דיין בליק און דערפילט, אַז אויך דו זוכסט מיך... און דורך דיר האָב איך אָנגעהויבן זיך אַליין צו רעספּעקטירן."

זי האָט זיך ענגער צוגעטוליעט צו אים — זיי זענען געבליבן שטיין. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט און ווייטער גערעדט: „נאָך דער באַגעגעניש מיט דיר, בין איך פון אַ קליין וואַסערל אויסגעוואָקסן צו אַ שטראָם, פון אַ ציללאָזן וואַנדערער בין איך געוואָרן א צוועק־זוכנדיקער, כאָטש דער סאַמע ענד־צוועק איז נאָך אפשר אומבאקאנט. דו האָסט מיך געלערנט נישט נאָר צו הערן און ארויסצורעדן ווערטער און געפילן, נאָר זיי אויך צו פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר. ווען דו האָכט מיך, אין מיין פרייער צייט, אויסגעלערנט צוזאַמענצושטעלן בוכשטאַבן, אויפצושרייבן געדאנקען און געפילן און דערנאָך אָט די צייכנס אראָפּצולייענען ווי ווערטער, האָב איך אין דער זעלבער צייט זיך אויסגעלערנט אויך צוזאַמענפאסן דאָס, וואָס איז פריער אין מיר געווען נישט קלאָר און פאַרווירט —— און אַזוי איז איז מיר אויך מעגלעך געוואָרן דיר צו זאָגן, וואָס איך פיל צו דיר."

אַ ווײַלע זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיק. ביז אַננאַ האָט אָנגעהויבן: „יאָ, איך דערמאָן מיך די ווערטער, וואָס איך האָב דיר געזאָגט, ווען איך האָב דערפילט, אַז צווישן אונז איז דאָ עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט אַרויסזאָגן. דו האָסט געפירט דאָס שליטעלע, אויף וועלכע מיר האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט פונעם רואיבען־באַרג מיט אַזאַ געשווינדקייט, אַז ס'האָט אויסגעזעען, ווי פון די זייטן וואָלט געוואָרן איין גאַנצע, אומ־

אונטערבראַכענע בוימער־וואַנט. ס'האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די
אויגן. איך האָב דערזען פאַר אונז אַן אָפּגרונט. אָבער מיט איין דריי האָסטו
פאַרקירעוועט דעם יאָגנדיקן שליטן איבערן ברעג אַריבער אויפן אייז־
באַדעקטן טייך, און פון דאָרט צום אַנדערן ברעג צו. און דעמאָלט האָב
איך דערפילט — נישט איך בין דער לערער און דו דער שילער, נאָר
פאַרקערט: איך גיי נאָך ד י י ן שטאַרקער פירונג. דאָס זענען די
ווערטער, וואָס איך האָב דיר דעמאָלט געזאָגט, און אַזוי וואָלט איך וועלן
שטענדיק דיר נאָכגיין."

„באַגעגענענדיק דיך און געפינענדיק דיך, האָב איך אויך זיך געפונען.
טייל מאָל האָב איך גערעדט צו דיר ווערטער, נישט וויסנדיק אַליין פון וואַ־
נען איך האָב זיי גענומען. זענען דאָס געווען די ביכער, וואָס דו האָסט מיר
געגעבן צו לייענען? אָדער זענען עס געווען די בליקן דיינע, דאָס גליק פון
דיין פריינטשאַפט, וואָס האָט מיך געלערנט די דאָזיקע ווערטער? א חוץ דו
און איך האָט דעמאָלט פאַר מיר גאָרנישט עקזיסטירט אין דער וועלט. ביז —

„איך האָב באַגעגנט נאָך עפּעס אין לעבן, וואָס האָט מיך געלערנט צו
דערזען די וועלט אַרום אונז — אַ וועלט, קעגן וועלכער איך האָב נאָך אַלס
קינד זיך אַקעגנגעשטעלט, נישט וויסנדיק אַפילו קעגן וואָס און קעגן וועמען.
איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז אַ פּרוכטבאַרער רעגן קאָן נאָר באַ־
שאַפן ווערן, ווען איין טראָפּן פאַראייניקט זיך מיטן אַנדערן — אַנדערש
וועט יעדער טראָפּן פאַר זיך אויסגעוועפּט ווערן אין טומאַן פון שטויב.
און דאָס האָט מיך נישט דערווייטערט פון דיר — פאַרקערט. נישט מער
— באַגעגענענדיק דיך, האָב איך אָנגעהויבן צו קוקן אין דער טיף, און מיט
אָט דער נייער באַגעגעניש האָט גענומען מיין בליק זיך אויסברייטערן."

„איז דיר דאָס לעבן מיט מיר ענג געוואָרן?" — האָט אַנאַ געפרעגט.

„ניין, אַנושקאַ, נישט דאָס לעבן מיט דיר איז מיר ענג געוואָרן, נאָר
איך האָב אָנגעהויבן באַגרייפן, אַז מיר ביידע מוזן אַרויס פון יענער ענג־
שאַפט. פאַרשטייי: מיין מיליטער־צייט ענדיקט זיך. איך קאָן ווייטער בלייבן
דינען, ווערן אַ גרענעץ־באַאַמטער, און מיר וואָלטן זיך באַזעצט אין דאָרף
ווערפּולי. אַרום אונז לעבן פּויערים אין זעלבן שטאַנד, ווי מיין פאָטער
האָט אַמאָל געלעבט און ווי איך האָב מיין יוגנט פאַרבראַכט. מיין פאָטער
האָט פאַרבראַכט אַ לעבן אונטערן קנוט, און מיר קינדער זענען אויסגע־
וואַקסן אין נויט און עלנט, ווי שקלאַפן. אויך איך קאָן ווערן אַ שקלאַפן־
טרייבער — קעגן וועלכן איך האָב זיך אַזוי געוועהרט נאָך אַלס קינד. ס'איז
לייכט צו ווערן, אָבער איך קאָן עס נישט. און צו אַנאַ, ווילסט דאָך עס אויך
נישט. מיר וואָלטן שטענדיק זיך געשטיקט אין דער ענגשאַפט, אין וועל־
כער מיין פאָטער האָט געלעבט אין דער היים...

„און ווען ס'איז געקומען צו מיר א מענטש און געזאָגט: וואָלסטו נישט וועלן ווערן איינער פון אונז — איינער, וואָס נישט נאָר ער שטרעבט צו אַ נייעם לעבן, נאָר ער וועקט נאָך אַנדערע דערצו? דעמאָלט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אָט דאָס איז מיין און אונזער ביידנס גורל.

„דיין פאָטער, אַנושקאַ, איז מיר געוואָרן א חבר. א צווייטער לערער. ער האָט עס פאַרשטאַנען, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער שטאַמט פון אַן אַנדערן קרייז, ווי איך — ווייל ער אַליין איז דער זון פון אַן אונטערדריקט פאָלק. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדן וועגן דעם, אָבער פריער האָב איך געוואָלט קלאָר ווערן אַליין מיט זיך. היינט ווייס איך שוין גענוי וואוהין איך געהער, און איך צווייפל נישט, אַז דו וועסט מיך פאַרשטיין און מיט מיר מיטגיין. איך ווייס, אַנבאַ, ס'איז נישט קיין רואיק און באַקוועם לעבן, דורך וועלכן איך וויל דיך פירן ביי מיין זייט. אָבער — דאָס לעבן וואָלט דאָך געווען זייער פוסט, ווען עס זאָל נישט פאַרמאָגן אַ זון־שיין, אַ שטורם. ס'איז אפשר א ווייטער ציל, צו וועלכן מיר שטרעבן — ווער ווייסט ווען מיר וועלן עס דערגרייכן. אָבער אין שטרעבן אַליין ליגט שוין דער זין פון לעבן, פון וועלכן מיר שעפּן אַלץ נייע כוחות."

און ער האָט איר אויספירלעך דערציילט וועגן דעם קרייז, צו וועלכן ער געהערט שוין אַ יאָר צייט, וועגן דער אומצופרידנקייט צווישן די פויער־רים, וועגן דעם ציל, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך פאָרגענומען, וועגן דער אָפּגעטוענער אַרבעט און וועגן די גרויסע האָפענונגען, וואָס האָט זיי אַלעמען אַרומגעכאַפּט.

15

דאָס דאָרף ציגדענעץ האָט פאַרמאָגט אַ קלויסטערל, אָבער נישט קיין גלח. אַזוי ווי די באַפעלקערונג פון ציגדעסטי, אַ רומעניש דאָרף אַריבער דער גרענעץ, איז אויך געווען פון גריכיש־אָריענטאַלישן גלויבן, פלעגן זיי אמאָל אַריבערקומען אויף דער עסטרייכישער זייט, צו גיין אין ציגדע־נעצער קלויסטערל. זעלטענער אמאָל פלעגט אין אַ זונטיק אַריבערקומען פון ציגדעסטי אויך דער גלח. דעם זונטיק איז, אַנשטאָט דעם גלח, אַרי־בערגעקומען דער פאָלקשול־לערער ניקאָלאַי פּאַטראַסעאַנו. דאָס איז נישט געווען צום ערשטן מאָל, וואָס ער האָט פאַרטרעטן דעם גלח, און די פויע־רים אין ציגדענעץ פלעגן זייער גערן זיך צוהערן צו פּאַטראַסעאַנוס פאָלקס־טימלעכן פּרעדיגן.

אַן אָוונט פריער האָט אַ פויער געהיים איבערגעגעבן וואַסילין אַ צעטל:

„דער פריינט באַטאַשאַני איז געקומען. איך גיי מאָרגן פרעדיגן אין צינדענעץ. אַ גרעסערע צאָל פריינט פון די אַרומיקע דערפער טרעפן זיך היינט אין שייער פון מיכאעל „מיט־איין־אויג”. ס'וואָלט זייער גוט געווען, ווען דו קאָנסט אַריבערקומען צו רעדן מיט זיי. אויב מעגלעך, זע היינט אָוונט אָפּציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער גרענעץ־וואַך ביי אונז אין דאָרף. ניקאָלאַי.”

דער קאָמאַנדאַנט פון דער גרענעץ־וואַך, הויפּטמאַן לופּעסקו, האָט באַמערקט, אַז זיין פרוי קוקט מיט גיריקע בליקן אויף דעם יונגן, שיינעם קאָרפּאָראַל וואַסילי. אָבער זייט ער האָט זיך דערוואוסט, אַז וואַסילי האָט אַ כלה, האָט ער אָנגעהויבן אים אפילו ליב האָבן און האָט אים נישט איין־מאָל געהעכערט דעם חלק פונעם שווייגעלט, וואָס ער פלעגט באַקומען פון די שמוגליאַרעס — כאָטש וואַסילי האָט קיינמאָל פון אים נישט פאַרלאַנגט. ווען וואַסילי האָט איצט געבעטן, ער זאָל זיין פריי דעם זונטיק, האָט דער הויפּטמאַן געזאָגט: „שוין ווידער צו דער כלה? נו יאָ, איך פאַר־שטיי — מען איז נאָר איין מאָל יונג אין לעבן. איבעריקנס איז אַלץ איינס, צי איר דרייט זיך דאָ אַרום מיט דער ביקס, אָדער נישט — מיר דאַרפן סיי ווי נישט מורא האָבן פאַר אַן איסנפּעקציע די קומענדיקע עטלעכע וואָכן. פאַרברענגט גוט און גריסט אייער כלה מיט דער גאַנצער פאַמיליע אָקרולי.”

וואַסילי האָט געקויפט אין קרעטשמע אַ פלאַש שנאַפּס, האָט עס אַריינגעלייגט אין זיין פעקל, און איז איבערן איינגעפרוירענעם כמורעט־טייך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ. ס'איז געווען אַ זוניקער ווינטער־פרימאָרגן און דער וועג איז געווען אַן אויסגעפּאָרענער. ווי שטענדיק, ווען ער פלעגט גיין צו אַנושקאַן מיט אַ באַזוך, האָט ער אויך איצט געפילט יאָמטעוודיק. זיי האָבן נישט געזאָט זיך געזען זיבן זייער לעצטן אויספירלעכן שמועס — ער האָט געוואָלט איר לאָזן צייט אויף איבערצו־טראַכטן אַלץ, וואָס ער האָט איר דערציילט און וועגן וואָס ער האָט צו איר גערעדט.

דער פּראַקטיקער שניי האָט געסקריפּעט אונטער זיינע פיס. אונטער־ברומענדיק אַ לידל האָט ער געשפּאַנט מיט קרעפטיקע טריט איבער דער ווייטער פלאַך צווישן צוויי גרענעצן, וואָס איז איצט געלעגן אין אַ זונטיק־פרימאָרגנדיקער שטילקייט. ער האָט פאַרקירעוועט צום שטיבל פונעם קירזשנער זלמן פליקער. זלמנס טעכטערל, רחל, האָט געעפנט די טיר און אים האַרציק באַגריסט. זלמן האָט אַוועקגעלייגט דעם פעלץ, וואָס ער האָט געהאלטן אין פאַרריכטן, און איז אים אַקעגנגעלאָפן. זיין ווייב, שרה, איז אַריין פון דער קיך, אָפּגעווישט די הענט אינעם פאַרטוך און אים באַגריסט ווי אַן אייגענעם. דערנאָך האָט זי זיי ביידן געלאָזן אַליין.

„מײַנע פּויערים אין די דערפֿער״ — האָט געזאָגט זלמן — „זענען שוין אוודאי אומרויִק. זײַט דרײַ וואָכן איז מיר נישט אויסגעקומען צו זײַן אַפֿילו אין אײן דאָרף.״

„און ווי אַזוי איז געגאַנגען דאָס אײַנקויפֿן די לעצטע טעג?״

זלמן האָט געוויזן וואַסילין דעם חשבון פֿון דעם לעצטנס אײַנגע־קויפֿטן געוועבֿ: „ווי דו זעסט, האָב איך שוין כמעט אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט. ס'איז איצט זייער לײַכט צו קויפֿן אין טשערנאָוויץ — דער הויפּט־אָנגעשטעלטער, נאָוואַק, פֿאַרקויפֿט וויפֿל מען וויל. מסתּם האָט אַקרולי מיט אים גערעדט. דאָס! אַריבערפֿירן איז איצט אויך לײַכט, וואָרים כּל־זמן ס'ליגט נאָך דער שניי, קאָנען מיר אויסמײַדן דעם הויפּט־שטראָז. אַקרולי האָט צוגעשטימט איך זאָל זיך פֿאַרטרויען פֿאַר דעם פּויער פֿון גערבאַוץ, פּראַדאַניוק. ער וועט עס אַריבערפֿירן ווען איך וועל נאָר וועלן, און ער קען אַלע זײַטיקע וועגן. די הויפּטזאַך איז, מיר זאָלן אויסנוצן די צײַט, ווען כ'איז נאָך דאָ שניי; וואָרים שפּעטער וועט זײַן שווערלעך, און אפֿשר גאָר אײַנגאַנצן נישט מעגלעך עפּעס אַריבערצופֿירן.״

וואַסילי האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון דער כאַליעווע אַ פּעקל געלט: „נעם עס, זלמן. דאָס האָט מיר דער הויפּטמאַן געגעבן, ווי מײַנט אַ חלק פֿון די לעצטע צוויי וואָכן. איך מוז נאָך אַוועק זיך טרעפֿן מיט מענטשן. וויפֿל ביקסן האָסטו באַקומען מיטן לעצטן טראַנספּאָרט?״

„32, און אַכט קעסטלעך אַמוניציע.״

„דאָס מאָל וועסטו עס נישט ברענגען צו מיר, נאָר צו ניקאָלאַי אין ציגדעסטי. טאָקע דער זעלבער פּויער פֿון גערבאַוץ קאָן עס אַריבערפֿירן. איך וועל נאָך הײַנט רעדן מיט ניקאָלאַין, ער זאָל דיך אָפּוואַרטן. דאָס בעס־טע וואָלט נאָך געווען, ווען דו קאָנסט עס טאָן מאָרגן אָוונט. ווײסטו גאָר וואָס מיר איז אײַנגעפֿאַלן: איך וועל זאָגן אַקרולין, ער זאָל דיך באַגלייטן ביזן שייד־וועג בײַ אונטער־פּינאָוק, וועט איר זיכער זײַן, אַז מ'וועט אײַך נישט אָפּשטעלן.״

אַננאַ האָט דערזען וואַסילין שוין פֿון ווײַטנס און איז אים אַקעגנגע־לאָפֿן. זייער שײַנער פּאָליציי־הונט, סולטאַן, האָט זי איבערגעיאָגט און זיך מוראַדיק צעבילט. דער אופֿן, ווי אַננאַ האָט אים באַגריסט, האָט איבער־צײַגט וואַסילין, אַז זי האָט נאָכגעטראַכט וועגן דעם, וואָס ער האָט צו איר גערעדט, און זי איז גרייט צו גיין מיט אים. כאָטש ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט אים נאָך אַ סך פֿראַגן צו שטעלן. ער האָט דעריבער באַשלאָסן, נאָך הײַנט נאָכן מיטאָג, אײדער ער גייט קיין ציגדענעץ, אויספֿירלעכער מיט איר צו רעדן.

טוליענדיק זיך צו אים, האָט זי אים אַרײַנגעפֿירט אין הויז. אַן אָנגע־נעמער ריח פֿון געבראָטענע גענדז האָט צוגעגעבן דער זונטיק־שטימונג נאָך

מער יאָמטעווידיקייט. וואַסילי האָט זיך דאָ איינגעטלעך שטענדיק געפילט יאָמטעוודיק. דערצו איז נאָך אַקרולי געווען הייַנט פריי פון דינסט. ביים עסן, האָט די מוטער געוואָלט וויסן צי וואַסילי האָט שוין באַשלאָסן וואָס צו טאָן: „איך האַלט, אַז ס׳וואָלט נישט געווען קיין דו וואָלסט ווייטער בלייבן דינען ביי דער גרענעץ־וואַך. אַמעריקע איז ווייט. ביים אַזעקפאָרן, האָט מיין ברודער טאָמאַס אונז צוגעזאָגט, אַז שפּעטסטנס אין פינף יאָר אַרום וועט ער קומען פון אַמעריקע אונז באַזוכן. איצט זענען שוין אַוועק גאַנצע צוועלף יאָר, און מער ווי איין איינציקע פאָטאָגראַפיע האָבן מיר פון אים נישט באַקומען. אין לעצטן בריוו שרייבט ער שוין גאָר, אַז ער קאָן איצט אַפילו נישט טראַכטן וועגן א רייזע קיין אייראָפּע. מען איז צופרידן, שרייבט ער, ווען מ׳האָט דאָס אויסקומעניש. פאַראַן דאָרט מענטשן, וואָס האָבן שוין זייט מאָנאַטן קיין סענט נישט פאַרדינט. איך בין דאָך נאָר אַ מאַמע, אָבער איך גלויב, אַז מ׳דאַרף זיך אַמעריקע אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. אַ באַאַמטער־פּאָסטן איז נאָך דאָכ) זיכערסטע, אַפילו ווען אין רומעניע צאָלט מען ווייניקער ווי דאָ. נאָכאַלעמען פעלט דאָך צו אַ נעבן־פאַרדינסטל אויך.״

די אַנדערע דריי האָבן געשוויגן. פּרוי אַקרולי האָט זיך אויפגעהויבן צו גיין ברענגען די קאַווע און דערביי מיט אַ גוטמוטיקן שמייכל, אָבער דאָך אַביסל באַליידיקט, באַמערקט: „נו יאָ, ווער הערט זיך צו וואָס אַ מאַמע זאָגט... אַז דאָס איי וויל קליגער זיין ווי די הון.״

„דו מיינסט אוודאי, ווי דאָס הינדעלע״ — האָט אַקרולי זיך צעלאַכט. „דו ביזט דאָך נאָך קינדישער ווי די קינדער.״

אויסגעטרונקען די קאַווע, האָט וואַסילי זיך אָפּגעזעגנט און אַננאַ האָט זיך געקליבן אים צו באַגלייטן. נאָר שוין ביי דער טיר איז צוגעקומען אַקרולי און געזאָגט: „עס טוט מיר לייד איך צו שטערן, אָבער איך מוז עפּעס זייער נויטיק איבעררעדן מיט וואַסילין, און טאַקע באַלד.״

מען האָט זיך נישט געקאָנט העלפן — אַננאַ איז צוריק אַריין אין הויז, און אַקרולי איז אַוועק מיט וואַסילין.

שוין לאַנג נישט געווען אַזאַ באַלעבעטער פאַרקער אויף דער שאָסיי, ווי איצט. ס׳איז געווען דער ערשטער שיינער זונטיק נאָך אַ סך וואָכן, און אַ היפּשע צאָל סערעטער זענען געפאָרן אויף דער רומענישער זייט, צום גרענעץ־שטעטל מיהאַלעני. פיל זענען אַוועק אַהין טרינקען ווייַן (וואָס איז דאָרט ביליקער געווען ווי מילך אין סערעט), אַנדערע זענען אַריבער־געגאַנגען די גרענעץ איינצוקויפן לעבנסמיטל. גייענדיק צווישן אַט דעם געטומל, האָט אַקרולי געזאָגט צו וואַסילין: „לאָמיר אַריבערגיין אויף דער אַנדערער זייט פונעם סערעט; דאָרט וועלן מיר קאָנען רואיקער רעדן.״

דער וועג איז נישט געווען אַזוי באַקוועם צום גיין, אָבער דערפאַר

האָבן זיי זיך איצט געפֿונען אויסערן טומל. אַקרולי האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, האָט דערנאָך אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פֿון קעשענע און עס דערלאַנגט וואַסילין. אויף דער ערשטער זייט פֿון פּאַפּיר איז געווען אַן אַמטלעכע באַמערקונג: „שטרענג געהיים". וואַסילי האָט גענומען לייענען:

„...דער רעגירונגס־לייטער פֿון דער גרענעץ־אָפּטיילונג פֿאַר די שטייער־ און צאָל־אַמטן רעקאָמענדירט דעריבער, אַז דעם אַמעריקאַנער ראַלף סמיט זאָלן געמאַכט ווערן אַלע דערלייכטערונגען ביים אַריבערגיין די גרענעץ. ער מעג אַריבערגיין די גרענעץ אומעטום, וואו עס געפֿינען זיך נישט קיין אָפֿיציעלע גרענעץ־אַריבערגאַנגען — ווען ער וויל, צו יעדער צייט, ביי טאָג ווי ביי נאַכט, מ'דאַרף שטענדיק זיך מאַכן, ווי מ'וואָלט אים נישט באַמערקט. מ'דאַרף אים אויך געבן יעדע הילף, וואָס ער פֿאַרלאַנגט, אחוץ באַוואָפֿנטע אַסיסטענץ. צוגלייך אָבער מוז מען צום אויבן־דערמאָנטן אַמט שיקן שטרענג געהיים אויספֿירלעכע באַריכטן וועגן יעדן קער־און־ווענד פֿון אָט דעם אַמעריקאַנער. ווייטער ווערט איר אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז מ'רעדט וועגן אַ ווייט־פֿאַרצווייגטן וואָפֿן־שמוגל פֿון אונזער זייט קיין רומעניע. דער דאָזיקער וואָפֿן־שמוגל זאָל, הייסט עס, פֿאַרקומען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון אומרוען אין רומעניע. אַזוי ווי מיר שטייען אין גוטע שכנישע באַציאונגען מיטן רומענישן קעניגרייך, דאַרפֿט איר, און אַלע אָרגאַנען, וואָס זענען אייך אונטערוואָרפֿן, שענקען באַזונדערע אויפֿמערקזאַמקייט דעם דערמאָנטן וואָפֿן־שמוגל און אונז אַריינשיקן באַריכטן וועגן דעם. מיר אונטערשטרייכן נאָכאַמאָל, אַז די דאָזיקע צושריפֿט איז שטרענג געהיים."

„דעם אַמעריקאַנער קען איך" — האָט געזאָגט וואַסילי, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט לייענען דעם געהיימען דאָקומענט. און ער האָט דערציילט אַקרולין, ווער אָט דער אַזוי גערופֿענער אַמעריקאַנער איז אין דער ווירקלעכקייט, און אין וועלכן צושטאַנד ער האָט אים געפֿונען אין וועלדל מיט פֿערצן טעג צוריק. „אויף וויפֿל איך ווייס, איז ער נאָך ביים הויפּטמאַן לופּעסקו נישט געווען, כאָטש ער האָט צו אים אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון אַבערסט סטעפּאַנעסקו. דאָס קאָן איך שוין גאָרנישט פֿאַרשטיין. פֿון פּיוויל פּראַנט האָב איך נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען וואָס אייגנטלעך ס'איז יענעם אויף־דער־נאַכט פֿאָרגעקומען אין זיין לאָקאַל מיט דעם אַזוי גערופֿענעם אַמעריקאַנער און זיין באַגלייטער, דעם גימנאַסטיק־לערער האַלטער. מ'דאַרף אויסגעפֿינען אין סערעט, אין וועלכע קרייזן ער פֿאַרקערט און שיקן וועגן דעם אַ באַריכט צו דיינע עלטסטע. נאַטירלעך, עס זאָל דערביי נישט ליידן אונזער זאַך."

„איך וועל זען וואָס איך קאָן אויסגעפינען אין סערעט. סיי ווי וועל איך מאָרגן, אויף מיין דינסטלעכן וועג, אָפּטרעטן ביי דיר.“

„יאָ, און נאָך עפּעס: מאָרגן אָוונט דאַרף זלמן אַריבערפירן עטלעכע זאַכן צום לערער ניקאָלאַי אין צינדעסטי. וואָלסטו אפשר וועלן אים באַגלייטן אַ שטיקל וועג, כדי...“

„שוין גוט, איך וועל דיך מאָרגן זען.“

16

דער פּאָסטן־פירער פון דער זשאַנדאַרמעריע אין צינדענעץ איז געווען אַליין אין זיין צימער, ווען וואַסילי איז אַריינגעקומען און אים באַגריסט.

„ווי קומסטו אין אונזער געגנט, וואַסילי? ווען איך בין געווען אַזוי יונג ווי דו, האָב איך שוין בעסער געוואוסט ווי אַזוי און וואו צו פאַרברענגען מיין פרייע צייט.“

„דער הויפּטמאַן האָט מיר באַפוילן, איך זאָל היינט, נישט גאַנץ אָפיציעל, דורכפּאַטרולירן די געגנט צווישן ווערפּולי און צינדעסטי. ער האָט געמיינט...“

„וואָס אַט דער כיטרער פוקס מיינט, קאָן איך מיר לייכט פאָרשטעלן. זשויבט פון אַלע זייטן, און גיט אַפילו נישט אַ טראַכט, אַז דער אַלטער זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטנפירער מוז דאָ שטילן זיין דורשט מיט פּשוט וואַסער.“

„אָבער איך האָב וועגן דעם אַ טראַכט געטאָן“ — האָט געזאָגט וואַסילי און דערלאַנגט דעם אַלטן די פלאַש שנאַפּס.

„איז עס באמת פאַר מיר? די גאַנצע פלאַש?“ דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך צעשטראַלט: „נאָך אַזאַ טראָפּן דערפילסטו ערשט, אַז דו לעבסט. צו געזונט, בחור.“

ווען וואַסילי האָט זיך אָפּגעזעגנט, איז שוין מער ווי אַ האַלבע פלאַש געווען ליידיק. די אַנדערע העלפט, האָט וואַסילי געוואוסט, וועט דער אַלטער באַלד נאָכדעם אויך אויסליידיקן. אַזוי אַרום איז נישטאָ מער וואָס מורא צו האָבן פאַרן זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטנפירער.

אין הויז פון וויצע־בירגערמייסטער אין צינדעסטי האָט וואַסילי געטראָפן דעם לערער ניקאָלאַי און דעם ראַיאָן־אָרגאַניזאַטאָר פון דער פויערים־באַוועגונג אין מאָלדאַוויע, ווינטילאַ. קוים זיך באַגריסט, איז וואַסילי באַלד צוגעטראָטן צום ענין: „דער זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט

שלאָפט ווי אַ טויטער און אונזער קאָנפערענץ היינט אָונט וועט קאָנען אָפּגעהאַלטן ווערן אָן שטערונגען.״

„איך — האָט געזאָגט וויגטילא — בין היינט אַהערגעקומען נאָר צוליב דעם, וואָס דו האָסט מיר געלאָזט וויסן וועגן דעם אַזוי גערופענעם אַמעריקאַנער. די היינטיקע לאָקאַלע באַראַטונג האָט געזאָלט גערופן ווערן ערשט אין דריי וואָכן אַרום. איך דאַרף דיר זאָגן אין נאָמען פונעם קאָמיטעט, אַז מיר זענען זייער צופרידן מיט דיין אַרבעט. אחוץ די 500 ביקסן און די פופציק טויזנט געווער־קוילן, וואָס מיר האָבן ביז איצט פון דיר באַקומען, וואָלטן מיר נאָך וועלן האָבן צוויי הונדערט ביקסן און צוואַנציק טויזנט קוילן פאַרן בעצירק באָטאָשאַני. דאָס איבעריקע געווער, וואָס דו וועסט נאָך קאָנען קריגן, וועט איבערגעגעבן ווערן די קאָמיטעטן פון די היגע דערפער. דער פּלאַן פון דער צענטראַלע, אָנצוהויבן אין סעפּטעמבער, ווערט נישט געענדערט. מיר האָבן אַזוי אַרום נאָך גאַנצע זיבן חדשים אויף צוגרייטן זיך. אָבער איצט דערצייל וואָס דו ווייסט וועגן דעם אַמעריקאַנער.״

וואַסילי האָט אויספירלעך דערציילט וועגן זיין באַגעגעניש מיטן אַמעריקאַנער יענע נאַכט אין וועלדל און וועגן דעם בריוו, וואָס ער האָט ביי אים געפונען: „פון דעם בריוו איז צו זען, אַז זיי ווילן אָפּציען דעם צאָרן פון די פּויערים, דורך העצן צו פּאָגראָמען אויף אידן. מיט דעם פּאָגראָם ווילן זיי אויך — אין פאַל, ווען דער אויפשטאַנד זאָל דאָך געלינגען — פּראָוואָצירן אַן עסטרייכישע אינטערווענציע.״

„וואָס פאַראַ אינטערווענציע מיינסטו?״

„אַ מיליטערישע, פאַרשטייט זיך. אָקרולי, וועלכער קען אויסגעצייכנט די עסטרייכישע פּאָליטיק, האַלט, אַז אַזאַ אינטערווענציע איז לייכט מעגלעך. רומעניע, זאָגט ער, האָט אין בערלינער פאַרטראַג פון יאָר 1878 זיך פאַרפליכטעט, צו געבן גלייכבאַרעכטיקונג און צו באַשיצן קעגן פאַרפאָלגונגען אַלע אידישע איינוואוינער פון איר לאַנד. ער דענקט אפילו, אַז דעם ווינער הויף איז אַלץ איינס וואָס מיט די אידן דאָ וועט געשען; אָבער איצט, פאַר די וואַלן, ווילן זיי געווינען די אידישע שטימען און שטערן דעם דערפאָלג פון די פּויערים.״

„מוז איצט דעריבער זיין אונזער וויכטיקסטע אויפגאַבע, אויפמערקזאַם צו מאַכן די דעלעגאַטן און די אָרגאַניזאַטאָרס וועגן דער געפאַר און זיי וואָרענען קעגן די אידן־פּאָגראָמען.״

„דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך. מען קאָן נישט אָנהויבן צו לעשן, איידער עס ברענט. איינגעמען א מעדיצין קעגן אַ קראַנקהייט, נאָך איידער די קראַנקהייט באַווייזט זיך, קאָן מער שאַטן ווי העלפן. איך האָב די לעצטע פערצן טעג נאָכגעטראַכט וועגן דעם.״

„און צו וועלכע רעזולטאַטן ביסטו געקומען?"

„דערווייל נאָך צו קיין שום רעזולטאַט נישט."

„און דו וואָס דענקסטו?" — האָט ווינטילאַ זיך געווענדט צום עסט־רייכישן (רומעניש) לערער ניקאָלאַי, וועלכער האָט ביז איצט זיך צוגע־הערט שווייגנדיק.

„מיר דאַכט, אַז פאַר אונז איז דאָס איבערהויפּט נישט קיין פּראָבלעם, ווייל ביי אונז דאָ, אין די היגע רומענישע דערפער, וואוינען כמעט נישט קיין אידן. מער דרום־צו זענען פאַראַן עטלעכע אידישע גוט־באַזיצער. אָבער זיי וועלן מיר דאָך באַהאַנדלען פונקט ווי אַלע אַנדערע פון זייער שטאַנד."

„ווען דאָס זאָל זיין ווי דו זאָגסט" — האָט געענטפערט ווינטילאַ — וואָלט די חברה נישט צוגעגרייט קיין אידן־פּאָגראָמען. מיר דאַכט, אַז די לאַגע איז אַזאַ: זיי ווילן די פויערים פון די דערפער אָנשיקן אויף די שטעט, וואו עס וואוינען אידן. דער משל מיטן פייער און מיט דער מעדיצין איז מאַקע ריכטיק: מען לעשט נישט אַ נישט־ברענענדיק הויז און אַ גע־זונטן גיט מען נישט קיין מעדיצין, אָבער מען זעט צו באַשיצן דאָס הויז קעגן פייער און מען שטעלט פּאָקן, נאָך איידער זיי באַווייזן זיך. צו־אַלעם־ערשט מוזן מיר אויסגעפינען דורך די דעלעגאַטן אויף וועלכע גלחים אין אונזערע פּאַראַפיעס מיר קאָנען זיך פאַרלאָזן. פון זייער רעדנער־אַמבאָנע מוזן די גלחים פּרעדיקן קעגן אידן־פּאָגראָמען. דאָס וועט שוין זיין דיין אויפגאַבע, ניקאָלאַי, אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן וועגן דעם."

17

ווען מען איז אַריין אין בית־המדרש, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ער איז זייער גרויס. קיין העננ־לייכטער זענען דאָרט נישט געווען. די איינצלנע ליכטלעך אויף די באַזונדערע שטענדערס, איבער וועלכע עס זענען גע־זעכן אַריבערגעבויגן מענטשן פון פאַרשידענעם עלטער, האָבן אויסגעזען ווי קליינע ליכט־טורמס ביים ברעג פון ים. זייערע פלעמלעך האָבן זיך ווי איבערגערופן איינס מיטן צווייטן, אַזוי אויך די באַזונדערע קולות פון די לערנער. די פּאָליצעס ביי די ווענט זענען געווען אָנגעפילט מיט אַלט־אַלטע ספרים, געבונדן אין לעדער און אין דיקער לייוונט. קיין ביבליאָ־טעקאַר איז דאָ נישט געווען. יעדער האָט זיך אַליין גענומען אַ ספר, וואָס ער האָט באַדאַרפט, זיך אַוועקגעשטעלט ביי זיין שטענדער און אַריינגעקוקט. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער עס צוריק אַוועקגעשטעלט אויף דער פּאָליצע, אויפן ריכטיקן אָרט. קיין ספרים גנבעט מען נישט; אָבער יעדעס ספר האָט געהאַט אויף זיך אַ זיגל: „בית המדרש הגדול, סערעט".

דער הויפּט־פאַרזאָרגער אין בית־מדרש איז געווען נחמן שמש. ער האָט געזען, אַז ס'זאָל שטענדיק זיין האָלץ צום הייצן און ליכט צום באַלויכטן, מ'זאָל אויסקערן און אַלץ זאָל געהאַלטן ווערן אין אָרדענונג. באַלד נאָכן דאַווענען האָט ער אויסגעטיילט ליכטלעך פאַר די לערנער; און ווען מען האָט אויסגעברענט אַ ליכטל, האָט מען ביי אים געדאַרפט מאַנען אַן אַנדערס. ער פלעגט פאַר זיי מאַכן טיי, איינקויפן אַלט־געבאַקן געבעקס און דערנאָך עס פאַרקויפן בחצי־חנם, ווייל די מייסטע פון זיינע קונים זענען געווען ביטערע אָרימעלייט.

אין בית־מדרש פירט מען זיך נישט לויט אָנגענומענע „חקים ומשפטים", אָבער עס הערשן דאָרט געוויסע טראַדיציאָנעלע מנהגים און פירעכצן. אחוץ די שטענדיקע בית־מדרש־בחורים, טרעפט מען דאָרט נאָך אַנדערע לערנער: אַ סוחר, אַ הענדלער, אַ זייגער־מאַכער, אַ שלאָסער, אַ בלעכער — אַלע, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג פאַרהאָוועט מיט דאגת־פּרנסה, בלייבן נאָך מעריב אין בית־מדרש, כדי — ווי זיי זאָגן — נישט צו פאַרגעסן די דריבנגע אותיות. איינער לערנט אַ פּרשה חומש מיט רש"י, אַ צווייטער משניות, אַ דריטער זיצט איבערן שולחן־ערוך, און ס'איז נישט קיינעמס דאגה וואָס דער אַנדערער טוט. יעדער לערנט פאַר זיך — זינגט־אויס בלחש אַ פּסוק אויף העברעאיש אָדער אַראַמעאיש, און אייבערזעצט עס באַלד אין דער מחשבה אויף זיין אייגענעם מאַמע־לשון — אידיש. דאָ ווערן רויזן און אַנדערע בלומען, די ליבע און געליבטע פון שיר־השירים פאַרוואַנדלט אין רעליגיעזע סימבאָלן. דאָ שאָקלט זיך אַ בחור איבער אַ גרויסן בלאַט גמרא, בבא קמא אָדער בבא מציעא; דאָרט הקרב'ט זיך אַ צווייטער צו, און הערט, דער בעל־הבית איז ערב פאַר זיין אָקס, וואָס האָט געשטויסן אַ קו, אָדער אַ מענטשן; און אַ צוועלף־יאָריק קינד מאַטערט זיך אויסגעפינען אין מסכתא גיטין, ווי אַזוי און ווען טריילאָזיקייט איז אַ סיבה פאַר אַ גט, הגם ער קען זיך אפילו נישט פאַרשטעלן וואָס עס מיינט אַזוינס טריילאָזיקייט אין פאַרהייראַטן לעבן.

אַהער קומען אויך אַריין פאַרבייפאָרנדיקע באַלעגאָלעס, בעת זייערע פערד קייען איבערדויסן היי אָדער האָבער, וואַרעמען זיי זיך ביים אויוון פון בית־מדרש און הערן זיך צו צום שטילן ניגון פון די לערנערס, אָדער זיי דערציילן זיך מעשיות און באַגעבנהייטן אויף זייער נסיעה פון שטאָט צו שטאָט. דאָס בית־מדרש איז די לעבעדיקע צייטונג. זאַכן, וואָס ווערן דאָ דערציילט, ווערן דערנאָך איבערדערציילט אין יעדן הויז, און פאַרשפּרייטן זיך אַזוי אַרום איבער דער גאַנצער שטאָט און פון ישוב צו ישוב. אַזוי פירט זיך שוין זייט כמה־וכמה יאָרן.

ס'איז געווען אַ מילדער אָוונט, אָנהויב פעברואַר. דאָס בית־מדרש איז

זיך געגאַנגען מיט זיין געוויינלעכן שטייגער. עטלעכע מידע באַלעגאַלעס האָבן שוין געשנאָרכעט ביים אויוון. נחמן שמש איז זיך געזעסן ביי זיין שווערן טיש מיט צוויי אָנגעצונדענע ליכט; אין גרויסן מעשענעם סאַמאָוואַר האָט געזאָטן וואַסער אויף טיי, ס'איז אַריינגעקומען זלמן פליקער. ס'האָט אים לאַנג גענומען, ביז ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דער געהיימנישפולער שאָטנדיקייט פון די פאַנאַנדערגעשטעלטע ברענענדיקע ליכטלעך. זייט יאָרן איז ער דאָ נישט געווען, אחוץ אין געציילטע שבתים. נחמן שמש האָט זיך דערפרייט מיט א קונה און אים וואַרעם באַגריסט: „וואָס פאַראַ זעלטענער גאַסט — מ'דאַרף דעם אויוון איינוואָרפן. זעצט זיך."

„גיט מיר אַ הייס גלאָז טיי מיט אַן אייער־בייגל."

„תיכף־ומיד, ר' זלמן. די טיי איז פייער, און די בייגל צעגייען זיך ממש אין מויל — אויף אַלע מיינע ליבע געזאָגט. אַריינשיטן צוקער צי ווילט איר שטיקלעך?"

ווי נאָר נחמן שמש האָט אָנגעגאָסן די טיי, איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש לאָזער משולח. דורך אים פלעגן די נגידים פון שטאָט פאַנאַנדערשיקן איילִיקע ידיעות, מינדלעכע און שריפטלעכע. ער איז געווען פינקטלעך און פאַרלעסלעך, פלעגט מען אים אַריבערשיקן אויך אין אַנדערע שטעט. אחוץ אידיש, האָט ער אויך גערעדט דייטש, רומעניש און אוקראַיניש, און איז אַזוי אַרום געווען ווי די פאַרקערפּערונג פון דער כּ‏ערעטער לעבעדיקער צייטונג. ער איז אַריין מיט די ווערטער: „אידן, איך זאָג אייך; ס'איז משיח־צייטן. נישט אַנדערש, נאָר משיח־צייטן. זעט וואָס מען האָט מיר געגעבן אין גאַס, און גאַנץ אומזיסט."

זיינע ווערטער האָבן צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. מ'האָט אויפגעהערט לערנען, די איינגעדרימלטע באַלעגאַלעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט, און אַלע האָבן אים אַרומגערינגלט. לאָזער האָט געפּאַכעט מיט צוויי האַנט־צעטלען.

„נו שוין, רעד! וואָס שווייגסטו?"

„איך רעד דאָך די גאַנצע צייט. איר הערט מיך שווייגן צי רעדן? איך זאָג אייך: מיר סערעטער מיינען פאָרט עפּעס — מ'רייסט זיך פשוט איבער אונז, אָט דער געדרוקטער בריוו איז פון סקעדלען. ער..."

„פון סקעדל, דעם קייזערלעכן דעפּוטאַט פונעם רייכס־וואַגן? וואָס האָט יענעם שבת שיעור נישט אַרויסגערופן א געשלעג צוליב דער נייער באַן?"

„לאָזט מיך אויסרעדן. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז פאַר גאָרנישט טאָר מען נישט ווייזן קיין האַלבע אַרבעט. ערשטנס איז ער נישט קיין דעפּוטאַט פונעם רייכס־וואַגן, נאָר פונעם רייכס־ראַט. און איצט הערט וואָס ער

שרייבט, און וואָס כ׳שרייבט א צווייטער, וועלכער וויל פאַרנעמען זיין פאָסטן אינעם ראט ביים קייזער. צוערשט לייען איך אייך די גרויסע אותיות פון אויבן: יוואָס דאַרף די שטאָט סערעטע? .איצט הערט ווייטער:

„מיר, אייער לאַנג־יאָריקן דעפוטאַט, זענען מער און בעסער ווי יעדן איינעם באַקאַנט אייערע נויטן און זאָרגן. אייער שיינע שטאָט דאַרף האָבן ליכט, לופט און היגיעניש באַדינגונגען. זי דאַרף אַן אויפשטייג פון האַנדל, וואָס זאָל זיין פאַסיק פאַר אייערע טיכטיקע געשעפטן. ווען איר וועט מיר שענקען אייער פאַרטרויען, וועל איך זיך באַמיען אין פאַרלאַמענט, אַז דער רואינען־באַרג אין אייער שטאָט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וויין־באַרג. פון די באַרג־חורבות וועט אויפבליען אַ ניי לעבן און יעדער סערעטער וועט זיין געזיכערט מיט זיין אויסקומעניש פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. סערעטער! לאָזט אייך נישט פאַרפירן דורך דעמאַגאָגן און שענקט אייער פאַרטרויען צו דעם מאַן, וועלכער האָט צוועלף יאָר צייט אונטער אנדערע וואַל־פאַרהעלטענישן געגאָסן פון אייער פאַרטרויען און האָט עס קיינמאָל נישט מיסברויכט. אידן און קריסטן, רומענער, רוטענער און דייטשן, באַלמעלאָכעס, סוחרים און איר פון די פרייע פראָפעסיעס! אייערע אַלע וואונטשן וועלן דערפילט ווערן, ווען איר וועט אין טאָג פון די וואַלן מיך וויילן. אייער פראָפעסאָר סקעדל.”

לאָזער דער משולח האָט געלייענט הויך און מיט פאַטאָס, און האָט איצט געוואָלט פרעגן צי זאָל ער עס איבערזעצן אויף אידיש, אָדער זאָל ער בעסער פאַרלייענען דעם צווייטן האַנט־צעטל. אָבער דאָ האָט זיך אָנגערופן נחמן שמש: „די לופט זענען מיר אים מוחל. אינדרויסן איז דאָ גענוג לופט; און מיט אונזערע צעריסענע שיך און מלבושים איז אונז שוין אביסל צו־פיל לופטיק. ‚היגיעניש באַדינגונגען׳? וואָס פאַרא פאַרשלעפטע כאָליערע איז דאָס? ליכט האָבן מיר גענוג — מ׳ברענגט ב״ה גענוג ליכט אין בית־מדרש אַרייַן. זעט איר, די מעשה מיטן וויין־בארג איז שוין עפּעס אַנדערש. ווען ער זאָל באמת קאָנען פאַרוואַנדלען דעם רואינען־באַרג אין אַ וויין־באַרג, וואָלט אפשר דער אָרימאַן אויך געקאָנט אמאָל טרינקען א גלאָז וויין.”

„ווייסטו וואָס דיר פעלט, נחמן?” — האָט זיך אָנגערופן לאָזער, בייז פאַרוואָס מ׳האָט אים איבערגעשלאָגן — „איך וועל דיר זאָגן וואָס דיר פעלט: אַ פּאָר לאַנגע אויערן.”

„מיינע אויערן זיינען גענוג לאַנג”.

„אויב אַזוי, פעלט דיר שוין גאָרנישט צו זיין אַ פאָלנער אייזל”.

„הערט שוין אויף זיך צו קריגן” — האָט זיי באַרואיקט שמעון דער מקובל — „גלייך ווי ביי אַן אייזל וואָלט זיך געהאַנדלט בלויז וועגן לאַנגע אויערן... מ׳טאָר נישט פאַרשעמען אַ מענטשן. ווייסט דאָך ווי ס׳שטייט

געשריבן: ,המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא' — ווער ס'פאַרשעמט אַ צווייטן פאַר מענטשן, וועט נישט האָבן יענע וועלט".

„ווען מ'לייענט איבער אָט דעם צווייטן בריוו, זעט מען בפירוש, אַז מ'קאָן האָבן יענע וועלט אָט דאָ, אין גן־עדן, און טאַקע באַלד נאָך די געהיימע וואַלן. אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אַז איר וועט מיר נישט איבערשלאָגן, וועל איך אים אייך פאָרלייענען:

„וואָס סערעט דאַרף באמת. סערעטער! זיין מאַיעסטעט האַלט אייך, ווי אַלע אַנדערע שטעט און פעלקער פון זיין באַליבט קייזער־און קעניג־רייך, פאַר גענוג רייף, איר זאָלט קאָנען נעמען אייער גורל אין אייערע אייגענע הענט. אויפן גרונט פונעם אַלגעמיינעם, גלייכן, געהיימען און דירעקטן וואַל־רעכט, דאַרפט איר אויסקלייבן א מאַן אין פאַרלאַמענט, וועלכער זאָל באמת פאַרטרעטן אייערעווירקלעכע אינטערעסן. דער באָדן, אויף וועלכן איר לעבט, פאַרמאָגט אין זיך געוואַלדיקע אוצרות, וואָס זענען גענוג אויף צו באַגליקן די גאַנצע וועלט און צו פאַרוואַנדלען אייער שיינע שטאָט אין אַ גן־עדן. דער קאַנדידאַט, וועלכער בעט איצט אייער פאַרטרויען, און וועט דערפאַר אייך באַשענקען מיט זיין ליבע און אויפמערקזאַמקייט, וועט אין די נאָענטסטע טעג קומען צו אייך זיך פאָרשטעלן און צו אַנטוויקלען זיין פּראָגראַם פאַר אייך. זיין מאַיעסטעט".

„האָט יעדער פאַרשטאַנען וואָס ער זאָגט?" — האָט געפרעגט לאָזער, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט לייענען.

„זיין גן־עדן בין איך אים מוחל" — האָט געזאָגט שמעון דער מקובל — „יעדן אידן דערוואַרט דער גן־עדן אויף יענער־וועלט — איינעם א פאַר הונדערט אָדער טויזנט יאָר פריער, דעם אַנדערן אַ פאַר טויזנט יאָר שפּעטער; עס הענגט אָפּ פון דער צאָל עבירות, פאַר וועלכע מ'דאַרף אָפּ־קומען. נייגעריק בין איך נאָר וואָס ער מיינט מיט די פאַרבאָרגענע אוצרות, וואָס ליגן ביי אונז באַגראָבן אונטער דער ערד."

„דאָס איז דווקא גאָרנישט אַזוי האַרב צו פאַרשטיין — האָט זיך אַריינגעמישט נחמן שמש — „ווער ווייסט עס נישט, אַז אונטער דער ערד ליגן ריזיקע גאָלד־אוצרות נאָך פון קרח'ס צייטן? ווען דער קייזערלעכער פאַרלאַמענט זאָל אונז קאָנען מגלה־זיין דעם סוד, ווי אַזוי מען קאָן זיך דערגרייכן צו די דאָזיקע אוצרות, וואָלט איך אים גערן דערפאַר אָפּגעגעבן מיין גאַנץ געהיים וואַל־רעכט."

„אַ סוד, קינדער, בלייבט אויף אייביק א סוד" — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ לייכטן זיפץ — „איידער דער מענטש ווערט געבוירן, קען ער די גאַנצע תורה אויף אויסנווייניק און ס'איז נישטאָ קיין זאַך, איבער אָדער אונטער דער ערד, וואָס זאָל זיין פאַר אים פאַרהוילן. אָבער ווי נאָר ער פאַרלאָזט דעם עולם־העליון פון אייביקייט, געבוירן צו ווערן דורך דער

מוטערט טראַכט, גיט אים אַ מלאך אַ שנאָל אין דער אויבערשטער ליפּ — און ער פֿאַרגעסט תּיכּף אַלץ, ביז ער קערט זיך ווידער אום אין דער אײ־ביקייט. יעקב אבינו האָט פֿאַרן טויט געוואָלט מגלה־זיין זיינע קינדער וועגן ביאת הגואל, וואָס ס'וועט זיין באַחרית־הימים — האָט זיך די שכינה פֿון אים אָפּגעטאָן. אַזוי איז אויך מיטן קייזערס געהיימען וואַל־רעכט. ווען דער קייזער וואָלט וועלן מיר האָלן עס פֿאַרשטיין, וואָלט ער נישט געמאַכט דער־פֿון קיין געהיימען סוד. איך מיש מיך נישט אין אַזעלכע זאַכן."

מיט די ווערטער איז שמעון דער מקובל צוריק אַוועק צו זיין שטענדער, כּדי ווידער זיך גריבלען אין די סודות פֿון קבלה. אויף אַ סך צוהערער האָבן זיינע געדאַנקען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איינער פֿון די באַלע־גאָלעס האָט זיך אָנגערופֿן: „אַסור אויב אַזאַ אוצרל וואָלט געשאַט עמעצן פֿון אונז; מיר אוודאי נישט. כ'וואָלט נישט באַדאַרפֿט אַזוי שווער האָרעווען און וואָלט אויך געקאָנט רואיק איבערשלאָפֿן אַ נאַכט אין דער היים."

„אַזוי איז עס" — האָט געזאָגט לאָזער — „איצט וויל איך אייך דערציילן וואָס איך האָב געהערט. מ'זאָגט, אַז דער צווייטער בריוו שטאַמט פֿונעם אַמעריקאַנער, וועלכער האָט געדונגען משה מאַשיניסט צו צעגראָבן דעם רואינען־באַרג. ער וויל פֿון דער ערד אַרויסבאַקומען אייל און עס פֿאַרקויפֿן קיין אַמעריקע; דאָרט נוצט מען עס אָנשטאָט שוועבעלעך. מ'דער־ציילט אויך, אַז ער טוט עס אויף דער באַשטעלונג פֿון אַ רומענישן גוט־באַזיצער, וועלכער וויל באַקומען אונזערע שטימען; דערפֿאַר וועט ער אונז געבן די נייטיקע מאַשינעריע אַרויסצובאַקומען דעם אייל פֿון דער ערד."

זלמן פֿליקער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: דער אַמעריקאַנער אַרבעט, הייסט עס, פֿאַר אַ רומענישן באָיאַר... נישט אומזיסט האָט אים וואַסילי געזאָגט, ער זאָל גיין אין בית־מדרש און זיך צוהערן וואָס מ'רעדט... ערשט איצט האָט זלמן געוואָלט נאָך עפּעס זיך דערוויסן. אָבער נחמן שמש האָט בלויז געזאָגט:

„איינער וויל פֿונעם רואינען־באַרג מאַכן אַ וויין־באַרג, דער אַנדערער, אַן אייל־באַרג — ווי גראַמט זיך דאָס? כ'האָב מורא, אַז ס'זאָל פֿון דעם נישט אַרויסקומען ווי מיט יוחנן דעם וואַסער־טרעגער."

„וואָס איז געווען מיט יוחנן דעם וואַסער־טרעגער?"

„אַ באַקאַנטע מעשה. יוחנן וואַסער־טרעגער גייט שפּעט ביינאַכט פֿונעם בית־מדרש און קאָן זיך נישט קיין עצה געבן — וואָס זאָל ער קויפֿן פֿאַר דעם ביסל מזומן, וואָס איז אים געבליבן? ווייַן אויף קידוש און הבדלה, צי אַ ביסל נאַפֿט פֿאַרן לעמפּל? ביידע זאַכן זענען נייטיק. צומאָרגנס זאָגט ער זיין ווייב, זי זאָל קויפֿן אַ ביסל וויין און אַ ביסל נאַפֿט. וואָס אָבער טוט זיין ווייב? מישט זי צונויף דאָס ביסל נאַפֿט מיטן ביסל וויין — און וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען? דער לאָמפּ האָט נישט געברענט, ווייל דאָס איז מער קיין נאַפֿט נישט געווען, און דער קידוש איז געווען אַ ברכה־לבטלה, ווייל

דער ווײַן איז קײן חײַך נישט געווען. כ'האָב מורא, אַז דאָס נעמלעכע זאָל נישט אַרויסקומען פֿון אונזער רואינען־באַרג."

18

הויפּטמאַן לופּעסקו האָט זיך געפֿילט אין אַ גרויסער פֿאַרלעגנהייט, ווען דער אַמעריקאַנער, מיט וועלכן ער האָט געהאַט אַזאַ שאַרפֿן צוזאַמענשטויס אין „אידאַ־הײם", איז פּלוצים געקומען צו אים אין הויז, אין ווערפּולי. נישט אין אַ קלענערער פֿאַרלעגנהייט איז געווען דער אַזוי גערופֿענער אַמעריקאַנער. נאָך יענעם צוזאַמענשטויס האָט ער קודם געדענקט צו גײן פֿאַרקלאָגן דעם הויפּטמאַן בײַם אָבערסט סטעפּאַנעסקו. באַלד אָבער האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס וואָלט געווען אן אומזין. נאָכאַלעמען איז ער דאָך אוימן געהייס פֿון סטעפּאַנעסקון אהער געקומען, כדי דורכצופֿירן אַ געוויסע מיסיע, און נישט שיכורערהייט צו זידלען די רומענער און פּראָוואָצירן אַ צוזאַמענשטויס. ס'איז אים זייער שווער געווען צו גײן צו לופּעסקון, אָבער ער האָט עס פֿאָרט געמוזט טאָן. צוערשט האָט דער הויפּטמאַן זיך באַצויגן צו אים גלײַכגילטיק — ער האָט זיך אַפֿילו נישט אויפֿגעהויבן פֿון אָרט אים צו באַגריסן, נאָר בלויז מיט דער האַנט אים אָנגעוויזן זיך צו זעצן.

„עס וועט אײַך פֿאַרקומען מערקווירדיק, הער הויפּטמאַן, וואָס — נישט געקוקט אויף יענעם אומאַנגענעמען צווישנפֿאַל — בין איך דאָך געקומען צו אײַך. אָבער נאָכאַלעמען זענען דאָ וויכטיקערע זאַכן, ווי די באַרישקייטן, וואָס מען באַגייט אין אַ שכורן צושטאַנד."

„יאָ" — האָט בעזאָגט דער הויפּטמאַן — „פֿאַראַן אַ ווערטל: וואָס בײַ אַ ניכטערן אויף דער לונג, איז בײַ אַ שכורן אויף דער צונג."

דער אַמעריקאַנער האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט נישט געהערט די לעצטע ווערטער, און איבערגעגעבן דעם הויפּטמאַן לופּעסקו דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פֿון דעם רעזערווע־אָבערסט אין דער קעניגלעך־רומענישער אַרמיי, דעם גוט־באַזיצער סטעפּאַנעסקו. „פֿון מײַן פֿרײַנט", האָט ער דערבײַ באַמערקט.

הויפּטמאַן לופּעסקו האָט פֿאַרזיכטיק איבערגעלייענט דעם בריוו, זיך פֿאַרטראַכט אַ ווײַלע, דערנאָך דעם בריוו צוזאַמענגעלייגט און געפֿרעגט: „האָלט מען אין די העכערע קרײַזן, אַז די לאַגע איז באמת אַזוי ערנסט?" ס'האָט אים אָבער באַלד באַנג געטאָן פֿאַרוואָס ער האָט עס געזאָגט. די אײַנטערעלעכע שטעלע דאָ, בײַ דער גרענעץ, האָט ער באַקומען דורך די פֿאַרבינדונגען פֿון זײַן פּרויוו אַ פֿרײַנט, און ער וואָלט פֿאַר קײן פֿאַל נישט

וועלן פאַרלירן דעם פּאָסטן. ווען ער בלייבט נאָך דאָ א צוויי־דריי יאָר, האָט ער געטראַכט, וואָלט ער אָנגעקליבן גענוג קאַפּיטאַל זיך צו קויפן אַ גרויס גוט. דערפאַר האָט ער געוואָלט לעבן בשלום מיט אַלעמען, בפרט נאָך מיט אַזאַ איינפלוסרייכן מאַן, ווי אָבערסט סטעפאַנעסקו. בשעת ער האָט דאָס אַלץ געטראַכט, האָט ער דערהערט דעם נישט זייער פריינטלעכן ענטפער פונעם אַמעריקאַנער: „ווען די לאַגע וואָלט נישט זיין אַזוי ערנסט, וואָלט איך צו אייך נישט געקומען מיט אָט דעם בריוו.״

„זיכער, פאַרשטייט זיך. הער אָבערסט סטעפאַנעסקו איז אַן אויסגעצייכנטער מיליטער־מאַן און אַ גרויסער פּאָליטיקער. ער איז דאָס שיינדל פון אונזער לאַנד. איך האָב געהאַט דאָס גליק צו דינען אונטער אים אין 18־טן אינפאַנטעריע־רעגימענט. איך רעספּעקטיר זיין מיינונג, ווייל ער איז אַ קאָמפּעטענטער מענטש. אויך אַהער האָבן זיך אין דער לעצטער צייט דערטראָגן קלאַנגען, אַז די פּויערים אין צפון־מאָלדאַוויע ווערן אומרואיק, אַז זיי ווערן דאָרט אויפגעהעצט פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע דעמאַגאָגן. אָבער דאָ, אין אונזער געגנט, איז — גאָט צו דאַנקען — קיין שפּור נישטאָ פון דעם.״

„מען מוז האָבן אָפענע אויגן און געניטע זען וואָס עס טוט זיך אַרום. מעגלעך, אַז אויך דאָ איז נישט אַנדערש.״

דער הויפּטמאַן האָט נאָכאַמאָל געעפנט דעם בריוו און געזאָגט: „דער הער אָבערסט סטעפאַנעסקו איז אומבאַדינגט גערעכט, ווען ער ווייזט אָן, אַז ס׳איז נויטיק די גאַנצע אומצופרידנקייט פון די פּויערים צו פאַרקירעווען קעגן די אידן. אָבער דאָ וועט עס זיין זייער שווער צו טאָן, ווייל אין די דערפער פון אונזער געגנט וואוינען נישט קיין אידן. זעט איר, אין צפון־מאָלדאַוויע...״

„וועגן צפון־מאָלדאַוויע זאָלן זיך אַנדערע זאָרגן. אונז אינטערעסירט מער די געגנט דאָ, ווייל זי ליגט קנאַפּ ביי דער עסטרייכישער גרענעץ. איר ווייסט פּונקט אַזוי גוט ווי איך, הער הויפּטמאַן, אַז מען קאָן באַשאַפן געוויסע סיטואַציעס, אויב זיי עקזיסטירן נישט. אָבער אָפן גערעדט, ווייזט זיך מיר אויס כמעט אומגלויבלעך, אַז דאָ, אין אייער געגנט, זאָל נישט הערשן אַן אַנטי־אידישע שטימונג. איך האָב, דאַכט זיך, אַמאָל, ביי אַ געלעגנהייט באַמערקט׳ הער הויפּטמאַן, אַז איר באַהערשט די דייטשע שפּראַך. האָט איר אַמאָל געהערט אַ ווערטל, אַז ׳וואָס ס׳איז נישטאָ, קאָן נאָך ווערן׳. איבערלייגט זיך און גיט אַ טראַכט וועגן דעם. אין אַ צוויי טעג אַרום וועל איך ווידער דאָ זיין, וועלן מיר דעמאָלט אויספירלעכער רעדן וועגן דעם.״

דער אַמעריקאַנער איז אַוועק, און הויפּטמאַן לופּעסקו איז געבליבן אין אַ געדריקטער שטימונג. ער האָט געהאַסט אָט דעם אַמעריקאַנער מיטן דייטשן אקצענט, און דאָך האָט ער אים נישט געקאָנט איגנאָרירן צוליב

דער מיסיע, וואָס דער אָבערסט סטעפּאַנעסקו האָט אים איבערגעגעבן. לופּעסקו האָט בכלל נישט ליב געהאַט קיין „ספּעציעלע מיסיעס", ווייל ער האָט נישט געפילט אין זיך דעם כוח זיי דורכצופירן.

דאָ איז אים געקומען אויפן געדאַנק וואַסילי: אַ לעבעדיקער יונג, וואָס קאָן זיין נוצלעך אין פאַרשידענע זאַכן. ער מוז וועגן דעם איבער־רעדן מיט וואַסילין.

19

ביי די גרענעץ־טרופּן איז דאָס פאַרהעלטעניש צווישן אָפיצירן און סאָלדאַטן געווען אנדערש, ווי אין דער אַלגעמיינער אַרמיי. וואַסילי איז איצט געווען א קאָרפּאָראַל. ער האָט געזען אַלץ, וואָס ס'גייט־אָן ארום אים, אָבער צווישן אים און דעם הויפּטמאַן האָט געהערשט ווי אַ שטילער אָפּמאַך, אַז איינער זאָל זיך נישט מישן אין אַנדערנס געשעפטן. מ'האָט מייסטנס גערעדט וועגן דינסט־אַנגעלעגנהייטן, און שטענדיק אָן די אָנגענומענע שטייפע מיליטער־פאָרמאַליטעטן. און דאָך האָט דער הויפּטמאַן זיך באַמיט צו האַלטן אַ געוויסע דיסטאַנץ צווישן אים און וואַסילין. איצט איז וואַסילי געזעסן פאַרן הויפּטמאַן, ביים זעלבן טיש און אויפן זעלבן שטול, וואו ס'איז מיט צוויי שעה פריער געזעסן דער אַמעריקאַנער. דער הויפּטמאַן האָט אים דערלאַנגט אַ פיינעם עסטרייכישן פּאַפּיראָס און גע־זאָגט: „קאָרפּאָראַל וואַסילי, מיר רעדן איצט צווישן זיך 'אויסער דינסט', אַזוי צו זאָגן. אויב אייך זאָל נישט געפעלן ווערן וואָס איך גיי אייך איצט זאָגן, וועלן מיר ביידע פאַרגעסן וואָס מיר האָבן גערעדט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ פאַרטרויליכער זאַך, וואָס רירט אָן אונזער צוקונפט. וויל איך אייך פריער פאַר אַלץ פרעגן: וואָס האָט איר באַשלאָסן צו טאָן? אייער מיליטער־דינסט ענדיקט זיך באַלד..."

דעם הויפּטמאַנס רייד האָבן געקלונגען, ווי יעדעס וואָרט וואָלט ערשט באַדאַרפט צוזאַמענגעשטעלט ווערן פון באַזונדערע בוכשטאַבן. וואַסילי האָט עס באַמערקט און שוין אָנגעהויבן טראַכטן: האָט דער הויפּט־מאַן עפּעס זיך דערוואוסט וועגן מיין טעטיקייט? איז אפשר אריינגעפאלן אין זיינע הענט אַ בריוו, וואָס איז געווען געשריבן צו מיר? אָבער בשעת ער האָט אַזוי געטראַכט, האָט דער הויפּטמאַן ווידער געפרעגט: „איז וואָס־זשע, וואַסילי? ווילט איר, נאָכן פאַרענדיקן די דינסט־צייט, פאַרלאָזן דעם פּאָסטן, אָדער ווילט איר ווייטער בלייבן דינען? אייגנטלעך האָב איך שוין פון לאַנג באַדאַרפט אָוועקשיקן דעם פרעג־בויגן מיט אייער ענטפער. איך פאַרשטיי: ווען מ'האָט א כלה, איז נישט אַזוי לייכט צו פאַסן אַ באַשלוס — מ'קאָן נישט, אין אַזאַ פאַל, אַליין דעצידירן. די אויסזיכטן דאָ זענען

פאַר אײַך נישט שלעכט. אויב איר ווילט, קאָן איך וועגן דעם איבערערעדן מיט אײַער כלה׳ס פאָטער. מיר מוזן נישט שטרענג זיך האַלטן אין פאַר־מאַליטעטן — איך קאָן אײַער באַשלוס אַרײַנשיקן עטלעכע טעג שפּע־טער.״

„איך האָב באַשלאָסן צו בלײַבן ווײַטער דינען, הער הויפּטמאַן.״

„מײַן האַרציקן גליק־וואונטש, וואַסילי. איך דאַרף זיך אַליין אויך גראַטולירן, ווײַל מיר וואָלט שטאַרק באַנג געטאָן, ווען איר זאָלט געוועזן אַוועקגיין. אָבער דאָס איז נישט אַלץ, וועגן וואָס איך וויל מיט אײַך הײַנט רעדן. ווי געזאָגט, האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ שטרענג געהיימער זאַך, וואָס געהערט אייגנטלעך אין געביט פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע. נאָר ס׳איז דאָך שוין אַן אָנגענומענע זאַך, אַז די שווערסטע פּראָגן ווערן אונז איבערגעגעבן צו דערליידיקן — נישט אַזוי?״

„שטימט, הער הויפּטמאַן.״

ווידער איז דעם הויפּטמאַן לופּעסקו שווער געווען אַרויסצוברענגען דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. אָט דער אַמעריקאַנער האָט אים אַרויס־געבראַכט פון זײַן גלײַכגעוויכט — עפּעס ווי ער וואָלט אים אונטערגע־וואָרפן אַ שרץ, וואָס האַלט אים אין איין פּלאָגן. געוויס, אַן אָפיציר ביים גרענעץ־דינסט טאָר נישט זײַן איבערקלויבעריש. ער האָט עסקים מיט סוחרים, און מיט שמוגלערס און מיט אַנדערע פאַרדעכטיקע פאַרשוינען, וואָס ווײַכן־אויס די לעגאַלע גרענעץ־אַריבערגאַנגען, און דאָס ברענגט אים אַרײַן היפּשע סומעס — אויפן חשבון פון דער רעגירונג. דאָס איז אַן אָנ־גענומענע „זעלבסטפאַרשטענדלעכע״ זאַך ביי יעדן רומענישן גרענעץ־אָפיציר. דאָס טוט יעדער — אַזוי האָט געהאַנדלט דער אָפיציר, וואָס איז דאָ געווען פאַר אים, און אַזוי וועט, אָן צווייפל, אויך האַנדלען זײַן נאָכ־פאָלגער. אָבער דאָכג וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים איצט — אין דעם האָט ער קיין שום דערפאַרונג נישט. אחוץ דעם איז אים נישט געפעלן געוואָרן דעם אַמעריקאַנערס חוצפּה. ער האָט נישט געקאָנט פּטור ווערן פון פאַרדאַכט, אַז אָט דער אַמעריקאַנער איז באמת גאָר אַ דײַטש. און די דײַטשע חזירים־שמוגלער האָט ער געהאַסט מער ווי אַלע אַנדערע שמוג־לערס, ווײַל די דײַטשן האָבן שטענדיק געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון געבן „שווייג־געלט״ דעם גרענעץ־אָפיציר.

הגם די פראַגע, וואָס ער האָט איצט געשטעלט וואַסילין, איז גע־ווען אַ לאָגישע פאָרזעצונג פון דעם, וועגן וואָס זיי האָבן שוין פריער גע־רעדט, האָט עס דאָך געקלונגען ווי אומדערוואַרט, ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין שייכות מיטן פריערדיקן: „וואָס האַלט איר פון אידן, וואַסילי?״

„פון וועלכע אידן, הער הויפּטמאַן?״

„פון אַלע אידן.״

„איך קען נאָר זייער ווייניק אידן.“
„און וואָס האַלט איר פון אַט די ווייניקע אידן?“

די פראַגע איז געקומען אומדערוואַרט. וואַקילי האָט אַ קלער געטאָן — און ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַבערסט סטעפּאַנעסקוס בריוו, וואָס ער האָט געהאַט געפונען אין טאַש פון דעם אַזוי געררופענעם אַמעריקאַנער. אַט דאָס, הייסט עס...

„איר קאָנט פּונקט אַזוי, הער הויפּטמאַן, עמעצן פרעגן: וואָס האַלט איר פון ווייַן? טרינקט יענער נישט קיין ווייַן, וועט ער אייך אַנדערש נישט קאָנען ענטפערן, ווי נאָר, אַז אים אינטערעסירט נישט קיין ווייַן. איז ער יאָ אַ ווייַן־טרינקער, וועט ער וועלן וויסן אויף וואָס פאַר אַ ווייַן איר פרעגט. אין דעם פאַל, הער הויפּטמאַן, בין איך נישט קיין ווייַן־טרינקער.“

„אייער ענטפער, וואַקילי, געפעלט מיר“ — האָט געזאָגט דער הויפּטמאַן — „איר דאַרפט אָבער נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען סאָלדאַטן און מיר דאַרפן דורכפירן באַפעלן. מ׳לאָזט אונז וויסן, אַז עס קומען אָן שווערע צייטן; מ׳דאַרף דערוואַרטן פּויערים־אומרוען. מיר זענען די גרענעץ־היטער — מיר דאַרפן באַשיצן די גרענעץ און די טעריטאָריע הינטער דער גרענעץ. ס׳איז נישט אונזער אויפגאַבע נאָכצוטראַכטן וועגן דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון אונזער לאַנד. איינער איז א בעל־מלאכה, דער אַנדערער א סוחר, דער אַ גוט־באַזיצער און יענער אַ פּויער, אָדער א פעלד־אַרבעטער, איינער אַן אָפיציר, דער צווייטער אַ סאָלדאַט. דאָס איז גאַנץ נאַטירלעך — נישט אַלע קאָנען דאָך זיין גלייך. מיר דאַרפן בלויז פאַרטיידיקן די אָרדענונג אין לאַנד. וואָרים אַז נישט...“

לופּעסקו איז ווידער געבליבן שטעקן מיט די ווערטער — ער האָט נישט געוואוסט וואָס ווייטער צו זאָגן. און כדי צו פאַרגלעטן זיין פאַרלעגנהייט, האָט ער אַ פרעג געטאָן: „דענקט איר נישט אַזוי, וואַסילי?“

„איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם“ — האָט געזאָגט וואַסילי, כאָטש ער האָט שטאַרק געוואָלט עפּעס אַנדערש ענטפערן אויף אַט דער פראַגע.

„גאַנץ ריכטיק, וואַסילי. טראַכטן געהערט נישט צו די אויפגאַבן פון אַ סאָלדאַט. איך בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז וואָס ווייניקער א מענטש טראַכט, אַלץ בעסער שלאָפט ער און אַלץ געזינטער איז עס פאַר אים. יאָ, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן — גייט עס דען די פּויערים אויף דער אַנדערער זייט, אין עסטרייך, א סך בעסער ווי ביי אונז?“

„דאָרט זענען פאַראַן אַ סך מער זעלבסטשטענדיקע פּויערים, ווי ביי אונז, נאָר, וואָלט זיי גוט געגאַנגען, וואָלטן דאָך אַזוי פיל נישט אויסגעוואַנדערט קיין קאַנאַדע און אַמעריקע.“

„איר קומט דאָך אויך פון אַ דאָרף, וואַסילי. וואָס זענען אייערע עלטערן?"

„פעלד־אַרבעטער, הער הויפטמאַן."

„און דאָך האָט איר ביי אונז אַ מעגלעכקייט זיך אַרויפצואַרבעטן. אָבער מיר האָבן זיך פאַררעדט וועגן אַנדערע זאַכן. מען דערוואַרט פון אונז, אַז מיר זאָלן די אומצופרידענע פויערים באַרואיקן, און — איך זאָג עס אייך גאַנץ אָפן — אויב נויטיק, דאַרף מען זייער אומצופרידנקייט פאַרקירעווען קעגן די אידן. אַז ס'איז אונזער אויפגאַבע צו קעמפן קעגן אויפשטענדלער, איז דאָך קלאָר. דאָ קאָן נישט זיין קיין פראַגע פון 'פאַרוואָס' און 'פאַר ווען'. אָבער ווי אַזוי מיר, וועלכע האָבן דירעקט גאָרנישט צו טאָן נישט מיט די אידן און נישט מיט די פויערים, קאָנען די אומצופרידנקייט פון די פויערים אַרויפוואַרפן אויף די אידן — דאָס הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין. אַנו, לאָמיר הערן — אפשר ווייסט איר ווי אַזוי? גיט אַ טראַכט וועגן דעם."

ס'איז שוין לאַנג צייט געווען — האָט וואַסילי געטראַכט — צו האָבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע. ער האָט עס געקאָנט דערוואַרטן. „וועט דער הער הויפטמאַן נישט ברוגז זיין" — האָט ער געזאָגט — „ווען איך וועל שטעלן אַ פראַגע?"

„פאַרקערט — פרעגט."

„איר האָט נאָר וואָס געזאָגט, הער הויפטמאַן, אַז טראַכטן געהערט נישט צו די פליכטן און אויפגאַבן פון אַ סאָלדאַט. און איצט הייסט איר מיר טראַכטן וועגן אַ זאַך, וואָס איז מיר פולשטענדיק פרעמד. אפשר געפינט זיך עפעס וועגן דעם אין די דינסט־פאַרשריפטן?"

„שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, וואַסילי, ווען מיר דאַרפן זיך שטענדיק האַלטן אָן געזעצן און פאַרשריפטן! איר ווייסט עס פונקט אַזוי גוט, ווי איך, ווען ס'קומט צו אמת־וויכטיקע פראַגן, וועט איר אין די דינסט־פאַרשריפטן נישט געפינען קיין ענטפער דערויף. איר זעט דאָך אַליין, אַז זיי פאַרלאַנגען פון אונז עפעס... אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו אונזער פראַגע. כדי צו קאָנען אַוועקשיקן אַ באַריכט וועגן דעם, מוזן מיר פריער אַליין זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָ אייגנטלעך קומט פאָר. ביז איצט האָט מען אונז נישט געשיקט קיין אינסטרוקציעס, אַז מיר זאָלן אַרבעטן צוזאַמען מיט דער זשאַנדאַרמעריע. דאָס מיינט, אַז מיר מוזן אַליין האַנדלען. זעט דעריבער פון איצט אָן מער צו פאַרקערן צווישן די פויערים. פרעגט־נאָך און געפינט אויס צי זיי ווייסן עפעס וועגן אַ געפלאַנטן אויפשטאַנד; רעדט מיט זיי וועגן אידן, און איך וועל מאָרגן כאַפּן אַ שמועס מיט אונזער שלאָס־פאַרוואַלטער, מאַיאָר פיליפעסקו, וועלכער איז היינט צוריקגעקומען פון בוקאַרעשט."

20

יאָהאַן ווילדס גאַסטהויז „צום פעטן אָקס" איז באַטירלעך, נישט געווען אַזוי מאָדערן און עלעגאַנט, ווי דאָס האָטעל „אַנגאַהאָף". אָבער דער רומענישער גוט־באַזיצער קאַרל פישער, וועלכער האָט געשטאַמט פון אַ דייטש־רעדנדיקער געגנט אין עסטרייכישן זאַלצבורג, פלעגט שטענדיק, ווען ער איז געקומען קיין סערעט, איינשטיין ביי ווילדן. אויך דאָס מאָל האָט ער ביי אים געוואוינט. די קיך פון „פעטן אָקס" איז געווען באַרימט. אַחוץ דעם האָט דאָס גאַסט־הויז געהאַט נאָך אַנדערע באַקוועמלעכקייטן.

יאָהאַן ווילד איז מיט צען יאָר צוריק, דעמאָלט אַרום אַ פערציק יאָר אַלט, געקומען קיין סערעט פון באַוואַריע, צוזאַמען מיט זיין פרוי לאָטע און זייער 10־יאָריק טעכטערל גערדאַ. אין אַ גרענעץ־שטאָט, האָט ער זיך דעמאָלט געזאָגט, זענען תמיד פאַראַן גרויסע מעגלעכקייטן פאַר אַ דייטשן מענטש מיט שכל און אַמביציעס. דער חזיר־הענדלער טירינגער האָט אים נישט צוגעלאָזן צו ווערן איינער פון די „חזירים־עקספּאָרטערס", ווי ער פלעגט רופן זיין באַנדע חזירים־שמוגלערס. האָט זיך יאָהאַן ווילד באַלד געעפנט דאָס גאַסט־ און איינפאָר־הויז „צום פעטן אָקס". אַזוי איז שוין, האָט ער זיך געזאָגט, אַ דייטש מוז שטענדיק אָפּטאָן די פּיאָנער־אַרבעט אין דער וועלט. דאָס איז זיין מיסיע, און איך וועל אויך נישט אָפּשטיין פון דעם.

און אין קורצן טאַקע האָט דער „פעטער אָקס" באַקומען אַזאַ שם, אַז בעת די האַרבסט־חדשים, ווען די רומענישע באַיאַרן פלעגן אַריבערקומען קיין סערעט, איז אין ווילדס נאַכט־הויז קיין צימער נישט געבליבן ליידיק. דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל האָט נישט ליב געהאַט ווילדן, ווייל איידער ווילד האָט זיך דאָ באַזעצט, פלעגט מען אין סערעט טרינקען ביר בלויז פון ביילס ביר־ברעגעריי. ווילד אָבער האָט איינגעפירט ביי זיך אין גאַסט־הויז פילזנער ביר און ביר פון באַוואַריע.

„דער גנעדיקער הער זאָל אין דער צייט קומען קיין סערעט?" — האָט ווילד באַגריסט דעם גוט־באַזיצער קאַרל פישער — „מסתם זייער וויכטיקע געשעפטן! אַן אַנגעלייגטער גאַסט. זייט האַרציק באַגריסט."

„וויכטיקע געשעפטן, אָבער נישט קיין זייער פריילעכע, מיין ליבער האַנס. ווייסט איר אפשר וואו מ׳קאָן דאָ טרעפן אַן אַמעריקאַנער מיטן נאָמען ראַלף סמיט?"

„איר קענט דעם אַמעריקאַנער? אַ מאָדנער פויגל. האָט זיך אַרייַנגענומען אין קאָפּ דווקא דאָ צו געפינען פּעטראָלעאום! די טשערנאָוויצער געאָלאָגן לאָזן אין די פויסטן — ווי קומט אַהער פּעטראָלעאום?"

„זאָגט אים —אָבער פאַרזיכטיק — אַז איך בעט אים, ער זאָל וואָס גיכער קומען מיט זען."

:: :: ::

ס'האָט נישט געדויערט קיין עטלעכע מינוט, און דער אַמעריקאַנער איז געווען ביי פישערן. ער האָט באַלד אַרונטערגעוואָרפן די מאַסקע — אויס „אַמעריקאַנער" — און האָט אונטערטעניק און מיט גרויס דרך־ארץ באַגריסט פישערן. וואָרים אחוץ אַ גוט־באַזיצער, איז פישער אויך געווען באַטייליקט מיט גרויסע סומען אין דעם ווייַץ און אין די ברענערייען פונעם אָבערסט סטעפּאַנעסקו. איצט איז געשטאַנען דער קנעכט פאַר זיין האר — דער פאַרוואַלטער קורט קראַוטער פאַר זיין באַלעבאָס. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ערשט נאָכדעם, ווי פישער האָט אים צוויי מאָל געהייסן זיך זעצן און אים דערלאַנגט אַ ציגאַר.

„בעסטן דאַנק, מיט אייער גנעדיקער דערלויבעניש" — האָט ער גענומען דעם ציגאַר און זיך טיף געבויגט.

„ווי גייט דאָ די אַרבעט, מיין ליבער הער קראַוטער?"

„מ'טוט אַלץ, וואָס מ'קאָן. כ'האָב דאָ אָנגעהויבן צו גראָבן — קאָסט נישט טייער. די מענטשן דאָ וואונדערן זיך אפילו נישט, וואָס איך האָב אום ווינטער אָנגעהויבן אַזאַ אַרבעט. זיי הויבן נישט אָן צו וויסן, אַז כ'האָב נאָך אפילו דעם שכני נישט דורכגעבויערט. כ'האָב שוין אויך אַביסל אויסגעשפּירט די גרענעץ־וואַכן. אַ שאַרלאַטאַניש געזינדל, ווי אומעטום איבערן לאַנד. הויבן נישט אָן צו וויסן וואָס עס קומט פאַר אונטער זייער אייגענער נאָז — אַז זיי אינטערעסירט עס גאָרנישט! און איך האָב פאַרט דאָס געפיל, אַז פונקט דאָ אַרבעט אַ געפערלעכע באַנדע. איך בין אויף דער שפּור פון אַ אידישן קירזשנער, וועלכן איך פאַרדעכטיק, אַז ער האָט אַ האַנט אין דער שפּיל. פאַרשטייט זיך, איך בין שטענדיק גרייט אייך צו אינפאָרמירן וועגן יעדער איינצלהייט און איך וואָלט זייער וועלן אייך פאַרלייגן געוויסע פּלענער, וועלכע מוזן — לויט מיין באַשיידענער מיינונג — דורכגעפירט ווערן."

„מיין ליבער קראַוטער — עס ווייזט אויס, אַז איר האָט זיך אונטערגענומען אַ סך זאַכן, אָבער — לויט אייערע בריוו — האָט איר נאָך דערוויל גאָרנישט דערגרייכט. לאָמיר עפּעס איבערבייסן, וועל איך דערווייל אייך פאַרלייגן מיינע פּלענער, דערנאָך וועל איך הערן אייערע, און מיר וועלן זען אויף וויפל עס לאָזן זיך די ביידע פּלענער פאַראייניקן."

מ'האָט סערווירט עסן און טרינקען. „מיר האָבן זיך דאָך אָנגעשלאָסן" — האָט געזאָגט פישער — „אַז איך אַליין זאָל זיין דער קאַנדידאַט צום פּאַרלאַמענט, און נישט שטיצן פּראָפעסאָר סקעדלס קאַנדידאַטור, ווי איר האָט פאָרגעשלאָגן. איך וועל אייך אויך גענוי דערקלערן די אורזאַכן פון אונזער באַשלוס."

„אויב איך מעג אייך איבערשלאָגן, גנעדיקער הער — אין דעם האַנטצעטל, וואָס איך האָב געלאָזט אָפּדרוקן און דאָ פאַרטיילט צוריק מיט דריי טעג, האָב איך אָפן געלאָזן אַ מעגלעכקייט פאַר דעם."

ווישנדיק דאָס מויל מיטן סערוועטל, האָט פישער געכאַפּט אַ בליק אינעם דערלאַנגטן האַנטצעטל, און איז געווען צופרידן. „זינט איר זייט אַוועקגעפאָרן, הער קראַוטער, איז די לאַגע געוואָרן אַ סך ערגער. אין בור־קאַרעשט ווייסן זיי גאָר אַיין זאַך — ווי שטענדיק: אויפשטעלן די האַנט. מען זאָל זיי אונטערשמירן. יעדער זאָגט צו, נעמט דערווייל געלט, און אַ האַלבע שעה שפּעטער ווייסט ער שוין נישט וואָס ער האָט צוגעזאָגט. די איינציקע האָפענונג איז נאָך גענעראַל אַוואַרעסקו. ער האָט דעם מוט און די אַנטשלאָסנקייט עפּעס צו טאָן. אָבער — צי וועט ער אויך האָבן די מאַכט דערצו, איז אַ גרויסע פראַגע. מילא ווען די מענטשן דאָ צאָלן נישט פאַר אַרענדע, האָבן זיי כאָטש אַ תירוץ, אַז לעצטן יאָר איז נישט געווען קיין געררעטעניש. אָבער ביי אונז דאָרט איז דאָך קיין טרוקעניש נישט געווען, און דאָך ווילן זיי נישט צאָלן. זיי ווערן פרעכער פון טאָג צו טאָג. עס דרייען זיך אַרום הונדערטער דעמאַגאָגן, העצן גאַנץ פריי, און עס הייבט זיך נישט אָן האַנט זיי צו שטערן. די רעקרוטן הערן עס אין דער היים און טראָגן עס דערנאָך אַריין אין דער אַרמיי, און די סאָלדאַטן הערן זיך אָן וועגן דעם אין דער אַרמיי און ברענגען עס דערנאָך אַהיים אין דאָרף אַריין. אפילו די גלחים זענען שוין אויך אָנגעשטעקט מיט דעם! צווישן אַ סך פּויערים האָט זיך גאָר פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער האַר, דער דערלייזער אַליין וועט זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון די פּויערים און וועט העלפן פאַרטרייבן די באַלאַרן פון זייערע גיטער, פּונקט ווי ער האָט אַמאָל פאַריאָגט די וואָכערער פון בית־המקדש. מיר ווערן עפּנטלעך באַצייכנט ווי רויבער פון אַ פרעמד לאַנד. ווער ס'קען נאָר אַן אות, לייענט־פאַר אַזעלכע אויפרופן פאַר די פּויערים."

„אָבער די מייסטע באַלאַרן זענען דאָך רומענער — ווי־זשע קאָן מען זיי אָנרופן 'פרעמדע'?"

„זיי זאָגן, אַז איינציקע זענען דייטשן, די אַנדערע — יאַניטשאַרן, גריכן, אָדער טערקן. יאָ, מיין ליבער קראַוטער, אַזאַ איז די לאַגע. אונטער אַזעלכע אומשטענדן קאָנען מיר נישט זיצן בלייבן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף נסים. געמט דאָך אַ גלעזל טאָקאַיער. דאָס עסן ביי ווילדן

איז, ווי שטענדיק, אויסגעצייכנט. נעמט, שעמט זיך נישט. אפשר גאָר אַ גלעזל באָרדאָ־ווייַן?״

„דאָס געבראָטענע חזיר־פיסל איז אויסגעצייכנט. איך וועל שוין נעמען, מיט אייער דערלויבעניש, אַ גלאָז טאָקאַיער. מעג איך איצט אַרויסזאָגן מייַן מיינונג?״

„איך בין געשפּאַנט צו הערן.״

„אויב איך האָב אייַך ריכטיק פאַרשטאַנען, גנעדיקער הער, מיינט איר, אַז ווען אייַך וועט געלינגען צו קריגן פון דאַנען דעם מאַנדאַט צום פּאַרלאַמענט, וועט איר — אין אַ נויט־פאַל — קאָנען דערפירן די ווינער רעגירונג צו אַן אינטערווענציע.״

„פאַר דעם צוועק איז אַ מאַנדאַט צום פּאַרלאַמענט נישט פון גרויסער באַדייטונג. אייַן שוואַלב, ווי באַקאַנט, מאַכט נישט קיין זומער. מיט אייַן מאַנדאַט וועלן מיר נאָך קיין אינטערווענציע נישט דערגרייכן. אין רוסלאַנד איז די לאַגע נישט מער די, ווי זי איז געווען באַלד נאָכן פאַרלירן די יאַפּאַנישע מלחמה און נאָך דער רעוואָלוציע. רוסלאַנד האָט זיך לעצטנס ווידער געשטעלט אויף די פיס, און אַן עסטרייכישע אינטערווענציע וואָלט דאָרט אָנגעטראָפן אויף אַ שאַרפן דיפּלאָמאַטישן ווידערשטאַנד. כדי צו באַשאַפן — ווען ס'וועט נויטיק זייַן — די שטימונג פאַר אַן אינטערווענציע, מוזן מיר גאַנץ ענערגיש זיך נעמען צו דעם פּלאַן, וועגן וועלכן מיר האָבן גערעדט איידער איר זייט אַוועקגעפאָרן; און איצט וועלן מיר דאַרפן אָנווענדן פיל מער ראַדיקאַלערע מיטלען. מיר וועלן מוזן זען, אַז אונזערע באַנדעס זאָלן אַריבער די גרענעץ און טאַקע דאָ, אין סערעט, אַרויסרופן אומרוען. דאָס בעסטע מיטל דערצו וואָלט געווען — אָנפאַלן אויף אידן. מיט דעם וואָלט אָנגערירט געוואָרן די עסטרייכישע זעלבשטענדיקייט, און דאָס וואָלט נישט נאָר באַרעכטיקט אַן עסטרייכישע אינטערווענציע, נאָר עס וואָלט אויך באַוויזן די נויטווענדיקייט פון דעם.״

„אַ קאָמפּלימענטן, גנעדיקער הער — איך מוז אייַך זאָגן, אַז אייער פּלאַן איז גענייַאַל. איך וועל זיך אויך באַמיען צו אַרבעטן אין דער ריכטונג. אויב דער פּלאַן זאָל אונז געלינגען — און עס זענען דאָך דאָ אַלע מעגלעכקייטן דערצו — איז צו וואָס דאַרפן מיר פאַרשווענדן אַזוי פיל ענערגיע אויף אַרייַנצוקריגן דעם מאַנדאַט צום פּאַרלאַמענט? מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז מיר וועלן האָבן סקאַנדאַלן קעגן זיך, און סקאַנדאַל איז באַליבט נישט נאָר ביי דער היגער לאַנד־רעגירונג, נאָר אויך צווישן די איינפלוסרייכע קרייזן אין ווין.״

„די היגע לאַנד־רעגירונג, ווי די איינפלוסרייכע קרייזן אין ווין, זענען בלויז פאַראינטערעסירט אין אַ קאָנסערוואַטיוון דעפּוטאַט, וואָס איז געטריי דער רעגירונג. אויב איך וועל זיי געטריי דינען, וועל איך זייַן ביי זיי

פונקט אַזוי אָנגעלייגט. געליגנט אונז נישט אַרויסצורופן אַזאַ אויפשטאַנד נאָך איידער די פויערים צעבונטעווען זיך — און אים טאַקע גלייך צו דערשטיקן, קאָנען מיר זייער אַ סך פאַרלירן. מיט אַ מאַנדאַט אין דער האַנט, קאָן איך צווינגען די ווינער רעגירונג, זי זאָל פאַרלאַנגען, אַז בוקאַרעשט זאָל פולשטענדיק באַצאָלן פאַרן שאָדן. ווי איר זעט, קאָן אַ מאַנדאַט דאָך האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונז. מיר מוזן זען מיט אַלע גויטיקע מיטלען צו דערגרייכן אונזער צוועק.״

„זעט, הער פישער, איר קענט דאָך די שטאָט פריער, און זיכער בעסער ווי איך. דעצידירן די וואַלן וועלן די שטימען פון דער שטאָט, ווייל די דאָרפישע באַפעלקערונג ווייסט נאָך אפילו נישט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און זייער ווייניק פון זיי וועלן זיך באַטייליקן אין די וואַלן. און אין דער שטאָט זענען די מייסטע שטימען אידישע.״

„דורכאויס נישט. אויב אַלץ זאָל צוגיין ווי געהעריק, האָט סקעדל זייער ווייניק אויסזיכטן. שוין צוליב דעם אַליין, וואָס בייל און שרייבער זענען אויף זיין זייט, וועלן די אידן — ביי געהיימע וואַלן — דווקא שטימען פאַר כקעדלס קעגנער. זעט איר שוין.״

„אָבער איך האָב זיך דערוואוסט פון אַ זיכערן קוואַל, אַז סיי אַ ציוניסט, סיי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט וועלן אַרויסשטעלן זייער קאַנדידאַטור אין דעם בעצירק. איר, הער פישער, זענט פאַר זיי אַ פרעמדער — אַי אַ דייטש, אַי אַ רומענישער גוט־באַזיצער. איז אויב מיר ווילן געווינען זייערע שטימען מוזן מיר קומען צו זיי מיט עפּעס, וואָס די קעגן־קאַנדידאַטן קאָנען זיי נישט געבן.״

„געלט איז דאָ גענוג — דאָס דאַרף איך אייך ערשט נישט דערציילן.״

„געלט שפּילט אַ גרויסע ראָל, אָבער דאָס איז נישט גענוג. אחוץ דאָס געלט, מוזן מיר זען צו דערוועקן ביי די מענטשן דעם גלויבן, אַז מיר גייען זיי באַגליקן, אַז מיר וועלן רייך מאַכן יעדן איינעם פון זיי. דאָס איז געווען מיין פּלאַן, פאַרוואָס איך האָב אָנגעהויבן זיי דרייען אַ קאָפּ מיטן פּעטראָלעאום. אויף דעם מוזן מיר איצט קלאַפּן — מיר מוזן עס מער קאָנקרעטיזירן. איך האָב דאָ אַ מאַן, אַ מעכאַניקער — הויבט ער נישט אָן צו פאַרשטיין וואָס מעכאַניק איז. אַ נאַרישער פּלאַפּלער און באַרימער — אָט דעם מאַן קאָנען מיר אויסנוצן.״

21

משה מאַשיניסט האָט פון זיך געהאַלטן, אַז ער איז אַ פאַרלוירענער טאַלאַנט: „די נאַטור האָט באַגאַנגען קעגן מיר אַ גרויס פאַרברעכן. איך האָב באַדאַרפט געבוירן ווערן אין אַ גרויכער שטאָט, און נישט אין אַ העק,

ווי סערעט." און ער איז אפשר געווען געדיבט — אין אַ גרויסער שטאָט וואָלט ער אפשר געהיסן געקאָנט ווערן אַן אָנגעזעענער ציטונגס־מענטש. ווארים ער האָט די פעאיקייט צו קאָנען רעדן וועגן זאַכן, פון וועלכע ער האָט קיין באַגריף נישט געהאַט — אבי ער האָט נאָר אַמאָל געהערט אַ וואָרט וועגן דעם; פון יעדן בוך האָט ער געקאָנט אַרויסכאַפּן עטלעכע גע־פליגלטע ווערטער, וועלכע ער האָט דערנאָך אויסגענוצט אין זיינע שמועסן. זיינע צוהערער האָבן געקאָנט מיינען, אַז עס גיסט זיך פון אים ווי פון אַ קוואַל. דערביי האָט ער קיינמאָל נישט דורכגעלייענט קיין בוך ביזן סוף. ער האָט נישט געקענט קיין לאַטיין און קיין גריכיש, אָבער ער האָט אויס־געלערנט אויף אויסווייניק אַ מאַסע ווערטלעך און פראַזן אין די דאָזיקע שפראַכן, האָט מען אים געהאַלטן פאַר אַ קלאַסישן פילאָלאָג. ער איז, פלעגט ער טענהן, אַ „פריידענקער", און איז געווען אַ גבאי־שני אין בית־מדרש פאַר באַלמעלאָכעס. און גערעדט האָט ער מיט גאָלע פרעמד־ווער־טער. האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ מעכאַניקער און אַ מאַשיניסט, און אחוץ אַ האַמער, אַן עגבער און אַ קאָרקן־ציער האָט ער נאָך קיין אַנדער שטיקל געצייג אין האַנט נישט געהאַלטן. ער פלעגט פלייסיק שטודירן די נייעסטע קאַטאַלאָגן, וואָס עס האָבן אים צוגעשיקט פאַרשידענע פאַרלאַגן, בוכהאַנדלונגען און מאַשין־פאַבריקן. ער האָט באַקומען בירושה אַ הייזל, וואָס האָט פאַרמאָגט דריי קליינע צימערלעך. קיין קינדער האָט ער נישט געהאַט. זיין פרוי פלעגט אויסבאַקן קיכלעך פאַר אַלע רעסטאָראַנען און קאַפע־הייזער אין שטאָט; זי האָט געאַרבעט זייער שווער און איז שטאָלץ געווען וואָס זי האָט אַ מאַן אַ „באַרימטע פערזענלעכקייט".

דער אַזוי גערופענער אַמעריקאַנער קורט קראַוטער האָט געהאַט אַ ריכטיקן אינסטינקט, ווען ער האָט געזוכט צו פאַרבינדן זיך מיט משה מאַשיניסט. אין די ערשטע וואָכן, פון משהס אַרבעט פאַרן אַמעריקאַנער, האָבן אַ סך סערעטער געפּרוּווט עפּעס אויסגעפינען ביי אים וועגן דעם פעטראָלעאום און זיין באַלעבאָס. אָבער משה מאַשיניסט האָט געשוויגן. דער אַמעריקאַנער האָט גוט געצאָלט. נאָך עטלעכע וואָכן האָט זיין ברויט־געבער אים געזאָגט: „מ'מעג זיי זאָגן, די סערעטער, אַז מיר האַלטן אין אנטדעקן גרויסע אוצרות פון פּליסיקן ליכט און פאַרבאָרגענע כוחות, וואָס וועלן פאַרוואַנדלען די שטאָט סערעט אין אַ רעזערוואואַר פון רייכטום." און משה מאַשיניסט האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן דעם יעדן, וועמען ער האָט אָנגעטראָפן: „פעטראָלעאום האָט אַ גרויסע צוקונפט. עס איז אַזאַ מין אייל, וואָס כאָטש עס רינט ווי וואַסער, איז עס אָבער אַנדערש פון וואַסער, ווייל פעטראָלעאום ברענט, און וואַסער לעשט אויס."

„ספּירט רינט דאָך אויך, און כּוּנדעסטוועגן ברענט עס" — האָבן מענטשן איינגעווענדט.

„אָבער פּעטראָלעאום האָט אַ געאָלאָגישע אָפּשטאַמונג און פאַרמאָגט אַ בלויע שאַטירונג — צוויי אייגנשאַפטן, וואָס זענען נישט אייגנאַרטיק פאַר ספּירט.“

אַנדערע ווידער האָבן אויפגעוויזן, אַז ספּירט האָט מסתם אויך אַ בלוי־קייט אין זיך, וואָרים אויב נישט — ווי קומט עס, אַז ווען מ׳טרינקט ספּירט עטלעכע יאָר, ווערט די נאָז בלוי?

נאָכן געשפּרעך מיט פישערן, האָט קורט קראַוטער אָנגעהויבן צו זוכן אַ אידישן וואַל־אַגיטאַטאָר. ער האָט אָנגעטראָפן משה מאַשיניסט ביי דער אַרבעט און ער איז באַלד צוגעטראָטן צום ענין: „וואָס דענקט איר, הער מאַשיניסט, וועגן די געהיימע וואַלן, וואָס מ׳גייט איצט איינפירן?“

„איך האַלט, אַז די געהיימע וואַלן זענען אַ וויכטיקער עפּנטלעכער אַקט פון דער רעגירונג.“

קורט קראַוטער האָט אפילו געזאָגט פישערן, אַז משה מאַשיניסט איז אַ פלאַפּלער און אַ נאַר, אין דער אמתן אָבער האָט ער געהאַלטן פון אים עולם ומלואה. אפשר נישט וויסנדיק אַליין, האָט ער אינסטינקטיוו באַוואונ־דערט משהן פאַר זיין פעאיקייט צו קאָנען שנעל פאָרמולירן זאַכן אַזוי, אַז מ׳זאָל נישט אָנהויבן צו פאַרשטיין וואָס ער מיינט. ווען איך וואָלט פאַרמאָגט אַזאַ פעאיקייט — האָט קורט קראַוטער נישט איין מאָל געטראַכט — וואָלט איך אין דייטשלאַנד געווען דערגאַנגען זייער וויט; זיכער וויטער, ווי צו ווערן אַן עקאָנאָם ביי אַ רומענישן גוט־באַזיצער.

„גלויבט איר נישט, הער מאַשיניסט, אַז צום נייעם וואַל־רעכט פאָ־דערט זיך אויך אַ נייער דעפּוטאַט?“

„איך האַלט, אַז דאָס איז אפילו אַ היסטאָרישע נויטווענדיקייט.“

„אויב אַזוי, וואָלט איך וועלן מיט אייך פאַרלירן עטלעכע ווערטער וועגן דעם. איך האָב זיך דאָ באַקענט מיט אַ מאַן, וואָס וואָלט וועלן אַריינ־לייגן אַ גרויסע סומע געלט אין אונזער אונטערנעמונג. ער איז אַ פּריינט פון דער שטאָט, ווייסט אין וואָס סערעט נויטיקט זיך, און איז גרייט, אַז פון דעם פּעטראָלעאום — וואָס מיר וועלן מיט גאָטס הילף אַרויסבאַקומען פון דער סערעטער ערד, אַזוי גיך ווי עס ווערט וואַרעם — זאָלן אַלע סע־רעטער גלייך געניסן. ער איז אויך גרייט שוין איצט צו געבן אַ סך געלט פאַר וואוילטעטיקע צוועקן פון דער שטאָט סערעט, און וויל אפילו אויף זיך נעמען די לאַסט צו ווערן דער פאַרטרעטער פון סערעט ביים ווינער פּאַרלאַמענט. עס וואָלט מיך זייער געפרייט, ווען איר זאָלט כאַפּן אַ שמועס מיט דעם דאָזיקן הער. איך בין זיכער, אַז איר וועט דערנאָך זאָגן: אָט דאָס איז דער ריכטיקער קאַנדידאַט פאַר אונזער שטאָט.“

„אַ ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן אָרט איז ווי אַ זון־שטראַל אין אַ שיינעם זומער־טאָג.“

„איך האָב שוין מיט דעם הער גערעדט וועגן אייך. עס האַנדלט זיך, געמלעך, וועגן גוט־באַזיצער קאַרל פישער. זיין גרעסטער וואונטש איז, צו קאָנען מיט אייך זיך דורכשמועסן וועגן די פראַגן און פּראָבלעמען פון דער שטאַט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די קומענדיקע וואַלן."

„פישער איז אַ סימבאָלישער נאָמען. דער נאָכפאָלגער פון משהן האָט געהייסן יהושע בן־נון, וואָס מיינט — דעם פישער'ס זון; דערפון נעמט זיך פישער."

„איך וואָלט אייך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר זאָלט גלייך אַריי־בערגיין צום הער פישער, אָדער שפּעטסטנס היינט נאָכמיטאָג. ער וואוינט אין ווילדס 'צום פעטן אָקס'."

משה מאַשיניסט האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז ער שטייט איצט פאַר אַ געלעגנהייט, וואָס מאַכט זיך נאָר איין מאָל אין לעבן. ווען ער איז אַריין „צום פעטן אָקס", האָט אים ווילד געזאָגט, אַז פישער דערוואַרט אים מיט אומגעדולד. ווילד האָט שוין עטלעכע מאָל געהערט משה מאַשיניסט רעדן ווי אַ „צווייטער רעדנער" צום קייזערס געבורטסטאָג. און ווען פישער האָט אים היינט דערציילט, אַז ער פּלאַנט צו זיין אַ קאַנדידאַט און וויל משה מאַשיניסט מאַכן פאַר זיין אַגיטאַציע־העלפער, איז ווילד באַגייסטערט געוואָרן: „אַן אמת געניאַלער רעדנער. פּערל שיטן זיך אים פון מויל. ער רעדט אַזוי געלערנט, אַזוי וואונדערלעך און פאָלקסטימלעך, אַז זעלטן ווער קאָן אים פאַרשטיין און אַלע זענען באַגייסטערט."

ווילד האָט אים אַריינגעפירט צו פישערן: „דערלויבט מיר, גנעדיקער הער, אייך פאַרצושטעלן דעם זשעני פון אונזער שטאָט. ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, איז הער משה מאַשיניסט דער ליבלינג־רעדנער ביי אונז. אידן ווי קריסטן האָבן ליב אים צו הערן."

„עס פרייט מיך זייער אייער באַקאַנטשאַפט, הער מאַשיניסט. איך בין תמיד געווען אַ פאַרערער פון באַרימטע מענטשן. ניין, ניין, זאָגט עס נישט — מ'דאַרף נישט זיין צו באַשיידן. מאַכט נישט אויס, צי מען איז באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט, אָדער נאָר אין אַ קליינער שטאָט. יעדע אַנט־וויקלונג גייט פון קליין צו גרויס. ווער קליינס נישט באַערט, איז דאָס גרוי־סע נישט ווערט — פאַרערונג צו דעם, וועמען ערע געבירט. זעצט זיך, הער מאַשיניסט. וואָס וועט איר נעמען? ברענגט אַ פלאַש ווישניאַק, הער ווילד. וואָס איז דאָ צו פרעגן — וועלכער אמתער סערעטער טרינקט נישט קיין ווישניאַק? איר ווייסט דאָך געוויס, הער מאַשיניסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך — נישט אמת? נו, וואָס האַלט איר דערפון?"

„אַ קליין וואַסערל קוואַלט אַרויס פון די בערג און גיסט זיך אַריין אין ים ווי אַ מעכטיקער שטראָם. אָט דעם וועג ווייזט אונז די נאַטור, און אונ־זער אויפגאַבע איז, צו פאַרשטיין די שפּראַך פון דער נאַטור."

ווילד, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט די פלאַש ווישניאַק און געהערט די לעצטע ווערטער, האָט אויסגערופן מיט באַגייסטערונג: „נו, האָב איך איבערגעטריבן, גנעדיקער הער? עס גיסט זיך פון אים. ווי פון אַ פריש געעפנט פעסל לאַגער-ביר. שטענדיק פול מיט ווייסן שוים!"

„געריכט, געריכט, הער ווילד. לאָמיר טרינקען צום געזונט און גליק פון דער שיינער שטאָט סערעט און..."

"...און צום געזונט פון אונזער צוקונפטיקן רייכסראַט-דעפּוטאַט!" — האָט אונטערגעכאַפּט ווילד.

„די הויפּט-פראַגע איז, הער מאַשיניסט: וואָס דאַרף די שטאָט סערעט?"

„איך, גנעדיקער הער, פאַר אַ דעפּוטאַט ביים קייזער אין ווין" — האָט ווידער אויסגערופן ווילד.

פישער האָט אַלץ גערעדט צו משה מאַשיניסט: „ווילד האָט מיר געבראַכט אַ פּלאַקאַט און אַ האַנט-צעטל, וואָס דער פריערדיקער דעפּוטאַט סקעדל האָט געלאָזט אויסטיילן. ביי מיר איז אויך פאַראַן נאָך אַן אַנדערער האַנט-צעטל. אין ביידע ווערט געשטעלט די פראַגע, וואָס די שטאָט סערעט דאַרף, אָדער דאַרף נויטיק. דאָס איז זייער ריכטיק געפרעגט. וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם, הער מאַשיניסט?"

„אויף אַ ריכטיקער פראַגע פאָדערט זיך אין אונזער מאָדערנער צייט אַ ריכטיקער ענטפער."

„מיר פון מויל אַרויסגענומען!" — האָט אויסגעשריען ווילד.

„און וואָס איז אייער ענטפער, הער מאַשיניסט?"

„איך וויל עס מאַכן גאַנץ קלאָר: אונזער שטאָט דאַרף פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די פעלקער און שטעט פון זיין מאַיעסטעט, וואָס איז פאַר איר באַשטימט פון דער נאַטור. אונטער דער ערד ליגט פּעטראָלעאום. דאָרט דאַרף עס קיינער נישט. ווילן מיר עס פון דאָרט אַרויסבאַקומען צום נוצן און וואויל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון אונזער שטאָט."

„וועגן דעם בין איך פולשטענדיק איינשטימיק מיט אייך, הער מאַשיניסט. אָבער ביז מיר וועלן אַרויסקריגן דעם פּעטראָלעאום — ווי פלייסיק מיר זאָלן נישט אַרבעטן — וועט שוין פון לאַנג זיין נאָך די וואַלן. די מענטשן דאָ וועלן אונז ערשט גלויבן, ווען מיר וועלן זיי באַווייזן, אַז מיר גיבן זיי עפּעס טאַקע שוין, איצט. גלויבט איר נישט אַזוי?"

ווידער האָט זיך ווילד אַריינגעמישט: „איך בין טאַקע נאָר אַ גאַסט-ווירט, אָבער אַמאָל פאַלט מיר אויך עפּעס איין. איך הייס טאַקע ווילד, נאָר איבערליגן זאַכן האָב איך ליב געלאַסן. מענטשן האָבן אַ פאַרגעניגן, ווען מען איבערראַשט זיי מיט עפּעס אויסערגעוויינלעכעס. ווען איך בין פאַראַיאָרן זומער געווען אין ווין, האָב איך דאָרט געזען פאָרן איבער די גאַנץ אַזאַ שיינעם וואַסער-שפּריצער. ווען דער גנעדיקער הער זאָל קאָנען

שענקען אונדזער שטאָט אַזאַ מין װאַכער־שפּריבער, װאָלט עס געמאַכט זייער אַ פּײַנעם אײַנדרוק אויף די מענטשן."

„דאָס קאָן איך גערן טון. אָבער װאָס װײַטער? מען מוז מיט עפּעס קאָנען באַציִען די מענטשן, איבערהויפּט די אידישע אינטעליגענץ פון דער שטעט".

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת האָט עגדלער משה מאַשיניסט געזאָגט: „װאָס די שטאָט דאַרף, איז אַן אקושאָר, אַ באָבע, אַ..."

„אַ באָבע?"

„איר װאונדערט זיך, האַ? װעל איך עס אײַך קלאָר מאַכן. דאָס ערשטע, װאָס די שטאָט דאַרף, איז אַ שטויס, אַ קאָפּע מיטן פוס. יאָ, יאָ, אַ שטויס מיטן פוס, אַז דער שטײן זאָל זיך אָנהויבן קאַטשען."

„אַזעלכע קלוגע רייד האָב איך שוין לאַנג נישט געהערט!" — האָט װילד געזאָגט באַגײַסטערט, בעת פישער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן נישט צו לאַכן, אָבער משה מאַשיניסט האָט זיך ערשט פאַרגומען צו רעדן: „און װען דער שטײן הויבט זיך אָן קאַטשען, דאַרפן מיר ערשט דעמאָלט די באָבע, װאָס זאָל העלפן בײַם געבורט פון דעם נײַ־געבוירענעם. איר, הער פישער, דאַרפט זײַן אונדזער באָבע."

װילדס באַגײַסטערונג האָט פישערן איבערצײַגט, אַז משה מאַשיניסט פאַרמאָגט באמת די פראַזעאָלאָגיע, װאָס קאָן מאַכן אַן אײַנדרוק אויף די היגע מענטשן. „און װאָס װאָלט איך באַדאַרפט טון, װי אַ באָבע?" — האָט ער געפרעגט.

„פונקט װי כ'איז קלאָר, אַז אונטער דער אויבערפלאַך פון אונדזער שטאָט ליגן פאַרבאָרגענע אוצרות, אַזוי פאַרמאָגט אויך אונדזער שטאָט קולטור און ציװיליזאַציע, װעגן װעלכער די דרויסנװעלט װייסט גאָרנישט."

„האָט עס אויך אַזאַ װערט װי פּעטראָלעאום?" — האָט געפרעגט װילד.

קײן שום פראַגע האָט איצט נישט געקאָנט איבערשלאָגן משה מאַשיניסטס רייד: „ס'איז די אויפגאַבע פון אַ באָבע אַרויסצוברענגען צום ליכט פון דער װעלט דאָס, װאָס איז באַשאַפן געװאָרן און ליגט פאַרבאָרגן אין דער מוטערס טראַכט. מיר האָבן אַ יוגנט, װאָס דורשט נאָך בילדונג, כאָטש זי װייסט אַלײן נישט װעגן דעם. מיר האָבן אַ קלײנע ביבליאָטעק, און אין דער ביבליאָטעק איז נישטאָ קײן אײן־אײנציקער לעקסיקאָן. אָן אַ לעקסיקאָן בלאָנדזשעט אַרום דער בילדונג־דורשטיקער, װי אין אַ מדבר אָן װאַסער. אַ לעקסיקאָן איז אַ דערפרישנדיקער קװאַל, אַ מאָדערנער אָראַקל, װאָס פאַרענטפערט אַלע פראַגן."

„אײַער ביבליאָטעק װעט באַקומען נישט אײן לעקסיקאָן, נאָר אַ סך. אין װאָס נאָך נויטיקט זיך אײַער שטאָט? װאָס פאַרא נאָך אויפגאַבן דאַרף איך, װי אײַער באָבע, דערפילן?".

„הער פישער, איך זאָג עס אייך, בדי איר זאָלט וויסן וואָס פאַראַ יואַוועלן, וואָס פאַראַ קליינאָטן איך וועט אויכקומען צו פאַרטרעטן אין פאַרלאַמענט: מיר האָבן צווישן זיך אייניקע טאַלאַנטן מיט אידעאַלן אין האַרץ און מיט מאַנוסקריפּטן אין קעשענע. ווען איר וועט זיי געבן אַ מעגלעכקייט, אַז דער דעמאָן אין זיי זאָל קאָנען שוועבן אין פולער פרייהייט, וועט איר מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי זייער באָבע, זייער אָם, זייער פירער.״

„איך וועל טון אַלץ, וואָס ליגט נאָר אין מיינע באַשיידענע כוחות. אָבער פאַרגעסט נישט, הער מאַשיניסט, אַז איך וועל דאַרפן פאַרטרעטן נישט נאָר די יוגנט. דער דעציִדירנדיקער כוח אין דער שטאָט זענען די אידן — זייערע שטימען וועלן אַריבערוועגן די וואַלן. דאַרף מען עפּעס דורך טאָטן באַוויזן דער היגער אידישער באַפעלקערונג, אַז איך בין מיטן גאַנצן האַרץ פאַראינטערעסירט אין זיי. איך וויל אייך בלויז אויפמערקזאַם מאַכן, אַז איך וויל אַבסאָלוט נישט באַרירן אַזעלכע שטרייט־פראַגן, ווי די נייע אייזנבאַן־ליניע, אָדער אַ צווייטע אַפּטייק. איך בין פאַראינטערעסירט אין גורל פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אָבער דערביי וואָלט איך שטאַרק וועלן עפּעס קאָנקרעטעס אויפטון פאַר דער אידישער באַפעלקערונג פון דער שטאָט.״

משה מאַשיניסט האָט איצט געפּרואווט זייער פאַרזיכטיק צוזאַמענגעמען זיינע געדאַנקען, ווי ער וואָלט דאַרפן איבער אַ ברויזנדיקן ים אַריינפירן זיין שיף אין האַפן: „ווען ס׳וועט מיט אייער פריינטלעכער הילף אויפוואַקסן אַ נייע יוגנט, וועט זי שוין מוזן איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די קומענדיקע דורות. די אידן דאָ האָבן נישט קיין אייגענעם מושב זקנים. די מקוה טויג נישט. דער דאַך פון אַלטן בית־מדרש איז צעפוילט, און דער נייער בית־מדרש האָט נאָך נישט קיין דיל, ווייל ס׳איז נישטאָ קיין געלט דערויף. ווען איר זאָלט אויפבויען דאָ אַ מושב־זקנים, אויסריייניקן די מקוה, פאַרריכטן דעם דאַך אויפן אַלטן בית־מדרש און לייגן אַ דיל אין נייעם בית־מדרש — און יאָ, נאָך עפּעס: מאַכן אַ נייעם פאַרקן אַרום דעם אַלטן אידישן הייליק־אָרט, וועלן די היגע אידן, דורך אייער וואוילטעטיקייט אַליין, אייך באַטראַכטן פאַר זייער פירער.״

„זייט איר גרייט, הער מאַשיניסט, דאָס זעלבע צו זאָגן ביי אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג און מיך פּראָקלאַמירן פאַר אַ קאַנדידאַט?״.

„מיט אַזעלכע פּראָגראַמען? אַפילו אויף צען עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען!

די צרה מיטן הער סקעדל איז, וואָס ער האָט צו ווייניק פּראָגראַמען.״

ווילד האָט פאַרגעשלאָגן, אַז אין אָוונט פון דער פאַרזאַמלונג זאָל מען אומזיסט פאַרטיילן ביר און וואורשטלעך: „ביי די געמיינדע־וואַלן, וואו עס שטימט נאָר אַ קליינע צאָל, איז דאָס שטענדיק געווען דאָס בעסטע מיטל. אוי האָט מען דעמאָלט מקנא געווען די שטים־באַרעכטיקטע! איר לאָזט נאָר

וויסן, אַז מ׳גיט אומזיסט ביר און וואורשטלעך, וועלן שוין אַלע קומען. מען דאַרף נאָר זען צו נעמען אין צייט דעם ביר־פּאַלאַץ — דאָס איז דער גרעס־טער זאַל ביי אונז אין שטאָט.״

„הער מאַשיניסט, איר נעמט צוזאַמען אַלע אייערע פּרוכטבאַרע אידייען און שטעלט צונויף עפּעס אַזאַ שיינע, פייגע רעדע, וואָס איז פּאַסיק אי פאַר אייך, אי פאַר דעם צוועק, וועלכן מיר ווילן דינען. דער הער ווילד וועט דער־ווייל דינגען דעם זאַל און באַשטעלן פּלאַקאַטן — און אין עטלעכע טעג אַרום וועלן מיר אויפטרעטן פאַר דער עפנטלעכקייט פון דער שטאָט סערעט.״

22

ביז צו יענעם לאַנגן שמועס, וואָס אננא אַקרולי האָט געהאַט מיט וואַ־סילין אַ טאָג נאָך איר געבורטסטאָג, איז איר ליבע צו אים איר פאָרגעקומען ווי אַ שטראָם, אין וועלכן זיי ביידע שווימען. אַמאָל איז דער שטראָם געווען שטאַרקער, אַמאָל שוואַכער. אָבער שטענדיק טיף. זי איז געווען שטאָלץ, וואָס זי האָט אויסגעלערנט וואַסילין לייענען און שרייבן, ער ווידער האָט זיך צוגעכאַפּט צום לערנען ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל, ביז ער, דער תלמיד, האָט גענומען אַריבערוואַקסן דעם רבין, זיין לערערין.

זומער פלעגן זיי אָפט לאַנג זיך שפּילן אין סערעט־טייך. דערנאָך אַרויס אויפן ברעג, וואו ער פלעגט פאַר איר פאַרלייענען לידער. זי האָט געשלונגען יעדעס וואָרט, אַפילו ווען די לידער זענען איר שוין באַקאַנט געווען פון פריער, וואָרים זיי האָבן אין איר אויפגעוועקט דאָס, וואָס האָט געשלומערט טיף אין איר האַרץ. די פּאָעזיע האָט אַזוי ווי אויסגעוועבט אַ ראַזעווען נעפּל אַרום איר, הינטער וועלכן זי האָט געשפּירט אַ גאָלדיקע זון. זי פלעגט פאַרמאַכן די אויגן, און דערזען פאַר זיך אַ האָפן: אַמעריקע, אָדער דאָס קליינע שטעטל אין בעמען, וואו זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן. אַהין וועט זי פאָרן מיט וואַסילין, ווען ער וועט האָבן פאַרענדיקט זיין דינסט־צייט.

און נאָך יענעם שמועס האָט זיך פאַר איר געעפנט אַ נייע וועלט. כ׳איז איר פאָרגעקומען, ווי זי וואָלט איצט אַרויסגעשוואומען אויפן אָפענעם ים, גרויסע, ברויזנדיקע כוואַליעס שליידערן זי פון אָרט צו אָרט, ווי זיי וואָלטן זי וועלן פאַרשלינגען. זי האָט מער נישט געקאַנט זען פאַר זיך אַ ברעג צו וועלכן זי זאָל צושווימען. אַמאָל האָט זיך איר געדוכט, אַז אָט דערנענטערט זיך אַ שיף, וואָס וועט זי אויפנעמען. אָבער באַלד איז זי באַפאַלן אַ מורא — די שיף קומט נישט, און הויך איבער איר שוועבן גרויסע, שוואַרצע וואָלקנס, דורך וועלכע מען קאָן מער קיין זון נישט זען. אין אַזעלכע פאַר־

צווייפלטע מאָמענטן פלעגט זי אָננעמען וואַסילין ביי דער האַנט, און דער־שפּירנדיק דעם כּוח, וואָס האָט געשטראָמט פון זיינע אָרעמס, האָט זי ווידער זיך געפילט באַרואיקט און זיכער.

אַזוי פלעגט זי טרוימען דורך טעג און נעכט, אין חלום הזי אויף דער וואָר, סיי ביים לייענען, סיי ווען זי האָט צוגעהאָלפן דער מוטער אין באַלע־באַטישקייט. וואַסילי פלעגט איצט קומען זעלטענער, זי האָט נישט גע־צווייפלט אין זיין געטריישאַפט, אָבער זי האָט געפילט, אַז ער איז באַהערשט געוואָרן פון עפּעס אַ געהיימער קראַפט, וואָס איז שטאַרקער פון איר. זיין אַרומנעמען זי פלעגט איר זאָגן, וואָס זי מיינט פאַר אים — ער פלעגט זי טוליען, זי אַזוי שטאַרק צודריקן צו זיך, אַז אַפט האָט זי דערביי דערפילט אַ פיזישן ווייטיק, און זי האָט געבענקט נאָך דעם... אָבער נישט איינמאָל האָט זי באַמערקט, ווי פלוצים פאַרטראַכט ער זיך און זיינע בליקן נעמען בלאָנדזשען אין אַ ווייטקייט, אַפילו ווען ער האָט דעמאָלט געהאַלטן איר האַנט.

„וואַסילי, איך בין מער נישט קיין קינד — פאַרוואָס זאָלסטו מיר נישט זאָגן וואָס עס איז מיט דיר? ס'קומט מיר פאַר, ווי דו וואָלסט נאָך אַלץ איי־נער אַליין געקעמפט קעגן שטורם און ווינט, ווי אין יענעם טאָג, ווען מיין פאָטער האָט דיך צום ערשטן מאָל געבראַכט צו אונז. זייט דעמאָלט זענען מיר דאָך אַזוי נאָענט געוואָרן — פאַרוואָסזשע זאָלן מיר זיך נישט טיילן מיט אַלץ, אויך מיט זאָרג און לייד. איך וויל מיטאַרבעטן מיט דיר. איך קען דיין וועלט נאָר פון דעם, וואָס דו דערציילסט מיר, אָבער איך לעב נישט אין איר. און ווי קאָן איך לעבן אין אַן אַנדערער וועלט, אויב נישט אין דיינער?".

וואַסילי האָט פאַרשטאַנען איר פאַרצווייפלונג: „מיר שטרעבן צו אַ גרויסן ציל. אָבער דער וועג איז אַ שווערער, אַ פאַרדרייטער. דענק זיך: איך דאַרף פרואוון צונויפזאַמלען חיות, זיי צעבונטעווען קעגן זייער יעגער, און דערביי אַליין שפּילן די ראָל פונעם יעגער. איך דאַרף זען צו פאַרהיטן, זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן אין דער כאַפּ־שטייג, און צוגלייך מאַכן דעם אָנ־שטעל, ווי איך העלף דעם יעגער זיי כאַפּן."

אַזוי האָט איר וואַסילי דערציילט פון זיינע זאָרגן: ער איז געוואָרן אַן אָנפירער פון אַ מחנה גיבורים, וועלכע זענען אָבער שוואַך, ווייל זיי וויסן נישט פון זייער אייגענעם כּוח און קענען נישט דעם וועג דערצו.

„און דו, וואַסילי, קענסט דעם וועג?".

„איך קען דעם ציל און די ריכטונג צום וועג. נישטאָ קיין גלייכע, גלאַטע וועגן צו אַ גרויסן ציל. דער וועג מוז ערשט אויסגעטראָטן ווערן דורך שווערער, מיזאַמער אַרבעט."

„און ביסטו זיכער, אַז נאָכדעם וועט מען שוין דעם ציל דערגרייכן?"

„פֿאַראַן אַ סך, וועלכע אַרבעטן אין דער ריכטונג. עס זענען אָבער אויך דאָ אַ כּך שונאים, וועלכע שטערן אין דער אַרבעט, וועלכע ציגדן אין דער פֿינסטערניש פֿאַלשע ליכטלעך, כּדי אונדז אַראָפּצופֿירן פֿונעם ריכטיקן וועג. נאָך מער: עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס שטעלן אַ דירעקטן ווידערשטאַנד און לאָזן אונדז ניט צו צום ציל."

זינט דעמאָלט האָט אַננאַ אָנגעהויבן אַקטיוו צו זיין אין וואַסילי'ס וועלט — זי האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן מיט אים. נאָך נעענטער צו אים ווי פֿריער, האָט זי מיטגעהאָלפֿן אַריבערפּעקלען אויף דער אַנדערער זייט גרע־נעץ דאָס געווער און אַמוניציע, וואָס זלמן פֿליקער פֿלעגט ברענגען, זי האָט זיך באַקענט מיט זלמנס טאָכטער, רחל, וועלכע איז געווען אַ יאָר איינגער פֿון איר, און ביידע האָבן זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט. מען האָט באַדאַרפֿט אָפּשרייבן און קאָפּירן פֿאַרשיידענע האַנטצעטלען, וואָס וואַסילי האָט געבראַכט, און אַלץ האָט געמוזט איבערגעשריבן ווערן פּאָרזיכטיק, מיט געדרוקטע אותיות. דערצו האָט מען מער ווי דריי קאָפּיעס אויף אַמאָל ניט געקאָנט מאַכן, און באַדאַרפֿט האָט מען מער ווי אַ הונדערט קאָפּיעס. געוויינלעך האָט מען די אַרבעט געמוזט אָפּטון ביי רחלען אין דער היים, און דערנאָך עס אַריבערברענגען צום געהילף־לערער אין צינדעסטי. אויך אין די האַנט־צעטלען און פֿלוג־בלעטער האָט אַננאַ דערקענט וואַסילי'ס אַרבעט — זיין גייסט. ער פֿלעגט איצט קומען אַ סך אָפֿטער, אָבער נאָר אויף אַ קורצער צייט, און שטענדיק איבערגעלאָזט אַ היפּש ביסל אַרבעט.

איינמאָל האָט זי איבערגעשריבן אַ גאַנצע דרשה; און ווען זי האָט עס געבראַכט צום געהילף־לערער אין צינדעסטי, האָט ער איר געזאָגט, אַז דאָס וועט אויך געפּרעדיקט ווערן פֿון די גלחים אין די קלויסטערס. ביי דער דאָ־זיקער אַרבעט איז די צייט געלאָפֿן זייער שנעל, און מען האָט קוים באַמערקט ווי דער ווינטער איז אַוועק. די שווערע פֿלאַכטעס שניי האָבן גענומען זיך שמעלצן און זענען געוואָרן אַזוי דין, אַז מ'האָט געקאָנט דורך זיי דורכזען די שוואַרצע ערד.

ווי געזאָגט, איז די מייסטע אַרבעט אָפּגעטאָן געוואָרן ביי זלמן פֿליקער אין שטוב, ווייל וואַסילי האָט ניט געוואָלט, אַז אַננאַס מוטער זאָל זיך עפּעס דערוויסן וועגן דעם. עס זענען אויך איצט, אין אַ פֿאַרמיטאָג, אַננאַ און רחל דאָרט געזעסן ביים טיש נעבן פֿענסטער און איבערגעשריבן זאַכן. פֿונעם דאַך האָט געקאַפּעט דער צעגאַנגענער שניי. זלמן האָט געאַרבעט איבער אַ פֿעלץ, זיין ווייב איז געשטאַנען ביי דער קיך. אין שטוב האָט זיך געטראָגן אַ ריח פֿון קאַרטאָפֿל־זופּ מיט ציבעלעס און פֿון שאָפֿענע פֿעלצן. פּלוצים האָט זלמן אַ זאָג געטון: „קינדער, נעמט גיך צוזאַמען די פּאַפּירן. אַנושקאַ, לייג עס שנעל אַריין אין דיין טאַש און גיי אַרויס אויפֿן הויף. איך ווייס, אַז מען מוז עס האָט גיכער פֿאַרטיק מאַכן, אָבער איר וועט עס מוזן אָפּלייגן

אויף מאָרגן, איך זע דאָרט אָנקומען מיטן וועג אַ זייער נישט ליבן און נישט־געבעטענעם גאַסט — דער אַזוי גערופענער אַמעריקאַנער."

אַננאַ האָט אויף גיך צוזאַמענגעפּאַקט די פּאַפּירן און איז מיט דער הינטער־טיר אַרויס; אויפֿן הויף. אין זעלבן מאָמענט האָט קורט קראַוטער אָנגעקלאַפּט ביים פֿאָדערשטן אַריינגאַנג."

„אַנטשולדיקט וואָס איך האָב זיך אַזוי פּלוצים אַריינגעריסן צו אייך, איך בין גראָד פֿאַרבייגעגאַנגען און באַמערקט די ראָמאַנטישע לאַגע פֿון אייער הייזל, האָב איך עס געוואָלט אָנקוקן פֿון דער נאָענט. מיין נאָמען איז ראַלף סמיט. איך בין אַן אַמעריקאַנער. איר וועט דערלויבן זיך צוזעצן אַ ווײַלע — מ'וועדט מיד אויף אַזאַ שפּאַציר. אָבער איך האָב שטאַרק ליב צו שפּאַצירן אין די ערשטע טעג פֿון מערץ. ס'ליגט נאָך דער שניי, און דאָך פֿילט זיך שוין דער פרילינג. מעג איך בעטן אַ גלאָז וואַסער?"

זלמנען איז געוועזן קלאָר, אַז דער אַמעריקאַנער איז אַריבערגעקומען מיט אַ באַשטימטער כוונה. ער האָט אים דערלאַנגט דאָס גלאָז וואַסער און געזאָגט: „איר וועט זיך אפשר צוזעצן אויף דער באַנק ביים טיש; אַלע בענקלעך זענען פֿאַרנומען מיט מיינע אַרבעטן."

„איר האָט אַ סך אַרבעט, ווי איך זע. אָבער דער ווינטער איז באַלד פֿאַרביי — וואָס טוט איר נאָכדעם?"

„אויפֿן דאָרף איז שטענדיק דאָ אַרבעט."

„איך פֿאַרשטיי, אַז פֿאַר אַ האַנט־ווערקער מוז עס נישט זיין אַזוי לייכט צו פֿאַרלאָזן זיין וואַרשטאַט און אַרומגיין אַרבעטן אין פרעמדע הייזער."

„איך בין שוין געוואוינט צו דעם, און ס'געפֿעלט מיר דווקא."

„ביי אונז אין אַמעריקע זוכט מען אַזעלכע פֿאַכלייט, ווי איר. ביי אונז האַלט מען נאָך פֿונעם אַלטן ווערטל: „אַ מלאכה איז אַ גאָלדענע ברכה". אַזאַ פֿלייסיקער מענטש, ווי איר, וואָלט דאָרט זיך געקאָנט זייער שנעל אַרויפֿאַרבעטן, אין אַמעריקע האָבן אויך קינדער אַ צוקונפֿט."

„פֿאַרוואָסזשע זייט איר אַהערגעקומען פֿון אַמעריקע?"

„מיט מיר איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. איך זוך פּעטראָלעאום דאָ אין דער געגנט. איך וואָלט טאַקע באַדאַרפֿט האָבן אַזאַ הייזל, ווי אייערס. ס'האָט אַ קעלער? אפשר קאָן מען עס אָנקוקן — מיר וואָלטן געמאַכט אַ גוט געשעפֿט דערביי. דאָס הויז איז דאָך אייערס?"

„דאָס הויז איז טאַקע מיינס, אָבער ס'פֿאַלט מיר אַפֿילו נישט איין, איך זאָל עס פֿאַרקויפֿן."

„אַ שאָד. אַנטשולדיקט, וואָס כ'האָב איך געשטערט. יאָ, וואָס כ'האָב נאָך געוואָלט פֿרעגן ביי אייך: ווייסט איר אפשר וואו מ'קאָן זיך לערנען שיסן?"

„ביים מיליטער."

„מ'זאָגט, אַז איר קענט גוט שיסן. גייט איר אויף יאַגד, צי שיסט איר גלאַט אַזוי, צום פאַרגעניגן?"

„צום באַשיצן זיך."

איך וועל זיך מיט דיר אויך אַן עצה געבן, האָט ביי זיך געטראַכט קורט קראַוטער, ווען ער איז אַרויס פון זלמן פליקערס שטוב. די צרה איז נאָר, וואָס די עסטרייכישע גאָכלעסיקייט איז נישט בעסער פון דער רומענישער. אַזאַ פאַרשוין גיט מען אַ דערלויבעניש צו מעגן טראָגן וואָפן! רעגירונגס־מענטשן ווייכן, אַז מען הערט דאָ שיסן דורך די נעכט, און קיינער כאַפט זיך נישט וויסנדיק. דערווייל אָבער לאָזט זיך גאַרנישט טון וועגן דעם...

ער איז אַוועק אין דער ריכטונג פון דאָרף גערבאַוץ — אפשר וועט ער דאָרט עפּעס אינטערעסאַנטס אויסגעפינען.

ער איז אַריין אין אַ גרויסער שטוב. ביי לאַנגע, נישט געדעקטע טישן, אויף וועלכע עס זענען געשטאַנען ליידיקע פלעשער און גלעזער, זענען געזעסן פויערים און געשמועסט. ווי נאָר קורט קראַוטער האָט זיך באַוויזן, איז געוואָרן שטיל. מיט זיין עלעגאַנטן פעלץ און גומינע גאַלאָשן האָט ער זיך גאַרנישט אַריינגעפּאַסט אין אָט דער קרעטשמע, וואָס איז פול געווען מיטן רויך פון ליולקעס און שאַרפן ריח פון שנאַפּס. דער קרעטשמער, מיט דער לאַנגער שוואַרצער באָרד און פיאות, אין אַ קורץ שאָפן פעלצל און אַ סאַמעטענע יאַרמולקע אויפן קאָפּ, האָט אים געפרעגט וואָס ער וויל. ער האָט פאַרלאַנגט ביר. נאָר אַזוי ווי קיין ביר איז נישט געווען, האָט ער גע־נומען שנאַפּס. די שאַרפע משקה האָט אים פאַרשמעקט, אַזוי ער האָט זיך געהייסן געבן נאָך צוויי גלעזלעך. ס'איז אים געוואָרן וואַרעם, און ער האָט אויסגעטון דעם פעלץ. אַלע אַנדערע זענען אַוועק און ער איז געבליבן אַליין. דער שענקער האָט זיך צוגעזעצט ביי זיין טיש:

„דער גנעדיקער הער איז געקומען אַהער געשעפטלעך? אָקסן, ווייץ, שנאַפּס? ביי סאוערן קאָן מען נאָך קריגן אַלץ, וואָס ער וועט אויסאַרבעטן פאַר אַ גאַנץ גייענדיק יאָר. עס זענען דאָ — וועגס געווען עטלעכע הערן פון טשערנאָוויץ און געוואָלט ביי אים אָפּקויפן די גאַנצע 120 העקטאָלי־טער שנאַפּס — אָבער ס'איז נישט צושטאַנד געקומען. איך וואָלט געקאָנט איבעררעדן מיט סאוערן..."

„רעדט נישט מיט סאוערן, און איך בין נישט געקומען קויפן נישט קיין שנאַפּס, נישט קיין אָקסן און נישט קיין ווייץ. איך האָב געוואָלט אָפּקויפן דאָס הויז ביי דעם קירושנבער — ווי הייסט ער דאָרט?"

„ביי זלמן פליקער? ער וועט נישט פאַרקויפן. צווישן אונז גערעדט: איך וואָלט זיך נישט אַריינגעצויגן אין דעם הויז, אַפילו ווען מ'צאָלט מיר צו. לצים וואוינען דאָרט, נישט גוטע — הערט וואָס איך זאָג אייך. מענטשן האָבן דאָרט געהערט שיסן דורך די נעכט."

„אפשר שיסט ער אַליין? ער האָט דאָך געדינט ביים מיליטער, און האָט אַ דערלויבעניש צו טראָגן וואָפן.״

„איך האָב אויך געדינט ביים מיליטער — וועל איך אַרומגיין און שיסן? שדים וואוינען דאָרט, איר מעגט עס מיר גלויבן. און וואָס איז דער וואונדער: איר האָט נישט באַמערקט, אַז אויף זיין טיר איז נישטאָ קיין מזוזה? די הייליקע — אַ מזוזה! אַ איד דאַרף לעבן ווי אַ איד. זייט כ׳האָב זיך דאָס דערוואוסט, שמעק איך נישט אַריין אין זיין שטוב. ווען איר ווילט שוין יאָ האָבן אַ הויז אין יענעם ווינקל, וועל איך אייך באַרייען אַ פּלאַץ — איר הערט... פון דעם — ווי הייסט ער נאָר... וואָרט נאָר — זע ווי ס׳איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן! דאָס איז דאָך אוודאי וועגן דער באַן קיין מיהאַלעני, וואָס מ׳וויל בויען צוליב א געהיימער וואַל אין וויין. דערפאַר זוכט מען דאָס פּלעצער — אמת? די פּרייזן וועלן זיכער אַרויף. זאָגט מיר דעם אמת, איך בעט אייך. פאַרוואָס זאָל אַן אָרעמאַן אויך נישט אַמאָל עפּעס פאַרדינען? כ׳האָב אַ דערוואקסענע טאָכטער; מ׳דאַרף זי חתונה מאַכן און געבן נדן. אייך קאָן עס נישט שאַטן, און מיר קאָן עס א סך העלפן.״

„גייט צו אַלדי רוחות מיט אייער נדן און מיט אייערע נאַרישע פאַנ־טאַזיעס. וואָס גייט מיך אָן אייער טאָכטער? איך ווייס נישט וואָס איר רעדט — וואָס פאַרא באַן? וואָס דאַרף איך באַצאָלן פאַרן שטינקענדיקן בראָנפן?״

„כ׳האָב עס געוואוסט — וואָ׳דען? אָט וועט אַ רייכער באַלד לאָזן עפּעס פאַרדינען אַן אָרעמאַן! איינט אָבער וויל איך אייך זאָגן: אויב איך וועל נישט פאַרדינען, וועט איר אויך נישט פאַרדינען. נאָך היינט וועל איך דערציילן אַלע פויערים פון גערבאוץ און דובאָווא, אַז מ׳זוכט צו קויפן פעלד פאַר דער באַן. זאָלן זיי כאָטש פאַרלאַנגען אַן אנשטענדיקן פּרייז.״

קורט קראוטער האָט שוין נישט געהערט דעם רעשט. ער האָט א וואַרף געטאָן אַ זילבערנע מטבע אויפן טיש און איז אַרויס.

23

„דאָס גאָלדענע קאַלב״ האָבן די גימנאַזיסטן גערופן די בלאָנדע, זומפּטיקע גערדא, די טאָכטער פון יאָהאַן ווילד, דעם באַלעבאָס פון „פּעטן אָקס״. ווער ס׳האָט איר געגעבן אַזאַ צונאָמען, האָט מען נישט געוואוסט; אָבער אַלע האָבן זי אַזוי גערופן, און איר חתן, דער לערער פון געשיכטע הילאַריאַן טאָפּאַן, האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן. ער האָט דערפאַר נאָך מער פיינט באַקומען זיינע סטודענטן, און באַזונדערס האָט ער געהאַסט דעם בירגערמייסטערס זינדל, עמיל, וועלכן ער האָט חושד געווען אין געבן גער־

דאן דעם צונאָמען. האָט ער עמילביילן פּאַרוואָרפן מיט מער אַרבעט, ווי יעדן אַנדערן סטודענט, האָט אים עקזאַמינירט כמעט ביי יעדער לעקציע, געפאָדערט פון אים אויסצורעכענען אַלע מינדסטע טייכלעך אין די אַלפּן און אַפילו קענען אויף אויסווייניק יעדע קלענסטע באַמערקונג אין דעם שול־ביכל פאַר געשיכטע. און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן — ווייל עמיל איז געווען גוט צוגעגרייט און געענטפערט אויף אַלע פראַגן — האָט הי־לאַריאַן טאָפּאַן זיך גענומען צו אַן אַנדערן מיטל: ער האָט געוואוסט, אַז עמיל בייל באַזוכט אָפט דאָס „אידאַ־היים". האָט ער אויפגעהויבן אַט די פראַגע ביי אַ לערער־קאָנפערענץ: „דער כבוד פון אונזער הומאַניסטישן אַנשטאַלט שטייט אין קאָן. איך ווייס באַשטימט, אַז שילער פון אונזער קייזער־קעניגלעכן פראַנץ יאָזעף גימנאַזיום באַזוכן אומאַנשטענדיקע לאָקאַלן. האַראַץ און אָוויד, קאַרל דער פינפטער און לודוויג דער פערצנטער וואָלטן זיך לעבעדיקערהייט באַגראָבן — ווען זיי וואָלטן נאָך געלעבט — ווען זיי זאָלן וויסן, אַז סטודענטן, וועלכע שטודירן זייערע ווערק און זייערע טאָטן, באַזוכן אַזעלכע צווייפלהאַפטע לאָקאַלן."

„וואָסזשע פאַרלאַנגט איר?" — האָט געפרעגט דער גימנאַזיע־די־רעקטאָר דר' פּאול, אַ גוטמוטיקער, עלטערער מאַן.

„אַ שאַרפן קאָנטראָל."

„ווילט איר עס איבערנעמען? איך מיין, איר זאָלט דורכפירן דעם קאָנטראָל."

„אויב מ'דאַרף, וועל איך זיך איינשטעלן."

פּיוול פראַנט האָט גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, אַז הילאַריאַן טאָפּאַן זאָל אַריינקומען אין זיין „אידאַ־היים". נישט מער — ער האָט שטענדיק אין צייט נאָך באַוויזן פריער אויסצובאַהאַלטן עמילביילן אין אַ צווייטן צימער. הילאַריאַן טאָפּאַן פלעגט געוויינלעך באַשטעלן אַן אַכטל „געשפּריצטן" — אַ ביסל ווייסער ווייַן, געמישט מיט סאָדעוואַסער. עמיל בייל האָט אָבער שטענדיק געהאַט גענוג געלט מיט זיך. האָט ער איינמאָל, בעת אַזאַ באַזוך פון הילאַריאַן טאָפּאַן, אַריינגערופן צו זיך אין צווייטן צימער דעם באַלעבאָס פּיוול פראַנט און צו אים געזאָגט: „פּעבוס, איר זייט דאָך אַן ערנמאַן — שטימט? איך וואָלט וועלן היינט אָנשיכורן מיין לע־רער. אָט האָט איר דאָ הונדערט קראָנען אויף געטראַנק, און פּופּציק קראָנען פאַר יעלענאַן. זעט וואָס איר קאָנט טאָן."

פּיוול פראַנטן האָט מען נישט באַדאַרפט צוויי מאָל זאָגן. אַנשטאָט אַן אַכטל „געשפּריצטן" האָט שוין איצט טאָפּאַן באַקומען אַ גלאָז עכטן שאַמ־פּאַניער, געמישט מיט אַ גלעזעלע קאָניאַק. נישט געוואוינט צו אַזאַ משקה, האָט טאָפּאַנען באַלד גענומען שווינדלען פאַר די אויגן. די טיף־דעקאָל־טירטע יעלענאַ האָט אים געבראַכט נאָך אַ גלאָז פון זעלבן געטראַנק.

טאַפּאַן האָט געטענהט, אַז ער האָט עכט נישט באַשטעלט. אָבער יעלענא האָט בלויז געפּרעגט: „איז עס אמת, 'שאַץ', אַז אַלע רופן דיך 'הילאַריאַן טאַפּאַן, דער שענסטער בחור אין גאַנץ בוקאָווינע'?"

טאַפּאַן האָט מיט איין צי אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלאָז. זיין בליק איז געפאַלן אויף יעלענאס האַלב־אַנטבלויזטע בריסטן, און זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן — ער איז געבליבן מיט אָן אָפן מויל. יעלענא האָט געבראַכט נאָך צוויי גלעזער — איינס פאַר זיך און איינס פאַר טאַפּאַנען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין שויס. ער האָט איצט געזען איר האַלב־אויפגעשפּיליעטן בראַזיר און שיכורלעך באַוואונדערט: „יעלענא, איך שווער דיר, אַז דו האָסט די זעלבע בריסטן, ווי מיין קליינע גערדא."

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרק געלעכטער. טאַפּאַנען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער הערט דאָס קול פון זיין שונא, עמיל בייל. ער האָט קוים באַוויזן זיך אויפצושטעלן — און דאָ האָט אַלץ אַרום אים גענומען זיך קייקלען, פּונקט ווי יענע פלאַכטעס שניי פון אַ הויכן אייז־באַרג, וואָס ער אַליין פלעגט אַזוי בילדלעך שילדערן פאַר זיינע סטודענטן בעת דער לעק־ציע פון געאָגראַפיע. אַלץ, האָט זיך אים געדאַכט, קייקלט זיך אָן אָן אָפּ־שטעל. ער האָט גענומען רופן הילף, אָבער ענדלעך האָט ער שלום געמאַכט מיט זיין וויסטן גורל.

ס'איז שוין געווען היפשער טאָג, ווען ער האָט זיך דערשלעפּט אהיים, אין זיין קאַוואַליר־וואוינונג ביי דער פאַרזעסענער מויד, די זיבעציק־יאָ־ריקע פריילין פּאָפּאָוויטש.

יעדן זונטיק פלעגט טאַפּאַן עסן מיטאָג ביי זיין כלה אינדערהיים. זו־מער פלעגט עס זיין געבראָטנס פון קאַלבס־ אָדער חזיר־פלייש, אום ווינ־טער — אַ שטיקל געגנזנס אָדער רינד־פלייש. נאָכן עסן פלעגט טאַפּאַן גיין שפּאַצירן מיט גערדאַן; נאָכן שפּאַציר איז מען אריינגעגאַנגען אין העניגס צוקערניע, און דערנאָך האָט ער זי באַגלייט אַהיים, וואו ער פלעגט נאָך בלייבן זיצן עטלעכע שעה.

דעם זונטיק האָט אַ אינגל אונטערגעוואָרפן אַ בריוול אונטער גערדאס טיר:

„זייער געערטע פריילין, לעצטע נאַכט האָט אייער חתן זיך גע־שוואוירן פאַר יעלענאַ, די יונגע דאַמע פון דער 'אידאַ־היים', אַז זי האָט די זעלבע בריסטן, ווי איר. איך פאַרזיכער אייך מיט מיין ערן־וואָרט, ווי אַ צוקונפטיקער אַקאַדעמיקער, אַז איך זאָג דעם אמת. אויב איר גלייבט מיר נישט, בין איך גרייט צוצושטעלן עדות פאַר דעם. אַ שטילער און הייסער פאַרערער פון אייך."

גערדאַן איז באַפאַלן אַ ווײַן־קראַמף און זי האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. ווען דער פאָטער האָט זי געפרעגט וואָס ס'איז געשען, האָט זי אים געוויזן דאָס בריוול. יאָהאַן ווילד האָט אַלץ אין זײַן „פעטן אָקס" איבערגעלאָזט און איז אַוועק אין „אידאַ־היים". דאָרט האָבן זעקס מענטשן עדות־געזאָגט, אַז אַלץ איז אמת. און ווען טאָפּאַן איז איינס אַזייגער געקו־מען צו זיי אויף מיטאָג, האָט אים יאָהאַן ווילד געוויזן די טיר. אין שטאָט האָט מען שוין גערעדט, אַז זיי וועלן אָפּלאָזן דעם שידוך. סיי ווי — דאָס „גאָלדענע קאַלב" האָט מער נישט געוואָלט הערן וועגן טאָפּאַנען, און ס'האָט אויסגעקוקט, ווי אַלץ איז פאַר אים פאַרלוירן.

אָבער דאָ איז פאַר אים געקומען הילף פון אַ גאַנץ אַנדערער זײַט.

24

נאָכן געשפרעך מיט משה מאַשיניסט, זענען ביידע, פישער און ווילד, געווען איבערצייגט, אַז איידער זיי טרעטן אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, מוזן זיי נאָך געווינען פאַר זיך עטלעכע איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן. ווילד האָט גערעדט מיטן אַפּטייקער זילבערבוש. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, האָט אים זילבערבוש דערקלערט, אַז ער וועט אים לאָזן וויסן ערשט נאָכ־דעם, ווען אַנדערע פון זײַן שטאַנד וועלן זיך אָנשליסן. ווילד איז אַרומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, אָבער אומעטום האָט ער באַקומען דעם זעלבן ענטפער. „איך בין אַנטוישט אין אייך, האַנס" — האָט אים געזאָגט קאַרל פישער — „איר, מיט אייער בעסטער קיך און בעסטן ביר אין שטאָט, זאָלט האָבן אַזאַ קליינעם איינפלוס — דאָס האָב איך זיך גאָרנישט פאַר־געשטעלט".

„דאָס איז בלויז צוליב אַן אומגליקלעכן צופאַל, גנעדיקער הער. דורך מײַן גערדאַס חתן, דעם הער קייזער־קעניגלעכן פּראָפעסאָר פון גע־אָגראַפיע און געשיכטע, הילאַריאָן טאָפּאַן, האָב איך פריער שטענדיק גע־האַט אַן אָפענעם וועג צו אַלע פערזענלעכקייטן פון דער שטאָט. אָבער זײַט דעם סקאַנדאַל, וואָס האָט אונז באַוואויגן אים מער נישט אויפצונעמען בײַ אונז אין הויז, האָט אונזער רעפּוטאַציע אַ סך געליטן. יאָ, אַ פאָטער פון אַ דערוואַקסענער טאָכטער מוז אַ סך אַראָפּשלינגען."

„ריכטיק, האַנס, איך דערמאָן זיך איצט, אַז אייער טאָכטער האָט געהאַט אַ חתן, ווען איך בין דאָס לעצטע מאָל דאָ געווען. וואָס איז געשען? האָט אים עמעצער בײַ איר צוגענומען?"

„נישט דערלעבן וועט אַן אַנדערע צוצונעמען דעם חתן בײַ מײַן גערדאַן! פאַרקערט, מיר האָבן א י ם אָפּגעזאָגט."

און ווילד האָט דערציילט פישערן וואָס ס'איז פאָרגעקומען — מיט אַלע איינצלהייטן.

„איך בין שטאַרק אַנטוישט אין אייך, האַנס. ווי אַלט איז דען דער חתן?"

„דרייסיק יאָר."

„איר ער, ווי איך פאַרשטיי, אַרום אַ צען יאָר עלטער פון גערדאַן. איר גלויבט דאָך נישט, אַז זיי האָבן פאַר דער חתונה — נו, איר פאַרשטייט דאָך וואָס איך מיין."

„וואָס רעדט איר? נישט אין יאָהאַן ווילדס פאַמיליע! ווי קאָן מען גאָר טראַכטן וועגן דעם..."

„זעט איר שוין! ריכטיק, איך האָב אויך אַזוי געטראַכט. פון דער אַנדערער זייט אָבער איז ער נישט קיין מלאך און אפילו נישט קיין מאַנאַך. ער איז, אויף וויפל איך דערמאָן זיך, אַ געזונטער, קרעפטיקער יונגערמאַן — וואָרים ווען נישט, וואָלט ער גאָרנישט געוועזן קיין פּאָר פאַר גערדאַן — איר פאַרשטייט דאָך, וואָס איך מיין מיט דעם. איז וואָסזשע ווילט איר?"

„יאָ, אָבער דער סקאַנדאַל. אַזעלכע זאַכן..."

„וואָס 'אַזעלכע זאַכן'. מיט דער האַנט אויפן האַרצן, האַנס — איר האָט אַ געזונטע און זייער באַגערנסווערטע פרוי; ווילט איר מיר איינרעדן, אַז ווען איר זייט אַמאָל אין טשערנאָוויץ, איז..."

„אָבער ער האָט דאָך אַ כלה. מ'דאַרף דאָך אויף אַ געוויסן אופן אָפּהיטן דעם כבוד..."

„פאַרשטייט זיך. איז נעמט אָן עצה פון אַ דערפאַרענעם פריינט. אויב איר ווילט, וועל איך איבעררעדן מיט גערדאַ. איר ווידער שיקט נאָך היינט רופן דעם חתן. צעטרעט נישט צוויי קנאָספּן, וואָס געהערן צוזאַמען אין איין בלומען־טאָפּ."

נאָך דעם זעלבן אָוונט האָבן, ביי אַ ספּעציעלער פיירונג, די „צוויי קנאָספּן" זיך איבערגעבעטן. דערביי איז אויך געווען דער גוט־באַזיצער קאַרל פישער, ווי אַ גאַסט און פריינט פון דער פאַמיליע. מען האָט פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. ווען פישער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיטן חתן, האָט ער, ווי בלויז נעבנביי, אַ זאָג געטאָן: „ס'האָט מיך זייער געפרייט זיך צו באַקענען מיט אייך. אויב איך מאַך נישט קיין טעות, האָבן מיר זיך געזען, ווען איך בין דאָ געווען ס'לעצטע מאָל. איך וואָלט גערן געוואָלט מיט אייך אַביסל ברייטער זיך דורכרעדן. ס'וועט מיר זיין אַ באַזונדער פאַרגעניגן, ווען איר זאָלט קאָנען מאָרגן, אַרום פיר נאָכמיטאָג, אַריינקומען צו מיר — אויף וויפל אייער קאָסטבאַרע צייט דערלויבט עס אייך."

„ס'וועט פאַר מיר זיין אַ גרויסע ערע, גנעדיקער הער. אויב איך וועל נישט שטערן, וועל איך גערן קומען.״

פון דעם שמועס, וואָס פישער האָט אויפן צווייטן טאָג געהאַט מיט הילאַריאָן טאָפּאַן, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, אַז מ'דאַרף נישט אַוועק־מאַכן מיט דער האַנט די קאָנסערוואַטיווע אָנשויאונגען פון דעם געשיכטע־פּראָפעסאָר, אָבער צוגלייך זענען זיינע אָנשויאונגען באַשרענקט, 'פּראָ־פעסאָריש' און גאַנץ ווייט פון פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. אַזוי, למשל, האָט ער אים נישט געקאָנט איבערצייגן, אַז דער קייזער איז אויף אַ געוויסן אופן געווען געצוואונגען צו געבן דער באַפעלקערונג דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט: „גלויבט איר, הער פּראָפעסאָר, אַז מ'נעמט אַן אַפּ־פּירמיטל צוליב גאַשעריי און פאַרגעניגן?״

„איך וואָלט ליבערשט נישט וועלן רעדן וועגן זיין מאַיעסטעט אין צוזאַמענהאַנג מיט אַפּפּירמיטלען. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז איך פּער־זענלעך, צום ביישפּיל, וואָלט גיכער זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך געשמאַקע שפּייזן, איידער זיין געצוואונגען איינצונעמען אַן אַפּפּירמיטל. מיט אַ שטאַר־קער האַנט קאָן מען אַלץ דורכפירן. איך וואָלט ווייט נישט דערגאַנגען אין מיין שולע, ווען איך וואָלט נאָר אפילו איין מאָל נאָכגעגעבן. ווער ס'קאָן ביי מיר נישט אויסרעכענען אַלע קרייץ־צוגן מיט אַלע גענויע דאַטעס, אָדער ווער ס'איז נישט באַקאַנט מיט די אַלפּן־טאָלן, ווי ער וואָלט זיי אַלע געהאַט ביי זיך אין קעשענע, דער קאָן ביי מיר קיין קלאַס נישט פאַרענ־דיקן.״

„איר, הער פּראָפעסאָר, קענט זיכער בעסער אייער פאַך, ווי איך — וועגן דעם קאָן גאָר קיין פראַגע נישט זיין. אָבער לאָמיר זיך אומקערן צו דעם, וואָס מיר האָבן פריער גערעדט. מיר זענען דאָך ביידע איינפאַרשטאַ־נען, אַז אַזוי ווי מען האָט שוין אויף אונז אַרויפגעצוואונגען געהיימע וואַלן, מוזן מיר מיט אַלע כוחות זען צו פאַרמיידן, אַז אין דער רעגירונג זאָלן זיך אַריינכאַפּן ראַדיקאַלע, נישט געוואונטשטע עלעמענטן.״

„דאָס וואָלט דאָך געווען דאָס זעלבע אומגליק, ווי אין צייט פון די גריכן. גנעדיקער הער וועט זיך דאָך דערמאָנען, ווי גאַיוס גראַקכוס אין גלאַנצפולן סענאַט...״

„איך דערמאָן זיך אָן דעם, ווי ס'וואָלט ערשט נעכטן געווען. איך וואָלט גערעדט וועגן דעם טעג און נעכט, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. אָבער אפשר זאָלן מיר אין איצטיקן מאָמענט בעסער זיך האַלטן אָן דער טרוי־קענער קעגנוואַרט. אויב מיר זענען איינפאַרשטאַנען, אַז מיר, דאָס הייסט די שטאָט סערעט, דאַרף שיקן צום פאַרלאַמענט אַ קאָנסערוואַטיוון פאַר־טרעטער, איז עס אויך אונזער פליכט אַקטיוו פאַר דעם צו אַרבעטן.״

הילאַריאָן טאָפּאַן וואָלט מסתּם ווידער געזען זיך אַרויסצודרייען, אָבער דאָ איז אַריין זיין צוקונפטיקער שווער יאָהאַן ווילד, וועלכער האָט די גאַנצע צייט זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר: „דו האָסט נישט קיין באַגריף, הילאַריאָן, ווי אָנגעזען דו ביזט ביי די פאָרנעמע קרייזן אין אונזער שטאָט. דער אַפּטייקער און אַ סך אַנדערע געבילדעטע לייט זאָגן: מיר וואָלטן גערן מיטגעהאָלפן, ווען דער הער פּראָפעסאָר הילאַריאָן טאָפּאַן וואָלט שטיין הינטער דעם.״

„אָבער פּאַפּאַ, פאַרגעס נישט, אַז אַזעלכע — נו, אָפן געזאָגט: אַן אַפּ־טייקער קאָן אייגנטלעך גאָרנישט באַטראַכט ווערן ווי אַ ריכטיקער אַקאַ־דעמיקער. אַזוי ווי ער האָט נישט געענדיקט מער ווי זעקס קלאַסן גימ־נאַזיום, זענען אים די רעפאָרמאַציע, די שלאַכט ביי לעפּאַנטאָ, די פאַר־ניכטונג פון דער גרויסער אַרמאַדאַ...״

„אין אַזעלכע זאַכן, מיין ליבער איידעם, זענען דיינע סטודענטן און דיין גערדאַ מער פאַראינטערעסירט, ווי מיר. ס׳האָט אונז לאַנג גענומען, ביז מיר האָבן איבערגערעדט דעם הער פּישער, ער זאָל זיך אַנטשליסן צו זיין דער קאַנדידאַט פון אונזער שטאָט ביי די נייע וואַלן צום פּאַרלאַמענט. איצט איז עס אונזער פליכט אים צו שטיצן, און מיר רעכענען אויף דיין אַקטיווער מיטאַרבעט.״

דאָ האָט שוין הילאַריאָן טאָפּאַן געענדערט זיין טאָן: „ווי אַ קייזער־קעניגלעכער רעגירונגס־באַאַמטער און לערער פון דער יוגנט, בין איך געבונדן דורך געוויסע רעגולאַציעס. איך וועל נישט זאָגן, אַז איך קאָן נישט טאָן וואָס איך וויל. אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז דער האַפראַט נגקעדל האָט אַ גרויסן איינפלוס אין לאַנד־שולראַט, וועמען איך בין, אַזוי צו זאָגן, אונטערוואַרפן. איך קאָן רעדן מיט וועמען איך וויל, איך קאָן אויסאיבן אַ פּערזענלעכן איינפלוס; אָבער עס איז פאַר מיר אוממעגלעך, אַז מיין נאָמען זאָל שטיין אויף דער ליסטע פונעם וואַל־קאָמיטעט.״

„אויב עס גייט נישט אַנדערש, הער פּראָפעסאָר, וועט עס אונז פרייען, ווען איר וועט מיטאַרבעטן לויט די מעגלעכקייטן, וואָס איר האַלט פאַר ריכטיק. מיר וואָלטן אייך זייער דאַנקבאַר געווען, ווען איר קאָנט נאָך היינט אָוונט אונז איבערגעבן דעם רעזולטאַט פון אייערע געשפּרעכן מיט די באַקאַנטע פון אייער קרייז. אויב ס׳איז מעגלעך, וואָלטן מיר אויך גע־בעטן, איר זאָלט אונז היינט אָוונט — אָדער בעסער נישט. דעם פּלאַקאַט וועלן מיר שוין אַליין אויסשטעלן, נאָכדעם ווי מיר וועלן זיך דערוויסן וועגן פון די הערן אַקאַדעמיקער וויל דינען אַט דער זאַך, וואָס קאָן רואיק באַצייכנט ווערן, ווי אַן אַקציע פאַרן קייזער און פאָטערלאַנד.״

ווען טאָפּאַן איז אַוועק, האָט פּישער געזאָגט צו ווילדן: אַ פאַרשטאָפּ־טער מוח ביי אייער איידעם. ס׳איז זייער שווער מיט אים דורכצוקומען.״

„האָב איך דאָך אייך נאָך נעכטן געזאָגט, איידער מיר האָבן אים איבערגעבעטן מיט גערדאָן, אַז ער איז אַ שווערער מענטש. גלויבט איר...״

„איך גלויב, אַז מיר וועלן דאַרפן זיין צופרידן, ווען אונז וועט געלינגען צוציען אַ סך פון דעם סאָרט מענטשן. ביי אונדז אויפן דאָרף איז דאָ אַ פּרינציפּ: בעסער אַ נאַרישער און געהאָרכזאַמער פויער, איידער אַן אויפגעקלערטער און אַ ווידערשפּעניקער.״

25

דער שמועס מיט פישערן און מיט זיין צוקונפטיקן שווער האָט הילאַריאָן טאָפּאַנען גאַנץ צערודערט. ער וואָלט שוין פון לאַנג חתונה געהאַט, ווען עס זאָל אים געווען געלינגען צו ווערן א ווירקלעכער פּראָפעסאָר מיט אַ פולן געהאַלט. דערווייל איז ער נאָר געווען טיטולאַר־פּראָפעסאָר. דער חילוק אין געהאַלט איז געווען הונדערט קראָנען א חודש. אין גימנאַזיע, וואו ער האָט געלערנט, זענען זיי געווען צוויי פּראָפעסאָרן פון זעלבן ראַנג און פון זעלבן קעגנשטאַנד; אָבער נאָר איינער פון זיי האָט געקאָנט באַשטימט ווערן צו אַ העכערן ראַנג, בעת דער אַנדערער האָט געמוזט דערנאָך אָפּוואַרטן גאַנצע צוויי יאָר. און אָט די הונדערט קראָנען האָבן אים געפעלט צו קאָנען זיך איינאָרדענען און פירן אַ באַלעבאַטיש לעבן. מיט ווייניקער ווי מיט דריי הונדערט קראָנען א חודש — פלעגט ער זאָגן צו זיינע קאָלעגן — וועל איך זיך נישט איינשפּאַנען אין פאַרהייראַטן לעבן. זיין קאָנקורענט, בעקער, איז געווען מער באַליבט און געהאַט בעסערע אויסזיכטן באַשטימט צו ווערן צום העכערן ראַנג. דערפאַר האָט טאָפּאַן אַלץ זיך באַמיט צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק ביי דער פאַרוואַלטונג פון די שולן און דעריבער האָט ער זיך אויך אָפּגעהאַלטן זיך צו שטעלן אויף פישערס זייט. וואָרים אַלע האָבן געוואוסט, אַז סקעדל האָט אין דער לאַנד־שולפאַרוואַלטונג דאָס לעצטע וואָרט.

ווען ער איז אַרויס פון פישערן, האָט טאָפּאַן נאָך געמאַכט א קורצן באַזוך ביי זיין כלה. דאָס פאַרהעלטעניש צווישן זיי איז איצט געווען, ווי געוויינלעך צווישן צוויי ערשט־איבערגעבעטענע — ער האָט מיט איר אָפּגעהאַרציק גערעדט וועגן זיינע פלענער. אויך גערדא האָט געהאַלטן, אַז צוליב זייער ביידענס גליק מוז ער זיך האַלטן פון וייטן פון דער וואַלקאַמפּאַניע פאַר פישערן.

פון דער כלה איז טאָפּאַן אַוועק אין קאַסינאָ. דאָ האָט שוין כמעט יעדער געוואוסט וועגן פישערס קאַנדידאַטור. מען האָט אַפילו געשמועסט, אַז צוליב דעם האָט טאָפּאַן זיך איבערגעבעטן מיט זיין כלה און מען האָט עס אים אויך געגעבן אָנצוהערן — צווערשט בלויז דורך אַנדייטונגען,

דערנאָך שוין דירעקט. קודם האָט טאָפּאַן זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, — ביז ער איז בייז אויפגעשפּרונגען און זיך צעשריען, אַז אַלע זאָלן הערן: „איך דערקלער דאָ עפנטלעך, אַז איך האָב גאָרנישט צו טאָן מיט פּאָליטיק, און איך וועל אויך ווייטער נישט האָבן דערמיט צו טאָן!"

נישט הוילנדיק, האָט ער מיט דעם געטאָן פישערן אַ גרויסע טובה: נאָכדעם ווי מען איז געווען זיכער, אַז טאָפּאַן איז נישט אויף פישערס זייט, האָבן גאַנץ פיל זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט פישערס קאַנדידאַטור און אַ טייל זענען אַפילו אַוועק צו ווילדן אויסצוגעפינען, וואָס זיי קאָנען געווינען ביי אַט דער קאַנדידאַטור.

הילאַריאַן טאָפּאַן איז אַרויס פון קאַסינאָ אַן אויפגערעגטער. ס'איז געווען אַ מילדער ווינטער־אָוונט. די שיטערע שנייעלעך זענען געפלויגן, ווי עפּעס בלויז אַרום דעם נייעם גאַז־לאָמפּ. וואוהין גייט מען איצט? אַם־ליבסטן וואָלט ער נאָך צוריקגעגאַנגען צו זיין כלה, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיך טרעפן דאָרט מיט זיין צוקונפטיקן שווער, אָדער גאָר מיט קאַרל פישער. אָבער אַהיימגיין צו זיך האָט ער אויך נישט געוואָלט — ס'איז סקוטשנע דאָרט. נישט ווילנדיק, האָט ער זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צו דער רומענישער גרענעץ. נאָכדעם, ווי ער האָט זיך איבערגעבעטן מיט גערדאַ, איז ער געווען באַהערשט נאָר פון איין געדאַנק: ער מוז וואָס גיכער דערגרייכן זיין ציל, באַשטימט צו ווערן צום ראַנג פוןווירקלעכן פּראָפעס־סאָר — מעג עס זיין דורך סיי וועלכע מיטלען. ס'האָט נישט קיין שום זין נאָך לענגער צו בלייבן אַן אַלטער בחור, האָט ער געטראַכט. גערדאַ וויל אויך פּטור ווערן פון פאַטערס הויז. ס'מוז עפּעס געטאָן ווערן וועגן דעם — דאָס איז זייער ביידנס חוב.

צוערשט האָט ער גערעכנט צו שיקן אַ בריוו צו סקעדלען קיין טשערנאָוויץ — באַלד אָבער האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק. זיין קאָנקורענט איז געווען אַ נאָענטער פריינט פון פראַנץ בייל, וועלכער איז סקעדלס אַ פּאַרטרויעטער. ניין, דאָס וועט נישט טויגן. ער מוז אויף אַ געוויסן אופן שוין איצט ציען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער שול־פּאַרוואַלטונג, זיי זאָלן איינזען, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס היט אָפּ די ווירדע פון דעם הומאַניסטישן אַנשטאַלט אין דער שטאָט סערעט, די גימנאַזיע.

טראַכטנדיק אַזוי, איז ער — אַליין נישט וויסנדיק ווי אַזוי — פאַר־גאַנגען ביז צום „אידאַ־היים". זייט יענעם טרויעריקן אינצידענט דאָרט, איז ער אין „אידאַ־היים" מער נישט געווען. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט — עפּעס הערט מען נישט קיין מוזיק דאָרט? ווי מאָדנע שטיל... קיין מוזיק אין „אידאַ־היים" איז אַן אויסערגעוויינלעכע דערשיינונג. האָט עפּעס דאָרט פּאַסירט? ער איז ווייטער געגאַנגען.

ווען נישט אָט די אומאַנגענעמע פּאַסירונג דאָרט — האָט ער איצט געטראַכט — וואָלט אפשר אָט די „אידאַ־היים" אים געקאָנט העלפן: ער וואָלט אָנגעשריבן אַ באַריכט צום קייזער־קעניגלעכן לאַנד־שולראַט, אָדער אפילו דירעקט צום בילדונגס־מיניסטעריום אין ווין, און דאָס וואָלט זיכער אויף אים געצויגן זייער אויפמערקזאַמקייט. פאַרוואָס טאַקע נישט?

ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דאָס, וואָס מ'הערט דאָרט נישט קיין מוזיק, וואָס ס'איז דאָרט איצט אַזוי שטיל, האָט אפשר אַ שייכות מיט אַ „ספּעציעלן אָוונט" פאַר די גימנאַזיסטן. נאָך מיט וואָכן צוריק האָט מען אים צוגעטראָגן, אַז זיין שונא, עמיל בייל, האָט אויסגעווירקט ביי פּייוול פּראַנט, ער זאָל באַשטימען געוויסע אָוונטן, ווען די גימנאַזיסטן קאָנען באַזוכן זיין לאָקאַל. זיינע שילער, האָט ער געטראַכט, זענען מסתם זיכער, אַז ער וועט מער נישט אַריינקומען אין „אידאַ־היים", און זיי לאָזן זיך איצט דאָרט וואוילגיין... מיט אַ פעסטן באַשלוס דווקא יאָ אַריינצוגיין, האָט ער זיך אומגעקערט און געעפנט די טיר פון „אידאַ־היים".

דאָס לאָקאַל איז געווען ווי אויסגעשטאָרבן. ווארים ס'האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס טאַפּאַן האָט נישט אָנגעהויבן צו וויסן. אחוץ די קאַפּעליעס מוזיק אין „אידאַ־היים" און פון די פּייערלייט, זענען אין שטאָט געווען נאָך צוויי קאַפּעליעס. די קאַפּעליע פון די פּייערלייט האָט קיינמאָל נישט געשפּילט ביי פּריוואַטע אונטערנעמונגען; די אַנדערע צוויי קאַפּעליעס האָבן געשפּילט אויף חתונות. האָט מען אין שטאָט זיך שוין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אין איין אָוונט זאָלן נישט פאָרקומען מער ווי צוויי חתונות. אָבער גראָד דעם אָוונט זענען אין שטאָט געווען דריי חתונות — צוויי זענען שוין געווען באַשטימט פון לאַנג, און קאַפּל זיקער, נישט אָנפּרעגנדיק ביי קיינעם, האָט אויך באַשלאָסן דווקא יענעם אָוונט חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער. און דאַ כאַפּט מען זיך — נישטאָ קיין קאַפּעליע! און וואָכן פאַר אַ טעם האָט אַ חתונה אָן מוזיק — האָט קאַפּל דיקער געטענהט — ווי אַ סעודה אָן בראָנפן, אָדער ווי אַ יויך אָן פעפער.

אַזוי ווי קאַפּל דיקער איז געווען איינער פון די ערשטע אָקסן־שמוגלערס אין שטאָט, האָט אים פּייוול פּראַנט נישט געקאָנט אָפּזאָגן די טובה און אים אויסגעבאָרגט די קאַפּעליע, וואָס פלעגט שפּילן בלויז אין זיין „אידאַ־היים". סיי ווי זענען די מיינסטע סערעטער געווען מחותנים אויף די חתונות, און מיט דעם דערקלערט זיך, פאַרוואָס יענעם אָוונט איז אין „אידאַ־היים" נישט געווען קיין מוזיק און נישט קיין געסט.

טאַפּאַן האָט זיך אָוועקגעזעצט ביי אַ טיש, און באַלד איז אויך צוגעקומען יעלענאַ: „נישטאָ היינט קיין געסט, פּראָפּעסאָר. אונזערע קונדן טאַנצן היינט אויף פרעמדע חתונות."

אונטער דער ווירקונג פון זיין דאָ אַליין מיט אַט דער מויד, פון קיי־נעם נישט קאָנטראָלירט און אויך נישט דאַרפנדיק קיינעם קאָנטראָלירן, האָט זיך ווי מאָמענטאַל געביטן טאָפּאַנס שטימונג. ווי נאָר יעלענאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אים אויפן שויס, האָט ער באַלד פאַרגעסן וועגן וואָס ער איז אַהער געקומען און צו איר געזאָגט: דערלאַנג צוויי גלעזער פון בעסטן שאַמפּאַניער!"

ער האָט תיכף חרטה געקראָגן דערויף, אָבער — פאַרפאַלן! ער האָט נאָר פעסט באַשלאָסן זיך היטן נישט שיכור צו ווערן.

„דאָס מאָל וועסטו אָבער אַליין מוזן באַצאָלן, פּראָפעסאָרל" — האָט יעלענא געזאָגט.

ווייזט אויס, אַז איצט האָט זי אים געגעבן עכטן שאַמפּאַניער, נישט קיין געמישטן מיט ראָם אָדער קאָניאַק. אָבער שוין נאָכן צווייטן גלאָז איז ער געוואָרן פריילעך, און נאָכן דריטן — נאָך פריילעכער. ער האָט אַרויס־גענומען אַ הונדערטער און אַוועקגעלייגט אויפן טיש. יעלענא האָט באַ־האַלטן דאָס געלט און געעפנט אַ צווייטע פלאַש שאַמפּאַניער. ער האָט שוין נישט געוואוסט וויפל ער האָט געטרונקען. זי האָט צו אים גערעדט, אָבער ער האָט נישט געהערט. דאָס גאַנצע לאָקאַל האָט זיך ביי אים פאַר־וואַנדלט אין אַ קלאַס־צימער פון דער קייזער־קעניגלעכער גימנאַזיע אין סערעט. אים איז פאַרגעקומען, אַז עס ווערן אָפּגעהאַלטן די שלוס־עקזאַ־מענס, צו וועלכע עס איז — ווי יעדעס יאָר — ספּעציעל געקומען קיין סערעט דער פאָרזיצער פון לאַנד־שולראַט, דר' פּאַוליעטשיק. ער האָט פון אים פאַרלאַנגט אַ געהיימען באַריכט וועגן דער לאַגע אין גימנאַזיע און וועגן דעם צושטאַנד פון די שילער און די לערער. איצט זענען זיי איבערגע־גאַנגען צו דער פּאָליטישער לאַגע. פּאַוליעטשיק האָט אים אויפגעפאָדערט זיך איינצושטעלן פאַרן קאַנדידאַט פון דער רעגירונג און פון זיין מאַיעכ־טעט, דעם זייער פאַרדינטן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר און האָפראַט סקעדל. אַ פעסט־אָנטשלאָסענער, איז ער אַוועק צו דער פאַרזאַמלונג. פּאַוליעטשיק זיצט אין דער ערשטער ריי. טאָפּאַן רעדט צום עולם, אָבער זיין יעדעס וואָרט איז געווענדט צו פּאַוליעטשיקן — זאָל ער זען וואָס פאַראַ טאַלאַנט פון אַ געשיכטע־פּראָפעסאָר עס פאַרמאָגט סערעט, און דערצו האָט מען אים נאָך אפילו נישט דערהויבן צום ראַנג פון אַ ווירקלעכן פּראָפעסאָר מיט אַ נאָרמאַלן געהאַלט! ער האָט אָנגעהויבן הויך צו רעדן:

„זייער געערטע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעכטעט! איך בין אַן אָפּנ־האַרציקער מענטש און וויל נישט לייקענען: איך בין אַ קעגנער פון המון, און איך וועל עס שטענדיק זיין. אָבער ווען זיין מאַיעסטעט האַלט, אַז מען דאַרף אונז רופן צום וואַל־קעסטל, וועלן מיר אויספאָלגן זיין רוף, ווי עס פּאַסט פאַר געטרייע אונטערטאַנען. מיינט אָבער נישט, אַז זיין מאַיעסטעט איז אָפּ־

הענגיק פון איך. זיין מאַיעסטעט וואָלט אפשר אַנדערש געווען געהאַנדלט, ווען עסטרייך זאָל האָבן דאָס, וואָס עס פעלט. און ווייסט איר וואָס עס פעלט אונז? אַ סיביר — ווי עס האָט דער צאַר אין רוסלאַנד. וואָלט אונ־זער מאָנאַרכיע געהאַט אַ סיביר, וואָלט מען געקאָנט אַהין פאַרשיקן די אַלע אויסוואורפן און טויגעניכטסן, וועלכע וואגן צו מיינען, אַז זיי מעגן אַקעגנרעדן זייערע לערער און זיין מאַיעסטעט. איך וויל דאָ איבערחזרן די אומשטערבלעכע ווערטער פון ציצעראָ: ,קוואָ אוסקווע טאַנדעם, קאַטילי־נאַ?' ווי לאַנג נאָך! עס זענען שוין אפילו פאַראַן אַזעלכע — און איך וועל אָנרופן זייערע נעמען דאָרט, וואו מען דאַרף — וועלכע זאָגן, אַז זיין מאַיעסטעט האָט איינגענומען אַן אַפּפיר־מיטל, און פון דעם איז אַרויסגע־קומען דאָס וואָלרעכט. דאָס איז מאַיעסטעט־באַליידיקונג! וואָרים ווי זאָגט זיך דאָרט אין דער פּאָעמע:

אין אַכען, אין זיין קייזער־פּראַכט,
אין אַלטערטימלעכן זאַל..."

„געוואַלד!" — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שאַרפע שטים — „איך באַפעל צו שווייגן און צו ענטפערן: ווער האָט עס געוואָגט צו פאַרגלייכן דאָס אַלגעמיינע וואָל־רעכט מיטן פּראָדוקט פון אַן אַפּפירמיטל פון זיין מאַיעסטעט?"

די ווערטער האָבן טאַפּאַנען אויסגעניכטערט. ער האָט זיך אויסגע־ריבן די אויגן, און דערזען פאַר זיך דעם פּאַטער פון זיין פיינטלעכן שילער, דעם בירגערמייסטער פראַנץ בייל.

26

זינט מאַריאַ לופּעקו האָט מיט איר מאַן, דעם הויפּטמאַן פון דער גרענעץ־וואַך אין ווערפּולי, געוואוינט אין לאָנדאָן, פלעגט זי בענקען נאָך עפּעס — זי האָט אַליין נישט געוואוסט נאָך וואָס. זי איז נישט געווען צו־פרידן מיט איר מאַן און נישט צופרידן מיט זיך אַליין. אין לאָנדאָן האָט זי נישט געהאַט קיין סך געלט; אָבער דאָרט פלעגן פאָרקומען פרעכטיקע אויפנאַמעס, צו וועלכע מען האָט פאַרבעטן זי און איר מאַן, דעמאָלט דער מיליטערישער אַטאַשע ביי דער רומענישער לעגאַציע. דאָרט האָט זי אויך געהאַט א סך פאַרערער. דאָ, אין ווערפּולי, האָבן זיי אַ סך געלט, אָבער דאָס לעבן איז פּוסט. איר שיינער פּערזיאַנער מאַנטל און דער זילבער־פוקסענער קאָלנער זענען געהאַנגען אין שאַפע. אַמאָל וויזט זי זיך אין־דעם אין סערעט, אָבער וואָס מיינט דאָס?.. נישט אינטערעסאַנט. פּונקט אַזוי נישט אינטערעסאַנט זענען איר געווען די אַלע שטאַף־, חזירים־ און אָקסן־הענדלער, וואָס פלעגן פאַרקערן ביי זיי אין הויז. זי האָט געוואוסט,

אַז איר קאָן שפּאָרט געלט, צו קויפן אַ גוט. אפשר וועט דאָרט זיין אינ־טערעסאַנטער, און אפשר פּונקט אַזוי לאַנגווייליק, ווי דאָ. לעצטנס האָט זי נאָך מער ווי פריער געפילט זיך ענג אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם גרעניץ־ווינקל. זי וואָלט וועלן האָבן אַ קינד, אָבער...

און דאָ איז אונטערגעקומען וואַסילי. ער איז געווען מיט עטלעכע יאָר אינגער פון איר. איינמאָל האָט ער איר געבראַכט אַ פּעקל פון איר מאַן. זי האָט אים געבעטן זיך זעצן און אים מכבד־געווען מיט א גלאָז ווײַן. ער האָט געטרונקען, אָבער זייער ווייניק גערעדט. דערנאָך איז ער נאָכאמאָל געקומען. ער האָט אויף איר געמאכט אַ שטאַרקן איינדרוק. ווי־דער האָט זי דערלאַנגט ווײַן, און זיך צוגעזעצט נעבן אים. ווען זי האָט זיך צופיל דערנענטערט צו אים און אים געקוקט אין די אויגן, האָט ער זיך אָנגערופן: „מאַדאַם, איך האָב אַ כלה, און איך האָב זי זייער ליב.״ און געזאָגט האָט ער עס אין אַ טאָן, וואָס זי האָט גאָרנישט דערוואָרט צו הערן פון אַ פּויער־יונג.

דאָס האָט זי נאָך מער פאַראינטערעסירט אין אים; אָבער ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן פון דערווייטנס. אָפט פלעגט זי אים פאָרזיכטיק נאָכגיין, זיך מאַכן, ווי זי גייט כלומרשט שפּאַצירן און באַמערקט אים גאָרנישט. ער האָט אָנגעהויבן אויסצומיידן איר הויז. שפּעטער האָט זי זיך דערוואוסט, אַז אום זומער ליגט ער שעהן־לאַנג אין וועלדל און לייענט ביכער. דאָס האָט זי שוין אײַנגאַנצן נישט געקאָנט פאַרשטיין; וואָרים זי פלעגט אים האַלטן פאַר אַן אַנאַלפאַבעט, ווי עס זענען געווען די מייסטע רומענישע סאָלדאַטן און אַפילו די קלענערע אונטער־אָפיצירן. איינמאָל האָט זי אין וועלדל געפּרואווט פאַרפירן מיט אים אַ שמועס, אָבער אויך דאָס מאָל איז עס נישט געגאַנגען — ער האָט געענטפערט בלויז איינצלנע ווערטער.

אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ, הינטער די עסטרייכישע באַראַקן, האָט זי באַמערקט פאַרגראָבענע ביכער, פאָרזיכטיק צוגעדעקט מיט שטיי־נער. זיי געהערן זיכער וואַסילין, האָט זי געטראַכט. זי האָט זיך גענומען פאָרען אַרום זיי, אָבער דאָ האָט זי איבערראַשט דער עסטרייכישער גרע־נעץ־באַאַמטער אַקרולי.

איר אינטערעס צו וואַסילין איז נאָך מער געוואָקסן און זי האָט אָנ־געהויבן אים נאָך מער נאָכקוקן, ווי ביז איצט. איינמאָל אין אָוונט האָט זי אים געזען אַריבערקומען פון דער אַנדערער זייט גרענעץ מיט נאָך צוויי אומבאַקאַנטע מענטשן. זי איז זיכער געווען, אַז זיי געהערן נישט צו די שמוגלער־קרייזן. פאָרזיכטיק איז זי זיי נאָכגעגאַנגען און געזען, ווי זיי פאַרשווינדן הינטערן קלויסטערל. זי האָט, ווי ווייט מעגלעך אין דער טונקלקייט, זיך אָנגעשטרענגט צו זען וואָס זיי טוען. הינטערן קלויסטערל דאָרט האָט זיך געפונען אַן אַלטער, האַלב־פאַרשאָטענער ברונעם, וועלכן

מ'האָט מער נישט גענוצט. איר איז פאָרגעקומען, אַז וואַסילי און די אַנ־דערע צוויי לאָזן עפּעס אַראָפּ אין דעם ברונעם, און זי האָט גענומען זיך שרעקן: האָט ער עמעצן דערהרגעט?

זי איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק און געוואָלט וויסן וואָס דאָס מיינט, און אין אַ געוויסן אָוונט, ווען זי איז ווידער, ווי געווינלעך, געווען אַליין אינדערהיים, האָט זי זיך ענדלעך אַנטשלאָסן, געכאַפּט אַ מאַנטל אויף זיך און זיך געלאָזט גיין צום אַלטן ברונעם הינטערן קלויסטערל. כדי אָבער מען זאָל זי נישט באַמערקן, איז זי געגאַנגען מיט אַ זייטיקן וועג, איבערן צווינטער. שלייכנדיק צווישן די קברים, האָט זיך איר געדאַכט, אַז עמע־צער גייט איר נאָך און זי האָט שיעור נישט געחלשט פאַר שרעק. אָבער זי איז ווייטער געגאַנגען. זי האָט דערהערט אַ גערויש — ווי אַ טויטער וואָלט אַרויס פונעם קבר, און זי איז געפאַלן אין חלשות.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז איר מאַן געזעסן ביי איר אויפן בעט. וואַסילי האָט זי געפונען אַ פאַרחלשטע נישט ווייט פונעם קלויסטערל, האָט דער מאַן איר דערציילט. דער דאָקטאָר, וועלכן מ'האָט צו איר אַרויס־גערופן פון סערעט, האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַ פּלוצימדיקער אַנפאַל פון שוואַכקייט און זי דאַרף זיך שטאַרק שוינען.

נישט געקוקט אויף איר נישט־געלונגענעם פאַרזוך, האָט זי נאָכאַמאָל געפּרוואווט דאָס זעלבע. ווידער האָט זי אין אָן אָוונט אָנגעטאָן דעם מאַנטל און זיך געלאָזט גיין דעם זעלבן וועג. דאָס מאָל האָט זי זיך שוין מער נישט געשראָקן און נישט געהערט קיין מתים אויפשטיין פון די קברים. נישט ווייט פון אַלטן ברונעם האָט זי געפונען אַ לאַנגן דראָנג; האָט זי גענומען מיט אים אַרומשטאַרקען אין ברונעם. און אָט — אין דער טיף פון ברונעם איז געלעגן געווער און אַ סך פאַרמאַכטע קאַסטנס. קיין גע־גנבעט געווער קאָן עס נישט זיין, האָט זי געטראַכט, ווייל אַזוי פיל געווער איז גאָר קיינמאָל נישט געווען אין דער גאַנצער געגנט. זאָל זי עס דער־ציילן איר מאַן? ניין, זי וועט עס נישט טאָן, ווייל דאָס קאָן נאָך אפשר שאַטן וואַסילין, און דאָס וויל זי נישט.

אין אַ געוויסן טאָג האָט איר מאַן פּלוצים געמוזט אָוועקפאָרן קיין באָטאָשאַני. ער האָט שוין לאַנג נישט געמאַכט אַזאַ ווייטע דינסט־רייזע, און זי וואָלט גערן געוואָלט מיטגעפאָרן. זי האָט עס אים געזאָגט. דאָס האָט אים געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט: ניין, ער קאָן זי ביים בעסטן ווילן נישט מיטנעמען. ער פאָרט נישט אַליין — נאָך קאָמאַנדאַנטן, פון אַנדערע גרע־נעץ־פּאָסטנס, פאָרן מיט, וועט סיי ווי קיין פּלאַץ נישט זיין. אין מיהאַלעני וואַרט אויף זיי אַ דינסט־וואָגן. אָבער קיינער טאָר נישט וויסן, אַז זיי פאָרן קיין באָטאָשאַני. זייער אַ וויכטיקע אָנגעלעגנהייט. מען האָט אַנטדעקט — אָבער קיין וואָרט נישט רעדן וועגן דעם — גרויסע אומרוען אין לאַנד.

שונאים ווילן צוגרייטן אַן אויפשטאַנד. פאַר דעם צוועק האָט מען אויף היינט צוזאַמענגערופן אַלע גרענעץ־קאָמאַנדאַנטן פון דער געגנט אויף אַ באַראַטונג אין באַטאַשאַני.

צום ערשטן מאָל איז איר געקומען אויפן געדאַנק — זי האָט אַליין נישט געוואוסט פאַרוואָס און פאַרווען — אַז וואַסילי האָט אפשר אַ האַנט אין דעם. נאָכמיטאָג דאַרף ער קומען מיט געוויסע דאָקומענטן — זאָל זי מיט אים רעדן וועגן דעם? זאָל זי אים דערציילן, אַז זי ווייסט וואָס עס געפינט זיך אין ברונעם? זאָל זי אים וואָרענען?

יאָ זאָגן, אָדער נישט — דערווייל אָבער איז זי זייער צופרידן וואָס ער וועט קומען. זי איז ממש גליקלעך.

צו מיטאָג האָט זי כמעט גאָרנישט געגעסן. זי איז געזעסן און גע־וואַרט, ביז ס׳איז געוואָרן פיר אַזייגער נאָכמיטאָג. אינדרויסן איז נאָך גע־גאַנגען אַ שניי, אָבער ס׳איז שוין געווען אַ מילדער טאָג, אין אָנהויב מערץ. זי האָט דערהערט טריט — מסתם ער. ניין, דאָס איז אַ שווערערער גאַנג ווי זיינער. אָבער ווער קאָן דאָס איצט גיין אַהער? מ׳האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, און נאָך איידער זי האָט געבעטן אַריינגיין, איז שוין פאַר איר געשטאַנען אַ בלאָנדער, אָרום אַ פופציק־יאָריקער מאַן. ער האָט זיך פאָר־געשטעלט מיט עפּעס אַן ענגלישן נאָמען, האָט געזאָגט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער און אַז ער מוז זען דעם הער הויפּטמאַן אין אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט.

דער מאַן איז איר געווען אומסימפּאַטיש — אפשר דערפאַר, ווייל זי האָט דערוואָרט עמעצן אַנדערש. „מיין מאַן איז נישטאָ אינדערהיים" — האָט זי געזאָגט — ער פּאַטרולירט ערגעץ אַרום אין דער געגנט און וועט מסתם ערשט זייער שפּעט אין דער נאַכט צוריקקומען."

זי האָט געהאָפט אויף דעם אופן פון אים פטור צו ווערן. אָבער ניין: „אַזוי ווי איך מוז" — זאָגט ער — „זען אייער מאַן זייער נויטיק, וועל איך מיר דערלויבן צו־וואַרטן. אפשר וועט ער פאַרט באַלד אָנקומען."

כאַפּט אים דער רוח, האָט זי געטראַכט. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, ער זאָל בעסער צו־וואַרטן אין גאַנג־הויז, אָבער דאָ האָט זי ווידער דער־הערט טריט. יאָ, דאָס זענען זיינע טריט, וואַסיליס — דער וועלכער איז פאַר איר אַזאַ רעטעניש, וועלכער איז צו איר אַזוי פרעמד, פון דערווייטנס, און דאָך באַגערט זי אים אַזוי שטאַרק צו זען.

וואַסילי איז אַריינגעקומען. דאָ האָט זי באַמערקט, ווי די צוויי מענער קוקן עפּעס אויף זיך מיט מאָדנע בליקן. ביי איינעם האָבן די בליקן אויס־געדריקט האַס,ביים צווייטן — פאַרוואונדערונג און שטוינען. „די הערן ווילן, דאַכט מיר, עפּעס רעדן" — האָט זי געזאָגט און איז אַרויס פון שטוב.

קורט קראוטער האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן: „אַז דו ביזט ביים מיליטער, האָב איך געוואוסט. אָבער ווער זאָל וויסן, אַז דו ביזט גאָר דאָ...״

„יאָ, מען האָט מיך איבערגעטראָגן אַהער.״

„און ווי לאַנג ביסטו שוין דאָ?״

וואַסילי האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ, זיך געריבן די אויגן, זיך באַמיט צו מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ נאַר, און געזאָגט מיט אַ דיקער שטים, ציילנ־דיק יעדעס וואָרט: „שוין זייער לאַנג. ווען איך בין אַהער געקומען איז געגאַנגען אַ שניי.״

ער איז — האָט קורט קראוטער געטראַכט — אַ סך נאַרישער, ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט; אפשר קאָן מען אים אויסנוצן. ער האָט אַרויס־גענומען עטלעכע זילבער־מטבעות און אים דערלאַנגט. וואַסילי האָט גע־נומען דאָס געלט און געפרעגט נאַאיוו: „טאָקע פאַר מיר? מעג איך זיך דערפאַר קויפן שנאַפּס?״

„מעגסט זיך קויפן וואָס דו ווילסט. קאָנסט ביי מיר אַ סך מער פאַר־דינען, אויב דו וועסט נאָר גוט געדענקען וואָס איך זאָג דיר. הער זיך צו מיט קאָפּ: זאָלסט קיינעם נישט דערציילן, אַז דו קענסט מיך שוין פון פריער. אונזער האַר, דער אָבערהסט סטעפּאַנעסקו, וויל עס נישט — פאַר־שטאַנען?״

„זיכער.״

„האָסט זיך גוט אויסגעלערנט שיסן ביים מיליטער?״

„אוודאי.״

„קומסט אמאָל קיין כערעט? האָסטו באַמערקט, אַז דאָרט זענען דאָ אַ סך אידן? און אַז זיי לאָזן זיך פאַר אַלץ אַ סך באַצאָלן און באַרויבן די פויערים, האָסטו באַמערקט?״

„אויב דער גנעדיקער הער זאָגט אַזוי, איז עס מסתם אמת.״

„האָסטו אַמאָל גערעדט מיט די היגע פויערים? וואָס האָבן זיי דיר דערציילט?״

„מען טרעפט זיך אַמאָל מיט די פויערים אין קרעטשמע, אויב ס׳איז דאָ געלט אויף אַ גלעזל בראָנפן. נאָר זיי באַקלאָגן זיך.״

„און וואָס דערציילן זיי?״

„דערציילן, דערציילן זיי גאָרנישט. אָבער זיי זאָגן, אַז זיי מוזן צאָלן צופיל פאַר דער אַרענדע. זיי האָבן נישט — זאָגן זיי — קיין געלט. מען צאָלט זיי ווייניק. איך וואָלט נישט וועלן צוריק זיין אַ פויער. איך בלייב שוין בעסער ביים מיליטער. איך קריג דאָ גוט צו עסן, און אביסל געלט אויך.״

„ביזט גערעכט; און אויך די פויערים זענען גערעכט. און ווייסטו פאַרוואָס עס גייט זיי אַזוי שלעכט?״

„ווייל זיי האָבן נישט קיין געלט."

„ריכטיק. ביזט אַ גאַנץ קלוגער יונג. און איצט וועל איך דיר דער־קלערן פאַרוואָס די פּויערים האָבן נישט קיין געלט. ווייל די אידן פון סע־רעט באַשווינדלען זיי. זיי באַשווינדלען אויך דעם גוט־באַזיצער. מ'דאַרף אַלע אידן אומברענגען".

וואַסילי האָט נאָך ווייטער געוואָלט זיך דערוויסן, וואָס אייגנטלעך קורט קראַוטער באַצוועקט צו טאָן, אָבער דאָ איז אַריינגעקומען דעם הויפּטמאַנס פרוי. ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז אפשר האָט גאָר דער אַמע־ריקאַנער עפּעס צו טאָן מיט אָט דעם געהיימען געווער און די קאַסטנס דאָרט אין ברונעם, און זי האָט ביז איצט זיך אונטערגעהערט הינטער דער טיר.

קורט קראַוטער האָט זיך אויפגעהויבן: „עס ווערט שפּעט. איך וועל ליבערשט גיין און קומען אַן אַנדערש מאָל. איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער גאַסטפריינטלעכקייט און אַ גרוס דעם הער הויפּטמאַן."

וואַסילי האָט אַוועקגעלייגט געוויסע פּאַפּירן אויפן טיש, האָט זיך פאַרנויגט און איז אויך אַוועק. מאַריאַ איז געבליבן אַליין מיט עפּעס אַן אומאַנגענעם געפיל. זי האָט געעפנט דעם פענסטער, ס'זאָל אַרויס דער רויך פון די פּאַפּיראָסן, אָבער פון דעם מאָדנע געפיל האָט זי נישט גע־קאָנט פטור ווערן. פריער, איידער דער אַזוי גערופענער אַמעריקאַנער איז געקומען, איז וואַסילי — אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם געווער אין ברונעם — געווען פאַר איר ווי עפּעס אַ נעפּלהאַפטער ראָמאַנטישער העלד. איצט אָבער האָט אָט דער אמעריקאַנער צעיאָגט דעם נעפּל פאַר אירע אויגן, ווי אַ מיאוסער גערוך פאַריאָגט דעם ריח פון רויזן. זאָל עס מעגלעך זיין? איז וואַסילי בלויז אַ ווערקצייג אין די הענט פון אָט דעם גראַביאַן?"

דאָס האָט אָבער מיט גאָרנישט פאַרמינערט איר באַציאונג צו וואַסילין. איך מוז, האָט זי געטראַכט, אַרויסראַטעווען דאָס איינגל פון אָט דעם גראָבנ־יונגס הענט. דער נידעריקער פאַרשוין וויל אויסנוצן וואַסילין, צו לאָזן הרגענען אידן, זאָל ער עס אַליין טאָן.

זי האָט געכאַפּט אויף זיך דעם מאַנטל און איז אַרויס צו דער גרע־נעץ. פון ווייטן האָט זי געזען, ווי וואַסילי דרייט זיך אַרום מיטן אַמע־ריקאַנער, פאַרטאָן אין אַ שמועס. זי האָט זיך אומגעקערט — נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט זיי.

זי איז יענע נאַכט זייער אומרואיק געשלאָפן. פאַרשיידענע דערינע־רונגען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין איר מוח: — זי איז דעמאָלט אפשר פינף יאָר אַלט געווען. איר פאָטער איז געווען אַ פּרעפעקטור־באַאַמטער. זי פלעגט זיך שפּילן אין הויף מיט די שכנישע קינדער. איינמאָל קומט אויפן הויף צולויפן איר מוטער — זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקן. די מו־

טער האָט זי געכאַפּט אויף די הענט און איז מיט איר אַריין אין דער וואוינונג. דער פאָטער האָט אַ פרעג געטאָן די מוטער: „האָסטו אַרויס־געשטעלט א צלם און דאָס בילד פון דער הייליקער מוטער?" מען האָט פאַרהאָנגען די פענסטער, און ס'איז פינסטער געוואָרן אין שטוב, ווי ביינאַכט. „פעטער" — האָט די מאַמע זיך אָנגערופן צום טאַטן — „איך וואָלט פאָרט וועלן וואָרענען די גאָלדבערגס. אפשר קאָנען זיי זיך נאָך ערגעץ באַהאַלטן, אָדער אַנטלויפן." דער טאַטע האָט נישט געענטפערט, און די מאַמע האָט נאָכאַמאָל איבערגעפרעגט דאָס זעלבע — ביז דער טאַטע האָט זיך צעשריִען: „וואָס ווילסטו? מיר זאָלן פאַרלירן אונזער ברויט?!"

און דערנאָך האָט זיך עס אָנגעהויבן, ווי אַ שטורעם. ס'האָבן זיך דער־הערט געשרייען, מ'האָט געהאַקט פענסטער: 'טויט די אידן!'. אַ געוויין, פאַרצווייפלטע אויסגעשרייען — זי האָט בפירוש דערקענט די שטים פון איר חברטע. די מוטער האָט זי געטוליעט צו זיך און שטיל געוויינט. צוויי טעג האָט מען זי נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. און ווען זי איז דערנאָך אַרויס אויפן הויף, האָט זי די גאָלדבערגס וואוינונג געטראָפן ליידיק...

זי איז אַנדרימלט געוואָרן, און ווידער האָט זי געזען אין חלום — איז עס מעגלעך? — דער אַמעריקאַנער דערנענטערט זיך צו איר מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. וואַסילי כאַפּט אים אָן! זי האָט אַ געשריי געטאָן — אַלץ אַרום איז פינסטער. זי ליגט אַליין אין בעט — באָדט זיך אין שווייס. זאָל זי וועגן דעם דערציילן איר מאַן? עס קאָן נאָך שאַטן וואַסילין.

אויפן צווייטן טאָג אין אָוונט איז הויפּטמאַן לופּעסקו אַהיים געקומען. ער האָט באַמערקט, ווי זיין פרוי איז בלאַס, מיט רינגען אונטער די אויגן: „זאָל איך אפשר רופן דעם דאָקטאָר פון סערעט? פילסט זיך נישט גוט? אפשר ווילסטו פאָרן צו דיין שוועסטער קיין יאַסי? ס'איז שוין אפילו נאָכן באַל־סעזאָן, אָבער אין אַ גרויסער שטאָט געפינט מען נאָך שטענדיק גענוג מעגלעכקייטן זיך צו אונטערהאַלטן."

האָט זי אָנגעהויבן דערציילן איר מאַן — נישט וועגן דעם געהיימען געוועטער — נאָר וועגן דעם באַזוך פונעם אמעריקאנער און וועגן זיינע לעצטע ווערטער, וואָס זי האָט אונטערגעהערט. ער האָט געפּרוּווט זי באַרויקן: עפּעס, ווייזט אויס, גרייט זיך ביי אונז אין לאַנד. מען ריכט זיך אויף אַ שטורעם. אָבער איך האָף, אַז צו אונז וועט עס נישט דערגרייכן. דאַרפסט זיך גאָרנישט זאָרגן וועגן דעם."

אַ גרויסער עולם איז געשטאַנען ביי די פּלאַקאַטן, וואָס זענען געווען אויסגעקלעבט צו פיר אויפנאַמאַל: אין דייטש, אידיש, רומעניש און אוקראַיניש.

כ׳איז געווען אין אַ מיטוואָך, אַ טאָג נאָכן יאַריד, ווען מענטשן האָבן ווייניק וואָס צו טאָן. ווי געוויינלעך, האָט מען אויך היינט, שטייענדיק אינדרויסן פאַר די געשעפטן, זיך דערציילט וויצן, וואָס די סוחרים האָבן געהערט פון זייערע רייזנדערס. יעדער פון זיי קען שוין אייגנטלעך דעם דערציילטן וויץ, אָבער מען הערט אים אויס, כדי צו קענען דערנאָך אַליין איבערדערציילן אַ וויץ. מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען, ווי לאָזער משולח יאָגט איבער דער גאַס מיט אַ פּאַק קאָלירטע פּאַפּירן אין איין האַנט און מיט אַ טאָפּ פּאַפּ און אַ באַרשט אין דער צווייטער. ווי נאָר ער האָט אָנגעקלעבט די פּלאַקאַטן אויפן סלופּ פון דער גאַז־לאַמטערן, האָט מען באַלד זיך אַרומגעשטעלט און געגומען לייענען, יעדער אין דער שפּראַך, וואָס ער האָט אַמבעסטן פאַרשטאַנען. ס׳איז צוגעקומען דער פּאָליציאַנט נאַסטאַסיו און געזאָגט: „דער הער בירגערמייסטער לאָזט זאָגן, אַז ס׳איז סקאַנדאַליעז וואָס מ׳האָט פאַראומרייניקט דעם סלופּ פונעם גאַס־לאַמפּ. דער לאַמטערן, ווי דאָס אַנדערע אייגנטום פון דער געמיינדע, טאָרן נישט אַריינגעצויגן ווערן אין דעם פּאָליטישן קאַמף.“

אָבער ווער האָט אים געהערט! דער עולם האָט ווייטער געלייענט:

„וואָס סערעט דאָרף, און וועט אויך באַלד באַקומען
דאָס וועט איר נאָך היינט הערן פון מענטשן באַרעכטיקטע, וואָס ווייסן וואָס זיי רעדן. אַ מאַן, וועלכער איז נישט קיין פרעמדער דאָ אין שטאָט, האָט זיך אנטשלאָסן צו פאַרטרעטן אונזער שטאָט אין ערשטן פּאַרלאַמענט, וואָס וועט צוזאַמענגעשטעלט ווערן אויפן גרונט פון אַלגעמיינעם, גלייכן און געהיימען וואַל־רעכט. ער ווייסט וואָס איר דאַרפט און ער וועט היינט אָוונט רעדן צו אייך אין ביר־פּאַלאַץ פון הער סאַמועל בלום. קומט אַלע ווילער, ווי איין מאַן. איר וועט קיין חרטה נישט האָבן.

דער קאָמיטעט“

אויף וואָס אַלע האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען אין פּלאַקאַט, איז געווען דאָס וואָרט „באַרעכטיקטע“. ווער האָט וועמען באַרעכטיקט? קיינער האָט עס נישט געקאָנט דערקלערן, און ס׳איז

געבליבן מען זאָל וואַרטן ביז אויפֿדערנאַכט. ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז אַלע וועלן קומען. וואָרים אויב עס זאָגט זיך — האָט מען אַריינגעטייטשט — אַז מ'וועט קיין חרטה נישט האָבן, איז דאָך א כּזמן, אַז מ'וועט יאָ חרטה האָבן, אויב מען וועט נישט קומען. און ווער וויל דאָס, מ'זאָל דערנאָך דאַרפֿן האָבן חרטה?

דאָס האָט באַדאַרפֿט זיין די ערשטע גרויסע עפֿנטלעכע וואַל־פֿאַרזאַמלונג אין דער געשיכטע פֿון דער שטאָט סערעט. נאָכמיטאָג האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דער מוליער יאַקוב שטראָמייער און דער שניידער פּינחס שערער, די אָנפֿירער פֿון דעם ניי־געגרינדעטן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פֿאַראיין, זענען צוריקגעקומען פֿון טשערנאָוויץ און מיטגעבראַכט מיט זיך צוויי רעדנער פֿון זייער פּאַרטיי. מ'האָט געזאָגט, אַז די צוויי רעדנער וועלן היינט אָוונט אַרויסטרעטן. סאַמועל בלום האָט דערציילט, אַז דער בירגערמייסטער האָט אים געלאָזט רופֿן און פֿון אים פֿאַרלאַנגט, ער זאָל צוריק אָפּגעבן דעם אדרויף צו יענע, וועמען ער האָט פֿאַרדונגען דעם „ביר־פּאַלאַץ". „האָב איך אים דערויף געענטפֿערט: איך טו ווי איר, הער בירגערמייסטער. ווער ס'באַצאָלט, דער באַקומט. האָט ער זיך אויף מיר צעבייזערט: 'וואָסן קאָן מען ביי מיר באַקומען פֿאַר געלט?'. האָב איך אים גאַנץ געלאַסן געענטפֿערט: איר שענקט אַוועק אייער ביר, צי פֿאַרקויפֿט איר עס פֿאַר געלט? דערויף האָט ער שוין נישט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן, און די היינטיקע פֿאַרזאַמלונג וועט פֿאָרקומען ביי מיר אין ביר־פּאַלאַץ."

בלום האָט אויך דערציילט, אַז מ'האָט געבראַכט אין זיין „ביר־פּאַלאַץ" אַ מאַסע ביר און וואורשטלעך.

„צו וואָס דאַרף מען דאָס?"

„הערסטו? זיכער נישט אויף צו בענטשן גומל. ווער ס'וועט קומען, וועט קריגן אומזיסט וואורשטלעך מיט ביר."

שוין פֿרי איז אָוונט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען מענטשן אין „ביר־פּאַלאַץ". יאָהאַן ווילד האָט אָנגעזאָגט די טיר־היטער: „אַריינלאָזן וועט איר בלויז די אייגנטימער פֿון געהיימען וואַל־רעכט."

„ווי אַזוי דערקענט מען אַ באַזיצער אָדער אַן אייגנטימער פֿון געהיימען וואַלרעכט?"

„בהמה! ווי אַזוי דערקענט מען ווער ס'איז אַן אָקס און ווער א קאַלב אָדער אַ קו? דורך דער גרויס און דורכן מין. דאָס זעלבע..."

„אָבער הער ווילד, אַן אָקס..."

„אַן אָקס ביסטו. וועסט אַריינלאָזן נאָר דערוואַקסענע מענער."

אַכט אַזייגער אין אָוונט איז אין גרויסן זאַל פֿון „ביר־פּאַלאַץ" שוין נישט געווען קיין פֿרייער פּלאַץ. אויך די גאַלעריעס זענען געווען פֿאַרנומען. אין פֿאַרשידענע פּלעצער פֿון זאַל זענען געווען אויסגעשטעלט ביר און זידנ־

דיקע קעסלען מיט וואורשטלעך. יעדער האָט געקאָנט נעמען וויפל ער האָט געוואָלט — מ'האָט קיינעם נישט געפרעגט וואָס און וויפל מאָל ער האָט שוין גענומען. מענטשן האָבן זיך מהיה געווען: „אונזער קייזער זאָל לעבן! ער ווייסט וואָס ער טוט. מאַכט אַ געהיים וואַל־רעכט, אַז דער אָרימאַן זאָל איך קאָנען עפּעס געניסן. ס'זאָל נאָר לאַנג אָנהאַלטן, אָט דאָס געהיימע וואַל־רעכט."

ס'האָט זיך דערהערט אַ גלעקל און ס'האָט זיך אויפגעהויבן דער פאַרהאַנג. אַלעמענס אויגן זענען איצט געווען געווענדט צו דער בינע, וואו ביי אַ רויט־געדעקטן טיש זענען געזעסן אין אַ ריי יאָהאַן ווילד, דער גוט־באַזיצער קאַרל פישער, משה מאַשיניסט און דער אפּטייקער זילבערבוש. מ'האָט אויפגעהערט צו פאַרטיילן ביר מיט וואורשטלעך. איינער האָט גע־פרעגט ביים צווייטן, צי אָט די אויף דער בינע זענען עס דער קאָמיטעט, אָדער די „באַרעכטיקטע", וועגן וועלכע עס רעדט זיך אויפן פּלאַקאַט. אָבער קיינער האָט נישט געוואָרט אויף קיין תשובה, ווייל אָט האָט זיך דערהערט ווילדס שטים — ער האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג:

„זייער געערטע בירגער, איר אַלע, וואָס איר זייט מיט דער גנאָד פון זיין מאַיעסטעט באַשאָנקען געוואָרן מיטן גלייכן וואַל־רעכט! איך בין נישט קיין רעדנער, און מיין טאַטע איז אויך נישט געווען קיין רעדנער. איך בין נאָר אַן איינפאַכער געשעפטסמאַן, אָבער ווען מ'דאַרף רעדן, רעדט מען. אין נאָמען פונעם קאָמיטעט דערקלער איך די היינטיקע עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פאַר דער געהיימער וואַל פאַר דערעפנט. איידער איך שטעל אייך פאַר דעם קאַנדידאַט און די פאַסיקע רעדנער, וויל איך..."

„ווער איז דער קאָמיטעט און ווער זענען די 'באַרעכטיקטע'?" — האָט זיך דערהערט אַ צווישנרוף פון אַנדערן עק זאַל.

ווילד האָט זיך נישט איבערגעשראָקן: „דער קאָמיטעט איז דער, וועל־כער האָט באַצאָלט צוויי הונדערט קראָנען פאַרן זאַל און וועמענס וואורשט־לעך און ביר מען פאַרטיילט דאָ היינט אומזיסט. אָבער דאָס איז ערשט אַן אָנהויב. איר וועט נאָך דערצו באַקומען פּעטראָלעאום, וויפל איינער וועט נאָר וועלן. הער פישער, וועלכער טוט אונז אָן דעם כבוד און באַגליקט אונז מיט זיין קאַנדידאַטור, וויל זיין אַ פאָטער צו די אידן און אַ ברודער צו אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן פון אונזער שטאָט. די שרייבער וועט ער שענקען אַ טאַלאַנט, די היגע אידן — אַ היים פאַר אַלטע לייט, די סינאַגאָגעס וועט ער באַדעקן מיט אַ דאַך און מיט אַ דיל, ער וועט אייך געבן אַ דעמאָן, וואָס וועט באַוועגן די גאַנצע שטאָט, און וועט אייך אַלעמען אָפּפרישן מיט אַ וואַסער־שפּריץ. און איצט האָט דאָס וואָרט טאַקע אונזער הויך־געערטער קאַנדידאַט אַליין."

פישער האָט זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן צו רעדן. אָבער אין

דעם מאָמענט האָבן שטראָמייער און שערער ביים צווייטן ענד פון זאַל א הויב געטאָן אינדערהויך אַן אומבאַקאַנטן מאַן, וועלכער האָט אָנגעהויבן מיט אַ מעכטיקער שטים: „אין נאָמען פון דער נאַציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין בוקאָווינע...״

פישער האָט זיך באַמיט איבערצושרייען זיין קעגנער אויף דער אַנדערער זייט פון זאַל — און ווערטער און זאצן פון די צוויי רעדנער האָבן גענומען זיך צוזאַמענשטויסן און אַריבערשטייגן איינע די אַנדערע, ווי קיילעכלעך ביים טעניס־שפּיל:

„איך בין פויער און אַרבעטער און סוחר אין איין פּערזאָן, און איך קאָן דעריבער פאַרטרעטן אַלעמענס אינטערעסן...״

„אונז אינטערעסירן נישט קיין דעמאָגנען און וואַסער־שפּריצן און סינאַגאָגן אָן אַ דאַך. מיר דאַרפן פאַר דעם ערשטן פאָלקס־פּאַרלאַמענט אַ קאָנסטרוקטיוון פּראָגראַם. נישט אַ גוט־באַזיצער קאָן פאַרטרעטן אונזערע אינטערעסן. די ווינער אַרבעטערשאַפט האָט מיט אייגענעם כוח ארויסגעצוואונגען פון קייזער דאָס, אַלגעמיינע, גלייכע און געהיימע וואַל־רעכט...״

דורך דער הינטער־טיר זענען איצט אַרויף אויף דער בינע דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל און אַ רעגירונג־קאָמיסאַר מיט צוויי זשאַנדאַרן. דער קאָמיסאַר האָט אויפגעהויבן די האַנט, צום צייכן, אַז די רעדנער זאָלן אויפהערן צו רעדן. קאַרל פישער האָט פּראָטעסטירט: „אין דער צייט פון וואַלן הערשט אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג־פרייהייט, און איר האָט נישט קיין שום רעכט, הער קאָמיסאַר...״

„די פאַרזאַמלונג־פרייהייט איז גאַראַנטירט אַזוי לאַנג, ביז ס׳ווערט נישט אַריינגעמישט די געהייליקטע פערזאָן פון זיין מאַיעסטעט. אָבער גראָד ווי איך בין אַריינגעקומען האָב איך געהערט אַ באַהויפּטונג, אַז זיין מאַיעסטעט איז דורך די ווינער אַרבעטער געצוואונגען געוואָרן אַרויסצולאָזן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. זיין מאַיעסטעט האַנדלט פרייוויליק און קיין מאַכט אין דער וועלט קאָן אים צו גאָרנישט צווינגען.״

„אויב אַזוי, הער קאָמיסאַר, האָט איר פאַרבלאָנדזשעט אויף א פאַלשן אַדרעס. די אַריינדרדינגער פון דער אַנדערער זייט זאַל האָבן אַריינגעמישט די געהייליקטע פערזאָן פון זיין מאַיעסטעט. אויף דער זייט געפינען זיך בלויז לאָיאַלע אונטערטאַנען. און איך בין איינער...״

״...וואָס האָט געמאַכט די באַהויפּטונג, אַז דאָס אַלגעמיינע, גלייכע און געהיימע וואַל־רעכט איז דער פּראָדוקט פון זיין מאַיעסטעטס אָן אָפּפּירמיטל. וויל איך אייך זאָגן, אַז אַזעלכע וואולגאַרע זאַכן שטייען נישט אין פאַרבינדונג מיט זיין מאַיעסטעטס מאָגן. און ווער עס דענקט אַנדערש, קאָן נישט און טאָר נישט רעכענען נישט אויף די געהיימע און נישט אויף די דירעקטע שטימען פון די טערעטער. דאָ וועט נישט העלפן אונטערצו־

קויפן מיט ווורשטלעך, ביר און שפריצערס. ענטפערט: האַלט איר זיך נאָך אַלץ ביים אָפּפירמיטל? האָט איר עס געזאָגט, אָדער נישט?" — האָט פּראַנץ בייל געקלאַפּט אין טיש.

„קיין אַנדערער, ווי נאָר מיין צוקונפטיקער איידעם האָט דאָס געקאָנט אויספּלאַפּלען פאַר דער שטאָט!" — האָט אויסגערופן יאָהאַן ווילד — „ער וועט עס שוין ביי מיר געדענקען..."

„אויב מ'וועט ווייטער נישט רעדן אַזוינס, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי אַ מאַיעסטעט-באַליידיקונג, האָט מיין אַמט גאַרנישט דאַקעגן, אַז די פאַרזאַמלונג זאָל ווייטער אָנגיין" — האָט דערקלערט דער קאָמיסאַר, וועלכער האָט מסתם נישט געוואָלט זיך איינרייסן מיט פּישערן.

אָבער די פאַרזאַמלונג האָט שוין סיי ווי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. קאַרל פּישער האָט איצט געהייסן רעדן משה מאַשיניסט, זייענדיק זיכער, אַז אים וועט מען גיכער אויסהערן, ווי דעם סאָציאַל־דעמאָקראַט. אויף א ווייל איז האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פּישער איז גערעכט. משה מאַשיניסט האָט זיך צעדונערט: „ווער דאָ, צווישן אייך, קאָן זיין אַ קעגנער פון וואַסער־שפּריצן, טאַלאַנטן און דעמאָנען? וואו, פרעג איך, אין דער גאַנצער וועלט איז דאָ אַ קולטור אָן טאַלאַנטן און בתי-מדרשים אָן דעכער? ווער עס פאַרשטייט דאָס נישט, האָט נישט קיין באַגריף וועגן ליכט פון ציוויליזאַציע. זיי זענען געגליכן צו בלינדע אין מיטן העלן טאָג, צו אָקסן אָן הערנער, צו מענטשן, וועלכע ווייסן נישט פון די דערגרייכונגען פון מאָדערנער אָפּטיק, וועלכע קאָנען זיך נישט אונטערשרייבן אָן אַ בריל, וויל מיט ברילן זענען זיי אויך אַנאַלפאַבעטן..."

"...וואָס די באַפעלקערונג פון דער שטאָט דאַרף, און פאַר וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין פּאַרלאַמענט וועט קעמפן..."

אויף אַ וואונק פון פּישערן, האָבן מיטאַמאָל זיך אויסגעלאָשן א סך לאָמפּן אין זאַל. מ'האָט אַראָפּגעלאָזט דעם פאַרהאַנג. אין האַלב־טונקלקייט, האָט איצט דער עולם גענומען אַרויסשטראָמען דורך אַלע אַרויסגאַנגען. אין גאַס האָבן זיך פאַרמירט גרעסערע און קלענערע גרופּעלעך, קריטיקירנדיק דאָס, וואָס איז פאַרגעקומען.

משה מאַשיניסט האָט געפּרוווט דאָ פאַרענדיקן זיין רעדע, וואָס ער האָט צוגעגרייט נאָך אינדערהיים: „איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, ווי מאָדערנע מענטשן: וועמענס וואָרט איז מער אָנגעלייגט ביים קייזער אין ווין — דאָס וואָרט פון דעם גוט־באַזיצער קאַרל פּישער, צי עפּעס דאָרט א סאָציאַל־דעמאָקראַט, אָן אָרימען טאַפּעצירער? בפרט מיר אידן דאַרפן געדענקען דאָס גרויסע וואָרט פון די נביאים: 'לעבן און לאָזן לעבן'."

„משה, דאָס האָט געזאָגט נאָר איין נביא, צי אַלע נביאים צוזאַמען?"

„וואָס איז דער חילוק — אויב נישט ביי די נביאים, שטייט עס ערגעץ

אַנדערש געשריבן. עס שטייט בפירוש געשריבן: 'און דיין ברודער זאָל וואוינען מיט דיר'."

„ווער זאָל לעבן, און ווער זאָל לאָזן לעבן?"

„און ווער איז דאָ דער ברודער?"

„פישער, זאָג איך אייך, איז פאַר אונז אידן ווי אַ טאַטע."

„מיר קומט ער פאַר ווי אַ שטיפטאַטע" — האָט באַמערקט מיכל הייער.

משה מאַשיניסט האָט זיך צעשריען: „ווי קאָן מען אַזוי אומפאַראַנטוואָרטלעך רעדן!! וועמען איז פישער נאָר אַ שטיפטאַטע?"

„נישט אַזוי היציק, משה. אַ טאַטע גיט אויך אַמאָל אַ פּעטשל זיין קינד, אָבער ער האָט עס ליב און דערציט עס. אָבער אַ שטיפטאַטע האַלט אין איין שלאָגן דאָס קינד, און גיט אים נאָר זעלטן ווען אַ לעקעכל."

28

זונטיק איז וואַסילי אומפאַרהאָפט געקומען צו די אָקרוליס אויף מיטאָג. ס'איז געווען זייער לייכטזיניק פון אים, האָט באַמערקט די פרוי אָקרולי. וואָרים דאָס אייז אויפן טייך איז שוין געווען אַזוי דין און דורכזיכטיק, ווי אירע ציכבס פונעם בעטגעוואַנט, וואָס זי נוצט שוין פינף־און־צוואַנציק יאָר, זייט איר חתונה. אַנגאַן האָט נאָך איצט געקלאַפּט דאָס האַרץ ביים געדאַנק, אַז דאָס אייז אויפן טייך האָט זיך געקאָנט איינברעכן. זי איז אָבער געווען גליקלעך, וואָס וואַסילי האָט אונטערגענומען אַזאַ שווערן וועג צוליב איר. מען האָט פאַרבראַכט צוזאַמען, דערנאָך זענעןביידע אַוועק אויף אַ לענגערן שפּאַציר.

מען האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, און דאָך איז געווען אַנגענעם. אַזוי זענען זיי געקומען צו זלמן פליקער. שפּעטער זענען אויך אַריינגעקומען דריי פּרעמדע מענטשן. וואַסילי האָט זיי געזאָגט, אַז אַנגאַ וועט זיך באַטייליקן אין דער באַראַטונג; און ווען יענע האָבן גאָרנישט געהאַט דאַקעגן, האָט עס אַנגאַן שטאַרק געפריייט. וואַסילי האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי דער דייטש, וואָס גיט זיך אויס פאַר אַן אַמעריקאַנער, האָט אים געדונגען פאַר אַ פּאַגראָם־פירער: „איך דאַרף רעדן מיט די פויערים פון ווערפולי און זיי איבערציייגן, אַז די אידן זענען אין אַלץ שולדיק. ער וויל מיר געבן 1,000 לעי און צוואַנציק ביקסן. ער זאָגט, אַז ער וועט מיר געבן דאָס געלט און די ביקסן, ווען איך וועל אים באַקענען מיט נאָך צוויי פּויערים, וועלכע וועלן זיך דערקלערן איינפאַרשטאַנען מיט מיינע פּלענער. איך האָב דאָס אויפגענומען מיט אונזער דאָרף־קאָמיטעט. עטלעכע זענען געווען פּרינציפּיעל דאַקעגן זיך אַריינצולאָזן אין סיי וועלכע פאַרהאַנדלונגען מיט אַזאַ באַנדיט.

נאָר אַזוי ווי מיר ווילן האָבן דאָס געווער, האָבן מיר זיך געאייניקט, אַז איך זאָל אים דאָך באַקענען מיט די פויערים — דעם מיטוואָך אַוונט. ער האָט אויך פאַרלאַנגט, אַז אין זעלבן טאָג, ווען אנדערע דערפער וועלן זיך צעבונטעווען, זאָלן מיר אַרייַנמאַרשירן קיין סערעט. די פּאָליציי און די זשאַנדאַרן, זאָגט ער, וועלן זיך נישט אנטקעגנשטעלן, ווייל זיי אַליין זענען קעגן די אידן. אויסער דעם וועט ער שוין זען, אַז מיר זאָלן קיין שום ווידערשטאנד נישט באַגעגענען. די פויערים פון ווערפולי, זאָגט ער, וואָלטן אַזוי אַרום געקאָנט רייך ווערן.״

אַלע זענען געווען צופרידן וואָס וואַסילי האָט אָנגענומען דעם דייטשס פאָרשלאָג. זיי זענען געווען זיכער, אַז אויף דעם אופן וועט מען קאָנען פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע, און דערביי וועלן זיי נאָך צוקריגן צוואַנציק ביקסן. איינער פון די דריי פרעמדע האָט דערציילט, אַז דער קאָמיטעט אין דאָראָהאָי איז שטאַרק באַאומרואיקט. עס שטעלט זיך אַרויס, אַז דער דאָרטיקער גוט־באַזיצער פּלאַנט אַ גרויסע פּראָוואָקאַציע: דער גענעראַל אווארעסקו וויל אין אַ וואָך אַרום, אָדער צוויי, פאַרנעמען אַן אַקציע, וואָס זאָל אַרייַנציען די פויערים אין קאַמף, נאָך איידער זיי זענען גרייט פאַר דעם. כדי דאָס צו פאַרמיידן, האָט יאָסי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, מען זאָל נישט באַנוצן קיין וואָפן, ביז מ׳וועט נישט דערצו אויפגעפאָדערט דורך אַ באַשטימטן לאָזונג. ווער עס פאָדערט־אויף צו נעמען וואָפן אין האַנט, נישט אָנגעבנדיק דעם אָפּגערעדטן לאָזונג, איז אַ סימן, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר.

ווען אנגא און וואַסילי זענען אַהיימגעקומען נאָך דער באַראַטונג ביי זלמן פליקער, האָט זיי דער פאָטער געוויזן אַ טעלעגראַמע פון זיין קאָמאַנדאַנט אין טשערנאָוויץ: קומענדיקן דאָנערשטיק וועט מען שיקן אַ פאַרשטאַרקונג פון נאָך זעקס גרענעץ־וועכטער, כדי צו שטערן דאָס שמוגלען פון וואָפן קיין רומעניע. „מיר האָבן נאָך דאָ״ — האָט דער פאָטער געזאָגט — „22 ביקסן און צוויי קעסטלעך אַמוניציע. דאָס מוז מען אַוועקנעמען, איידער די זעקס) מאַן קומען אָן. אָבער ווי אַזוי טוט מען דאָס? איבערן אייז קאָן מען מער נישט פאָרן. און ווען אפילו דאָס אייז זאָל איינגאַנצן לאָזן היינט ביינאַכט — וועט מעגלעך זיין ביז מיטוואָך דורכצושמוגלען דאָס געווער מיט אַ שיפל?״

וואַסילי האָט געוואָלט מען זאָל די זאַך באַטראַכטן מיט קאָפּ. ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין אַהיים, אָבער שוין נישט איבערן אייז, נאָר זיך פאַרנומען אויפן לענגערן וועג, איבער סערעט.

29

דאָס אייז אויפן וואַסער איז פאַרשוואונדן, דער טייך איז אַרויס פון די ברעגן. גרויסע געלע וואַסער־שטראָמען האָבן מיטגעריסן מיט זיך שטיקער אייז און זיי געטראָגן צו דרום־מזרח מיט אַזאַ געשווינדקייט, ווי זיי וואָלטן זיך איילן וואָס גיכער צו פאַרשווענקען די אַלע איבערבלייבעכצן פון ווינטער און זיי דערטרינקען אין שוואַרצן ים. אין אַ שיינעם פאַרמיטאָג האָט דער פרילינג אַזוי זיך צעשפּרייט איבער ביידע זייטן פון טייך און פון דער גרענעץ, גלייך ער וואָלט דאָ שוין די גאַנצע צייט פון פריער געוואוינט. דאָס ביסל שניי, וואָס איז ערשט נעכטן נאָך געלעגן איבער די לאָנקעס צווישן די קליינע בערגלעך, איז אויך פאַרשוואונדן אָן אַ שפור.

אַבבאַ איז לאַנגזאַם — אָן אַ באַזונדערן צוועק — געגאַנגען מיטן וועג, אין דער ריכטונג פון דעם רומענישן גרענעץ־שטעטל מיהאַלעני. רעכטס פון איר, טיף אונטן, האָט געשטראָמט דער סערעט מיט אַזאַ מעכטיקן גערייש, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: באַט זעט, ווי איך, דאָס קליינע סערעט־טייכל, בין שטאַרק געוואָרן. לינקס פון איר זענען געפאָרן וועגענער פון כפרעט קיין מיהאַלעני און צוריק. אַ בלויקייט האָט אַ בלענד געטאָן פאַר אייערע אויגן. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגעריסן די ערשטע פיאַלקע. און אָט זענען נאָך אַ סך — אַ גאַנצער בוקעט. ווי פיין זיי שמעקן! זי וואָלט זיי גערן אונטערגעטראָגן וואַסילין. אָבער צווישן אים און איר איז איצט מער נישטאָ קיין אייז איבערן טייך, אָדער דאָס קליינע וואַסערל, וואָס מ׳קאָן לייכט אַריבערגיין, אַריבערשווימען, אָדער זיך אַריבערשיפן — זיי טיילט איצט אָפּ אַ מעכטיקער, ווילדער שטראָם.

זי איז געקומען צום שייד־פונקט, פון וועלכן דער הויפּט־וועג פירט קיין מיהאַלעני, און דער וועג רעכטס, ביים ברעג פון סערעט, פירט צום דאָרף ראַגאַשעני. זי איז אַוועק רעכטס. דאָ פאָרט מען כמעט נישט, און אויך אַ וואַנדערער באַגעגנט מען דאָ זעלטן. דער וועג איז אויך אָנגענעמער און לייכטער, ווייל ער איז נישט צעהאַקט פון פערדישע קאָפּיטעס. די ערד איז אַביסל ווייך, אָבער זי קלעבט זיך נישט צו די פּאָדעשוועס. ס׳איז גוט געווען אַזוי צו גיין און טרוימען אונטער די מילדע שטראַלן פון דער פרילינג־זון. היינט הויבט זיך אָן דער דריטער פרילינג פון איר באַקאַנטשאַפט מיט וואַסילין. מיט צוויי יאָר צוריק איז ער נאָך אינגאַנצן געווען אַ יונגער. דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן אים צו באַוואונדערן, ווי שנעל ער האָט דאָס אַלץ געלערנט, וואָס ביי אַנדערע נעמט עס לאַנגע, מיפּולע יאָרן. זי האָט אָנגעהויבן פילן, אַז אַנשטאָט זיין לערערין, ווערט זי גאָר זיין ש־

לערין. וואָס זי פֿלעגט פֿריִער אַליין לייענען, איז אַלץ געווען ווי טויטע פֿאָרמען אין בוכשטאַבן; ערשט ווען זי האָט אָנגעהויבן לייענען מיט אים צוזאַמען, האָט אַלץ אָנגענומען ווירקלעכע געשטאַלטן און איז פֿאַר איר לעבעדיק געוואָרן.

פֿאַראַיאָרן פֿרילינג איז עס געווען צום ערשטן מאָל, וואָס זי האָט דערפֿילט, אַז וואַסילי טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס, וועגן וואָס זי ווייסט נישט. שוין דעמאָלט האָט זי געוואוסט, אַז קיין זאַך אין דער וועלט וועט נישט אָוועקנעמען וואַסילין ביי איר, אָבער עפּעס שיידט זיי פֿאָרט פֿאָנאַנ־דער. נישט וואָס זי האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיין ביי אים „דער איינציקער גאָט"; אָבער זי האָט זיך געוואונטשן, אַז זיי ביידע זאָלן דינען איינעם און דעם זעלבן גאָט. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט פֿאַר איר אַנטפּלעקט זיין האַרץ, האָט זי אויך מיטן געפֿיל פֿאַרשטאַנען וואָס ער וויל. זי האָט, אין איר פֿאַנטאַזיע, אים געזען אָנפֿירן מיט א גאַנצער מחנה פּויערים. אַלע טראָגן זיי ביקס, זינגען לידער און שפּאַנען מיט אַזעלכע ריטמישע שריט. וואַסילי האָט געגעבן אַ צייכן, און אָט פֿאַרפֿליצן זיי דאָס ווייטע לאַנד. זי איז געווען נעבן אים. ער וואַרפֿט אָוועק דאָס געווער, און עס ווערט — ווי ער האָט איר אַמאָל געזאָגט — פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאָפּעטע, וואָס גראָבט די ערד. דעמאָלט האָט ער איר דערציילט וועגן א פּראָפּעט, און מיט ליכטיקע אויגן האָט ער אויסדעקלאַמירט זיין וויזיע. איצט האָט זי דאָס זעלבע געזען ביי אַלע פּויערים: די ערד איז צעאַקערט, און אַזוי פֿיל פֿרייד שטראַלט אַרונטער. אומצאָליקע מאַסן פּויערים שטייען אָנגעבויגענע ביי דער אַרבעט, און וואַסילים אויגן זענען ליכטיק ווי דעמאָלט... זי האָט זיך דערפֿילט ווי א טייל פֿון דער באַגייסטער ערד. וואַסילי האָט איר דערלאַנגט די האַנט — זיי שפּרייזן צוזאַמען, אַזוי שטאָלץ און גליקלעך.

צו מיטאָג האָט זי די מוטער געפֿרעגט, וואָס זי איז אַזוי פֿאַרחלומט — אַ מיידל אין אירע יאָרן דאַרף אַ ניי מער עסן. זי האָט צוגעהאָלפֿן דער מוטער אין באַלעבאַטישקייט, האָט דערנאָך אויסגעשפּרייט א דעקע אויפֿן הויף און זיך געוואַרעמט די פּלייצע אין דער פֿרילינג־זון.

אויך צומאָרגנס איז געווען אַ שיינער טאָג. איבערן סערעט האָבן זיך אַלץ געטראָגן גרעלע, בלאָטיקע פּלאַכטעס, אָבער קיין אייז־קריעס האָט מען שוין מער נישט געזען. ס'האָט אויסגעקוקט, ווי דאָס יאָגעניש פֿון טייך האָט פֿאַרט געהאַט אַ זין; וואַרים פּטור ווערנדיק פֿון אַ טייל שווערער משא, האָט ער איצט ווידער איינגעזאַמלט אין זיך דאָס איבעריקע וואַסער, וואָס ער האָט פֿריִער געהאַט אויסגעשפּיגן איבער די ברעגן. הגם נאָך זייער שטורמיש, איז ער אָבער איצט שוין געפֿלאָסן אין זיין פֿון אייביק איינגע־שטעלטן וועג. מען האָט בפֿירוש געזען, אַז דאָס וואַסער אין אים ווערט קלענער, און מיט דעם איז געוואַקסן אָנגאַס האָפֿענונג, אַז באַלד וועט אויך

פריי זיין דער וועג צו וואַסילין. און דאָך האָט זי נישט געקאָנט שלאָפן ביינאַכט, געפייניקט פון גרויסער בענקשאַפט נאָך אים.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ קוק געטאָן דורכן פענסטער, האָט זי דערזען די ביימער, די ערד און דעם גאַנצן אַרום ווי איינגעהילט אין אַ ווייסן שלייער. שיטערע שנייעלעך האָבן געטאַנצט פאַר די שויבן. זי האָט געכאַפּט אויף זיך אַ קליידל און איז אַרויס אינדרויסן. עפּעס ווי אַ פרעמדער, אַרעמענקער ווינטער וואָלט אויף זיין רייזע אַהיים פאַרבלאָנדזשעט, און דער ווינט האָט אים פאַרטראָגן אַזש ביז אַהער. די אַנגעשאָטענע, דינענקע פלאַך שניי און די פאַראייניצלטע, אַרומטאַנצנדיקע שנייעלעך האָבן עדות געזאָגט, ווי נעבעכדיק עס איז אָט דער פרישער ווינטער און ווי נישט זיכער ער איז מיט זיך. דער הימל איז געווען פאַרצויגן מיט אַרומיאָגנדיקע גרויע וואָלקנס, אָבער הינטער זיי האָט זיך פאָרט שוין געגרייט אַ פרילינגדיקע בלויקייט. אַננאַ האָט מורא געהאַט, אַז דער פריש־געפאַלענער שניי וועט ווידער איבערפילן דעם טייך, אָבער ווען זי איז צוגעקומען צום ברעג, האָט זי געזען, אַז דער שטראָם איז פיל קלענער, ווי מיט אַ טאָג פריער.

אַרום צען אינדערפרי איז געקומען א ספּעציעלער שליח פון דער שטאָט און געבראַכט פאַר איר פאָטער אַן אַמטלעכן דאָקומענט. דער פאָטער האָט תיכף אָנגעטאָן דעם זעבל מיטן רעוואָלווער און געזאָגט, מען זאָל נישט וואַרטן אויף אים מיטן עסן, ווייל ער ווייסט נישט ווען ער וועט צוריקקומען. ער האָט בלויז צוגעגעבן: „ווייזט אויס, אַז עפּעס וויכטיקס איז פאָרגעקומען."

ווען דער פאָטער איז אַוועק, איז אַננאַ אַריבערגעלאָפן צו זלמן פּליקער. רחל האָט איר דערציילט, אַז נעכטן פאַרטאָג האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין פענסטער, און איר פאָטער איז דערנאָך אַוועק מיט יענעם פרעמדן. ס'איז אַריינגעקומען רחלס מוטער: „איז שוין אַזוינס געהערט געוואָרן?" — האָט זי געזאָגט אויפגערעגט — „אַ איד, א טאַטע פון קינדער, זאָל אין מיטנדערינען, דריי טעג פאַר פּסח, זיך אויפהייבן און אַוועק אָן אַ זיי־געזונט — ער ווייסט נישט, זאָגט ער, צי וועט ער צוריקקומען אין עטלעכע טעג, צי גאָר אין עטלעכע וואָכן אַרום! אין שטוב איז נאָך אפילו קיין מצה נישטאָ. א מענטש זאָל דאָס טראַכטן נאָר וועגן יענעם און נישט וועגן אייגן ווייב און קינד. וועמען זאָל ראובעלע פרעגן די פיר קשיות — מיך, אַ זינדיקע פרוי אומשטיינס געזאָגט, וואָס ווייסט אַליין גאָרנישט? כ'האָב צו אים גאָרנישט — אָבער ער מעג אַזוי זיין אַ טאַטע, ווי אַ ציבעלע קאָן זיין אַ פלוימען־צימעס."

צוריקגייענדיק אַהיים, האָט אננא באמערקט פון וויטנס א גרויסן פאַרקער אויפן וועג, וואָס פירט פונעם רומענישן שטעטל מיהאלעני קיין

סערעט. ווען זי איז געקומען נענטער, האָט זי באַמערקט, אַז דאָס זענען מענער, פרויען און קינדער — כמעט אַלע אידן. אין דער ריכטונג קיין מיהאלעני איז קיינער נישט געפאָרן, אָבער פון דאָרט האָט אַלץ מער געשטראָמט מיט מענטשן. אַ טייל אויף פורן, אָבער די מייסטע צופוס. אַ סך האָבן געפירט קינדער־וועגעלעך, אַנדערע ווידער האָבן זיך געשלעפּט מיט אויף־גיך צונויפגעפאַקטע פּעק אויף די פּלייצעס; אַננאַ האָט געוואָלט וויסן, וואָס ס'איז געשען — אַ טייל פון זיי האָט זי געקענט פון זען — אָבער די געפּלאָגטע מענטשן האָבן נישט געענטפערט אויף אירע פראַגעס. ענדלעך האָט זי פון עטלעכע אַרויסבאַקומען, אַז היינט אינדערפרי האָבן פּלוצים אין מיהאלעני זיך צעקלונגען די גלעקער אין די קלויסטערס, און אין שטאָט הערשט אַ פּאַניק. מען זאָגט, האָבן זיי דערציילט, אַז די פויערים איבערן לאַנד האָבן געמאַכט אַן אויפשטאַנד און זיי גייען איצט אויף די שטעט. דער אונטער־פּרעפעקט פון מיהאלעני האָט געהייסן די אידן זיך באַהאַלטן, און דערנאָך איז ער אַליין אַנטלאָפן. מיהאלעני איז איצט אָן אַ רעגירונג, און די רומענישע גרענעץ דאָרט שטייט אָפן.

דורך איר פּענסטער אינדערהיים האָט אַננאַ נאָך אַלץ געזען זיך ציען אַ לאַנגע קייט אַנטלאָפענע. זי איז געוואָרן אומרואיק — זי האָט אַלץ נאָך נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר. וואָרים וואַסילי האָט דאָך גערעדט וועגן אַן אויפשטאַנד ערשט אין עטלעכע חדשים אַרום. אָט אַפּנים זיינע קעגנער האָבן איצט דערוויל געקראָגן די אויבערהאַנט — ווייל ווען נישט, וואָלטן דאָך די אידן נישט אַנטלאָפן. זי האָט זיך דערמאָנט, וואָס וואַסילי האָט דערציילט וועגן דעם אַמעריקאַנער און וועגן דעם פון אים געפּלאַנטן פּאָגראָם.

ס'האָט זי גענומען פייניקן אַ געדאַנק, אַז וואַסילי מוז איצט זיין אין געפאַר. און דאָ האַלטן אין איין שטראָמען אַנטלאָפענע ווי זיי וואָלטן אַהער פאַרבלאָנדזשעט צוזאַמען מיט דעם מאָדנע צוריק־אומגעקערטן ווינטער.

אַזוי איז פאַרגאַנגען דער טאָג און ס'האָט גענומען צופאַלן די נאַכט. די מוטער איז אַוועקגעגאַנגען צו די פּליקערס — אַננאַ איז געבליבן אַליין. איצט וואָלט איך באַדאַרפט זיין מיט וואַסילין, האָט זי געטראַכט. אויב מען קעמפט דאָרט, וויל איך זיין נעבן אים.

זי האָט מער נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן. זי איז אַוועק צום טייך און אַריבערגעקוקט אין דער פינצטערניש. איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס וואַסער איז איצט אַ סך נידעריקער און רואיקער. ביים ברעג איז געלעגן צוגעבונדן דאָס שיפל. זי האָט געפאַסט אַ באַשלוס. זי איז צוריקגעלאָפן אַהיים נעמען איר מאַנטל — וואָרים ס'האָט געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט — און האָט דערנאָך געוואָלט אַליין זיך אַריבערשיפלען. פאַר דער טיר האָט זי אָנגעטראָפן דעם גערבאַוצער פויער מיכאַילאַ, וועלכער פלעגט

אַפּט, צוזאַמען מיט זלמן פליקער, אַריבערפירן דאָס געווער אין דער באַבנ. ער האָט געוואַרט אויף איר פּאָטער, וועלכער האָט אים באַשטעלט אויף היינט אָוונט.

„דער טאַטע איז נישטאָ" — האָט זי געזאָגט — „ביים ברעג שטייט גרייט דאָס שיפל. היינט וועל איך מיט אייך אַריבערפאָרן, אַנשטאָט מיין פּאָטער."

מיכאַילאַ האָט אַ טראַכט געטאָן: „האָסטו די שליכאַ צום קעלער?"

זי האָט געבראַכט די שליסל. זיי האָבן אויף גיך אַרויפגעלייגט דאָס געווער מיט די קאַסטנס אויף דעם האַנט־וועגעלע, און באַלד איז אַלץ געלעגן אין שיפל. מיכאַילאַ האָט איבערגענומען דעם רודער, זי האָט זיך געזעצט ביים שטייער. דער שטראָם האָט געריסן, אָבער מען האָט זיך ווי־עס איז פאַרט דערגענטערט צום רעכטן ברעג, אויף דער רומענישער זייט.

מיט אַמאָל האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז זי זעט שאָטנס אויפן ברעג — — אפשר דאַכט זיך איר בלויז. נאָר פּלוצים זענען עטלעכע באַוואָפנטע מענער פון ברעג אַריינגעשפּרונגען אין אַן אַנדער שיפל און גענומען רופן, זיי זאָלן זיך אָפּשטעלן. מיכאַילאַ האָט געהייסן אַננאַן זיך אַנידערוואַרפן פלאַך אויפן דנאָ פון שיפל. אָבער אננא האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אַנקער — געוואָלט, ווייזט אויס אַנטלויפן מיטן שיפל — און איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער.

בעת מ'האָט זי אַרויסגעשלעפּט, האָט זי געהערט שיסן, און איינער האָט דערנאָך געזאָגט: „ער איז אַנטלאָפן. אָבער פון איר וועט מען שוין אין דאָראָהאָי אַלץ אַרויסקאַמפּען."

ביי אַ פייערל אין וואַלד זענען געזעסן עטלעכע רומענישע זשאַנדאַרן. אננאַ האָט זיי געזאָגט, אַז זי איז דאָס געפאָרן צו איר חתן.

„דאָס וועט מען שוין אין דאָראָהאָי געוואויר ווערן."

30

ווען דער שוסטער יאַנקעל פּאָדרוצקי פלעגט אָנטאָן זיין מונדיר, ווי דער פּרעזידענט־קאָמאַנדאַנט פון די סערעטער פרייוויליקע פייער־לייט, — וואָס האָט אים זייער געפּאַסט וועדליג זיין ערן־פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַרנומען — האָט ער אין אים אויסגעקוקט ווי דער קייזער פראַנץ יאָזעף אויף די בילדער צוריק מיט דרייסיק יאָר. שוין צוליב דעם אויסקוק אַליין האָבן אויף אים געלייגט כבוד נישט בלויז דער קייזער־קעניגלעכער פּראָפּעסאָר פון גשיכטע הילאַריאָן נאָפאָן, נאָר אויך אַ סך אַנדערע געטרייע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט אין דער שטאָט סערעט. און יאַנקעל פּאָדרוצקי פלעגט אָנטאָן זיין מונדיר בלויז צו פייערלעכע געלעגנהייטן, אָדער

בעת אַ שׂרפה, ווען ער האָט באַדאַרפט מאָביליזירן זיינע פּריוויליקע לעש־אונטערטאַנען.

ס'איז געווען אַרום צוועלף מיטאָג־צייט אין יענעם שלעכטן ווינטער־דיקן פרילינג־טאָג, ווען יאַנעק פּאַדרוצקי האָט זיך באַוויזן אויפן מאַרק אין זיין מונדיר. מיט אַלע כּוחות האָט ער געבלאָזן אין זיין טרומייטער — פייער־אַליאַרם. מענטשן זענען אַרויס פון זייערע וואַרשטאַטן, געשעפטן און וואוינונגען. יאַנעק פּאַדרוצקי האָט אַליאַרמירט וואָס שטאַרקער. אַפילו הילאַריאַן טאָפּאַן, וועמען קיין שום זאַך האָט קיינמאָל נישט געקאָנט שטערן אין זיינע לעקציעס — און גראָד איצט האָט ער געהאַלטן אין דער געשיכטע פּונקט ביי קאַרל דעם זעקסטן — האָט אויך איבערגעריסן דאָס לערנען. זיינע שילער האָבן געשטוינט. ווייל ער האָט ממש זיך פאַרכלינעט, דערציילנדיק פאַר זיינע שילער, ווי דער לעצטער פון די האַבסבורגער, קאַרל דער זעקסטער, האָט — נישט געקוקט אויף אַלע זיינע אַנשטרענגונגען און זיין גאַנצער ליבע צו זיינע אונטערטאַנען — דאָך נישט געקאָנט איבערלאָזן אַ יורש, און האָט דערפאַר געשאַפן אַ „פּראַגמאַטישע סאַנקציע", דורך וועלכער ס'איז מעגלעך געוואָרן, אַז אַ פרוי, מאַריאַ טערעזאַ, זאָל איבערנעמען דעם האַבסבורגער־טראָן אויף אירע צאַרטע פּלייצעס.

ביי אָט דעם — ווי הילאַריאַן טאָפּאַן האָט זיך אויסגעדריקט — טראַגיש-היסטאָרישע אויגנבליק אין דער וועלט־געשיכטע פון יאָר 1713, האָט ער איצט, לויט דעם אַלגעמיינעם וועלט־קאַלענדאַר, סוף מערץ פון יאָר 1907, דערהערנדיק פּאַדרוצקיס פייער־אַליאַרם, איבערגעריסן דאָס לערנען און אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער. ער האָט געזען, ווי פון אַלע גאַסן שטראָמען מענטשן אין דער ריכטונג, וואו מען האָט טראָמפּייטערט. די שילער הינטער אים זענען אפיר פון צווישן די בענק און אויך זיך געשטופּט צום פענסטער. טאָפּאַן האָט שוין געוואָלט זיי אויסזידלען מיט די ערגסטע ווערטער, אָבער דאָ האָט גענומען קלינגען דאָס שול־גלעקל — די לעקציעס האָבן זיך געענדיקט. די שילער האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַרונטער די טרעפּ, ווי מ'וואָלט געעפנט די שלוזעס פון אַ וואַסער־דאַמבע. אפילו טאָפּאַנס אויטאָריטעט האָט זיי נישט געקאָנט צוריקהאַלטן.

הילאַריאַן טאָפּאַן האָט געוואָלט פרעגן דעם גימנאַזיע־דירעקטאָר דר' רומפף פאַרוואָס דאָס שול־גלעקל האָט פריער געקלונגען, ווי שטענדיק, מחמת דאָס האָט אים מער באַאומרואיקט ווי פּאַדרוצקיס אַליאַרם; אָבער דער דירעקטאָר איז שוין מער נישט געווען אין גימנאַזיע. אויך דער שול־דינער איז אַוועק, און טאָפּאַן איז אַליין געבליבן אין דער גרויסער געביידע. דאָס האָט אים פּאַסירט צום ערשטן מאָל. באַאומרואיקט, איז אויך ער אַרויס אין גאַס. ער האָט זיך איינגעקוקט אין די אויגן, אין די פּנימער פון די מענטשן, וואָס זענען אים אַקעגנגעקומען, אָבער אַלע זענען אים געווען

פרעמד. אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן. נאָר דאָ איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן נישט דער טראָמפּייטן־שאַל, נאָר די מעכטיק־הויכע, לעבעדיקע שטים פון פּאָדרוצקין — די שטים, וועלכע ער האָט גוט געקענט און אַזוי ליב געהאַט, ווי די שטים פונעם קייזער, וועלכע ער האָט נישט געקענט: „נישט קיין פייער! נישט קיין פייער!"

צו וואָסזשע דאָס טרומייטערן? איז אפשר עפּעס דעם קייזער... באַהיט זאָל מען ווערן... נאָך דעם אַלגעמיינעם וואַל־רעכט... און ער איז דאָך אַלט זיבן־און־זיבעציק יאָר... „קיין פייער"?... מען האָט טאַפּאַנען ארומגע־שטופּט, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו שטיין אויף אַן אָרט. און דאָ הערט ער בפירוש — יאָ, ס'איז פּאָדרוצקיס קול: „אין רומעניע האָט אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע. אין נאָמען פונעם הער בירגערמייסטער פראַנץ בייל דערקלערט די פּריוויליקע פּייערוועד די גאַנצע שטאָט סערעט אין אַליאַרם־צושטאַנד."

אָט האָט איר עס! — האָט אַ טראַכט געטאָן טאַפּאַן — ווער ווייסט נאָך איצט האָבן דעם אומפּאַרשעמטן מוט צו לייקענען, אַז דאָס איז דער דירעקטער אָדער אומדירעקטער רעזולטאַט פון דעם אַלגעמיינעם וואַל-רעכט? נישט אומזיסט זאָגט דאָס פאָלקס-ווערטל: ווען מ'שערט די שאָף, מעקען די לעמער. אָדער ווי שילער האָט עס אַזוי פּאָעטיש אויסגעדריקט:

עס איז די קללה פון שלעכטער טאָט
צו טראָגן שלעכטס נאָר אין איר טראַכט.

זייפן באַלקאָן פונעם ראָטהויז איז געשטאַנען דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל. פון דאַנען האָט ער באַטראַכט די גרויסע מאַסע מענטשן, וואָס האָט זיך געכוואַליעט, ווי אַ שטורמישער ים, און איז אַלץ געוואָרן גרעסער און גרעסער. עס זענען געקומען מענטשן פונעם סוטשאַווער באַרג, איבער דעם צווינטער און מיטן הויפּט־וועג. צו ביידע זייטן פון בירגערמייסטער זענען געשטאַנען דער פּרעזידענט פון דער קולטוס-געמיינדע סענדער שלמה שרייבער און דער פּאַרלאַמענט־קאַנדידאַט האָפּראַט סקעדל, וועלכער איז נאָכאַמאָל געקומען קיין סערעט, צו רעדן ביי אַ וואַל־פאַרזאַמלונג. פראַנץ בייל האָט זיך באַמיט איבערצושרייען דעם גרויסן טומל: „אין קעגנוואַרט פון דעם שטורם אין אונזער שכנישן לאַנד, האָט אונזער קייזערס אומ-שטערבלעך וואָרט זיך אַרויסגעוויזן נאָך מער אומשטערבלעך. 'ווירבוס אוניטיס' הייסט דאָס וואָרט. נאָר ווען מיר וועלן מיט פּאַראייניקטע כוחות אויף אונזער באַליבטן קאַנדידאַט סקעדל..."

דער טומל האָט פאַרשלונגען זיינע ווערטער. די זעלבע רומענישע גוטבאַזיצער, וועלכע פלעגן — אַן זייערע פאַמיליעס — יעדן האַרבסט

אַריבערקומען קיין סערעט אויף צו שפּילן קאָרטן און אַנדערע פאַרגעניגנס, זענען איצט געקומען צופאָרן מיט וועגענער, אָנגעפּאַקטע מיט גאַנצע פאַמיליעס. דער „אַננאַ־הויף״ און די אַנדערע האָטעלן זענען שוין געווען פול געפּאַקט מיט אַנטלאָפענע פון פריער. מענטשן האָבן געזוכט דירות, וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, און האָבן נישט געקאָנט זיך דורכשטופן צום ראַטהויז נאָך אַן עצה. האָט מען זיך געקריגט, געזידלט, געשטויסן איינער דעם צווייטן, ווי אויף אַ יאַריד.

ס׳האָט זיך באַוויזן דער בעצירקס־הויפּטמאַן. צוליב דער טעלעגראַמע, וואָס ער האָט הויך געהאַלטן אין דער האַנט, האָט ער זיך ווי־נישט־איז דערשלאָגן צום ראַטהויז. ער איז אַרויף אויפן באַלקאָן און גענומען פאָכען מיט דער טעלעגראַמע: „אַ טעלעגראַמע פון זיין עקסצעלענץ, דעם לאַנדפּרעזידענט פון דער בוקאָווינע. מ׳דאַרף אַלע אַנטלאָפענע אויפנעמען גאַסטפריינטלעך און זיי באַזאָרגן מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ.״

דער בעצירקס־הויפּטמאַן, דער קאַנדידאַט סקעדל, דער בירגערמייסטער און סענדער שלמה שרייבער מיט נאָך ראַט־מענער האָבן פאַרלאָזן דעם באַלקאָן און זענען פּאַמעלעך אַרונטערגעגאַנגען מיט די טרעפּ. סענדער שלמה שרייבער האָט אַ וואונק געטאָן צו מרדכי שמש און אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער. דער שמש האָט תיכּף אויסגערופן: „אַלע אידישע אַנטלאָפענע זאָלן גיין מיט מיר!״

עטלעכע הונדערט מענטשן, יונג און אַלט, צווישן זיי אויך פרויען מיט פּיצלעך קינדער אויף די הענט, האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו מרדכי שמש און גענומען אים נאָכגיין. סענדער שלמה שרייבער האָט געהייסן עטלעכע פּיאַקערניקעס ברענגען שטרוי און עס צופירן אין דער פּאַלקסקיך.

דערווייל איז געקומען צו אַ שאַרפער מחלוקה צווישן דעם בירגערמייסטער און עטלעכע גוט־באַזיצער, וועלכע זענען אָנגעקומען שפּעטער. דער בירגערמייסטער האָט געהאַט אַוועקגעשיקט דעם געמיינדע־סעקרעטאַר שטעטנער, דעם לערער פון גימנאַזיסטיק האַלטער און דעם לערער פון געשיכטע הילאַריאָן טאָפּאַן, זיי זאָלן געפינען פרייע צימערן אין פּריוואַטע הייזער. הילאַריאָן טאָפּאַן האָט זיך דערצו פרייוויליק געמאָלדן. מ׳האָט צוגעזאָגט די באַלעבאַטים זיי היפּש צו באַצאָלן פאַר די צימערן. אָבער ביז וואַנ־ווען האָבן די שפּעט־געקומענע געוואַרט מיט זייערע פאַמיליעס, זיצנדיק אויף די וועגענער, און זיי זענען אומגעדולדיק געוואָרן. האָט זיי דער בירגערמייסטער פאָרגעשלאָגן זיי זאָלן דערווייל פאַרפאָרן צו דער פאָלקסשול. דאָ האָט זיך צעבייזערט דער באָיאַר פּאַפּעסקו: „פאַר וועמען האַלט איר אונז דאָ? ווער, מיינט איר, זענען מיר? ווען מיר פלעגן אַריבערקומען צו אייך זוכן פאַרגעניגנס זענען מיר געווען ביי אייך אָנגעלייגטע געסט. איר אַליין, הער בירגערמייסטער, פלעגט שטענדיק זיך רימען, אַז סערעט איז

דער שפּיץ פון דער וועסט־אייראָפּעאישער קולטור. און איצט שיקט איר אונז אין מאַסן־קוואַרטירן?״

„אָבער אַנטשולדיקט — די פאַלקשול איז דאָך נאָר אויף דערווייל.״

„מיר דאַרפן נישט קיין דערווייליקע שולעס. מיר פאָדערן אַביסל אייגענעיש אין אונזער נויט.״

דער בירגערמייסטער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן און האָט זיי אָנגעבאָטן — הגם ער האָט דערצו קיין רעכט נישט געהאַט — אויף דערווייל די גימנאַזיע. אָבער פּאָפּעסקו און זיינע פריינט האָבן זיך נישט איינגעשטילט: „מיר זוכן באַקוועמע צימערן, און מיר זענען אייך מוחל אַלע גימנאַזיעס און אפילו אוניווערסיטעטן. הערט וואָס איך וועל אייך זאָגן, הער בירגערמייסטער: אָט פון די גימנאַזיעס שטאַמט דאָס אומגליק. דאָס האָבן די סטודענטן און לערער אָנגעהעצט דעם מאָב. פאָלגט מיך — נעמט אייך אַ ביישפּיל פון אונז. פאַרבייט אייערע גימנאַזיעס אויף קאַזאַרמעס.״

יאַנעק פּאָדרוצקי, אויף וועלכן די לעצטע ווערטער האָבן אפנים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק, האָט אַ פרעג געטאָן פון דער זייט: „האָט איר דאָרט ביי אייך אַזוי פיל גימנאַזיעס?״

„וויפל מיר זאָלן נישט האָבן, איז נאָך אַלץ צו פיל.״

31

נאָכמיטאָג זענען שוין אַלע אַנטלאָפענע, וועלכע האָבן געקאָנט באַצאָלן, איינגעשטאַנען אין פּריוואַטע צימערן. די מייסטע אידן האָט מען איינגעאָרדנט אין דער פאַלקסקיך און אין ביידע בתי־מדרשים. כמעט אַלע האָבן זיי געשטאַמט פון מיהאַלעני און די שטאָט סערעט איז זיי נישט געווען פרעמד. די מערעטער פלעגן אַריבערקומען קיין מיהאַלעני איינקויפן לעבנסמיטל, און טאַקע ביני־לביני זיך לאָזן וואוילגיין מיט פּאַסטראַמי, אָדער אַ קאַרנאַצל מיט אַ גלעזל רומעניש ווײַן. דערפאַר פלעגן די מיהאַלענער זיך פּוצן לויט דער לעצטער ווינער מאָדע, אַלץ איינגעהאַנדלט אין די סערעטער קליידער־געשעפטן. און זיי זענען דאָרט שטענדיק געווען אָנגעלייגטע קונים. ערשט הײַנט האָבן זיי צום ערשטן מאָל דערזען סערעט אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. האָר זענען עס די סוחרים, וואָס פלעגן זאָגן צו אַ מיהאַלענער קונה: „מעג איך אייך ווייזן אָט דעם קראַוואַט? דער ראָק ליגט אויף אייך, ווי דער ווינער שניידער אַליין וואָלט אויף אייך גענומען די מאָס. קיין וואונדער נישט — אַזאַ פיגור, ווי איר האָט.״

די פאַלקסקיך האָט זיך געפונען אין אַ היפּשן בנין מיט אַ גרויסן הויף, וועלכער האָט געהאַט אַ ברונעם אין מיטן. אַן אַלמן, אַ בעזדעטניק,

מיט יאָרן צוריק, האָט עס איבערגעלאָזן בירושה, און די אידישע קהילה איז געוואָרן דער אפּוטרופּוס איבער דעם. יעדער האָט געוואוסט, אַז סערעט דאַרף נישט קיין פאַלקסקין. אָבער א צוואה פון א פאַרשטאָרבענעם איז הייליק — און געלט האָט ער דאָך אויך געגוג איבערגעלאָזט — האָט מען איינגעאָרדנט די קיך מיט אלדאָס־גוטס: מען האָט באַצויגן פון ווין מאָ־דערנע קאָך־קעסלען, געשיר און עס־צייג פאַר עטלעכע טוץ מענטשן; מ׳האָט אָנגעשטעלט אַ קעכין, צוויי דינסטן און אַ משרת. צו דער פייער־לעכער דערעפענונג איז געקומען א רעגירונג־פאַרטרעטער פון טשערנאָ־וויץ. ר׳ סענדער שלמה שרייבער, דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל און משה מאַשיניסט האָבן געהאַלטן רעדעס, אַז ס׳האָט יעדן איינעם צענומען ביז טרערן. און צום סוף האָט דער רעגירונג־פאַרטרעטער איבערגעגעבן „אַט די אינסטיטוציע פון עפנטלעכער וואוילטעטיקייט, צום נוצן פונעם גאַנצן לאַנד און פון דער שטאָט סערעט, פאַר דעם נאָבעלן צוועק, וואָס דער איידעלער פאַרשטאָרבענער האָט באַשטימט.״

דאָס עסן האָט מען באַדאַרפט פאַרטיילן אומזיסט — אָבער עס זענען נישט געקומען קיין הונגעריקע. דער איינציקער שטענדיקער גאַסט איז דאָרט געווען דער שטומער לאַטוטניק. די קעכין האָט געקאָכט בלויז פאַר זיך און פאַר אָט דעם שטומען שניידער. די דינסטן האָט מען אָפּגעזאָגט און די קעסלען האָבן געזשאַווערט. האָט די קעכין געציטערט איבער אָט דעם שטומען, נאָך מער ווי איבער אַן אייגן קינד — חלילה־וחס ער שטאַרבט אוועק, בלייבט זי אָן פּרנסה. „זיין הונגען געפעלט מיר נישט״ — האָט זי נישט איינמאָל זיך געקלאָגט פאַר די שכנים, ווען דער שטומער האָט זיך צוגעקילט — „האָט איר שוין געהערט, אַ שטומער זאָל אַזוי הויך הוסטן?״

און מיט אמאָל איז אין פאָלקסקיך געוואָרן לעבעדיק. מ׳האָט אויס־געשפּרייט שטרוי אויפן דיל; האָבן די קינדער זיך געקוליעט אין שטרוי און אָנגעמאַכט אַזאַ שטויב, אַז דער חלל איז פול געוואָרן, ווי מיט וואָלקנס. מ׳האָט אויסגעשייערט די האַלב־פאַרזשאַווערטע קעסלען און געקאָכט זופּ, אָבער ס׳איז געווען צו ווייניק געשיר און עס־צייג. די קינדער האָבן זיך אַרומגעריסן, און די עלטערן האָבן צוגעהאָלפן. די בעסטע שכנים זענען מיט אמאָל זיך געוואָרן שונאים; אַלטע היימישע צאַנקערייען האָבן ערשט אויפסניי זיך צעפלאַקערט אין אָט דער ענגער אימיגראַציע; און אַלע זענען זיי געווען אומצופרידן. אָבער אמערסטן אומגליקלעך האָבן זיך איצט גע־פילט די קעכין און דער שטומער. פריער פלעגן זיי האָבן דאָס גאַנצע הויז פאַר זיך — און אָט זענען געקומען פרעמדע און בושעווען ווי ביי זיך אינ־דערהיים. ביים שטומען האָט זיך אַנטפּלעקט גאָר א נייער נס: נישט נאָר האָט ער געקענט הויך הוסטן, נאָר ער האָט איצט אויף זיין שטום־לשון געמאַכט אַזעלכע קולות, אַז ס׳איז נישט געווען צום איבערטראָגן.

אויך דער קולטוס־פּרעזידענט, דער וויצע־בירגערמייסטער סענדער שלמה שרייבער איז נישט געווען צופרידן. נישט חלילה, ווייל ער האָט באַדאַרפט אָפּטאָן אַזוי פיל אַרבעט, אָדער אויסגעבן געלט אויף צו שפּייזן די אנטלאָפענע. דאָס זענען פון די קלענסטע זאַכן — איז דאָך יאָרגלאַנג געווען אַוועקגעלייגט אַזוי פיל געלט פאַר דעם צוועק. וואָס ער האָט מורא געהאט איז געווען דאָס, אַז די אומרועןן פון יענער זייט גרענעץ זאָלן חלילה זיך נישט פאַרשפּרייטן צווישן דער היגער נישט־אידישער באַפעלקערונג. ער האָט באַוואונדערט און ממש מקנא געווען טעאָפיל קאָנסטאנטינאָוויטשן, דעם דירעקטאָר פון דער סערעטער פאָלקס־ליי־און־שפּאָר־קאַסע. שרייבערס באַנק־קליענטן זענען געווען אידישע סוחרים און אָרעמע באַלמעלאָבעס. קאָנסטאַנטינאָוויטשס קונדן זענען געווען אָרימע פּויערים. סענדער שלמה שרייבערן האָבן די אידן געהאלטן פאַר א וואוכערער, און קאָנסטאנטינאָוויטש איז געווען פאַרהאַכט ביי די פּויערים. איצט — זאָל דאָ חס־וחלילה פאָרקומען דאָס זעלבע, ווי דאָרט אין רומעניע, וועט אַלץ אויסגיין צום אידנס קאָפּ. טעאָפיל קאָנסטאנטינאָוויטש האָט כאָטש אַ טרייסט, אַז אין ערגסטן פאַל, קאָן מען די צעבונטעוועטע פּויערים אָנשיקן אויף די אידן. אָבער ער, סענדער שלמה שרייבער, וואָס זאָל טאָן? ער האָט פּשוט דערפילט א שנאה צו די אנטלאָפענע פון מיהאלעני — צו וואָס וויזן דער היגער באַפעלקערונג, אַז דווקא אידן מוזן אנטלויפן?

אין אַזאַ שטימונג איז ער געקומען אין דער פאָלקסקיך. א סך זענען אים באַפאַלן מיט פאַרשידענע קלאַגעס. געווען צווישן זיי מענטשן, וועלכע האָבן אים געקענט, און ער זיי אויך. זיי האָבן פאַרלאנגט, געפּאָדערט, געבעטן, מען זאָל זיי איבערשיקן אויף פּריוואטע דירות. א טייל האָבן געטראַכט צו באָרגן ביי אים געלט, ביז זיי וועלן זיך אומקערן צוריק אַהיים — זענען זיי דאָך ערשט נעכטן געווען ביי אים קרעדיט־פּעאיק. און אַלע האָבן זיך געריסן צו אים, זיך געשטופּט, געצאַנקעט מיט אַנאַנדער און געליאַרעמט צום טויב ווערן. דאָס האָט נאָך מער אויפגערעגט סענדער שלמהן. ער איז געווען מיט א קאָפּ גרעסער פון יעדן איינעם אין סערעט — מ'האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער וואָלט געקאָנט זיין דער העכסטער גארדע־אָפיציר ביים קייזער אין בורג־פּאַלאַץ — און שטייענדיק איצט צווישן אָט דעם עולם, האָט ער זיך ערשט דערפילט הימל־הויך איבער זיי. ער האָט פאַר זיך געזען א מאַסע קרעדיט־אומפּעאיקע מענטשן, וואָס לויערן אויף זיינער אן הלוואה, און ער האָט זיך צעשריען: „ווער האָט געשיקט נאָך אייך? ווער האָט אייך געהייסן אַנטלויפן? מ'שטיינס געזאָגט וואָס מען האָט שוין ביי אייך געקאָנט צונעמען. נאָר א מצוה אויף אייך! אַז מ'האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל. מיינט איר, מען ווייסט נישט, אַז אַ סך פון אייך האָבן געהאלטן אָפן די קראָמען אום שבת, אַז

אייערע ווייבער און טעכטער גייען אַרום אין אייגענע האָר נאָך דער חתונה? אמת, גאָט איז אַן אל־רחום־וחנון — אָבער אויך גאָטס געדולד האָט אַ גרעני־בעץ. ער גיסט אויס זיין גרים־צאָרן אויף די רשעים, און צוליב די זינדיקע ליידן אומשולדיקע...״

„ווער זענען עס די זינדיקע?״ — האָבן זיך דערהערט קולות צווישן עולם. ,

שרייבער האָט מיטאמאָל פאַרלוירן זיין זיכערקייט. און דאָ האָט עמעצער פון הינטן אים אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזען דעם גאַסט־ווירט פון „פעטן אָקס״, יאָהאַן ווילד: „הער פּרעזידענט! דער הער דעפּוטאַט סקעדל, הער פישער און דער הער בירגערמייסטער לאָזן אייך בעטן, איר זאָלט אַזוי גוט זיין און באַלד אַריבערקומען צו אַ באַראַטונג. די הערן וואַרטן אויף אייך אין מאַגיסטראַט״.

סענדער שלמה שרייבער האָט נישט געהאַט ליב מען זאָל אים באַפעלן. און אַט די איינלאַדונג האָט אים געקלונגען, ווי עפּעס אַ באַפעל: דריי זענען שוין דאָרט פאַרזאַמלט; צוויי פון זיי, סקעדל און פישער, זענען אפילו שונאים צווישן זיך — הייסט עס, אַז מ׳האָט שוין ביז איצט פאַרהאַנדלט אָן אים — ער וואָלט געקענט נישט אָננעמען זייער איינלאַדונג. אָבער דאָ, צווישן די אַנטלאָפענע, קאָן ער איצט אויך נישט בלייבן — זיי האָבן גענומען רעוואָלטירן. האָט ער אויסגענוצט די געלעגנהייט און איז פאַרשוואונדן מיט יאָהאַן ווילדן, נאָך איידער דער עולם האָט זיך געכאַפּט, אַז זיי זענען אַוועק.

32

דעם לעצטן זונטיק האָבן גלחים אין אַ סך קלויסטערס פון אַרומיקן בעצירק געהאַלטן דרשות נאָכן גאָטעס־דינגסט, וועלכע זענען שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן די גוטבאַזיצערס. זיי האָבן אפילו געפלאַנט זיך צו באַקלאָגן וועגן דעם פאַרן הויפּט פון דער קירך, דעם „מעטראָפּאָליטאַן״ אין בוקאַרעשט. דער געהילף־לערער פון ציגדעסטי, דער גלח פון ווערפּולי און וואַסילי זענען געווען די פאַרפאַסערס פון די דאָזיקע דרשות, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ מאָטאָ אַ פּסוק פון ישעיה: „געפעלשט האָבן זיי אין געזעץ און צעשטערט דעם אייביקן בונד; דעריבער האָט אַ קללה פאַרצערט דאָס לאַנד און פאַרלענדט די איינוואוינער פון דער ערד״. ס׳איז גאָטס ווילן, האָבן געזאָגט די פּרעדיגער, אַז וואַלד און פעלד זאָלן דינען דעם נוצן פון פויער און אַז די ערד זאָל דעם געהערן, ווער עס באַאַרבעט זי. אויב עס געשעט נישט קיין גערעכטיקייט דעם פויער — און עס זענען פאַראַן זייער אַ סך, וואָס זאָגן אים אָפּ אָט די גערעכטיקייט — וועלן, ווי עס שטייט

ביי ישעיה הנביא, די הימלען איבער אונז זיך שפּאַלטן און די ערד וועט אַ ציטער טאָן אין אירע גרונטפעסטן.

די פּויערים האָבן געהאַט הינטער זיך אַ שווערן ווינטער פון הונ־גער. אין ווערפּולי און אין אַנדערע דערפער האָט מען ביי זיי אָפּגעפּענדעט די פערד, און זיי האָבן אַזוי אַרום אפילו נישט געהאַט די מעגלעכקייט אויף אַ זייטיקן פאַרדינסט דורך פירן האָלץ איבער דער גרענעץ. די דאָרף־קאַ־מיסאַרן האָבן מיט גרויסער אַנשטרענגונג זיי קוים צורי‌קגעהאַלטן, זיי זאָלן זיך נישט צעבונטעווען פאַר דער צייט. איצט זענען די פּויערים געזעסן אין קרעטשמע און אַלץ נאָך גערעדט וועגן דעם, וואָס דער גלח אין קלויסטער האָט געזאָגט. זיי זענען געזעסן ניכטערנע, ווייל זעלטן ווער פון זיי האָט געהאַט מיט וואָס צו קויפן אַ גלעזל בראָנפן.

עס איז אַריינגעקומען איינער, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ דייטש. די פּויערים האָבן נישט ליב געהאַט קיין דייטשן, ווייל כמעט אַלע פּאַרוואַל־טער אין די גיטער זענען געווען דייטשן. אָבער דער פרעמדער האָט גע־זאָגט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער און ער האָט געשטעלט בראָנפן פאַר אַלע־מען. צוערשט האָט מען זיך געוויי‌גערט, אָבער ענדלעך האָט מען נישט געקאָנט ביישטיין דעם יצר־הרע און מ'האָט געטרונקען. דער פרעמדער איז געווען זייער פריינטלעך, האָט נאָכאַמאָל געהייסן געבן שנאַפּס פאַר אַלעמען און זיי דערציילט וועגן זיינע רייזעס איבער רוסלאַנד. דאָרט, האָט ער גע־זאָגט, זענען אַלע פּויערים אויפגעשטאַנען, האָבן אויסגעהרגעט אַלע אידן, איצט האָבן זיי אייגענע פעלדער. איינער פון די פּויערים האָט געוואָלט וויסן: ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך, אַז מיטן אויסהרגענען די אידן האָבן זיי באַקומען פעלד, ווען די אידן אליין האָבן נישט קיין פעלדער? האָט ער עפּ פאַרענט־פערט: די אידן האָבן אַ סך געלט, און מיט געלט קאָן מען שוין קויפן פעל־דער אויך. דערנאָך איז ער פאַרשוואונדן.

דינסטיק אָוונט האָט קורט קראַוטער איבערגעגעבן וואַסילי‌ק צוואַנציק ביקסן און טויזנט לעי אין קליינע באַנקנאָטן, און האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים נאָך לאָזן וויסן געגוי, ווען מ'דאַרף מאַכן דעם אָנפאַל אויף סע־רעט.

מיטוואָך גאַנץ־פרי איז געקומען אַ רייטער מיטן שליחות, אַז דער הויפּטמאַן לופעסקו זאָל תיכף קומען קיין דאַראַהאַי. לופעסקו האָט אַריינ־גערופן וואַסילי‌ן און אים אָנגעזאָגט ער זאָל זיין אויף דער וואך, ווייל — ווי עס ווייזט אויס — קומען פאַר זייער ערנסטע זאַכן. דער הויפּטמאַן מיטן שליח זענען אויף פערד אַוועק קיין דאַראַהאַי, און וואַסילי איז געבליבן שטיין אַ פאַרטראַכטער אין פראָנט פון הויז.

די פרוי לופעסקו איז אַרויסגעקומען און אים אַריינגעבעטן צו זיך. וואַסילי האָט דערפילט אַ ווידערווילן, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זי וויל

דאָס אויסנוצן די געלעגנהייט וואָס איר מאַן איז נישטאָ. זי איז אים נישט געווען אומסימפּאַטיש, אָבער ער האָט גאָרנישט געפילט צו איר. דערצו זענען אים איצט נאָך געלעגן אין קאָפּ אַ סך אַנדערע זאַכן. ער האָט דערפילט, אַז עפּעס אַ געהיימע קראַפט שטייט ביי דער אַרבעט, וואָס וויל זיי אַלעמען פאַרניכטן נאָך איידער זיי זענען גרייט צום קאַמף. פּרוי לופּעס־קאָ האָט אים נאָכאַמאָל פאַרבעטן צו זיך, און ער איז נישט־ווילנדיק איר נאָכגעגאַנגען, אָבער מיטן פעסטן אנטשלוס, זיך נישט לאָזן פאַרלאָקן פון איר. זי האָט אים אַריינגעפירט אין קאָבינעט פון איר מאַן. אין גרויען פרי־מאָרגן און ביים שוואַכן שיין פון נאַפט־לאָמפּ האָט איר פּנים אויסגעזען נאָך בלאַסער ווי געוויינלעך. זי האָט באַלד אָנגעהויבן רעדן: „וואַסילי, איר שטייט אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט. איך ווייס אַלץ. איר האָט באהאלטן געווער אויפן צווינטער. איר האָט זיך פאַרדונגען צו דעם מאַן, וועלכער איז דאָ געווען צוריק מיט עטלעכע טעג. ער רעדט אייך אָן צו געשלעגן און מאָרד. איך האָב געזען, ווי ער האָט נעכטן ווידער געבראַכט געווער. איך האָב נאָר געדאַרפט איין וואָרט זאָגן מיין מאַן, און ער וואָלט אים אַרעסטירט. איך האָב עס אָבער נישט געטאָן אייך צוליב. איך בין נישט קיין אידישקע און איך האָב זייער ווייניק צו טאָן מיט אידן. אָבער נאָך אַלס קינד האָב איך דורכגעלעבט אַ פּאָגראָם, און איך זאָג אייך, אַז ס'איז שרעקלעך. ס'איז נישט פאַר אייך. טוט מיר צוליב און זאָגט זיך אָפּ פון אָט דעם פאַרשוין."

וואַסילי איז געווען גערירט פון אירע ווערטער. ניין, ער האָט נישט קיין טעות — זי מיינט עס ערנסט מיט אים. אָבער וואָס זאָל ער איר זאָגן? זי האָט געוואַרט אויף א תשובה, און ער האָט געענטפערט: „איך וועל נישט מאַכן קיין פּאָגראָמען. עס פאַלט מיר גאָרנישט איין." און זעענדיק, אַז זי איז נאָך אַלץ נישט באַרואיקט, האָט ער צוגעגעבן: „פאַרקערט, איך האָב זיך פאַרבונדן מיט אָט דעם מאַן, כדי אים צו שטערן אין זיינע פּלענער און מיט דעם פאַרמיידן אַ פּאָגראָם.

ביידע האָבן געשוויגן א ווילע, דערנאָך האָט זי געפרעגט: „וועט איר זיך נישט אַריינלאָזן אין קיין שום זאַכן, וואָס קאָנען זיין א געפאַר פאַר אייער לעבן?"

די זאַך איז אים געוואָרן פאַרדעכטיק, און ער האָט געשוויגן.

„האָט איר, הייסט עס, יאָ עפּעס געהיימע אבזיכטן?"

„פאַרוואָס אינטערעסירט איר זיך אזוי מיט מיר?"

זי איז צוגעגאַנגען צו אים: „ווייל איר... איר געפעלט מיר און איך וויל נישט איר זאָלט אַריינפאַלן אין אן אומגליק."

„איז אויב איך געפעל אייך, וועל איך אייך בעטן מיך לאָזן גיין דעם וועג, וועלכן איך מוז גיין."

„האָט איר באמת אַ כלה, ווי איר האָט עס מיר אַמאָל געזאָגט?"
„יאָ."
„און ווייסט אייער כלה, אַז איר שפּילט זיך מיט אייער לעבן?"
„ווער האָט עס אייך געזאָגט, אַז איך שפּיל זיך מיט מיין לעבן?"
„איך לעז עס אין אויסדרוק פון אייער פּנים. עס קלינגט פון... ניין, איך פיל עס טיף אין מיר".
וואַסילי האָט פאַרלאָזט איר הויז.
ביז צען אַזייגער איז אין זיינע דינסט־באַראַקן אַלץ אָנגעגאַנגען ווי געוויינלעך. איצט איז געקומען קורט קראַוטער. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס עס טוט זיך אין דאָרף, און איז געווען דערשטוינט צו הערן פון וואַ־סילין, אַז אייגנטלעך האָט מען ביז איצט נאָך גאָרנישט געטאָן: „איר און אייערע פריינט דאַרפט תיכף אָנהויבן זיך צוגרייטן אַריינצומאַרשירן קיין סערעט. מעגלעך, אַז שוין מאָרגן וועט זיך עס אָנהויבן. איך וועל אייך נאָך לאָזן וויסן אין צייט."
וואַסילי איז געוואָרן אומרואיק. אָט דאָס פּלוצלעכע אַרויסרופן דעם הויפּטמאַן קיין דאַראַהאַי און איצט קורט קראַוטערס ווערטער!...
אַרום עלף איז צו אים געקומען אַ מיטגליד פון קאָמיטעט: „ס'איז דאָ אַ שליח פון קאָמיטעט אין צינדעסטי." וואַסילי איז תיכף מיט אים אַרי־בערגעגאַנגען אַהין.
דער שליח האָט דערציילט: „אין די דערפער אַרום סערעט־טייך זיי־נען פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן מיט זשאַנדאַרן. די זשאַנדאַרמעריע האָט צוגעקראָגן פאַרשטאַרקונגען און זיי האָבן געוואָלט היינט אינדערפרי אין צינדעסטי און אין אַנדערע דערפער אַרעסטירן דעם גלח און די מיטגלי־דער פונם פויערים־קאָמיטעט. דעם געהילף־לערער פון צינדעסטי האָבן זיי שוין אַרעסטירט. האָט מען אין אַלע קלויסטערס גענומען קלינגען אַ־ליאַרם און די פויערים האָבן זיך געכאַפּט פאַר די וואָפן. דאָס ערשטע האָבן זיי פאַרנומען די פריצישע הויפן אין יענע דערפער. די זשאַנדאַרן זיינען צוריקגעטראָטן ביזן סערעט, אָבער מיליטער און זשאַנדאַרן האָבן באַ־זעצט אַלע צוגאַנגען קיין דאַראַהאַי."
„ווי אַזוי האָט איר געקאָנט אַן אַ שום באַפעל, אָן אַן אָפּגעשמועסטן לאָזונג זיך נעמען צו וואָפן?"
„וואָס דען איז אונז געבליבן צו טאָן? זיי וואָלטן דאָך געוועז אונז אַלעמען אַרעסטירט און די וואָפן וואָלטן זיי זיכער געווען צוגענומען. מיר האָבן געשיקט נאָך זלמן פליקער, און ער האָט איבערגענומען די מילי־טערישע לייטונג אין אונזער דאָרף."
וואַסילי האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער איז אַריבערגעלאָפן צום הויפּטמאַן אַהיים — אפשר וועט ער דאָרט עפּעס אויסגעפינען.

דערווייל איז שוין געווען האַלבער טאָג, און אויך דער הויפּטמאַן איז צוריקגעקומען. ער האָט דערציילט, אַז קוים מיט שווערער מי האָט ער זיך דורכגעגנבעט צוריק אַהיים. אין דער גאַנצער געגנט בושעווען אַרום באַוואָפנטע פּויערים. געגנעראַל אוואַרעסקו האָט פּאַריקע נאָכט אָנגעהויבן אַן אַקציע. מ'האָט דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן אין דער גאַנצער געגנט צווישן יאַסי און דאַראַהאַי. די פּויערים שטעלן זיך אַקעגן. זיי האָבן פאַרנומען אַ טייל געגנטן ביים דניעסטער און ביים פּרוט. אויך דאָ, ביים סערעט, האָבן זיי פאַרנומען אַ סך גיטער. אָבער אין דאַראַהאַי איז מען אָפּטימיסטיש; מען האָפט אין עטלעכע טעג אַרום זיי צו אונטערדריקן: „דערווייל פיר איך אַריבער מיין פרוי קיין טערעס. איר, וואַסילי, קומט מיט, און דערנאָך וועלן מיר ביידע איבער מיהאַלעני אַריבער קיין דאַראַהאַי. דאָס איז דער באַפעל. מיר מוזן תיכף פאַרלאָזן ווערפּולי. די היגע גוט־פאַרוואַלטונג איז נאָך אינדערנאַכט אַוועק קיין דאַראַהאַי."

מאַריאַ האָט געזאָגט, אַז זי וויל נישט בלייבן אין סערעט; זי וויל ליבערשט מיט איר מאַן און וואַסילין פאָרן קיין דאַראַהאַי. דער הויפּטמאַן האָט מיטגענומען עטלעכע ווערט־זאַכן און מאַריאַ האָט אין איילעניש איינגעפּאַקט אַ קופערט.

„נעמט מיט אַלע דאָקומענטן און דאָס וועכטיקסטע, וואָס מ'קאָן אַריבערפירן איבער דער גרענעץ — איך וועל אויף אייך וואַרטן אין „אַנגאַ־הויף" — האָט דער הויפּטמאַן געגעבן וואַסילין די לעצטע באַפעלן. מאַריאַ האָט נאָך מיט געבעט אַ בליק געטאָן אויף וואַסילין, און זיי זיינען אַוועק.

פאַר וואַסילין איז איצט קלאָר געווען, אַז מ'קאָן נישט לענגער וואַרטן אויף אַ לאָזונג. און עטלעכע מינוט שפּעטער האָבן שוין די גלעקער אין קלויסטער זיך צעקלונגען אויף „אַליאַרם". די פּויערים זיינען זיך צונויפגעלאָפן. וואַסילי האָט אויסגעטיילט פיר הונדערט ביקסן. מ'האָט אויפגעריסן דעם אייזערנעם טויער פונעם גוט־באַזיצערס הויף. אַרום דער גראַבליע האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ וואַך, אַז קיינער — אַ חוץ די מיטגלידער פון קאָמיטעט — זאָל אַהין נישט אַריינגיין. וואַסילי האָט אַרויסגעשיקט שליחים אין אַלע אַרומיקע דערפער, אַז אַלע קאָמיטעטן זאָלן שיקן דעלעגאַטן צו אַ ראַיאָן־קאָנפערענץ אויף דאָנערשטיק אָוונט אין ווערפּולי.

מען האָט אַרויסגעשיקט פּאַטראָלן, כדי צו האָבן אַ פאַרבינדונג מיט די אַרומיקע דערפער. און אויף דעם אופן האָט מען אָרגאַניזירט אַ פּראָוויזאָרישע גרענעץ־וואַך. מען האָט פאַרבאָטן צו פאַרקויפן משקה. אין די שפּייכלערס האָט מען געפונען גרויסע זאַפּאַסן ווייץ, קוקורוזע און קאַרטאָפל. האָט דער קאָמיטעט געעפנט דעם גוטבאַזיצערס מיל און מ'האָט זיך געשטעלט מאָלן. דער גלח און דער שרייבער פון דאָרף האָבן רעגיסטרירט

די באַפּעלקערונג. מען האָט פּאַרטיילט קאַרטאָפל צו יעדן פויער לויט זיין פאַמיליע, און אויף מאָרגן האָט מען צוגעזאָגט צו פאַרטיילן מעל. די פויערים האָבן פאַרלאַנגט שנאַפּס, אָבער די גראַלניע איז געבליבן פאַרשלאָסן.

33

דינסטיק אָוונט האָט קאַרל פישער באַקומען אַ טעלעגראַמע פון אַדבערסנו סטעפּאַנעסקו: „מיר הויבן הײנט אָן. אַלץ גייט אין אָרדענונג.” פישער האָט געוויזן די טעלעגראַמע קורט קראַוטער: „איך האָב נישט קיין צוטרוי צו די ציגײנער. זיי מײנען אפשר גוט, אָבער פאַרלאָזן זיך אויף זיי קאָן מען נישט. מיר מוזן דאָ ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט. אויב זיי וועט אויך געלינגען עפּעס אויפצוטאָן, איז אוודאי גוט.”

„איך האָב איבערגעגעבן דעם קאָרפּאָראַל דאָס געווער און דאָס געלט. פאַרשטייט זיך, אַז הונדערט פּראָצענט קאָן איך פאַר אים נישט גאַראַנטירן. איך בין אַליין נאָך נישט זיכער, ווי עס האַלט מיט אים. אַזוי ווייזט ער אויס צו זיין אַ נאַרישער פויער, אָבער אָפטמאָל האָבן איך דעם איינדרוק, אַז ער איז ביטערע און פאַרביסן.”

„וואָס קאָן זיין אין ערגסטן פאַל? צי די פויערים האָבן מיט צוואַנציק ביקסן מער, אָדער ווייניקער, איז נישט וויכטיק. די הויפּטזאַך איז, אַז זיי זאָלן אַריבער די גרענעץ און דערהרגענען עטלעכע אידן. דעמאָלט קאָנען מיר זיכער זיין מיט אַן עסטרייכישער אינטערווענציע.”

„און טאָמער געלינגט אַוואַרעסקון פריער אַלץ צו דערשטיקן?”

„וועלן מיר דאָך נישט דאַרפן קיין אינטערווענציע. איך האָב איצט אַן אַנדערן פּלאַן און וואָלט וועלן הערן אייער מיינונג: נישט געקוקט, וואָס איך האָב שוין אַריינגעלייגט אַזוי פיל געלט אין דעם, בין איך גרייט זיך אָפּצוזאָגן פון מיין קאַנדידאַטור, אָבער אונטער איין באַדינג — אַז סקעדל זאָל זיך פאַרפליכטן צו אַרבעטן פאַר דער אינטערווענציע און, ווען נויטיק, אויך פאַר באַצאָלן דעם שאָדן. סקעדל איז דאָ אין שטאָט, און מאָרגן אָוונט דאַרף ער אָפּהאַלטן אַ וואַל־פאַרזאַמלונג. מאַכט דעריבער — פאַרשטייט זיך ,אָן מיין וויסן’ — אָט דעם פאָרשלאָג פראַנץביילן, און אויב ער איז איינפאַרשטאַנען, וועלן מיר זיך מאָרגן טרעפן און זיך דורכשמועסן וועגן איינצלהייטן.”

ווען פישער האָט צומאָרגנס זיך געטראָפן מיט סקעדלען און ביילן — און דעמאָלט זיינען שוין די אַנטלאָפענע געווען אין סערעט — האָט ער זיי גאָרנישט געזאָגט וועגן זיין פּלאַן, אַרויסצורופן אַן אינטערווענציע דורך אַ פּאָגראָם. ערשטנס איז ער נישט געווען זיכער, צי אַלץ וועט אַזוי

בלאַט צוגיין, ווי ער האָט עס אויסגעפּלאַנירט; און אַחוץ דעם האָט ער געצווייפלט צי סקעדל און בייל וועלן איינגיין אויף אַזאַ געוואַגטער אונטערנעמונג. ער האָט בלויז דערציילט סקעדלען וועגן זיינע פּלענער, וועגן וועלכע קורט קראַוטער האָט שוין געהאַט מיט אים גערעדט. „איך קאָן טאָן, וואָס ס'איז מעגלעך" — האָט סקעדל געזאָגט — „אָבער גאַראַנטירן אייך פאַר דעם קאָן איך נישט. אין דער הינזיכט האָבן דער גענעראַל-הויפּטמאַן פון לאַנד, באַראָן האַרמאַצאַקי, דער באַראָן וואַסילקאָ און דער פירער פון דער אידישער נאַציאָנאַל־פּאַרטיי, דר. שטראַוכער, אַ סך אַ גרעסערן איינפלוס, ווי איך. און זיי וועלן זיכער זיך צוהערן וואָס דער רבי פון וויזשניץ האָט וועגן דעם צו זאָגן. און דער איינציקער, וועלכער קאָן עפּעס) אויספירן ביים וויזשניצער רבין, איז סענדער שלמה שרייבער. ווען ער זאָל טעלעגראַפירן דעם רבין, אַז טויזנטער אידן געפינען זיך אין אַ לעבנסגעפאַר, וואָלט שוין דער רבי זיך אַ פּאַרע געטאָן ביי דער לאַנד-רעגירונג. די מייסטע פון זיי, און אויך פאַרשיידענע קאַנדידאַטן, קומען אָן אַהער אָדער היינט ביינאַכט, אָדער מאָרגן פרי. פאַרגעסט נישט, אַז אַלע קאַנדידאַטן, און אויך די היגע שטאָטישע רעגירונג, זיינען אָפּהענגיק פון אידישע שטימען. ס'איז גוט, וואָס ס'האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין שטאָט דאָ געפינען זיך איצט עטלעכע הונדערט אַנטלאָפענע אידן. ווען מיר זאָלן דעריבער קאָנען איבערקריגן אויף אונזער זייט סענדער שלמה שרייבערן, וואָלטן מיר געקאָנט אַ פּרואוו טאָן דורכצוזעצן אַן עסטרייכישע אינטערווענציע."

34

אויפן וועג פון דער פאַלקסקיך צום בירגערמייסטער, האָט סענדער שלמה שרייבער געטראַכט, אַז ס'וואָלט נאָך געווען דאָס בעסטע צוריקצושיקן די אַנטלאָפענע קיין מיהאַלעני. וואָס קאָן דאָ זיין אין ערגסטן פאַל? אַז קיין בעלעבאַטישע סדרים פאַר זיי צוגרייטן, ווי עס פּאַסט פאַר דער שטאָט סערעט, קאָן מען שוין נישט, ווייל די צייט איז קורץ. וועלן זיי דאָך מסתם זיך בונטעווען; און פון דעם קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען. אַ חוץ דעם — אין אַנדערע שטעט, וואָס ליגן נישט ביי דער גרענעץ, זיינען דאָ אַ סך מער אידן. איז דערפאַר, ווייל אַט די אַנטלאָפענע וואוינען ביי דער גרענעץ, זיינען זיי גרעסערע יחסנים, ווי יענע?

מיט אָט די געדאַנקען איז סענדער שלמה שרייבער אַריין צום בירגערמייסטער. ער איז געוואוינט געווען, מען זאָל אים אָפּגעבן כבוד. אָבער ווען ער האָט געזען, ווי די אַלע דריי, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, האָבן

זיך פאַר אים אויפגעשטעלט און געוואַרט, ביז ער דער ערשטער וועט זיך זעצן, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק.

„מיין ליבער פרעזידענט און וויצע־בירגערמייסטער" — האָט פראַנץ בייל געזאָגט — „מיר האָבן אייך פאַרבעטן אַהער, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּראָבלעם, וואָס נאָר איר דער איינציקער קאָנט עס לעזן, כאָטש מיר אַלע זיינען זייער שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם. עס האַנדלט זיך וועגן דעם גורל פון אייערע אָרעמע, פאַרפאָלגטע גלויבנס־גענאָסעו, וועלכע קאָנען מיט רעכט באַטראַכט ווערן, ווי די ערשטע און אייגנטלעכע קרבנות פון דעם טעראָר, וואָס הערשט איצט אַזוי באַרבאַריש אויף יענער זייט גרענעץ."

„דער גורל פון אייערע גלויבנס־גענאָסן איז באמת זייער שטאַרק צו באַדויערן" — האָט דערצו באַמערקט סקעדל.

„און באַלדיקע הילף איז נויטיק, כדי נאָך עפּעס ערגערס צו פאַרמיידן" — האָט צוגעגעבן קאַרל פישער, שאַרף באַטאָנענדיק די לעצטע ווערטער.

סענדער שלמה שרייבער האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט. דערנאָך האָט ער צוויי מאָל אַ גלעט געטאָן די לאַנגע באָרד און געזאָגט: „איר וועט מיר דערלויבן, מיינע הערן, אייך צו דערציילן עפּעס, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן ערשט נישט לאַנג אין אונזער שטאָט. איר, הער בירגערמייסטער, האָט דאָך נאָך געקענט אונזער אַלטן רב, בורשטין?"

„צי איך האָב אים געקענט? איך געדענק נאָך די לוויה, וואָס ער האָט געהאַט — איינע פון די שענסטע לוויות, וואָס מענטשן געדענקען אין אונזער שטאָט."

„איך געדענק אים אויך, מיט אַ שניי־ווייסער באָרד" — האָט געזאָגט סקעדל.

„ער איז געווען אַן אָרעמאַן, ווי כמעט יעדער רב, און צרות האָט ער געהאַט גענוג אין זיין לעבן. געשטאָרבן ביי אים די איינציקע טאָכטער, קוים פיר יאָר נאָך דער חתונה, און איבערגעלאָזט אַ דריי־יאָריק מיידעלע, שיין ווי די זון. דער רב האָט די יתומה גענומען צו זיך, זי געמאַכט פאַר אַן אייגן קינד. דער פאָטער אירער איז אַוועק אין מרחקים און מ'האָט מער פון אים קיינמאָל נישט געהערט. אָבער די זיידע־באָבע האָבן דעם קינד פאַרטראָטן אי דעם פאָטער אי די מוטער. מיט אַ צייט שפּעטער איז אויך די באָבע געשטאָרבן, די רביצין. די יתומה האָט איצט אָווירט דעם זיידן, טאַקע נאָר ווי אַן אייגן קינד קאָן עס טאָן, און זי איז שענער געוואָרן פון טאָג צו טאָג, ממש אַ בליענדיקע בלום. צוריק מיט פינף יאָר איז געשטאָרבן אברהם דער בעקער, און איבערגעלאָזט אַ צוואַנציק־יעריקן בחור, אפרים — אויב איר קאָנט זיך נאָך דערמאָנען, הער בירגערמייסטער."

„דאַכט מיר, אַז איך האָב אים ערשט צוריק מיט עטלעכע מאָנאַטן באַגעגנט דאָ אין גאַס" — האָט געזאָגט פּראַנץ בייל.

„וואָס וויל ער באַצוועקן מיט אָט דער מעשה?" — האָט געטראַכט סקעדל.

„אפרים איז איצט געווען אַ וואוילער בחור, און אַ קיילעכדיקער יתום, ווי דעם רבס אייניקל. ווען דער פֿאָטער האָט נאָך געלעבט, פֿלעגט ער אָפֿט אַריינקומען צום רב אין שטוב, און דער רב האָט באַמערקט, אַז זיין אייניקל איז נישט גלייכגילטיק צום בחור. נאָכן בעקערס טויט האָט דער רב מיט מיר גערעדט וועגן דעם. האָב איך געשיקט רופֿן דעם בחור און אים געפֿרעגט, צי וואָלט ער נישט וועלן חתונה האָבן מיטן רבס אייניקל. ענטפֿערט ער מיר: זי, זעלדע, איז אָרעם, און איך בין אָרעם. און ווען צוויי מתים גייען טאַנצן, קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען. מיר וועלן זיין קבצנים, און וועלן אונזערע קינדער מאַכן פֿאַר קבצנים. איך האָב געפּרואווט אים איינרעדן, אָבער ס'איז נישט געגאַנגען.

דער בחור איז באַלד נאָך דעם אַוועקגעפֿאָרן קיין אַמעריקע. ער פֿלעגט נישט שרייבן, אָבער דורך אַנדערע האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער האָט אין אַמעריקע שטאַרק זיך געפּלאָגט. דערווייל איז דער אַלטער רב געשטאָרבן. זעלדע איז געבליבן ווי אויפֿן וואַסער, האָט זי זיך געשטעלט פֿאַר אַ קעכין ביי די וויגלערס. פֿאַראַיאָרן זיאָווערט זיך ביי מיר פּלוצים אפרים — ער וויל, זאָגט ער, חתונה האָבן מיט זעלדען. 'וואָס־זשע, ביסט באַגליקט געוואָרן אין אַמעריקע?' — פֿרעג איך אים — 'ביסט מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי רייך, אַז דו ווילסט אַזש חתונה האָבן מיט זעלדען?'. קוקט ער מיר גלייך אין די אויגן און ענטפֿערט: 'ניין, איך בין דער זעלבער אָרעמאַן, ווי דעמאָלט. כ'האָב זיך אפֿילו באַדאַרפֿט באָרגן געלט אויף אַ שיפֿסקאַרטע צו קומען אַהער'. 'הער־זשע זיך איין' — זאָג איך — 'סענדער שלמה שרייבערן נאַרט מען נישט. דו ביסט דאָך צו מיר געקומען, ווייל דו דאַרפֿסט עפּעס פֿון מיר. רעד־זשע מיט מיר אָפֿענע דיבורים'. ערשט איצט האָט דער בחור מודה געווען, אַז אין ניו־יאָרק איז געשטאָרבן זעלדעס פֿאָטער און ער האָט איבערגעלאָזט אַ גאַר גרויס פֿאַרמעגן..."

„איך האָף, אַז איר האָט נישט דערלאָזט דער ליידאַק זאָל מיט איר חתונה האָבן" — האָט געזאָגט פּראַנץ בייל.

„איך האָף, איר וועט זיך נישט באַליידיקן" — האָט זיך אָנגערופֿן פֿישער — „אָבער איך מוז זאָגן, אַז אַ סך פֿון אייערע גלויבנס־געגנאָסן זיינען זייער מאַטעריאַליסטיש געשטימט."

„אייער געשיכטע" — האָט סקעדל געזאָגט — „איז אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט, און איך מוז אייך מאַכן אַ קאָמפּלימענט, אַז איר זייט אַן אויסגעצייכנטער דערציילער. ווילט איר, פֿאַרשטיי איך, מיר זאָלן אייך

אפן זאָגן, וואוהין דער ווינט בלאָזט — פאַרוואָס, הייסט עס, מיר ווייזן אַ־רויס אַזאַ טיפן אינטערעס פאַר די אָרעמע אַנטלאָפענע אידן. גאַנץ אייני־פאַך: מיר טוען עס, ווייל מיר פילן אַזוי."

„קיין צווייפל נישט. אָבער איך וואָלט וועלן וויסן די מאָטיוון, ווען..."

„מיר וועלן אייך זאָגן. ווען דאָס איצטיקע פייער אין רומעניע זאָל זיך אויסשפּרייטן, וועלן אייערע גלויבנס־גענאָסן..."

„איר האָט דאָך מיר געוואָלט דערקלערן די מאָטיוון. פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע מײַנע גלויבנס־גענאָסן."

„קורץ געדערדט: מיר ווילן אויסווירקן — אין פאַל, ווען עס וועט נויטיק זיין — אַן אינטערווענציע פון דער עסטרייכישער רעגירונג און אפילו פון דער באַוואָפנטער מאַכט. און צו דעם דאַרפן מיר האָבן אייער הילף. מיר ווייסן, אַז איר זייט שטאַרק אַנגעלייגט ביים וויזשניצער רבין, און מיר ווייסן אויך, אַז דער רבי האָט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף די רעגירונגס־קרייזן. קורץ..."

„האָט איר נישט אַליין ערשט נישט לאַנג געזאָגט, הער האָפּראַט, אַז מיט אַ פאַנצער פון פאַפּנדעקל..."

„יאָ, דאָס איז אָבער געווען אידער די שׂרפה איז אויסגעבראָכן. איצט פלאַקערט אַ בראַנד פייער און מ'דאַרף עס זען אויסצולעשן וואָס גיכער. איך ווייס, אַז אויך איר פאַרמאָגט וועלדער אויף דער אַנדערער זייט גרע־בעץ. אָט די — ווי זאָל איך נאָר זאָגן — די מגפה ווייסט נישט פון קיין גרענעצן און פאַרשפּרייט זיך ווי אַ העליש פייער. וואָלט איר נישט וועלן דאָ צולייגן אַ האַנט צו העלפן?"

„מייַנע הערן, דער וויזשניצער רבי וועט זיך קיינמאָל נישט אַריינ־מישן אין אַ רעגירונג־אַנגעלעגנהייט, ווען ער איז נישט פולשטענדיק אי־בערצייגט, אַז דאָ האַנדלט זיך אויסשליסלעך וועגן אידן."

„וועגן דעם רעדט זיך דאָך, הער פּרעזידענט. מיר זיינען גראָד איצט אין דער אומגליקלעך־גליקלעכער לאַגע, וואָס מיר האָבן דאָ איצט הונ־דערטער אַנטלאָפענע, קרבנות פון אָט דער שׂרפה. זיי זיינען דאָך לעבע־דיקע עדות פון דעם גורל, וואָס עס דערוואַרט אייערע אַנדערע גלויבנס־גענאָסן אין רומעניע, אויב ס'קומט נישט הילף אין צייט."

„נאָר שנעלע און ענערגישע הילף קאָן ראַטעווען די אידן" — האָט פישער צוגעגעבן.

„הערט, מייַנע הערן: איך קען זייער גוט דעם וויזשניצער רבין. ער וועט עפּעס טאָן ערשט נאָך דעם, ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז אַן אָפיציעלע קערפּערשאַפט האָט שוין אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן וועגן דעם. איך שלאָג דעריבער פאָר, אַז מ'זאָל נאָך היינט אָוונט רופן אַ ספּעציעלע זיצונג פון דעם סערעטער געמיינדע־ראָט. דאָרט וועלן מיר באַשליסן צו

שיקן וועגן דעם אַ טעלעגראַפּישן פֿאָרשלאָג צו זיין מאַיעסטעט. דערנאָך וועלן מיר לאָזן פֿאָטאָגראַפֿירן אַלע אָרעמע אַנטלאָפֿענע אידן, און די פֿאָ־טאָגראַפֿיע, צוזאַמען מיט אַן אָפּשריפֿט פֿון דער אָפּיציעלער טעלעגראַמע, וועלן מיר איבערשיקן צום רבין קיין וויזשניץ."

35

דער שני, וואָס איז פֿאַרמיטאָג אויסגעפֿאַלן, איז פֿאַרשוואונדן. אַ גרויסע מאַסע מענטשן, אַנטלאָפֿענע און היימישע, גימנאַזיסטן און דער־וואַקסענע, האָט זיך אין יענעם מילדן, פֿרילינגדיקן לבנה־אָוונט אַרומ־געדרייט אין פֿראָנט פֿון דעם ראַטהויז. כדי צוצוגעבן חשיבות, האָט מען אויך אָנגעצונדן דעם גאַז־לאָמפּ. הגם אין איילעניש געראָפֿן, זיינען געקומען אַלע ראַט־מענער. עס איז אַפֿילו געקומען דער ראַטמאַן פּאַוועל אַנדריוק, וועלכער האָט פֿאַרטראָטן די סערעטער פֿאַרשטאָט סאַנט אָנופֿרי. די געמיינדע־זיצונגען פֿלעגן זיין עפֿנטלעכע, זיינען איצט שוין אויך אַלע בענק פֿאַר די געסט געווען פֿאַרנומען. סקעדל איז געווען פֿאַרבעטן, ווי אַן ערן־גאַסט, און מ'האָט אים אַוועקגעזעצט אין פּרעזידיום אויבנאָן, צווישן דעם בירגערמייסטער פֿראַנץ בייל און סענדער שלמה שרייבער. דער ערש־טער האָט געגרעדט סקעדל. ער האָט דערציילט, ווי אין דער וועלט־גע־שיכטע זיינען שוין גרויסע מלוכות פֿאַרזונקען געוואָרן אין אַש און שטויב צוליב אומאָרדענונג, בפֿרט אָבער צוליב פֿויערישע אומרוען.

נאָך אים האָט גערעדט סענדער שלמה שרייבער: ווי נויטיק עס איז, אַז יעדער מענטש און יעדע געזעלשאַפֿט זאָל אַליין ווערן אַ פֿייער־לעשער, ווען ביים שכן ברעכט־אויס אַ שׂרפֿה. דער בירגערמייסטער בייל האָט גע־האַלטן אַ פֿייערלעכע רעדע: „מיינע הערן געמיינדע־ראַטמענער! איר האָט אויף מיר אַרויפֿגעלייגט די שווערע משא פֿון אַ בירגערמייסטער, און איך טראָג זי, די משא, זייט יאָרן אויף מיינע פּלייצעס. ווייל אונזער שטאָט קאָן בלייען נאָר, ווען יעדער איינער בלייבט אויפֿן פּאָסטן, וואו מען האָט אים אַוועקגעשטעלט. היינט שטייען מיר פֿאַר אַן ערנסטער און שווע־רער אויפֿגאַבע, וואָס איז איבער אונזערע אייגענע כּוחות: צו העלפֿן אונ־זערע פֿריינט און שכנים. אָנגעזעענע גוט־באַזיצער, וועלכע זיינען נישט קיין פֿרעמדע ביי אונז אין סערעט, וועלכע פֿלעגן דאָ יאָר־איין יאָר־אויס זיין אונזערע געסט, זיינען אַצינד אין געפֿאַר צו פֿאַרלירן זייער באָדן אונ־טער די פֿיס, זייער עקזיסטענץ, יאָ — אַפֿילו זייער לעבן. אין דער זעל־בער געפֿאַר איז אויך די אידישע באַפֿעלקערונג. ס'איז פֿאַר אונז אַ גרוי־סער כּבֿוד צו קאָנען אויפֿנעמען ביי אונז אַ טייל פֿון די אַנטלאָפֿענע. אָ־בער אונזערע כּוחות זיינען צו קליין פֿאַר אַלץ, וואָס די אומשטענדן פֿאָ־

דערן פון אונז. איך בעט דעריבער די זייער געערטע ראַטמענער צו באַ־שליסן, אַוועקצושיקן צו זיין מאַיעסטעט די פאָלגנדיקע טעלעגראַמע:

„דער געמיינדע־ראַט פון דער שטאָט סערעט בעט אונטערטעניק הילף פאַר אומגליקלעכע קרבנות פון טעראָריסטישע באַנדעס אין רומעניע סטאַפּ באַשיידענע מיינונג פון געמיינדע־ראַט איז בעס־טע הילף דורך מיליטערישער אינטערווענציע.

איך האָף, אַז דער פאָרשלאָג איז איינשטימיק אָנגענומען.״

האָט זיך אויפגעהויבן דער ראַטמאַן פּאַוועל אַנדריוק: „איך פּראָטעס־טיר שאַרף קעגן דעם אינהאַלט און דעם טאָן פון דער טעלעגראַמע. ווי וואַגן מיר אָנצורופן די פּויערים ,טעראָריסטישע באַנדע׳? איך שטים קעגן דער טעלעגראַמע, און איך וועל שטימען קעגן יעדער טעלעגראַמע, וואָס וועט פאַרלאַנגען זיך אַריינצומישן אין פרעמדע אָנגעלעגנהייטן.״

דער שניידער פּינחס שערער, דער צווייטער פאָרזיצער פון דעם ניי־געגרינדעטן כאַציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין אין סערעט, האָט נישט גע־וואוסט, ווי מען דאַרף זיך באַציען צו דעם פּויערים־אויפשטאַנד אויף יע־נער זייט גרענעץ. אָבער ער האָט פיינט געהאַט סענאַטער שלמה שרייבערן. און אַזוי ווי ער האָט געזען, אַז שרייבער איז קעגן דעם פּויערים־אויפ־שטאַנד און פאַר אַן אינטערווענציע, האָט ער, דורך צווישן־רופן פון דער צוהערער־באַנק אונטערשטיצט פּאַוועל אַנדריוק.

פראַנץ בייל האָט זיך געבעטן ביי אַנדריוקן און געפּרוּווט אים איינ־רעדן: „שטערט נישט די האַרמאָניע פון אונזער שטאָט. וואָס וועט די ברייי־טע וועלט דענקען וועגן אונז, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז אפילו צוועלף ראַטמענער קאָנען נישט האָבן די זעלבע מיינונג. און איר דאַרפט דאָך פאַר־שטיין, אַז מיר קאָנען אַזאַ טעלעגראַמע צו זיין מאַיעסטעט שיקן נאָר, ווען מיר וועלן דערצו האָבן אַן איינשטימיקן באַשלוס.״

„אָט טאַקע דאָס וויל איך נישט צולאָזן״ — האָט געזאָגט אַנדריוק.

„בראַוואָ, אַנדריוק!״ — האָט געשריען פּינחס שערער.

אַנדריוק האָט געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז דער געמיינדע־ראַט זאָל אַריי־בערשיקן אויף דער אַנדערער זייט עטלעכע מענטשן, וועלכע זאָלן זיך דאָרט אויפן אָרט באַקענען מיט די פאַרהעלטנישן. אויב די פאַרהעלטנישן דאָרט זיינען באמת אַזוי שלעכט, וועט ער שטימען פאַר דער טעלעגראַמע. אַנדריוקס פאָרשלאָג איז דורכגעפאַלן. מען האָט אָבער גאָרנישט דאָקעגן. האָבן זיי דערקלערט, אַז ער אַליין זאָל אַריבערפאָרן אויף דער אַנדערער זייט. „יעדער ווייסט זיין פּלאַץ, וואוהין ער געהערט״ — האָט פראַנץ בייל געזאָגט פאַרביטערט.

די טעלעגראַמע האָט מען נישט געקאָנט אַוועקשיקן.

פינחס שערער האָט זיך פֿאַרגעשלאָגן, אַז אויב אַנדריוק רעכנט באמת אַריבערצוגיין אויף דער אַנדערער זייט, און אויב ער קאָן צוואַרטן ביז מאָרגן באַנימטאָג, וועט ער מיט אים מיטגיין.

36

אין סערעטער האָטעל „אַנבאַ־הויף" האָבן דער הויפּטמאַן לופּעסקו און זיין פרוי, מאַריאַ, געוואַרט אויפן קאַרפּאַראַל וואַסילי. מאַריאַ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט נישט קומען. לופּעסקו איז שוין אומרואיק געוואָרן — ס׳וואָלט אפשר פּאַרט בעסער געווען, ווען ער זאָל געווען וואַסילין באַלד מיטגענומען מיט זיך. ער האָט אייגנטלעך נישט שטאַרק זיך געבומען צום האַרצן דאָס, וואָס איז איצט פֿאָרגעקומען. טאַקע דערצויגן געוואָרן אין אַ מיליטערישער שול; אָבער איבעריק אַמביציעז איז ער נישט געווען און האָט גענומען דאָס לעבן, ווי ס׳האָט זיך געלאָזן. אַ סך פון זיינע קאָלעגן זיינען אים אַריבערגעוואַקסן אין דער קאַריערע, אָבער אים האָט עס ווייניק וואָס געאַרט. שפּעטער האָט ער באַגעגנט מאַריאַן. עס האָט איצט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט אַרויסגעשוואומען פון אַ מאַנאַטאָן, פלאַך וואַסעריל אין זיין קאַזאַרמע־לעבן און וואָלט זיך געלאָזן אין אַ ברייטן, רוישנדיקן שטראָם. דאָס האָט אָבער אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע צייט. וואָרום באַלד האָט ער זיך דערוואוסט, אַז זיין פרוי האָט באַציאונגען מיט אַ העכערן אָפיציר. ס׳האָט אים ווי געטאָן און ער האָט מיט איר זיך דורכגערעדט וועגן דעם. זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיי פירן אַ פּוסט, אומאינטערעסאַנט לעבן. דורך פּראָטעקציע איז איר געלונגען דורכצוזעצן, אַז מ׳זאָל איר מאַן דערהויבן צום ראַנג פון הויפּטמאַן, און דערנאָך האָט מען אים צוגעטיילט צו דער רומענישער לעגאַציע אין לאָנדאָן. דאָ איז שוין דאָס לעבן געווען אינטערעסאַנטער, אָבער אויך דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. די לעצטע חדשים אין לאָנדאָן איז ער ווידער באַפאַלן געוואָרן פון גלייכגילטיקייט און אַפּאַטיע.

צוריקגעקומען אין רומעניע, האָט ער בלויז אַ קורצע צייט געדינט ביי זיין רעגימענט, דערנאָך האָט מען אים באַשטימט אויף דעם איצטיקן פּאָסטן ביי דער גרענעץ. דאָ איז אַריינגעקומען אַ נייער מאָמענט אין זיין לעבן: אָנהויפן וואָס מער געלט. צוערשט האָט ער אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיטן געלט. שפּעטער איז אים איינגעפאַלן צו קויפן אַ גרויס גוט, אויב ער וועט קאָנען אָנזאַמלען גענוג געלט פאַר דעם. איצט איז אים שוין גאָרנישט געווען אַלץ־איינס, צי בלייבט ער אויף דעם פּאָסטן, אָדער נישט. פאַרקערט, ער האָט דאָ געמאַכט אַ סך געלט און געוואָלט וואָס לענגער דאָ בלייבן. ער האָט ליב געהאַט זיין פרוי, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל

נישט געגעבן די מי, זי בענטער צו קענען און זי צו פאַרשטיין. ער האָט באַמערקט, אַז זיין פרוי איז נישט גלייכגילטיק צו וואַסילין. ווען ער האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז וואַסילי האָט אַ כלה, איז זיין אייפערזוכט פאַרשוואונדן. ער האָט אפילו ליב געהאַט וואַסילין דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט געשטעלט קיין פאָדערונגען: וויפל ער זאָל אים נישט געגעבן, ווי אַ חלק פונם שמוגל־געלט, האָט עס וואַסילי שטענדיק, אומגעציילטערהייט, גלייכגילטיק באַהאַלטן, קיין וואָרט נישט געזאָגט, קיין שום טענות נישט געהאַט.

און דאָ האָט ווידער עפעס צעטרייסלט זיין לעבן — נישט פון אינעווייניק, נאָר אויסערלעך. ער האָט עס דערפילט צום ערשטן מאָל, ווען ער איז יענעם אָוונט געווען מיט זיין לייטענאַנט פון צווייטן פאָסטן אין „אידאַ־היים." ער האָט געהאַט אפילו דעם אָנבליק פון אָט דעם אַמעריקאַנער, וואָס האָט אויסגעזען און גערעדט ווי אַ דייטש. קיינמאָל פריער האָט ער נישט געפילט אַזאַ פאַרלאַנג אויסצופאַטשן אַ מענטשן, ווי אָט דעם אַמעריקאַנער. נישט וואָס און ווי אַזוי אָט דער מענטש רעדט, האָט אים אַזוי אויפגערעגט, נאָר וואָס ער רעדט בכלל. און נאָך מער אומרואיק איז ער געוואָרן, ווען אָט דער אַמעריקאַנער איז געקומען צו אים מיטן בריוו. דערנאָך האָט מען אים גערופן צו אַ באַראַטונג אין באָטאָשאַני, און לעצטענס אין דאָראָהאָי. ער האָט אפילו נישט אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס די פויערים פאַרלאַנגען, פאַרוואָס זיי האָבן זיך צעבונטעוועט און פאַרוואָס מען דאַרף זיי באַקעמפן. דאָס אַלץ איז אים פאָרגעקומען, ווי עפעס אַ מין קראַנקהייט, וואָס באַפאַלט עמיצן, און מ׳דאַרף זוכן אַ מיטל פון איר פטור צו ווערן, כדי ווידער צוריקקומען צום נאָרמאַלן צושטאַנד. און דער „נאָרמאַלער צושטאַנד" איז ביי אים איצט געווען: דאָ ווייטער בלייבן אויף זיין איצטיקן פאָסטן, כדי צו קאָנען דערגרייכן זיין ענד־ציל — זיך קויפן אַ גוט.

ווען ער איז געריטן אויף זיין פערד פון דאָראָהאָי צוריק קיין ווערפולי, איז אים גאָרנישט איינגעפאַלן אין וואָס פאַר אַ געפאַר ער געפינט זיך. אַזוי אויך, ווען ער האָט געהייסן וואַסילין איינפאַקן די דאָקומענטן און איז מיט זיין פרוי אַוועק פון גרענעץ־פאָסטן קיין סערעט. אַלץ האָט ער געטאָן בלויז, ווייל זיינע עלטעטע האָבן אים באַפוילן אַזוי צו טאָן.

דער האָטעל „אַנבאַ־הויף" האָט אויסגעקוקט ווי אַ טייך, וואָס ווערט אַלץ פולער און פולער, אַלץ באַוועגלעכער און אַלץ מער רוישיק. יעדעס מאָל האָט מען אַרויסגעלאָזט אַנדערע קלאַנגען, און די זעלבע מענטשן, וואָס האָבן עס פאַרשפרייט, האָבן זיך דערנאָך ווידער גיריק צוגעהערט צו דעם. ס׳האָט זיך געגרינדעט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט צוגעגרייט אַ באַל אויף מאָרגן אָוונט, טאַקע אין זעלבן האָטעל. און אין זעלבן אָטעם האָט מען גע-

רעדט וועגן שווערע קאַמפֿן אויף יענער זייט גרענעץ, וועגן טויטע און פֿאַרוואונדעטע.

„מיט וואַסילין האָט געמוזט עפּעס פּאַסירן" — האָט דער הויפּטמאַן לופּעסקו געזאָגט צו זיין פֿרוי — „מיר וועלן מוזן פֿאָרן קיין דאַראַהאַי אָן אים. זיי וועלן אים קיין שלעכטס נישט טאָן, ווייל ער האָט זיך דאָך מיט זיי שטענדיק גוט פֿאַרהאַלטן. און אפשר — ווער ווייסט? עס איז דאָך אַ מין עפּידעמיע, וואָס איז באַפֿאַלן דאָס לאַנד, די פּויערים, און אפשר אונז אַלע. איך דערמאָן זיך, וואָס ס'האָט אַמאָל ביי אונז פּאַסירט, ווען איך בין נאָך געווען אינסטרוקטאָר ביי רעקרוטן. דער פֿעלדוועבל טאַראַכקו האָט דריי מאָנאַטן צייט געלערנט די רעקרוטן פֿון מיין אָפּטיילונג צו דערקענען דעם ראַנג פֿון די עלטסטע אין אונזער רעגימענט. דאָס איז זיי זייער שווער אָנגעקומען, ווייל זיי האָבן נישט געקענט לייענען און שרייבן. בלויז איינער האָט זיך געפֿונען אין דער אָפּטיילונג, וואָס האָט געקענט לייענען און שרייבן — אַ איד, סראָלקע האָט ער געהייסן. אָבער שטענדיק איז ער געזעסן אַ פֿאַרחלומטער. וויפֿל מאָל דער פֿעלדוועבל האָט אים עפּעס געפֿרעגט, פֿלעגט ער זיך אויפֿכאַפּן, ווי פֿון חלום, ווי אַ נישט־דאָאיקער, קוקן אַרום זיך אַ צעשראָקענער און נישט געוואוסט אפֿילו וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און יעדעס מאָל ביי אַזאַ געלעגנהייט פֿלעגט דער פֿעלדוועבל הייכן סראָלקעס שכן, אים דערלאַנגען מיט דער פֿויסט אין פּנים אַריין. קוים האָט סראָלקען ביי אַזאַ קלאַפּ זיך נישט געלאָזט דאָס בלוט פֿון דער נאָז, האָט דער שכן געמוזט נאָך אַמאָל אַ זעץ טאָן. עס פֿלעגט אַזוי אָנגיין אַ לאַנגע צייט. סראָלקע האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט און פֿלעגט זיך בלויז שווייגענדיק אָפּווישן דאָס בלוט פֿון דער נאָז, פֿון מויל, פֿון פּנים, גלייך גאָרנישט וואָלט געשען. ביז איינמאָל, ווען דער פֿעלדוועבל האָט ווידער געהייסן דעם שכן אַ זעץ טאָן סראָלקען אין פּנים, האָט סראָלקע זיך אַ כאַפּ געטאָן און דערלאַנגט דעם פֿעלדוועבל אַזאַ קלאַפּ, אַז דער פֿעלדוועבל איז אַוועקגעפֿאַלן. און מערקווירדיק — די גאַנצע אָפּטיילונג איז געווען אויף סראָלקעס זייט, אפֿילו דער שכן זיינער, וואָס האָט אים באַדאַרפֿט שלאָגן. פֿאַרשטייט זיך, אַז סראָלקע האָט דערפֿאַר באַקומען פֿינף יאָר געפֿענגעניש."

מאַריאַ האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט. ס'איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איר מאַן האָט איר ווען ס'איז עפּעס דערציילט. געוויינלעך פֿלעגט ער צו איר נישט מער רעדן, ווי עטלעכע ווערטער. אָבער פֿאַרוואָס האָט ער עס איר דערציילט? האָט ער מיט סראָלקען געמיינט וואַסילין? אָבער וואַסילין האָט דאָך קיינער נישט געשלאָגן! זיינען עס, די פּויערים סראָלקעס? וואַסילי האָט דאָך זיי קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן! זי איז געווען באַזאָרגט וועגן וואַסילין; וואָרום פֿאַר איר איז שוין קלאָר גע־

ווען, אַז וואַסילי געפינט זיך איצט זיכער אויף דער אַנדערער זייט, און אפשר טאַקע שוין אין קאַמף.

„ס'פּאַלט צו די נאַכט" — האָט געזאָגט לופּעסקו — „מיר וועלן שוין היינט נישט פאָרן. איך וועל זען ערגעץ צו קריגן אַ צימער ביי באַקאַנטע און וועל באַשטעלן אַ פור, און מאָרגן גאַנץ פרי וועלן מיר אַריבערפאָרן קיין מיהאַלעני."

„גוט. איך וועל דאָ צוואַרטן."

„אָבער פריער מוזן מיר עפּעס עסן."

ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען עפּעס צו באַשטעלן. די קעלנער, ווי די קיכער האָבן זיך נישט געריכט אויף אַזאַ איבערגעלויף און האָבן זיך אינגאַנצן פאַרלוירן. ס'איז שווער געווען אפילו צו קריגן אַ גלעזל משקה, דער זאַל איז שוין געווען באַלויכטן. בעת לופּעסקו האָט געזוכט מיט די אויגן אַ באַקאַנטן קעלנער, האָט ער פּלוצים דערהערט פון אַלקער אַ שעפּ־כשענדיקע שטים. ער האָט נישט געקאַנט זען ווער דאָס איז, און מסתם האָט יענער אים אויך נישט געזען. נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס, האָט ער גענומען זיך אונטערהערן און אַלץ געטראַכט וועמענס שטים דאָס קאָן זיין, וואָס איז אים אַזוי באַקאַנט. מאַריאַ האָט באַלד דערקענט, אַז דאָס איז די שטים פון דעם פאַרהאַכטן אַמעריקאַנער און זי האָט אויך גענומען זיך צוהערן:

„דעם אמת געזאָגט, מיין ליבער משה, קאָן איך נישט פאַרשטיין די היגע אידן. קעגן וועמען, מיינט איר, זיינען דען די גאַנצע אומרוען, אויב נישט קעגן די אידן? ווער שטייט דאָ אין געפאַר, אויב נישט די אידן? און ווען מער לייגט זיי פאָר אַזאַ גלענצנדע אידייע, ווי שאַפן אַ זעלבסטשוץ און באַוואַכן די גרענעץ, איז קיינער נישטאָ אין דער היים — זיי האָבן מוראַ!"

לופּעסקו און זיין פרוי האָבן זיך איינגעהערט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָ־טעם. ביידע האָבן געוואוסט, אַז אָט דער מענטש שטרענגט זיך אָן צו אָר־גאַניזירן פּאָגראָמען, און פּלוצים הערן זיי, ווי ער רעדט וועגן אָרגאַניזירן אַ אידישן זעלבסטשוץ!

זיי האָבן זיך ווייטער אונטערגעהערט: „קיינער נישטאָ אין דעם היים, איז ריכטיק... ווער זיצט דאָס אין דער היים, בעת אַ חתונה אָדער אַ שרפה?"

„איצט איז נישט די צייט פאַר שיינע רייד, משה. אייערע אידן זיי־נען... ווייסט איר וואָס זיי זיינען? איך וועל אייך זאָגן: טרוסן!"

„יאָ? איך וואָלט אייך נישט געוואונטשן אַריינצופאַלן אין די הענט פון אונזערע אידישע באַלעגאַלעס. איר האָט זיי באַדאַרפט זען צוריק מיט צוויי יאָר, ווען ס'האָט דאָ אויסגעבראָכן אַ געשלעג ביים בויען דעם נייעם בית־מדרש. דער אידישער קאָמיטעט האָט געהאַט אָפּגעצוימט דעם פּלאַץ

צום בויען. באַוויזן זיך בערל וויגלער און טעאָפּיל קאָנסטאַנטינאָוויטש און דערציילן אַ מעשה, אַז זיי האָבן אַ רעכט אויפן פּלאַץ, ווייל זיי האָבן שוין פריער פאַרהאַנדלט וועגן דעם מיט טשעכאָוויטשן. זיי ווילן דאָרט, זאָגן זיי, אויפבויען אַ גרויס הויז פאַר קאָמאַרניקעס. און ווען מ'האָט זיי נישט נאָכגעגעבן, האָבן זיי געבראַכט אויפן פּלאַץ צוואַנציק פון די בעסטע שלעג־גערס אין שטאָט. נו, נו, זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן די אידישע באַלע־גאָלעס, און קאָנסטאַנטינאָוויטש און בערל וויגלער און פינף פון די שלעג־גערס זיינען דערנאָך אָפּגעלעגן וואָכן לאַנג אין בעט; און די אַנדערע וואוילע יונגען האָבן נישט געוואַגט מער זיך צו באַווייזן אין מאַרק, ביז מ'האָט זיך נישט איבערגעבעטן אין דיקערס שענק. די היגע אידן זאָגן דאָס זעל־בע, וואָס די קצבים האָבן ערשט מיט צוויי שעה צוריק געזאָגט: זיי וועלן זיך באַטייליקן אין זעלבסטשוץ, ווען דער פּרעזידענט פון דער אידישער געמיינדע און דער בירגערמייסטער..."

„... און ווען די קריסטלעכע באַפעלקערונג וועט זיך באַטייליקן. איר האָט עס מיר שוין איין מאָל געזאָגט. איך האָב אייך געהאַלטן פאַר אַ סך אַ פּעאיקערן מענטש. נו, גוט. מיר וועלן מאָרגן ווייטער רעדן וועגן דעם. זייט ביי מיר מאָרגן ניין אינדערפרי. אויב איך בין נישטאָ אין צי־מער, וואַרט אויף מיר אין קאָרידאָר."

פאַרן הויפּטמאַן לופּעסקו איז געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער, ווי אַ פונקציאָנער פון דער רעגירונג, זאָל נעמען געלט פון די שמוגלערס פאַר לאָזן אין די נעכט אַריבערפירן איבער דער גרענעץ שניט־סחורה, גאַלאָשן און אַנדערע זאַכן. אַזוי האָט זיך געפירט זיין פאַרגייער, און אַזוי וועט עס אויך טאָן זיין נאָכפאָלגער. דאָס איז געווען ווי אַ טייל פון זייער אַמט־פונקציע. אָבער אַז איינער און דער זעלבער מענטש זאָל אויף איין זייט גרענעץ אָרגאַניזירן אַ פּאָגראָם און אין דער זעלבער צייט אָרגאַניזירן אויף דער אַנדערער זייט גרענעץ אַ זעלבסטשוץ — דאָס האָט ער שוין נישט געקאָנט באַגרייפן. ווייזט אויס, אַז דאָס איז אויך אַ סימפּטאָם פון יענער אומבאַקאַנטער קראַנקהייט, וואָס האָט געבראַכט אַזאַ אומרו אויפן לאַנד און אויף אים אַליין, און האָט אים געצוואונגען — האָפנטלעך נישט אויף לאַנג — צו פאַרלאָזן דעם גרענעץ־פּאָסטן.

ענדלעך איז אים געלונגען עפּעס צו באַשטעלן ביי אַ באַקאַנטן קעל־נער. מער ווי וואורשט, ביר און ברויט האָט מען שוין נישט געקאָנט באַ־קומען. ער האָט אויף גיך אָפּגעגעסן און איז געלאָפן פאַרזאָרגן אַ צימער און אַ פור. מאַריאַ איז געבליבן אַליין ביים טיש. זי האָט קוים זיך צוגערירט צום עסן — אירע געדאַנקען זיינען געווען באַשעפטיקט מיט דעם, וואָס זי האָט ערשט נאָר וואָס געהערט. זי האָט געפרואווט צו דערגיין אַ טאָלק אין אָט דעם פלאַנטער, און האָט נישט געקאָנט. ליבקס פון איר איז דער

מאַרק געווען באַלויכטן פונעם גאַז־לאַמטערן, איז דאָרט געווען ליכטיק, ווי בייטאָג. רעכטס, איבערן פינצטערן רואינען־באַרג, איז געלעגן ווערפולי, און אין ווערפולי געפינט זיך וואַסילי. אויף אַ מאָמענט האָט זי אַ טראַכט געטאָן: זיך אויפהייבן און לויפן צוריק קיין ווערפולי. אָבער זי איז גע־בליבן זיצן.

דערווייל האָט מען דעם צענטער פון זאַל אָפּגערייניקט צום טאַנצן. זי האָט עס ערשט באַמערקט, ווען אַ קאַפּעליע האָט מיט גאַנץ פאַלשע טענער אָנגעהויבן שפּילן און ס'איז צוגעקומען צו איר דער אַמעריקאַנער:
„מעג איך בעטן, גנעדיקע פרוי?"

זי האָט אים שאַרף אָפּגעזאָגט.

„איר זייט נישט די איינציקע, גנעדיקע פרוי, וואָס איז געטראָפן גע־וואָרן פון דעם אומגליק. אָבער מען טאָר נישט דעם מוט פאַרלירן."

קורט קראַוטער האָט זיך פאַרנויגט און איז פאַרשוואונדן צווישן דעם טאַנצנדיקן עולם.

37

שוין זייט איבער אַנדערהאַלבן יאָר איז אָנגעגאַנגען אַ מחלוקת צווישן די אידישע קצבים אין סערעט פון איין זייט און דעם באַלעבאָס פון „אידאַ־היים", פּייוול פראַנט מיט זיינע אָנהענגער פון צווייטן צד. קיינער פון די ביידע צדדים, נישט די „אידאַ־היים" און נישט די קצבים, האָבן אייגנט־לעך נישט געהאַט קיין שום דירעקטע פערזענלעכע סיבה צו דער דאָזי־קער שנאה. אָבער קיינער אין שטאָט האָט אפילו נישט געפּרואווט — ווי ס'פירט זיך געוויינלעך צווישן אידן — זיך איינלייגן צו מאַכן שלום צווישן זיי. אפילו דער דיין ר' נטעלע, וועלכער האָט איצט פאַרטראַטן דעם רב אין שטאָט און איז תמיד געווען באַשטרעבט ס'זאָל הערשן שלום־ושלוה צווישן אידן, האָט אויך געהאַלטן פון דער דאָזיקער מחלוקה: „שלוחי מצוה אינם ניזוקין" — לשם מצווה ווערט מען נישט געניזוקט. און די גאַנצע מחלוקה איז דאָך לשם שמים...

און צו דער דאָזיקער קריגעריי איז דאָך באמת געקומען נישט גלאַט צוליב ערדישע זאַכן. עס איז געווען פאַר כל־נדרי. די גרויסע שוהל איז פול געווען מיט מענטשן, אָנגעהויבן פון די שול־גבאים ביי דער מזרח־וואַנט, ביז די באַלעגאַלעס אונטן ביי דער טיר און אויך יענע, וועלכע קומען אין שוהל אַריין בלויז ראש־השנה און יום־כיפור. די אידן אין די ווייסע טליתים און קיטלען, און די הונדערטער וואַקסענע ליכט האָבן צו־געגעבן דעם האַלב־טונקעלן חלל פון דער שול אַ מיכטעריעזע שטימונג. מען האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען די ספרי־תורות פון ארון־קודש און

דער חזן איז גרייט געווען אָנצוהויבן „אור זרוע לצדיק ולישרי לב שמחה" — נאָר פּלוצים באַמערקט ער, אַז צווישן די חשובע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן געהאַלטן די ספרי־תורות, געפינט זיך אויך פּייוול פּראַנט פון „אידאַ־היים". דער חזן האָט אַ וואונק געטאָן דעם גבאי און אים עפּעס אַ זאָג געטאָן אויפן אויער. אַ שעפּטשעריי פון עולם איז דורכגעלאָפן איבער דער גאַנצער שוהל. מען האָט געבעטן פּייוול פּראַנט, ער זאָל איבערגעבן דאָס ספר צו אַ צווייטן. ער האָט נישט געוואָלט. מען האָט זיך גענומען דינגען — אַ מינוט, צוויי, ס'איז שוין אַריבער אַ פערטל שעה, אַ האַלבע שעה — פּייוול פּראַנט האַלט זיך ביי זיינעם: ער גיט נישט אָפּ דאָס ספר. ס'איז דערוויל צוגעפאַלן די נאַכט — אין אַנדערע בתי־מדרשים האָט מען שוין פון לאַנג געהאַט אָפּגעזאָגט „כל־נדרי", מען האַלט שוין דאָרט ביי די „יעלות" — און דאָ רירט מען זיך נישט פון אָרט. אַ פּחד איז אַלעמען באַפאַלן — מען טאָר נישט לענגער אויפהאַלטן. האָט זיך דער פּראַצענטניק בערל וויגלער אָנגענומען מיט כוח, איז צוגעגאַנגען צו פּייוול פּראַנט און אים געזאָגט: „קהל האַלט, אַז דו ביסט נישט ראוי צו טראָגן אַ ספר־תורה."

ביז איצט האָט פּייוול פּראַנט נישט געענטפערט קיין וואָרט אויף אַלע זלזולים פון די אַרומיקע. אָבער איצט איז ער אַרויס מיט לשון: „איך שטיי מיט אַ ספר־תורה, און דו, בערל וויגלער, האַלטסט אויך אַ ספר־תורה. איך בין, הייסט עס, נישט ראוי דערצו, ווייל איך האַלט אויף אַ נפקא־בית, און דו, בערל, ביסט יאָ ראוי. וויל איך איר זאָלט אַלע וויסן, אַז ער, בערל וויגלער, קומט אַריין אין מיין נפקא־בית צוויי מאָל אין יעדער וואָך. און ער איז נישט דער איינציקער. אויב איר וועט ווייטער צושטיין איך זאָל אָוועקגעבן די ספר־תורה, וועל איך אָנרופן נאָך נעמען פון שיינע אידן דאָ."

צווישן עולם איז געוואָרן אַ רעש, וואָס האָט זיך דערטראָגן אַזש ביז אַרויף צו דער ווייבערשער שוהל. די קצבים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, און דער אַלטער זישע קצב האָט געשריען: „לאָזט מיך! איך וועל אים ווייזן, וואָס ס'מיינט זיך אָקעגנשטעלן גאַנץ קהל. איך וועל אים באַווייזן, דעם גראָבן־יונג, אַז אין דער תורה שטייט בפירוש..."

דאָ האָט זיך דערהערט ר' נטעלע דיינס קול: „איך הייס אַלעמען שווייגן! וואָס מיינט איר? איר וועט אין אַזאַ הייליקן טאָג פאַרשוועכן דעם מקום־קדוש מיט צאַנקערייען און אפשר נאָך — חס־וחלילה — מיט שלעגערייי? מיר הויבן אָן: 'על דעת המקום ועל דעת הקהל... אנו מתירין להתפלל עם העבריינים'."

אָט דער פּסוק — ווער ווייסט פון ווען און פון וועמען — וואָס הייסט מתפּלל זיין אויך אין דער אָנוועזנהייט פון פרעמדע, און וואָס ווערט פאַר כל־נדרי איבערגעחזרט פונם חזן דריי מאָל, האָט קיינמאָל זיך אַזוי נישט

געפאַסט, ווי צום היינטיקן כל־נדרי. דעם גאַנצן אויפדערנאַכט און אויך דעם גאַנצן טאָג יום־כיפור האָט מען זיך אפילו מער נישט אומגעקוקט אויף פייוול פראַגנט. ערשט ווען מ'האָט אָפגעבלאָזן שופר און דער עולם איז אַרויס פון שוהל, זיינען עטלעכע קצב־יונגען נאָכגעגאַנגען פייוול פראַגנטן און זיי האָבן אים אַזוי צעבויקערט, אַז ער איז אָפגעלעגן עטלעכע וואָכן אין בעט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער געקריג צווישן די קצבים און פייוול פראַגנט. אויף זיין צד זיינען געווען קודם־כל די חזירים־שמוגלער, פריינט פון פייוול פראַגנטס דייטשן שווער, טירינגער. איבער אַ יאָר צייט האָבן די צוויי צדדים זיך געזידלט, געסטראַשעט איינער דעם צווייטן, אָבער צו קיין גרעסערע צוזאַמענשטויסן איז עס נישט געקומען. ביז איינמאָל אַן אָוונט אין פאָריקן האַרבסט איז די קריגערײַ אַריבער אין אַ פאַרביטערטער שלאַכט, פון וועלכער די קצבים זיינען אַרויס די זיגער. אָבער אויך איצט איז עס געווען בלויז אַ „מלחמת אלוקים”.

❦ 38 ❦

זלמן פליקער האָט געשיקט זיין זיבעצן־יאָריקע טאָכטער, רחל, מיט אַ וויכטיקן בריוו קיין ווערפולי, זי זאָל אים איבערגעבן וואַסילין. זי איז געגאַנגען איבער דער שטאָט סערעט, כאָטש דער וועג איז געווען אַ לענגערער, ווייל דאָס וואַסער אין טייך איז דאָס מאָל ווידער געווען צו טיף. זי האָט איבערגעגעבן דעם בריוו און זיך געלאָזט גיין אַהיים, אָבער פלוצים האָט גענומען שטאַרק רעגענען. זי האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן און איבערוואַרטן אין די סאָלדאַטסקע באַראַקן, נאָר דאָ האָט זי, לינקס פונעם וועג, באַמערקט אַ שיין, העל־באַלויכטן הויז. זי האָט זיך אַרונטערגעשטעלט אונטערן דעכל און נישט געוואַגט אפילו אַריינצוגיין. דאָ מוזן וואוינען זייער רייכע מענטשן, האָט זי געטראַכט. אָבער אָט עפנט זיך די טיר, און אַ בלאָנדע, מיטליאָריקע פרוי זאָגט צו איר זייער פריינטלעך: „קומט אַריין, פריילין, איר וועט דאָך אינגאַנצן דורכגעווייקט ווערן.”

רחל האָט גערן אָנגענומען די איינלאַדונג, וואָרום אירע האָר זיינען שוין געווען פיטש־נאַס, דער רעגן איז איר אַריינגערונען אפילו אין די שיך. מ'האָט זי אַריינגעפירט אין אַ וואַרעם, אָנגעהייצט צימער. רחל איז נאָך פריער קיינמאָל נישט געווען אין יענער אָפגעלעגענער גאַס און ס'איז צום ערשטן מאָל, וואָס זי האָט געזען אָט די בלאָנדע דאַמע. די פרוי איז ווידער געווען זייער פריינטלעך, געפרעגט רחלען וועך עס זיינען אירע עלטערן און איר געבראַכט אַ גלאָז הייסע טיי: „אייער טאַטע גייט נאָך אַלץ אַרום איבער די דערפער? אַ שווערער לעבן. איר האָט נאָך ברידער,

שוועסטער? איר מוזט אוודאי דעם טאַטן צוהעלפֿן ביי דער אַרבעט? פֿון אַזאַ פּרנסה קאָן מען גאָרנישט אָפּשפּאָרן — נישטאָ אוודאי אפילו נישט קיין גראָשן אויף נדן. ווען איר זאָלט וועלן בלייבן ביי מיר — אַ לייכטע אַרבעט, און שיינע קליידער. אין זעקס מאָנאַטן קאָנט איר דאָ מער אָפּשפּאָרן, ווי אייער טאַטע פֿאַרדינט אַ גאַנץ יאָר. פּאַרוואָס טרינקט איר נישט די טיי, שיינענקע? איר ציטערט דאָך פֿאַר קעלט. טרינקט, דאָס וועט אייך דערוואַרעמען."

די פֿרוי איז געווען אַזוי לאַקריץ־זיס, אַז רחל האָט זיך אַזש דערפֿילט נישט באַקוועם מיט איר. ס'האָט זי דערמאָנט אָן אַ מעשהלע, וואָס זי האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק געלייענט. די פֿרוי האָט געשטעלט פֿראַגן און אפילו נישט געוואַרט אויף אָן ענטפֿער. דער רעגן האָט געקלאַפּט אין די שויבן, און דאָ איז געווען אַזוי ליכטיק, וואַרעם פֿון דעם איינגעהייצטן אויוון. אין דרויסן איז געווען פֿינצטער און נאַכ, און דאָ האָט אַזוי געשמעקט די הייסע טיי. די פֿרוי האָט גענומען איר אויסטאָן די נאַסע שיך און זאָקן. פֿאַר גרויס פֿאַרלעגנהייט, האָט איצט רחל גענומען דאָס הייסע גלאָז טיי און עס אויסגעטרונקען מיט איין מאָל. אַ וואַרעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין אירע גלידער. די פֿרוי האָט איר אָנגעטאָן אַ פּאָר טרוקענע, וואַרעמע שטעק־שיך און געבראַכט נאָך אַ גלאָז טיי. רחל האָט אַ ווײַלע געצעגערט, אָבער דערנאָך האָט זי אויסגעטרונקען אויך דאָס צווייטע גלאָז טיי.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווי די מאַמע פֿלעגט אָפֿט טענהן צום טאַטן: „די גרויסע שטאָט איז אַ ברכה. דאָרט דאַרף מען נישט קיין נדן פֿאַר אַ טאָכטער, ווען זי איז שיין. אַ מיידל, וואָס לייענט אַזוי פֿיל ביכער און שרייבט אַזוי שיין, ווי אונזער רחלע, קאָן אין אַ גרויסער שטאָט באַקומען אַרבעט און פֿאַרדינען אַ סך געלט. אָבער דו ווילסט דאָך דאָ בלייבן דיין גאַנץ לעבן, ביז דאָס קינד וועט פֿאַרבליען און קיין מענטש וועט אפילו נישט וויסן פֿון איר. אַז מ'האָט נאָר צו טאָן מיט פּויערים. מ'האַלט אין איין פֿאַרריכטן פּעלצן, און מ'האָט אפילו נישט קיין צייט אַ טראַכט צו טאָן וועגן אַ תכלית פֿאַר די קינדער." פֿלעגט דער טאַטע ענטפֿערן: „אין דער גרויסער שטאָט זיינען דאָ גרעסערע קבצנים, ווי מיר זיינען. און ביכער לייענט מען נישט, כדי צו פֿאַרדינען געלט, פּונקט ווי מען עסט נישט, כדי צו קענען אַרבעטן. מ'אַרבעט, כדי מ'זאָל האָבן וואָס צו עסן. מיר האָבן אויך חתונה געהאַט אָן נדן." נאָר די מאַמע האָט זיך געהאַט איר טענה: „אָבער ווען איך זאָל דיר געווען געבן נדן, וואָלטן מיר היינט נישט געווען קיין אָרעמע־לייט." געוויינלעך פֿלעגט זיך אַט אַזאַ שמועס ענדיקן מיטן טאַטנס אָנשטעל: „נו, וואָס־זשע ווילסטו? וועלן מיר מאָרגן גיין צום רבֿ און נעמען אַ גט." דערביי פֿלעגט ער אַזוי האַרציק זיך צעשמייכ־

לען און אַ שלעפּ טאָן די מאַמען צו זיך. און די מאַמע — פּלעגט אים אויך ארומנעמען...

„אַט אַזוי, קליינינקע, אַזוי האָב איך ליב, זיסענקע, גיב אַ קוש...“

וואָס איז דאָס? ס'איז דאָך נישט דעם טאַטנס קול, נישט זיינע ווער־טער. אַ מיאוסער גערוך פון ביר און רויך האָט אַ זעץ געטאָן אין נאָז. זי האָט זיך אויסגעריסן פון יענעמס הענט, און דערזען פאַר זיך אַ פּנים, וואָס האָט זיך געוואָלט טוליען צו אירן, אַ פּאָר אויגן, וואָס האָבן געגלאַנצט אויף איר ווילד און גיריק, אַן אויפגעריסן גרויס מויל, איבער וועלכן ס'זיינען נאָכגעהאָנגען אַ פּאָר דיקע, טונקעלע וואָנצעס.

„וואו בין איך?“ — האָט זי צעשראָקן געפרעגט.

„אין גוטע הענט, זיסענקע.“ און אָט די ,גוטע הענט' האָבן זי ווידער אַרומגעכאַפּט — איין האַנט אַרום דער פּלייצע, און די אַנדערע האָט געזוכט אויפצוקנעפּלען איר בלוזקע. זי האָט אָנגעהויבן הויך צו שרייען. אָבער אין אַנדערן צימער האָט געשפּילט מוזיק. האָט זי אָפּגעשטויסן פון זיך דעם פרעמדן, איז צוגעלאָפן צום פענצטער, אויפגעריסן דעם פאַרהאַנג און אַ האַלב פענצטער און האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסשפּרינגען, ווען מען האָט זי ווידער אַ שלעפּ געטאָן צוריק אין צימער אַריין. ס'האָט זיך אָנ־געהויבן אַ פאַרצווייפלטער געראַנגל.

זישע קצבס זון, ברוך, אַ געזונטער בחורעץ, איז געשטאַנען פאַר זיין יאַנוקע און אַריבערגעקוקט צו פּיוול פּראַנטס „מלוכה“, פון וואַנען כ'האָבן זיך געהערט קלאַנגען פון סענטימענטאַלער מוזיק. זיין פריינט קאַפּל האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף זיינע אַקסל און אַ זאָג געטאָן: „אַ שאָד, וואָס מיר זיינען מיט אים צעקריגט. אין אַ שעה אַרום זיינען מיר פאַרטיק מיט דער אַרבעט, וואָלטן מיר געקאָנט...“

„זעסט עפּעס?“ — האָט געזאָגט ברוך — „מ'האָט אויפגעריסן דאָס פענצטער און אַ מיידל רופט הילף. מ'האָט זי ווידער אַריינגעשלעפּט...“

„וואָס־זשע גייט עס דיך אָן? דו וואָלסט דאָך נישט וועלן...“

„חברה, קומט מיט מיר! ביי פּיוול פּראַנט ווערט איצט באַגאַנגען אַ מורד, אַ פאַרברעכן, אַ — איך ווייס אַליין נישט וואָס!“

שוין דער נאָמען פּיוול פּראַנט אַליין האָט די חברה ווי עלעקטרי־זירט. ווען מ'דאַרף גיין קעגן אַ שונא, פרעגט מען קיין קשיות נישט. זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם צוויי הונדערט מעטער־לאַנגן בערגל צום הויז צו, אָן שווערקייטן אויפגעריסן דעם טויער. איין טייל איז אַריין אין סאַלאָן, און ברוך מיט די איבעריקע זיינען אַריין אין צימער, וואו רחל האָט מיט אירע לעצטע כוחות זיך געראַנגלט מיטן שיכורן באַיאַר.

נישט דער צעשלאָגענער באַיאַר, נישט פּיוול פּראַנט און נישט די קצבי־יונגען האָבן פאַרקלאָגט איינער דעם אַנדערן. מיטן זיג פון די קצבים

איז דער ענין געווען דערליידיקט. הגם מ'האָט אַלץ נישט געמאַכט קיין שלום צווישן זיך. צווישן די קצבים און דער „אידאַ-היים" איז איינגעטראָטן ווי אַ באַוואָפנטער שטילשטאַנד. און יעדער צד האָט בלויז געוואַרט אויף אַ פּאַסיקער געלעגנהייט, מ'זאָל ווידער פאַרפירן אַ געשלעג.

ברוך האָט די טויט־מידע, צעשראָקענע רחל אַהיים געבראַכט צו אירע עלטערן. זיי זיינען געווען גליקלעך, וואָס ער האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד. זייט דעמאָלסט האָט ברוך אָנגעהויבן אַריינצוקומען צו זיי אין הויז. רחל פלעגט באַוואונדערן אָט דעם געזונטן, פּשוטן יונג, מיט דער קויל־שוואַרצער טשופּרינע האָר, וואָס איז איִם נאָכגעהאַנגען איבער דער לינקער זייט פון שטערן; און ער ווידער האָט אַלץ מער און מער דערפילט אַ שטאַרקע נייגונג צו אָט דער מיידל מיט די פאַרחלומטע אויגן, וואָס האָט געלייענט אַזוי פיל ביכער, הגם ער האָט אפילו נישט געוואוסט צו וואָס מ'דאַרף דאָס אַזוי פיל ביכער לייענען. איינמאָל האָט ער אפילו מיטגע־נומען מיט זיך רחלס אַ ביכל, געפּרוּווט עס לייענען, אָבער באַלד האָט ער עס איר צוריקגעבראַכט: „ס'איז נישט פאַר מיר... אָבער פאַר דיר, רחל, וואָלט איך זיך געלאָזט לעבעדיקערהייט באַגראָבן."

„אונזערע שונאים זאָל מען באַגראָבן" — האָט רחלס מוטער אַ מאַך געטאָן צו זיך אַליין, ווען זי האָט געהערט ברוכס ווערטער, שטייענדיק ביי דער קיך.

„איך וויל אַ חתן ווערן פאַר רחל זלמן פליקערס" — האָט ברוך גע־זאָגט צו זיין טאַטער, זישע קצב, ווען זיי זיינען ביידע שפּעט אין אָוונט אַהיימגעגאַנגען פון דער יאַטקע.

„זי האָט דאָך אָבער נישט קיין נדן, מיין זון."

„זי איז אָבער שיין ווי די וועלט, גוט ווי אַ מלאך און איך שטאַרב אַוועק נאָך איר."

„ביסט פאַרט קליגער פון מיר" — האָט זלמן פליקערס וויב געזאָגט צו איר מאַן — „איך זע ערשט איצט, אַז מ'קאָן באַגליקט ווערן, נישט וואוינענדיק אין אַ גרויסער שטאָט. נישט אומזיסט שטייט אין דער הייליקער תחנה, אַז גאָט דערהערט אפילו די שטומע."

„ווי דו געפינסט עס אויס פּסוקים אין דער תחנה! ערשטנס זיינען מיר נישט קיין שטומע, און צווייטנס שטייט נישט געשריבן, אַז גאָט דער־הערט די שטומע, נאָר אַז ער דערנידעריקט די שטאָלצע ביז טיף צו דער ערד, און דערהייבט די געפאַלענע ביז צום הימל."

„ווי פאַרהוילן עס זיינען גאָטס וועגן! צו וואָס דאַרף ער קודם דער־נידעריקן אַ מענטשן, און דערנאָך איִם דערהייבן אַזש ביז צום הימל?"

„דו רעדסט ווי אַ קינד. דו מיינסט, אַז דאָס זענען טאַקע די זעלבע מענטשן, וואָס אָט דערנידעריקט ער זיי, און אָט דערהייבט ער זיי? גאָט

טוט דאָס זעלבע ווי מיט אַ ברונעם: ווען איין עמער גייט אַרונטער, הייבט זיך דער אַנדערער עמער אַרויף.״

„זאָל דער רבונו־של־עולם טאָן וואָס ער וויל — ביי מיר דאַרף ער קיין עצות נישט פרעגן. אַבי ער האָט באַגליקט אונזער קינד.״

דאָס איז געווען אין יענע וואָכן, ווען אין רחלס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס באַוויזן, וואָס ביז איצט האָט זי עס נאָר, ווי אַ ווייטן חלום, געקאָנט אַרויסלייענען פון די ביכער. און אין אָט דער צייט האָט זי זיך אויך שטאַרק באַפריינדעט מיט אַננאַ אַקרולי. צווישן זייערע טאַטעס איז שוין פון לאַנג געווען אַזאַ פריינטשאַפט. אָבער אַזוי ווי זלמן פליקער איז זעלטן ווען געווען אינדערהיים, און די צוויי משפחות האָבן גערעדט צוויי פאַרשיידענע שפּראַכן, האָבן די קינדער ווייניק זיך געטראָפן, כאָטש זיי זיינען געווען נאָענטע שכנים. ערשט זייט רחל האָט אָנגעהויבן מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט, וואָס אַננאַ האָט באַדאַרפט מאַכן פאַר וואַסיליק, האָבן די צוויי מיידלעך אָנגעהויבן אָפטער זיך צוזאַמענקומען. זיי ביידע האָבן פאַרשטאַנען, אַז מיט אָט דעם איבערשרייבן העלפן זיי אויפטאָן אַ גרויסע אַרבעט, און זיי זיינען שטאָלץ געווען מיט דעם. אַננאַ האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז וואַסילי געהערט צו יענע, וואָס ווילן אַרויסשיילן די פאַרבאָרגענע זון פון די נעפּלען. און רחל האָט געזען אין איר ברוכן אַ מוטיקן, געוואַגטן ריטער. ווען אפילו אים אינטערעסירן נישט קיין ביכער און נישט די אַלע זאַכן, וועגן וואָס עס רעדט זיך אין אָט די פּאַפּירן, וואָס זי שרייבט איבער פאַר וואַסילין, איז אָבער ברוך אַ גוטער יונג און פאַרמאָגט אַ פיינעם כאַראַקטער.

אין אָוונט פון יענעם טאָג, ווען זלמן איז גאַנץ פרי אַוועק פון הויז און נישט געזאָגט וואוהין ער גייט, זיינען הער און פרוי אַקרולי אַריבערגעקומען צו די פליקערס אַהיים. די פרוי אַקרולי האָט געוויינט, און ער איז געווען פאַרזאָרגט און פאַרצווייפלט. דער פויער מיכאַילאָ האָט נישט געוואָגט זיי צו דערציילן, וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אַננאַ, האָבן זיי בלויז געוואוסט, אַז זייער קינד איז פאַרשוואונדן. וואָס זאָל מען טאָן? היינט נאָכמיטאָג זיינען פון טשערנאָוויץ אָנגעקומען אַ סך זשאַנדאַרן און פינאַנצוועכטער אין גרינע מונדירן. גלייכצייטיק איז געקומען אַ טעלעגראַפישער באַפעל, אַז אַלע עסטרייכישע באַוואָפנטע כוחות זאָלן דערוויל זיך האַלטן ווייט פון דער גרענעץ, ביז מ׳וועט נישט אַריינשיקן אַן אַנדערע פאַראָרדענונג. ווען אַקרולי האָט זיך דערוואוסט, אַז אַננאַ איז פאַרשוואונדן פון דער היים, האָט ער געבעטן אַ דערלויבעניש ביי זיין קאָמאַנדאַנט, אַריבערצוגיין קיין ווערפּולי. און ווען מ׳האָט אים די דערלויבעניש אָפּגעזאָגט, איז ער געוואָרן אַ פאַרצווייפלטער. אַלע האָבן געהאָפט, אָדער האָבן זיי עס געוואָלט זיך איינרעדן, אַז אַננאַ איז ביי וואַסילין. אָבער זיכער אין

דעם זיינען זיי נישט געווען. רחל האָט געוואָלט איבעררעדן קיין ווער־פולי — אָבער פאַרשטייט זיך, היינט אָוונט איז שוין צו שפּעט. די מוטער האָט עס איר דערלויבט, אָבער אונטער איין באַדינג: ברוך זאָל זי באַגלייטן.

גאַנץ פרי איז רחל אַוועק קיין סערעט. ס'איז געווען דאָנערשטיק. די געשעפטן זענען געווען פול מיט קונים, נישט נאָר צוליב די אַנטלאָפענע, נאָר טאקע ווייל ס'איז געווען ערב פסח. ברוכן האָט זי נישט געטראָפן. זיין פאָטער האָט איר געזאָגט, אַז ברוך איז צוגעפאָרן אין א דאָרף און וועט ערשט צוריקקומען שפּעט נאָכמיטאָג. זי האָט קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט צוואַרטן.

ווען ברוך איז זעקס פאַרנאַכט צוריקגעקומען, האָט זי אים מיט שרעק אין האַרצן דערציילט וועגן וואָס זי איז געקומען, מורא האָבנדיק, אַז אפשר וועט ער איר אָפּזאָגן. ברוך איז געוואָרן זייער ערנסט, אָבער ער האָט א זאָג געטאָן: „אויב אַזוי, מוזן מיר תיכף זיך לאָזן אין וועג אַריין.“

ווען זיי זענען אַרויס אין גאַס, האָט גראָד דער געמיינדע־דינער שרובעק זיך צעפּויקט און א סך מענטשן האָבן גענומען אים אַרומרינגלען. זיי האָבן געוואָלט ווייטער גיין, אָבער דאָ האָבן זיי דערהערט שרובעקס ערשטע ווערטער: „דער הער בירגערמייסטער, וועלכער זאָרגט פאַר דער זיכערקייט פון דער שטאָט סערעט, לאָזט וויסן אַלע סערעטער, יונג און אַלט, מענער, פרויען ווי קינדער, אָן אונטערשייד פון רעליגיע און שפּראַך, אַז זיי זאָלן אויסמיידן די גרענעץ. ווער עס וועט עס נישט טאָן, פאַר די קאָן נישט דער הער בירגערמייסטער איבערנעמען די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר זייער לעבן און זיכערקייט.“

„פאַר מיין לעבן איז נאָך דער בירגערמייסטער קיינמאָל נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך“ — האָט געזאָגט ברוך — „קום, רחל.“

ווען זיי זענען צוגעקומען צו די לעצטע הייזלעך פון שטאָט, איז שוין געווען טונקל. ביז צו דער גרענעץ האָבן זיי בלויז נאָך באַדאַרפט פאַר־בייגיין די „אידאַ־היים“. ווען ס'וואָלט נאָך זיין טאָג, וואָלטן זיי בעסער געגאַנגען מיטן וואַלד און אויסגעמיטן די „אידאַ־היים“. אָבער אין דער פינצטער איז געווען צו ריזיקאַליש צו גיין מיטן פייכטן וואַלד־וועג. ברוך האָט געפילט, ווי רחלס האַנט ציטערט. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַט דעם הויז: „האָב נישט קיין מורא, קינד, איך בין דאָך מיט דיר. און א חוץ דעם שלאָפן זיי דאָך נאָך אַלע דאָרט. ביי זיי הויבט זיך אָן דער טאָג ערשט צען אזייגער ביינאַכט.“

קוים זענען זיי אַריבערגעגאַנגען דאָס הויז, זענען ווי פון א באַהעל־טעניש אַרויסגעשפּרונגען פיר מענער. פּייוול פּראַנט מיט נאָך צוויי האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף ברוכן, און קורט קראַוטער האָט זיך באַמיט אַוועק־צורייסן רחלען: „איך ווייס, מיידל, אַז דו און דיין פאָטער אַרבעטן פאַר

יענע דאָרט. איך האָב געזען, ווי דו האָסט זיך אַרויסגעגנבעט, ווען איך בין געווען ביי אייך אין דער היים.״

„העלפט! העלפט!״

„דאָ וועט דיך קיינער נישט הערן, אומזיסט דיין רופן הילף. ווען דו וועסט מיר זאָגן, וואוהין דו גייסט, מיט וואָס פאַרא שליחות און ווער ס׳האָט דיך געשיקט...״

„העלפט! העל...!

ווער ווייסט וואָס ס׳וואָלט געוואָרן מיט ברוכן און רחלען, ווען ס׳קו־מען נישט אָן מיטן וועג דער ראטמאַן אנדריוק מיט נאָך צוויי פויערים פון דער סערעטער פאַרשטאָט סאנקט אָנופרי און דער וויצע־פאַרזיצער פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פאַראיין, פּינחס שרער. וואָרים ברוך, וועלכער האָט שוין געהאט אוועקגעלייגט פּייזל פּראַנטן, האָט איצט נאָך מיט די לעצטע כוחות קוים זיך געראַנגלט מיט די אַנדערע צוויי, און רחל האָט מער נישט געקאָנט טאָן, ווי בלויז רופן הילף.

די אָנפאַלער זענען צוריק אַריין אין „אידאַ־היים״ און האָבן פאַרריגלט דעם טויער. אנדריוק מיט זיינע פריינט האָבן בלויז אויסגעהאַקט אַלע פענסטער און זענען מיט ברוכן און רחלען אַוועק קיין ווערפולי.

קוים אַריבער די גרענעץ, האָבן זיי באַגעגנט צוויי באַוואָפנטע פויע־רים, וועלכע האָבן זיי פאַרהאַלטן און געפרעגט וואוהין זיי גייען. אנדריוק האָט זיי דערציילט וואָס ס׳איז לעצטע נאַכט פאָרגעקומען אין סערעט און אַז איצט גייען זיי דאָס אויסגעפינען וואָס ס׳טוט זיך דאָ, כדי דערנאָך אָפּ־צוגעבן אַ באַריכט אין סערעטער געמיינדע־ראַט. ברוך און רחל האָבן זיי געזאָגט, אַז זיי מוזן זייער גויטיק זען דעם קאַרפּאָראַל וואַסילי. די צוויי באַ־וואָפנטע פויערים איז עס פאָרגעקומען פאַרדעכטיק. האָבן זיי קודם אַלע באַזוכט, צי זיי האָבן נישט קיין וואָפן מיט זיך, דערנאָך האָט מען זיי אַ־וועקגעפירט אין שלאָס פונעם ווערפולער גוט־באַזיצער.

ס׳האָט אויסגעקוקט, ווי אין דאָרף שלאָפן שוין אַלע. נאָר דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך דורכגעלויכטן אַ בלאַס ליכט דורך אַ קליין פענסטערל פון די מיט שטרוי באַדעקטע כאַלופּעס. ביי אַ טייל הויפן האָבן זיך אויף זיי צעבילט די הינט, וואָס זענען געווען אָנגעבונדן אויף קייטן. ביים אַריינ־גאַנג צום שלאָס איז געשטאַנען אַ שטאַרקע וואַך. די צוויי באַוואָפנטע פויע־רים האָבן געזאָגט זייער לאָזונג, ביז מ׳האָט ענדלעך געעפנט דעם שווערן טויער. דער הויף און דער גאַנצער שלאָס זענען געווען העל באַלויכטן. אַ סך פויערים זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און אַרומגערינגלט די געפאַנגענע. עס האָט זיך דערהערט דאָס וואָרט „שפּיאָן״ און עטלעכע האָבן זיך אפילו אַ לאָז געטאָן צו זיי. אנדריוק, כאָטש אַליין אַן אוקראַינער, האָט אָבער, ווי

כמעט אַלע סערעטער, גוט גערעדט רומעניש: „זעט איר דען נישט, אַז מיר זענען פריינט? איך בין דאָך אַליין א פויער."

מ'האָט זיך שטילערהייט באַראַטן, און דערנאָך האָט מען זיי אָפּ־געפירט אין דער גאַלעריע. פיר מענער האָבן זיי באַגלייט — צוויי פון זיי האָבן געהאַט ביקסן און די אַנדערע צוויי היי־גאָפּלען. די גאַראַלניע איז געווען א סך גרעסער, ווי ענלעכע ברענערייען אין די עסטרייכישע דערפער. זיי זענען דורכגעגאַנגען דורך א ריזיקער אָפּטיילונג וואו עס זענען געשטאַנען גרויסע קאַטקעס, פול ביז צום ראַנד מיט ווייס־ברוינער פליסיקייט. ס'האָט געשמעקט מיט קאַרטאָפל און קוקורוזע. דערנאָך האָט מען זיי דורכגעפירט דורך דער מאַשין־אָפּטיילונג. אַלע רעדער זענען גע־שטאַנען שטיל. אין יעדער אָפּטיילונג און אין די קאָרידאָרן האָבן געברענט בלויז קליינע לעמפּלעך. אין דער שטילקייט האָבן אָפּגעהילכט די טריט פון די פאַרבייגייענדיקע. מ'האָט אויפגעשלאָסן אַ ביורא, אַריינגעפירט די גע־פאַנגענע, דערנאָך האָט מען זיי דאָרט פאַרשלאָסן.

פּינחס שערער, וועלכער האָט אַמאָל געלייענט וועגן דער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע, האָט אָפּגעאָטעמט: „דאָס געפעלט מיר."

„וואָס געפעלט דיר דאָ אזוי, פּינחס?"

„וואָס זיי האָבן אונז אַרעסטירט."

„קומט דיר אַ מזל־טוב! דאָס האָסטו דאָך, מיט א קליין ביסל אָנשטרענ־גונג, געקאָנט דערגרייכן אין סערעט אויך" — האָט געזאָגט ברוך.

„אַז דו פאַרשטייסט נישט וואָס איך מיין, קאָפּ איינער! איך האָב גע־מיינט צו זאָגן, אַז מיר געפעלט וואָס זיי זענען דאָ אַזוי פאַרזיכטיק און ווילן אַלץ פריער אויספאָרשן. מיר וואָלטן דאָך געקאָנט זיין שונאים אויך, נייך?"

„פאַרוואָס זאָלן מיר זיין שונאים? מיר זענען דען אויסן צו טאָן זיי עפּעס שלעכטס?"

„מיט אַ 'פאַרוואָס' איז נאָך גאָרנישט פאַרענטפערט. פאַרוואָס זענען דאָ מענטשן, וואָס האָבן ווייניקער שכל..."

מ'האָט אויפגעשלאָסן די טיר און ס'איז אַריינגעקומען וואַסילי. ער האָט זיך וואַרעם באַגריסט מיט רחלען און געוואָלט וויסן, צי זי האָט גע־זען אננאָן.

„און מיר זענען געווען זיכער, אַז זי איז דאָ" — האָט רחל זיך שיער נישט צעוויינט.

וואַסילי איז געווען שטאַרק באַזאָרגט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל עס אָן אים דערקענען און ער האָט זיך געווענדט צו די אַנדערע. ווען ער האָט אויסגעפונען וועגן וואָס זיי זענען אהער געקומען, האָט ער געזאָגט: „היינט אָוונט קומט דאָ פאָר א זיצונג פונעם לאָקאַלן קאָמיטעט, צוזאַמען מיט די פאָרטרעטער פון די אַרומיקע דערפער. ווען איר ווילט

זיך באַטייליקן ווי געסט, וועט איר אַליין זען, האָס עס גייט דאָ פאָר ביי אונז.״

ווידער האָט מען זיי געפירט דורך קאָרידאָרן און הויפן, ביז מען איז צוגעקומען צום הויפט־אריינגאַנג פון פריצישן הויז. מיט די הויפּט־טרעפּ זענען זיי אַריין אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען העל באַלויכטן. אַ סך פויערים האָבן געהאַלטן אין אויסשטעלן שטולן און בענק. מען האָט זיך געשפּאַרט, וואו מ'זאָל אויפשטעלן דעם טיש פאַרן פּרעזידענט און מ'האָט זיך אַנגעפרעגט וועגן דעם ביי וואַסילין. אויף די ווענט זענען געהאַנגען בילדער פון קעניגן, אָפיצירן און באַיאַרן, הערנער פון הירשן און אַלטע שווערדן.

פאַרטיק געוואָרן מיט די שטולן, און נאָכדעם ווי מ'האָט אויפגעשטעלט אַ פּראָוויזאָרישע פּלאַטפאָרמע, האָט מען געעפנט אַלע טירן און אין עט־לעכע מינוט אַרום איז דער זאַל געווען פול. וואַסילי און עטלעכע פויערים האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן ביים פּרעזידיום־טיש. דער עולם האָט גע־האַלטן אין איין רעדן. אַ פויער ביים פּרעזידיום האָט גענומען קלינגען מיט אַ גלעקל און פאַוואָליע האָט דער זאַל זיך איינגעשטילט. וואַכולי האָט איצט פאַרבעטן צום פּרעזידיום-טיש די פאַרטרעטער פון אנדערע דער־פער. צוועלף זענען זיי געווען. נאָכדעם ווי יעדער פון זיי האָט אָנגערופן זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין דאָרף, האָט מען זיי אוועקגעזעצט אין דער ערשטער ריי, און מ'האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג.

39

זינט וואַסילי האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער פויערים־באַוועגונג איז ער פול געווען מיט ליכטיקע האָפנונגען, אין חלום ווי אויף דער וואָר. ער איז זיך פאַרגעקומען ווי אַ מאַטראָז אויף אַ גרויסער שיף, וואָס שווימט צו אַ ניי לאַנד. געווען אפילו מאָמענטן, ווען ער האָט שוין בפירוש געזען די ברעגן פון יענעם לאַנד, ווי דעמאָלט, ווען ער איז געגאַנגען מיט אַגנאַן צווישן די הויכע שניי-בערג — גרינע לאָנקעס, באַוואַסערט מיט ריקעס און טייכלעך, באַשטראַלט פון זון-ליכט, באַשאָטנט מיט בוימער און באַ־וואַכט פון קייטן ריזיקע בערג. אין די גראָזן און קוסטן לויערן נאָך שלאַנ־גען און ווילדע חיות; וועט דער קאַמף זיין אַ שווערער, אָבער דער זיג וועט זיכער קומען.

און אָט שטייט ער דאָ אין גרויסן זאַל פון דעם ווערפּולער שלאָס, אַרומגערינגלט מיט כמעט אַלע היגע פויערים און מיט די פאַרטרעטער

פון אַרומיקע דערפֿער. אַלע קוקן צו אים אַרויף. ער, דער מאַטראָז, האָט זיך איצט געפֿילט ווי אַן אָנפֿירער פֿון אַ רעטונג־שיפֿל, וואָס האָט געראַטעוועט אַ גרופּע מענטשן פֿון אַ שיף־קאַטאַסטראָפֿע. אָבער די שיף איז נישט אונטערגעגאַנגען. זי שווימט ערגעץ וואו איבערן ברויזנדיקן ים און קעמפֿט מיט פֿיינטלעכע כּוחות. און ער, וואַסילי, שטייט איצט ביים שטייער־רודער, דאַרף זען צו באַקעמפֿן אַלע שוועריקייטן און צופֿירן דאָס שיפֿל צו דער גרויסער שיף. ווייל נאָר דער הויפּט־קאַפּיטאַן האָט דעם קאָמפּאַס צו יענעם סודות־פֿולן לאַנד. וואָלט נאָר אַננאַ מיט אים געווען! מיט איר צוזאַמען וואָלט ער געקאָנט באַקעמפֿן אַלע שוועריקייטן. וואו איז זי? ווערט זי איצט געטריבן פֿון ווילדע כוואַליעס אויפֿן ים? איז זי געפֿאַלן אַ קרבן פֿון שונא? ער האָט נישט געוואָלט צולאָזן אַזאַ געדאַנק; און דאָך האָט ער געפֿילט, אַז די כּוחות פֿאַרלאָזן אים, אַז די פֿיס בויגן זיך אונטער אים.

אַ געמורל פֿון עולם האָט אים אַרויסגעבראַכט פֿון זיינע געדאַנקען. אַלע האָבן געוואַרט ער זאָל רעדן. דאָ, אין דעם רעטונג־שיפֿל, מוז ער אַליין זיין דער קאַפּיטאַן; ווען נישט, זיינען אַלע פֿאַרלוירן. ער מוז נעמען דעם רודער אין האַנט און אָנהויבן שטייערן, ער מוז אַרויסגעבן באַפֿעלן און אָנווייזונגען: „מיינע פֿריינט! מיר שטייען אין קאַמף אין אַ צייט, ווען מיר זיינען נאָך נישט גענוג גרייט צום קאַמף; און דעריבער איז אונזער לאַגע אַ סך אַ שווערערע, ווי מיר האָבן זיך פֿאַרגעשטעלט. מיר האָבן...”

„אָבער מיר האָבן דאָך געזיגט” — האָט עמיצער געשריען פֿון זאַל — „די זשאַנדאַרן זיינען אַוועק. און מיר וואָלטן פֿאַר זיי נישט קיין מורא געהאַט, אפֿילו ווען זיי זיינען דאָ. מיר האָבן ביקסן און מיר זיינען הונדערט מאָל שטאַרקער פֿון זיי.”

„זיי זיינען בגנבה אַנטלאָפֿן.”

„טרוסן.”

„זיי האָבן מורא באַקומען!”

„איצט קאָנען מיר טאָן וואָס מיר ווילן.”

„ליבע פֿריינט” — האָט געזאָגט וואַסילי — „באַטראַכט נאָר: דער ווינטער איז אַוועק, דער שניי איז צעגאַנגען — האָבן מיר שוין מיט דעם געזיכערט אונזער שניט? קאָנען מיר ביי דער איצטיקער לאַגע שוין רעדן וועגן איינזאַמלען די תּבֿואה? איר ווייסט דאָך זייער גוט, אַז דעם פּויערס אַרבעט הויבט זיך ערשט אָן, ווען עס קומט דער פֿרילינג. מיר...”

„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער אַרבעט פֿון אונזער קאָמיטעט? האָבן מיר נישט פֿאַריאָגט די גוט־באַזיצערס און די זשאַנדאַרן?”

„מיר זיינען אין אַ לאַגע, ליבע פֿריינט, ווי די פֿעלדער אין פֿרילינג. נאָך מער: פֿאַר אונז איז נאָך אפֿילו דער שניי נישט צעגאַנגען. איך וועל אייך זאָגן, ווי אַזוי דאָס איז געשען. ס'איז אונז באַפֿאַלן דער ווינטער, נאָך

אײדער מיר האָבן פֿאַרענדיקט דאָס זײען. איצט מוזן מיר צוזאַמעננעמען אַלע אונזערע כּוחות, אַז מיר זאָלן כאָטש אין צײַט פֿאַרטיק װערן מיט אונדער זומער־פֿאַרזײ. אויב מיר װעלן דאָס נישט טאָן, קאָן קומען אַן אומגליק. מיר דאַ זײַנען בלויז אַ קלײנער טײל פֿון דעם גאַנצן פֿאַרנעם. אויב מיר זיגן נישט אין גאַנצן לאַנד, װעט אונז גאָרנישט העלפֿן, װאָס די באַיאַרן און זשאַנדאַרן זײַנען אַנטלאָפֿן פֿון די אַרומיקע דערפֿער. מיר װילן דעריבער פֿריער אויסהערן די דעלעגאַטן פֿון אַט די דערפֿער, הערן װי די לאַגע איז דאָרטן, דערנאָך װעלן מיר האַלטן אַן עצה, מיט װאָס און װי אַזוי מיר קאָנען צוהעלפֿן צום געמײנזאַמען קאַמף."

ס'האָט זיך נאָך געפֿילט אַן אומצופֿרידנקײט צװישן עולם, עס האָבן זיך אַפֿילו געלאָזט הערן עטלעכע צװישן־רופֿן, אָבער ענדלעך האָבן אָנגעהויבן רעדן די פֿאָרטרעטער פֿון די שכנישע דערפֿער. אַ טײל האָבן צוערשט נישט געקאָנט עפֿענען דאָס מויל. װאַסילי האָט זײ געמוזט „מונטערן" און באַרואיקן. אַנדערע האָבן אָנגעהויבן רעדן װעגן אײן זאַך, האָבן אײנמיטן זיך דערמאָנט, אַז מ'האָט זײ געהײסן עפּעס איבערגעבן, האָבן אָנגעהויבן אַ צװײטן ענין, און װידער אײנמיטן שטײן געבליבן און נישט געװאוסט, װאָס װײטער צו רעדן. אָבער פֿון די אַלע האַלב־דערזאָגטע, האַלב־צעדרײטע רעדעס, האָט מען דאָך געקאָנט זיך שאַפֿן אַ בילד פֿון דער לאַגע: כּמעט אומעטום האָבן אויסגעפֿעלט מענטשן, װאָס קענען שרײבן. אין צװײ דערפֿער, פֿון װעלכע עס זײַנען אויך די גלחים אַנטלאָפֿן, איז נישט געװען קײן אײנציקער, װעלכער זאָל קענען דורכפֿירן די רעגיסטראַציע פֿאַר ערד־צעטײלונג. די דעלעגאַטן פֿון יענע דערפֿער האָבן דעריבער געבעטן, מען זאָל זײ שיקן מענטשן, װעלכע קענען שרײבן. אין אַנדערע דערפֿער זײַנען געװען בלויז צו עטלעכע ביקסן, און די װאָפֿן פֿון די מײסטע פּויערים זײַנען באַשטאַנען אין הײ־גאָפּלען און קאָסעס. אין אײן דאָרף האָט דער גוט־באַזיצער אונטערגעצונדן די שײַערס, סטאַדאָלעס און שטאַלן, איז דער גרעסטער טײל בהמות פֿאַרברענט געװאָרן. זײ בעטן דעריבער מען זאָל זײ שיקן לעבנס־מיטל, מעלקנדיקע קי און שפּײַז פֿאַר די בהמות.

נישט געקוקט אויף דעם, װאָס די דעלעגאַטן האָבן אַזוי אומבאַהאָלפֿן גערעדט, האָט מען זײ רואיק אויסגעהערט און װאַסילי האָט אַלץ פֿאַרשריבן. ער האָט שוין געזען, אַז אויך אין די אַנדערע דערפֿער האָט מען נישט געהאַט קײן אמתן באַגריף װעגן דער לאַגע, פּונקט װי אין װערפּולי. קײנער פֿון זײ האָט נישט פֿאַרשטאַנען, אַז זײ געפֿינען זיך דאַ אָפּגעזונדערט פֿון דער גאַנצער גרויסער באַװעגונג און אַז דאָס װיכטיקסטע איז איצט, קודם כּל אײַנצושטעלן אַ פֿאַרבינדונג מיט די אַנדערע.

דער לעצטער פֿון די דעלעגאַטן האָט גערעדט אַ פּויער פֿונם דאָרף מילעבקאָוץ. אפֿשר װײַל ער האָט שוין פֿריער געהערט די אַנדערע רעדן

און אפשר ווייל ער איז פון נאַטור אויס געווען אַ דרייסטער — סיי ווי, ער האָט שוין גערעדט מיט אַ סך מער זיכערקייט: „פּויערים, קריסטן, ביי אונז אין דאָרף איז געשען אַ גרויס אומגליק. ווען די גלעקער האָבן זיך צעקלונגען, זיינען מיר זיך אַלע צוזאַמענגעקומען. פאַר אַ סך פּויערים איז דאָס געווען ווי אַן איבערראַשונג, און דערצו האָט דער קאָמיטעט זיי נישט געקאָנט האַלטן אין צוים. פּויערים האָבן גענומען לויפן צום הויף פון גוט-באַזיצער. אַ חוץ דעם וועכטער לופּו איז דאָרט קיינער נישט געווען. איצט האָבן מיר שוין דאָרט נישט אין שלאָס אַזאַ שיינעם זאַל, ווי דאָ — וואָס מען האָט נישט געקאָנט מיטנעמען, האָט מען צעבראָכן. אַ סך פון אונזערע פּויערים האָבן איצט קליידער און פּעלצן, וואָס זיי וועלן אפילו קיינמאָל נישט קאָנען אָנטאָן. אָבער דאָס איז נאָך גישט דאָס הויפּט־אומ־גליק. ווי איר ווייסט, געפינט זיך ביי אונז אַ גרויסע גאָראַלניע מיט אַ סך שנאַפּס. האָבן די מייסטע פון אונזער דאָרף געבראַכט פלעשער, קאַנעץ און עמערס, און מיט זיי אָנגעפילט אין דער היים גאַנצע פעסער מיט בראָנפן. איצט ליגן שיכור נישט נאָר די דערוואַקסענע, נאָר אפילו קינדער. אַ חוץ די מיטגלידער פון קאָמיטעט און נאָך עטלעכע פּויערים, איז איצט אפילו נישטאָ קיינער אין דאָרף, וואָס זאָל אַכטונג געבן אויך די בהמות. ווען די זשאַנדאַרן זאָלן צוריקקומען, וואָלטן נאָר זייער ווייניק אימשטאַנד געווען צו פאַרטיידיקן דאָס דאָרף. מיר זיינען היינט אינדערפרי אַרומגעגאַנגען זיך דורכשמועסן מיט זיי, אָבער גיי רעד מיט שיכורע מענטשן."

„און וואָס איז מיט אונזער בראָנפן?" — האָט מען אָנגעהויבן שרייען פון זאַל.

„יעדער ווייסט, אַז ווערפולי האָט די גרעסטע גאָראַלניע. פאַרוואָס האָט נאָך ביז איצט קיינער נישט באַקומען אפילו אַ קעלעשיקל שנאַפּס?"

ס'איז געוואָרן אומרואיק אין זאַל. ס'איז געווען קלאָר, אַז די צווישן־רופן האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג. אומזיסט האָט וואַסילי זיך באַמיט זיי איינ־צושטילן און רעדן צו זיי. צום גליק זיינען אַריינגעקומען צוויי באַוואָפנטע פּויערים, זיינען גלייך צוגעגאַנגען צו וואַסילין און אים עפּעס געזאָגט אויפן אויער. פאַר נייגעריקייט, האָט דער עולם זיך איינגעשטילט. וואַסילי האָט זיך געווענדט צום עולם: „צוויי מענטשן זיינען אַריבערגעקומען פון דער אַנדערער זייט גרענעץ און ווילן מיך בויטיק זען. איך בעט אַלעמען צו בלייבן דאָ אין זאַל; אין עטלעכע מינוט אַרום וועלן מיר ווייטער אָנגיין מיט די פאַרהאַנדלונגען."

אין אַ צימער פון שלאָס האָבן געוואַרט אויף וואַסילין צוויי מענטשן פון סערעט. וואַסילי האָט זיי געקענט פון זען, איצט האָבן זיי זיך פאַר־געשטעלט: „טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש, פאַרזיצער פון דער פאָלקס ליי־און שפּאַר־קאַסע, און מיין שותף, בערל וויגלער."

„און וואָס ברענגט איך אַהער?"

„מיר האָבן איך געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן" — האָט געזאָגט קאָנס־טאַנטינאָוויטש — „אַז איר שטייט דאָ אַלע פאַר אַ גרויסער געפאַר."

וואָס ווילן אייגנטלעך אָט די מענטשן, האָט געטראַכט וואַסילי. קאָנס־טאַנטינאָוויטש און וויגלער זיינען געווען באַוואוסט, אויך צווישן די היגע פויערים, ווי מיאוסע פראַצענטניקעס. וואָס־זשע פאַר אַ געפאַרן זיינען דאָס, קעגן וועלכע זיי ווילן אויפמערקזאַם מאַכן? מיינען זיי דעם אויפ־שטאַנד? זיי זיינען זיכער פון די באַיאַרן, וואָס געפינען זיך איצט אין סערעט...

בשעת וואַסילי האָט אַזוי נאָכגעטראַכט, צו דערגיין די סיבה פון זייער קומען אַהער, האָט זיך אָנגערופן בערל וויגלער: „אייערע מענטשן האָבן געמאַכט אַן איבערפאַל אויף עסטרייכיש אייגנטום. מען האָט איינ־געבראָכן די טירן און אויסגעהאַקט די פענצטער אין 'אידאַ־היים'..."

„...און פיוול פראַגנט איז אַזוי צעשלאָגן, אַז מען ווייסט נישט, צי וועט ער אַרויס אַ לעבעדיקער" — האָט צוגעגעבן קאָנסטאַנטינאָוויטש — „גאַנץ סערעט איז אויפגעבראַכט וועגן דעם."

וואַסילי האָט זיך דערשראָקן: ווען באמת מענטשן פון ווערפולי... אָ־בער דאָס קאָן דאָך נישט זיין!

ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן וואָס וואַסילי טראַכט, האָט קאָנסטאַנ־טינאָוויטש אַ זאָג געטאָן: „קאָן זיין, אַז איר האָט עס נישט געוואָלט. אָ־בער מען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַטיי־ליקט אין איבערפאַל, זיינען געווען שיכור. פאַרשטייט זיך, פאַר שיכורע קאָן קיינער נישט פאַראַנטוואָרטלעך זיין. אָבער די גרעסטע געפאַר אייערע איז דער שנאַפּס."

„דער שנאַפּס?"

„מיר ווילן איך העלפן פטור ווערן פון אָט דער געפאַר — אמת, מיר וועלן נישט לייקענען: אויך אין אונזער אייגענעם אינטערעס. ווען איר האָלט אונז פאַרקויפן דעם שנאַפּס, וואָס געפינט זיך דאָ אין דער גאָראַלניע און ווען..."

„מיר האַנדלען דאָ נישט מיט קיין שנאַפּס און מיר האָבן דערווייל גאָרנישט וואָס צו פאַרקויפן. איבעריקנס טאָר מען דאָך גאָרנישט אַרייג־פירן קיין שנאַפּס פון רומעניע קיין סערעט."

„דאָס לאָזט שוין איבער צו אונז. מיר קאָנען נאָך היינט אין דער נאַכט אַריבערפירן דעם גאַנצן שנאַפּס, און קיין מענטש וועט אפילו נישט וויסן. אי איר באַקומט געלט, אי איר ווערט פטור פון אַ געפאַר."

„אויב איר זייט צוליב דעם אַהער אַריבערגעקומען, מיינע הערן, איז אייער מי געווען אומזיסט."

„איבערלייגט אייך."

„איך האָב נישט וואָס צו איבערלייגן און האָב נישט וואָס צו פאַרקויפן. קומט אין עטלעכע וואָכן אַרום, וועלן מיר וויכן, ווי מיר שטייען — אפשר וועלן מיר דעמאָלט רעדן וועגן דעם. דערווייל האַלטן מיר אינמיטן פון אַ באַראַטונג און איך האָב נישט קיין צייט."

„הער קאַרפּאַראַל, מיר ווילן רעדן גאַנץ אָפן. איר זייט דאָך אַ גרעניעץ־וועכטער, און איר פאַרשטייט די זאַך פונקט אַזוי גוט, ווי מיר. אין עסטרייך איז דאָ געוויס שנאַפּס. אויב מיר ווילן איצט קויפן אייער שנאַפּס, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל איצט דאַרפן מיר נישט צאָלן קיין צאָל און דאַרפן אויך קיינעם נישט געבן קיין שווייג־געלט. היינטיקע נאַכט איז נאָך אָפן די גרענעץ און ס'איז אַ גוטע געלעגנהייט פאַר אונז און פאַר אייך. ווער ווייסט וואָס מאָרגן וועט זיין, און מיט געלט אין קעשענע..."

„איר מוזט תיכף פאַרלאָזן דאָס הויז. איך וועל אייך מיטגעבן באַגלייטער ביז צו דער גרענעץ..."

„מיר וועלן אייך געבן זיבעציק טויזנט לעי, אַכציק טויזנט. איר וועט חרטה האָבן."

בעת וואַסילי איז נישט געווען אין זאַל, האָט זיך דאָרט געטומען טראָגן אַ געוויטער. זייט חדשים האָט קיינער פון די פויערים זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו טרינקען אַ גלעזל בראַנפן. אָבער איצט, האָבן די פויערים געטענהט, איז דאָך נישטאָ קיין באַלעבאָס איבערן שנאַפּס — נישט קיין גוט־באַזיצער און נישט קיין וועכטער. דער שנאַפּס איז אונזערער! אַט דער געדאַנק אַליין האָט זיי באַרוישט, ווי דער שנאַפּס גופא. דער דעלעגאַט פון מילענקאָוויץ האָט זיי נאָך אַמאָל געוואָלט קלאָר מאַכן וואָס פאַר אַן אומגליק דער שנאַפּס האָט געבראַכט אויף זייער דאָרף, אָבער קיינער האָט אים נישט געוואָלט הערן.

ווען וואַסילי האָט זיך אומגעקערט אין זאַל, האָט ער געהאַט דעם איינדרוק, ווי ווען אַ שטורעם דאַרף באַלד אויסברעכן. אַ סך האָבן גאַרנישט באַמערקט, אַז וואַסילי איז שוין ווידער אויף דער פּלאַטפאָרמע. אָבער ווען ער האָט געגעבן אַ צייכן מיטן גלאָק, האָט דער זאַל געטומען זיך איינשטילן:

„פריינט! פויערים! צוויי סערעטער זיינען ערשט געווען ביי אונז. זיי זאָגן, אַז מענטשן פון אונזער דאָרף זיינען באַפאַלן אַ הויז אויף יענער זייט גרענעץ, האָבן אויסגעבראָכן טיר און פענצטער און האָבן געשלאָגן דעם באַלעבאָס. איך בעט די יעניקע, וועלכע האָבן דאָס געטאָן, זיך אָנצורופן."

עס האָבן זיך אויפגעשטעלט די סערעטער. אַלעמענס בליקן זיינען איצט געווען געווענדט צו זיי. וואַסילי האָט זיי געבעטן אַרויפצוקומען אויף דער פּלאַטפאָרמע, און אַנדריוק האָט גענומען רעדן אין נאָמען פון די אַנ־

דערע. ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען, און אַלע האָבן גע־שפּאַנט זיך צוגעהערט.

„אַזאַ לומפּ..."

„אַזעלכע באַנדיטן..."

וואַסילי האָט אייגנס נישט דערציילט, אַז יענע צוויי האַרשוין האָבן געוואָלט ביי זיי אָפּקויפן דעם שנאַפּס; ער האָט געהאַפט, אַז די פויערים וועלן דערווייל פאַרגעסן זייער פריערדיקן פאַרלאַנג. ער האָט דעריבער באַלד נאָך אַנדריוקס רייד, געוואָלט צו זיי רעדן וועגן דעם, ווי נויטיק ס׳איז אַוועקצושיקן קיין דאַראַהאַי עטלעכע הונדערט באַוואָפנטע מענטשן, היגע, ווי אויך פון אַנדערע דערפער: „מיר מוזן אונטער אַלע אומשטענדן זיך פאַרבינדן מיט יענע, וועלכע קעמפן אין צפון און מזרח. ווען מיר וועלן דאַראַהאַי..."

„און וואָס איז מיטן שנאַפּס?" — האָט מען געשריען פון עולם, וועל־כער האָט זיך ווידער אָנגעצונדן מיט פאַרלאַנגען.

וואַסילי האָט גערעכנט אַליין זיך צו שטעלן אין שפּיץ פון אַ באַ־וואָפנטער אָפּטיילונג, וואָס זאָל גיין אויף דאַראַהאַי. אָבער איצט איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ער טאָר נישט פאַרלאָזן דאָס דאָרף, איידער עס וועט נישט דערליידיקט די פראַגע וועגן שנאַפּס. נישט איבערלייגנדיק לאַנג, האָט ער מיט אַלע כוחות איבערגעשריען דעם געטומל פון עולם: „דעם שנאַפּס מוזן מיר פאַרניכטן!"

ווי אַ דונער וואָלט זיי אַלעמען געטראָפן. אַ סך האָבן זיך אויפגע־הויבן פון די פּלעצער, און אַן אַלטער פויער האָט געשריען: ווער וויל פאַרניכטן דעם שנאַפּס?"

„ווער? ווער?"

וואַסילי האָט געענטפערט מיט אַ געלאַסענער, אָבער פעסטער שטים: „איך, מיר אַלע, וויל אויב נישט, וועט דער שנאַפּס אונדז פאַרניכטן."

„דו? ווער ביסטו אַזוינס? אַ פרעמדער, אַ צוגעקומענער. מיט דעם, וואָס דו פאַרדינסט, קאָנסטו זיך קויפן אַזוי פיל שנאַפּס, וויפל דו ווילסט נאָר אַליין, מיר האָבן נישט קיין געלט צו קויפן. דעם שנאַפּס ווילן מיר!"

„מיר ווילן דעם שנאַפּס!"

„דעם שנאַפּס אַהער!"

ביים שיין פון דעם נאַפט-לאָמפּ איז איצט וואַסיליס פּנים געווען נאָך בלאַסער און אָפּגעצערטער. ער איז געשטאַנען, ווי איינער ביים ברעג פון אַ צערוישטן ים, וועמענס כוואַליעס עס נעמען זיך דערנענטערן צו זיינע פיס. די מיטגלידער פונם קאָמיטעט האָבן געגומען זיך גרופּירן אַרום אים, ווי זיי וואָלטן וועלן אים באַשיצן. אויף אַ מאָמענט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די כוואַליע האָט זיך באַרואיקט און נעמט זיך צוריקציען. אָבער איין

פויער האָט זיך צעשריִען: „יעדער פון אונז זאָל זיך אָנפילן אַ פלאַש!"

„אַ גאַנץ פעסל!"

„וועט דאָך זיין, ווי ביי אונז אין מילענקאָוץ. אַלע וועלן זיך אָנ־שיכורן, און זיי וועלן..."

אויף דעם איז אַריינגעלאָפן אַ באַוואָפנטער פויער און אויסגערופן: „עסטרייכישע זשאַנדאַרן האָבן פאַרנומען די גרענעץ!"

„וואָס ווילן זיי דאָ?"

וואַסילי איז צוגעגאַנגען נעענטער צום עולם: „זיי וואַרטן בלויז, מיר זאָלן זיי געבן אַ געלעגנהייט, צו האָבן אַ תירוץ אַריינצומאַרשירן אַהער. מיר שטייען פאַר אַ געפאַר פון אַלע זייטן..."

„דערפאַר ווילן מיר טאַקע איצט דעם שנאַפּס, נישט ווען עס וועט שוין זיין צו שפּעט."

„יאָ, אַצינד, באַלד!"

„דעם גאַנצן שנאַפּס פאַרטיילן."

„מיר קאָנען אים מישן מיט וואַסער, וועט נישט זיין אַזוי געפערלעך."

„אָבער שיכורערהייט וועלן מיר זיך נישט קאָנען פאַרטיידיקן. מען וועט דאָך אונז אויסשעכטן ווי די בהמות."

„דער שנאַפּס איז אונזערער און קיינער האָט נישט קיין רעכט אים צוצונעמען ביי אונז."

וואַסילי האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ בינטל שליסלען: „איר זייט גערעכט, דער שנאַפּס איז אייערער, און אויך די פעלדער און דאָס גוט. איר אַליין דאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן. דאָ זיינען די שליסלען צום מאַגאַזין."

ס'איז געוואָרן שטיל, ווי דער צעווילדעוועטער ים וואָלט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט — מ'האָט געקאָנט הערן דאָס קלאַפּן פון אייגענעם האַרץ. ס'איז נישט געווען מער פון וועמען עפּעס צו פאַרלאַנגען — זיי האָבן זיך פלוצים דערפילט אָן אַ באַלעבאָס. איצט מוזן זיי אַליין באַשליסן, און יע־דער האָט אָנגעהויבן צו פילן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף די אייגענע פּלייצעס. אויס צופלוס און אויס אָפּפלוס — דער ים איז געשטאַנען שטיל, גלאַט ווי אַ שפּיגל.

בלויז איינער האָט געפרעגט: „מעג איצט יעדער איינער זיך נעמען שנאַפּס?"

„אָט דאָ זיינען די שליסלען."

און ווען אַלע האָבן געשוויגן, האָט וואַסילי ווייטער געזאָגט: „פויערים, ביז איצט האָט איר געאַרבעט, און אייער גאַנצע פּראַצע האָט געהערט צו אַנדערע. איצט איז די ערד אייערע. אָבער איר ווייסט זייער גוט, אַז די פּרוכטבאַרסטע ערד וועט נישט אויפגיין, אויב מען באַאַרבעט זי נישט

פריער. אויבן ביי יאַסי, באַטאָשאַני און דאָראָהאָי קעמפן די פויערים קעגן די זשאַנדאַרן און סאָלדאַטן פון די גוט־באַזיצערס. אויב די פויערים דאָרטן וועלן באַזיגט, האָבן אויך מיר פאַרלוירן דעם קאַמף. מיר מוזן זיי העלפן. אויב מיר וועלן גיין אויף דאָראָהאָי, וועלן מיר זיך קאָנען פאַראייניקן מיט די דאָרטיקע פויערים. געוועד האָבן מיר גענוג. און אויפן וועג וועלן זיכער צו אונז צושטיין נאָך פויערים פון אַנדערע דערפער. ווער וויל מיטגיין קיין דאָראָהאָי?"

„איך, איך, איך..."

„אַלע, וועלכע ווילן מיטגיין, זאָלן זיך שטעלן דאָ, אויף דער זייט."

ס'האָט נישט גענומען לאַנג, און די מייסטע פויערים האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף דער זייט אַרום דער פּלאַטפאָרמע.

„און וואָס וועט זיין מיטן שנאַפּס?" — האָט געפרעגט אַ פרוי.

„פויערים! געדענקט וואָס ס'איז געשען אין מיין דאָרף..." — האָט געשריען דער דעלעגאַט פון מילענקאָוץ, וועלכער איז אַרויף אויף אַ בענקל.

אָבער קיינער האָט אים שוין מער נישט געוואָלט הערן. דער אַלטער פויער, וועלכער איז ערשט פריער אַזוי צוגעשטאַנען, מען זאָל פאַרטיילן דעם שנאַפּס, איז איצט אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע: „מיר ווייסן שוין איצט אַליין, וואָס מיר האָבן צו טאָן: ער האָט געכאַפּט די שליסלען, וואָס וואַסילי האָט פריער געהאַט אַוועקגעלייגט אויפן טיש, זיי אויפגעהויבן אין דער הויך און געזאָגט: „אָט דאָ זיינען די שליסלען, וואַסילי. זאָג אונז וואָס מיר זאָלן טאָן מיטן שנאַפּס, און מיר וועלן דיך פאָלגן. וואָרום אויב מיר ווילן קעמפן, דאַרפן מיר אויך קאָנען זיך אָפּזאָגן פון שנאַפּס."

„נעם צוריק די שליסלען, וואַסילי" — האָט זיך דערהערט פון אַלע זייטן.

וואַסילי האָט גענומען די שליסלען: „און איצט קומט מיט מיר אין קאַמף קעגן דעם ערשטן שונא."

וואַסילי איז געגאַנגען פאָרויס מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט, און הינטער אים זיינען נאָכגעגאַנגען די פויערים, ווי אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע, וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַלע הויפן פון דעם פּריצישן שלאָס, צו דער גאָראַלניע צו. איבער דעם טויער פונם שנאַפּס־מאַגאַזין איז געהאַנגען דער קעניגלעך־רומענישער הערב מיטן אָקסן־קאָפּ. וואַסילי האָט געעפנט דעם טויער. אין דעם גרויסן רוים זיינען געשטאַנען גאַנצע רייען ריזיקע קעכלען מיט שנאַפּס. ביי יעדן קעסל איז געווען אַ מעשענער קראַן און צוויי בליירנע פּלאָמבעס, מיט דער אויפשריפט: „קעניגלעך־רומענישע פינאַנץ־פאַרוואַלטונג". בלויז אַ ספּעציעלער קעניגלעכער באַאַמטער האָט געמעגט, אין אַנוועזנהייט פון אַ פאַרטרעטער פון דער גוט־פאַרוואַלטונג,

עפענען די דאָזיקע פלאָמבעס. איצט האָט וואַסילי זיי אָפּגעשניטן און געזאָגט: „איידער מיר עפענען די קראַנען, מוזן מיר פריער אויסגראָבן אַ רינווע צום קאַנאַל.“

מ׳האָט געבראַכט העק און לאָפּעטעס, און מ׳האָט אָנגעהויבן אויסהאַקן און גראָבן אַ רינווע. ס׳איז געווען, ווי אַן אייגענע משפחה וואָלט געגראָבן אַ קבר פאַר אַ מת, וואָס איז אַלעמען ליב געווען, אָבער וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן אַ לאַסט צוליב עלטער און אַן אומהיילבאַרער קרענק. מען האָט אויסגערייניקט די רינווע, ווי מען וואָלט געוואָלט לייכטער מאַכן דעם אומפאַרמיידלעכן וועג פון דעם, פון וועלכן מען שיידט זיך איצט אַזוי הערצאָיש, הגם נישט זייער גערן. דערנאָך האָט וואַסילי געעפנט איין קראַן נאָכן צווייטן. דאָס פליוכנדיקע גערויש פון דער פליסנדיקער שאַרפער משקה האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. דער ריח פון שנאַפּס איז פאַרגאַנגען אין נאָז, האָט געקיצלט אין מויל און געוועקט דעם אַפּעטיט. די קלאָרע, קאָסטבאַרע פליסיקייט האָט אַלץ שטאַרקער געשטראָמט איבער דעם שמוציקן קאַנאַל, טיף אין דער ערד אַריין.

40

שלום איז אַפּנים אַרויס פון סערעט פאַרטאָג. ער האָט זיך איצט געפונען אויפן ברייטן קייזער־שליאַך, צווישן סערעט און דעם רומענישן גרענעץ־שטעטל מיהאַלעני. רעכטס פון אים האָט דאָס געלע געוועסער פון כערעט־טייך געררישיק זיך געטראָגן צום שוואַרצן ים, און פאַר אים איז אויפגעשטיגן די זון, אָנזאָגנדיק אַ שיינעם פרילינג־טאָג. אָבער שלום האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. זיין קאָפּ האָט געטראָגן גליענדיקע רעיונות, און זיין האַרץ איז פול געווען מיט סודות און האָפענונגען.

זיין פאָטער, יאָסל, אַן אָרעמער שניידער אין מיהאַלעני, האָט אים יאָרן־לאַנג געהאַלטן ביי אַ גמרא־מלמד. דעם פאָטער איז עס נישט לייכט אָנגעקומען, אָבער ער האָט געשפּאָרט דעם ביסן פון מויל, אַבי דאָס קינד זאָל לערנען. ער האָט געוואָלט, אַז זיין איינציקער קדיש, שלומל, זאָל ווערן אַ רב, אַ מנהיג בישראל.. שלום איז איצט נאָך קיין אַכצן יאָר נישט אַלט געווען, און ער איז שוין געווען באַוואוסט, ווי דאָס בעסטע גמרא־קעפּל אין מיהאַלעני, אַן עלוי. מיט עטלעכע חדשים צוריק האָט זיין מלמד, ר׳ מיכל, געזאָגט דעם פאָטער: „איך קאָן אייער איינגל מער גאָרנישט געבן. אָדער שיקט אים אין אַ גרויסער ישיבה, אָדער זאָל ער זיצן אין בית־מדרש און לערנען פאַר זיך.“

זייט דעמאָלט איז שלום גאַנצענע טעג, ביז אָפּט שפּעט אין דער נאַכט אַריין געזעסן איינער אַליין אין בית־מדרש, געבויגן איבער ספרים. אויסער זיין פריערדיקן מלמד, ר' מיכל, האָט קיינער נישט געקאָנט הושד זיין, אַז אַ חוץ אין גמרא און יורה־דעה, גריבלט זיך שלום אויך אין קבלה.

שלום איז נאָך געווען אַן אַכט־יעריק קינד, ווען זיין רבי ר' מיכל האָט אים מגלה געווען אַ גרויסן סוד: ווען זיי זיינען איינמאָל געבליבן אַליין אין חדר, האָט אים ר' מיכל אָנגענומען ביי דער האַנט, אים צוגעפירט צו דער מזוזה און געזאָגט: „איך ווייס, שלום, אַז דו ביסט שוין ראוי, מען זאָל דיר מעגן אַנפאַרטרויען אַ סוד. פריער אָבער מוזטו אָפּגעבן אַ שבועה ביי דער מזוזה, אַז קיין בן־אדם וועט זיך וועגן דעם נישט דערוויסן, ביז ס'וועט נישט קומען די ריכטיקע צייט."

שלום האָט געטאָן, ווי דער רבי האָט אים געהייסן, און ר' מיכל האָט ווייטער געזאָגט: „נאָך אַ סך יאָרן חקירה אין קבלה, נאָך דעם ווי כ'האָב דריי יאָר זיך דערווייטערט פון מיין אשה, געפאַסט תעניתים יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק און יעדן פרימאָרגן זיך געטובלט אין קאַלטן וואַסער, האָט דער רבונא־דעלמא מיר געעפנט די אויגן, און כ'האָב אויסגעפונען, אַז דער גואל־צדק וועט קומען אין יאָר תרס"ו, דאָס מיינט לויטן וועלטלעכן לוח אין יאָר 1906. אַזוי האָט אויך פאָרויסגעזען דער מלבי"ם הקדוש."

זינט יענעם טאָג האָט שלום זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם גרויסן סוד אין האַרצן און שוין בפירוש געזען מיט אייגענע אויגן דעם ליכטיקן טאָג פון ביאת־הגואל, ווען משיח וועט קומען. איז ער שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ פאַרחלומטער און ס'איז אָנגעקומען דער מוטער מיט קריעת־ים־סוף ער זאָל עפּעס טועם־טעם־זיין. אָבער אָט איז שוין דער סוף פון צוגעזאָגטן געבענטשטן יאָר, און משיח איז אַלץ נישט געקומען — נישטאָ נאָך אפילו קיין סימן פון גאולה.

אין לעצטן טאָג פון תרס"ו, ערב־ראש־השנה, האָט שלום מער זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט געפרעגט וועגן דעם זיין רבין, ר' מיכל. נישט, חלילה, ווייל ער האָט פאַרלוירן די אמונה, נאָר ער האָט גלאַט געוואָלט וויסן — היתכן? איז ר' מיכל מיט אים אַרויס ווייט הינטער דער שטאָט, און ווען מ'האָט שוין מער קיין בן־אדם נישט געזען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַריינגעקוקט שלומען אין די אויגן און געזאָגט: „איצט ווייס איך וואו דער טעות ליגט. דאָס נייע יאָר הויבט זיך אָן ביי אידן אין ערשטן טאָג פון תשרי. תשרי איז אָבער דער זיבעטער חודש, און דעם ערשטן טאָג אין תשרי הויבט זיך אָן דאָס נייע יאָר נאָר דערפאַר, ווייל אין דעם טאָג איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן. בעת דער ערשטער חודש פון יאָר איז גאָר דער חודש ניסן. און פאַר ביאת־המשיח, וואָס דאַרף אויסלייזן די אידן פון גלות, הויבט זיך גאָר אָן דאָס נייע יאָר אין פופצנטן טאָג פון חודש

ניסן, דאָס איז אין טאָג פון פסח, ווען גאָט ברוך־הוא האָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים."

איז ביי שלומען שוין קיין שום ספק נישט געווען, אַז קומענדיקן פסח קומט משיח. און אַזוי ווי ר' מיכל איז נפטר געוואָרן עטלעכע וואָכן פאַר פסח, איז איצט שלום געבליבן אין מיהאַלעני, און אפשר טאַקע אי־בער דער גאַנצער וועלט, דער איינציקער שומר פונם גרויסן סוד.

פונקט צוויי טעג פאַר פסח האָבן זיך פלוצים צעקלונגען די גלעקער אין קלויסטער. אַן אויפשטאַנד, האָט מען געזאָגט, און אַז מ'וועט ברענען שטעט און דערפער. זיינען די אידן פון מיהאַלעני אַנטלאָפן קיין סערעט. און שלום איז אויך מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם אַנטלאָפענע. ער האָט געזען אַרום זיך אַ סך נויט און פאַרצווייפלונג, אָבער טיף ביי זיך האָט ער דאָך געוואוסט, אַז אין אַ צוויי־דריי מעת־לעת אַרום וועט קומען די גרויסע ישועה. אַזוי האָט אים מבטיח געווען זיין רבי ר' מיכל און אַזוי האָט ער אויך אַרויסגעדרונגען פון די פאַרבאַרגענע סודות פון דער קבלה: פאַר דעם גרויסן נס וועלן קומען איבערקערענישן אויף דער וועלט און אידן וועלן פאַרטריבן ווערן פון זייער זיץ און באַהעפט. און די וועלט פאַר אים איז דאָך געווען מיהאַלעני.

מיטוואָך איז ער מיט זיינע טאַטע־מאַמע און מיט אַנדערע אידן פון מיהאַלעני אָנגעקומען אין סערעט. דעם נאָכמיטאָג און די גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אין דער פאַלקסקיך. יענע נאַכט האָט אין אים אַליין געבור־שעוועט אַ שטורעם און ער האָט נישט געוואוסט, צי חלומט ער אָדער איז ער וואַך. פאַרטאָג האָט ער זיך אויפגעהויבן און זיך געלאָזט קיין מיהאַ־לעני, צו זיין אויפן קבר פון זיין רבין און האָבן מיט אים אַ וויכוח וועגן דעם.

איצט איז ער געגאַנגען איינער אַליין אויפן ליידיקן קייזער־שטראָז, פול מיט בטחון, אַז אָט־אָט וועט דער גרויסער נס געשען. ער האָט דער־הערט אָנקומען פערד־און־וואָגן און אַ קול פון אַן אשה האָט אים געפרעגט: „וואוהין גייט מען דאָ, יונגערמאַן?" ער האָט זייער וויניק געקענט רוד־מעניש, אָבער ער האָט זיך אומגעקוקט. דער וואָגן האָט זיך אָפגעשטעלט — עס איז געווען אַ פשוטער פויערישער וואָגן. פון פאָרנט איז געזעסן אַ פויער מיט די לייצעס אין האַנט און אויבן־אָן זיינען אויף אַ לעדערנעם זיץ געזעסן אַ רומענישער אָפיציר און אַ יונגע פרוי. די פרוי האָט עפעס געזאָגט און אָנגעוויזן מיט דער האַנט, ער זאָל זיך אַריינזעצן אין וואָגן. שלום האָט געפאָלגט און דער וואָגן איז ווייטער געפאָרן אין דער ריכטונג פון מיהאַלעני.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט שלום באַדאַרפט ווערן אַכצן יאָר. אָ־בער זיין מוח איז שוין פול געווען מיט גאַנצע מסכתות גמרא, קבלה און

אַנדערע הייליקע ספרים, און אים איז פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט שוין האָבן דורכגעלעבט אַ לאַנג־לאַנג לעבן פון טויזנטער דורות צוריק. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט אים, אַ אידישן בחור, אַ נישט־אידישע פרוי געהייסן אַריינגיין אין איר וואָגן, אַ פשיטא נאָך די פרוי פון אַן אָפיציר — נו, איז נאָך אַ ספק, אַז דאָס האָט אים דער רבונו־של־עולם געגעבן אַ צייכן, אַז אַ נס וועט געשען?

און אַזוי זיינען, אַ חוץ דעם פויער, געזעסן אויפן וואָגן דריי פאַרשוינען, און יעדער פון זיי איז געווען פאַרטאָן אין זיין אייגענער וועלט. בלויז שלום האָט געזען פאַר זיך אַ קלאָרן צוועק און באַטייט. דער הויפּטמאַן לופעסקו האָט געוואָלט זיך דערשלאָגן צו זיין קאָמאַנדע, אָבער ער איז נישט געווען זיכער צי וועט ער עס דערגרייכן; ער האָט געוואָלט דערפילן זיין פליכט און קעמפן קעגן די צעבונטעוועטע פויערים, און האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס. און ביי מאַריאַן איז עס געווען, ווי אַ קאַפּריז, אַן אינסטינקטיווער פאַרלאַנג זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, אַליין נישט ווי־סענדיק צוליב וועמען און פאַרוואָס.

און אַט שטייען זיי ביים גרויסן הילצערנעם טויער מיטן אָקסן־קאָפּ — די גרענעץ צווישן דער קייזער־און־קעניגלעכער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע און דעם רומענישן קעניגרייך. דער עסטרייכישער באַאַמטער האָט זיי פריינטלעך געגריסט. דער טויער איז געווען האַלב אָפן. דאָס רומענישע צאָל־אַמט איז געווען פאַרמאַכט; קיין איין סאָלדאַט האָט נישט באַוואַכט די גרענעץ פון דער רומענישער זייט.

דער גרענעץ־טויער איז אויך געווען דער אָנהויב פון דעם גרענעץ־שטעטל מיהאַלעני. דאָס שטעטל איז באַשטאַנען פון איין לאַנגער גאַס, וועלכע האָט פונקט אינדערמיט זיך אויסגעברייט אויף רעכטס און לינקס אין אַ גרויסן פלאַץ — דער מאַרק. צוביידע זייטן פון גאַס זיינען געשטאַנען איינשטאָקיקע הייזלעך, און אין יעדן הויז איז געווען מינדסטנס איין געשעפט: אַ ווייך־שענק, אַ רעסטאָראַן, אַ בעקעריי, קראָמען מיט האַנט־געוועבטע טעפּיכער און קאָלירפול אויסגעשטיקטע האַנטיכער, אַ שוכטער־וואַרשטאַט, וואו מ׳האָט געמאַכט געפלאָכטענע שיך. זייער אַ סך קראָמען האָבן גע־האָט צו פאַרקויפן בייטשן פאַר באַלעגאָלעס און רייטער. מ׳פלעגט זאָגן, אַז אין מיהאַלעני ווערן געמאַכט מער בייטשן, ווי די צאָל פערד, וואָס געפינען זיך אין גאַנץ רומעניע. לויט דער רייט־בייטש האָט מען געקאָנט דערקענען דעם ראַנג און מאַכט פון אַ רומענישן באַאַמטער. דער קלענערער פאָליציי־באַאַמטער האָט נישט געטאָרט האָבן אַן ענלעכע בייטש, ווי זיין פעלדוועבל האָט געהאַט, און זיין בייטש ווידער האָט נישט געטאָרט זיין פון דער זעלבער קוואַליטעט, ווי די בייטש פון זיין אָפיציר. מיט דער בייטש האָט דער אָפיציר געהערשט איבער זיינע אונטער־אָפיצירן, זיי

איבער די סאָלדאַטן, די קאָנצעלאַריע־קעפּ — איבער זייערע באַאַמטע, די גוט־באַזיצערס — איבער די פּויערים און די פּאָליציאַנטן — איבער אַלע אונטערטאַנען.

די מייסטע קרעמער און באַלמעלאָכעס פון מיהאַלעני זיינען געווען אידן. זיי האָבן געהאָרעוועט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און געצאָלט שטייערן צו דער רעגירונג, באַקשיש — צו די באַאַמטע און פּאָליציאַנטן, און שמירה־געלט — צו זייערע גויאישע „באַשיצער". וואָרום אַ איד האָט נישט געטאָרט זיין קיין באַלעבאָס פון אַ הויז און פאַרן געזעץ זיינען קריסטן געווען די „באַלעבאַטים" פון אידישע הייזער.

מיהאַלעני איז נישט נאָר געווען אַ גרענעץ־שטאָט, נאָר אויך אַ שטאָט פאַר צוגערייזטע. אַ חוץ סערעטער, פלעגן אַהין אויך קומען מענטשן פון אַנדערע עסטרייכישע גרענעץ־שטעט. האָט דאָרט שטענדיק געהערשט אַ גרויסער מענטשן־פאַרקער אין די געשעפטן, ווי אויך אויף דער גאַס. אויסער דעם פלעגט אין מיהאַלעני שטענדיק עפּעס זיך פאַרלויפן: דאָ זענען פּאָליציאַנטן נאָכגעלאָפן אַ משוגענעם הונט, אָדער גאָר נאָך אַ פּויער, וועלכער האָט אין גאַס געוואַגט צו פאַרקויפן קאָלירטע העמדער, אַליין־געמאַכטע שיך, אויבסט אָדער אייער — נאָך איידער ער האָט די פּאָליציאַנטן געגעבן „זייער" באַקשיש. אַן אַנדערש מאָל האָט דער פּאָליציי־אָפיציר, דאָמנולואי פעדראָ, אויסגעפּאַטשט אין מיטן גאַס דעם פּאָליציאַנט מיהאַי; און מיהאַי ווידער האָט פאַר בושה זיך געקילט דאָס האַרץ און דערלאַנגט מיט זיין בייטש אַן אַנדערן „אונטערטאַן", מעג עס זיין אפילו אַ חדר־אינגל.

אָבער נישט היינט האָט מען געקאָנט זען אַזעלכע זאַכן אין גאַס. אַלע קראָמען און וואַרשטאַטן זיינען געווען פאַרמאַכט. מ'האָט אפילו נישט געזען קיין רויך פון אַ קוימען. דער וואָגן מיט די דריי פאַרשוינען האָט זיך פּאַוואָליע באַוועגט איבער דעם צעפּאָרענעם ברוק און נישט באַגעגנט קיין מענטש אין גאַס. בלויז ערגעץ־וואו האָט אַ פאַריתומטער הונט זיי אַנטקעגנגעבילט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צום פּלאַץ, וואו עס געפינען זיך אַלע שטאָטישע אַמטן, איז זיי אַנטקעגנגעקומען דער פּאָליציאַנט מיהאַי. הגם ס'איז נאָך געווען גאַנץ פרי, איז ער שוין געווען בגלופין. אָבער ער האָט דערקענט דעם הויפטמאַן לופּעסקו און אים זייער אונטערטעניק געגריסט.

„איז דער הער פּאָליציי־שעף שוין דאָ ?" — האָט געפרעגט לופּעסקו.

„איך מעלד געהאָרכזאַם, הער הויפּטמאַן, אַז דאָס אַמט האָט זיך אַרויסגעצויגן — צוליב דעם געוויסן אויפשטאַנד — און דער הער פּאָליציי־שעף איז אַוועק. אויך דער הער בירגערמייסטער איז אַוועק און די אידן זיינען אַוועק. נאָר געציילטע מענטשן זיינען געבליבן; און איך בין געבליבן, און איך שטיי געהאָרכזאַם צו אייער דינסט, הער הויפּטמאַן.

שנאַפּס און עסנוואַרג איז דאָ גענוג, איך קאָן איך גלייך ברענגען. איר דאַרפט פאַר גאָרנישט באַצאָלן. עס..."

דער הויפּטמאַן האָט אים איבערגעשלאָגן: „ווייסט איר נישט, צי דער וועג קיין דאַראַהאַי איז פריי?"

„איך מעלד געהאָרכזאַם — איך ווייס גאָרנישט. דער שטייערן־כאַק־וועסטאַר פּאַטראַסקאַנו האָט נעכטן ביינאַכט געוואָלט פאָרן קיין דאַראַהאַי — דאָס הייסט, ער איז טאַקע געפאָרן, אָבער שוין אַ צוויי שעה שפּעטער זע איך, אַז ס'איז ליכטיק ביי אים אין וואוינונג. טראַכט איך — דאָס מוזן זיין גנבים. אָבער וואָס פאַרא נאַרישע גנבים, טראַכט איך. וואָס דאַרפן זיי קריכן צו פּאַטראַסקאַנו, אַז מ'קאָן זייער לייכט אַריינגיין אין וואָס פאַרא קראָם מען וויל און זיך נעמען וואָס מען וויל, און מ'דאַרף נישט באַצאָלן. איך וויל עפענען די טיר צו פּאַטראַסקאַנוס וואוינונג, און דאָ איז זי גאָר פאַרשלאָסן פון איבעווייניק. דער הער הויפּטמאַן קען מיך אוודאי, אַז איך שרעק זיך נישט פאַר קיין גנבים. נעם איך קלאַפּן מיטביידע פויסטן מ'זאָל מיר עפענען. און ווער, מיינט איר, עפנט? פּאַטראַסקאַנו אַליין. אין אַלע דערפער, דערציילט ער, גייען אָן קאַמפן, אומעטום שיסט מען..."

„איז דער וועג קיין דאַראַהאַי נישט פריי?"

„פון וואַנען, מיט רעספּעקט צו מעלדן, זאָל איך וויסן, אַז איך בין דאָ? הער פּאַטראַסקאַנו האָט מיר דערציילט — אָ, דאָס מוז איך אייך געהאָרכזאַם געבני דערציילן, הער הויפּטמאַן: די פויערים האָבן אים געזאָגט, אַז אין יאַסי איז אויפגעשטאַנען אַ דערלייזער מיט אַ הייליקער פאָן און אַלע פויערים זיינען צו אים צוגעשטאַנען..."

ווי נאָר שלום האָט דאָס דערהערט, איז ער אָראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן. וואָרום אויף אַזוי פיל האָט ער געקענט פאַרשטיין, אַז דער אויסלייזער איז דאָ אין יאַסי. „משיח איז געקומען! משיח איז אין יאַסי!", האָט אים באַ־הערשט אַ געדאַנק, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן. מאַריאַ האָט אים נאָכ־געשריגן, אים צוריקגערופן, אָבער ער האָט נישט געהערט. ער איז אַוועק אויפן בית־עולם און געלאָפן צווישן די מצבות. ליים און בלאָטע האָבן שווער געמאַכט זיינע טריט, אָבער ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן צום קליינעם בערגל, אונטער וועלכן מ'האָט מקבר געווען זיין רבין ר' מיכל. ער איז צוגעפאַלן צום קבר און אַריינגעשריען: „הער מיך, מת קדוש, ר' מיכל. משיח, אונזער גואל, איז געקומען. ער איז דאָ אין יאַסי. זיי מקיים, וואָס ס'שטייט געשריבן אין אונזערע הייליקע ספרים און שטיי־אויף פון דיין רו צו תחית־המתים!"

שלומען איז פאַרגעקומען, ווי ער וואָלט געהערט דאָס קול פון זיין רבין: „איך וואַרט נאָך אויף שופר־של־משיח, וואָס וועט אַלעמען רופן צו תחית־המתים. מאָרגן אויפדערנאַכט, אין ליל־שמורים, אין דער נאַכט פון

פסח, ווען גאָט, אונזער פאָטער, האָט אַרויסגעפירט זיין פאָלק ישראל פון מצרים, וועט דער גואל־צדק זיך אַנטפּלעקן פאַר לעבעדיקע און טויטע, פאַר אַלע פאַרגאַנגענע און איצטיקע און שפּעטערדיקע דורות. דער רבונא־דעלמא-כולא וועט אַליין בלאָזן אין שופר און אין געוויטער פון מזרח וועט ער דורכציען די וועלט. גיי, שלום, תלמיד מיינער און זון, און זיי עס מבשר פאַר אַלעמען, וועלכע קאָנען דיך הערן."

שלום האָט פאַרלאָזן דעם בית־עולם מיט אַ לייכט האַרץ. ער האָט מער נישט געפילט קיין ליים און בלאָטע אונטער זיינע פיס. ער האָט גע־שוועבט אין רעיונות, ווי אַ נאַכט־הענדלער. ער איז אַריין אין דער גרויסער שוהל פון מיהאַלעני, איז מיט די טרעפּ אַרויף אין דער ווייבערשער אָפּ־טיילונג, און פון דאָרט אַרונטערגערופן אין ווייטן חלל אַריין: „זייט גרייט, זייט גרייט! משיח, דער גואל פון אייביקן לעבן איז געקומען!" און פון די ליידיקע ווענט האָט אים אָפּגעענטפערט אַ בת־קול, ווי דאָס קול פון כרו־בים. פון שוהל איז ער אַרויס אין גאַס. אַלע טירן זיינען געווען פאַרקלאַפּט. דורך די פענצטער האָט ער אַריינגעקוקט אין די ליידיקע וואוינונגען, וואָס זיינען שוין, אויסגעקאַלעכטע, אויסגעשייערטע, געשטאַנען גרייט מקבל צו זיין דעם חג-המצות, פּסח. האָט ער אַריינגעשריען אויך אין די ליידיקע דירות: „זייט גרייט, זייט גרייט! משיח, דער גואל פון אייביקן לעבן איז געקומען!"

דער וואָגן מיטן הויפטמאַן לופּעסקו און זיין פרוי מאַריאַ איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן מאַרק פון מיהאַלעני. נאָך דעם ווי דער באַלעגאָלע האָט געהערט, וואָס דער פּאָליציאַנט מיהאַי האָט דערציילט, האָט ער זיך געווייגערט ווייטער צו פאָרן. מיהאַי האָט געבראַכט פון אַ פאַרלאָזענער קראָם אַ פלעשל בראָנפן, וואורשט און ברויט. דער פורמאַן האָט גענומען עטלעכע שנעפּסעלעך און איז שוין גרייט געווען אויפצוגעבן זיין עקשנות, ווען עס האָט זיך דערהערט שלומס רופנדיקע שטים, וואָס האָט אָפּגעקלונגען איבער דער ליידיקער גאַס. עס איז זיי באַפאַלן אַ מורא. דער פויער האָט זיך איבערגעצלמט און דערקלערט, אַז פאַר קיין שום פרייז אין דער וועלט וועט ער ווייטער נישט פאָרן. מיהאַי האָט געוואָלט נאָכלויפן שלומען און אים, ווי ער האָט געזאָגט, פאַרשטאָפּן דאָס מויל אויף אייביק, אָבער דער הויפטמאַן און מאַריאַ האָבן אים נישט געלאָזן. מען האָט געמוזט נאָכגעבן דעם פויער און אים לאָזן צוריקפאָרן קיין סערעט. און דער פויער האָט געשמיסן און געטריבן די פערד, ווי דער טויט אַליין וואָלט זיך נאָך אים געיאָגט.

41

מיהאַי האָט געבראַכט צוויי פערד פון דער מיהאַלענער פייער־וועך, און דער הויפּטמאַן לופּעסקו מיט זיין פרוי זיינען אַוועקגעריטן אין דער ריכטונג צו דאָראָהאָי. צו וואָס זיי האָבן עס געטאָן, האָבן זיי אַליין נישט געוואוסט. שוין אין ערשטן דאָרף, וואו זיי זיינען אָנגעקומען, זיינען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פון עטלעכע באַוואָפנטע פויערים. מען האָט זיי געבראַכט צום נייעם דאָרף־עלטסטן. הויפּטמאַן לופּעסקו האָט געזאָגט, אַז ער וויל רייטן קיין דאָראָהאָי. מען האָט אים געפרעגט, צי ער האָט זיך באַטייליקט אין קאַמף. „ניין". — האָט ער געזאָגט. דער עלטסטער האָט זיך געהאַלטן אַן עצה מיט עטלעכע פויערים, און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי ער רייזט צוזאַמען מיט אַ פרוי, זאָל מען זיי לאָזן רייטן ווייטער. אין צווייטן דאָרף האָבן זיי באַמערקט בלויז עטלעכע פויערים, באַוואָפנט מיט היי־גאָפּלען. מען האָט געקוקט אויף זיי מיט נייגעריקע בליקן, אָבער קיינער האָט זיי נישט געפרעגט וואוהין זיי פאָרן, אָדער פון וואַנען זיי קומען.

זיי זיינען אַצינד דורכגעריטן דעם וואַלד. צו ביידע זייטן פון וועג איז נאָך געלעגן שניי. די פערד האָבן געבראָדזשעט אין דער בלאָטע פון דער אויסגעווייקטער ערד און זיינען געגאַנגען זייער לאַנגזאַם. די שטראַלן פון דער פרילינג-זון האָבן זיך געבראָכן איבער די נאַקעטע צווייגן.

די אַפּאַטיע און געדריקטע שטימונג ביי מאַריאַן זיינען פאַרשוואונדן. עס זיינען ערשט קוים פיר און צוואַנציק שעה, זייט זי פאַרלאָזט וועראָפּולי און איר ווייזט זיך אויס, ווי ס'וואָלט שוין געווען אַ גאַנץ יאָר. ווער האָלט זי אַזוי געפּענטעט אין איר איינזאַמקייט? וואַסילי. ס'איז זי באַפאַלן אַ בענקשאַפט, ווי זי האָט עס ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געפילט. זי האָט פאַרגנבעטערהייט אַ בליק געטאָן אויף איר מאַן, וואָס איז געריטן נעבן איר. ער איז זי אָנגעגאַנגען, פּונקט ווי אַ שטיק מעבל, וואָס זי האָט נעכטן צוריקגעלאָזן ביי זיך אין דער היים. ער איז איר פרעמד געווען, ווי איר שווער פוטער אום זומער, ווען עס פילט זיך דערפון נאַפטאַלין, ווי אַ צוקערל, ווען מ'פילט דווקא צו נעמען עפּעס געפּעפערטס אין מויל אַריין. און וואַסילי? ער איז פאַר איר געווען ווי אַ נאָענטער און צוגלייך ווייטער חלום — נאָענט, ווען זי האָט געטראַכט וועגן אים פון דערווייטנס, און פרעמד אַזוי, ווען ער איז געווען נעבן איר. דאָס, צוזאַמענלעבן מיט איר מאַן איז איר פאַרגעקומען, ווי דאָס איצטיקע רייטן: זי האָט נישט געוואוסט

וואוהין, און ער האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס. זי האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס זי וויל און ער האָט קיינמאָל זיך נישט באַמיט דאָס אויסצוגעפינען. וואָס ער האָט באַטראַכט ווי ווייך, איז פאַר איר געווען ווי פשוט וואַסער.

ווער איז פאַקטיש וואַסילי? זי האָט עס נישט געוואוסט. ער איז געווען פול מיט סודות, וועלכע זי האָט נישט געקענט. ס'האָט פון אים געשטראָמט מיט קראַפט און זי האָט געגאַרט צו ווערן צוגעצויגן פון דער דאָזיקער קראַפט. ער שטרעבט צו אַן אומבאַקאַנטער וועלט, האָט זי געטראַכט, אַ וועלט, נאָך וועלכער זי האָט אַזוי געבענקט. איז עס דאָס געווען אויפן צווינטער, וואָס שיידט אים אָפּ פון איר? אפשר גאָר דער אַמעריקאַנער מיט די פּאָגראָם־פּלענער? צי האָט ער באמת אַ כלה, ווי ער האָט געזאָגט?

„זעסט עפּעס?" — האָט זי פלוצים דעם מאַנס קול אַרויסגעבראַכט פון די חלומות. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד; זי אויך. זי האָט אַ בליק געטאָן, און דאָ, בלוט איז איר פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן — אויף די ביימער זיינען געהאַנגען מענטשן. גלעזערנע אויגן און פאַרשטאַרטע פּנימער פון געהאַנגענע פּויערים. ס'איז זי באַפאַלן אַ חלשות; ער האָט זי קוים אונטערגעכאַפּט. פאַרדומפּן, ווי פון גאַנץ ווייט, האָט אַ שטים אַ געשריי געטאָן: „האַלט! קיין שריט ווייטער!"

ווען זי האָט געעפנט די אויגן, איז זי געלעגן צווישן די ביימער, אויף איר מאַנס אונטערגעשפּרייטן מאַנטל. עס זיינען אַנגעלאָפן זשאַנדאַרן פון אַלע זייטן. זיי האָבן דורכקאָנטראָלירט זייערע פּאַפּירן, דערנאָך אונטערזוכט גענוי, זיי האָבן אָנגעבאָטן גענוינע פּעריאָדיקאַ פון פאַלשע מענטשן. מ' האָט זיי אויסגעהערט. [illegible]

ביז מיט צוויי שעה פריער האָט אַנגעהאַלטן דער קאַמף מיט דער באַנדע. אַנגעהויבן האָט זיך עס נאָך נעכטן נאָכמיטאָג. ס'איז אויך אַ העכט אַריינגעפאַלן אין אונזער נעץ — אַ יונג, בלאָנד מיידל, וואָס וויזט אויס צו שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָל ביי די רעבעלן. מיר האָבן זי געכאַפּט, ווען זי איז אַריבער פון דער אַנדערער זייט. אירע מיטהעלפער זיינען אַנטלאָפן. דער וואַך־מייסטער האָט מיר, מיט דעם זשאַנדאַר פילעסקו, געהייסן זי פירן קיין דאָראָהאָי פאַר אַן אויספאָרשונג. אויפן וועג דאָ אין וואַלד איז אונז באַפאַלן אַ באַנד'ע רעבעלן. מיר זיינען מיט דעם מיידל אַריין טיפער אין וואַלד און זיך פאַרטיידיקט. פילעסקו האָט געטראָפן אַ קויל אין קאָפּ און ער איז אויפן אָרט געפאַלן אַ טויטער. איך בין געווען זיכער, אַז אויך איך בין פאַרלאָרן. אָבער פלוצים האָט מען אָנגעהויבן שיסן אויך פון דער אַנדערער זייט, און דאָס זיינען געווען אייגענע, אונטער דער אָנפירונג פון הויפּטמאַן באַנילאַ. ער איז געקומען מיט דריי הונדערט זשאַנ־

דאָרן און גרענעץ־וועכטער, וועלכע ער האָט צונויפגעזאַמלט אין דער געגענט צווישן איציקאַני און דעם ווערפולי־ראַיאָן. די רעבעלן האָבן געהאָט פאַרנומען דעם פריצישן הויף און האָבן זיך דאָרט פאַרטיידיקט ביז היינט פאַרטאָג. דערנאָך, ווייזט אויס, האָט דער גרעסטער טייל פון זיי זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק בלויז פופציק מאָן צו דעקן דעם ריקצוג, אונטער דער אָנפירונג פון צוויי עסטרייכער. זיי האָבן געקעמפט ביז צו דער לעצטער קויל. ניינצן פון זיי האָבן מיר לעבעדיקערהייט געכאַפּט. דער הויפּטמאַן באַנילאַ האָט דרייצן פון זיי געלאָזט אויפהענגען גלייך אויפן אָרט. די זעקס אַנדערע און דאָס מיידל וויל ער, ווען מעגלעך, אָפּשיקן קיין דאָראָהאָי, אָדער קיין העדרצאַ. דער הער הויפּטמאַן באַנילאַ וועט אייך זיכער קאָנען דערציילן מער איינצלהייטן.”

עטלעכע מינוט שפּעטער זענען הויפּטמאַן לופּעסקו, מאַריאַ און זייערע באַגלייטער אַרויס פון וואַלד און זענען אַריינגעקומען אין דאָרף. אחוץ זשאַנדאַרן און גרענעץ־סאָלדאַטן, איז קיינער נישט געווען אין גאַס. זיי זענען צוגעגאַנגען צום פּריצישן הויף. אומעטום האָט מען אָנגעזען שפּורן פון קאַמף. צו ביידע זייטן פון געפּלאַסטערטן וועג אין הויף זענען געלעגן טויטע; אויף איין זייט די דערשאָסענע פּויערים — מיט די פּנימער אַראָפּ, אויף דער אַנדערער זייט די געפאַלענע זשאַנדאַרן און סאָלדאַטן — מיט די פּנימער אַרויף.

מען האָט דערווייל אָנגעזאָגט דעם הויפּטמאַן באַנילאַ, אַז עס זענען געקומען געסט. ער איז אַרונטערגעקומען מיט די שטיינערנע טרעפּ — שטייף, צערעמאָניעל, מיטן שטאָלצן באַוואוסטזיין פון אַ זיגער. די צוויי אָפיצירן האָבן „אָפיציעל” זיך באַגריסט, אָן שום וואַרעמקייט, וואָרים באַנילאַ איז געווען זשאַנדאַרמעריע־הויפּטמאַן, און צווישן דער זשאַנדאַרמעריע און די גרענעץ־טרופּן האָט שטענדיק געהערשט אייפערזוכט. הויפּטמאַן באַנילאַ איז בכלל געווען דער קעגנזאַץ פון הויפּטמאַן לופּעסקו. אויך אין נאָרמאַלע צייטן איז די זשאַנדאַרמעריע געשטאַנען אין שטענדיקן קאַמף מיט דער ציווילער באַפעלקערונג, בפרט מיט די פּויערים. ס׳איז זייער אָפט געקומען צו קליינע צוזאַמענשטויסן מצד די פּויערים קעגן די באָיאַרן, און הויפּטמאַן באַנילאַ פלעגט האַנדלען אין אַזעלכע פאַלן „קורץ און בינדיק”. אָפּשרעקנדיקע ביישפּילן, האָט ער געהאַלטן, ווירקן אַמבעסטן. דערפאַר האָט ער געהאַלטן די גרענעץ־טרופּן פאַר צו ווייך און צעקראָכן. זיי זענען ביידע געווען פון זעלבן ראַנג, האָט באַנילאַ נישט געקאָנט מאַכן לופּעסקון קיין שום פאָרוואורף. אָבער אין טאָן פון דער פראַגע, וואָס באַנילאַ האָט געשטעלט לופּעסקון, האָט געקלונגען איראָניע: „האָט זיך די גנעדיקע פרוי פרייוויליק געמאָלדן צום פראָנט, הער הויפּטמאַן?”

די צעבונטעוועטע, וועלכע האָבן פיר־און־צוואַנציק שעה געהאַלטן דעם שלאָס, האָבן — ווייזט אויס — ווייניק וואָס פאַרנוצט פון די דאָרט אָנגעהויפטע לעבנסמיטל. דער הויפּטמאַן באַנילאַ האָט אַריינגעפירט זיינע געסט אין הערשאַפטלעכן שפּייז־זאַל, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז דער טיש געווען געדעקט מיט געדויכערטע פליייש, שינקען, וואורשט, מאַרינירטן קאַרפּ און פאָרעלן, ווייַן אין שטיינערנע קרוגן און פלעשער, און באַלד האָט שוין אויך געזאָטן קאַווע. מאַריאַ האָט גאָרנישט געוואָלט עסן, אייך לופּעסקו האָט ווייניק געגעסן. נאָר דעם הויפּטמאַן באַנילאַס אַפּעטיט האָט נישט געליטן פון דעם אָנבליק פון אַזוי פיל געהרגעטע אינדרויכן. ער האָט געפּאַקט אין זיך וויפל ס'האָט זיך געלאָזן און אַריינגעגאָסן איין גלאָז ווייַן נאָכן אַנדערן, אַז דאָס פּנים איז אים גוש פאַרלאָפן מיט רויטקייט. ער האָט געשיקט נאָכן וואַכמייסטער און אים באַפוילן, מען זאָל די געפאַלענע פויערים פאַרשאַרן אויפן צווינטער, די טויטע זשאַנדאַרן און סאָלדאַטן זאָל מען צוגרייטן פאַר אַ פייערלעכע באַגרעבעניש אויף מאָרגן דריי נאָכמיטאָג, און די געהאָנגענע זאָל מען לאָזן אויף די בוימער ביז מאָרגן.

הויפּטמאַן באַנילאַ האָט איצט נאָך אַריינגעגאָסן אַ גלאָז ווייַן און בעזאָגט: „די הויפּט־פראַגע איז איצט, ווי אַזוי דאַ זיך צו האַלטן, ביז אַזואַ־רעסקוס טרופּן וועלן זיך דורכרייסן אהער פון צפון, דרום און מזרח. דער וועג קיין דאָראָהאָי, הערצא און באָטאָשאַני איז אָפּגעשניטן. מיר וואָלטן לייכט געקאָנט אַריבער קיין מיהאַלעני און אויף דער עסטרייכישער זייט. אָבער ווען מיר לאָזן דאָ פריי די געגנט, וואָלטן די רעבעלן זיך געקאָנט פאַראייניקן אין אַ מעכטיקער מאַסע, און די רעגולערע טרופּן וואָלטן דעמאָלט זיך אָנגעטראָפן אויף גרויסע שוועריקייטן. אויב מיר באַזיגן זיי נישט וואָס גיכער, קאָנען מיר אויך נישט זיכער זיין מיט אונזערע אייגענע סאָלדאַטן. מיר האָבן שוין צוויי סאָלדאַטן צווישן די געפאַנגענע. איך וועל זיי אייך באַלד ווייזן. מ'זאָגט, אַז אין דער געגנט פון ווערפולי איז דער אָנפירער פון אַ באַנדע אונזערס אַ קאָרפּאָראַל. מעגלעך, אַז איר, הער הויפּטמאַן, ווייסט עפּעס וועגן דעם.”

מאַריאַ איז געווען אַזוי בלאַס פון דעם פריער־דורכגעלעבטן, אַז מ'האָט איצט נישט דערקענט וואָס פאַראַ שווערן איינדרוק ס'האָבן אויף איר געמאַכט באַנילאַס לעצטע ווערטער. אויך הויפּטמאַן לופּעסקו האָט גענומען עפּעס זיך אָנשטויסן: זאָל אָט דער קאָרפּאָראַל זיין וואַסילי? איז ער אפשר דערפאַר געבליבן אין ווערפולי? ווען דאָס זאָל אמת זיין, וואָלט עס אויך געקאָנט שטערן אים, לופּעסקון, אין זיין ווייטערדיקער קאַריערע. וואַרים וואָס פאַר אַ קאָמאַנדאַנט איז ער, אויב ער האָט אין צוויי יאָר צייט נישט געכאַפּט, אַז זיין אונטערגעבענער סאָלדאַט חברט זיך מיט רעבעלן, — און דערצו האָט ער אים נאָך געגעבן דעם ראַנג פון אַ קאָרפּאָראַל? מיט אַן

אומזיכערער שטים האָט ער געענטפערט: „איך ווייס גאָרנישט וועגן דעם; איך קען נישט אַזאַ קאָרפּאָראַל."

פאַרנומען מיט טרינקען און מיט זיינע פלענער, האָט הויפטמאַן באַני־לאַ נישט באַמערקט די אומזיכערקייט פון זיין קריגס־קאַמעראַד און ער האָט ווייטער גערעדט: „דערפאַר מוזן מיר אונטער אַלע אומשטענדן זען דאָ זיך צו האַלטן. מיר דאַרפן רעכענען, אַז זייער אָנגריף וועט קומען פון דער געגנט אַרום דאַראַהאַי. איך גלויב נישט, צי זיי וועלן אָנגרייפן פון דער וועלפּוליער זייט. כאָטש אויסגעשלאָסן איז עס נישט, ווייל — ווי עס הייסט — זאָלן זיי דאָרט האָבן אַריינגעשמוגלט אַ סך וואָפן פון דער עסטרייכישער זייט. איך לאָז דארום גראָבן אָקאָפּעס נישט נאָר קעגן דער ריכטונג פון דאַראַהאַי, נאָר אויך אַרום דעם גאַנצן וועלדל. אַזוי אַרום וועלן מיר דאָ אין די נאָענטסטע טעג זיך געפינען אין אַ מין פעסטונג. נאָר אַ גליק, וואָס זיי האָבן נישט פאַרניכטעט די אָנגעזאַמלטע לעבנס־מיטל. אויף פערצן טעג וועט זיין איבערגענוג. און אַזוי לאַנג, האָף איך, וועלן מיר דאָ נישט דאַרפן זיצן. ווי פילט איר, גנעדיקע פרוי, פּלוצים זיך צו געפינען אין אַ באַלאַ־גערטער פעסטונג?"

מאַריאַ האָט דערפילט, אַז זיין בליק שפּיזט זי דורך ביזן ביין, און אַ דראָזש האָט זי דורכגענומען.

עס מוז אייך פאַרקומען שרעקלעך, גנעדיקסטע, זיך צו געפינען אין אַ באַלאַגערטער פעסטונג! אָבער ס'וועט גאָרנישט זיין אַזוי שלעכט. מיר האָבן דאָ אפילו אַ גראַמאָפאָן. אויסער דעם פאַלט מיר גראָד איצט איין..." — ער איז שוין געווען היפּשלעך בגלופין און זיין שטים האָט געקלונגען הייזעריקלעך — „מיר האָבן דאָ אַ געפאַנגענע, וואָס קאָן אונז אויך אַביסל לוסטיק מאַכן. מיר האָבן, דאָס הייסט אייגנטלעך, איך האָב אַט די רעדל־פירערין פאַרהאַלטן, ווי אַ לעבעדיקן משכון, אַזוי צו זאָגן. אַז נישט, וואָלט איך זי גלייך געווען צוגעקנופּט צו אַ בוים. איך בין געוואוינט צו מאַכן קורץ און שאַרף. איך וועל זי הייסן אַריינפירן."

ער האָט געגעבן אַ באַפעל, מען זאָל פאַרלעכוויין אַריינברענגען די געפאַנגענע. לופּעסקו האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעהערט שווייגנדיק. ס'איז אים געווען אומאָנגענעם, וואָס הויפטמאַן באַנילאַ האָט אַזוי גערעדט אין קעגנוואַרט פון זיין פרוי. אים איז אויך נישט געפעלן, ווי אַזוי דער שיכורער הויפטמאַן האָט אויף איר געקוקט. דעריבער האָט ער געזאָגט צו מאַריאַ: „דו מוזט אַוודאי זיין מיד, טייערע. וואָלסט נישט בעסער ערגעץ וואו זיך צוגעלייגט אַבּיסל?"

אָבער נאָך איידער זי האָט געענטפערט, האָט מען אַריינגעבראַכט די געפאַנגענע. עס איז געווען אַ מאָדנער „ספּעקטאַקל" פאַר זיי. ווי אַ פרעמדן פירער אין אַ מוזיי, האָט דער שיכורער זשאַנדאַרמעריע־הויפטמאַן שוין ער

אַרויסגעשטאַמלט „דערקלערונגען" צו אַט די לעבעדיקע בילדער: „אַט דאָס איידעלע פּאָר, דער מיט אַ לאַנגער באָרד און דער מיט לאַנגע האָר אויפֿן קאָפּ: אַ איד און אַ גריכיש־אָריענטאַלישער גלח, זענען איצט פֿאַרבונדן דורך אן אייזערן קייטעלע ביזן ענד פֿון זייער לעבן. וואָס זאָגט איר דערצו, מיינע הערשאַפֿטן? אַ אידישער פּעלץ־לאַטוטניק און אַ קריסטלעכער נשמה־לאַטוט־ניק האָבן זיך פֿאַרבונדן אין קאַמף קעגן דער אָרדענונג. אַן עסטרייכער און אַ רומענער. ווער פֿון אייך ביידע וועט דעם אַנדערן אַרויפּבאַגלייטן אין הימל אַריין?"

ער האָט זיך הייזעריק צעלאַכט. דער גרוי־האָריקער היגער גלח און דער קירזשנער פֿון סערעט זענען געווען מוראדיק צעקאַליעטשעט. געקאַ־וועט מיט אַ קייטל איינער צום צווייטן, זענען זיי געשטאַנען שווייגנדיקע, נישט גערירט זיך פֿון אָרט. באַנילא האָט ווידער שפּאָטיש זיך געווענדט צו זיי: „אַ פּאַספּאָרט פֿאַר יענער וועלט וועל איך אייך שוין געבן. און איצט — אָפּטרעטן!"

נאָך זיי האָט מען „פֿאַרגעפֿירט" צוויי סאָלדאַטן אין זייערע מונדירן, אויך צוזאַמענגעקאָוועט מיט א קייטל: „מיט אייך, יונגעמאַנטשיקלעך, וועט מען נישט מאַכן אַזאַ קורצן פּראָצעס. איך וועל אייך שוין אויסלערנען רעדן. איר וועט דערנאָך אויף יענער וועלט זיך קאָנען איבערצייגן, וואו דער גיה־נום איז הייסער, דאָרט צי דאָ".

מיט די ווערטער האָט ער ביידע דערלאַנגט אַ בריקע מיטן פֿוס, זיי געהייסן אָוועקפֿירן און אַרייַנבערענגעט אן אַנדער פּאָרל: „דאָס איז אַ דאָרף־עלטסטער, וואָס דאַרף היטן די אָרדענונג; און דער דאָ — אַ לערער פֿון צינדעסטי. אַ שיינער יוגנט־דערציער — וואָס? צום גליק האָבן מיר דאָ נישט אַזוי פֿיל שולן, יעדנפֿאַלס — ווייניקער ווי אין עסטרייך. אָבער נאָך דאָס איז צו־פֿיל. אין די שולן ווערט אויסגעבריט די רעוואָלוציע. די רעגירונג דאַרף זיי געבן שולן, זיי זאָלן לערנען, ווי אַזוי זיך צו בונטעווען קעגן דער אָרדענונג! אָבער איצט וועט אַנדערש זיין — איר קאָנט זיך אויף דעם פֿאַרלאָזן. אין עסטרייך וועלן זיי נאָך האָבן געוונג צו זינגען און צו זאָגן מיט זייערע שולן. אפשר אין גן־עדן וועסטו נאָך צונויצקומען, ווי אַ לערער, געגאַנגען?"

בלויז אַננאַ אָקרולי איז נישט געווען געקאָוועט אין קייטן. מ'האָט זי אַרייַנגעשליידערט אין צימער, און זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. מאַ־ריאַ איז געזעסן מיט דער פּלייצע צו דער טיר און נישט געזען ווען מען פֿירט אַריין. זי האָט זיך ערשט אומגעקוקט, ווען זי האָט געהערט דעם הויפּט־מאַן באַנילאַס ווערטער: „אַט די פֿריילין זאָגט, אַז זי איז די כלה פֿון אַ קאַרפּאָראַל אין ווערפּולי. ווייסט איר עפּעס וועגן דעם, הער הויפּטמאַן?"

מאַריאַן האָט אַ זעץ געטאָן דאָס בלוט אין קאָפּ. זי האָט באַטראַכט די בלאָנדע, בלאַסע אַננאַ — ווי שיין, און מיט וואָס פאַראַ שטאָלצער ווערדע זי שטייט דאָ... „צוליב איר — האָט מאַריאַ געטראַכט — איז וואַסילי אַזוי גלייכגילטיק צו מיר. איז, הייסט עס, יאָ דאָ אַ כלה. און אפשר איז אמת, אַז זי האָט בלויז געוואָלט גיין צו אים און איז אַזוי אַרום אומשולדיקערהייט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די זשאַנדאַרן?"

באַנילאַ האָט אפילו נישט געוואַרט אויף לופּעסקוס ענטפער: „אָבער אָט די אומשולדיקע כלה איז באַלד דערקענט געוואָרן דורך אָט יענעם קירזשנער, ווען ער האָט נאָך געפירט די קאָמאַנדע איבער זיין רעבעלן־באַנדע. צוויי מאָל האָבן זיי געפּרואווט זי צו באַפרייען און דורך אַ מאַנעווער געזוכט אונז צו אַטאַקירן הינטן־אַרום. דאָס האָט זיי געקאָסט דריי טויטע, און אונז צוויי. צי זי איז באמת ווערט אַזוי פיל, וועלן מיר נאָך זען."

מ'האָט אננאַן אַוועקגעפירט. הויפּטמאַן לופּעסקו האָט געקוקט אויף זיין קאַמעראַד פון דער זשאַנדאַרמעריע, און האָט געשטוינט: אָט דער באַנילאַ האָט אַזוי פיל געטרונקען — איז, דאַכט זיך, פולשטענדיק שיכור, און אָט רעדט ער ווידער קלאָר, ווי אויסגעניכטערט, און געדענקט אַזוי אויסגעצייכנט יעדע איינצלהייט פון די געפאַנגענע. ער האָט זיך דערפילט אומהיימלעך אין דער געזעלשאַפט פון אָט דעם זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט. ער האָט געפרעגט: „איר מיינט, הייסט עס, הער הויפּטמאַן, אַז דער וועג קיין דאָראָהאָי איז אָפּגעשניטן און ס'איז איצט אויסגעשלאָסן איך זאָל קאָנען זיך דערשלאָגן צו מיין קאָמאַנדע דאָרט?"

„מ'קאָן אפילו נישט טראַכטן וועגן דעם. איר וואָלט מיט אייער פּרוי איינפאַך געלאָפן אין די הענט פון די רעבעלן. אָבער דאָ קאָנט איר אונז זייער צונוץ קומען. קלויבט זיך אויס צימערן אין שלאָס, די בעסטע, וואָס געפעלן אייך; זאָל אייער פרוי זיך צולייגן, און מיר וועלן דערווייל אַרויסרייטן באַטראַכטן די אַזוי גערופענע באַפעסטיקונגען."

מאַריאַ איז געבליבן אַליין אין אַ צימער. זי איז געלעגן אין בעט. די שווערע פאָרהאַנגען האָבן נישט אַריינגעלאָזן קיין שטראַל ליכט, אָבער אפילו אין דער שטילער טונקלקייט האָט זי שוין געפילט דעם דרויסנדיקן טאָג און אַלץ נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. „בין איך מיט איר, האָט זי געטראַכט, — אין איין הויז, איך אויבן, זי אונטן. וואָלט וואַסילי נישט געקאָנט האָבן צוויי פרויען? זי, די בלאָנדע, באַגערט ער, און מיך וויל ער אפילו נישט זען..."

ווידער האָט זיך אין איר דערוועקט אַ בענקשאַפט, אַ הייסער באַגער נאָך אים. ער איז געווען איר טרוים. ער וואָלט אפשר געקאָנט ווערן איר וואָרעווירקלעכקייט, ווען נישט זי, די אַנדערע, וואָס געפינט זיך איצט

אין קעלער ווי אַ געפאַנגענע. זי וואָלט לייכט געקאָנט פון איר פּטור ווערן. זי דאַרף נאָר זאָגן איין וואָרט — אַפילו קיין וואָרט אויך נישט...

זי איז איצט געלעגן האַלב אין שלאָף, געפּייניקט פון פיבערהאַפטע חלומות. זי האָט, דאַכט זיך, געוואָלט בעטן איר מאַן, ער זאָל איר ברענגען עפּעס, זי צו דערפרישן; און אָט דאַכט זיך איר, אַז ער זיצט גאָר נעבן איר. ס'איז איר פאָרגעקומען, אַז זי הערט שיסן. זי האָט געעפנט די אויגן, און איר מאַן איז געשטאַנען ביי איר בעט: „איך האָב דיך אויפגעוועקט, קינד, ווייל ס'האָט פּאַסירט אַ זייער ערנסטע זאַך. מ'האָט דערמאָרדעט דעם הויפּטמאַן באַנילאַ. ער האָט זיך געלאָזט ברענגען אין זיין צימער דאָס בלאָנדע מיידל. ווייזט אויס, אַז זי האָט זיך געווערט. ער איז געווען שיכור, האָט זי אים אַריינגעשטאָכן אַ פאַרזשאַווערטע נאָדל אין האַלדז און אין האַרץ. מיר וואָלטן עס נאָך ביז איצט נישט געוואוסט, ווען נישט דער פּלוצימדיקער איבערפאַל פון די רעבעלן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ האַלבער שעה צוריק. זייער צאָל איז דאָפּלט גרעסער, ווי אונזערע, און האַלט אין איין וואַקסן, ווייל עס שטייען צו זיי צו פּויערים פון אַלע זייטן. מיר זענען געגאַנגען אויפוועקן דעם הויפּטמאַן באַנילאַ, האָבן מיר אים שוין געטראָפן טויט — אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. אין אַנדערן צימער האָבן מיר געפונען די בלאָנדע, שוידערלעך צעקאַליעטשעט. די זשאַנדאַרן האָבן זי געוואָלט טויטן אויפן אָרט; אָבער איך האָב געהאַלטן, אַז ס'איז בעסער מען זאָל זי לאָזן אַ לעבעדיקע, ווייל — לויט די באַריכטן — איז איר חתן, וואַסילי, דער אָנפירער פון דער באַנדע, מיט וועלכער מיר שטייען איצט אין קאַמף."

„וואַסילי? אונזער קאָרפּאָראַל וואַסילי?"

„יאָ, אונזער וואַסילי. דער קאַמף קאָן זיך ענדיקן נישט גוט פאַר אונז. איז אין ערגסטן פאַל וועסטו קאָנען ראַטעווען דיין לעבן מיט דער הילף פון דעם בלאָנדן מיידל און די אַנדערע געפאַנגענע. דאָ איז די שליסל צום קעלער, וואו ס'געפינען זיך די געפאַנגענע. זיי געזונט. איך טאָר נישט מער קיין סעקונדע פאַרלירן, ווייל איך בין איצט דער קאָמאַנדאַנט פון אונזער גאַנצער אָפּטיילונג."

נאָך אײדער מאַריאַ האָט צייט געהאַט צו באַגרייפן וואָס ס'קומט דאָ פאָר, אָדער וואָס איר מאַן האָט איר דאָ אַלץ געזאָגט, איז הויפּטמאַן לופעסקו שוין געווען אינדרויסן. זי איז אַראָפּ פון בעט און צעגומען די פאַרהאַנגען. ס'איז געווען פריער טאָג; דאָס צימער איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט ליכט. זי האָט דערזען דאָס שליסל, וואָס דער מאַן האָט איר געלאָזן. נישט וויסנדיק אַליין צוליב וואָס, האָט זי גענומען לויפן איבער די צימערן און האָט זיך פּלוצים געפונען אין צימער פון טויטן באַנילאַ. אַ שוידערלע־

כּער אַגבליק — זי איז אַרויס. פון ווייטן האָט זיך געטראָגן אַ ליאַרעם פון הורא־געשרייען און שיסן.

און וואַסילי? ער איז איצט נישט ווייט פון דאַנען, האָט זי געטראַכט. ער קעמפט איצט, צו קומען אַהער, וואו איך געפין זיך. אָדער טויט ער עס אַלץ כּאַר דער בלאָנדער?

פלוצים איז איר עפּעס איינגעפאַלן און זי האָט גענומען לויפן ווי אַ ווילדע.

42

אין דעם רעש און געפּילדער פון דער פאַלקסקיך האָט יאָסל שניידער גאַרנישט באַמערקט, אַז עס פעלט זיין שלומל. די גאַנצע נאַכט איז מען גע־לעגן אויפן שטרוי, ענג איינער נעבן צווייטן; און גאַנץ פרי האָט מען זיך געיאָגט צו דער קיך, צו באַקומען דאָס ביסל זופּ מיט ברויט. איז מען געווען צופרידן, ווען ס'איז אַ שיינער טאָג און די קינדער האָבן געקאָנט אַרויס אין הויף זיך שפּילן. אָבער וואָס פאַר אַן עצה מ'וועט זיך געבן מאָרגן, דאָס האָט קיינער פון די אַנטלאָפענע זיך נישט געקאָנט פאָרשטעלן. מעג מען אַ גאַנץ יאָר לעבן אין אָרימקייט, אין דער גרעסטער ענגשאַפט; אָבער לכבוד פּסח מוז דאָך אַלץ געשייערט און געכשרט ווערן — ווי אַנ־דערש קאָן מען זיך צו־ווינטשעווען אַ „כּשרן פּסח"? און ווי אַזוי קאָן מען דאָ מאַכן פּסח, אַז הונדערטער מענטשן ליגן צוזאַמענגעדריקט אין איין גרויסן מושב? אָבער ווינזשע פּאַרט? אַ קליינקייט? טויזנטער יאָרן מאַכן אידן פּסח, וועט מען איצט פּלוצים חלילה, מתלל יום טוב־זיין? מ'קאָן זיך גיכער פאָרשטעלן, אַז ניי־געבוירענע זאָלן מיטאַמאָל אָנהויבן רעדן, אַז איינמיטן תּמוז זאָל אויספאַלן אַ שניי, אַז דאָס וואַסער פון טייך זאָל איבער נאַכט אויספּאַרען און בערג זאָלן אין טאָלן זיך פאַרוואַנדלען — אָבער נישט כּשר־מאַכן פּסח? דער אויבערשטער קאָן באַווייזן אַ סך נסים. אָט האָט משה־רבּנו געשפּאָלטן דעם ים, און יהושע בן־נון האָט אויפגעהאַלטן די זון און די לבנה — אָבער ווי קומט עס צו פּסח? ווי זאָגט זיך אין דער הגדה: „ואפילו כּלנו חכמים, כּלנו נבונים, כּלנו זקנים, כּלנו יודעים את התּורה, מצוה עלינו לספּר ביציאת מצרים" — אַ קליינקייט פּסח?! אָבער גיי זיי אַ חכם און מאַך פּסח אין אַזאַ מושב!

האָט מען טאַקע געוואַרט, ווי אויף אַ נס, וואָס מוז קומען, און טאַקע נישט שפּעטער, ווי אין אַ מעת־לעת אַרום.

אויף אַ באַנק פאַרן אַריינגאַנג צו דער פאַלקסקיך איז געזעסן יאָסל

שניידער מיט נאָך אַנדערע אנטלאָפענע. „קינדער" — זאָגט ער — „ווען מען גיט אַזוי אַ טראַכט, לעבן מיר איצט אין אויסערגעוויינלעכע צייטן, מ'קאָן כמעט זאָגן: אין משיחס־צייטן. מיר זיצן און וואַרטן אויף נסים, און מיר כאַפּן זיך גאָרנישט, אַז אייגנטלעך געשעען מיט אונז נסים יעדן טאָג."

„וואָס פאַראַ נכים זעסטו אַזוינס?"

„ס'איז אַ קליינער נס, אַז איך זיץ דאָ מיט אייך אַזוי געמיטלעך און קיינער פון אייך וויל מיך נישט דורס־זיין?"

„יאָסל!" — האָט זיך צעשריען אברהם בייטשן־מאַכער — „ביזט חלי־לה חסר־דעה? ווער טראַכט גאָר, כ'מיין צו זאָגן, ווער וויל דיר עפּעס שלעכטס טאָן? וואָס זענען מיר עפּעס, רוצחים, גאָט באַהיט?"

„איך בין נישט חסר־דעה און איך ווייס וואָס איך רעד. דיין אנצוג, אברהם, האָב איך נאָך נישט פאַרטיק; און דיין קאַפּטאָן, נחמן, איז אויך נישט פאַרטיק. און משהס אנצוג האָב איך נאָך אפילו נישט קיין צייט געהאַט צוצושניידן. איך בין דאָך פאַרט נישט מער, ווי אַ מענטש מיט צען פינגער..."

„וואָס? מיין אַנצוג אויף פּסח...?"

„זיין אנצוג! גוואַלדאָוונע וויכטיק! אָבער מיין קאַפּטאָן! און דאָס זאָגסטו זיך אַזוי רואיק..."

„ווי אַזוי קאָן איך זיך זעצן צום סדר אין א פּאָר אַלטע, צעריסענע הויזן? נו, זאָג אַליין! מ'דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן."

„האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז ס'איז אַ גרויסער נס, וואָס מיר זיצן דאָ אַלע אַזוי רואיק צוזאַמען? קיינער האָט מיר נישט געוואָלט גלויבן, איצט זעט איר שוין, אַז יאָסל שניידער ווייסט וואָס ער רעדט?"

„ווי אַזוי ווייסטו וואָס דו רעדסט, אַז דו ווילסט אידן זאָלן זיך זעצן צום סדר מיט אַ נאַקעטן, 'ווי הייסט עס', גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד."

„ווער? איך וויל? איך וויל עס אפילו נישט ברענגען איבער די ליפּן, אַז אימיצער פון אייך זאָל זיך מיטן נאַקעטן 'דאָס' זעצן צום סדר. אָבער איר אַלע ווילט, אַז אַ בלאָסער שניידער, א פּשוטער בשר־ודם, זאָל אייך באַווייזן די גרעסטע וואונדער. ווען גיט מען דעם שניידער די סחורה, ער זאָל מאַכן א מלבוש אויף פּסח? צוויי, אָדער אין בעסטן פאַל שוין — פיר וואָכן פאַר פּסח. 'פאַר מיין זון מאַכט דאָס רעקל ברייטער און די הויזן לענגער, ווייל ער האלט קיין עין־הרע אין איין וואקסן. און מיר מאכט די הויזן אין געזעס אביסל ברייטער, ווייל כ'האָב צו טאָן, נישט פאַר אייך גע־דאַכט, מיט די מערידן'. אַ גאַנץ יאָר מוז איך זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, קיינער פאָדערט אָנשטאָט ברויט, און אין די פיר וואָכן צווישן פורים און פּסח זאָל איך אָרבעטן מיט הונדערט הענט און פינף הונדערט פינגער? און

אויב איך באַוויז עס נישט, איז מען אין כעס און איך טאָר זיך שוין נישט ווייזן נישט אין שוהל און נישט אין גאַס...״

„אָבער איין פאַר הויזן פאַר מיר האָסטו דאָך נאָך געקאָנט מאַכן.״

„עפּעס האָסטו דאָך געטאָן אין די פיר וואָכן — האָכטו נישט געקאָנט פאַרטיק מאַכן מיין קאַפּטאַן?״

„איצט זאָגט אַליין, צי האָבן מיר נישט אַ גרויסן גאָט, וואָס שיקט די רפואה פאַר דער מכה. וואָלטן מיר ביי זיך אינדערהיים געווען געקאָנט אַזוי רואיק רעדן וועגן דעם? אָט דאָס, וואָס מיר זיצן דאָ אַזוי בשלום־ושלוה, באַווייזט מיר טאַקע, אַז עס קומען פאַר גרויסע נסים און אַז נאָך גרעסערע...״

„ר׳ סענדער שלמה שרייבער גייט! ער וויל מיט אַלעמען רעדן״ — האָט פלוצים אָנגעזאָגט מרדכי שמש.

זינט סענדער שלמה שרייבער, דער וויצע־בירגערמייסטער און פּרעזעס פון דער אידישער קהילה אין סערעט, האָט נעכטן ביינאַכט אין דער פאָלקס־קיך געזאָגט מוסר די אַנטלאָפענע, זענען אַלע אויף אים אין כעס געוואָרן. מילא אַז דאָס אומגליק, וואָס איז געקומען, איז אַן עונש פון זיין ליבן באָמען פאַר די באַגאַנגענע זינד, איז ביי קיינעם קיין ספק נישט. וואָרים וועלכער ערלעכער איד איז נישט זינדיק? דווקא ביי א צדיק זעט דער רבונו־של־עולם אפילו די קלענסטע עבירה, מעג זי זיין קליין ווי א האָר. מיינט מען טאַקע אָפּט, אַז כביכול איז א שונא און וויל פאַרטיליקן דאָס גאַנצע פאָלק ישראל. וואָרים דאָס פאָלק ישראל, זאָל נישט אויסגערעדט זיין, איז דאָך אַן עם־קשה־עורף. אָבער צוריקגעשמועסט — קאָן דען א בשר־ודם זיין גערעכטער פונעם רבונו־של־עולם, און דאָס באַשעפעניש ריינער פונעם באַשאַפער?

נאָר ווען דער נגיד סענדער שלמה שרייבער דערציילט זיי אין אַן עת־צרה, אַז דאָס אַלץ האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אַ טייל ווייבער גייען אין אייגענע האָר — דאָס קאָנען זיי אים שוין נישט מוחל זיין. וואָרים אויב דער פויערים־אויפשטאַנד האָט זיך גענומען דערפון, וואָס אידישע ווייבער גייען אין אייגענע האָר, האָט גאָר דער אויפשטאַנד באַדאַרפט פאַרקומען אין סערעט, וואו מ׳איז א סך ווייניקער פרום און א סך ווייבער גייען אַרום אין אייגענע האָר. און סענדער שלמה שרייבער דאַרף זיין דערלעצטער צו רעדן וועגן דעם. ווייל ווער ווייסט נישט, אַז אָט דער רייכער באַנקיר האָט צו טאָן נישט מיט איין אשת־איש, און דווקא מיט אַזעלכע וואָס גייען אין אייגענע האָר. „ער האָט אונז פאַרשעמט״, האָט איינער זיך בעקלאָגט. אַן אַנדערער אָבער, א וואוילקענעוודיקער, האָט אים אַ זאָג געטאָן אין פנים אַריין, ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויף: „מום שבך אַל

תאמר לחברך; און ווער עס פֿאַרשעמט אַן אָרימאַן, לעסטערט דעם רבונו־של־עולם.״

סענדער שלמה שרייבער האָט זיך געמאַכט, ווי ער הערט נישט און האָט זיי זייער פֿריינטלעך געגריסט: „אַ שיינעם גוט מאָרגן אייך, ליבע פֿריינט און ברידער.״ דערנאָך האָט ער געהייסן עפֿענען דעם טויער, און ס'איז אַריינגעפֿאָרן אַן אָנגעלאָדענער וואָגן מיט צוויי ברוינע, אָפּגעמאָגערטע פֿערדלעך. חברה קונדסים האָבן גענומען זיך דראַפּען אויפֿן וואָגן, און דער באַלעגאָלע האָט געהאַט צרות, זיי אָפּצוטרייבן. אויפֿן וואָגן זענען געשטאַנען גרויסע געפּלאַכטענע קוישן, איבערגעדעקט מיט ווייסע ליילעכער. „זע מ'זאָל תיכף ריין מאַכן אַ שטוב, מ'זאָל קאָנען אַריינשטעלן די מצות״ — האָט סענדער שלמה שרייבער געזאָגט צום שמש — „ווייק, פֿלייש און אייער וועט מען שפּעטער ברענגען.״

די מענטשן אַרום האָבן געקוקט און נישט געגלויבט זייערע אייגענע אויגן: דאַכט זיך — דער זעלבער איד, ר' סענדער שלמה שרייבער, און דאָך עפּעס גאָר אַ נייער מענטש, מיט נייע ווערטער און מיט אַ גאַנץ אַנדערן ווירך. נו, האָב איך אייך נישט געזאָגט, אַז ס'איז משיחס־צייטן?״ — האָט אויסגערופֿן יאָסל שנײַדער — נסים, ממש פּלאי־פּלאים!״

סענדער שלמה שרייבער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז יאָסל שניידער מאַכט דאָס חוזק, און ער איז געוואָרן מלא־רציחה. באַלד אָבער האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז „ווען מ'דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים פֿון תליה״ און ער האָט געזאָגט געלאַסן: „פֿאַרוואָס פּלאי־פּלאים? איך בין זיכער, אַז איר אויך מיין אָרעם, ווען איך זאָל, חלילה, זיין אין אייער לאַגע, וואָלט איר אויך אַנדערש נישט געהאַנדלט, ווי איך.״

„בכבוד גדול״ — האָט זיך עמעצער אָנגערופֿן.

סענדער שלמה שרייבער האָט זיך באַמיט צו פֿאַרדעקן זיין כעס אונטער אַ שמייכעלע: „איך ברענג אייך, מיינע פֿריינט, אַ גוטע בשורה: אונזער רעגירונג אינטערעסירט זיך מיט אייך.״

פֿאַר אַ רומענישן איד, ווען ער האָט דערהערט, אַז „די רעגירונג אינטערעסירט זיך מיט אים״, איז עס נישט געווען אַזאַ געוואַלדיג גוטע בשורה. אין דער רעגירונג האָט ער קודם כל געזען דעם פּאָליציי־באַאַמטן, וועלכער פֿאַרלאַנגט „באַקשיש״, אָדער דעם האַנדל־ און געווערב־אינספּעקטאָר, וועלכער וואַרט אויך, מ'זאָל אים „אונטערשמירן״. פֿאַר יעדן רומענישן בירגער איז די רעגירונג געווען אַן אָנשיקעניש, אַ צרה, אַ מכה, מיט וועלכער גאָט, אין זיינע פֿאַרהוילענע וועגן, שטראָפֿט אידן, ווי קריסטן אָבער נאָך מער פֿאַרהוילן זענען געווען די וועגן פֿון דער רומענישער רעגירונג. פֿון וואַנען, אַ שטייגער, נעמט זיך דאָס, וואָס די פּאָליציסטן און באַאַמטע פּרעסן אַרויס די לעצטע פּרוטה דווקא ביי די אָרימעלייט, וועל־

כע האָבן אַליין געראַנגלט, בעת די רייכע לאָזן זיי צורו? אויף אַט דער פראַגע האָבן די אַנטלאָפענע פּונקט אַזוי ווייניק געקאָנט ענטפערן, ווי אויף דער צווייטער פראַגע: פאַרוואָס האָבן דווקא זיי געמוזט אַנטלויפן, ווען די פּריצים האָבן זיך געבונטעוועט קעגן די באַיאַרן? און איצט, אין דער גרעסטער נויט, ווען זיי זענען קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן, הערן זיי ווידער, אַז „די רעגירונג אינטערעסירט זיך מיט זיי"...

סענדער שלמה שרייבער האָט דערוואָרט, אַז די דאָזיקע בשורה וועט אַרויסרופן אַ באַגייסטערונג. און דאָ אָבער זעט ער, אַז — פאַרקערט. געראַנגלט... איז ער געוועזן שטאַרק אַנטוישט, אָבער ער האָט ווייטער געזאָגט: „ווי נאָר אונזער רעגירונג האָט זיך דערוואוסט וועגן אייער טרויעריקער לאַגע, האָט זי באַלד אָנגענומען שריט צו לינדערן אייער נויט. אַ טייל עסטרייכישע דעפּוטאַטן און פאַרטרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג זענען שוין אָנגעקומען אַהער, און אַנדערע האַלטן נאָך אין אָנקומען. איר וועט האָבן אַ פּסח, וואָס איר האָט שוין לאַנג נישט געהאַט. מאָרגן וועלן אַהערקומען די פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, צו זען, ווי עס לעבט זיך אייך דאָ."

ביי אַט די ווערטער איז ביי די צוהערער געבוירן געוואָרן בלויז איין געדאַנק: אַנטלויפן! וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען. אָבער וואוהין לויפט מען? נאָר דאָ האָבן זיי געהערט, ווי סענדער שלמה שרייבער זאָגט ווייטער: „אַט דאָ ברענג איך אייך די ערשטע מתנה פון די דעפּוטאַטן און די פאַרטרעטער פון דער רעגירונג. זאָל די מתנה זיין פאַר אייך אַ סימבאָל פון זיכערקייט. איר וועט איצט האָבן דאָס געפיל, אַז איבער אייך איז אויסגעשפּרייט אַ שטאַרקע האַנט און אַ מעכטיקער אָרעם, וואָס וועט אייך באַשיצן."

„ווי־העכער אַ נס!" — האָט אויסגערופן יאָסל שניידער.

„אין רומעניע איז עס אפשר אַ נס, ווען רעגירונגס־פאַרטרעטער שענקען עפּעס פאַרפּלאָגטע מענטשן" — האָט געזאָגט סענדער שלמה שרייבער, קוים איינהאַלטנדיק זיין גרימצאָרן, — „אונטער דער רומפּערער הערשאַפט פון אונזער באַרמהאַרציקן מאָנאַרך, דעם קייזער פראַנץ יאָזעף, איז עס אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אונטערדריקטע מענטשן זאָלן געשטיצט ווערן מיטן שענקען און בעסטן."

נאָך די ווערטער האָט ער געהייסן דעם שמש און דעם פורמאַן אַראָפּנעמען פון וואָגן אַ קאַסטן, וואָס איז געשטאַנען צווישן די קוישן.

ווען די פאַרזאַמלטע האָבן געזען, ווי פאַרזיכטיק, כמעט מיט יראת־הכבוד, סענדער שלמה שרייבער שניידט אָפּ די שטריקלעך פון קאַסטן און ווי ער צענעמט דאָס פּאַק־פּאַפּיר, האָבן זיי געמיינט: ווער ווייסט וואָס פאַראַ טייערע אוצרות עס ליגן דאָרט באַהאַלטן. מסתם הגדות, אָדער

מחזורים פאַר פּסח, האָבן א טייל געטראַכט. און אפשר גאָר געלט אויף מלבושים, אָדער ספרי־תורות — ווער קאָן וויכן?

סענדער שלמה שרייבער האָט אַרויסגענומען פון קאַסטן אַ גרויסע ראַם, האָט פון איר פאָרזיכטיק אַראָפּגענומען דאָס זיידן־פּאַפּיר, און דער עולם האָט דערזען דאָס בילד פון קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן: „אָט דאָ זעט איר פאַר זיך די גרעסטע מתנה, וואָס גאָט האָט געשאָנקען דער מענטשהייט, ערשט פריש אַרויסגעגעבן דורך דער קייזער־קעניגלעכער הויף־קאַנצעליי אין ווין."

די מיינסטע פון די אנטלאָפענע האָבן געקענט דאָס בילד פון קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן, הגם זיי האָבן נישט געקענט אָט די נייע אויפ־
[illegible]
בילד. זיי האָבן אים אפשר געהאלטן פאַר א סך א בעסערן הערשער, ווי זייער אייגענעם רומענישן קעניג קאַראָל. אָבער וואָס פאַראַ מתנה דאָס איז פאַר זיי, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען. איינער האָט אפילו געמיינט, אַז דאָס איז דער סערעטער שוסטער פאָדרוצקי, און יאָסל שניידער האָט זיך געוואונדערט: „אַזאַ אוניפאָרם איז מיר נישט באַקאַנט."

„זייט ווען, יאָסל, קענסטו אַזוי אַלע אוניפאָרמען?" — האָט געפרעגט סענדער שלמה שרייבער.

„ביי וועמען, אשטייגער, מיינט איר, לאָזט זיך פאַרריכטן אַלע אוני־פאָרמען דער שעף פון דער גרענעץ אין אונטער־כיגאוץ, פּראָקאָפּ דאָבאָדר־ני? ביי מיר. ער זאָגט, אַז איך מאַך אַ בעסער שטיקל אַרבעט, ווי אַלע סערעטער שניידערס. פאַר דער לעצטער אַרבעט איז ער מיר נאָך שול־דיק..."

„גאָט איז מיט אייך! וואָס רעדט איר?" — האָט פאַרצווייפלט אויס־געשריען סענדער שלמה שרייבער — „נאָך אַ גליק וואָס קיינער הערט נישט. איך ווייז אייך דאָס בילד פון אונזער גרויסן קייזער, דעם גרעסטן קייזער פון אַלע דורות, דעם באַשיצער פון די אידן, און ברענג אים אייך ווי א מתנה — נעמט איר און מאַכט אַ פאַרגלייך צווישן אָט דעם איידעלן בילד מיט, להבדיל, אַ שוסטער פאָדרוצקי, אָדער דעם צאַל־באַאַמטן דו־באָדני? יאָסל, שניידערישער קאָפּ וואָס דו ביזט! האָסטו שוין געהערט, אַז אַ קייזער זאָל זיך לאָזן פאַרריכטן א אוניפאָרם?"

„און ווען ס'רייסט זיך אָפּ א קנאָפּ, אָדער ס'רייבט זיך אויס דער אַרבל ביי דער אַרבעט, צי די פּאָדשעווקע טרענט זיך אויף, אָדער ס'פּלאַצט אַ נאָט? וואַרפט דער קייזער באַלד אַוועק די גאַנצע אוניפאָרם? ער האָלט דאָך געמוזט זיין רייך ווי קרח און פאַרמאָגן שלמה המלכס אוצרות."

„הערדשע אויס, יאָסל" — האָט געזאָגט סענדער שלמה שרייבער — „ווי פון אַ שניידער, קאָן מען פון דיר נישט פאַרלאַנגען זאָלסט פאַרמאָגן א

סך חכמה און וויכוח. אָבער מען זאָגט מיר, אַז דיין זון זיצט יום־ולילה אי־בער דער גמרא; וואָלסטו געמעגט האָבן אביסל מער שכל. אלס אינגל, האָסטו דאָך אויך עפּעס געלערנט. קאָנסטו מיר אפשר אויפווייזן איין שטעלע אין „פסוק", וואו עס רעדט זיך וועגן שאול המלך, צי וועגן דוד אָדער שלמה המלך, זאָל מען דאָרט אויך רעדן וועגן געפּלאַצטע נעט, אויפגע־טרענטע פּאַדשעוועקעס, אָדער אָפּגעריסענע קנעפּ? דאַרפסט וואויל וויסן, אַז אונזער לעבן באַשטייט פון א סך וואָכנטעג און בלויז פון עטלעכע גע־ציילטע שבתים און יום־טובים. מיר, פּשוטע מענטשן, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט קנעפּ, נעט און פּאַדשעוועקעס, מיר זענען בלויז די וואָכנטעג, בעת די הערשער פון דער וועלט זענען די שבתים און יום־טובים."

יאָסל שניידער איז אפּנים נאָך אלץ נישט געווען אזוי שטאַרק אי־בערצייגט וועגן דעם: אזוי פיל גוטע יאָר אויף מיר, וויפל מאָל מ'וואַרפט מיר פאָר, דווקא אום שבת און יום־טובים, אַז די קנעפּ זענען נישט גוט אָנגענייט, אָדער אַז די פּאַדשעוועקע הענגט נאָך..."

„נו, אָבער גענוג, א סוף! די צייט שטייט נישט און..."

„מיר האָבן גענוג צייט, אַ קלייניקייט, אונזערע געשעפטן..."

סענדער שלמה שרייבער האָט געזען, אַז מיט טענות און וויכוחים וועט ער מיט די מענטשן ווייט נישט פאַרפאָרן און האָט מער נישט גע־ענטפערט. דערווייל האָט מען אויסגעפּאַקט אַלע זעקס קייזער־בילדער. „נעמט זיך צו דער אַרבעט" — האָט ער געזאָגט צו מרדכי שמש און צום משרת פון דער קהילה.

בשעת מ'האָט גערייניקט די שטיבער און אויפגעהאָנגען די קייזער־בילדער, האָט אין הויף סענדער שלמה שרייבער געמאָלדן פאַר די אנט־לאָפענע א זוניק צוקונפט־בילד: „ווי נאָר דער קייזער אין ווין האָט דער־הערט וועגן אייערע צרות, האָט ער צוזאמענגערופן זיינע עצה־געבער און זיי געזאָגט: מען מוז מאַכן אַ סוף. איך וועל לענגער נישט דולדן, אַז מ'זאָל די אידן פון מיהאלעני פאַרפאָלגן."

„אַזוי טאַקע האָט דער קייזער געזאָגט? אָבער ווי קומט עס, וואָס אַ פרעמדער קייזער נעמט זיך אָן די קריוודע פון די מיהאלענער אידן?"

„איך וועל עס אייך גלייך דערקלערן. דער קייזער איז אן אוהב־ישראל, פונקט ווי ס'איז געווען דער פּערסישער קעניג צור. ווי ס'שטייט געשריבן: און גאָט האָט גערעדט צו זיין געזאַלבטן צור דורכן מויל פון ישעיה הנביא. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. אונזער קייזער פראַנץ יאָזעף איז נישט נאָר דער קייזער פון עסטרייך, נאָר אויך דער אַפּאָסטאָלישער קעניג פון ירושלים."

די לעצטע ווערטער האָבן געמאַכט אויף די צוהערער א געוואַלדיקן איינדרוק. דער מאַן דאָ מיט די באַקנבערד, וואָס קוקט אויס ווי דער שוס־

טער פּאָדרוצקי און ווי דער צאַל־באַאַמטער דזכאָדני, איז דער קעניג פון דער הייליקער שטאָט ירושלים! א סך האָבן געהערט, אַז א סולטאַן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל הערשט איבער ירושלים. דאָס איז דערפאַר, ווייל די טערקן שטאַמען פון אברהם־אבינוס זון, ישמעאל, און דעריבער איז זייער סולטאַן אַ נאָענטער קרוב צו די אידן, הגם ער איז פון אן אנדער אמונה. אָבער ווען ירושלים געפינט זיך שוין נישט מער אין דעם סולטאנס הענט, נאָר אין די הענט פון אַט דעם אויפן בילד, איז דאָך שוין טאַקע די העכסטע צייט, אַז משיח זאָל קומען און אויסלייזן אַלע אידן מיט דער הייליקער שטאָט ירושלים.

„מיר וועלן נאָך היינט געפינען גענוג פּלאַץ פאַר יעדן, אַז ס׳זאָל פאַר אַלעמען זיין באַקוועם. ווי ס׳שטייט געשריבן: ׳איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו׳ — יעדער אונטער זיין ווייַנשטאָק און יעדער אונטער זיין פייגנבוים.”

„מיין וויינשטאָק” — האָט געזאָגט יאָסל שניידער — „איז די זינגער־מאַשין. אויב מ׳האָט זי דאָרט צוגעגנבעט, ווייס איך נישט צו וואָס איך זאָל צוריקפאָרן.”

„און ווער ווייסט — האָט נחמיה גלעזער געטראַכט — צי מיין פייגנבוים, דאָס גלאָז, מיט וועלכן כ׳האָב געקאָנט אַריינשטעלן דריי הונדערט שויבן, איז נאָך גאַנץ? און וואו וועל איך נעמען געלט אויף נייע שויבן, אַז איך בין שוין שולדיק איין־און־אכציק פראַנק? ווער וועט מיר אויפסניי באָרגן געלט, אַז אין דער בהלה וועט גאָר קיינעם אפילו נישט איינפאַלן אַריינצושטעלן נייע שויבן. נאָר גאָט אַליין קאָן זיך מרחם זיין. סיידן משיח זאָל קומען און מ׳וועט פון אַלץ פּטור ווערן”.

סענדער שלמה שרייבער איז אַוועק פון דער פאָלקסקיך מיטן געפיל, אַז ער האָט דאָך געהאַט אַ שטיקל נצחון. דער עיקר איז, אַז די אַנטלאָפענע זאָלן דערווייל בלייבן אין שטאָט, כדי מען זאָל זיי פאַר די פאַרטרעטער פון דער רעגירונג קאָנען ווייזן, ווי קרבנות פון דעם טעראָר, און דאָס האָט ער דערגרייכט. אָבער אַן עם־קשה־עורף, האָט ער געטראַכט, אַ האַרטנעקיק פאָלק, וואָס לאָזט זיך נישט באַהערשן אפילו אין אַן עת־צרה, אפילו נישט אין דער גרעסטער דערשלאָגנקייט.

43

פּיוול פראַנט האָט געקוקט אויף קורט קראַוטער, וועלכן ער האָט אַלץ נאָך געהאַלטן פאַר אַן אַמעריקאנער, ווי ער וואָלט אַראָפּ פון זינען: „וואָס? איך זאָל זיך באַקלאָגן ביים בעצירקס־הויפּטמאַן, ביי די זשאַנדאַרן,

אָדער ביים ריכטער, אַז מ'האָט מיך געשלאָגן? נישט ביי מיינע שונאים צו לעבן! און דאָס וועט אויך דער קצב־יונג ברוך נישט דערלעבן. מ'דאַרף קאָנען פאַרטראָגן אַ קלאַפּ, פונקט ווי מ'דאַרף אים קאָנען דערלאַנגען. איך האָב געקאָנט בלייבן ביים מיליטער צוואַנציק יאָר נאָך דערפאַר, ווייל איך האָב געוואוסט ווען אַראָפּצושלינגען אַ פּאַטש, און ווען ס'איז די פּאַסיקע געלעגנהייט אָפּצוצאָלן מיט אַ דאָפּלטן אָדער דריי־פאַכיקן פּאַטש."

„איר האָט מיך נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, פּיוּול. איך ווייס גענוי, אַז איר וועט ברוכן נישט פאַרשווייגן און איר דאַרפט נישט ערשט זוכן קוּמען מיט דעם צו דער 'מאַכט', זי זאָל אייך העלפן, כאָטש אָט דער קצב־יונג האָט אייך שוין דריי מאָל צעשלאָגן, און איר האָט אים נאָך קיין איין מאָל נישט אָפּגעצאָלט דערפאַר. אָבער דאָ האַנדלט זיך וועגן גאַנץ עפּעס אַנדערש: איך האָב שוין דערציילט מענטשן אין שטאָט, אַז מיר זענען דאָ באַפאַלן געוואָרן פון ווערפּולער פויערים; וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט מאָרגן אריינברענגען וועגן דעם אַן אָפיציעלע אָנקלאָגע ביים בעצירקס־הויפּטמאַן."

„וואָס גייען מיך אָן די פויערים פון ווערפּוליז?"

„זיי מאַכן דאָך אַן אויפשטאַנד."

„וואָסזשע גייט עס מיך אָן? איך פאַרזאָרג נישט זייערע געשעפטן, און זיי פאַרזאָרגן נישט מיינע."

„זאָגט מיר, פּיוּול: ווער זענען, אַזוי אין דורכשניט, אייערע בעסטע קונדן?"

„ווער ווייסט עס נישט? מיינע בעסטע קונדן זענען די רומענישע גוט־באַזיצערס."

„און ווייסט איר, אַז די פויערים מאַכן דעם אויפשטאַנד, זיי זאָלן קאָנען אַלץ אָוועקרויבן ביי די גוט־באַזיצערס? און אויב דאָס געלינגט זיי, איז — אויס באַיאַרן."

„כ'פאַרשטיי נישט — זיי ווילן ביי זיי אַלץ צונעמען און גאָרנישט באַצאָלן דערפאַר, פונקט ווי זיי וואָלטן געקומען צו מיר און געזאָגט: פּיוּול, גיב אונז אומזיסט?"

„נאָך ערגער. וואָרים אויב מ'נעמט דאָ עפּעס אומזיסט, בלייבט נאָך אַלץ געגנוג פון די מיידלעך. די פויערים ווילן אָבער אַלצדינג צונעמען."

„ווי קאָנט איר זאָגן, אַז ווען מ'נעמט דאָ אומזיסט, בלייבט נאָך אַלץ גענוג? פון וואָס זאָל איך צאָלן שטייערן? און מיט וואָס וועל איך די מוידן אויסהאַלטן? איך איז גרינג צו זאָגן. אומזיסט? נישט ביי מיר! זאָל נאָר עמיצער פּרוּוון, בין איך אים נישט מקנא."

„ריכטיק, פּיוּול. זעט איר שוין? דערפאַר — אויב איר ווילט נישט, עס זאָל געשען אַן אומרעכט אויף דער וועלט און איר זאָלט דערביי פאַר־

לירן אייערע בעסטע קונדן, איז גויטיק, אַז איר זאָלט באַלד מאָרגן אריינ־טראָגן אַ קלאָגע צום בעצירקס־הויפּטמאַן, אַז די אויסגעשלאָגענע שויבן און דער גאַנצער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרן פון די פויערים אין ווערפולי."

„הערט, הער אַמעריקאַנער: איר קאָנט פון מיר פאַרלאַנגען וואָס איר ווילט, אָבער מיט רעגירונג־באַהערדן וויל איך גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן. מיין געשעפט איז טאַקע קאָנצענטרירט פון דער רעגירונג; און דער בעצירקס־הויפּטמאַן, דער ריכטער און דער בירגערמייסטער זענען אין מיין לאָקאַל זייער אָנגעלייגטע געסט. ווי קונדן, גויטיקט זיך אין זיי מיין געשעפט, אָבער ווי אַ רעגירונג קאָן זיי מיין געשעפט נישט פאַרטראָגן."

„דאַרפט איר מיט עפּעס זיך היטן?"

„איך זיך היטן? איך בין אַן ערלעכער געשעפטסמאַן, צאָל פּינקטלעך מיינע שטייערן, און איך האָב זיך מיט גאָרנישט וואָס צו היטן. יעדער גאַסט, וואָס באַצאָלט, קאָן דאָ אויספּאַרשן אַלע מיינע סודות. אָבער מיין געשעפט קאָן נישט פאַרטראָגן, זיך אַריינצולאָזן אין עסקים מיט געריכטן און אַמטן. פאַרלאַנגט פון מיר וואָס איר ווילט, און איך וועל עס גערן טאָן. אָבער זיך אַרומלאָדן אין געריכטן קאָן איך נישט."

קורט קראַוטער האָט שוין געזען, אַז אין דער היגזיכט לאָזט זיך גאָר־נישט טאָן. דאַרף מען פּרוּוון עפּעס אַנדערש — ער איז דאָך וויליק, זאָגט ער, צו טאָן, וואָס עס וועט זיך לאָזן: „דאָס הייסט, פּיוּול, אַז אונטער גע־וויסע אומשטענדן זייט איר גרייט צו פאַרטיידיקן די קולטור?"

„איך האָב געדינט ביים מיליטער גאַנצע צוואַנציק יאָר, און דאָרט האָב איך געלערנט, אַז מען מוז פאַרטיידיקן. ווען איך קאָן ניצלעך זיין אין דער פאַרטיידיקונג, בין איך גרייט עס צו טאָן. איך בין וויליק צו פאַר־טיידיקן אפילו דאָס, וואָס איר זאָגט..."

„די קולטור."

„ריכטיק, די קולטור. אויב איך קען עס נאָר אין מיין עלטער און מיט מיין מיליטערישער דערפאַרונג, וועל איך עס גערן טאָן. איך וואָלט נאָר וועלן וויסן ווער, אָדער וואָס דאָס איז. קען איך עס?"

„קולטור איז... נו, ווי זאָל איך עס דערקלערן?"

„אָבער עס געפינט זיך אין ווערפולי, וואו די פויערים האָבן זיך צע־בונטעוועט?"

„נו, קולטור איז נישט קיין לעבעדיקע זאַך, און דאָך דאַרף עס לעבן. ס'איז עפּעס, וואָס ס'איז דאָ, און מ'טאָר עס נישט פאַרניכטן. ווען די פויע־רים בונטעווען זיך און ווילן פאַרניכטן די גוטבאַזיצערס, ווילן זיי מיט דעם אויך פאַרניכטן געשעפטן, ווי אייערע. אָט דאָס הייסט אַ קאַמף קעגן דער קולטור. און ווער עס דערלאָזט עס נישט, פאַרטיידיקט די קולטור. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?"

„זיכער. איצט איז עס מיר קלאָר."

„איז — ווילט איר זיך באַטייליקן אין דעם, ווען מ'וועט דאַרפֿן?"

„אויב ס'האָט נאָר נישט צו טאָן מיט די מעשענע קנעפּלעך — צו יעדער צייט."

קורט קראַוטער האָט זיך אַליין נישט געקאָנט דערקלערן, ווי אַזוי ס'איז אים פּלוצים איינגעפֿאַלן זיך צו באַנוצן מיטן אויסדרוק „פּאַרטיי־דיקן די קולטור". ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט אין דער ריכטונג, און דאָס וואָרט „קולטור" האָט ער זעלטן ווען גענוצט. אַז דאָס זאָל אים איינפֿאַלן גראָד איצט, און דווקא אין אַ שמועס מיט פֿיוול פּראַנגט...! אָבער אָט דאָס טאַקע איז דאָס ריכטיקע וואָרט, וואָס מ'דאַרף האָבן אין דעם מאָ־מענט: „אָט דאָס, וואָס מיר האָבן גערעדט וועגן איבערפּאַל" — האָט ער געזאָגט צו פֿיוולען — „וועלן מיר דערווייל נישט אויסנוצן. אויב איר זאָגט, אַז איר ווילט נישט האָבן צו טאָן מיט אַ געריכט, ווייסט איר זיכער וואָס איר רעדט. אָט דאָ איז דערווייל פּופּציק קראָנען האַנט־געלט פֿאַר דעם, וואָס איר האָט צוגעזאָגט, און איך וועל אייך שוין לאָזן וויסן ווען און צו וואָס איך וועל אייך דאַרפֿן."

„איר מיינט דאָס פּאַרטיידיקן דעם..."

„די קולטור."

„ריכטיק, פּאַרטיידיקן די קולטור."

„ס'איז שוין געווען אַרום ניין אין אָוונט. קורט קראַוטער האָט זיך גע־איילט צום „פּעטן אָקס". מיט אַ פֿריילעכן „גוטן אָוונט" איז ער אַריין צו פֿישערן אין צימער.

„וואָס הערט זיך גוטס, קורט? איר קוקט אויס, ווי איר וואָלט גע־בראַכט די בעסטע נייעס אין דער וועלט. זע, אייער רעכטע באַק איז דאָך אינגאַנצן געשוואָלן! האָט איר זיך איינער אַליין געשלאָגן מיטן גאַנצן אַגראַר־אויפֿשטאַנד? די לעצטע באַריכטן, וואָס מיר האָבן דאָ באַקומען, זענען גאָרנישט אַזוי פֿריילעך.

„טאַקע וועגן דעם וויל איך מיט אייך רעדן, גנעדיקער הער. ס'איז מיר איינגעפֿאַלן אַן אויסגעצייכנטע אידעע, וואָס קאָן אונז דאָ, גלויב איך, זייער אַ כּך העלפֿן."

„איך וויל האָפֿן, אַז אייער נייע אידעע איז אַביסל ביצלעכער, ווי די פֿריערדיקע אידעען אייערע. וואָס איז עס?"

„מיר גרינדן אַ קאָמיטעט צו פּאַרטיידיקן די קולטור."

פֿישער האָט געטראַכט אַ ווײַלע און געזאָגט: „נישט קיין שלעכ־טער געדאַנק. היינט אָוונט דאַרפֿן אַהער אָנקומען פֿאַרטרעטער פֿון דער לאַנד־רעגירונג, עטלעכע געוועזענע דעפּוטאַטן און פֿאַרטרעטער פֿון דער ווינער פּרעסע. מיט אַזאַ קאָמיטעט קאָן מען אויף זיי מאַכן אַן איינדרוק

און אפילו שאפן א שטימונג פאַר אינטערווענציע. ווי אַזוי ווילט איר צו דעם צוטרעטן?"

„איך האָב אַהער־באַשטעלט משה מאַשיניסט און דעם אינזשיניער האַלטער. זיי דאַרפן יעדן מאָמענט אָנקומען."

„גראָד די צוויי האַלט איך נישט זייער פּאַסיק פאַר דעם צוועק. אָבער רעדט איר דערווייל אַליין מיט זיי, און ווען איר וועט שוין האָבן עפּעס באַשטימט, וועט איר מיר לאָזן וויסן. דערנאָך וועלן מיר שוין זען וואָס ס'לאָזט זיך טאָן."

שוין אויף די טרעפּ, האָט קורט קראַוטער באַגעגנט משה מאַשיניסט אוןביים אַריינגאַנג צום „פּעטן אָקס" איז אָנגעקומען דער אינזשיניער האַלטער. ער האָט זיי ביידע מיטגענומען אין האָטעל „אָנגאַ-האָף".

אין פּאַדער־זאַל פון האָטעל איז נישט געווען קיין פרייער פּלאַץ. געסט, וועלכע האָבן פריער פאַרנומען עטלעכע צימערן, האָבן איצט געמוזט זיך באַנוגענען בלויז מיט איין צימער, ווייל מ'האָט געלאָזט וויסן דעם בירגערמייסטער, ער זאָל פריי־מאַכן צימערן פאַר די פאָרטרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג און פאַר דער זשאַנדאַרמעריע־אָיבערקאָמאַנדע פון בור־קאָווינע. די גאַנצע צייט האָבן געהאַלטן אין איין אָנקומען עקיפּאַזשן מיט אָפיציעלע פּערזענלעכקייטן. קורט קראַוטער און זיינע באַגלייטער האָבן קוים געקאָנט זיך דורכשטופּן דורכן פּאַדער־זאַל. אויף די טרעפּ האָט זיי באַגעגנט דער האָטעל-פאַרוואַלטער ריבענקאַפף: „ווען מיר וואָלטן געהאַט דריי אַזעלכע פּויערים-אויפשטאַנדן אין יאָר, וואָלט סערעט באַלד איבער־געשטיגן טשערנאָוויץ און אפשר אפילו ווין, און יעדער פון אונז וואָלט געוואָרן שטיין־רייך. לאָמיר האָפן, אַז דער צווייטער פּויערים־אויפשטאַנד וועט פאָרקומען נענטער צו אונז, און נישט ערגעץ־וואו אין דער פרעמד."

קורט קראַוטער האָט אַ בליק געטאָן אויף ריבענקאַפּפן מיט פאַראַכטונג און איז ווייטער געגאַנגען. אַריינגעקומען אין זיין צימער, האָט ער דערלאַנגט זיינע צוויי געסט גלעזער ראָם און געזאָגט צו משה מאַשיניסט: „איר ווייסט וואָס ס'איז קולטור?"

„וועלכער קולטור־מענטש ווייסט עס נישט? זאָל איך עס אייך געגוי דערקלערן?"

„דערפאַר האָב איך דאָך אייך געפרעגט."

„ביי יעדן געבורטסטאָג ווערט אונזער קייזער געפייערט, ווי דער באַשיצער פון קולטור. איך האָב ערשט נישט לאַנג געלייענט אין אַ וואָכנ־דערבאָרן לייט־אַרטיקל פון אַ ווינער צייטונג, אַז די אַמעריקאַנער זענען אַ קולטורלאָז פאָלק מיט אַ סך ציוויליזאַציע. אין איינע פון זיינע פאָלקס־טימלעכע לעקציעס אין אונזער גימנאַזיע האָט עס פּראָפעסאָר הילאַריאָן טאָפּאָן זייער קלאָר אַרויסגעבראַכט: ס'איז געווען אַ ירידה פון דער

מענטשהייט, ווען די מיטלאַלטערלעכע קולטור איז פאַרדרענגט געוואָרן דורך דער קולטורלאָזער ציוויליזאַציע. און דער אונטערשייד צווישן די ביידע באַשטייט אין דעם, וואָס קולטור און ציוויליזאַציע קערן זיך גאָר־נישט אָן. איך האָב עס שוין פריער געוואוסט, אָבער זייט יענעם פאָרטראָג איז מיר דער באַגריף קולטור א סך קלאָרער געוואָרן."

„און וואָס איז אייער מיינונג?" — האָט קורט קראָוטער זיך געווענדט צום אינזשעניער האַלטער.

„איך, פאַרשטייט זיך, קאָן עס נישט אַזוי גוט דעפינירן, ווי מיין פריינט משה מאַשיניסט. איך בין פולשטענדיק איינפאַרשטאַנען מיט זיין דערקלערונג און וויל נאָר, גאַנץ באַשיידן, זיך דערלויבן צוצוגעבן, אַז — צום ביישפּיל — דער גאַז־לאָמפּ אויפן מאַרק, וואָס לייכט אַריין אַזש ביז אַהער אין צימער און דאַרף, אַזוי צו זאָגן, באַטראַכט ווערן ווי מיין באַ־שיידן, אָבער זייער וויכטיק ווערק, איז פון גרויסער קולטור־באַדייטונג. אַט אַזוי שאַפן מיר קולטור. פאַרקערט ווידער, ווי איך האָב ערשט לעצטן זומער געלייענט אין דער טשערנאָוויצער צייטונג, האָבן זיך אין מאַצעדאָניע גרויסע שלאַגסרעגנס איינגאַנצן אָפּגעשווענקט די קולטורן."

„מיינע הערן" — האָט געזאָגט קורט קראָוטער — „ווי איך זע, הערשט נישט צווישן אונז קיין שום מיינונגס־פאַרשידנקייט וועגן קולטור. וועלן מיר דעריבער צוטרעטן צום קערן, אַזוי צו זאָגן, צום אייגנטלעכן צוועק פון אונזער היינטיקער באַראַטונג. אונזערע ביז איצטיקע באַמיאונגען, צו גרינדן אין סערעט אַ בירגערלעכן זעלבסטשוץ, האָבן זיך נישט איינגע־געבן, ווייל מיר האָבן נישט אַרויסגעשטעלט קיין פּראָגראַם. איצט אָבער ווייסן מיר גענוי וואָס מיר ווילן. מיר ווילן גרינדן אַ קאָמיטעט צו פאַר־מיידיקן די קולטור. אַט דער קאָמיטעט וועט זיין דער זעלבסטשוץ."

„אַ גענישאַלע אידייע" — האָט געזאָגט משה מאַשיניסט — „דער קייזער באַשיצט די קולטור, און מיר, זיינע סערעטער אונטערטאַנען, ווילן זי פאַרטיידיקן. מיט אַזאַ פּראָגראַם קאָנען מיר אַלע געווינען אויף אונזער זייט. מיט אייער דערלויבעניש, וועל איך רעדן מיט די אינטעלעקטואַלן. איך קאָן נאָך היינט זיך זען מיטן פּראָפעסאָר הילאַריאַן טאָפּאַן."

„מיט דעם אָ? ניין. מיט אים איז מען קיינמאָל נישט זיכער. ווי ס'קומט צו עפּעס, לאָזט ער אייך איבער און אַנטלויפט."

„נישט ווען ס'קומט צו קולטור. ווער איז נאָך אַ גרעסערער שטיק קולטור, ווי ער?"

„און איך בין גרייט צו רעדן מיט די היגע מיליטערלייט."

„וואָס פאַרא מיליטערלייט האָט איר דען דאָ?"

„איך מיין מיט אַלע, וועלכע האָבן אַמאָל געדינט ביים מיליטער. ס'איז

וויכטיק, אַז דער הער בירגערמייסטער זאָל אויף דעם געבן זיין דערלויבעניש."

„און נאָך וויכטיקער איז" — האָט משה מאַשיניסט געזאָגט, שוין שטייענדיק ביי דער טיר — „אַז סענדער שלמה שרייבער זאָל זיין אויף אונזער זייט, וויל די מייסטע אינטעלעקטואַלן און די מייסטע אויסגעדינטע סאָלדאַטן אין אונזער שטאָט זענען אידן. און אָן זיין צושטימונג וועלן די אידן זיך נישט באַטייליקן."

44

אין דער פּאָלקסקיך האָט מען דערווייל געהאַלטן אין איין רוימען: מ'האָט אַרויסגעטראָגן דאָס שטרוי, געוואַשן און געריבן די פּאָדלאָגעס און אין יעדן צימער האָט מען אויפגעהאָנגען דאָס בילד פון קייזער פראַנץ יאָזעף דעם ערשטן. נאָר די אַנטלאָפענע האָבן זיך אַלץ נישט געקאָנט באַרואיקן: ווי איז דאָס מעגלעך, אַז אַ קייזער אין ווין זאָל זיך פּלוצים אָננעמען די קריוודע פון די מיהאַלענער אָרעמע אידן, און דערצו נאָך אַ קייזער, וואָס האָט זיך אַליין גענומען דאָס רעכט צו זיין דער מלך פון ירושלים!

„וואָס איז דאָ צו פאַרלירן?" — האָט געזאָגט יאָסל שניידער — לאָמיר זיין צופרידן וואָס אַ קייזער נעמט זיך אָן פאַר אונדז."

„הערט וואָס איך, שלמה בייטשן־מאַכער, וועל אייך זאָגן: מיר געפעלט נישט דער גאַנצער ענין. ס'דערמאָנט מיך אָן דער מעשה מיט מיין שכן כמעפּאַן און מיט אונזער ריכטער גנעדעלקאָ. איך קריג זיך מיט סטעפאַנען זעקס מאָל אַ וואָך — וואָס פאַרא שכנים קריגן זיך נישט? — און בעט זיך מיט אים איבער צוועלף מאָל אַ וואָך..."

„אַז דו קריגסט זיך זעקס מאָל, ווי אַזוי קאָנסטו זיך איבערבעטן צוועלף מאָל?"

„הערסט אַ חכם? ווייל נאָך יעדער קריגעריי בעט מען זיך איבער צוויי מאָל: איין מאָל גלאָט אַזוי, און דערנאָך ערשט ביי אַ גלעזל בראָנפן. אַז ס'גייט אַוועק צוויי טעג און מיר קריגן זיך נישט, פעלט עס אונז שוין אויס, נישט חלילה, ווייל מיר קאָנען נישט לעבן אָן קריגעריי — כאָטש אַביסל זיך קריגן איז שטענדיק גוט; וואָרים ערשט דערנאָך דערפילט מען די אמתע פריינטשאַפט — אָבער מען פילט זיך נישט גוט אָן דעם גלעזל בראָנפן. מ'קאָן דאָך נישט גלאָט אין אַ פשוטן מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק אַוועקלייגן די אַרבעט און אַריינגיין אין אַ שענק טרינקען בראָנפן — וואָס איז מען, אַ ליידיק־גייער? אָבער אַז מען בעט זיך איבער, איז דאָך אַ מצווה

צו מאַכן אַ לחיים. אפילו אונזערע חכמים זאָגן, אַז אויף שלום שטייט די וועלט. איינמאָל האָבן מיר דריי טעג נאָכאַנאַנד זיך נישט געקריגט, האָט מען נישט געהאַט וואָס זיך איבערצובעטן און מיר האָבן נישט גענומען קיין טראָפּן בראָנפן אין מויל אַריין. קומט צו מיר סטעפּאַן מיט אַ טענה: ס'טייטש מיר האָבן שוין דריי טעג זיך נישט געקריגט. כאָטש דאָס חיות איז מיר אויסגעגאַנגען נאָך אַ ביסל בראָנפן, האָט מיך פאַרט פאַרדראָסן, וואָס ער וויל דווקא מיר זאָלן זיך קריגן. זאָג איך צו אים: וואָס ווילסטו דווקא זיך קריגן מיט מיר? דיין העמד איז דאָך דיר בנעמער — קריג זיך מיטן העמד. איז ער רויט געוואָרן, איר הערט, ווי ער וואָלט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש אַקאַוויט. נו, נו, האָט זיך ערשט אָנגעהויבן די אמתע קריגעריי: ער רופט מיך אָקכ, און איך אים פערד; ער זאָגט מיר, אַז איך בין אַן אייזל מיט אַ מענטשיש קול, זאָג איך אים, אַז ער איז א הונט מיט אַ פּנים פון אַ האָן — ביז ער גיט מיר א זאָג, אַז איך האָב דערהרגעט קריסטוסן. שעם איך זיך נישט און זאָג אים, אַז ער איז א שונא־ישראל. הכלל, מיר זענען שוין געווען אַזוי ווייט, אַז מיר האָבן זיך געמעגט איבערבעטן און גיין מאַכן אַ לחיים..."

„וואָס האָט דאָס צו טאָן מיטן קייזער?"

„לאָז'זשע אויסרעדן."

„אויסרעדן? דו הערסט דאָך נישט אויף צו רעדן."

„וואָס האָסטו קיין צייט נישט? דײַנע געשעפטן, צי דאָס קייזער־בילד וועט דיר אַנטלויפן? הער אויס ביזן סוף, וועסטו זען, אַז ס'האָט יאָ צו טאָן מיטן קייזער. הכלל, ווען מיר האָבן זיך שוין אַזוי אמת פייערדיק צעקריגט און אָט־אָט האָבן מיר באַדאַרפט גיין נעמען א גלעזל משקה, גיב איך פלוצים אַ קוק — ויבא המן! דער בעצירקס־ריכטער בעדעלקאָ איז דאָ, און ער גיט צו מיר אַ מאַך: 'שלמה, דאָס טאָרט איר אים נישט פאַרשווייגן. פאַר אַזאַ באַליידיקונג קומט אים פון איינעם ביז דריי מאָנאַטן געפענגעניש. מילא וואָלט עס נישט געווען דער בעצירקס־ריכטער, וואָלט איך אים באַלד געזאָגט: מישט זיך אין אייערע אייגענע געשעפטן. וואָרים מער פעלט מיר נישט, אַז מ'זאָל מיין בעסטן שכן איינזעצן אויף דריי חדשים. אָבער גיי צעקריג זיך מיט אַ בעצירקס־ריכטער, און נאָך אַזאַ שונא־ישראל, ווי ער. זאָג איך צו אים: ער האָט מיך דען באַליידיקט? זאָגט ער צו מיר: 'איך האָב אַליין אויסדריקלעך געהערט, אַז ער האָט אייך זייער מיאוס באַליידיקט, און איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מ'זאָל אידישע בירגער אומשולדיק באַליידיקן. אָדער ווילט איר אפשר פאַר אַ ריכטער פאַלש עדות־זאָגן?' דאָ ענטפער איך שוין: איך וועל מיין פריינט סטעפאַן פאַרן געריכט נישט אָנקלאָגן."

„נו, וואָסזשע איז געוואָרן?"

„אהא, איצט זייט איר שוין נייגעריק. הערטזשע: עס נעמט נישט קיין וואָך צייט, באַקום איך אַ פאַרלאַדונג צום געריכט. לויף איך אַריבער צום אַדוואָקאַט. קוקט ער אויפן שטיקל פּאַפּיר, און זאָגט: 'איר זייט דאָך דער, וואָס האָט פאַרקלאָגט.' ווער פאַרקלאָגט, וואָס פאַרקלאָגט, זאָג איך, וועמען? הייסט ער זיך געבן דריי פראַנק 'אַדערויף' און זאָגט, אַז ער וועט מיך שוין פאַרטיידיקן אין געריכט. איך קום אַהיים, וואַרט שוין אויף מיר סטעפאַן. לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און זאָגט צו מיר: 'דו האָסט מיך אָנגעקלאָגט, שלמה. דאַרפן מיר גיין אין געריכט?' זאָג איך אים: ס'איז אַן אומגליק, סטעפאַן, גאָטס שטראָף. איך בין שוין געווען ביים אַדוואָקאַט און ס'קאָסט מיך שוין דריי פראַנק. אַז איך ווייס גאָרנישט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבן. עפּנט סטעפאַן דאָס בײַטעלע און דערלאַנגט מיר דריי פראַנק. וויל איך דאָך נישט נעמען — ווערט ער בייז. הויבן מיר זיך אָן צו קריגן אויף אַזעלכע קולות, אַז אַלע שכנים לויפן זיך צונויף. הכלל, איך האָב געמוזט בײַ אים נעמען די העלפט — אַ פראַנק מיט פופציק באַני."

„וואָסזשע איז געווען דער סוף?"

„וואָס דער סוף איז געווען? די געריכט־פאַרהאַנדלונג איז פאָרגעקומען פּונקט אום שבת־תשובה. גייען מיר ביידע אין געריכט אַריין, איך און סטעפאַן. זאָגט אונדז דער אַדוואָקאַט, אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען סטעפאַן זאָל מיך איבערבעטן, בעטן מחילה, הייסט עס. אָבער דער ריכטער, דער שונא־ישראל, וויל אפילו נישט הערן וועגן דעם: 'כדי צו זיין זיכער, זאָגט ער, אַז איר וועט זאָגן דעם אמת, וועט איר דאַרפן אָפּגעבן די הייליקע שבועה'. און שוין שטייען נעבן מיר צוויי געריכטס־דינער, גרייט מיך צו פירן אין מקווה און מיר אָנטאָן תכריכים, איך זאָל שווערן איבער אַ ספר־תורה. איך פיל, איך בין אַ פאַרפאַלענער. איך קאָן זיך מער נישט איינהאַלטן און טרערן נעמען זיך גיסן פון מיינע אויגן. רופט זיך אָן סטעפאַן צום ריכטער: 'מ'דאַרף אים נישט לאָזן שווערן — איך בין זיך אין אַלץ מודה'. פרעגט דער ריכטער: 'גיט איר, הייסט עס, צו, אַז איר האָט באַליידיקט די אידישע רעליגיע, וואָס איז אַן אָנערקענטע אינסטיטוציע פון דער רעגירונג?' ווינק איך צו סטעפאַנען, ער זאָל זאָגן 'ניין'. זאָגט ער אָבער דווקא: 'איך גיב צו'. וואַרט נישט דאָס ריכטערל נעדעלקאָ און פאַרורטיילט אים אויף זעקס וואָכן געפענגעניש, און הייסט אים טאַקע גלייך אָפּפירן... איר הערט: דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויינט. און סטעפאַן זאָגט נאָך צו מיר: 'זאָלסט אַכטונג געבן אויף מיין יונג ווייבל און אויף מיין קליין קינד."

„אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט סענדער שלמה שרייבער און מיטן אַלטן קייזער פון ווין און ירושלים?"

„אַט־אַט, איך האַלט שוין ביים סוף, וועט איר אַלץ פאַרשטיין. אַ צוויי

טעג שפּעטער בין איך עפּעס לענגער ווי געוויינלעך געבליבן אין וואַר־שטאַט. איך קום אַרויס אין גאַס, באַמערק איך ליכט אין סטעפּאַנס הויז. טראַכט איך: איך וועל אַרויפגיין א קוק טאָן וואָס ס'טוט זיך — אפשר איז בישטאָ קיין גראָשן אין הויז און דאָס אָרימע ווייבל מוז זיך נעבעך פּלאָגן אַזוי שפּעט ביינאַכט צו דערנערן דאָס קינד. זייער געוועלבל איז געווען פאַרמאַכט און דאָס פענצטער פאַרהאַנגען, אַזוי אַז מ'האָט נאָר געקאָנט זען אביסל ליכט דורך אַ שפּעלטל. גיי איך אריין דורכן הויף. די טיר איז נאָך נישט געווען פאַרשלאָסן, האָב איך אַפילו נישט באַדאַרפט אָנקלאַפּן. רוק איך זיך אַריין דורך דער פינסטערער קיך, און ווי איך עפן די טיר פונעם צימער — נייך! איך גלויב עס נישט מיינע אויגן: סטעפּאַנס יונג ווייבל ליגט אין בעט, און אויפן ראַנד פון בעט זיצט זיך דער ריכטער נעדעלקאָ. זי האָט אַ קוויטש געטאָן, ווען זי האָט מיך דערזען אָבער ער איז געווען אַזוי שיכור, אַז ער האָט מיך אַפילו נישט באַמערקט. ערשט דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס דער ריכטער נעדעלקאָ האָט אַזוי פּלוצים זיך אָנגענומען פאַר מיר און פאַר דער אידישער רעליגיע און האָט פאַרשיקט דעם אָרימען סטעפּאַן אויף זעקס וואָכן אין תפיסה. איצט פאַרשטייט איר שוין פאַרוואָס די מעשה מיטן קייזער האָט מיך דערמאָנט אָן דער מעשה מיטן ריכטער נעדעלקאָ?״

אַלע האָבן געשוויגן. קוים אנדערטהאַלבן מעת־לעת זענען פאַרביי, זייט זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן זייער היים. כ'איז געקומען אַזוי פּלוצים, אַז אין דער גרויסער שרעק האָט אפילו קיינער נישט געפרעגט פאַרוואָס און ווי אַזוי. אָבער וואָס ווייטער א שעה, אַלץ מער האָבן זיי אָנגעהויבן זיך אויסניכטערן און די גאַנצער זאַך האָט גענומען זיי אויסקוקן, ווי א רע־טעניש. אינדערהיים זענען זיי פאַר דער רעגירונג געווען דער זעלבער מין אונטערטאַנען, ווי די פּויערים. איצט אָבער האָט מען אָוועקגעשטעלט די פּויערים אויף איין זייט, און זיי, די אידן, די באַאַמטע און די גוט־באַ־זיצערס אויף דער אַנדערער זייט. און פּלוצים וויל גאָר א פרעמדער קיי־זער זיך אָננעמען פאַר זיי.

„ווייסט איר, וואָס איך הויב אָן גלויבן?״ — האָט געזאָגט יאָסל שניי־דער — „מיר דאַכט, אַז דער קייזער דאַרף אונז נויטיק האָבן, און מיר דאַרפן זיך וועגן דעם שטאַרק מישב-זיין.״

„מילא, דיך דאַרף ער אפשר, זאָלסט אים פאַרריכטן אַ געפּלאַצטע נאָט אין די הויזן. אָבער צו וואָס דאַרף ער אונז?

„איך וועל אייך זאָגן. דערמאָנט איר זיך וואָס עס) דערציילט זיך אין ׳מלכים׳? ווען דער מלך פון אשור האָט אַוועקגעפירט די אידן פון שומרון אין געפאַנגענשאַפט, און אויף זייער אָרט דאָרט באַזעצט פרעמדע, איז צווישן די פרעמדע אויסגעבראָכן א מגפה. האָט דער מלך פון אשור געמוזט

במהילה צוריקברענגען אַ טייל פון די אידן אַהיים. דאָס נעמלעכע קאָן זיין אַט דאָ מיטן אַלטן קייזער. אַזוי ווי ער איז געוואָרן מלך פון ירושלים, און אין ירושלים זענען דאָ א סך פּרעמדע, איז מעגלעך, אַז ער וויל איצט די מיהאַלענער אידן באַזעצן אין ירושלים, כדי ער זאָל דאָרט האָבן וואָס מער אידישע אונטערטאַנען."

ס'איז דערווייל צוגעפאַלן די נאַכט. מעריב האָט מען היינט געדאַווענט אין הויף, כדי מען זאָל נישט שטערן אין כשר־מאַכן די קיך. די ווייבער און קינדער האָט סענדער שלמה שרייבער געהייסן דערווייל אַריינשיקן אין דער נייער געביידע, וואָס מ'האָט געהאַלטן אין צובויען. נאָכן דאַווענען האָבן די מאַנסבילן זיך גענומען בודק חמץ־זיין און אויסשטעלן שטר־מכי־רות. און דאָ איז אַריינגעקומען שלום, יאָכל שניידערס.

פאַר יאָסלען איז עס קיין נאָווינע נישט געווען, אַז זיין זון זאָל גאַנ־צענע טעג נישט זיין אינדערהיים און צוריקקומען ערשט שפּעט ביינאַכט. אָבער דאָ, אין סערעט, איז ער שוין געווען אביסל באַזאָרגט. יעדער פרו־מער איד אין מיהאַלעני האָט געוואוסט, אַז סערעט איז א שטאָט פון זינד: פאַראַן אַ גימנאַזיע, וואו מ'לערנט טרף־פסול, קאַפע־הייזער און נאַכט־לאָקאַלן, וואָס פירן אראָפּ יונגעלייט פון גלייכן וועג. און נאָך און נאָך. יאָסל האָט זיך שוין אויך צוגעוואוינט צו זיין זונס בלאַסן פנים מיט די אויסטערלישע אויגן, וואָס אָט לויכטן זיי, און אָט ווערן זיי פאַרחלומט און קוקן ערגעץ אין ווייטקייט. אָבער ווען ער האָט אים איצט דערזען, איז אים דאָס האַרץ אנטפאַלן געוואָרן, אַזוי בלאַס און מיט אַזעלכע בליצנדיקע אויגן האָט ער נאָך זיין שלומקען נישט געזען. ער האָט אָנגענומען זיין האַנט — זי האָט געברענט פאַר היץ. „וואָס איז דיר, קינד?" — האָט ער געפרעגט שטאַרק באַזאָרגט.

שלום האָט אים נישט געענטפערט, נאָר זיך א ווענד געטאָן צו אַלע־מען: „הערט, רבותי, אידן, ברידער! איך ברענג אייך א גוטע בשורה. ס'איז געקומען דער קץ, א סוף צו אונזערעליידן. משיח איז געקומען. ער איז שוין דאָ אין יאַס. מאָרגן אין דער צייט, צום ערשטן סדר, וועט דער גואל־צדק זיין מיט אונז."

א פחד איז אָנגעפאַלן אויף אַלעמען, ווען זיי האָבן דערהערט די ווערטער. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַן עלוי. אפילו דער רב פון דאָ־ראָהאָי, אַז ער איז געקומען קיין מיהאַלעני, פלעגט מיט אים פירן וויכוחים, ווי מיט זיינס גלייכן. איצט זענען אַלע געווען זיכער, אַז דאָס אינגל רעדט פון היץ, אָדער אז ער איז, חס־וחלילה, אראָפּ פון זינען. האָט איינער גע־עצהט, מען זאָל אים אָוועקלייגן אויפן בעט און צולייגן קאַלטע קאָמפּרעסן; אַן אַנדערער האָט געהייסן, מען זאָל תיכף רופן אַ דאָקטאָר. דער פאָטער איז געשטאַנען איבער אים און זיך געבעטן: „באַרואיק זיך, זון מיינער.

זאָל דער אויבערשטער דיך אָפּהיטן פון אַלדאָס בייז. האָסט נאָך אוודאי היינט אין דיין מויל נישט געהאַט."

„איר האַלט מיך אוודאי פאַר משוגע. אוי לי! אַז ווי צו אונז, אויב ס'דאַרף ווידער זיין, ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט: 'ישראל וויסט נישט, מיין פאָלק קוקט זיך נישט אום'. ניין, דאָס טאָר נישט זיין. איך בין נישט קראַנק און נישט משוגע און איך רעד נישט פון היץ. איך בין אפשר אָנגעטרונקען, אָבער נישט מיט וויין, נאָר מיט גאָטס וואָרט. מיינע אויגן דרינגען דורך ווייטע מרחקים און מיינע אויערן הערן דעם אין־סוף. אפילו דער שומר אין מיהאַלעני וויסט עס, אַז משיח איז אין יאַס, און די שוכני־עפר אויפן מיהאַלענער בית־חיים האָבן דערויף עדות געזאָגט."

אַזוי רעדט נאָר איינער, וואָס איז רחמנא־לצלן נכשל געוואָרן. אַז פון אים רעדט אַרויס א דיבוק, איז ביי קיינעם קיין ספק נישט געווען. ס'איז נאָר נישט קלאָר געווען, צי איז אין אים מגולגול־געוואָרן א נישט־גוטער, צי — ווער וויסט?... וואָרים ווי ער האָט נאָר דערמאָנט „מיהאַלעני", איז ווי עפּעס א פונק פון זיין פייער אַריבער אין זייערע הערצער. ביז נעכטן אינדערפרי איז נאָך מיהאַלעני געווען פאַר זיי א פשוטע זאַך: ענגע דירות, חובות, קלאָגנדיקע פּרנסות, באַאמטע בלוט־זויגערס, א לעבן פון ירידה, אָן פרייד, פול מיט צרות און דאגות, שמוציק, קויטיק; מ'פּרוכּעט זיך, מ'לעבט אומשטיינס געזאָגט, און מ'שטאַרבט — אָט דאָס איז פאַר זיי געווען מיהאַלעני ביז נעכטן אינדערפרי. אָבער היינט, אַרויסגעשליידערט פון די ענגע און נידעריקע היימישע ד' אמות און אַריינגעטריבן אין אָט דער גרויסער ענגשאַפט פון אָן א היים, איז זיי מיהאַלעני פאַרגעקומען, ווי א ווייטער, נישט דערגרייכבאַרער חלום — אפשר נאָך ווייטער, ווי פון יענער זייט סמבטיון.

„ביזט געווען אין מיהאַלעני?"

געווען אין מיהאַלעני. אחוץ דעם פּאָליציאַנט מיהאַי און דעם איינציקן אָפּיציר, וועלכער האָט מיך מיטגענומען אויף זיין פור.."

„אַן אָפּיציר האָט דיך אהין מיטגענומען אויף זיין פור???"

ס'האָט אַלץ מער זיך גענומען פילן, ווי אין גדר פון א נס.

„און וואָס פאַר א פּנים האָט איצט מיהאַלעני?" — האָבן עטלעכע געפרעגט מיטאַמאָל.

„טיר און טויער זענען פאַרקלאַפּט, ווי אַמאָל אין יריחו, איידער די שטאָט־מויערן זענען איינגעפאַלן, ווען יהושע האָט געלאָזט בלאָזן אין די ווייפרות."

„האָט מען נישט אַלץ צעראַבירט און אַרויסגעטראָגן?"

„גאָרנישט, ווי מלאכים וואַלטן געוואַכט איבער מיהאַלעני."

טאַקע נאָר נסים, פלאי־פלאים! וואָרים קאָן נאָך זיין א גרעסערער נס,

ווי אַ רומעניש שטעטל, פון וואַנען אידן זענען אַנטלאָפן, זאָל בלייבן גאַנץ און נישט ווערן אויסגעפּלינדערט פון פּאָליציסטן און זשאַנדאַרן, באַאַמטע און גרענעץ־וועכטערס?

„ביזט טאַקע זיכער, אַז אַלץ איז געבליבן, ווי מיר האָבן עס איבערגעלאָזן?"

„כ'האָב אַליין געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. אָבער פאַרוואָס פרעגט איר אַלץ אויף אַזעלכע וואָכעדיקע ענינים, בשעת איך דערצייל אייך, אַז איך האָב אויפן בית־עלמין געזען מיט די טויטע. די שוכני־עפר וואַרטן אויף שופר־של־משיח, אויפצושטיין צו תחית־המתים. איך האָב אַריינגעקוקט אין יעדער אידישער היים, כ'האָב אַריינגעשריגן די פריילעכע בשורה אין זייערע וואוינונגען, און די ווענט האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ בת־קול. די שפּראַצונג פון ישיס שטאַם איז אויפגעגאַנגען. נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ טאָג, און די גאולה וועט קומען."

ס'איז געווען, ווי שלום וואָלט געוואָרפן אַ פונק אין זייער מיט, וואָס האָט געפונען גליען, טליען און האָט שוין אין אַ טייל הערצער אָנגעצונדן אַ פלאַם. און דער פלאַם האָט פאַרצערט דעם יאוש און אומזיכערקייט, ווי אַ פייער־בראַנד פאַרצערט אַ טרוקענע שטרוי. אַלץ, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט אין די לעצטע אַנדערטהאַלבן מעת־לעת, האָט פלוצים גענומען איסוועפן, און די אַלע פשוטסטע טעגלעכע דערשיינונגען האָבן אָנגענומען פאַר זיי די געשטאַלט פון דינגלעך אין איין גרויסער קייט פון נסים: דער שטענדיק געדריקטער און דערנידעריקטער פויער האָט דערפילט זיין כוח און זיך אויפגעהויבן קעגן באָיאַרן, פּאָליציי און זשאַנדאַרן; אַ קייזער אין ווין ווערט דער מלך פון דער הייליקער שטאָט ירושלים און נעמט זיך אָן פאַר אָרימע און געפאַלענע, פאַר די מיהאַלענער אידן; אַ רומענישער אָפיציר שטעלט אַפּ זיין עקיפּאַזש און נעמט צו זיך אַרויף אַ אידיש אינגל; אידן פון דער רומענישער שטאָט מיהאַלעני האָבן איבערגעלאָזן זייער האָב און גוטס אויף גאָטס באַראָט, און קיינער האָט עס נישט אויסגערויבט און נישט צוגעגנבעט — זענען דאָס נישט גרעסערע נסים, ווי די, וואָס גאָט האָט די אידן באַוויזן אין מצרים? ווער קאָן נאָך צווייפלען אין דעם?

דער אייננציקער סטרעטער איד, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו אָט די טענות, איז געווען מרדכי שמש. סענדער שלמה שרייבער האָט אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל אים למען־השם אַלץ לאָזן וויסן, וואָס ס'קומט פאָר אין דער פאָלקס־קיך. מרדכי האָט שוין געהאַט אין קעשענע אַ צעטל אויף ווייַן און מצות; איז ער שוין, מיטן ווייב און די זעקס קינדער, געווען פאַרזאָרגט מיטן נויטיקסטן, וואָס מ'דאַרף אויף פּסח. ער האָט אויך געוואוסט, אַז מאָרגן אם־ירצה־השם וועלן אים סענדער שלמה שרייבער און אַנדערע באַלעבאַטים געבן אַ פּאָר לעי אויף יום־טוב, וואָס

וועט אָבער אפילו נישט סטייען צו קויפן איין פּאָר שיך פאַר יעדן צווייטן קינד. ער הערט שוין אפילו, ווי זיין ווייב טענהט: „שלימזל איינער! פאַר יעדן רוח ביסטו א שמש, לויפסט פאַר זיי אין פייער אַריין; קינדער ברענ־גען אויף דער וועלט קאָנסטו — אָבער אַ מלבוש, אַ פאָר שיך פאַר א קינד? יתומים איז דאָך בעסער ווי זיי; בעזדיעטניקעס זענען דאָך גליקלעכערע טאַטע־מאַמע ווי מיר" און בעת ער וועט זאָגן פון דער הגדה: „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין" — היינט זענען מיר נאָך קנעכט, אָבער איבעראָ־יאָר וועלן מיר זיין פרייע מענטשן, — וועט זיין מלכה, גיטל, אינמיטן אַ וואָרטשע טאָן: „אַנדערע וועלן אפשר זיין פרייע מענטשן. דו ביזט איצט א שמש און וועסט ווייטער בלייבן אַ שמש, אַ קבצן."

און דאָ הערט ער גאָר, אַז דאָס, וואָס ער האָט פאַראַיאָרן געזאָגט אין דער הגדה, ווערט פּלוצים מקוים. און ווער ווייסט? אפשר וועט גאָר משיח אָן אים פאַרגעסן, און ער וועט אויך נאָכדעם, ווי זיין גיטל זאָגט, בלייבן אַלעמענס שמש? ס'איז אים געקומען א מחשבה אין קאָפּ אריין: קאָן זיין, אַז ווען ער זאָל אצינד דער ערשטער אָנזאָגן סענדער שלמה שרייבערן די גרויסע בשורה, וואָלט ער באַגליקט געוואָרן. ער וואָלט צו אים אפשר גע־זאָגט: „מרדכי, אין דער איצטיקער גרויסער שעה, אויף וועלכער מיר האָבן געוואַרט טויזנטער יאָרן, זענען מיר אלע גלייך, אַלע ברידער. לאָמיך דיך צודריקן צו מיין האַרץ, מרדכי, און זיך טיילן מיט דיר מיט מיין גאנץ פאַרמעגן."

און הגם ער האָט שטאַרק געוואָלט הערן, וואָס שלום האָט נאָך צו דערציילן, האָט ער גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און איז אָן אָטעם געלאָפן, צו זיין דער ערשטער אָנצוזאָגן דעם פרעזעס פון דער קהילה, דעם נגיד ר' סענדער שלמה שרייבער, אַז משיח קומט. מרדכי איז געלאָפן מיט דער שוהל־גאַס אַרונטער, איבערן מאַרק, וואו ס'האָט געווימלט מיט מענטשן. אָבער ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. מיט די פון פריי־ליגג־ווינטל צעפּאָכטעטע פּאָלעס פון זיין לאַנגן, צעריסענעם קאַפּטאָן, האָט ער אויסגעזען, ווי א ווילדער, אַ נישט־דאַאיקער. מ'האָט אים אויסגעמיטן דעם וועג. אַזוי האָט מרדכי דערגרייכט סענדער שלמה שרייבערס גרויס, צוויי־שטאָקיג הויז, וואו אונטן איז געווען די באַנק, אויפן ערשטן שטאָק — די ביוראָס און אויפן לעצטן שטאָק — די וואוין־צימערן.

שוין איבער א שעה, ווי אין סענדער שלמה שרייבערס סאַליע זע־נען געזעסן דר' בענאָ שטראָוכער, דער אידישער פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַט פון בוקאָווינע; דר' האַרמאַצאַקי און באַראָן וואַסילקאָ, וועלכע די רעגי־רונג האָט באַשטימט, ווי די פּאַרטרעטער פון די בוקאָווינער אוקראַינישע פויערים; אלפרעד וואזערל, דער פּאַרטרעטער פון דעם לאַנד־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע, און נאָך אַ גאַנצע ריי דעפּוטאַטן פון ווינער פּאַרלאַמענט

און פון דעם בוקאָווינער „לאַנדטאַג", ווי אויך אַנדערע אָפיציעלע פּערזענ־לעכקייטן, וועלכע זענען געקומען קיין סערעט צוליב די געשעענישן אויף יענער זייט גרענעץ. די מיינונגען וועגן דער נויטווענדיקייט אָדער מעג־לעכקייט פון אַן עסטרייכישער אינטערווענציע אין רומעניע, זענען צווישן זיי געווען פאַרשיידן. דר' וואַזערל האָט אָנגעוויזן, אַז אין ווינער רעגירונג־קרייזן איז מען נישט געניגט צו אַן אינטערווענציע, ווייל דאָס קאָן אַרויס־רופן אינטערנאַציאָנאַלע פאַרוויקלונגען מיט גאָר גרויסע פאָלגן. באַראָן וואַסילקאָ און דר' האַרמאַצאַקי זענען געווען מיט דער מיינונג, אַז אויב דער אויפשטאַנד ווערט נישט תיכף אונטערדריקט, קאָן ער נאָך האָבן אַ שלעכטן איינפלוס אויף דער בוקאָווינע און בפרט אויף די פּויערים פון דער היגער פּראָווינץ. זיי האָבן דעריבער געהאַלטן, אַז אַן אינטערווענציע איז זייער נויטיק. איינס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר: אַז מיט דער הילף פון אָט די אַנטלאָפענע אידן, לאָזט זיך זייער לייכט שאַפן אַ גוטע שטימונג פאַר דער אינטערווענציע. און אָט איז אַריינגעלאָפן מרדכי שמש: „רב... רב..."

ער האָט נישט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און אַרויסברענגען אַ וואָרט.

סענדער שלמה שרייבער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז ס'האָט פּאַסירט עפּעס נישט קיין געוויינלעכע זאַך — מסתם עפּעס שלעכטס. האָט ער אַראָפּגעשלונגען דעם כעס צוליב מרדכיס פּלוצימדיקן אַריינרייסן זיך אַהער, איז צו אים צוגעגאַנגען, אים געקלאַפּט אין קאַרק, ער זאָל זיך באַרואיקן, און געזאָגט: „נו, דערצייל אויף גיך, ווייל מיר האָבן קיין צייט נישט. וואָס איז געשען?"

„ער איז געקומען — כ'מיין: ער קומט מאָרגן. דאָס הייסט — ווי האָט ער נאָר געזאָגט? יאָ, ער איז שוין דאָ אין יאַס."

ביים וואָרט „יאַס" זענען אַלע אויפגעשפּרונגען פון זייערע ערטער. וואָרום דר' וואַזערל האָט נאָך ביים אָנהויב פון דער באַראַטונג איבערגע־געבן, אַז דאָס אויסלאַנד־מיניסטעריום אין ווין האָט פאַרגעשלאָגן דער רוסישער רעגירונג אין סאַנקט פּעטערסבורג, יעדער פון זיי זאָל שיקן אַ פאַרטרעטער קיין יאַסי אויסצוגעפינען, צי די בוקאַרעשטער רעגירונג איז אימשטאַנד מיט אייגענע כוחות צו אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד. אויף דעם אופן, האָט מען גערעכנט, וועט מען שנעל געפינען אַ לייזונג צו דער פראַגע. מען האָט בלויז געצווייפלט, צי די רוסישע רעגירונג וועט איינ־גיין אויפן פאַרשלאַג פון דעם ווינער אויסלאַנד־מיניסטעריום. און דאָ הערט מען פּלוצים, אַז ער איז שוין גאָר דאָ אין יאַסי.

„איצט בין איך רואיקער" — האָט געזאָגט באַראָן וואַסילקאָ.

„ביזט זיכער? פון וואַנען ווייסטו דאָס?"

„איר קאָנט זיך אויף דעם פאַרלאָזן."

„איז דאָ אַ טעלעגראַמע? וואו איז זי?"

„אַ טעלעגראַמע? זייט ווען האָב איך צו טאָן מיט טעלעגראַמעס?" — און מרדכי האָט אויסגעשאָסן מיט אַ ווילדן, היסטערישן געלעכטער: „טע־לעגראַמעס גאָר? האַ, האַ, האַ! האָט איר שוין אַמאָל געהערט! וואו שטייט עס געשריבן, אַז ער וועט לאָזן וויסן דורך אַ טעלעגראַמע, ווען ער וועט קומען? אפשר זאָל ער נאָך טעלעגראַפירן די מתים: שטייט אויף, מאָרגן ביינאַכט קום איך."

„רעד קלאָר, שוטה איינער: וואָס ווייסטו און פון וועמען ווייסטו עס?"

„וואָס איך ווייס, האָב איך דאָך אייך געזאָגט. און פון וועמען איך ווייס עס? איך האָב עס אליין געהערט פון שלומען, וואָס איז געקומען פון מי־האַלעני. די פּאָליציי דאָרט ווייסט עס שוין. די..."

די אַנוועזנדע, וועלכע האָבן קיין אידיש נישט פאַרשטאַנען, האָבן מיט שטויגען זיך צוגעהערט צום געשפּרעך צווישן סענדער שלמה שרייבער און דעם אָרימען איד, וועלכער האָט זיי אויסגעוויזן נישט צו זיין ביים קלאָרן פאַרשטאַנד. אויף וויפל זיי האָבן געקאָנט דרינגען פון דעם געשפּרעך האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז די פּאָליציי אין מיהאַלעני ווייסט שוין, אַז דער „דערוואַרטעטער" איז אָנגעקומען קיין יאַסי.

סענדער שלמה שרייבער איז געוועזן אויסער זיך פאַר כעס און גע־שריען צו מרדכין: „שוטה!! חסר־דעה!! ווי קאָן עפּעס אַ שלום וויסן, אַז דער פאַרטרעטער פון דער רעגירונג געפינט זיך שוין אין יאַס? גיי טו דיין אַרבעט און שטער אונדז דאָ נישט מיט דיינע שטותים."

אַז זיין גבאי זאָל אים אַזוי שלעכט פאַרשטיין, און דערצו אים נאָך אַזוי מבייש־זיין, דאָס טרעפט אים צום ערשטן מאָל. ער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער צו ברענגען די גוטע בשורה, און פאַרקערט — געהאָפט דערפאַר באַלוינט צו ווערן; און דאָ וואַרפט מען אים גאָר אַרויס. אָבער נאָך מער עגמת־נפש האָט ער געהאַט פון דעם, וואָס מ'האָט משיחן אָנ־גערופן אַ „פאַרטרעטער פון דער רעגירונג" און ער האָט פול מיט צער געזאָגט: „פאַר מיר איז משיח נישט קיין פאַרטרעטער פון דער רעגירונג, נאָר..."

„וואָס האָסטו געזאָגט? משיח?"

„פון וועמען דען רעדט מען דאָ?"

„ווער רעדט?"

„אַלע אין דער פאָלקסקיך."

„ווער האָט אייך איינגערעדט אַזאַ משוגעת?"

„משוגעת?" — האָט שוין מרדכי זיך צעשריען — „זאָגן מיר נישט יעדן טאָג: אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח? דריי מאָל אַ טאָג

בעטן מיר גאָט משיח זאָל קומען; און אַז אונזער תּפילה ווערט אָנגענומען — הייסט דאָס ביי אייך משוגעת?"

ערשט איצט האָט סענדער שלמה שרייבער משיג געווען דעם גאַנצן תּמצית פון מרדכיס רייד און מיט וואָס דאָס שמעקט. דאָ מוז מען תּיכּף האַנדלען, האָט ער געטראַכט, אויב מ'וויל פאַרהיטן אַן אומגליק. האָט ער שוין גאַנץ געלאַסן געזאָגט „מרדכי! מרדכי, אייל אין פּאַלקסקיך אַזוי גיך, ווי דו קאָנסט, און זאָג דאָרט די מענטשן אין מיין נאָמען, זיי זאָלן למען־השם גאָרנישט טאָן, ביז איך וועל נישט קומען. זאָג זיי, אַז איך וועל באַלד דאָרט זיין."

מרדכי איז אַוועק אַן אַ גוטע־נאַכט. ער איז אַראָפּגעלאָפן די טרעפּ, איז אַרויס אין גאַס און געגומען שרייען: „שמע ישראל! הערט, אידן! הערט, איר אַלע באַוואוינער פון דער וועלט און איר אַלע, וואָס רוט אונטער דער ערד — משיח קומט!"

אַ סך זענען אים נאָכגעלאָפן אויס נייגער. אַנדערע ווידער האָבן נישט געכאַפּט קיין וואָרט פון דעם, וואָס ער שרייט, און זענען אים נאָכגעלאָפן, ווייל אַנדערע זענען געלאָפן. און אַזוי האָט אַן עטלעכע הונדערט קעפּיקע מענטשן־מאַסע זיך אַריינגעשטופּט אין הויף פון דער פּאַלקסקיך. סענדער שלמה שרייבער האָט זיך קוים געקאָנט דורכשטופּן. ער האָט געזאָגט די געסט ביי זיך אינדערהיים, אַז די מענטשן אין פּאַלקסקיך איז באַפאַלן אַ משוגעת און ער מוז אהינלויפן, צו פאַרמיידן אַ קאַטאַסטראָפע.

ער האָט געלאָזט צו זיך רופן שלום יאַסלס: „דו זאָגסט, אַז משיח קומט?"

„נישט ער אַליין זאָגט" — האָבן געענטפערט הונדערטער מענטשן — „מיר אַלע ווייסן עס. און מיר ווינטשן, אַז משיח זאָל קומען."

סענדער שלמה שרייבער האָט איינגעזען, אַז מיטן פּשוטן שכל וועט ער דאָ גאָרנישט פּועלן. האָט ער אָנגעהויבן אויף אַן אַנדערן אופן: „איר ווייסט דאָך אַלע פּונקט ווי איך, אַז פאַר משיח בן דוד מוז קומען אַ משיח בן יוסף, וואָס וועט ברענגען מיט זיך נויט און פאַרדאַרבונג. ווי עס שטייט אין פּסוק ביי יואל הנביא: עס וועט קומען דער טאָג — און ער איז שוין נישט ווייט — דער טאָג פון פינצטערניש און פאַרטונקלונג. אַ וואָלקנדי־קער, נעפּלדיקער טאָג. איז נישט גלייכער, איר זאָלט דערוויל בלייבן דאָ, ביז אָט דער מוראדיקער טאָג וועט פאַריבער? דערנאָך וועט פאַר אונדז אַלע קומען די גאולה."

קעגן דעם האָט שוין קיינער נישט געהאַט וואָס צו זאָגן. וואָרים ס'איז אַלעמען געווען באַוואוסט, אַז פאַר משיחן, אויף וועמען ישעיה הנביא האָט נבואות געזאָגט, האָט באַדאַרפט קומען אַ משיח פון נויט און פּיין. איז ווער ווייסט — אפשר איז גאָר אָט דער משיח געקומען קיין רומעניע?

ס'האָבן זיך טאַקע באַלד דערהערט דעות, אַז ס'איז גלייכער, מען זאָל דאָ אויף דער עסטרייכישער זייט איבערוואַרטן און זען וואָס ס'וועט זיין. טענדער שלמה שרייבער איז איצט געווען זיכער, אַז די געפאַר איז אַריבער און ער איז אַוועק פון דער פאָלקסקיך מיטן צוזאָג, אַז אַנשטאָט ביי זיך אינדערהיים, וועט ער פּראַווען דעם סדר דאָ, אין דער פאָלקסקיך, צוזאַמען מיט די אַנטלאָפענע.

שלום איז באַוועגלאָז געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן בעט. אָבער אין זיין מוח האָט געאַרבעט עפּעס, ווי ער וואָלט געווען אויפן עולם־התוהו. ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז פאַלש אין דעם ראש־הקהלס ווערטער, ער האָט נאָר נישט געוואוסט וואָס. ער האָט אויך אַרויסגעפילט אַ געוויסע אומאויפריכטיקייט אין אים. ביז ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז דער ערשטער דער נישט אמתער משיח איז דאָך שוין בפירוש דאָ. וואָרים אַנישט — צו וואָס האָט מען געמוזט אַנטלויפן, פאַרוואָס זענען געקומען בונטן אויף דער וועלט און בלוטיקע מלחמות? און ס'שטייט דאָך אין־ערגעץ נישט געשריבן, אַז די מחיצה צווישן ערשטן און צווייטן דאַרף דויערן אַ לאַנגע צייט. און הייבט די גימטריאות און די חשבונות פון זיין רבין, די ידיעה פונעם פּאָליציאַנט, דאָס בת־קול אויפן בית־עולם — איז דאָס אַלץ נישט אַן אָנדייט און אַן אָנזאָג אויפן גואל־צדק?

און ווידער איז אים באַפאַלן יענער כוח־הדמיון, וואָס ער האָט אין זיך געפילט, ווען ער איז אין גרויען פּרימאָרגן געגאַנגען קיין מיהאַלעני. אַ פייער האָט געברענט אין זיינע אינגעווייט. ווידער האָט ער דערהערט דאָס בת־קול פון זיין רבין ר' מיכל, ווי ער האָט עס געהערט אויף זיין קבר. ער איז אַראָפּ פון בעט: „הערט זיך איין און פאַרגעסט וואָס איך זאָג אייך: דער, וואָס האַלט אין קומען, וואָס וועט מאָרגן זיין מיט אונז — ער איז דער אמתער גואל, דער אויסלייזער פון דער וועלט.״

און ווידער איז דער עולם באַהערשט געוואָרן פון זעלבן כוח און אומגה, ווי מיט עטלעכע שעה פריער, ווען שלום איז צו זיי געקומען פון מיהאַלעני: „זאָג אונז וואָס מיר זאָלן טאָן!״

„מיר מוזן גיין צוריק אַהיים — אין אונזערע היימען דאַרפן מיר אויף אים וואַרטן. דאָרט, וואו מיר זענען געבוירן, וואו מיר האָבן דורכגעלעבט לייד און פּיין, דאָרט זאָלן מיר אים אין פרייד און יום־טוב מקבל־פּנים־זיין; און פון דאָרט וועט ער אונז אַרויספירן מעבדות־לחרות, צו דער אייביקער פרייהייט.״

45

שוין דאָס שפּעטע אויפזיין אַליין איז געווען פאַר די פּויערים א גרויס איבערלעבעניש. דער פּויער איז געוואוינט זיך לייגן מיט דער זון און אויפצושטיין מיט דער זון באַגלייך. דעמאָלט הויבט זיך אָן זיין אַרבעט. ער בלייבט אויף שפּעט בלויז אין זעלטענע הגאות, ווי אָן אָוונט בעת ווייַנאכטן, איידער מען שווענצלט דאָס וואַסער, אָדער אין דער „בלינדער נאַכט", פאר פּאַסכאַ. ביי אַ סך פּויערים, וועלכע האָבן חדשים־לאַנג זיך נישט געקאָנט פאַרגינען אַ גלעזל בראָנפן און האָבן דערצו נאָך מיט אייגענע הענט גע־האָלפן פאַרגיכטן דעם שנאַפּס פון דער גאָראַלניע, איז עס פאָרגעקומען ממש, ווי זיי וואָלטן דורכגעלעבט אַ גרויס וואונדער.

זיי זענען מיטגעגאַנגען מיט וואַסילין אין זיצונג-זאַל, די לאָמפּן אין זאַל זענען איצט געווען אויסגעלאָשן. בלויז אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואו וואַסילי איז געשטאַנען, האָבן געברענט עטלעכע ליכטלעך. ביים טונקעלן שיין פון די בלוי־רויטע פלעמלעך האָט וואַסילי אויסגעזען פיל בלאסער און מיט אַ קאָפּ העכער ווי אין דער ווירקלעכקייט. אפשר זאָגט זיי פאַראויס אָט דער בלאַסער יונגערמאַן אַ נייעם תחית־המתים, צו וועלכן זיי אַליין וועלן אויפשטיין?

וואַסילי האָט אויפגעקנעפּלט זיין ראָק, אַרויסגענומען פון דער בוזים־טאַש אַ שטיק טוך, האָט עס פאַנאַנדערגעוויקלט און עס מיט צוויי עקן צוגעבונדן צו אַ לייסטל — די פאָן. ער האָט זי הויך אויפגעהויבן. אפילו אין דעם טונקעלן ליכט האָבן זיי דייטלעך געקאָנט זען דאָס בילד אויף דער פאָן: אַ פּויער, צוגעבונדן צו א בוים, און קעגן אים אַ באָיאַר, וואָס שלאָגט אים מיט א בייטש.

„אָט דאָס האָט פּאַסירט" — האָט געזאָגט וואַסילי — „ווען איך בין געווען נאָך אַ קינד. דער געבונדענער פּויער איז מיין טאַטע. אָבער דאָס קאָן אויך זיין יעדער פון אייך. ווער עס האָט דורכגעלעבט דאָס בעמלעכע, וואָס איך, זאָל גיין מיט מיר. אונזער דערלייזער האָט מען געקרייציקט, און אונז שלאָגט מען מיט בייטשן. מיר ווילן פאַרניכטן אָט די בייטש, און אָט די פאָן זאָל אונז ווייזן דעם וועג. ווען מיר וועלן אַריין אין דאָראָהאָי, וועל מיר דערנאָך זיך פאַראייניקן מיט די אַנדערע פּויערים, וועלכע קעמפן אין צפון און אין מזרח פון אונז. און דעמאָלט וועט די ערד, אויף וועל־כער מיר אַרבעטן, אונז געהערן."

„מיר גייען מיט דיר, וואַסילי!"

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיך איבערגעצלמט און נאָכגעזאָגט וואַסילין וואָרט ביי וואָרט: „מיר שווערן ביי אונזער האַר און דערלייזער, צו פאַרטיידיקן די פאָן, ביז דער לעצטער קויל. און אויב מיר ווערן באַזיגט אין דעם איצטיקן קאַמף, זאָלן אונזערע קינדער אויפשטיין און איבערנעמען דעם קאַמף, ביז די ערד פון ווערפּולי און פון דער גאַנצער מאָלדאַוויע און וואַלעכיי וועט געהערן צו די פּויעריִם, און קיין באָיאַר און קיין זשאַנדאַר וועט נישט האָבן מער קיין רעכט צו לייגן די האַנט אויף אַ פּויער. אמן! זאָל גאָט זיין מיט אונז."

און אַזוי האָבן אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק — אין דער זעלבער נאַכט, ווען די מיהאַלענער אידן האָבן אין דער סערעטער פאַלקסקיך זיך געגרייט אָקעגנצוגיין משיחן — הונדערטער פּויערים זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג צום קאַמף. אין דאָרף זענען איבערגעבליבן בלויז זקנים, פרויען און קינדער. אין צווייטן דאָרף, וואו זיי זענען אָנגעקומען, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ברונעם, מען האָט אָנגעפּאָיעט פריער די פערד פון די דריי פורן, אויף וועלכע ס'זענען געלעגן קאַסטנס מיט אַמוניציע, און דערנאָך האָבן די פּויערים זיך געשטעלט אין אַ ריי, אַליין צו טרינקען וואַסער פון די עמערס.

פּלוצים האָט אַ פּאַס זיך אַראָפּגעקייקלט פונעם דאַך פון אַ געביידע קעגנאיבער דעם ברונעם. עס האָט זיך מיט גרויס געשווינדקייט צוגעקאַטשעט צו אַ וואָגן און אים שיעור נישט איבערגעקערט. די פערד האָבן זיך צעפּאַלאָשעט און גענומען לויפן. וואַסילי האָט געהייסן שנעל אַוועקפירן די וועגענער. דערווייל האָט מען פון דאַך ווידער געטאָן אַ שליידער אַ פּאַס און באַלד נאָך איינס. צעשראָקן, זענען די פּויערים זיך צעלאָפן. די פעסער זענען זיך צעפּאַלן און ס'האָט זיך גענומען גיסן פון זיי נאַפט. איצט האָבן אָנגעהויבן פליען פון דאַך אָנגעצונדענע שטורקאַצן און דער גאַנצער פּלאַץ אַרום ברונעם האָט גענומען ברענען.

„פירט ווייט אַוועק די אַמוניציע!!" — האָט וואַסילי באַפוילן.

די איינוואוינער פון דאָרף האָבן זיך אויפגעכאַפּט. פון ווייטן האָט עס אויסגעזען, ווי דער ברונעם אַליין ברענט. ווען מען האָט איבערוועלטיקט די ערשטע שרעק און זיך גענומען דערנענטערן צו די פלאַמען, האָט פון דאַך זיך אַ שאָט געטאָן אַ רעגן מיט קוילן, און באַלד זענען געפאַלן פיל פאַרוואונדעטע. די פּויערים האָבן זיך צוריקגעצויגן אויפן פּלאַץ פון דער דאָרפס געמיינדע וואו מען איז געווען געשיצט קעגן די קוילן. דער פאַרזיצער פון אָרטיקן קאָמיטעט האָט דערקלערט, אַז נאָכדעם, ווי דעם גוטבאַזיצערס פאַמיליע און די זשאַנדאַרן זענען אַנטלאָפן, האָט ער געמיינט, אַז אויך די נאַפט־ראַפינעריע איז אָפּגערייניקט.

אַן אַלטער פּויער האָט געוואוסט פון אַ געהיימען וועג צו דער ראַ־

פינעריע. וואַסילי האָט מיטגענומען עטלעכע מענטשן, און דער אַלטער פויער האָט זיי געפירט צום געהיימען וועג. עטלעכע הונדערט שריט פון דער ראַפינעריע, הינטער אַן איינגעפאַלענער בודע, האָט אונטער צע־פוילט שטרוי זיך געפונען אַ גרוב מיט שטיינערנע טרעפ. דער אַלטער האָט זיי אַריינגעפירט, און באַלד זענען זיי געשטאַנען אין מיטן צווישן די מויערן פון דער פאַבריק־געביידע. פון דאַנען זענען זיי נישט־באַמערק־טערהייט אַרויף אויפן דאַך. דער דירעקטאָר פון דער ראַפינעריע און די פיר זשאַנדאַרן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען, האָט מען לייכט בייגע־קומען. אַזוי איז די געמויערטע ראַפינעריע, וואָס האָט אויסגעוויזן צו זיין ווי אַ פעסטונג, אָן ווידערשטאַנד אַריינגעפאַלן אין וואַסיליס הענט. ער האָט איצט געהייסן די געפאַנגענע פאַרשליסן אין קעלער. אין דער געביידע האָט מען געפונען גרויסע זאַפּאַסן לעבנסמיטל.

איבערלאָזנדיק אין דער ראַפינעריע צען פויערים, צו האַלטן וואַך, האָט וואַסילי מיט זיינע מענטשן זיך געלאָזט אויפן ווייטערדיקן מאַרש. זיינע רייען האָבן דערווייל זיך פאַרגרעסערט מיט נאָך הונדערט־און־אַכצן מאַן און מ'האָט מאַרשירט מיט נאָך מער חשק. די לבנה האָט גענומען פאַרשווינדן און ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע זון־שטראַלן פון אַ שיינעם פרילינג־טאָג.

פון איצט אָן איז די צאָל פון זיינע מיט־קעמפער שנעל געוואַקסן. אין יעדן דאָרף זענען צוגעשטאַנען אַלץ מער פויערים — זיי זענען איצט שוין געווען אַרום אַכט הונדערט מאַן. אין לעצטן דאָרף, וואו זיי זענען אָנ־געקומען, האָבן פויערים געזאָגט, — אַז ווי מ'גיט איבער — קומען פאַר קאַמפן נישט ווייט פון דאַנען. וואַסילי האָט אַוועקגעשיקט אַ פאַטרול, אויסצופאָרשן. ס'האָט נישט לאַנג גענומען און די פאַטרול איז צוריקגע־קומען מיט דער מעלדונג, אַז ביים ראַנד פון וואַלד האָבן זיי געטראָפן גע־האַנגענע פויערים אויף די בוימער. דאָס האָט אַזוי צערייצט די פויערים, אַז זיי האָבן זיך געריסן צום קאַמף, און וואַסילי האָט זיי קוים געקאָנט צו־ריקהאַלטן, זיי זאָלן פאַרגיין אין א געשלאָסענער קאַמף־פאָרמאַציע. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף זשאַנדאַרן, וועלכע זיי האָבן אַלץ מער צוריק־געטריבן. שריט ביי שריט, האָבן זיי אַזוי איינגענומען דאָס וועלדל. עס זענען געווען טויטע און פאַרוואונדעטע פון ביידע זייטן. א סך מאָל האָט זיך וואַסילין געדאַכט, אַז אין מיטן פון ליאַרם, דורך דעם געקנאַל פון ביקסן און קרעכצן פון די פאַרוואונדעטע און שטאַרבנדיקע, הערט ער קאָמאַנדעווען דעם הויפּטמאַן לופּעסקו.

מען האָט דערגרייכט די אַנדערע זייט פון וועלדל. די פויערים האָבן אין שטורם פאַרנומען דעם לעצטן שוץ־גרוב, און די זשאַנדאַרן זענען געלאָפן זוכן שוץ אין אַ צווייטן גרוב, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ גרויסן

פרייען פלאַץ, הינטער וועלכן ס׳איז געשטאַנען דער געמויערטער שלאָס מיט אייזערנע טויערן. וואַסילי איז געלעגן הינטער א דיקן דעמבע־בוים און האָט פאָרזיכטיק באַטראַכט און געמאָסטן די סיטואַציע: „די זשאַנדאַרן זענען גוטע שיסערס. אויב עס זאָל אונז אפילו געלינגען צו נעמען אין שטורם די צוויי אָקאָפּעס, וואָס געפינען זיך פאַר די טויערן, קאָנען נאָך אַלץ די זשאַנדאַרן זיך צוריקציען און זיך באַפעסטיקן אין שלאָס. און אויף צו שטורעמען דעם שלאָס האָבן מיר נישט גענוג כוחות. אָבער פון צט דעם שלאָס באַהערשט מען דעם וועג קיין דאָראָהאָי. בלייבט נאָר אָפּן דער וועג קיין הערצא, אָבער דעמאָלט וועלן מיר האָבן דעם שונא אין אייגענעם רוקן. אויסער דעם איז נאָך אַ פראַגע, צי פון הערצא קאָן מען מאַכן וועלכע עס איז פאַרבינדונגען מיט די אַנדערע אויפשטענדלער. זיך צוריקציען קיין ווערפולי האָט נישט קיין זין, און דאָס וואָלט אויך שטאַרק אַנטמוטיקט די פויערים. דאַרף מען דאָ אָנהויבן אַ באַלאַגערונג. מען מוז ברענגען פעסער מיט נאַפט און פּרואוון די מאַגאַזינען...״

פאַר איבערראַשונג, האָט וואַסילי זיך געגעבן אַ שטעל־אויף און האָט קוים אויסגעמיטן א קויל פון אַ זשאַנדאַר, — ניין, נישט עס דאַכט זיך אים, נאָר ס׳איז וואָר: אויף דער מויער פון שלאָס איז געשטאַנען זלמן פליקער און אַרונטערגעשריען: „זיי קאָנען נישט מער אַנטלויפן. דער אַריינגאַנג אין שלאָס איז פאַרלייגט!״

צעשראָקענע, זענען די זשאַנדאַרן אַרויס פון שוץ־גרוב און געפּרואווט איבערברעכן דעם אייזערנעם מויער, אָבער די קוילן פון די פויערים האָבן זיי באַלד אַוועקגעלייגט. דעם הויפּטמאַן לופּעסקו און דעם רעשט פון זיינע מענטשן האָט מען גענומען געפאַנגען. איצט האָט זיך ברייט גע־עפנט דער אייזערנער טויער פון שלאָס, וואו ס׳האָט זיך שוין פון פריער געפונען אַן אָפּטיילונג פויערים.

די ביז איצט געפאנגענע, וועלכע האָבן דורכן פאַרהאַמעווען דעם טויער דערמעגלעכט דעם איצטיקן זיג, האָבן זיך אויסגעשטעלט צו ביידע זייטן פון אַריינגאַנג: אויף איין זייט זלמן פליקער און די צוויי סאָלדאַטן, און אויף דער אַנדערער זייט דער גלח, דער לערער פון ציגדעסטי און דער וואַיט פון דאָרף. די פויערים האָבן אריינמארשירט מיט וואַסילין אָן דער שפּיץ. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זלמן פליקער, דערנאָך מיט די אַנדערע: „ווי קומט איר אַהער? און ווי אַזוי האָט איר עס אַזוי קלוג צו־געגרייט? אָן אייך וואָלטן מיר געוועזן געהאַט גרויסע שוועריקייטן.״

„וואו איז די פרוי מאַריאַ און די פריילין אַננאַ?״ — האָט זיך אַרומ־געקוקט דער גלח — „מיר האָבן צו פאַרדאַנקען אונזער פרייהייט דער פרוי מאַריאַ און אויך דער פריילין אַננאַ, וועלכע האָט אַזוי מוטיק פאַר־

פיידיקט איר ערע און דערהרגעט איר אַנגרייפער, דעם זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט."

ערשט איצט האָט וואַסילי באַמערקט די צוויי פּרויען, וועלכע זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט ביי דער וואַנט פון דעם פּריצישן גאָרטן. ער האָט אין פלאַטערניש ארומגעכאַפּט אַננאַן, אָבער ער האָט באַלד דערפילט, אַז זי איז עפּעס קאַלט צו אים. „נאָך עמעצער וואָרט אויף דיר" — האָט זי געזאָגט, ווי נישט מיט איר קול און אַנגעוויזן אויף מאַריאַן. ער האָט געגעבן די האַנט מאַריאַן און געפילט, אַז זי ציטערט.

אַננאַס באַנעמען זיך איז אים פאַרגעקומען מאָדנע. אָבער ער האָט זיך דערקלערט מיט דעם, וואָס זי האָט באַדאַרפט דורכמאַכן אין די לעצטע אַכט־און־פערציק שעה, און אפשר אויך מיט דעם, וואָס זיי איז אויסגעקומען זיך צו באַגעגענען אין קעגנוואַרט פון אַזוי פיל מענטשן.

וואַסילין איז קלאָר געווען, אַז דעם איצטיקן זיג מוז מען אויסנוצן און באַלד ארויסמאַרשירן איינצונעמען דאַראַהאַי. ער האָט געהאָפט און געגלויבט, אַז דאַראַהאַי וועט זיין דער אַנטשיידנדיקער עטאַפּ אין זייער זיג. האָט ער דערוויל געהייסן זלמנען צוגרייטן עסן פאַר די פּויערים, און אַליין איז ער געגאַנגען זען דעם הויפּטמאַן לופּעסקו.

מען האָט געמוזט האַנדלען וואָס גיכער. די פּויערים זענען געווען שטאַרק פאַרביטערט סיי איבער זייערע אייגענע פאַרלוסטן, סיי איבער דעם, וואָס די געפאַנגענע האָבן דערציילט, ווי שלעכט מען האָט זיי דאָ באַהאַנדלט, און זיי האָבן זיך געריסן תיכף אויפן אָרט זיך אָפּרעכענען מיט די געפאַנגענע זשאַנדאַרן. ווייניקער טענות האָבן זיי געהאַט צום הויפּטמאַן לופּעסקו. דער גרעסטער טייל פון זיי איז געקומען פון ווערפולי, וואו הויפּטמאַן לופּעסקו איז געווען דער קאָמאַנדאַנט פון דעם גרענעץ־פּאָסטן. נישט באַזיצנדיק קיין פּאָליצייאישע מאַכט, איז ער זעלטן ווען געקומען אין קאָנפליקט מיט די פּויערים. אויך ביים אַריבערגיין די גרענעץ פלעגט ער זיי נישט מאַכן קיין שוועריקייטן. אָבער איצט איז ער פאַר זיי אַ שונא, דער קאָמאַנדאַנט פון דער פאַרהאַסטער זשאַנדאַרמעריע, דורך וועלכער זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל פאַרלוסטן.

וואַסילי און דער הויפּטמאַן לופּעסקו האָבן זיך באַגעגנט. וואַסילי האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם הויפּטמאַנס פרוי האָט אַן זיין וויסן באַפרייט די געפאַנגענע און מיט דעם איר אייגענעם מאַן געשטעלט אין געפאַר קעגנאיבער זיינע עלטסטע. און פון דעם, וואָס דער זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט באַנילאַ האָט נעכטן דערציילט, האָט לופּעסקו געוואוסט, אַז וואַסילי איז געוואָרן אַן אָנפירער ביי די צעבונטעוועטע פּויערים. און דאָך איז אים שווער געווען דאָס אַלץ צו באַנעמען. ער, דער הויפּטמאַן, זאָל איצט שטיין ווי אַ געפאַנגענער פאַר זיין אייגענעם קאָרפּאָראַל? זיין אייגענע פרוי האָט זיך גע־

שטעלט קעגן אים — פאַרוואָס? האָט זי געהאַט געהיימע באַציאונגען מיט וואַסילין? לויט דעם, ווי וואַסילי האָט אַזוי אומשולדיק זי באַגריסט איך קעגנוואַרט פון זיין כלה, איז דאָס אים פאַרגעקומען אויסגעשלאָסן. וואָס־זשע אייגנטלעך קומט דאָ פאָר? ווי אַזוי האָט געקאָנט זיין קאָרפּאָראַל, ווע־מען ער אַליין האָט געהאָלפן צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ראַנג, זיך שטעלן אָן דער שפּיץ פון רעבעלירנדיקע פּויערים? פאַרוואָס...

„הער הויפּטמאַן" — האָט וואַסילי געזאָגט צו לופּעסקון מיטן זעלבן רעספּעקט, ווי ער פלעגט צו אים שטענדיק רעדן — „איר מוזט זיך אַנט־שליסן. דער וועג אויף צוריק איז פאַר אייך אָפּגעשניטן. מיר איז נישט באַקאַנט פאַרוואָס אייער פרוי האָט אַזוי געהאַנדלט. איך ווייס אָבער, אַז איר וועט זיך נישט שטעלן קעגן אייער פרוי, כדי — אויב איר וועט נאָך האָבן אַ געלעגנהייט דערצו — צו ראַטעווען אייער ראַנג און שטעלונג, אָדער אייער לעבן. איך האָב פאַרטרויען צו אייך, אַז אויב איר זאָלט זיך שטעלן אויף אונזער זייט, וועט איר מיט אונז ערלעך מיטקעמפן."

הויפּטמאַן לופּעסקו איז נישט געווען אין כעס אויף וואַסילין. ער האָט אים בלויז נישט געקאָנט פאַרשטיין, פונקט ווי ער האָט נישט געקאָנט באַגרייפן דאָס אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג: „וואָס, צו אלדי גוטע יאָר, האָט אייך באַוואויגן זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון אַ רעבעלן־באַנדע? גוט, איך קאָן פאַרשטיין די פּויערים — זיי ווילן ערד. ס'איז שוין אַזוי אין דער וועלט, אַז מענטשן ווילן דווקא דאָס, וואָס אַנדערע האָבן. אָבער איר, וואַסילי, האָט דאָך געהאַט שיינע זייטיקע פאַר־דינסטן; איר האָט אַ שיינע כלה; און איר האָט זיכער אָפּגעשפּאָרט גענוג געלט, צו קאָנען קויפן אַ ווירטשאַפט און פירן אַ פיין פאַמיליע־לעבן. ווען איר זאָלט נאָך געווען בלייבן אין מיליטער־דינסט אַ צוויי־דריי יאָר, וואָלט איר געווען געקאָנט אָפּשפּאָרן אַ סך מער געלט, ווי איר האָט איצט. איר וואָלט געפירט אַ רואיק לעבן — איר זייט דאָך פון־נאַטור־אויס נישט קיין טומלער און שלעגער. וואָסזשע האָט אייך געטריבן מיט אַמאָל צו ווערן אַן אָנפירער פון אַ באַנדע רעבעלן?"

„איר האָט געזען אונזער פאָן, הער הויפּטמאַן?"

„כ'האָב געזען אייער פאָן. איך ווייס, אַז די פּויערים פירן זייער אַ שווער לעבן. אָבער קאָנען מיר דאָס לעבן ענדערן? איך קום פון אַ פאַמיליע באָאַמטערס. אויך מיר האָבן געפירט אַ שווער לעבן. איז וואָס? דערפאַר דאַרף איך זיך שטעלן קעגן געזעץ, קעגן אַן אָרדענונג, וואָס עקזיסטירט שוין זייט אייביקע יאָרן?"

„הער הויפּטמאַן, איר ווייסט דאָך פונקט ווי איך, אַז ערשט מיט צוויי דורות צוריק האָט אונזער לאַנד באַדאַרפט צאָלן צינזן דעם טערקישן סול־

טאָן; און ערשט ווען מען האָט זיך אָקעגנגעשטעלט, איז געשאַפן געוואָרן דאָס קעניגרייך רומעניע."

„אָבער היינט זענען דאָך די רומענער די באַלעבאַטים פון לאַנד."

„ניינציק פּראָצענט פון אונזער באַפעלקערונג זענען פּויערים. אונטער דער הערשאַפט פונעם טערקישן סולטאַן האָט דער פּויער געמוזט דינען דעם באָיאַר, און היינט מוז ער טאָן דאָס זעלבע אונטער דער הערשאַפט פונעם דייטשן פּרינץ."

„אָבער עס הערשט דאָך דאָס געזעץ."

„אַ געזעץ, וואָס איך און איר, הער הויפּטמאַן, האָבן ביי דער גרענעץ טאָג־טעגלעך פאַרלעצט."

„אַזוי האָבן דאָך אַלע געטאָן; און איך בין נאָר געווען דער גליקלע־כער וואָס איך האָב אויך אַזאַ פּאָסטן באַקומען. איך בין נישט קיין וועלט־פאַרבעסערער. איך קאָן מיר גאָרנישט פאָרשטעלן אַן אַנדערע וועלט."

„אָבער אין אַנדערע לענדער איז דער פּויער פאָרט שוין פריי."

„וואָס ווייס איך וועגן אָט די אַלע זאַכן. איך וועל נישט קעמפן פאַר עפּעס, וואָס איז נישט מיין זאַך."

„און זענען די אינטערעסן פון דעם האָהענצאָלערן־קעניג און פון די באָיאַרן יאָ אייער זאַך?"

„דאָס ווייס איך נישט און איך וויל עס אויך נישט וויסן. נישט איך און נישט די זשאַנדאַרן דאַ פרעגן אַזעלכע זאַכן. פרעגן מיר צוליב וואָס און פאַרווען מיר לעבן?"

וואַסילי האָט געזען, אַז ס'איז נאָר אַן עברה די מי און די צייט, וואָס ער פאַרלירט מיט אים. „וואַסזשע ווילט איר איצט טאָן?" — האָט ער קורץ געפרעגט דעם הויפּטמאַן.

„דאָס דאַרפט איר באַשטימען; איך בין דאָך אייער געפאַנגענער."

„מיר שטייען אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמף, הער הויפּטמאַן. ווען איי־נער פון אונז פאַלט אַריין אין שונאס הענט, הענגט מען אים אָדער מען דערשיסט אים. זענען מיר אויך געצוואונגען דאָס זעלבע צו טאָן. איר אָבער זייט אונזער פריינט און נישט אונזער פיינט. און צוריקגיין צו אונ־זערע שונאים קאָנט איר אויך נישט, ווייל איר קאָנט מיט דעם איינשטע־לען דאָס לעבן פון אייער פרוי."

די לעצטע ווערטער האָבן שטאַרק באַאומרואיקט לופּעסקון. ער איז אויפגעשטאַנען און געזאָגט: „וואַסילי, זאָגט מיר, אָבער אויפריכטיק: האָט איר אַמאָל געהאַט אינטימע באַציאונגען מיט מיין פרוי?"

„ניין."

„איז — אויב איר וועט דערלויבן און זי וועט איינגיין דערויף — וועל איך מיט איר אַריבער אויף דער עסטרייכישער זייט, קיין סערעט."

.. צווי שעה נאָכדעם, ווי מ'האָט באַגראָבן די געטאָלענע, האָבן די פויערים אָנגעהויבן דעם מאַרש אויף דאַראַזשאַ. אַננאַ האָט אפילו נישט געוואָלט הערן וועגן אומקערן זיך צוהיים און איז מיטגעגאַנגען מיט זיי. אין שלאָס זענען געבליבן בלויז מאַריאַ און דער הויפטמאַן. ערשט איצט האָט מאַריאַ געזאָגט צו איר מאַן: „אַפילו ווען איך זאָל געווען זיין מיט אים, וואָלט איך אַלץ ווייטער געבליבן מיט דיר. ער איז מיר אַ סך מער פרעמד, ווי דו. אָבער אין מיר איז דאָ עפּעס, וואָס איך קאָן אַליין נישט פאַרשטיין.“

46

צווי פרויען האָבן געוואַכט די גאַנצע נאַכט און פאַרצווייפלט געוואַרט עס זאָל טאָג ווערן: לענקאַ, די פרוי פון אויבער־אויפזעער אַקרולי, און חיה, זלמן פליקערס ווייב. לענקאַס טאָכטער, אַננאַ, איז זייט זעקס־און־דרייסיק שעה ערגעץ פאַרשוואונדן, און דער מאַן, כאָטש ער האָט זייער ליב געהאַט זיין קינד, האָט עס, מאָדנערווייז, נישט געוואָלט אָנמעלדן ביי דער זשאַנדאַרמעריע. „זי וועט באַלד צוריקקומען“ — האָט ער געהאַלטן אין איין איבערחזרן, כאָטש מען האָט געקאָנט דערקענען, אַז ער אַליין גלויבט נישט אין דעם.

רחל, חיהס און זלמן פליקערס טאָכטער, איז נאָך אינדערפרי אַוועקגעגאַנגען, און אַט איז שוין באַלד די נאַכט פאַרביי, און זי איז אַלץ נישטאָ צוריק. וואָלטן נאָר קינדער פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאָר אין אַ מוטערס האַרץ!

פרוי אַקרולי האָט נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן צו זיין אַליין אין הויז. דער מאַן איז געווען ערגעץ אויף זיין פּאָסטן, און איר האָט זיך יעדעס מאָל אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט געהערט די טריט פון איר קינד. זי האָט געוואוסט, אַז זי נאַרט זיך, וואָרים דער הונט האָט אפילו קיין הויקע נישט געטאָן, און דאָך איז זי יעדעס מאָל צוגעלאָפן צום פענסטער. אָבער אַחוץ דעם רוישן פון טייך, האָט זי גאָרנישט געהערט. ענדלעך איז זי אַרויס פון שטוב און זיך געלאָזט לויפן אין דער לבנה־נאַכט איבערן איינזאַמען וועג, ביז זי איז אָנגעקומען צו זלמן פליקערס הויז. עס האָט זיך נאָך געלויכטן. די טיר איז נישט געווען פאַרמאַכט און זי איז גלייך אַריין אין שטוב.

חיה האָט זיך אפילו נישט געוואונדערט וואָס די פרוי איז צו איר געקומען אַזוי שפּעט ביינאַכט. לענקאַ האָט גערעדט טשעכיש און אַביסל דייטש, חיה — אידיש, און דאָך האָבן די צווי פרויען זיך פאַרשטאַנען.

היה האָט זיך געקלאָגט: „ווען איך זאָל כאָטש האָבן עמעצן, פאַר וועמען זיך אויסרעדן דאָס האַרץ. אָבער ער איז שוין זייט צוויי טעג אַוועק, און גאָט ווייסט וואוהין. נישט צום פאַרזינדיקן — אַ טייערער מענטש מיין מאַן, האָט גאָלדענע הענט. ער קאָן נעמען אַ פעלצל, וואָס האָט מער לעכער ווי האָר, און עס אַזוי צורעכט מאַכן, אַז אַ פירשט מעג עס אָנטאָן. אַ ווייב קאָן ביי אים, גאָט באַהיט, נישט פאַרהונגערן. און די קינדער זענען זיין גאַנץ לעבן. אָבער מער פון אַלע האָט ער אין זין די פויערים. קלאַפּט אָן אַ פויער פאַרטאָג און רופט אים אַוועק; הויבט ער זיך אויף און לאָזט איבער דאָס ווייב מיט די קינדער פונקט אום ערב פסח — פאַסכאַ, פאַסכאַ! און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, איז מיין רחל אויך פאַרשוואונדן. צו וועמען זאָל איך מיך ווענדן און וואוהין זאָל איך מיך קערן?"

„און מיינער וויל נישט אַמאָל אָנמעלדן ביי דער זשאַנדאַרמעריע."

די צוויי פרויען האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי ס'ווערט נאָר טאָג, וועלן זיי אַליאַרמירן די גאַנצע שטאָט. זענען זיי געזעסן און געוואַרט, און ווי ס'האָט נאָר גענומען אַביסל ליכטיק ווערן, האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין. ביז צו דעם סערעט־בריק האָבן זיי קיינעם נישט באַגעגנט. ערשט איצט האָבן זיי געהערט דעם ערשטן פייף פון דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס איז פאַמעלעך אַרויסגעקראָכן פון דעם נישט־ווייטן באַנהויף. מיט גערזשום און געקרעכץ האָט די לאָקאָמאָטיוו גענומען צוזאַמענקלויבן די איינצלנע וואַגאָנען און דורך אַ קורצער, אָפּגעריסענער פייפעריי געלאָזט וויסן דעם סערעטער עולם, אַז ס'איז נאָך געבליבן בלויז איין שעה צייט ביז צום אָפּפאָרן פון דעם זעקס־אַזייגער־צוג. היינט אָבער וועט זי גאָרנישט אויפטאָן מיט איר פייפעריי. וואָרים ווער וועט דאָס היינט, ערב פסח, אַוועקפאָרן פון שטאָט?

די סערעטער, וואָס זענען באַשטאַנען מיינסטנס פון אידן, זענען שוין געווען אויף די פיס. כמעט פון אַלע קוימענס, וואָס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט פון די, אין רעגן און ווינט שוואַרץ געוואָרענע, אויסגעקרומטע און האַלב אָפּגעשיילטע גאָנטענע דעכלעך, איז איצט געגאַנגען אַ רויך. ביז ניין דעם זייגער האָבן אידן נאָך באַדאַרפט אָפּטאָן אַ סך אַרבעט: פאַרברענען דעם חמץ, אויסקויפן די בכורים, מאַכן חרוסת, און גלאַט נאָך פאַרענדיקן צוגרייטן דעם יום־טוב, בפרט דעם סדר.

וואָס נענטער די צוויי פרויען זענען געקומען צום מאַרק, אַלץ מער מענטשן האָבן זיי באַגעגנט. זשאַנדאַרן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, אויף שריט און טריט האָט מען אָנגעטראָפן עלעגאַנטע עקיפּאַזשן. פערד האָבן צופרידן געהירזשעט, און אפשר גאָר אויס פראָטעסט, וואָס נאָך אַזאַ לאַנגער נסיעה האָט מען זיי נישט אַריינגעפירט אין אַ שטאַל און זיי האָבן געמוזט איבערנעכטיקן אין גאַס. די נאַכט־וועכטער זענען, אָנשטאָט מיט

אַ זעבל, אַרומגעלאָפֿן מיט לאַנגע בעזעמער און געקערט די גאַסן מיט אַזאַ התמדה, וואָס סערעט האָט עס ביז איצט נאָך נישט געזען.

צעווייטיקטע, און טאָקע צוליב דעם נישט־געוויינלעכן אויסקוק פֿון דער שטאָט, האָבן די צווי פּרויען זיך געפֿילט ווי פֿאַרלאָרן. — צו וועמען זיך ווענדן? האָט חיה געזאָגט צו לענקאַן: „לאָמיר צוגיין צו זישע קצב, אונ־זער מחותן. נישטאָ דער טאַטע, זאָל ער זיך אָננעמען פֿאַר זיין זונס כלה. פֿאַרט אַ מאַנסביל און וועט זיך גיכער אַן עצה געבן, ווי מיר ווייבער אומ־שטיינס געזאָגט. אפשר וועט דער אויבערשטער זיך מרחם זיין און מ'וועט געפֿינען ביידע, מיין רחלען און אייער אַנושקאַ. ביי גאָט איז אַלץ מעגלעך."

ביי זישע קצב אין שטוב איז אויך נישט געווען אַזוי יאָמטעוודיק. נישט וואָס זישע האָט מורא געהאַט, אַז זיין זון איז עפּעס געשען. ער האָט געוואוסט, אַז זיין ברוך קאָן זיין שטעטל באַשטיין. אָבער ווי נעמט דאָס אַ חתן־בחור און גייט אַוועק אויף אַ גאַנצער נאַכט פֿון דער היים? וואָס וועלן מענטשן זאָגן, אַז מ'וועט זיך דערוויסן? און איצט הערט ער גאָר, אַז אויך רחל איז נישטאָ. דאָס איז אים שוין גאָרנישט געפֿעלן געוואָרן: „אַזוי גאָר... מ'האָט שוין נישט געקאָנט צוואַרטן ביז שבת נאָך שבֿועות צו דער חתונה? איך וועל אים שוין ווייזן — זאָל ער נאָר צוריקקומען."

„גאָט איז מיט אייך, ר' זישע, וואָס רעדט איר וואָס? מיין רחל? איך וועל עס אפֿילו נישט גלויבן אויף אייער ברוכן." און זי האָט אים דער־ציילט, ווי אַננאַ איז פֿאַרשוואונדן און ווי רחל איז געגאַנגען זי אויפֿזוכן און איז דערווייל ערגעץ אַליין פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

איצט איז זישען עפּעס קלאָר געוואָרן: „אויב אַזוי, שטעקט דאָ אין דעם אוודאי פּייוול פּראַנט. ער האָט שטענדיק צו טאָן מיט ברוכן; ער האָט מיט אַלעמען צו טאָן. אַז איך פֿאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי דער קייזער לאָזט צו, אַז אַזאַ פּייוול פּראַנט זאָל דאָ פֿירן אַזעלכע עסקים. וואָסזשע, אַן פּייוול פּראַנטס שטייערן וועט דער קייזער אָרימער ווערן? איך וועל אים די גע־דערעם אַרויסלאָזן פֿון לייב, ווען... קומט מיט מיר."

„וואָלט איר נישט וועלן נאָך עמעצן מיטנעמען?"

„מיט פּייוול פּראַנט קאָן איך זיך אַליין ספּראַווען."

47

אין „אידאַ־היים" זענען די שויבן נאָך אַלץ געווען אויסגעשלאָגן, ווי אַ סימן פֿונעם נעכטיקן געשלעג. זישע קצב האָט מיט אַ שטעקן אָנגע־קלאַפּט אין טיר. ס'איז אַרויסגעקומען פּייוול פּראַנט, נאָך גאַנץ אַ פֿאַר־

שלאָפּענער. ווי ער האָט נאָר דערזען זישע קצב, האָט ער געוואָלט די טיר צוריק צומאַכן, אָבער זישע האָט אים אַ שטויס געטאָן און איז מיט די צוויי פרויען אַריין אין הויז. דער זאָל איז נאָך נישט געווען צוגערוימט און ס'האָט זיך געפילט אַ מיאוסער ריח.

„וואָס ווילט איר פון מיר?" — האָט פּייוול פראַנט געפרעגט.

„אָדער דו זאָגסט תיכּף אויפן אָרט וואָס דו ווייסט וועגן די קינדער פון אָט די צוויי אומגליקלעכע מאַמעס, אָדער אַז נישט, וועסטו באַלד דאַרפן זאָגן עדות אויף יענער־וועלט."

„דיין זון מיט זיין כּלה זענען דאָ נעכטן פאַרביי־געגאַנגען. ווייזט אויס, זיי זענען אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ. און וועגן דעם אַנדערן מיידל הויב איך נישט אָן צו וויסן. זאָל איך איינגעמען אַ מיתה־משונה, אויב איך זאָג דיר אַ ליגן."

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזוי פיל האַרץ, אַז מ'האָט אים געמוזט גלויבן. זישע קצב און די צוויי פרויען זענען אַרויס פון „אידאַ־היים" מיט דעם, מיט וואָס זיי זענען געקומען, און זיי האָבן ווידער נישט געוואוסט וואָס צו טאָן און צו וועמען זיך ווענדן. ענדלעך האָט זישע קצב געזאָגט: „נישט, חלילה, וואָס איך וויל אייך אָט אַזוי־אַ פאַרלאָזן, אָדער וויל איך האָב נאָך אַ סך צו טאָן ערב פּסח. אַ כּפּרה גלך, ווען איך דאַרף ראַטעווען מיין זון, צי אייערע טעכטער. אָבער איך קאָן דאָך נישט איינער אַליין זיך נעמען שלאָגן מיט אַ גאַנצן פויערים־אויפשטאַנד, וואָס — ווי מ'זאָגט — איז אויפגעשטאַנען דאָרט, אויף יענער זייט. נאָר נעכטן ביינאַכט האָט מען דערציילט, אַז עפּעס אַ לאַנד־רעגירונג איז אָנגעקומען אַהער, אין נאָמען פונעם קייזער. דאָס איז דאָך אוודאי אויך אַ לעבעדיקער מענטש. לאָמיר גיין צו אים און מיט אים רעדן. מיר וועלן אים אַלץ דערציילן און פון אים פאַרלאַנגען, ער זאָל זאָגן צו אָט דעם פויערים־אויפשטאַנד: דו טו זיך אין דיין לאַנד וואָס דו ווילסט, אָבער מיר גיב צוריק מיינע מענטשן."

זישע קצב איז אַוועק מיט די צוויי פרויען צום בירגערמייסטער. אָבער דאָ האָט זיי דער געמיינדע־דינער שרובעק געזאָגט, אַז אַלע געהויבענע מענטשן געפינען זיך איצט אין דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט.

„אויך די לאַנד־רעגירונג?" — האָט געפרעגט זישע קצב.

„פאַרשטייט זיך. זי איז דאָך אייגנס צוליב דעם געקומען קיין סערעט. היינט און מאָרגן וועלן אָנקומען נאָך אַ סך רעגירונגען; נאָר איך טאָר נישט וועגן דעם דערציילן."

„איך וואָלט וועלן רעדן מיט דער רעגירונג."

„איר וואָלט וועלן רעדן מיט דער רעגירונג? איך וואָלט וועלן זיין אַ מיליאָנער. יעדער איינער וויל עפּעס, וואָס מ'קאָן נישט זיין. וואָס מיינט

איר — ס'איז דאָ א רעגירונג, מ'זאָל מיט איר רעדן?"
„צו וואָס דען איז אַ רעגירונג?"
„דאָס איז נישט אונזער זאַך."
„אָבער זי איך דאָך עפּעס אַ מענטש, די רעגירונג."
„וואָס דען איז זי — אַ פערד, אָדער אַן אָקס?"
„וואָלט איך וועלן צו איר רעדן, ווי צו אַ מענטש."
„האָט איר שוין אַמאָל געהערט, מען זאָל צו א רעגירונג רעדן, ווי צו אַ מענטש?"
„קומט מיט מיר" — האָט זישע געזאָגט צו די צוויי פרויען — „איך וויל זען די רעגירונג, מיט וועלכער איך וואָלט נישט געקאָנט רעדן."
„אומזיסט אייער מי, זשיקאָ, גיט אַ קוק דורכן פענסטער. די גאַנצע בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט איז אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרן און זיי האָבן אַ באַפעל אַריינצולאָזן נאָר געהויבענע מענטשן, וועלכע האָבן אַן אַמט, אַ ראַנג, אָדער אַ שטאַנד."
„שרובעק, איר קענט מיך. איך בין טאַקע נישט מער, ווי אַ קצב. אָבער זאָגט דער רעגירונג, אַז אַ מענטש, וואָס האָט צו טאָן נאָר מיט פליש און ביינער, זוכט גערעכטיקייט פאַר צוויי מיידלעך. זיי זענען טאַקע אויך נישט פון יענע, וואָס האָבן אַ ראַנג אָדער אַן אַמט, אָבער איך פאָדער פאַר זיי גערעכטיקייט. עס האָט צו טאָן מיטן פויערים־אויפשטאַנד."
„פאַרוואָסזשע האָט איר באַלד נישט געזאָגט? וואו זענען די מיידלעך?"
„די מיידלעך זענען פאַרשוואונדן און מ'מוז תיכף זען עפּעס צו טאָן."
שרובעקן האָבן די זשאַנדאַרן דורכגעלאָזט, און ער איז אַן אָן אָטעם אַרויפגעלאָפן מיט די טרעפּ צו דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט. אַרום אַ גרויסן טיש איז זיצונג־זאַל זענען געזעסן דר' וואַזערל, דער פאַרטרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג, דער בעצירקס־הויפּטמאַן, עטלעכע דעפּוטאַטן און אויך העכערע באַאַמטערס, וואָס זענען אין משך פון די לעצטע פיר־און־צוואַנציק שעה אָנגעקומען אין סערעט. ס'האָט זיך נאָך אַלץ געהאַנדלט וועגן דעם, צי זאָל מען ראַטן דער רעגירונג אין ווין צו מאַכן אַן אינ־טערווענציע אין רומעניע, צי נישט. אַלע זענען געווען נישט אויסגע־שלאָפן און נערוועז. שרובעק איז דירעקט צוגעגאַנגען צום בירגערמייסטער פראַנץ בייל און געזאָגט: „זישע קצב בעט די רעגירונג אָן אַ ראַנג און שטאַנד — כ'מיין די צוויי מיידלעך אָן אַ... אַנטשולדיקט, מיר דאַכט ס'איז פאַר־קערט..."
„ווי וואָגסטו, דו אייזל...!"
„ער זאָגט, ס'האָט צו טאָן מיטן פויערים־אויפשטאַנד" — האָט שרו־בעק, אַ צעשראָקענער, קוים אַרויסגערעדט.
ס'איז געוואָרן אַ באַוועגונג צווישן די פאַרזאַמלטע. דער דעפּוטאַט

סקעדל איז צוגעגאַנגען צו שרובעקן, אים אַרויפגעלייגט די האַנט איבער דער פּלייצע און געזאָגט: „באַרואיקט זיך און דערציילט אַלץ, וואָס איר ווייסט."

„הער קייזערלעכער דעפּוטאַט, איך ווייס ווירקלעך גאָרנישט. אָבער איך וועל דערציילן וואָס איך ווייס. איך זיץ מיר אַזוי אין הער בירגער־מייסטערס קאַנצעליאַריע און האַלט וואָך די גאַנצע צייט, איבער אַט דעם נויט־צושטאַנד, ווי דער הער בירגערמייסטער האָט מיר געזאָגט — קומט צו מיר אַריין — עס איז געווען פּונקט פינף מינוט צו האַלב זיבן — דער הער זישע קצב, דער פון דער גרויסער יאַטקע, נעבן קליפּערס געשעפט. מיט אים זענען אויך אַריינגעקומען צוויי פרויען, אָבער נישט זיינע. ער וויל, זאָגט ער, רעדן מיט דער רעגירונג. האָב איך אים דערקלערט, אַז מיט דער רעגירונג רעדט מען נישט. זאָגט ער מיר, אַז ער מוז אומבאַדינגט רעדן מיט דער רעגירונג, ווייל ער וויל בעטן פאַר צוויי פרויען — אַזוי, דאַכט זיך, האָט ער געזאָגט — אָן אַ ראַנג און אָן אַ שטאַנד, וועלכע האָבן צו טאָן מיט דעם פויערים־אויפשטאַנד. ווייטער ווייס איך גאָרנישט. אויב איר ווילט מער וויסן וועגן דעם, מוזט איר באַפעלן, מ'זאָל אַריינלאָזן זישע קצב, וועלכער וואַרט אונטן מיט די צוויי פרויען אויף דער גערעכטיקייט."

דער דעפּוטאַט סקעדל האָט שטילערהייט עפּעס גערעדט מיטן פאַר־טרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג, דר' וואַזערל, און האָט דערנאָך געזאָגט צו שרובעקן: „הייסט אַרויפלאָזן אַהער דעם קצב מיט די צוויי פרויען." און דער בירגערמייסטער האָט נאָך נאָכגעשריען שרובעקן: „בלייבט ווײַ־טער אויף דער וואַך דאָרט, און זאָל אייך מער נישט איינפאַלן אין אייער פערדישן קאָפּ, זיך צו מישן אין זאַכן, וואָס איר פאַרשטייט נישט!"

זישע קצב איז געווען אַביסל צעמישט, וואָס ס'טרעפט ביי אים זייער זעלטן. אָבער ווי נאָר דר' וואַזערל האָט אים געהייסן אַלץ דערציילן, האָט ער זיך ווידער באַרואיקט און אָנגעהויבן: „איך בין שוין נישט דער זישע קצב פון אַמאָל. פרעגט דאָ די אַלע הערן, וואָס קענען מיך, וועלן זיי אייך זאָגן. היינט, ווען איך עס צו מיטאָג אַ צוויי פונט פלייש מיט אַ קריגל וויין, פיל איך, אַז איך קאָן מער קיין ביסן אין מויל נישט נעמען. איך האָב קיינ־מאָל נישט ליב געהאַט צו גיין אין געריכט. יעדער איינער האָט געוואוסט, אַז זישע קצב קאָן זיך ברוך־השם געפינען זיין אייגענעם פּסק־דין און פייפט אויפן געריכט..."

„הערט נאָר, איר!! ווי רעדט איר עס דאָ? איר מיינט, איר זענט אין אַ שענק?" — האָט דער בירגערמייסטער זיך צעשריען.

זישע האָט זיך נישט איבערגעשראָקן: „איך האָב שוין געזאָגט שרו־בעקן, אַז איך וויל רעדן צו דער רעגירונג, ווי אַ מענטש צו אַ מענטש. איך ווייס נישט וואָס די רעגירונג טראַכט וועגן דעם פויערים־אויפשטאַנד,

איך מיש זיך נישט אין אזעלכע זאַכן. אָבער צווישן אונז גערעדט, מעג איך אייך זאָגן: איך קען די באַיאַרן. איך קויף דאָך ביי זיי בהמות. אײדער זיי פירן די בהמות צו דער וואָג, לאָזט מען זיי אַזוי זיך אָנפּאַיען, אַז יעדעס שטיקל וועגט דערנאָך אַ דרייסיק קילאָ מער. אָבער נישט ביי זישע קצב. איך האָב אויסגעפונען אַ מיטל, אַז די בהמה גיט צוריק דאָס וואַסער נאָך איידער מען שטעלט זי אויף דער וואָג...״

„מיין ליבער הער״ — האָט געזאָגט דער בעצירקס־הויפּטמאַן — „מיר האָבן זייער ווייניק צייט, און איך וועל אייך בעטן צו דערציילן נאָר דאָס, וועגן וואָס איר זייט אַהער געקומען.״

„שוין, שוין מיינע הערן. די זאַך איז אַזוי: צוויי יונגע מיידלעך זענען פאַרשוואונדן; דאָס פריילין פון דער פרוי אַקרולי און די טאָכטער פון חיה פליקער, מיין זונס כלה. מיין זון איז א בעל־מלאכה, אַזאַ יאָר אויף מיר; אָבער ער נעמט זי אָן נדן. קודם איז עס מיר נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן אָבער דערנאָך האָב איך אַ טראַכט געטאָן: איך אין זיינע יאָרן בין דען בעסער געווען? ווען איך זאָל אייך אָנהויבן צו דערציילן, וואָס איך האָב געהאַט אויסצושטיין פון מיינע טאַטע־מאַמע, ע...״

„זאָגט אונז בעסער וואָס דאָס אַלץ האָט צו טאָן מיטן פאַרשווינדן פון די צוויי מיידלעך״ — האָט אים איבערגעריסן די רייד שוין דר׳ וואַזערל אַליין.

„הערסט? ווען איך זאָל עס וויסן, וואָלט איך דאָך נישט געקומען אַהער. מ׳זאָגט, ס׳האָט צו טאָן מיטן פויערים־אויפשטאַנד. פּייוול פּראַגנט, וועמען איך האָב אין עפּעס חושד געווען, זאָגט, אַז נעכטן אַוונט האָט ער געזען מיין זון מיט זיין כלה גיין אין דער ריכטונג צו ווערפולי.״

„צו וואָס זענען זיי אַהינגעגאַנגען?״

„אפנים ווייל — אַנדערש קאָן איך זיך דאָס נישט דערקלערן, — מיין זון... אָבער, איר ווילט דאָך איך זאָל דערציילן צו דער זאַך — הכלל: זיי זענען געגאַנגען אויפזוכן דאָס פריילין אַננאַ. בעט איך רחמנות אויף אַט די פרויען און גערעכטיקייט צו די מיידלעך. פאַר מיר בעט איך גאָרנישט.״

דער רעגירונג־פאַרטרעטער, דר׳ וואַזערל, האָט שוין אָנגעהויבן פאַר־לירן דאָס געדולד. איז אַרויסגעקומען פון זיין ווינקל, וואו ער איז ביז איצט געזעסן, קורט קראַוטער און געזאָגט: „דער הער אויבער־רעגירונגסראַט וועט מיר דערלויבן, אפשר וועל איך קאָנען מיט עפּעס אויפקלערן. ווען איך בין נעכטן אין אָוונט געגאַנגען שפּאַצירן ביים ראַנד פון וועלדל, נישט ווייט פון דער גרענעץ, האָב איך פלוצים דערהערט פאַרצווייפלטע געשריי־ען און רופן הילף. ווען איך בין צוגעלאָפן, האָב איך שוין מער קיינעם נישט געזען. איצט ווערט מיר די זאַך קלאָר: דאָ האַנדלט זיך, ווייזט אויס, וועגן

א פאַל, וואו די בונטאַרעס האָבן אַריבערגעשלעפּט עסטרייכישע בירגער איבער דער רומענישער גרענעץ."

אַ זשאַנדאַר איז אַריינגעקומען מיט דער מעלדונג, אַז — אויספירנדיק דעם באַפעל, וואָס ער האָט באַקומען לעצטע נאַכט, צו פאַרהאַלטן יעדן איינעם, וואָס קומט אַריבער פון יענער זייט — האָט ער היינט פאַרטאָג אַרעסטירט פיר מענטשן, וועלכע זענען אַהער אַריבערגעקומען פון ווערפּולי. צווישן זיי געפינט זיך אויך אַ יונג מיידל. דר' וואַזערל האָט געהייסן אַריינפירן די אַרעסטירטע.

חיה האָט אַרומגעכאַפּט רחלען: „גאָלדן קינד מיינס! גאָט צו דאַנקען, אַבי דו ביזט דאָ. אָבער איך וועל עס דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן. כ'וועל עס דערציילן דעם טאַטן, וואַרט. נאָר ער איז דען בעסער פון דיר? דאָס עפּעס לע פאַלט נישט ווייט פונעם בוימעלע. אַזאַ שלימזל!"

„כ'וואָלט דיר באַדאַרפט אַזוי דערלאַנגען אויף רעכטס און אויף לינקס, אַז דו זאָלסט שוין אַ צענטן פאַרזאָרגן אַ גרענעץ מיט אַ פויערים־אויפשטאַנד" — האָט געזאָגט צום זון זישע קצב — „נאָר ס'איז דיין גליק וואָס דיין כלה איז דאָ דערביי."

דער פויער אנדריוק און דער שניידער פּינחס שערער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז מ'האָט זיי עטלעכע שעה אָפּגעהאַלטן אַרעסטירט אין די באַראַקן.

דער דינער פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, לעוויצקי, האָט געמאָלדן, אַז די פאַרטרעטער פון דער ווינער פּרעסע, וועלכע זענען נאָך נעכטן אָוונט געקומען קיין סערעט, בעטן מ'זאָל זיי אַריינלאָזן. און אייידער וואָס־ווען זענען זיי אַריין און האָבן באַלד גענומען פאַרוואָרפן מיט פראַגן די פיר, וועלכע זענען געקומען פון ווערפּולי. די פרוי אַקרולי האָט געוויינט און רחל האָט זי געטרייסט.

און דאָ איז ווידער אַריינגעפאַלן שרובעק: „הער בירגערמייסטער, הער בירגערמייסטער!! איך האָב געוואָלט בלייבן אויף דער וואַך — אָבער מרדכי, דער דינער פון דער סינאַגאָגע, איז געקומען צולויפן און געזאָגט, איך זאָל באַלד לאָזן וויסן דעם הער סענדער שלמה שרייבער, אַז די אידן פון מיהאַלעני זענען אַוועק פון דער פאַלקסקיך. זיי גייען, זאָגט ער, אָקעגן אַ געוויסן הער מעשיאַ, וועלכער דאַרף זיך געפינען אויף יענער זייט גרענעץ."

דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג צווישן די פאַרזאַמלטע. מ'האָט זיך אויפגעהויבן פון די פלעצער, אַ טייל האָבן גענומען פאַרלאָזן דעם זאַל. דער גוט-באַזיצער פישער איז נאָכגעלאָפן די צייטונגסלייט און זיך געבעטן ביי זיי: „איך בעט אייך, מיינע הערן, האַלט נאָך צוריק די נייעס. זיי וועלן זיכער נאָך דאָ בלייבן." אָבער קיינער האָט זיך נישט צוגעהערט

צו אים. אפילו דר' וואַזערל איז אַרויס פון זאַל און, מיט אַנדערע, זיך אָוועקגעשטעלט ביים טויער פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט. אַ מאַסע מענטשן, מענער, פרויען און קינדער, איז אָנגעקומען פון דער שוהל־גאַס און זיך פאַרקירעוועט צום מאַרק. ס'איז קיין מענטש נישט געבליבן אין פאַלקסקיך.

מעגלעך, אַז גאָר ווייניק פון זיי האָבן באמת געגלויבט, אַז משיח איז געקומען, אָבער אַלע האָבן געוואָלט זיין צוריק אינדערהיים אויף פּסח. סענדער שלמה שרייבער האָט אומזיסט זיך באַמיט אויפצוהאַלטן די מענטשן — קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. איז ער אויך אַרויף אויפן באלקאָן פונעם מאַגיסטראַט, וואָס איז שוין געווען פול מיט רעגירונג־מענטשן און דעפּוטאַטן.

פאַראויס פון די אַנטלאָפענע איז געגאַנגען שלום, וועלכער האָט פון מיהאַלעני געבראַכט די בשורה וועגן משיחן. מיט צעלויכטענע אויגן האָט ער אָנגעהויבן אויסזינגען אַ קאַפּיטל תהלים: „שיר המעלות בשוב יי' את שיבת ציון היינו כחולמים. אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה; אז יאמרו בגוים: הגדיל יי' לעשות עם אל...”

„איר זוכט אַליין צרות אויף זיך!” — האָט סענדער שלמה שרייבער געשריען פונעם באַלקאָן — „איר לויפט אין פייער!”

„הזורעים בדמעה ברנה יקצורו — די, וואָס זייען מיט טרערן, וועלן שניידן מיט געזאַנג” — איז געקומען אַן ענטפער פונעם עולם.

„ווער עס וואַרפט זיך אַליין אין פאַרדאַרבן, איז — אין לו חלק לעולם הבא, ווערט אָן די־וועלט און יענע־וועלט” — האָט סענדער שלמה שרייבער געזוכט מיט אַ פּסוק אויפצוהאַלטן די אין התלהבות פון גלויבן און האָפענונג צעפלאַמטע מאַסע.

ווי קיינער וואָלט אים אַפילו נישט געהערט, איז דער עולם ווייטער געגאַנגען אין דער ריכטונג פון טייך סערעט. סענדער שלמה שרייבער האָט זיי נאָך נאָכגעוואָרפן אַ בייזן קללה־פּסוק פון ירמיה, אָבער די וואַנדערנדיקע אידן האָבן זיך אַלץ מער דערווייטערט און דאָס מורמלען פון זייער תהלים־זאָגן האָט זיך שוין קוים־קוים געהערט.

48

פראַנץ בייל, דער בירגערמייסטער און דער באַזיצער פון דער ביר־ברעגעריי אין דער קייזער־קעניגלעכער גרענעץ־שטאָט סערעט, האָט אין משך פון יאָרן ביי זיך אָפּגעמאַכט זיין אייגענע לעבנס־פילאָסאָפיע: בלויז

איין איינציקע זון באַלויכט און וואַרעמט אונזער ערד. אין ווין איז דאָ נאָר איין קייזער. דעריבער קאָן די שטאָט סערעט האָבן בלויז איין דעפּוטאַט פאַרן ווינער פּאַרלאַמענט — דעם האָפּראַט סקעדל, און בלויז איין בירגער־מייסטער דאַרף רעגירן אין שטאָט — טאַקע ער אַליין, פראַנץ בייל, דער אייגנטימער פון דער ערשטער סערעטער דאַמף־ביר־ברייערײַ. במילא דאַרף שוין אויך זיין ביר־ברייעריי זיין די איינציקע אין שטאָט, אָן אַ שום אַנדערער קאָנקורענץ. דערפאַר טאַקע האָט ער אַזוי פיינט געהאַט דעם באַלעבאָס פון גאַסט־הויז „צום פעטן אָקס", יאָהאַן ווילד, וועלכער איז פאַר אים געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז. האָט דאָך יאָהאַן ווילד צום ערשטן מאָל איינגעפירט אין סערעט אַ „פרעמדן עלעמענט" — דאָס פּילזנער ביר. און וואו איין צרה, קומט שוין אַ צווייטע. נאָכן פּילזנער ביר איז אָנגעקומען דאָס מאָדנע געזעץ פונעם קייזער, איינצופירן גאָר דאָס אַלגעמיינע, גלייכע, געהיימע און דירעקטע וואַל־רעכט.

נישט געקוקט אויף די גרויסע שוועריקייטן, האָט פראַנץ בייל מיט אַלע כוחות זיך באַמיט, ס'זאָל בלייבן ביים אַלטן און סקעדל זאָל ווידער דערוויילט ווערן. האָט זיך זאַיאָוועט דער גוטבאַזיצער פישער, ווי אַ קעגן־קאַנדידאַט. און וועמען האָט ער געגומען צו הילף? דווקא דעם אויסוואָורף, דעם אַלערלעצטן, יאָהאַן ווילד. איז אַ וואונדער, וואָס אויף יענער זייט גרענעץ איז אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד? „מיר דאַ" — האָט ער געטענהט צום דעפּוטאַט סקעדל — „דער וויטסטער שפּיץ פון אונזער מאָנאַרכיע, דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר רומעניע און זיי ווייזן וואָס ס'מיינט עסטרייכי־שע קולטור. אָבער ווען ביי אונז גייט מען אַלגעמיין, גלייך, געהיים און די־רעקט ווילן, פאַרוואָס זאָל מען נישט דאָרט, אויף יענער זייט, אַלגעמיין, דירעקט און גלייך זיך בונטעווען?"

ס'איז פאַר אים געווען אַ זייער אויפגערעגטער „גוט־מאָרגן", ווען ער האָט געזען, ווי די אַנטלאָפענע לאָזן איבער „זיין" שטאָט און ציען זיך צוריק אין זייער אייגן ווינקל. ער איז איצט באַקוועם געזעסן אין לעדער־שטול אין זיין קאַנצעליאַריע און געכאַפּט אַ בליק אין גאַס. ס'איז געווען אַ שיינער פרילינג־טאָג, דריי נאָכמיטאָג. דער מאַרק איז געווען פיין אויס־געקערט. נאָכן רעש פון די לעצטע אַכט־און־פערציק שעה, איז ענדלעך גע־קומען אביסל רו, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט. דער קריסטלעכער, ווי דער אידישער ערב יום־טוב האָט אַריינגעבראַכט אין שטאָט אַ פייער־לעכע שטימונג. פראַנץ בייל איז איצט געווען צופרידן, ממש גליקלעך, וואָס די אַנטלאָפענע האָבן פאַרלאָזן די שטאָט און זענען צוריקגעגאַנגען קיין בויאַלעני — פטור געוואָרן פון אַ צרה. וואָלט ער איצט פון גאָרנישט געוואָלט טראַכטן, נאָר רוען, רוען — זיצט אָבער קעגנאיבער אים קורט קראַוטער, וועמען ער האָט פשוט. עפּעס טראָגט זיך פון דעם דאָזיקן

מענטש אַן אומרו, וואָס ס'איז נישט צום דערטראָגן. קומט אַ מענטש און דערציילט, אַז ער איז אַן אַמעריקאַנער, וואָס ס'הויבט זיך גאָרנישט אָן, און דרייט אַ קאָפּ מיט גראָבן נאַפּט־קוואַלן, וואָס עקזיסטירן גאָרנישט, און איצט זיצט ער קעגן אים און האַלט אין איין רעדן. און אויסהערן מוז מען אים, ווייל אַזוי וויל סקעדל. ווירקט עס אויף אים, ווי דאָס זלידנע זשומען פון אַ קאָמאַר אין אַ הייסן זומערדיקן אָוונט, ווען מ'וואָלט וועלן רואיק געניסן אַביסל פרישע לופט אין גאָרטן.

„עס טוט מיר זייער לייד, הער בירגערמייסטער, וואָס איר זעט נישט די אמתע געפאַר. איך ווייס פון זיכערע קוואַלן, אַז די רעבעלן פלאַנירן אויף הייַנט אָוונט אַ פּאָגראָם אין סערעט. די דריי טויזנט זשאַנדאַרן וועלן אַליין נישט אימשטאַנד זיין צו באַשיצן די שטאָט. מיר מוזן אויפשטעלן אַ בירגער־שוץ, וואָס זאָל זיי העלפן, אויב מ'וועט דאַרפן. די רעגירונג לאָזט עס איבערלאָזן צו אייער איניציאַטיוו."

„איך האָב אייך שוין דערקלערט, אַז אַן דער באַטייליקונג פון די היגע אידן קאָן מען אַזאַ זעלבסטשוץ נישט אויפשטעלן. סענדער שלמה שרייבער איז דער פּרעזידענט פון דער אידישער געמיינדע און נאָר ער אַליין קאָן זאָגן די אידן וואָס צו טאָן. ער אָבער איז אַנטוישט מיט דעם, וואָס די אַנטלאָפענע זענען אָוועק פון שטאָט, און ער וויל מער פון גאָר־נישט הערן. זאָגט אים איבעריגנס, אַז איר האָט מיין צושטימונג. אויב ער וועט זאָגן יאָ..."

ער האָט אינמיטן איבערגעריסן, ווייל ער האָט פּלוצים דערזען דורכן פענסטער, ווי ס'לויפט אַ מאַן מיט דער געריכט־גאַס, און אַ כאַפּטע קינדער און דערוואַקסענע לויפן הינטער אים. ער איז נישט געווען אימשטאַנד צו דערקענען ווער דאָס איז, אָבער ער האָט בפירוש געהערט דאָס אויפ־געדעגטע געשריי: „אַ גרויס אומגליק! אויף גיך אַ דאָקטאָר און אַ פערד־דאָקטאָר!!"

אַן אַנדערש מאָל, וואָלט דער בירגערמייסטער אין אַזאַ פאַל אַראָפּגע־שיקט דעם דינער אויסצוגעפינען וואָס ס'איז פאָרגעקומען, אָדער ער וואָלט בכלל נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט. אָבער נאָך די לעצטע אויפ־רעגונגען, איז אים באַפאַלן אַ פחד: ווידער אַן אומגליק אויף דער שטאָט? „איר האָט אויף יעדן פאַל מיין צושטימונג" — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו קורט קראַוטער — „גייט צו סענדער שלמה שרייבער און רעדט זיך דורך מיט אים וועגן דעם."

ווי נאָר קורט קראַוטער איז אַרויס, האָט פראַנץ בייל געכאַפּט דעם מאַנטל אויף די אַקסל און איז אַראָפּ מיט די טרעפּ. ער האָט איצט דער־קענט, אַז דער, וועלכער האָט גערופן הילף, איז דער אידישער בלעכער און פייער־לעשער באַבריקער. ער האָט אים געזען צולויפן און עפּעס זאָגן

דעם זשאַנדאַרמעריע־וואַכמייסטער, וועלכער איז מיט נאָך אַנדערע זשאַנ־דאַרן גשטאַנען פאַר דעם גריכיש־אָריענטאַלישן קלויסטער. דער וואַכמייס־טער האָט מיטגענומען זעקס זשאַנדאַרן און זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג, פון וואַנען באַבריקער איז געקומען.

עטלעכע פון עולם זענען נאָכגעגאַנגען די זשאַנדאַרן, אָבער דער גרעסטער טייל האָט אַרומגערינגלט באַבריקערן און אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן. פראַנץ בייל האָט זיך דורכגעשטופּט דורכן עולם: „זאָג אויף גיך, וואָס איז געשען?"

„וואָס ס'איז געשען, הער בירגערמייסטער? אַן אומגליק איז געשען, אַ גרויס אומגליק. אַז מיר זאָלן אַלע אָפּגעהיטן ווערן דערפון."

„אָבער זאָגט שוין, אייזל איינער, צו וואָס דאַרפט איר אַ דאָקטאָר און אַ פערד־דאָקטאָר?"

„איך? גאָט זאָל היטן, הער בירגערמייסטער, נישט איך דאַרף אַ דאָק־טאָר און נישט קיין פערד־דאָקטאָר. אָבער דער הער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל לאָזן וויסן דער זשאַנדאַרמעריע, מ'זאָל רופן אַ דאָקטאָר און אַ פערד־דאָקטאָר, האָב איך עס זיי געזאָגט. איצט וויל איך אויך..."

„אָבער וואָס פאַרא הער? וועלכער הער?"

„דער פון דער רעגירונג."

„פון וועלכער רעגירונג?"

„איך קען דען די רעגירונגען? עס מוז זיין פון אונזער רעגירונג. אָט דער הער, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז דער פאַרטרעטער פונעם לאַנד־פּרע־זידענט, צי פון דער לאַנד־רעגירונג. ער ליגט נעבן פערד א צעקאַליע־טשעטער אויפן הויף פון דעם קאַוואַל לוץ."

„גאָט אין הימל! וואָס האָט פּאַסירט מיטן הער שעף פונעם לאַנד־פּרעזידענט? רעדט דאָך! וואָס שווייגט איר, אייזל־קאָפּ!"

„פאַרוואָס בין איך אַן אייזל־קאָפּ? איך וויים עפּעס? מ'האָט מיר גע־הייסן לויפן נאָך אַ דאָקטאָר און ברענגען דעם פערד־דאָקטאָר קרעפּל; האָב איך פונקט געוואָלט לויפן, האָט איר מיך פאַרהאַלטן. לוץ האָט מיר גע־זאָגט, אַז מ'דאַרף דעם דאָקטאָר פאַר דער רעגירונג און דעם פערד־דאָק־טאָר פאַר דער גאַנדז."

„איר זייט פון זינען אַראָפּ? פאַר אַ גאַנדז דאַרף מען אַ פערד־דאָקטאָר?"

„וואָס בין איך שולדיק, הער בירגערמייסטער? וואָס מ'האָט מיר גע־הייסן, דאָס טו איך. פאַר מיין גאַנדז דאַרף איך נישט קיין פערד־דאָקטאָר. איך האָב נישט קיין גענדז. און וואָלט איך געהאַט אַ גאַנדז, וואָלט איך זי אַוועקגעטראָגן צום שוחט. ווינטער האָט מיין ווייב יאָ געכאָוועט אַ גאַנדז — איר ווייסט דאָך, אַז מ'דאַרף האָבן גענדזן־שמאַלץ אויף פּסח. איז דאָך אָבער אַ רחמנות אויף אַ חיה — כּטייטש? צער־בעלי־חיים! זאָג איך צו

מיין ווייב: אַ כפּרה אַביסל שמאַלץ און מוטשע נישט אַ גאָטס באַשעפעניש. מיינט איר, אַז זי האָט מיך געפאָלגט? חלילה. ביז איינמאָל, — איך האָב גראָד געהאַלטן אין פאַרדיכטן דעם קאַך־קעסל פון ווילדס „צום פעטן אָקס" — הער איך, ווי מיין אידענע שרייט פון קיך: 'געוואַלד! די גאַנדז ווערט מיר דערשטיקט אונטער די הענט!! כאַפּ שוין און לויף מיט איר אַריבער צום שוחט'. זאָג איך צו איר: אַהאַ, זעסטו שוין, אַז איך בין גע־ווען גערעכט? גו, שטעל דיר פאָר, ווען מ'רייסט דיר אויף דעם האַלדז און מ'האַלט דיך אין איין שטאָפּן — וואָלסטו עס געקאָנט אויסהאַלטן? הערט זי נישט וואָס איך זאָג איר, נאָר זי נעמט שרייען, אַז מ'האָט געקאָנט הערן אויף דער צענטער גאַס: „אומגליק מיינס! ער ווערט מיך נאָך יונגערהייט טרייבן אין דר'ערד אַריין. רעד נישט קיין סך און נעם די גאַנדז און לויף צום שוחט'. איך נעם די גאַנדז — איר הערט, הער בירגעמייסטער..."

דער בירגערמייסטער איז שוין פון לאַנג געווען אַוועק, צו לאָזן רופן דעם וועטערינאַר קרעפּל. אָבער דער עולם האָט אַלץ געוואָלט וויסן וואָס ס'איז געשען. „מען לאָזט דען אויסרעדן?" — האָט זיך געקלאָגט באַברי־קער — „אַזאַ מזל האָט שוין דער אָרימאַן. כ'האָב פונקט געוואָלט דער־ציילן וואָס ס'איז געשען, איז דער בירגערמייסטער אַוועק. וואַרט נאָר! ווי איז מיר! לויפט נאָך דעם בירגערמייסטער... האַלט מיך נישט אָפּ... ס'איז דאָך גאַרנישט קיין גאַנדז, נאָר אַ גאַנער! מיין ווייב האָט געהאַט אַ גאַנדז..."

און ער איז געלאָפן זוכן דעם בירגערמייסטער. אָבער אינמיטן לויפן האָט ער זיך באַטראַכט, זיך אָפּגעשטעלט און איז אַריינגעגאַנגען אין ריי־נערס וויין־קעלער. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ גלאָז וויין און גיזאָגט צו זיך אַליין: „מיין טאַטע איז אָבער געווען גערעכט. וואָס וויניקער דו האָסט צו טאָן מיט רעגירונגען און מיט רעגירונג־מענטשן, אַלץ בעסער פאַר דיר."

עס האָבן זיך ווידער געהערט געשרייען. פיר זשאַנדאַרן האָבן געפירט דעם קאָוואַל לוץ, וועלכער איז געגאַנגען אָן אַ היטל, בלאַס ווי די וואַנט. הינטער די זשאַנדאַרן איז פּאַוואָליע נאָכגעפאָרן אַ פיאַקער. אויף דער קאָזלע, נעבן דעם פיאַקערניק, איז געזעסן דער בירגערמייסטער. אויפן טרעפּל פון פיאַקער אויף דער רעכטער זייט איז געשטאַנען דער דאָקטאָר ערליך, און אויפן טרעפּל פון דער לינקער זייט — דער וועטערינאַר. הינ־טער זיי איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסער עולם. ווען מ'איז צוגעקומען צום האָטעל „אַננאַ־האָף", האָבן די זשאַנדאַרן אַריינגעפירט דעם קאָוואַל לוץ אין הויף, בשעת דער בירגערמייסטער מיט די צוויי דאָקטוירים האָבן אַרויסגענומען פון פיאַקער דעם פאַרטרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג, דר' וואַזערל, און אים אַרויפגעטראָגן אין זיין צימער. דערנאָך זענען אָנגעקומען צוויי זשאַנדאַרן, פון וועלכע איינער האָט געטראָגן אַ שניי־ווייסע גאַנדז, אַרומגעבונדן מיט שטריק, און אויפן שנאָבל האָט זי געהאַט אַ מויל־קערבל.

נאָכדעם, ווי מ'האָט דעם רעגירונג־פּאַרטרעטער אַריינגעלייגט אין בעט, האָט דער בירגערמייסטער גענומען אַ זייטיקן צימער אין האָטעל, זיך געהייסן אַריינפירן דעם קאָוואַל לוץ און, אין קעגנוואַרט פון זשאַנדאַר־וואַכמייסטער, געהאַלטן פאַר אים אַזאַ דרשה: „איך מוז אייך זאָגן, אַז איר זעט מיט אַט דער געשיכטע זייער מיאוס אַריינגעפאַלן; און בלויז ווען איר וועט זיך דאָ, אויף דער שטעל, אין אַלץ מודה זיין, קאָן איך אפשר דערנאָך אביסל לייכטער מאַכן אין געריכט. איר זייט איבערגעטראָטן דאָס גאַנצע פון עפנטלעכער זיכערקייט און האָט געשטעלט אין אַ גרויסער גע־פאַר איינעם פון די העכסטע אויטאָריטעטן אין אונזער לאַנד. דאָס מינדס־טע קינד ווייסט, אַז משוגעת פון אַ חיה איז אַ סך ערגער אפילו ווי דער טויט. דערציילט דעריבער אַלץ געטרײַ, אָבער נאָר דעם אמת, ווי איר וואָלט איצט געשטאַנען פאַרן העכסטן ריכטער."

דער קאָוואַל לוץ, אַ שווער־לייביקער זעכציק־יאָריקער, האָט מיטן אָרבל זיך געווישט דעם שוויס פון שטערן און, אַ סאָפּענדיקער האָט ער געזאָגט: „זייט אַט דער האַלבער שעה איז מיר אַזש פינסטער פאַר די אויגן. און אין אַלץ זענען שולדיק נאָר די ווייבער."

„איר האָט דאָך ערשט מיט עטלעכע מינוט פריער דערקלערט" — האָט געזאָגט דער וואַכמייסטער — „אַז אייער פרוי האָט מיט דעם גאָרנישט וואָס צו טאָן. איר האָט אפילו געבעטן, מען זאָל זי נישט אַרעסטירן."

„מיט דעם האָט טאַקע מיין פרוי גאָרנישט וואָס צו טאָן; אָבער מיטן רעדן. ווען מיין ווייב זאָל געווען שווייגן, וואָלט נישט געווען געקומען צו דעם אַלץ מיט מיר און מיט דער רעגירונג."

„ווייסט איר דען נישט, אַז פאַר דער רעגירונג טאָר מען נישט האַלטן קיין סודות?"

„ווער רעדט דאָ וועגן סודות. מיין טאַטע פלעגט זאָגן, אַז סודות מעג מען דערציילן אַפילו עפנטלעך, אָבער נאַרישקייטן טאָר מען אַפילו אין געהיים נישט רעדן. דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן..."

„וועגן וואָס פאַר אַן אומגליק רעדט איר?"

„אַט טאַקע וועגן דעם אומגליק, וואָס איך דאַרף דאָ זיצן. איך בין מיר געשטאַנען אין דער קוזשניע און געאַרבעט. זע איך, עס רייט פאַרביי די רעגירונג, און ביים הינטערשטן רעכטן פוס פון פערד איז לויז די פּאָדקאָ־ווע. וואָלט איך נישט געווען מיט אַ האַלבער שעה צוריק אַוועקגעשיקט דעם יונגאַטש, מיין לערן־יונג, צו ברענגען טשוועקעס פון שטיינבעקן, וואָלט איך אים געוויסגעשיקט אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם הער, אַז אַ פּאָדקאָווע איז לויז געוואָרן. בין איך דאָך אָבער אַליין אין קוזשניע — וואָס קאָן מען זיך העלפן? נאָר עס נעמט נישט לאַנג, קומט נאָכאַמאָל צו רייטן דער הער פון דער רעגירונג און שטעלט זיך אָפּ ביי דער קוזשניע.

לויף איך אַרויס, העלף אים אַראָפּשטייגן פון פערד, און פרעג שוין גאָרנישט — וואָרים איך זע דאָך שוין, אַז ער האָט די פּאָדקאָווע איינגאַנצן ערגעץ פאַרלוירן — נעם איך אונטערקאָווען דאָס פערד. דערווייל בעט איך דעם הער פון דער רעגירונג, ער זאָל זיך צוזעצן. זאָגט ער, אַז ער וויל ליבערשט אַביסל באַטראַכטן דעם הויף. פאַרוואָס נישט? נאָר פאַר גרויס איבערראַשונג, וואָס איך האָב אַזאַ געהויבענעם קונד, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן דעם הער פון דער רעגירונג אויפמערקזאַם צו מאַכן אויפן גאַנער."

„וועגן וואָס האָט איר אים באַדאַרפט אויפמערקזאַם מאַכן?"

„אָט דאָס וויל איך דאָך טאַקע דערציילן. דער גאַנער איז געטרייער ווי אַ הונט. ווען עס זענען דאָ קליינע גענזעלעך, טאָר אפילו איך זיך נישט דערנענטערן צו די גענז. אָבער פרעמדע טאָרן אפילו צו אים אַליין נישט צוקומען. מיטאַמאָל — איך האָב נאָך געהאַלטן אין אונטערקאָווען — הער איך אַ געשריי פון דעם הער פון דער רעגירונג. ס'איז מיר באַלד איינגעפאַלן, אַז דער גאַנער האָט אַ ביס געטאָן דעם הער פון דער רעגירונג. הייס איך מיין ווייב, זי זאָל ברענגען אַ ריין האַנטוך מיט קאַלט וואַסער. מיר האָבן געזען, אַז דער ביס איז נישט אַזוי געפערלעך — ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך דער גאַנער נישט קיין הונט. כאָטש איך וואָלט אים נישט פאַרביטן פאַרן בעסטן וואַך־הונט. האָבן מיר אַרומגעוואַשן דעם קליינעם קראַץ, פאַרבונדן, און אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג — מוז זיך מיין ווייב צערעדן!"

„מיינט איר" — האָט געפרעגט דער וואַכמייסטער — „אַז אייער פרוי האָט עפּעס פאַררעדט, וואָס מ'האָט נישט געטאָרט פאַרראַטן?"

„ביים קאָוואַל לוץ זענען נישטאָ קיין פאַררעטער און ס'איז נישטאָ וואָס צו פאַרראַטן. אָבער מיין פרוי האָט געוואָלט באַרואיקן דעם הער פון דער רעגירונג, כאָטש ער איז גאָרנישט געווען אומרואיק, האָט זי געזאָגט: 'די גנעדיקע רעגירונג האָט נישט וואָס מורא צו האָבן. ביי אַ גאַנער איז נישט ווי ביי אַ משוגענעם הונט. אַ גאַנער...' מער האָט זי נישט באַדאַרפט. דער הער פון דער רעגירונג האָט אָנגעהויבן אַזוי צו שרייען, אַז איך אַליין האָב שוין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז ער איז געביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט. איצט האָב איך אים געוואָלט באַרואיקן, האָט דער הער פון דער רעגירונג אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו שרייען, אַז מיר ביידע, איך און מיין פרוי, האָבן זיך דערשראָקן אויף טויט."

„ווי אַזוי רעדט איר וועגן דעם רעגירונג־פאַרטרעטער? איר פאַרגעסט וועגן וועמען איר רעדט, הער לוץ."

„אָבער איך זאָג דאָך דעם אמת."

„וועגן הויך־געשטעלטע רעגירונג־הערן טאָר מען נישט זאָגן נישט

קיין אמת און נישט קיין ליגן. מען רעדט וועגן זיי איבערהויפט נישט. אונז אינטערעסירט דער גאַנעף. דערציילט ווייטער.״

„וועגן גאַנעף איז ווייטער נישטאָ וואָס צו דערציילן. ער איז דאָס געטרייסטע און מוטיקסטע באַשעפעניש אויף דער ערד. איינמאָל — ס׳איז געווען, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, פאַר־צוויי־יאָרן ווינטער — האָט איך פּלוצים אינדערנאַכט גאַגאַטשען. שפּרינג איך אַראָפּ פון בעט...״

ס׳איז נײַנגעקומען אַ זשאַנדאַר: „דער הער אויבער־רעגירונגס־ראַט פּאָדערט, מען זאָל גלייך שיקן אַ ספּעציעלן קוריער קיין טשערנאָוויץ, ער זאָל ברענגען אַ סערום צום איינשפּריצן. ווייטער פאַרלאַנגט ער, מען זאָל וואָס גיכער אָט דעם גאַנאַרעך אָוועקשיקן קיין קראָקאָוו אין פּאַסטעיר־אינסטיטוט פאַר אַן אונטערזוכונג. כדי צו באַרואיקן די עפנטלעכע מיינונג, הייסט ער דערוויילן דעם הער לוץ אַרויסלאָזן פריי, ביז ס׳וועט נישט אָנקומען אַ ראַפּאָרט פון קראָקאָוו. און ביז דעמאָלט זאָל מען דערוויילן גאָרנישט רעדן וועגן דעם.״

49

מרדכי שמש איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, וואַקלענדיק צווישן יאָ און ניין, ביז ער האָט זיך אָנטשלאָסן נישט מיט די מיהאלענער אָנטלאָפֿענע אַקעגנצוגיין משיחן, נאָר אָפּוואַרטן זיין קומען דאָ, אין סערעט. אויב משיח קומט, האָט ער געטראַכט, וועט ער זיך דאָך באַווייזן אין סערעט, פּונקט ווי אין מיהאלעני. און ווי קאָן ער טאַקע איבערלאָזן אַ הויזגעזינט פּונקט אום ערב פּסח?

איז מרדכי געבליבן אין סערעט און איז געווען פאַרהאַוועט, ווי יעדן ערב פּסח. צו אַ צולאָז, האָט ער נאָך באַדאַרפט דעם ראש־הקהל, סענדער שלמה שרייבערן נאָכטראָגן דאָס פּעקל אין מרחץ אַריין. ער טוט עס טאַקע יעדן פרייטיק און האָט שוין אפילו אין מרחץ אַ באַזונדער שאַפּקעלע פאַר ר׳ סענדערן צום אויפהענגען די זאַכן און אַ באַזונדער בעטל צום אָפּרוען. אָבער היינט, אום ערב פּסח, איז געווען אַזאַ געדרענג אין מרחץ, אַז אַנעם וויסן פונעם בעדער, הערמאַן, האָט עמעצער פאַרכאַפּט ר׳ סענדערס שאַפּקעלע. און וואָס איז דאָס חידוש? נאָך אַזוי פיל טעג אויפרעגונג אין שטאָט, האָט יעדער סערעטער געפילט, ווי אויסצופאַרען אַביסל די ביינער און טאַקע בלייבן אויף דער שוויץ־באַנק אזוי לאַנג, ווי עס לאָזט זיך.

סענדער שלמה שרייבער איז געקומען אין מרחץ קנאַפּ איידער דער גאַנעף האָט צעביסן דעם פאַרטרעטער פון דער לאַנד־רעגירונג, וואָס האָט

אַרויסגערופן אַזאַ בהלה אין שטאָט. אָבער ר׳ סענדער איז סיי ווי געווען שלעכט אויפגעלייגט. ס׳איז אים געווען אַ בושה, וואָס די מיהאַלענער אַנט־לאָפענע זענען אַוועק פון שטאָט קעגן זיין ווילן; הגם ער האָט זיך כמעט געבעטן ביי זיי צו בלייבן אין סערעט. איצט, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מ׳האָט פאַרנומען זיין שאַפּקעלע, האָט ער תיכּף געוואָלט אַנטלויפן צו־ריק אַהיים. אָבער ווי זעצט מען זיך צום סדר, נישט האָבנדיק פריער זיך אויסגעשוויצט אין מרחץ? און היינט טאַקע — פּאַסט עס פאַר אים אַוועק־צוגיין אָן אַ שוויץ? ס׳וועט דאָך אַ פּנים האָבן, ווי מ׳וואָלט אים אַרויסגע־טריבן פון באָד. איז נישט געבליבן קיין אַנדער ברירה, ווי נאָר געבן מרד־כי שמש צו האַלטן די קליידער — וואָרים ער וועט דאָך נישט אַוועקוואַרפן זיינע בגדים ערגעץ אין אַ ווינקל, ווי אַ ליאָדע קבצן טוט עס. איז מרדכי געבליבן אין פאָדער שטיבל פון באָד, האַלטנדיק אין איין האַנט די אויס־געטוענע מלבושים פונעם ראש־הקהל, און אין דער צווייטער האַנט — די פרישע וועש, וואָס דער ראש־הקהל וועט אַנטאָן נאָכן מרחץ.

צווישן פאָדער־שטיבל און דעם שוויץ איז געווען אַ גרויסע שטוב, וואו צענדליקער מענטשן זענען געלעגן אויף בעטלעך, איינגעהילט אין ווייסע ליילעכער אַזוי, אַז מ׳האָט נאָר אַרויסגעזען די פּנימער און די בערד. מ׳וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מ׳געפינט זיך אין אַ מוזיי פון בערד: קורצע און לאַנגע בערד, געדיכטע און שיטערע, פעך־שוואַרצע, גרוילעכע און גרויע, פייער־רויטע, בלאָנדע און גלאַט אָן קאָלירן. אַלע בערד האָבן אויסגעקוקט, ווי אויסגעצוואָגענע, ווייל זיי זענען ערשט אַרויס פון דער פּאַרע און ערשט אפּיר פון אונטער דעם שפּריץ — און אַלע האָבן זיך געשאָקלט, מחמת די רוענדיקע באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן אין איין רעדן וועגן דער שטאָט און וועלט, וועגן קייזער און ווי די מצות זענען געראָטן, אַביסל וועגן זייערע שכנים און טאַקע וואָס ס׳הערט זיך אין אַמעריקע, אורטיילנדיק לויט די בריוו, וואָס זיי דערהאַלטן פון זייערע קרובים. אין באָד האָט מען געמעגט אַלץ רעדן. ס׳איז געווען ווי אַן אָפּגעמאַכטער כּלל, אַז קיינער וועט דערנאָך קיינעם נישט פאַרקלאָגן פאַר די רכילות און באַרעדעריי, אפילו נישט פאַר אַ באַליידיקונג אָדער פאַרלוימדונג — קיין שום ריכטער וואָלט אויך נישט דורכגעפירט קיין פּראָצעס, וואָס שטאַמט פון באָד.

יאָ, דער סערעטער מרחץ האָט זיך געהאַט זיינע אייגענע פירעכצער און געזעצן. די שטוב מיט די רו־בעטלעך איז געווען באַקאַנט מיטן נאָ־מען „די צייטונג". ווי אין אַ צייטונג, פלעגט מען זאָגן, דערציילט מען אויך דאָרט אַמאָל אָן אמת. די מקוה מיט די וואַנעס און טושן האָט מען גערופן „דאָס תחית־המתים־שטיבל", און דאָס שוויץ־באָד גופא — „דער היכל פון יום־הדין".

אַז מ׳האָט זיך אויסגעטאָן גאָלע־נאַקעט, האָט הערמאַן דער בעדער

דערלאַנגט יעדן אַ שעפּעלע מיט אַ בעזעמל, ווייל אָן דעם איז מען געווען אַ גאָרנישט אין באָד. מיטן אויסטאָן זיך, האָט סענדער שלמה שרייבער אויך אָפּגעטאָן פון זיך אַ טייל פון זיין ווערדע. מענטשן, וואָס אין גאַס פלעגן זיי אָפּגעבן אַ סך כבוד דעם רייכן באַנקיר און ראש־הקהל ר׳ סענדער, האָבן דאָ, אין באָד, גערעדט צו אים ווי צו זייערס גלייכן. ווייל דאָ האָבן דאָך גערעדט בערד צו אַ נאַקעטן נפש, וואָס האָט פאַרמאָגט בלויז אַ ליידיק שעפּעלע, וואָס מ׳דאַרף ערשט אָנפילן מיט וואַסער, און אַ טרוקן בעזעמל, וואָס וועט ערשט שמייסן און „געבן אַ פּלייצע״, ווען מ׳וועט עס טונקען אין וואַסער, איינרייבן מיט זייף און פריער דורכפאַרען אין דער צעגליטער לופט.

„האָט מען שוין אַ ידיעה״ — האָט אַ רויטע באָרד געפרעגט ביים דורכגייענדיקן סענדער שלמה שרייבער — „צי די מיהאַלענער זענען בשלום אָנגעקומען אהיים און צי האָט מען זיי דאָרט נישט געטשעפּעט?״

„ווייסט מען שוין״ — האָט געפרעגט אַ געדיכטע שוואַרצע באָרד — „וואָס דער קייזער אין ווין זאָגט צום פּויערים־אויפשטאַנד?״

„מ׳זאָגט״ — האָט זיך אָנגערופן אַ גרויליכע באָרד מיט אַ קעקעטשל — „אַז דער קייזער וויל, מ׳זאָל פון סערעט דערוויילן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, כדי צו ווייזן די רייכע פּריצים און די אוניווערזיטעט־מענטשן, אַז ער קאָן מאַכן געזעצן אויך מיט אַ מענטשן פון פאָלק.״

סענדער שלמה שרייבער האָט זיך אפילו נישט צוגעהערט צו די אַלע פראַגעס. ער איז גלייך אַריין אָנשעפּן קאַלט וואַסער פון דער מקוה, און דערנאָך צוגעגאַנגען צו דער טיר פון שוויץ. נישט אַזוי לייכט האָט מען געקאָנט עפענען די טיר און זיך דורכשטופּן דורך איר מיט אַ שעפּעלע וואַסער אין איין האַנט און מיט אַ בעזעמל אין דער אַנדערער האַנט. אויף אַ שטריק איבער דער אייזערנער טיר האָט נאָכגעהאָנגען אַ שווערער שטיין, וואָס האָט געצוואונגען די טיר צו בלייבן פאַרמאַכט. געעפנט די טיר, האָט אַ זעץ געטאָן אין פּנים אַ געדיכטע, הייסע פּאַרע. סענדער שלמה שרייבער איז פאָרזיכטיק געגאַנגען דורך דעם טונקעלן נעפּל פון פּאַרע און איז ווי־עס־איז צוגעקומען צו דער ערשטער באַנק פון די ריזיקע האַלצערנע טרעפּ, וואָס האָבן אויסגעפילט דעם גרעסטן טייל פון חלל. ער האָט קיינעם נישט געקאָנט זען און, נאָך דעם אָפּשניט, וואָס ער האָט געקראָגן היינט אינדערפרי פון די מיהאַלענער אידן, האָט ער אויך נישט געוואָלט געזען ווערן פון קיינעם. אָבער יענע, וועלכע זענען שוין דאָרט געווען פון פריער און זיך צוגעוואוינט צו דער געדיכטער פּאַרע, האָבן אים תיכף דערקענט.

אויף דער אויבערשטער באַנק, קעגנאיבער דעם הייס־צעגליטן שטיינערנעם אויוון, איז געזעסן זאלעק דער עסיג־מאַכער. אַ חוץ אין באָד, האָט קיינער אין שטאָט זיך נישט אומגעקוקט אויפן עסיג־מאַכער זאַלעק. דער

גרעסטער אָרימאַן אין שטאָט, פלעגט ער אַרומטראָגן עסיג איבער די הייזער, און וויפל קונים ער זאָל נישט געווען האָבן, האָט ער אַלץ נישט געקאָנט מפרנס־זיין זיין גרויסע משפחה. ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס נגידישע קינדער עסן אַזוי ווייניק ברויט, בעת זיינע קינדער קאָנען אפילו מיט אַ גאַנץ ברויטל די מיילער נישט אָנשטאָפּן. זאַלעקס אָרט אין דער שוהל איז געווען העט־העט ביי דער טיר. דערפאַר איז ער אין מרחץ געווען ממש אַ פירשט. ער איז געווען דער איינציקער אין סערעט — אַנדערע האָבן געזאָגט: דער איינציקער אין דער בוקאָווינע און אפשר אפילו אויף דער גאַנצער וועלט — וואָס האָט געקאָנט זיך בלייבן זיצן אויף דער אויבערשטער באַנק פונקט קעגנאיבער דעם אויוון, בשעת מ'האָט דעם אויוון אויפגעגאָסן אַכט מאָל נאָכאַנאַנד מיט קאָכעדיק וואַסער. מ'דאַרף וויסן, אַז ס'איז שוין געווען א גאַר גרויסער אויפטו, אויב מ'האָט געקאָנט בלייבן זיצן אויף דער אויבערשטער באַנק קעגנאיבער דעם אויוון, ווען מ'האָט אים אויפגעגאָסן בלויז פיר מאָל. און האָט מען אים אויפגעגאָסן זעקס מאָל, האָט מען שוין געמוזט זיצן גאָר ווייט פון אויוון. וואָרים נישט איינער איז באַלד נאָכן פערטן מאָל אויפגיסן, אוועקגעפאַלן אין חלשות, און מ'האָט אים געמוזט אַרויסטראָגן, אים גוט אָנשמייסן אין הינטן און דערנאָך אים אָפּגיסן מיט אַ קאַן קאַלט וואַסער, ביז ער איז ווידער געקומען צו זיך. ס'איז איינמאָל געקומען פון טשערנאָוויץ דער בעסטער שוויצער און זיך געוואָלט פאַרוועטן מיט זאַלעקן; האָט מען אים באַלד נאָכן פערטן מאָל אויפגיסן אַרויסגעטראָגן אַ פאַרחלשטן, און זאַלעק איז געבליבן דער זיגער איבער גאַנץ בוקאָווינע. אַן אנדערש מאָל איז געקומען איינער פון ניו־יאָרק און דערציילט, אַז יעדער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער קאָן פאַרטראָגן צוועלף אויפגוסן און אַז דער פרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן קאָן אויסהאַלטן אפילו אַכצן. נו, נו — נאָכן דריטן מאָל אויפגיסן האָט מען אים שוין אַרויסגעטראָגן אַ געחלשטן. זייט דעמאָלט האָבן די סערעטער אידן געהאַלטן, אַז זאַלעק איז טאַקע דער גרעסטער שוויצער אין דער וועלט.

סענדער שלמה שרייבער פלעגט כמעט יעדן אין סערעט זאָגן „די״ און דאָס בעמלעכע פלעגט זאַלעק טאָן אין באָד. ווען זאַלעק האָט זיך געשמיסן מיטן בעזעמל און געשריען: „אוהו! ס'איז הייס״ — פלעגן אַלע שרייען: „אוהו, ס'בריט!״ אַז זאַלעק האָט גענומען דאָס שעפּעלע קאַלט וואַסער צום מויל און זיך צעשריען: „איי! קאַלט...״ — האָבן אַלע נאָכגעטאָן דאָס זעלבע און געשריען: „איי, מ'פרירט דאָ״. ווען סענדער שלמה שרייבער איז אַריינגעקומען אין שוויץ, האָט זאַלעק אַ געשריי געטאָן פון זיין אויבערשטן זיץ: „העי, מיקיטאַ, גיס־אויף צום זעקסטן מאָל, וואָרים ס'איז דאָ קאַלט, ווי אין סיביר.״ מיקיטאַ האָט תיכף געפאָלגט זאַלעקן, און די הייסע פאַרע פון גליענדיקן אויוון האָט אַ זעץ געטאָן אויפן ראש־הקהל

אז ס'האט אים אזש פארכאפט דער אטעם. זאלעקן איז נישט שווער געווען צו דערקענען, ווער ס'איז איצט אריינגעקומען, און ער האט אים באלד אויפגענומען מיט א: „וואס שטייסטו דארט אונטן? קום ארויף אהער, הער פרעזידענט." און סענדער שלמה שרייבער האט געפאלגט, ווי א קינד — א ברירה האט ער? דערויף איז דאך עס א מרחץ. „מיקיטא, לכבוד דעם ראש־הקהל — נאכאמאל אויפגיסן!" — האט זאלעק געגעבן א באפעל. און דער ראש־הקהל האט געגעבן א שטופ אריין דאס מויל און דאס גאנצע פנים אין דעם שעפעלע קאלט וואסער, כדי נישט צו ווייזן דעם „פירשט פונעם שוויץ", אז ער קאן נישט מער אפכאפן דעם אטעם.

אלע האבן איצט געקוקט אויף זאלעקן, וועלכער איז זיך געזעסן איינגעהילט אין דער געדיכטסטער, הייסטער פארע. מ'האט געוואוסט — אט־אט, און ס'קומט דאס אכטע מאל אויפגיסן. הגם ס'איז נישט געווען צום ערשטן מאל, האט מען נאך אלץ זיך געחידושט, ווי אזוי זאלעק, א מענטש פון הויט און ביין, קאן עס איבערטראגן.

אפילו אן אט דער געשפאנטקייט וואלט מען דורך דער אייזערנער טיר נישט געקאנט דא הערן די טענות, וואס זענען איצט פארגעקומען דארט, וואו מ'טוט זיך אויס. דער בעדער הערמאן האט געהאלטן אין איין שפארן זיך מיט דריי מענטשן, אז ער קאן נישט אפטרעטן פון די אנגענומענע פי־דעכצן פון א מרחץ. „אבער ווילט פארשטיין, הערמאן — האט משה מאשיניסט געטענהט — „מיר קומען נישט אהער שוויצן, נאר מיר קומען, ווי א דעלעגאציע."

הערמאנען איז פרעמד געווען דאס ווארט „דעלעגאציע" — ער האט עס פארביטן מיט אן „אינספעקציע", ווייל פון צייט צו צייט פלעגט די בעצירקס־הויפטמאנשאפט אריבערשיקן א קאמיסיע צו זען, צי דאס באד קומט נאך די פארשריפטן פון היגיענע: „פונקט היינט, ווען דאס באד איז איבערגעפאקט מיט מענטשן, קלייבט זיך אויס דער בעצירקס־הויפטמאן אנצושיקן אויף מיר אן אינספעקציע! און דו, משה, מוזט אומעטום זיין איינמיטן. נאי וואלסטו בעסער זיך געזארגט פאר דיין נאפט, וואס שטינקט אפילו נישט, ווייל ער עקזיסטירט נישט."

„פייערט נישט אזוי, הערמאן. מיר זענען נישט געקומען מאכן קיין אינספעקציע. מיר זענען א דעלעגאציע און ווילן זען ר' סענדער שלמה שרייבער — האט אים משה מאשיניסט בארויקט.

הערמאנען איז לייכטער געווארן אויף דער נשמה: „כ'האב שוין גענוג געהאט אינספעקציעס, און א דעלעגאציע איז נאך ביי מיר, גאט צו דאנקען, קיינמאל נישט געווען און וועט אויך ווייטער נישט זיין, כל־זמן איך בין בעדער דא. ווער מ'וויל א שוויץ, באצאלט פארן אריינגיין, טוט

זיך אויס, נעמט אַ שעפּעלע מיט אַ בעזעמל און גייט אַריין אין באָד. דאָרט מעגסטו שוויצן אַפילו ווי אַ דעלעגאַציע, וויפל דיין האַרץ גלוסט."

„אָבער הערמאַן, איר ווייסט נישט ווער ס'איז די דעלעגאַציע. דער הער דאָ איז דער אַמעריקאַנער, און דער אַנדערער הער איז דער גוטבאַזיצער פישער. מיר ווילן אייך באַצאָלן דאָפּלט פאַרן אַריינגיין, אָבער צו וואָס זיך אויסטאָן? האָט איר שוין אַמאָל געזען אַ נאַקעטע דעלעגאַציע מיט אַ שעפּעלע און אַ בעזעמל אין די הענט?"

„אַז כ'האָב בכלל נאָך קיין דעלעגאַציע אין מיין לעבן נישט געזען, נישט קיין נאַקעטע און נישט קיין אָנגעטוענע. אויב איר ווילט אַריינגיין, דאַרפט איר באַצאָלן און זיך אויסטאָן. דאָס אַלץ. מער האָב איך קיין צייט נישט."

קורט קראַוטער, משה מאַשיניסט און דער גוטבאַזיצער פישער האָבן נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה: זיי האָבן געמוזט באַצאָלן, זיך אויסטאָן, נעמען שעפּעלעך מיט בעזעמלעך, און דערנאָך ערשט זענען זיי אַריין אין באָד. די בערד, וואָס זענען געלעגן אויף די בעטלעך, האָבן מיט גרויס נייגער זיך צוגעהערט צו די טענות צווישן משה מאַשיניסט און הערמאַנען און האָבן דערנאָך געשעפּטשעט צווישן זיך: „זיי זענען נישט קיין פּשוטע מענטשן; דאָס זענען דעלעגאַציע־שוויצערס."

די דריי מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע האָבן זיך באמת אויך נאָכן נאַקעטערהייט אַנצוהאַלטן זייער ווערדע. זיי זענען אַריינגעקומען פּונקט, ווען מ'האָט אויפגעגאָסן צום אַכטן מאָל. די היץ האָט זיי באַלד פאַרטשמעליעט, אָבער זיי האָבן מיט די לעצטע כוחות זיך געהאַלטן — אַ קלייניקייט, אַזאַ מיסיע דורכצופירן!

„ר' סענדער שלמה שרייבער!" — האָט משה מאַשיניסט געשריען אין דער געדיכטער פאַרע אַריין — „צו אייך זענען מיר געקומען. אויף אייך זענען איצט אָנגעשטעלט די אויגן פון אַלע פאַרצווייפלטע. איר דאַרפט איצט ווערן פאַר דער שטאָט סערעט דאָס, וואָס דער נביא אליהו איז געווען פאַרן פאָלק ישראל — זיין רייט־וואָגן און זיין רייט־פערד."

אָבער ר' סענדער שלמה שרייבער, וועמען מען האָט איצט גערופן צו ווערן דער רייט־וואָגן און רייט פערד פון ישראל, האָט עס שוין מער נישט געהערט. נאָכן אַכטן מאָל אויפגיסן (וואָס איז פאַר אים אייגנטלעך געווען דאָס דריטע מאָל) האָט עס אים פאַרכאַפּט דעם אָטעם, און ער האָט אָפּגעחלשט.

„טראָגט אים אַרויס!" — האָט קאָמאַנדעוועט זאַלעק.

מיקיטאַ מיט נאָך אַ אידן האָבן אים אַרויסגעטראָגן אין אַ צווייטן חדר. דאָ האָט מיקיטאַ דערלאַנגט דעם ראש־הקהל דריי אייזערנע פּעטש אין הינטן און דער איד האָט אים אַרויפגעגאָסן אויפן קאָפּ אַ גאַנץ שעפּעלע

קאַלט וואַסער. דער געהלשטער האָט געעפנט די אויגן און האָט אין אָנ־הויב נישט געוואוסט וואָס ס'טוט זיך מיט אים און וואו ער געפינט זיך.
די דעלעגאַציע, וועלכע איז נאָכגעגאַנגען דעם געהלשטן, האָט געוואַרט. אַ גרויסער טייל פון עולם, וואָס האָט נאָכן אַכטן מאָל אויפגיסן נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן אין שוויץ, איז איצט געשטאַנען אַרום דעם פאַר־חלשטן. הערמאַן דער בעדער האָט געבראַכט אַ ליילעך, איינגעוויקלט דעם ראש־הקהל און אים אָוועקגעלייגט אויף אַ באַזונדער בעטל, וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ ווינקל. די דריי נאַקעטע דעלעגאַטן האָבן זיך צוגעשטופּט נעענטער. משה מאַשיניסט האָט ווידער אָנגענומען אַ ווערדיקע האַלטונג און געזאָגט: „הער פּרעזידענט, ווי איר זעט אונז דאָ, שטייען מיר פאַר אייך, ווי די דעלעגאַטן פון די פרידלעכע בירגער פון אונזער אור־אַלטער שטאָט כּערעט און פון אונזער אַלטן קייזער, זיין מאַיעסטעט פראַנץ יאָזעף דער ערשטער, — ווי די דעלעגאַטן פון דער צעשראָקענער באַפעלקערונג פון סערעט און אומגעבונג.”

נאָך דעם דורכפאַל היינט אינדערפרי און נאָכן אָוועקפאַלן אין חלשות, האָט סענדער שלמה שרייבער אוודאי זיך געפילט געשמייכלט, וואָס מ'דאַרף ווידער אָנקומען צו אים. אָבער ס'האָט נישט געפּאַסט דאָס אַרויסצואווייזן און ער האָט זיך געמאַכט ווי דער גאַנצער ענין גייט אים נישט אָן: „וואָס־זשע, אפילו אין באָד לאָזט מען מיך נישט צו־רו? אַ גלאָז סאָדע־וואַסער! איך וויל דאָ נישט הערן פון קיין פּאָליטיק.”

משה מאַשיניסט איז נישט געווען פון די, וואָס לאָזן זיך לייכט אָפּ־זאָגן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען, אַז סענדער שלמה שרייבער וויל גלאָט מ'זאָל אים אַביסל בעטן, האָט ער צו אים געזאָגט: „ווייזט נישט צוריק, הער פּרעזידענט, די אויסגעשטרעקטע נאַקעטע האַנט פון ליידנדיקע מענ־טשן.

„מען זאָגט, אַז די רעבעלן האָבן איינגענומען דאַראַהאָי” — האָט מעלאַנכאָליש באַמערקט פישער.

סענדער שלמה שרייבערס באָרד האָט זיך נערוועז אַ רוק געטאָן אי־בערן ליילעך: „און וואָס זאָגט דער אויבער־רעגירונגס־ראַט דר' וואַזערל?”

דער אויבער־רעגירונגס־ראַט איז צעביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם גאַנער.”

„פון אַ משוגענעם גאַנער? דאָס הער איך צום ערשטן מאָל. ווי איז דאָס מעגלעך?”

„אוודאי, איך בין אַן עדות” — האָט זיך אַריינגעמישט דער בלע־כער באַבריקער — „די רעגירונג איז צעביסן און משוגע. ווען מ'זאָל אָבער מיך געווען פאָלגן! נאָר מ'לאָזט דען אויסרעדן אַן אָרימאַן?”

„קיינער פרעגט דיך נישט און רעד נישט!‟ — האָט אים אויסגעשגצט סענדער שלמה שרייבער — „געהערט אַביסל? אַ משוגענע רעגירונג! נישטאָ אַזאַ זאַך.‟

ער איז אַראָפּ פון בעטל, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס ליילעך, געהייסן מרדכי שמש זיך דערלאַנגען די בגדים און גענומען אָנטאָן זיך.

„איך ווייס עס פון אַ זיכערן קוואַל‟ — האָט געזאָגט קורט קראַוטער, בשעת דער ראש־הקהל האָט זיך אָנגעטאָן — „אַז פינסטערע עלעמענטן גרייטן אויף היינט ביינאַכט אַ פּאָגראָם אין סערעט. איך האָב שוין וועגן דעם גערעדט מיטן הער בירגערמייסטער און ער איז אויך מיט דער זעל־בער מיינונג, וואָס מיר, אַז מען מוז באַלד גרינדן אַ בירגערלעכן זעלבסט־שוץ — נאַטירלעך, אויב איר גיט די צושטימונג.‟

ביי די ווערטער זענען אַלע בערד אַראָפּ פון די בעטלעך. די ליילעכער האָבן זיך אַראָפּגעגליטשט פון זייערע גופים, און אויפן שטיינערנעם דיל זענען געבליבן שטיין נאַקעטע, באָרוועסע, צעשראָקענע מענטשן. די מיינס־טע פון זיי האָבן אינסטינקטיוו נישט געקאָנט ליידן קורט קראַוטערן. עמע־צער האָט אַ פרעג געטאָן: „פאַרוואָס זאָל מען מאַכן אַ פּאָגראָם אויף אונז?‟ און ווי אַן ענטפער אויף דעם, האָט זיך אָנגערופן אַן אַנדערער: „ווייסט נישט, ווי אַזוי ס׳גייט אַ פּאַרע פון אַ צעגליטן אויוון? ווייל מ׳גיסט זידנדיק וואַסער אויף די הייסע שטיינער.‟

סענדער שלמה שרייבער האָט אַ זאָג געטאָן: „מ׳וועט גרינדן אַ ביר־גערלעכן זעלבסט־שוץ.‟

50

פון ווייטן האָט מען געקאָנט מיינען, אַז ס׳גייט אַ פּראָצעסיע פון קלויס־טער — אַ פרידלעכע פּראָצעסיע, מיטן בילד פונעם געקרייציקטן פאָראויס, ווי יעדן יאָר אין אָט דעם פרייטיק נאָכמיטאָג — זיי גייען גאָט בעטן פאַרן בלויען הימל און פאַר דער שוואַרצער, אויפגעאַקערטער ערד, מיט גע־בענטשטן ברויט אין איר שויס; בעטן גאָט אויף רעגן, בעת דעם וואַקסן, און אויף לויטערע טעג, בעת דעם שניט. ווייל ווי ביי אַן אמתער פּראָצע־סיע איז פאָראויס געגאַנגען מיט אַ פאָן אין האַנט, איינער פון די צוויי סאָל־דאַטן, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן נאָכן זיג איבער די זשאַנדאַרן. אַזוי האָט מען זיך געפירט ביי קלויסטער־פּראָצעסיעס, און אַזוי האָט מען אויך, נישט טראַכטנדיק אפילו וועגן דעם, זיך אויסגעשטעלט ביים איצטיקן מאַרש. אַביסל ווייטער הינטער דער פאָן זענען אין איין ריי געגאַנגען דער

לערער פון צינדעסטי, דער גלח, אננא, וואַסילי, זלמן פליקער און דער צווייטער סאָלדאַט.

אַננאַ און וואַסילי האָבן ביז איצט נאָך נישט געהאַט קיין וואָרט אַרויסגערעדט. זי האָט נאָר פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ פאַרגנבעטן בליק אויף אים. ס'האָט איר באַנג געטאָן, פאַרוואָס זי האָט אים חושד געווען אין עפּעס און דערפאַר זיך דערווייטערט פון אים, אָבער אין אמתן האָט זי נאָך איצט אויך געהאַט אַ שטיקל חשד. האָט דאָך דעם הויפּטמאַנס פרוי, ווען זי איז אַרונטערגעקומען אין קעלער זיי באַפרייען, צו איר געזאָגט: „איך טו דאָס צוליב וואַסילין, ווייל איך געהער צו אים"...

און דאָך איז אַננאַ געווען גליקלעך וואָס זי גייט איצט נעבן וואַסילין. אַלץ, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע אַכט־און־פערציק שעה, איז איר פאָרגעקומען, ווי עפּעס אַ חלום, פון וועלכן זי האָט זיך נאָר־וואָס אויפגעכאַפּט. זי איז געווען גליקלעך, וואָס דאָס אַלץ איז טאַקע פאַרשוואונדן, ווי די שרעק נאָך אַ בייזן חלום, און דאָך איז איר נאָך עפּעס שווער געווען אויפן האַרץ: האָט זי דאָס טאַקע דערשטאָכן יענע חיה, וואָס האָט זיך געוואָרפן אויף איר, דאָס קלייד איר אַראָפּגעריסן און איבער איר געטשטירעט מיט אַן אָפענעם פּיסק? עס ווערט איר נאָך איצט קאַלט ביי אָט דעם געדאַנק; איר דאַכט זיך נאָך אַלץ, אַז זי הערט דאָס כאָרכלען אין זיין גסיסה. זי האָט שוין נישט געגלויבט, אַז זי וועט נאָך אַמאָל זען וואַסילין; און ערשט ווען ער איז געקומען, האָט זי זיך אַזוי קאַלט אָפּגעווענדט פון אים. און אפשר איז עס גאָרנישט געווען קיין אייפערזוכט. אפשר איז עס בלויז געווען דער אויסדרוק פון אַ גליקזעליקן, אָבער צוריקגעהאַלטענעם געפיל, אין וועלכן זי האָט מער נישט געגלויבט.

„האַלט! געווער גרייט!" — איז געקומען אַ באַפעל פון וואַסילין.

ערשט איצט האָט אננא, ווי זיך אויפגעכאַפּט פון אירע געדאנקען. די אָפּטיילונג איז שטיין געבליבן, מיטן געווער גרייט צום שיסן. זיי זענען ווי־דער געווען אין אַ וואַלד. וואַסילי האָט באַפוילן זיך אָפּצושטעלן, ווייל אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זעט מענטשן צווישן די בוימער. ער האָט זיי אויפגעפאָדערט, זיי זאָלן ארויסקומען פון די באהעלטענישן. איינציקווייז און אין גרופּעס האָבן געגומען זיך דערנענטערן באַוואָפנטע פּויערים, וועלכע האָבן מיט פרייד באַגריסט זלמן פליקערן און די אַנדערע, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ערשטער ריי. דאָס זענען געווען די פּויערים, וועלכע האָבן געהאַלטן באַזעצט דעם שלאָס, איידער דער הויפּטמאַן באַנילא איז אַהין אַריין מיט זיינע זשאַנדאַרן. וואַסילי האָט איצט געהייסן זיינע מענטשן אַביסל אויסרוען. נאָכדעם ווי מען האָט די צוגעקומענע אויסגעהונגערטע פּויערים געגעבן אָפּצועסן און זיי איינגעטיילט אין דער אייגע־

נער אָפּטיילונג, האָט מען ווידער אָנגעהויבן דעם מאַרש אין דער ריכ־טונג אויף דראָהאָי.

וואַסילי האָט אַליין נישט געוואוסט, פאַרוואָס זיי גייען אויף דראָ־האָי. אָבער שוין דער נאָמען פון אָט דעם שטעטל האָט אים געשטאַרקט, ווי מיט אַ מאַגישער קראַפט און אָנגעפילט זיין האַרץ מיט האָפענונגען. נאָך אייערנעכטן, בשעת מען האָט אויף זיי געוואָרפן ברענענדיקע שטור־קאַצן, ווען זיי האָבן זיך ערשט געגרייט צום קאַמף — און דאָס איז דאָך געווען כמעט דער אָנהויב פון אויפשטאַנד בכלל — האָט וואַסילי געזען אין דראָהאָי די איינציקע רעטונג. ער האָט זיך אַליין איינגערעדט, אַז אויף יענער זייט דראָהאָי געפינען זיך גרויסע מאַסן צעבונטעוועטע פויע־רים. מען דאַרף דעריבער וואָס גיכער זיך דורכשלאָגן ביז דראָהאָי.

איינס איז פאַר אים קלאָר געווען: די פויערים, וועלכע זענען נאָך מיט אַ נאַכט פריער אַרויסגעגאַנגען פון ווערפולי אָן אַ באַשטימטן ציל, האָבן איצט, נאָך דעם ערשטן זיג זיך דערפילט, ווי אַן איינהייטלעכע קאַמף־גרופע. ערשט מיט פיר־און צוואַנציק שעה צוריק, ווען דער גוט־באַזיצער און די גרענעץ־וואַכן האָבן פלוצים פאַרלאָזן דאָס דאָרף, איז עס די פויע־רים פאָרגעקומען ווי אומגלויבלעך. מ׳האָט גענומען צוביסלעך שפּיז פונעם פּריצישן הויף, אָבער מ׳האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז בלויז אויף דערווייל, ווייל מ׳האָט עס עפּעס צו לייכט באַקומען, אָן אַ קאַמף. מעגלעך דערפאַר זענען זיי אויך אַזוי צוגעשטאַנען, מען זאָל זיי תיכף אַרויסגעבן די פּע־סער בראָנפן פון דער גאָראַלניע, מורא האָבנדיק, אַז נאָכאַמאָל וועלן זיי שוין נישט האָבן אַזאַ געלעגנהייט. דאָס אויסגיסן דעם בראָנפן, אָן אַ קאַמף, נישט־געצוואונגענערהייט, האָט אין זיי דערוועקט אַ געפיל, אַז דאָס טוט מען טאַקע לטובת זיי. ווייל אַזוי ברייטהאַרציק קאָן מען זיך אָפּ־זאָגן בלויז פון עפּעס, וואָס איז אייגנס. זיי האָבן דערפילט צום ערשטן מאָל, אַז זיי פאַרטיידיקן עפּעס, ביי וועלכן זיי האָבן אָפּגעאַרבעט זייער גאַנץ לע־בן פאַר אַנדערע, כאָטש דאָס איז דאָך אייגנטלעך געווען זייערס. ווייל טיף אין זיך האָט שטענדיק דער פויער דאָס געפיל, אַז די ערד, אויף וועלכער ער אַרבעט, געהערט אים.

אַזוי האָבן די ווערפולער פויערים, אָנגעפירט פון וואַסילין, זיך גע־שטעלט אונטער דער פאָן, צו פאַרטיידיקן זייער אַלט, ווידער־דערוואָרבן האָב־און־גוטס אין ווערפולי, צו קעמפן קעגן אַ שונא, וואָס געפינט זיך איצט — זיי ווייסן אַליין נישט וואו. זיי האָבן בלויז געוואוסט, אַז ערגעץ ביי דראָהאָי קעמפן נאָך פויערים, מיט וועלכע מען מוז זיך פאַראייניקן, איידער מען קאָן זיך רואיק ווידער נעמען צום אַקער. איז מען געגאַנגען אָן קשיות, נישט פרעגנדיק אויף קיין שוועריקייטן, וואָס קאָן זיי באַגעגענען אין וועג. מעגלעך, אַז ווען זיי ווייסן וועגן די שוועריקייטן, וואָלטן זיי אפשר

באַרנישט אונטערגענומען אַזאַ שריט. ערשט ווען זיי האָבן דערזען די אויפגעהאַנגענע פויערים, האָבן זיי דערפילט, אַז דער שונא געפינט זיך דאָ נישט ווייט. דער זיג איבער די זשאַנדאַרן האָט געשטאַרקט זייער באַוואוסטזיין און געוועקט האָפענונגען. אַ סך פון זיי האָבן איצט געטראָגן מיט זיך די שפּייז־זעקלעך און פעלד־פלעשער פון די געהרגעטע זשאַנדאַרן און יעדער געהאַט עסנוואַרג, געַנוג אויף מינדסטנס צוויי טעג. אַ גרויסער טייל האָט איצט געהאַט אויך גוטע ביקסן. און דער עיקר — אַלע זענען איצט געגאַנגען מיטן געפיל פון זיג איבער אַ שטאַרקן און מעכטיקן שונא, און אַזוי האָבן זיי מיט זיכערקייט זיך דערנענטערט צו דאָראָהאָי.

51

וואַסילי האָט געלייגט אַ סך האָפענונג אויף דער דעמאָראַליזאַציע פון דער רומענישער אַרמיי און אויף דער גלייכגילטיקייט פון אירע אָפיצירן. אָבער די עקשנות, מיט וועלכער די זשאַנדאַרן האָבן היינט אינדערפרי געקעמפט, און דאָס וויגערן זיך פון הויפטמאַן לופּעסקו, איבערצוגיין אויף דער זייט פון די קעמפנדיקע פויערים, האָט אים געגעבן אַ גאַנץ אַנדערע דערפאַרונג. און וועגן דעם האָט ער געטראַכט די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבן מאַרשירט. ווייזט אויס, אַז דער ווילן פון יענע, אַנצוהאַלטן דאָס אַלטע, איז פּונקט אַזוי שטאַרק, ווי דער ווילן פון די, וואָס ווילן דאָס אַלטע איבערבייטן אויף אַ נייער אָרדענונג. וואָס וועט געשען — האָט ער געטראַכט — ווען די אַלע אַנדערע אָפיצירן, זשאַנדאַרן און סאָלדאַטן וועלן אויך זיך אַנגעמען די גוט־באַזיצערס קריוודע, ווי דאָס וואָלט געווען זייערע, און וועלן אויך קעמפן פּונקט אַזוי האַרטנעקיק, ווי די זשאַנדאַרן היינט אינדערפרי? זיי זענען אפילו ווייניקער אין צאָל, ווי מיר, אָבער זיי זייַנען גוט אָרגאַניזירט. מעגלעך, אַז אויך מיר וואָלטן געקאָנט זיך גוט אָרגאַניזירן — מיר וואָלטן עס געווען זיכער געטאָן, ווען מען זאָל אונז באַר געווען לאָזן געַנוג צייט אויף דעם... מערקווירדיק — האָט ער געטראַכט — וואָס מיך באַפאַלן אַזעלכע ספקות גראָד איצט, ווען אַזוי פיל פויערים מאַרשירן מיט מיר אַזוי אַנטשלאָסן, קאַמף־ווייליק און זיג־באַוואוסטזיניק.

„דאָראָהאָי! דאָראָהאָי! דאָראָהאָי!" — האָט מען געשריען פון אַלע זייטן. וואַסילי האָט זיך אַרומגעקוקט. מען האָט זיך געפונען אויף אַן אָפן פעלד און מען האָט שוין געקאָנט זען די ערשטע הייזער פון דאָראָהאָי. די

זון איז פֿאַרשוואונדן הינטער די בערגלעך. די פֿולע לבֿנה, ווי עפּעס נאָך צעגערנדיק און בלאַס, האָט אָנגעהויבן איר נאַכטיקן גאַנג איבערן הימל. וואַסילי האָט באַפֿוילן מען זאָל בלייבן שטיין. ער האָט צוגערופֿן עטלעכע פּויערים, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט היינט אינדערפֿרי אין קאַמף מיט די זשאַנדאַרן, און צוזאַמען מיט די, וועלכע זענען געגאַנגען אין דער ערשטער ריי, האָבן זיי געהאַלטן אַן עצה. די פּויערים האָבן געוואָלט, מען זאָל גלייך אַריינמאַרשירן קיין דאָראָהאָי. אָבער וואַסילי האָט מורא געהאַט, צי איז אין דאָראָהאָי נישט צוגעגרייט אַ פֿאַסטקע פֿאַר זיי. מען זעט נישט, פֿינען זיך אַזוי נאָענט פֿון דער שטאָט. און עס קאָן דאָך נישט געמאָלן זיין, זאָגט ער, אין ערגעץ קיין זשאַנדאַרן אָדער סאָלדאַטן, כאָטש מיר געאַז זיי זאָלן האָבן אויפֿגעגעבן דאָראָהאָי אָן אַ קאַמף.

האָט מען באַשלאָסן ארויסצושיקן אין שטאָט אַריין צוויי פּאַטרולן: איינע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון זלמן פֿליקער, צום נענטערן אַריינגאַנג פֿון דער מערבֿ־זייט; און אַ צווייטע, אָנגעפֿירט דורכן לערער פֿון צינדעסטי, זאָל אַריבערגיין דעם באַן־אָנשאָט און זען אַריינצוקומען אין שטאָט פֿון דער מזרח־זייט. דערווייל וועט וואַסילי מיט די פּויערים גראָבן פּראָוויזאָרישע אָקאָפּעס און אַזוי אַרומרינגלען האַלב פֿון דער שטאָט.

דאָראָהאָי, דעמאָלט איינע פֿון די אָרום פֿערציק רומענישע שטעט, איז געווען פֿאַרהעלטניסמעסיק קליין: נישט גרעסער ווי סערעט, מיט קנאַפּע צען טויזנט איינוואוינער, אָבער אַ סך אָרימער. די מייניסטע — אידישע באַלמעלאָכעס און הענדלער. געווען דאָרט אַ פּרעפֿעקטור, אַ לאַנד־געריכט, אַ קליינער מיליטער־גאַרניזאָן, אַ זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדע און א פֿאָלק־שול. אַ באַן האָט דורכגעשניטן די שטאָט. פֿון די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָט די באַפֿעלקערונג טיילווייז געצויגן איר חיונה. אַהער האָט מען אין האַרבסט געבראַכט די תּבֿואה פֿון די פּריצישע גיטער און פֿון דאַנען זי ווייטער געפֿירט. פֿון דאָראָהאָי האָבן אויך באַלעגאָלעס צעפֿירט איבער דער גאַנצער געגנט אַנדערע סחורות און פֿאַרשוינען, וואָס פֿלעגן אָנקומען מיט דער באַן. אַהער פֿלעגט דער גאַנצער בעצירק קומען זיך לאָדן אין קרייז־געריכט און אויף דעם אופֿן אויפֿגעלעבט דעם מאַרקעט און האַנדל. זלמן פֿליקער פֿלעגט אָפֿט, בעת זיין וואַנדערן, זיך אַריבערכאַפּן קיין דאָראָהאָי און דעריבער האָט ער זייער גוט געקענט די שטאָט.

דאָס מאָל אָבער איז זלמן פֿליקער אַריין קיין דאָראָהאָי נישט מיט שטיקלעך פּוטער, נאָדל און פֿאָדים, נאָר מיט אַ ביקס אין האַנט, און מיט אים נאָך דריי באַוואָפֿנטע פּויערים. ס׳איז געווען אַן אויסגעשטערנטער אָוונט און די פֿולע לבֿנה האָט זיי באַגלייט אויף שריט און טריט. זלמן האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט איז דער ערשטער סדר — די נאַכט פֿון באַפֿרייאונג פֿון דער קנעכטשאַפֿט, ווען אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים:

„ויוצאנו ד׳ ממצרים לא על ידי מלאך, ולא על ידי שרף, ולא על ידי שליח, אלא הקדוש ברוך הוא בכבודו ובעצמו״ — ווערכער איד איז נישט היינט צום סדר איינדערהיים מיט זיין משפחה? און איך — האָט זלמן געטראַכט — האָב איבערגעלאָזן ווייב און קינד, ווי אַן אלמנה מיט יתומים. אָבער — האָבן דען די פויערים אַנדערש געטאָן? אויך מיר דאָ ווילן ארויסציען דאָס פאָלק פון קנעכטשאַפט, פון יאָך אונטער די באָיאַרן — און זענען דען נישט אויך די פויערים גאַנץ פאָלק?

„ביי אונז, אידן, איז היינט אָוונט פסח — פּאַסכאַ״ — האָט ער גע־זאָגט צו זיינע באַגלייטער.

„איז עס ווי ביי אונז קריסטוסעס אויפשטיין פון קבר?״

„ניין, די צייט פון אויפשטיין תכית־המתים איז ביי אונז נאָך נישט געקומען. דאָס איז דער יום־טוב פון אויסלייזן אונז פון מצרים.״

„זענען דאָרט אויך געווען באָיאַרן?״ — האָט געפרעגט איינער פון די פויערים.

„און נאָך וואָס פאַראַ באָיאַרן! רשעים. די אידן האָבן געמוזט פאַר זיי בויען פעסטונגען. און אויב ס׳האָט אויסגעפעלט א ציגל, פלעגן די זשאַנ־דאַרן פונעם דאָרטיקן באָיאַר פרעה אַריינמויערן אין דער וואַנט אַ לעבע־דיק אידיש קינד.״

„זענען די אידן גלייך פון מצרים געקומען קיין רומעניע?״

זלמן האָט זיך פאַרטראַכט און זיי גענומען דערציילן, ווי משה האָט געשפּאָלטן דעם ים און ווי די אידן האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר: „און עס דערציילט זיך אין די הייליקע שריפטן: ׳ער האָט באַפוילן די וואָלקנס אין דער הויך, און די טויערן פון די הימלען האָבן זיך געעפנט. האָט גענומען רעגענען מיט מן צום עסן און ס׳האָט געחימלט מיט הימלישע פיש. האָבן זיי געהאָט גענוג ברויט זיך צו שטאַרקן און מער שפּייז, ווי מ׳האָט באַדאַרפט. ער האָט געלאָזט ווייען א מזרח־ווינט איבערן הימל און מיט שטאַרקן אָרעם האָט ער צעפירט דעם שטורעם — האָט פלייש איבער זיי ווי שטויב זיך געשאָטן און אַזוי פיל געפליגל, ווי זאַמד ביים ים׳.״ און ווייטער האָט ער זיי דערציילט, ווי משה איז געשטאָרבן און ווי די אידן זע־נען געקומען אין געבענטשטן לאַנד. און זיינע דריי באַגלייטער האָבן זיך איינגעהערט אין יעדן וואָרט: „און נבוכדנאצר און טיטוס הרשע האָבן פאַר־טריבן די אידן פון זייער לאַנד, און איצט לעבן מיר איבער דער גאַנצער וועלט, צעזייט און צעשפּרייט צווישן די פעלקער. איז דער היינטיקער יום־טוב אַ דערמאָנונג אָן דער באַפרייאונג פון מצרים און גיט אויך האָפענונג, אַז די דערלייזונג וועט קומען. ׳ליל־שמורים — די נאַכט פון אָפּהיטונג׳ ווערט ביי אונז גערופן די היינטיקע נאַכט, ווייל היינט וואַכט גאָט איבער זיין פאָלק ישראל.״

„זאָל ער אויך וואַכן איבער אונז״ — האָבן די פויערים פרום געזאָגט.

אַזוי זענען זיי אַריינגעקומען אין דער גאַס, וואָס האָט געפירט צום מאַרק פון דאַראָהאָי. צו ביידע זייטן פון גאַס זענען געשטאַנען נידעריקע הייזלעך — די פענסטער פאַרהאַנגען, די טירן פאַרקלאַפּט, פינסטער. זלמן האָט געקענט כמעט יעדן מענטש פון אָט די הייזלעך: אָרימע אידן, באַלמעלאָכעס — ווי ער. וואוהין זענען זיי פאַרשוואונדן, פונקט היינט, צום סדר, ווען יעדער איד זאָגט: „כל דכפין ייתי ויכול, כל דצריך ייתי ויפסח״? ס'איז געווען אַרום אַזוי שטיל, אַז כאָטש זלמן און זיין פּאַטרול האָבן זיך באַמיט וואָס שטילער צו גיין, האָבן זייערע טריט אָפּגעקלונגען אין גאַס. ערגעץ־וואו האָט מען נאָך געקאָנט באַמערקן, ווי אַ שאָטן וואָלט זיך פאַרבייגעגנבעט ביי אַ וואַנט; אָבער ווי נאָר זיי האָבן זיך דערנענטערט, איז דער שאָטן גלייך פאַרשוואונדן. די דריי פויערים האָבן גענומען פילן אומהיימלעך: „מיר זענען אַריין אין אַ טויטער שטאָט״ — האָט איינער געזאָגט. „ווי אין אַ קעניגרייך פון גייסטער״ — האָט געזאָגט אַ צווייטער. אפילו זלמן האָט אָנגעהויבן זיך פילן נישט באַקוועם.

ביים עק פון אַ זייטיקער גאָס האָבן זיי פלוצים באַגעגנט צוויי זשאַנדאַרן. די באַגעגעניש איז פאַר ביידע צדדים געווען אַן איבערראַשונג, און אויף אַ מאָמענט זענען זיי אַלע געבליבן שטיין און געקוקט איינער אויפן אַנדערן. די זשאַנדאַרן האָבן באַלד איינגעזען, אַז זיי זענען אין דער מינדערהייט און האָבן געפּרואווט צוריק זיך באַהאַלטן אין הויז, פון וועלכן זיי זענען ווייזט אויס, ערשט נאָר־וואָס אַרויס. אָבער די טיר איז שוין געווען פאַרריגלט. און בשעת די זשאַנדאַרן האָבן זיך געמיט אויפצורייסן די טיר, זענען דערוייל זלמן מיט די פויערים צוגעשפרונגען צו זיי. איינער פון די זשאַנדאַרן האָט פאַרלוירן אַ קוישל, פון וועלכן פאַרשידענע זאַכן האָבן זיך גענומען קייקלען איבער דער ערד. די פּאַטרול האָט זיי שנעל אנטוואָפנט, און זלמן האָט שטיל געזאָגט: „אויב איר גיט אַ פּיפּס, ווערט איר גלייך דערשאָסן.״

די פויערים האָבן גענומען צוזאַמענקלויבן די צעוואָרפענע זאַכן: רינגלעך און זילבערנע בעכערס מיט העברעאישע אויפשריפטן, אויעריינגלעך, גאָפּל־מעסער און לעפל. זלמן האָט אריינגעפירט די צוויי זשאַנדאַרן אין אַ הויף און זיי גענומען אויף אַ פאַרהער: „איר, פּאָסטן־פירער, וועט ענטפערן אויף מיינע פראַגן, וואָס זענען דאָס פאַראַ זאַכן? וואו האָט איר זיי געגנבעט?״

„מיר האָבן גאָרנישט געגנבעט. די מענטשן האָבן עס אונדז אַליין געגעבן, פאַר מורא.״

„וועלכע מענטשן?״

„אידן."

„און איר, זשאַנדאַרן, האָט באַרויבט אידן?"

„מיר האָבן נישט גערויבט. דאָס האָט אונז דער הער זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט קאַלינעסקו געהייסן צונעמען, ווי אַ טייל פון דער קאָנטריבוציע, וואָס די היגע אידן האָבן צוגעזאָגט פרייוויליק צו געבן."

„וואָס פאַראַ קאָנטריבוציע איז דאָס?"

„ווען דאָס צעבונטעוועטע געזינדל..."

„ווער איז אַ געזינדל?"

„אַזוי רופט דער הער מאַיאָר קאַלינעסקו די רעבעלן — איך מיין, די פּויערים. מיט אייער דערלויבעניש, וועל איך אַלץ דערציילן: נעכטן פאַרטאָג האָבן מיר געפירט אַ קאַמף מיט פּויערים נישט ווייט פון דאַנעץ, עטלעכע שעה גאַנג. מיר האָבן זיי באַזיגט און פאַרנומען דעם שלאָס. אַ טייל פון זיי זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין. פאַרנאַכט האָט אונז דער הער זשאַנדאַרמעריע־הויפּטמאַן אַהער געשיקט מיר זאָלן זאָגן דעם הער קאָמאַנדאַנט קאַלינעסקו, אַז מיר האָבן געוואונען אַ גרויסע שלאַכט און אַז דער הער הויפּטמאַן קאָן אויפהאַלטן דאָס גאַנצע געזינדל — דאָס הייסט די הערן פּויערים — ביז ס'וועט אָנקומען די אַרמיי פון גענעראַל אווערעסקו. דער הער הויפּטמאַן האָט אויך געבעטן, דער הער מאַיאָר קאַלינעסקו זאָל אים שיקן געדויכערט פלייש, צוויבאַק, שנאַפּס און וויין. מיר זענען אַהער אָנגעקומען שפּעט ביינאַכט. היינט אינדערפרי האָט דער הער מאַיאָר גערופן צו זיך די פאַרשטייער פון די היגע אידן און זיי געזאָגט, אַז אויב זיי ווילן, מען זאָל זיי באַשיצן, מוזן זיי ביז זעקס אַזייגער אין אָוונט אים ברענגען 250 טויזנט לעי. די אידן האָבן געזאָגט, אַז די רייכסטע פון זיי זענען נאָך אייערנעכטן אַנטלאָפן און אַז אַלע איבערגעבליבענע אידן אין דאָראָהאָי פאַרמאָגן נישט צוזאַמען אפילו נישט קיין פערטל פון אַזאַ סומע. זעקס אַזייגער אין אָוונט, ווען דער הער מאַיאָר האָט געזען, אַז מ'האָט נאָך אפילו קיין 80 טויזנט לעי נישט געבראַכט, האָט ער אונז געהייסן אַרעסטירן זעקס טוץ אידן און זיי דערקלערט, אַז אויב זיי וועלן ביז צען אַזייגער ביינאַכט נישט צושטעלן דעם רעשט, אין געלט אָדער אין ווערט־זאַכן, וועט מען זיי דערשיסן. איצט זאַמלען מיר ביי די אידן פאַרשידענע ווערט־זאַכן, אויף אָפּצוראַטעווען די אַרעסטירטע."

„וויפל באַוואָפנטע זייט איר דאָ אין שטאָט?"

„מיט די אָפיצירן זענען מיר פינף־און־דרייסיק זשאַנדאַרן און פינף פּאָליציסטן. יעדער זשאַנדאַר באַקומט פון דער קאָנטריבוציע הונדערט לעי, און יעדער פּאָליציאַנט — פופציק לעי. איך וואָלט די פּאָליציאַנטן קיין באַני נישט געגעבן, ווייל זיי האָבן שוין אַליין גענוג גענומען ביי די

אידן. אויב איר ווילט מיטגיין מיט אונז, וועט אייך דער הער מאיאר זיבעך אייך געגעבן צו הונדערט לעי!"

זלמן האט נעהייסן צוויי פון זיינע מענטשן אפפירן די זשאנדארן צו וואסילין און אים געלאזט זאגן, ער זאל תיכף ארייננמארשירן אין שטאט, אבער גאנץ שטיל, אן ליארם.

ס'האט נישט גענומען לאנג, און זלמן האט זיך באגעגנט מיט דער צווייטער פאטרול, אנגעפירט פונעם לערער פון ציגדעסטי. מיט זיי צוזאמען האט ער זיך שטילערהייט דורכגעשלייכט אויף דער מערב־זייט פון שטאט. דא האבן זיי שוין געטראפן דעם פאר־פאסטן פון וואסיליס אפטיילונג. זלמן האט אויסגעלייגט פאר וואסילין א פלאן. אין אנהויב האט אפילו וואסילי געצעגערט, ווייל מיט דעם פלאן האט זלמן אליין געשטעלט זיין לעבן אין קאן. אבער ענדלעך האט וואסילי זיך געלאזט איבערצייגן, אז דאס איז דער איינציקער וועג, כדי צו שפארן מענטשלעכע לעבנס.

זלמן האט איבערגעלאזט זיין געווער, האט מיטגענומען דאס קוישל מיט די רינגען, אויערינגלעך און אנדערע ווערט־זאכן און איז אוועק צום קאמאנדאנט פון דאראהאי. ער האט דארט געטראפן א סך צעשראקענע, צעווייטיקטע אידן. א הויפטמאן און א זשאנדארמעריע־וואכמייסטער האבן געשאצט די ווערט־זאכן, און זיי, פארשטייט זיך, אונטערגעשאצט. די אידן זענען געווען פארצווייפלט, ווארים ס'האט נאך געפעלט די העלפט פון דער באשטימטער סומע, און דא איז שוין ניין דער זייגער. אומזיסט האבן די אידן זיך געבעטן ביים הויפטמאן, ער זאל זיי דערלויבן צו זען דעם מאיאר. „דא איז נישטא וואס צו זען און וואס צו פארהאנדלען" — האט דער הויפטמאן ציניש געזאגט — „אידן האבן גענוג געלט. אדער איר דעקט די גאנצע סומע, אדער — איר ווייסט דאך שוין אליין."

אוודאי האבן זיי עס געוואוסט — מען האט עס זיי דאך בפירוש געזאגט. אין שוהל האט מען געהאלטן פארשלאסן צוויי־און־זיבעציק אידן. יעדער פון זיי האט געהאט אנגעטאן דעם קיטל, ווי צום סדר. נאר אנשטאט עס זאל, ווי יעדן פסח, זיין בלויז א זכר־לחורבן, איז היינט דער קיטל געווען ווי אן אנזאג אויפן טויט, וואס האט געלויערט פארן טויער פון דער שול.

ווען זלמן איז אריינגעקומען מיטן קוישל, האבן א סך אידן אים באלד דערקענט, אבער זיי האבן זיך נישט געקאנט גלויבן, אז דאס איז ער. ווארים וועלכער אויסלענדישער איד וועט אליין קריכן אין אזא געפאר? זיי האבן געזען, ווי ער האט אויסגעליידיקט דאס קוישל און געהערט, ווי דער הויפטמאן האט אפגעשאצט די זאכן אויף פינף הונדערט לעי — א נישטיקע סומע קעגן דעם, וואס זיי האבן נאך באדארפט דערלייגן. מיט זיין אריינקומען האט זיך אין די אידן דערוועקט א שטיקל האפענונג. איצט

אָבער זענען זיי געבליבן דערשלאָגן, ווי פריער. מיטאָמאָל הערן זיי, ווי זלמן זאָגט: „איך מוז אומבאַדינגט זען דעם הער מאַיאָר." דער הויפּטמאַן האָט גראָב געענטפערט, אַז דעם מאַיאָר קאָן מען נישט זען. נאָר זלמן איז אַזוי ענערגיש צוגעשטאַנען, מיט אַזאַ זיכערקייט אין טאָן, אַז דער הויפּט־מאַן איז געגאַנגען פרעגן ביים מאַיאָר. און נאָך איידער די אידן האָבן צייט געהאַט צו פרעגן עפּעס ביי זלמנען (וועלכער האָט זיך געמאַכט, אַז ער באַמערקט זיי גאָרנישט), איז דער הויפּטמאַן צוריקגעקומען און געזאָגט זלמנען, אַז ער קאָן אַריינגיין. די אידן זענען נשתומם געוואָרן — סיידן אליהו־הנביא! האָט דאָך שוין איינמאָל פּאַסירט, אַז פּונקט אין דער גרעסטער עת־צרה באַווייזט זיך אליהו־הנביא, יעדעס מאָל אין אַן אַנדערער געשטאַלט, און ברענגט די ישועה. בפרט היינט ביינאַכט, צום סדר, ווען ער גייט אַרום איבער די אידישע הייזער און ליידיקט אויס דעם כּוס, וואָס איז פאַר אים געגרייט...

דער מאַיאָר קאַלינעסקו האָט אויפגענומען זלמנען גאַנץ אַנדערש, ווי מ'נעמט אויף אַ נביא. ער איז געווען שיכּורלעך און אין אַ שלעכטער שטימונג: דער הויפּטמאַן האָט אים געזאָגט, אַז ער זעט נישט קיין מעג־לעכקייט, מען זאָל קאָנען צונויפזאַמלען די גאַנצע געפאָדערטע סומע. צו דערשיסן די צוויי־און־זיבעציק אַרעסטירטע אידן איז אַ קלייניקייט. אפילו אין נאָרמאַלע צייטן האָט מען זיך געקאָנט דערלויבן צו דערשיסן עטלעכע אידן; ווען מען אין אַזעלכע אומרואיקע צייטן אוודאי זיך נישט אָפּשרעקן פון דעם. אָבער די הונדערט־און־צוואַנציק, צי הונדערט־און־דרייסיק טויזנט לעי, וואָס פעלן נאָך, וואָלטן אים ליבערשט געווען. נאָכאַ־לעמען האָט מען דאָך נישט תמיד אַזאַ געלעגנהייט, זיך צו דערשלאָגן צו אַביסל קאַפּיטאַל. וואָס פאַראַ געלט-גייציקע מענטשן די אידן זענען! — האָט ער געטראַכט — זיי ווילן ליבערשט לאָזן דערשיסן צוויי־און־זיבע־ציק פון זייערע אייגענע, אבי נישט צו באַצאָלן אַזאַ נישטיקע סומע. „וואָס ווילסטו, איד?" — האָט ער גראָב אַ רעווע געטאָן, ווען זלמן איז אַריינגע־קומען.

„איך וויל דעם הער מאַיאָר פאַרטרויען אַ זייער וויכטיקע, געהיימע זאַך."

„איך דאַרף נישט קיין געהיימע זאַכן — געלט דאַרף איך! אויב דו האָסט נישט קיין געלט, איז וואַרף זיך שוין אַרויס!"

„עס האָט צו טאָן מיט געלט."

דעם מאַיאָרס פּנים האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט, די קנייטשן אויף זיין שטערן זענען פאַרשוואונדן, זיין שטים האָט שוין געקלונגען אַביסל פריילעכער: „קום נענטער און זאָג, וואָס דו האָסט צו זאָגן."

„איך ווייס, וואו די אידן האָבן פאַרבאַהאַלטן זייער געלט און די ווערט־זאַכן.“

„וואו?“

„אָבער איך וויל דערפון האָבן אַ פּראָצענט.“

„דאָס געפעלט מיר — איך האָב ליב, ווען מ׳רעדט צו דער זאַך. אַ סך געלט פאַראַן?“

„מיט די ווערט־זאַכן שאַצט מען אַרום אַ צוויי מיליאָן.““

„צוויי מיליאָן? אַזעלכע שאַכער־מאַכער! און זיי דינגען זיך וועגן נישטיקע צוויי הונדערט פופציק טויזנט לעי? האָבן זיי נישט די ווערט, מען זאָל זיי אַלע אויסשיסן? אויסער דיר, פאַרשטייט זיך. וויפל פּראָצענט פאַרלאַנגסטו?“

„צען פּראָצענט.“

דו האָסט אַ גרויסן אַפּעטיט. גוט, וועסט באַקומען צען פּראָצענט. נו, וואו ליגט דאָס געלט?“

„אינעם הויף פון דעם אידישן מושב זקנים, אין דער גרויסער געביידע הינטער דער שוהל. איך קען געניי דעם פּלאַץ.“

דער מאַיאָר האָט אָנגעהויבן עפּעס צו פאַרדעכטיקן: „ווער ביסטו?“

„איך בין אַן עסטרייכער, פון סערעט.“

„און פאַרוואָס ווילסטו פאַרראַטן דיינע גלויבנס־גענאָסן?“

„נישט פאַרראַטן וויל איך, נאָר ראַטעווען. מיך פאַרדריסט, פאַרוואָס די היגע אידן ווילן פאַר אַ סומע פון צוויי הונדערט פופציק טויזנט לעי מקריב זיין אַזוי פיל פון אונזערע ברידער.“

דאָס האָט דעם מאַיאָר אויסגעקוקט צו זיין גאַנץ פאַרשטענדלעך. אָבער, ווי אַן אלטער זשאַנדאַר, האָט ער אַלץ נאָך געוואָלט זיין פאַרזיכטיק. האָט ער מיטגענומען מיט זיך פינף־און־צוואַנציק פון זיינע דרייסיק זשאַנדאַרן, און מיט לאָפּעטעס און האַקעס האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם אוצר, אונטער דער פ׳ירונג פון זלמן פליקער. די צוריקגעבליבענע אידן האָבן זיי נאָכגעקוקט און נישט געקאָנט פאַרשטיין — וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר?

„איך וועל דיך דערשיסן ווי אַ הונט, אויב ס׳איז נישט אמת“ — האָט דער מאַיאָר געזאָגט צו זלמנען. ער האָט דריי־און־צוואַנציק זשאַנדאַרן אַוועקגעשטעלט פופציק שריט פונדערווייטנס און איז אליין מיט זלמנען און נאָך צוויי זשאַנדאַרן אַריין אין הויף פון דער אַלטער געביידע: „אָבער מען זעט דאָך דאָ נישט קיין שפור אפילו, אַז מ׳זאָל דאָ האָבן געגראָבן אָדער פאַרשיט עפּעס.“

„דער הער מאַיאָר וועט באַלד זען.“

מען האָט אָנגעהויבן צו גראָבן.

„איר האָט זיך געמוזט טועה זיין..."
דער מאַיאָר האָט שוין מער נישט געקאָנט ענדיקן — זיי זענען גע־
וועזן אַרומגערינגלט און זיך געמוזט אונטערגעבן.

אַזוי איז דאָראָהאָי אָן אַ קאַמף אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אויפ־
געשטאַנענע פויערים. מ׳האָט באַפרייט די אידן פון שוהל, און ס׳האָבן זיך
ווידער באַוויזן ליכטלעך אין אידישע הייזער. און באַלד האָט זלמן ווידער
געהערט פון די אידישע היימען דעם באַקאַנטן ניגון: „בצאת ישראל ממצ־
רים... און ווען ישראל איז אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, דאָס הויזגעזינט
פון יעקב איז אַרויס פון אַ מעכטיק פאָלק, איז יהודה געוואָרן זיין היי־
ליקטום און ישראל זיין הערשאַפט. דער ים האָט געזען און איז אַנטלאָפן
און דער ירדן האָט פאַרקירעוועט אויף צוריק. בערג זענען געשפרונגען, ווי
די ווידער, און בערגלעך — ווי יונגע לעמער. וואָס איז דיר, ים, וואָס ביזט
אַנטלאָפן, און דו, ירדן, וואָס האָסט געצויגן זיך אויף צוריק? פאַרוואָס,
בערג, זייט איר געשפרונגען, ווי ווידער, און איר, בערגלעך — ווי די יונ־
שרומפן — פאַר דעם גאָט פון יעקב, וועלכער האָט דעם שטיין אין אַ
גע לעמער? פאַר דעם האַר פון דער וועלט האָט די ערד זיך צוזאַמענגע־
קוואַל פאַרוואַנדלט, און דעם פעלז־שטיין — אין אַ ברונעם וואַסער".

52

דער רעגירונג־פאַרטרעטער דר׳ וואַזערל איז געלעגן אויף דער סאָ־
פע און געלייענט די נאָר־וואָס אָנגעקומענע טעלעגראַמעס פון טשערנאָ־
וויץ: „די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע דערלאַזט נישט דערוויילע קיין עסט־
רייכישע אינטערווענציע אין רומעניע. אַ באַוואָפנטער קאָנפליקט אָדער אַ
צוזאַמענשטויס ביי דער גרענעץ מוז אונטער אַלע אומשטענדן אויסגע־
מיטן ווערן". אין אַ צווייטער טעלעגראַמע איז ער אויפגעפאָדערט געוואָרן,
אַלע פאַראַנענע זשאַנדאַרמעריע־כוחות צו שיקן אין צפון־בוקאָווינע, אין
דעם „דריי־לענדער־עק" פון רוסלאַנד, רומעניע און עסטרייך — ווייל
ס׳איז דאָ אַ געפאַר, אַז רומענישע טרופן־אָפּטיילונגען וועלן זיך צוריק־
ציִען צו יענער גרענעץ. און שיקן אַהין מוז מען נאָר זשאַנדאַרן און נישט
קיין אַרמיי־אָנגעהעריקע, כדי נישט צו דערוועקן קיין חשד ביי רוסלאַנד.
דר׳ וואַזערלס ערשטע שרעק וועגן דעם ביס פונעם גאַנער, איז אַריי־
בער. ער איז נאָך איצט אויך נישט געווען אַזוי גאַנץ זיכער מיט זיך. ער
האָט דורך אַ ספּעציעלן קוריער אַריבערגעשיקט דעם גאַנער אין קראַקאָ־
ווער פאַסטעיר־אינסטיטוט און געהייסן, ווען נויטיק, אַריבערקומען אַ

דאָקטאָר מיטן סערום צום איינשפּריצן. אָבער די סערעטער צוויי דאָק־טוירים האָבן פאַרזיכערט, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין שום געפאַר.

ער איז געווען שטאַרק צופרידן וואָס דער לאַנד־פּרעזידענט האָט אים אויסגעקליבן צו פאָרן קיין סערעט אין פאַרבינדונג מיטן פויערים־אויפשטאַנד. סערעט, ווי אַ גרענעץ־שטאָט, האָט געהאַט אַ שם איבער גאַנץ בוקאָווינע מיט איר פריילעכן, לייכטזיניקן לעבן. איז דר' וואַזערל געווען גליקלעך צו קאָנען אויף עטלעכע טעג אַנטלויפן פון זיין מאָנאָטאָנער קאַנצעלאַריע־אַרבעט און „אַ לעב טאָן" אין סערעט. אָבער דאָ איז ער באַלד געקומען אין אַ קאָנפליקט מיט די דעפּוטאַטן פון פאַרלאַמענט און פון דער בוקאָווינער לאַנד־רעגירונג, וועלכע האָבן זייער געוואָלט דער־פירן צו אַן אינטערווענציע. ווי אַ הויכער רעגירונג־באַאַמטער, האָט ער שוין געוואוסט, אַז מיט דעפּוטאַטן טאָר מען זיך נישט איינרייסן. ער האָט אָבער אויך געוואוסט, אַז די קייזער־קעניגלעכע רעגירונג איז איצט נישט אין דער לאַגע, צו קאָנען אינטערווענירן. האָט זיך זיין גאַנצע רייזע פאַר־וואַנדלט אין באַשטענדיקע זיצונגען און דיסקוסיעס, וואָס האָבן געלאַנג־ווייליקט און פאַרמאַטערט. אַן אומרואיק געזינדל, די סערעטער — האָט ער געטראַכט. כאַפּט זיי דער רוח מיט זייערע שיינע נאַכט־לאָקאַלן — אַז מ'האָט גאָרנישט קיין צייט זיי צו באַזוכן! אַנשטאָט צו געניסן פון לעבן, ווערט מען גאָר געביסן פון משוגענע גאַנערס.

נישט זייער גערן און מיט אַ שווער האַרץ האָט דר' וואַזערל נאָכגע־געבן דעם איינגעשפּאַרטן גוטבאַזיצער פישער און דערקלערט, אַז דאָס אויפשטעלן פון אַ בירגער־זעלבסטשוץ לאָזט ער איבער צו דער אַנטשיידונג פונעם בירגערמייסטער פראַנץ בייל. נאָר איצט, נאָכן באַ־קומען די לעצטע טעלעגראַמע, אַז מ'זאָל אַלע זשאַנדאַרן אַוועקשיקן אין צפון־בוקאָווינע, איז אים איינגעפאַלן, אַז אַזאַ בירגער־זעלבסטשוץ קאָן גאָר אַמאָל זיין זייער ניצלעך. מיט דעם קאָן מען אפשר אָפּשוואַכן די צאַנקע־רייען צווישן די אייגענע גרופּעס און זיי אויף אַ געוויסן אופן פאַראייניקן. וואָס איז אַזוי נויטיק אין אַ צייט, ווען אויף יענער זייט גרענעץ האָט זיך אַ פייער צעפלאַקערט. ער האָט אַריינגערופן צו זיך דעם בירגערמייסטער און געזאָגט: „ווייסט איר, הער בירגערמייסטער, איך האָב נאָכגעקלערט וועגן אייער פּלאַן, צו גרינדן אין סערעט אַ בירגער־זעלבסטשוץ, און איך דענק..."

„אַנטשולדיקט, הער אויבער־רעגירונגס־ראַט, ס'איז דאָך גאָרנישט מיין..."

דר' וואַזערל האָט זיך געמאַכט נישט־הערנדיק: „...און איך דענק, אַז דער פּלאַן איז אויסגעצייכנט, געניאַל."

פראַנץ בייל האָט קוים געגלויבט זיינע אויערן: „איז באמת אייער

עקסצעלענץ אויך מיט דער מיינונג? עס איז שוין אן אלטע אידייע מיינע. איך האב שוין פון לאנג געטראכט, נאך פארן אויסברוך פונעם בירגער־קריג אויף יענער זייט, אז א פאטריאטישע ארגאניזאציע מיט וואפן־איבונגען וואלט געווען זייער ניצלעך און וואלט נאך מער געשטארקט אונזער פעסטע טריישאפט צום קייזער און פאטערלאנד."

„זייער ריכטיק געטראכט, הער בירגערמייסטער. איך וואלט געוואונטשן, אז די בירגערמייסטערס פון אלע אנדערע שטעט אין אונזער מאנארכיע, זאלן טראכטן, ווי איר. דעמאלט וואלט זיין מאיעסטעט, אונזער געהויבענער מאנארך, געקאנט רואיק שלאפן און אלע זיינע זארגן וואלטן געווען איבעריגע הענט."

איבערפילט מיט גליק, איז פראנץ בייל ארויס פון דר' וואזערלס צימער אין האטעל „אנגא־האף". ערשט איצט האט ער דערפילט דעם גאנצן ווערט פון זיין הויכן שטאנד, ווי דער בירגערמייסטער פון א קייזער־קעניגלעכער שטאט. דר' וואזערל — האט ער נאכאמאל איבערגעחזרט אין זיין געדאנק — דער פארטרעטער פון זיין עקסצעלענץ דעם לאנד־פרעזידענט, האט אויסדריקלעך געזאגט: „...דעמאלט וואלט זיין מאיעסטעט, אונזער געהויבענער מאנארך, געקאנט רואיק שלאפן". דאס איז דאך אן אויסדריקלעכער באווייז, אז זיין מאיעסטעט האט ליב רו, פונקט ווי ער. און דאך האט דער קייזער בענומען אויף זיך דעם שווערן עול, צו זיין דער העכסטער פירער פון אלע עסטרייכיש־אונגארישע קאמף-כוחות אויפן לאנד, ווי אויפן וואסער. אויב אזוי, מוז אויך ער — בירגערמייסטער פון דער קייזער-קעניגלעכער שטאט סערעט — אויף זיך נעמען דעם עול פון א בירגערלעכן זעלבסטשוץ אין סערעט. ווי דער קייזער איז דער באפעלגעבער פון דער גרויסער ארמיי, וועט ער זיין דער אויבער־קאמאנדיר פון דער קליינער סערעטער ארמיי.

מיט אט די געדאנקען איז פראנץ בייל געקומען אין הויז פון וויצע־בירגערמייסטער און דעם פרעזידענט פון דער אידישער קהלה, סענדער שלמה שרייבער. צוויי שעה פארן סדר האט דא אלץ אויסגעקוקט נאך מער יאמטעוודיק, ווי געווייגלעך. אין דער סאליע איז געזעסן די דעלעגאציע — דער גוט־באזיצער פישער, משה מאשיניסט און קורט קראוטער, וועלכע זענען מיטן ראש־הקהל צוריקגעקומען פונעם מרחץ. אויך דער אינזשיניער האלטער איז דארט געווען. ווען זיי האבן געזען אריינקומען דעם בירגערמייסטער, זענען זיי אביסל צעשראקן געווארן, ווייל זיי האבן מורא געהאט, אז טאמער איז ער געקומען צוריקציען די דערלויבעניש אויף א בירגער־זעלבסטשוץ, וואס ער האט פריער נישט גאנץ גערן געגעבן. זיי האבן געקוקט אויף אים מיט חשד. אבער פראנץ בייל האט יעדן פריינטלעך דערלאנגט די האנט און געזאגט צו סענדער שלמה שרייבער: „איך

בין געקומען, געערטער פרייַנט, אייך פערזענלעך בעטן, איר זאָלט מיט אייער איינפלוסרייכער מאָראַלישער קראַפט, אַזוי צו זאָגן, זיך פערזענלעך באַטייליקן אין דער גרויסער טאַט פון פאַטריאָטישער פליכט, צו גרינדן אַ בירגערלעכן זעלבסטשוץ."

צוליב פערזענלעכן פרעסטיזש, האָט סענדער שלמה שרייבער נאָך אין באָד געהאַט געגעבן זיין צושטימונג צו דעם. אָבער פון פראַנץ בייל'ס רייד האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז אויך דער רעגירונג־פאַרטרעטער איז איינשטימיק. דעריבער האָט ער גלייך געזאָגט: „איך האַלט דאָס אויפשטעלן פון אַזאַ זעלבסטשוץ אין איצטיקן מאָמענט פאַר אַ לעבנס־נויטווענדיקייט. די אידייע פאַרפאָלגט מיך זייט די לעצטע פיר און צוואַנציק שעה. איך בין, פאַרשטייט זיך, פולשטענדיק גרייט זיך צו שטעלן אין דינסט פון אָט דער גרויסער זאַך מיט אַלץ — מיט מיין נאָמען און, ווען נויטיק, מיט מיין גאַנצן קענען און וויסן. ווער־זשע וועט איר פאַרטרויען די אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן אָט די קערפּערשאַפט, וואָס דאַרף דינען דעם צוועק, אָנצוהאַלטן פרידן, רו און אָרדענונג?"

אַז ער אַליין, פראַנץ בייל, דאַרף זיין דער העכסטער שעף פון אַזאַ אַרמיי, איז ביי אים געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך. אָבער וועגן אַ גענעראַל, וואָס זאָל פאַקטיש זיך אָפּגעבן מיט דעם, האָט ער נאָך אפילו נישט געטראַכט. צום גליק האָט וועגן דעם, ווי וועגן אַ סך אַנדערע איינצלהייטן, געטראַכט די דעלעגאַציע נאָך איידער זיי זענען געגאַנגען אין באָד אַריין. צו דעם צוועק האָבן זיי מיטגעבראַכט דעם הויפּטמאַן האָלטער — נישט פרעגנדיק אפילו, צי איז ער באמת אַ הויפּטמאַן, אָדער רופט ער זיך בלויז אַזוי. „אין אָט דעם מאַן" — האָט קורט קראַוטער אָנגעוויזן אויף האָלטערן — „מיט וועמען איך האָב געהאַט דאָס גליק זיך צו באַקענען, האָבן מיר אַ מיליטערישן פאַכמאַן פון ערשטן ראַנג. ער וואָלט געווען אַ פאַרשטייט זיך, אונטער אייער באַשערמונג, הער בירגערמייסטער — איבערצונעמען די קאָמאַנדע איבער דעם בירגער־זעלבסטשוץ, וועלכן מיר שטעלן אויף. נאַך אַ כבוד אפילו פאַר אַ גרויסער אַרמיי. ער האָט זיך דערקלערט גרייט אין אָט דער גורל־פולער שעה זיך צוהערן צו אונזער רוף און — העלפן מיט גאָטס הילף גרינדן."

„זייט איר גרייט" — האָט פראַנץ בייל זיך געווענדט צום אינזשעניער האָלטער — „זיך צוהערן און אָנצונעמען אונזער רוף?"

האָלטער איז געווען גערירט ביז טרערן: „עס איז פאַר מיר דער גרעסטער כבוד און שטייגט איבער מיינע טיפסטע טרוימען. איך האָב קוים וועגס זיך געקאָנט פאַרשטעלן, אַז מיר — אַ נישט הײ־געבוירענעם — זאָל מען אָנפאַרטרויען דאָס העכסטע און טייערסטע, וואָס אַ פאָלק פאַרמאָגט, — זיין באַשיצונג און זיכערקייט."

און האָט איר עפּעס קעגן דעם, הער פּרעזידענט, אַז דעם הער אינ־זשיניער האַלטער זאָל אָנפּאַרטרויט ווערן אַזאַ הויכע אויפגאַבע?" — האָט דער בירגערמייסטער געפרעגט ביי סענדער שלמה שרייבער.

„איך? גאַנץ אין קעגנטייל. פונעם פיאַקערניק דודל שמאַטשעק און פון זיינע פערד האָב איך אַמאָל געלערנט, אַז וואָס פרעמדער און ווייטער מען איז, אַלץ מער אויטאָריטעט פאַרמאָגט מען. דעריבער בין איך אויך דערפאַר, אַז מ'זאָל אַט די הויכע מיסיע, צו אָרגאַניזירן די ערשטע סערע־טער אַרמיי, איבערגעבן דעם הער אינזשיניער האַלטער, ווייל וואָס אַן אַר־מיי־פירער דאַרף קודם־כל באַזיצן, איז אויטאָריטעט."

אַלע האָבן געוואוסט, אַז סענדער שלמה שרייבער האָט ליב צו רעדן מיט משלים. אָבער אַז אַזאַ געלערנטער מענטש זאָל קאָנען עפּעס לערנען פון אַ פיאַקערניק, און אַפילו פון זיינע פערד, און זאָל זיך נאָך דערמיט באַרימען, דאָס האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרשטיין. אויב דער הער וויצע־בירגערמייסטער וויל אפשר אָנדייטן מיט די פערד" — האָט האַלטער געזאָגט — „אַז איך, ווייל איך האָב געדינט ביי דער אינפאַנטעריע, וועל נישט וויסן ווי זיך צו באַגיין מיט פערד, וויל איך דאָ דערקלערן, אַז אין מיין מיליטער־צייט האָב איך אויך אַ גאַנץ יאָר געדינט ביי דער קאַוואַלע־ריע."

„ס'איז מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, הער האַלטער, צו צווייפלען אין אייער באַציאונג צו פערד, אָדער אַז איר ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט פערד."

„כאָטש די צייט איז קורץ און מיר מוזן שנעל האַנדלען" — האָט געזאָגט דער גוט־באַזיצער פישער — „וואָלט איך אייך דאָך געווען זייער דאַנקבאַר, ווען איר דערקלערט אונז, ווי אַזוי איר האָט גראַד פון אַ פיאַ־קערניק און זיינע פערד געקאָנט לערנען וויכטיקע זאַכן. ווי אַ גוט־באַ־זיצער, בין איך אויפגעוואַקסן צווישן פערד און די פראַגע אינטערעסירט מיך אויסערגעוויינלעך."

„אויב איר ווינטשט עס, מיינע הערן, וועל איך עס אייך אויף גיך דער־ציילן: עס איז געווען צוריק מיט אַכט יאָר, נאָך איידער אונזער שטאָט האָט געהאַט אַ באַן־פאַרבינדונג מיט דער הויפּט־באַן־שטרעקע..."

„דאָס זענען נאָך געווען שיינע צייטן" — האָט אַ זיפץ געטאָן פראַנץ בייל.

„איך האָב דעמאָלט נויטיק געמוזט פאָרן קיין טשערנאָוויץ. מיין איי־גענער קוטשער, בערל, איז קראַנק געוואָרן און איך האָב געמוזט דינגען דודל שמאַטשעק. ביים טערעשענער וועלדל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט, צו געבן די פערד עסן און אַליין עפּעס איבערכאַפּן אין מאַנדעלבוימס קרעטשמע. אַ שעה שפּעטער האָבן מיר זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין,

און ווען מיר זענען שוין געווען ווייט אויף יענער זייט וועלדל, האָט זיך דודל שמאָטשעק געכאַפּט, אַז עס פעלט אים די בייטש. און אַ פערד אָן אַ בייטש, האָט געזאָגט דודל שמאָטשעק, איז ווי אַ כלה־מיידל אָן אַ נדן — דאָס מיידל בלייבט אַ פאַרזעסענע מויד, און דאָס פערד בלייבט שטיין. האָט דודל שמאָטשעק זיך אָפּגעשטעלט ביים בערגל און איז צוריקגעלאָפן אין וואַלד אַריין. אַ האַלבע שעה שפּעטער קומט ער צוריק מיט אַ פּרוטיע און באַנוצט עס ווי אַ בייטש. מיר פאָרן ווייטער. איך האָב מיר אָבער באַטראַכט די פּרוטיע, צוליב וועלכער דודל האָט פאַרלוירן אַ האַלבע שעה אין וואַלד און זאָג אים: צו־וואָס האָסטו באַדאַרפט לויפן אַזש אין וואַלד אַריין און אַ האַלבע שעה צייט זוכן אַ פּרוטיע, אַז דאָ וואַלגערן זיך אַזעלכע פּרוטיעס אויפן וועג און אין די ראָווען? ענטפערט מיר דודל: 'מיינט נישט, אַז פערד זענען נאַריש; אַ פערד איז זייער אַ קלוג באַשעפעניש. עס וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן אָנטרייבן מיט אַ פּרוטיע, וואָס וואַלגערט זיך אַרום אונטער זיינע פיס. ווען אָבער די פּרוטיע קומט פון דער פרעמד, ווען די פערד זעען, אַז ס'האָט געמוזט נעמען אַזש אַ האַלבע שעה זי צו געפינען, פאַרשטייען די פערד, אַז די פּרוטיע איז אָן אויטאָריטעט, אַ בייטש, און זיי לאָזן זיך ווילליק אָנטרייבן מיט איר."

„מיר דאַכט זיך" — האָט געזאָגט פראַנץ בייל — „אַז דודל שמאָטשעק האָט עס אייך געזאָגט, ווייל ער האָט אייך אפשר געוואָלט פאַרקויפן די פערד. ער האָט זיי שפּעטער מיר געוואָלט פאַרקויפן פאַר מיין ביר־ברעבעריי. מיר האָט ער נישט דערציילט די מעשה מיט דער בייטש, ווייל ער ווייסט, אַז איך גלויב נישט אַזעלכע זאַכן. אָבער רעדנדיק וועגן אונזער זאַך; איך גלויב, אַז וועגן דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ בירגער־זעלבסטשוץ, וואָס איז אויטאָריזירט דורך דער רעגירונג, זענען נישטאָ ביי אונז קיין צוויי מיינונגען; פּונקט אַזוי, דאַכט מיר, זענען מיר אייניק, אַז דער הער אינזשיניער האַלטער זאָל אָרגאַניזירן און איבערנעמען די קאָמאַנדע איבער דער קערפּערשאַפט. וועל איך באַלד הייסן שרובעקן, ער זאָל אַרויסגיין מיט דער פּויק און לאָזן וויסן דער עפנטלעכקייט דעם ווילן פון די אויטאָריטעטן. און איר, הער אינזשיניער, האָט אונזער פולן פאַרטרויען און מיר זענען זיכער, אַז איר וועט דערפילן אייער פליכט מיט פאַרזיכטיקייט, קלוגשאַפט און גערעכטיקייט."

„מיינע הערן" — האָט פייערלעך געזאָגט דער אינזשיניער האַלטער — „איידער איך טרעט־צו דורכצופירן אייער פאַרטרויען, וואָס איר שענקט מיר, און איידער איך הויב אָן מיין נייע היסטאָרישע קאַריערע, וואָלט איך נאָך וועלן אָפּגעבן אין אייער קעגנוואַרט אַ פייערלעכע שבועה: אַזוי לאַנג ווי איך וועל אָטעמען וועט קיין שונא לעבעדיקערהייט נישט אַריינקומען אין אונזער שטאָט. ווי דער הער לעאָנידאָס פון ספּאַרטאַ האָט, אויף וויפל איך דערמאָן

זיך, צוגעפּירט זײַנע קריגער צו אַ דורכגאַנג און זיי געזאָגט: ׳דאָ מוזט איר אַלע שטאַרבן, כדי איר זאָלט, אונטער מײַן אָנפירונג, בלײַבן אומשטערבלעך׳ — אַזוי וועט גיכער סערעט צו־גרונט־גיין, איידער מיר וועלן דערלאָזן, אַז דאָס געזינדל פון דעם פּויערים־אויפשטאַנד זאָל אויך דאָ, אין סערעט, אָפּטאָן אַזעלכע נישט־דערלאָזבאַרע זאַכן.״

53

אַהיימקומענדיק פון באָד, האָבן די סערעטער שוין געוואוסט, אַז עס גרייט זיך עפּעס אויסערגעוויינלעכעס, האָט שוין דער געמיינדע דינער שרובעק מיט זײַן פּויק קיינעם נישט געקאָנט איבערראַשן. און דאָך האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויסער עולם, ווען ער האָט אָפּיציעל געלאָזט וויסן די נײַע פאַראָרדענונג: „אַזוי ווי אויפן בלויען הימל פון סערעט רוקן זיך אָן שוואַרצע וואָלקנס, כאָטש מען זעט זיי נאָך נישט, איז עס דער ווילן פון דער רעגירונג, אַז יעדער בירגער פון אונזער שטאָט זאָל ווערן אַ זעלבסטשוץ. יונג און אַלט, אָן אונטערשייד פון שפּראַך, רעליגיע און גלויבן, ווערן אַלע פאַראייניקט אין איין מענלעכער קראַפט. אַלע וועלן געשטעלט ווערן אין דער ריי, ווי געטרייע אונטערטאַנען פון זײַן מאַיעסטעט, פאַר דער זיכערקייט און פרידן פונעם קייזער, אין דינסט ביי פייער און וואַסער, אָן שלאָף ביי טאָג, ווי ביי נאַכט, און וועלן — מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג — באַקומען גוטע וואָפן, ווי אַ באַשיצונג פון אונזער שטאָט.״

די סערעטער זענען שוין זייט דריי צענדליק יאָר געוואוינט געווען, אַז שרובעק זאָל ביים פאַרלייענען די אָפיציעלע באַקאַנטמאַכונגען צעדרייען דעם טעקסט פונעם בירגערמייסטער, אָדער זײַן סעקרעטאַר, און דערביי אויך צולייגן עפּעס אייגנס. האָבן זיי אים אויך איצט פאַרשטאַנען. שרובעק האָט נאָך צום סוף צוגעגעבן: „מענטשן מיט פערד גייען צו דער קאַוואַלעריע.״

סענדער שלמה שרייבער האָט געהייסן מרדכי שמש אויסרופן ביינאַכט נאָכן דאַוונען אין שוהל און אין אַלע בתי־מדרשים, אַז מ׳זאָל זיך אָנשליסן אין דעם זעלבסטשוץ. אַ סך האָבן זיך געמאָלדן, ווייל משה מאַשיניסט האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ באַפעל פון דער רעגירונג. אַנדערע ווידער האָבן גערעכנט, אַז מיט דעם וועט מען אויסהיטן פון אַ פּאָגראָם. און דאָרט וואו מענטשן האָבן זיך געווייגערט, און אַפילו געוועזן דאַקעגן, האָט משה מאַשיניסט אויסגענוצט זײַן רעדנער־קונסט: „אַלץ איז אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. יעדער וועט איצט קאָנען באַשטימען ווער עס זאָל

געווילט ווערן ווי אַ דעפּוטאַט קיין וויך, און יעדע שטאָט וועט איצט האָבן איר אייגענע אַרמיי. מען הויבט אָן מיט סערעט.״

ווען דער אינזשיניער האַלטער איז, נאָך זיין שמועס מיט סענדער שלמה שרייבער, געגאַנגען צו דער געביידע וואו עס האָבן זיך געפונען די פרייוויליקע פייער־לעשער איז ער נאָך נישט אינגאַנצן זיכער געווען ביי זיך מיט וואָס ער דאַרף אָנהויבן זיין פונקציע ווי דער אויבער־גענעראַל פון דער סערעטער אַרמיי. דאָס געלינגען אָדער דער דורכפאַל פון יעדער גרויסער אונטערנעמונג אין דער וועלט האָט ער געטראַכט, הענגט אָפּ פונעם ערשטן שריט, וואָס מען מאַכט. קודם דאַרף מען, טראַכט ער, אָרגאַניזירן אַ שטאַב פון מיטאַרבעטער, וועלכע זאָלן מיט דער צייט קאָנען ווערן דער גענעראַל־שטאַב. גייענדיק אַזוי, האָט ער דערזען, ווי דער לערער פון געשיכטע, הילאַריאַן טאָפּאַן, טענהט עפּעס איין מיטן שוסטער יאַנעק פּאָדרוצקי, דעם פּאָרזיצער פון די פרייוויליקע פייער־לעשער. גראָד האָט שרובעק אָנגעהויבן צו פויקן, און ביידע האָבן זיך געלאָזט צוגיין געוואויר־ווערן וואָס ס׳איז געשען. האַלטער האָט זיי פאַרהאַלטן: „איך קאָן אייך, מיינע הערן, געבוי זאָגן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך; און אויב איר וועט אַזוי גוט זיין און אַריינגיין מיט מיר אויף אַן אויגנבליק אין באַראַק פון די פייערלייט, וועט איר זיך נאָך מער דערוויסן.״

אַריינגעגאַנגען אינעווייניק, האָט זיי האַלטער דערציילט אויספירלעך וועגן דעם באַשלוס, צו אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ און וועגן דער היסטאָרישער מיסיע, וואָס איז אים פערזענלעך איבערגעגעבן געוואָרן. ביידע צוהערער זענען געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט. הילאַריאַן טאָפּאַן האָט אַ בליק געטאָן אויף יאַנעק פּאָדרוצקי און געזאָגט: „איך גלויב, אַז איך מעג זאָגן אויך אין נאָמען פון מיין פריינט פּאָדרוצקי, אַז איר, הער אינזשיניער, וועמען דער גורל האָט דערהויבן צו אַזאַ הויכן שטאַפּל, וועט אין אונז געפינען געטרייע, איבערגעגעבענע און פאַרלעסלעכע מיטאַרבעטער. ווער עס פאַרשטייט אויסצולעשן אַ פייער, וועט אויך וויסן ווי אַזוי אָנצולייגן אַ פייער; און ווער עס וועקט טאָג־טעגלעך אין דער יוגנט העלדן־אידעאַלן — כאָטש אָפט קומט מיר פאָר, ווי איך וואָלט געוואָרפן פערל פאַר חזירים — וועט אויך פאַרשטיין צו ווייזן ביישפּילן פון העלדן־טאַטן פאַר דער גאַנצער יוגנט, ווי אויך פאַר דערוואַקסענע מענער. וואָלט צעזאַר נישט געווען אַריבערגעגאַנגען דעם רוביקאָן, וואָלט אָט דאָס טייכל געווען געבליבן אומבאַקאַנט און פאַרגעסן. איך בין איבערצייגט, אַז צוליב דער איצטיקער גרויסער טאַט, וועלן אין די שפּעטערדיקע דורות אַלע שול־ביכער רעדן וועגן דער שטאָט סערעט, ווי זיי רעדן וועגן דעם טייך רוביקאָן, און וועגן אונז — איך מיין וועגן אייך, הער אינזשיניער, וועט מען רעדן ווי וועגן צעזאַרן.״

פּאָדרוצקי, וועלכער פלעגט — ווי דער אָנפירער פון די פריוויליקע פייערלייט — אַליין אויפטרעטן מיט רעדעס ביי יעדער פייערלעכער געלעגנהייט, האָט אויך איצט שטאַרק געוואָלט האַלטן אַ רעדע. אָבער ער האָט צום ערשטן מאָל געהערט די נעמען צעזאַר און רוביקאָן; האָט אים — לויט זיין געהויבענער שטעלע — נישט געפּאַסט צו ווייזן, אַז ער איז גאָרנישט באַקאַנט מיט אַזעלכע, מסתּם אויך געהויבענע פּערזענלעכקייטן, — האָט ער בעסער געשוויגן. ער איז שטאָלץ געווען וואָס מען באַשטימט, אַז די הויפּט־קוואַרטיר פון זעלבסטשוץ זאָל איינגעאָרדנט ווערן אין „זיין" געביידע, ביי די פייער־לייט, וואו ער איז דאָך דער הויפּט־מאַכער. מיט פרייד האָט ער זיי דערציילט, אַז ערגעץ, צווישן דעם אַלטווארג אין זיין געביידע, ליגן פאַרוואָרפן פּופּציק אַלטע ביקסן. ערשט איצט האָט דער אינזשיניער האַלטער זיך געכאַפּט, אַז פאַר גרויס צעטומלעניש האָט ער אַפילו נישט אַ קלער געטאָן וועגן אַזאַ, פאַר אַן אַרמיי, נאָכאַלעמען, אויך וויכטיקער פראַגע, ווי וואָפן. ביז איצט איז עס אים גאָרנישט איינגעפאַלן. האָט ער געהייסן דערווייל די צוויי נאַכט־וועכטער תּיכף אויפזוכן די באַהאַלטענע ביקסן, און שפּעטער וועט ער שוין מיטן בירגערמייסטער איבערעדן וועגן נאָך וואָפן און מונדירן פאַרן זעלבסטשוץ. פּאָדרוצקי האָט דערקלערט, אַז אויף דערווייל איז ער גרייט אויסצובאָרגן די פּאַראַדנע מונדירן פון די פייער־לייט, וועלן כאָטש די עלטסטע האָבן באַלד וואָס אָנצוטאָן.

אַלע דריי האָבן זיך באַשטימט צו ווערן דער „ענגערער שטאַב". הילאַריאָן טאָפּאָן און יאַנעק פּאָדרוצקי האָבן זיך טאַקע תּיכף גענומען צו דער אַרבעט: זיי זענען באַלד אַוועק אין דער פאַרשטאָט טאַנקט אָנופרי, כדי צו רעקרוטירן די דאָרטיקע אוקראַיִנישע און רומעניִשע באַפעלקערונג פאַרן ערשטן סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ.

54

אין די אידישע היזער איז געווען יאָמטעוודיק געגרייט צו טיש. איבער די ווייסע טישטוכער האָבן זיך געבלימלט די פאַרביק־געשטיקטע מצה־טישטוכלעך און די קאָלירטע כּוסות מיט וויין. אידן האָבן געזאָגט די הגדה און דערציילט די נסים, וואָס הקדוש־ברוך־הוא האָט באַוויזן צו די קינדער פון ישׂראל, בעת ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון מצרים — וואָס איז אַן אָנדייט אויף דער גאולה במהרה בימינו. אָבער עס האָט זיך עפּעס נישט איבעריק שטאַרק געיאָמטעוועט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ ווייט,

אויף יענער זייט גרענעץ, זעען זיך פלאַמען אויפן הימל — דערפער ברענען, און ס׳האָט זיך געהערט עפּעס, ווי קראַכן פון קאַנאָנען.

עלף אַזייגער בייַנאַכט האָבן באַדאַרפט זיך פאַרזאַמלען אַלע, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן אין זעלבסטשוץ. דער טורם־זייגער אויפן קלויסטער האָט געשלאָגן עלף און מענטשן האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צום מאַרק. פון ביר־פּאַלאַץ האָט מען געמאַכט אַ פריש נאַכט־לאָקאַל, און צייטונג־מעגמ׳שן פון ווין און טשערנאָוויץ, רעגירונגס־באַאַמטע און רומענישע באָיאַרן זענען דאָרט געזעסן ביי טישלעך און געטרונקען וויין. אַ שאַנסאָנעטקע פון טשערנאָוויץ האָט זיך אַרומגעיאָגט איבער דער בינע און מיט אַ פּישטשענדיקער שטים געזונגען:

„נאָר נישט געזאָרגט!
ווער געלט ס׳האָט, דעם ווערט אויך געבאָרגט.
אַ גלאָז וויין פאַריאָגט די פּיין.
איינמאָל נאָר לעבט מען, ברודער, נאָר איין מאָל.״

אויפן באַלקאָן פונעם מאַגיסטראַט זענען געשטאַנען דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל, דער אינזשיניער האָלטער, דער שוסטער פּאָדרוצקי און דער לערער פון געשיכטע הילאַריאָן טאָפּאַן. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין די פּאַראַדנע אוניפאָרמען פון די פייערלייט, נאָר אַנשטאָט העלמען האָבן זיי געטראָגן פלאַכע פּאָליציייאַישע היטלען. פּאָדרוצקי אַליין האָט געבלאָזן אַליאַרם אויף אַ גרויסן טראָמפּייט. דער בירגערמייסטער האָט געהאַלטן אַ רעדע, אַפּעלירנדיק צום „אויסגעפּרואוווטן״ מוט פון די סערעטער און זיי געבעטן, אַז יעדער איינער — אָן אונטערשייד פון רעליגיע, גלויבן און שפּראַך — זאָל דערפילן זיין פליכט אין דער איצטיקער שווער־געפּרואווטער שעה. דערנאָך האָט ער פאָרגעשטעלט זייער אַלט־באַקאַנטן אינזשיניער האָלטער: „ער האָט צעשטראַלט אונזערע אויגן מיט גאַז, איך מיין — דורכן גאַז־לאָמפּ, ער האָט אָנגעצונדן אין אונזער שול־יוגנט דעם פלאַם פון קערפּערלעכער קראַפט, און איצט וועט ער זיין דער בויער פון אונזער צוקונפטיקן רום, דעם ערשטן אומאָפּהענגיקן בירגער־זעלבסטשוץ אין דער שטאָט סערעט.״

אַ שוואַכער אַפּלויז. אינזשיניער האָלטערס פאַרזיכערונג, אַז — ווען עס וועט נויטיק זיין — וועט ער אַלע סערעטער מאַכן אומשטערבלעך דורך אַ רומפולן טויט, האָט אויך נישט אַרויסגערופן קיין באַגייסטערונג. האָט הילאַריאָן טאָפּאַן גענומען דאָס וואָרט, און אַזוי שטאַרק און אַזוי מעכטיק האָט ער נאָך ביז איצט קיינמאָל פריער נישט גערעדט: „מיטבירגער מיינע און צייט־גענאָסן! מיר דאַרפן גאָט דאַנקען, וואָס ער האָט אונז געלאָזט געבוירן ווערן אין אַזאַ גרויסער צייט. אפשר נאָר יענע, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק צו דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט אין יענע נעכט, ווען

דאָס אַלטערטום איז אַוועק פאַרן מיטלאַלטער, און דאָס מיטלאַלטער איז אַנטלאָפן פאַר דער ניי־צייט — אפשר נאָר יענע וואָלטן געקאָנט באַהויפּטן אַז זיי האָבן געהאַט אַ גליקלעכערן געבוירן־טאָג, ווי מיר. כדי צו האָבן אַ באַגריף וואָס די היינטיקע גרינדונג פון זעלבסטשוץ מיינט פאַר אונזער שטאָט, פאַר אונזער לאַנד און, אָן צווייפל, אויך פאַר אַלע אונטערטאַנען פון אונזער גרויסער מאָנאַרכיע, ווייל איך בלויז דערמאָנען, אַז אויך רוים איז געבוירן געוואָרן ווי אַ קליין שטעטל און איז דערנאָך אונטערגעגאַנגען ווי אַ וועלט־מלוכה. אויב מיר זאָלן נאָר וועלן, קאָן אויך מיט אונז דאָס זעלבע זיין."

55

אויפן באַלקאָן פון צווייטן שטאָק פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט איז געזעסן דער הויפּט־שטעלפאַרטרעטער פון דער בוקאָווינער לאַנד־רעגירונג, דר' וואַזערל, און אַראָפּגעקוקט אויף דער מענטשן־מאַסע אונטן. עס איז געווען אום זונטיק פון דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער פּאַסכאַ, און דער צווייטער טאָג פסח ביי אידן. די גלעקער פון קאַטוילישן קלויסטער האָבן אַנגעזאָגט, אַז קריסטוס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים. די גלעקער פון די גריכיש־אָריענטאַלישע און גריכיש־פּראַאיניקטע קירכן האָבן געפּרואווט איבערקלינגען די אַנדערע גלעקער און גערופן זייערע גלויביקע צום זונטיקדיקן גאָטעסדינסט. יאָמטעוודיק־אָנגעטוענע אידן זענען פּאַמעלעך זיך געגאַנגען אין שוהל און אין די בתי־מדרשים. אַ געמיש פון שפּראַכן און טראַכטן. מען האָט גערעדט רומעניש און אוקראַיניש, אידיש, דייטש, סלאָוואַקיש און אפילו אונגאַריש. אָט די קליינע גרענעץ־שטאָט אין מזרח פון דער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע איז פאַר זיך אַליין געווען אַ מיניאַטור פון דער געמישטער האַבסבורגער־מלוכה. צווישן אָט דער מאַסע פונעם קליינעם פעלקער־געמיש, וואָס האָט געשטראַלט פון און צו די קלויסטערס און בתי־מדרשים, האָבן זיך אַרומגעדרייט די פּאַטרולן פון דעם מיט זעקס־און־דרייסיק שעה פריער געגרינדעטן סערעטער ביר־גער־זעלבסט־שוץ. זיי זענען געגאַנגען צו פיר אין אַ גרופּע, וואָס מ'האָט גערופן דער „צוג", און דער אָנפירער פון יעדער גרופּע האָט געטראָגן אַן אַלטן פּאָליציי־אוניפאָרם און אַ ביקס, וואָס האָט אויסגעקוקט, ווי מ'וואָלט זי אַרויסגענומען פון אַן אַלטן מוזיי. די אַנדערע דריי פון „צוג" האָבן געטראָגן בלויז שוואַרץ־געלע אָרעם־בענדער אויף דער לינקער האַנט.

דר' וואַזערל איז געווען צופרידן. נעבן אים איז געשטאַנען אַ ווינער

פרעסע־פארשטייער און פאטאגראפירט. די יעניקע, האט דר׳ וואזערל געטראכט, וועלכע האלטן, אז די עסטרייכיש־אונגארישע מאנארכיע איז נישט לעבנס־פעאיק, וואלטן באדארפט א קוק טאן אויף סערעט. ווען אט די פאטאגראפיעס און די ארטיקלען וועלן אפגעדרוקט ווערן אין דער ווינער פרעסע, וועט מען ערשט זען וואס אזא פעאיקער און דערפארענער באאמטער, ווי ער, קאן אויפטאן: אויף יענער זייט גרענעץ, אין רומעניע, ברעכט־אויס אן אויפשטאנד, א בלוטיקער בירגער־קריג; און דא, אין דער מאנארכיע פון זיין מאיעסטעט, צווישן דעם פארשידנארטיקסטן פעלקערגעמיש, אונטער דער לייטונג פון דר׳ וואזערל, הערשט הארמאניע און פעלקער־פרידן.

שטייענדיק אויפן באלקאן, פון וואנען ער האט אלץ געקאנט זען, אבער אים אליין האט מען קוים געקאנט באמערקן, האט ער פלוצים דערהערט דעם קאמאנדע־רוף פון דעם „גענעראל־שטאב־שעף״ אינזשיניער האלטער: „אכטונג! קוק רעכטס!״. דר׳ וואזערל האט ארונטערגעקוקט פונעם באלקאן און דערזען דעם בירגערמייסטער פראנץ בייל, וועלכער האט אויסגעקוקט געוואלדיק קאמיש אין דער פאראד־אוניפארם פון די פייערלייט: דער מונדיר איז געווען אויף אים אזוי ענג, אז נישט די הויז און נישט דער ראק האבן זיך געלאזט פארקנעפלען; אויפן קאפ האט ער געטראגן א העלם מיט שטרויס־פעדערן. ער האט אויסגעזען, ווי אן אויסגעשטאפטע פיגור, וואס באוועגט זיך אויף ספרוזשינעס. די מענטשן פונעם זעלבסטשוץ האבן פאר אים אראפגענומען די היטלען, וואס האט שטארק פארדראסן דעם אינזשיניער האלטער — ער האט געוואלט זיי זאלן דעם בירגערמייסטער באגריסן „מיליטעריש״. האט ער באפוילן די פאטרולן נאכאמאל זיך אויסשטעלן, כדי זיי צו געבן א לעקציע אין „מיליטערישער האלטונג״. אבער דער בירגערמייסטער איז געווען אזוי צעטומלט און אויפגערעגט, אז ער האט זיך אויף זיי אפילו נישט אומגעקוקט און איז, פארסאפעטערהייט, ארויפגעלאפן צו דר׳ וואזערל.

ער האט אנגעקלאפט אין טיר און איז ארויס אויפן באלקאן: „וואלט איך געקאנט מיט אייך, עקסצעלענץ, רעדן אן אויגנבליק פריוואט?״

דר׳ וואזערל האט געבעטן דעם פרעסע־פארשטייער, ער זאל אראפגיין נעמען פאטאגראפיעס פון גאס און נאכדעם זיך געווענדט צו פראנץ בייל: „דערלויבט מיר, הער בירגערמייסטער, אין מיין נאמען, ווי אויך אין נאמען פון דער רעגירונג, אייך אויסצודריקן אנערקענונג פאר דער אויסגעצייכנטער ארגאניזאציע, וואס איר האט אין אזא קורצער צייט אויפגעשטעלט. ערגערט אייך נישט, אויב עס פעלן נאך ערגעץ־וואו קלייניקייטן — פארטיקע זאכן פאלן נישט אראפ פון הימל.״ ער האט אויף אים א קוק

געטאָן און נאָך צוגעגעבן: „די אוניפאָרם, העד בירגערמייסטער, פאַסט איך אויסגעצייכנט.“

פראַנץ ביילס פּנים האָט זיך אַביסל אויסגעלייטערט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט איינגאָטצן פאַרבאָרגן זיין נידערשלאָגנקייט: „אויב אייער עקסצעלענץ וועט עס מיר נישט נעמען פאַר אומגוט, וועל איך זיך דערלויבן צו זאָגן אַ געוואַגט וואָרט.“

„זאָגט, איך הער גערן הער בירגערמייסטער.“

„איך וועל מיר דערלויבן צו זאָגן, אַז נישט אַלץ, וואָס איז גאָלד, שיינט.“

„אַלגעמיין גערעדט, זייט איר אפשר גערעכט. אָבער וואָס ברענגט אייך צו אַזעלכע ערנסטע געדאַנקען גראָד איצט, אין דעם מאָמענט?“

אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט פראַנץ בייל אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי אוקראַיניש־געדרוקטע האַנטצעטלען און זיי איבערגעגעבן דר' וואַזערל. ווען ער האָט געזען וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט אויף דר' וואַזערל, נאָכדעם ווי ער האָט עס פאַרזיכטיק דורכגעלייענט, האָט פראַנץ בייל געזאָגט: „איך וואָלט נישט וועלן, אַז אייער עקסצעלענץ זאָל האָבן אַ פאַלשן איינדרוק וועגן אונזער שטאָט, וואָס איז מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן צו זיין מאַיעסטעט. אַחוץ קריגערייען ביי פייערונגען און יום־טובים, ווען מ'טרינקט אַביסל צופיל, אָדער אַנדערע קלענערע שטרייטי־קייטן, הערשט ביי אונז פולשטענדיקע איניקייט. ווען עס האָט זיך דאָ געגרינדעט אָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע, האָב איך באַלד געוואָלט לאָזן וויסן דער רעגירונג, אַז איך האַלט עס פאַר נישט ריכטיק. האָט מען מיר אָבער געזאָגט, אַז אויך אין דער קייזער־שטאָט ווין עקזיס־טירט עפּעס אַזאַ מין זאַך. איך האָב שוין דעמאָלט געטראַכט — איצט מעג איך עס דאָך שוין זאָגן אָפן, ווייל מיינע דעמאָלדיקע געדאַנקען, זע איך, זענען דאָך איצט, ליידער, געוואָרן אַ טרויעריקעווירקלעכקייט — איך האָב מיר געטראַכט: פאַר ווין איז עס אפשר גוט, אָבער פאַר סערעט טויג עס נישט. נאָר, ווי אַ געטרייער אונטערטאַן פון זיין מאַיעסטעט, האָב איך געשוויגן. אָבער ווער האָט דעמאָלט ביי אונז געוואוסט וועגן האַנט־צעטלען? אַחוץ אַן אַמטלעכע באַקאַנטמאַכונג, האָט מען דאָ אַמאָל געדרוקט פלאַקאַטן, ווען אַ מענאַזשעריע איז געקומען אין שטאָט, אָדער ביי אַנדערע אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, ווי זיין מאַיעסטעטס געבורטסטאָג. איז געקומען דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. אויך דעמאָלט האָב איך געטראַכט, אַז פאַר אַנדערע שטעט איז עס אפשר גוט — אַז נישט, וואָלט דאָך עס זיין מאַ־יעסטעט נישט געוועזן אַרויסגעגעבן — אָבער פאַר סערעט טויג עס נישט. און אָט די מענטשן, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי, אַן דעם אַלגעמיינם וואַל־

רעכט געווען גאַרנישט — שוסטערס, שניידערס, בלעכערס, קירזשנערס — פאַרפאַסן זיך פלאַקאַטן און דרוקן עס אָפּ!"

„אָבער הער בירגערמייסטער, איך זע נישט קיין שום צוזאַמענהאַנג צווישן דעם אַלגעמיינעם, גלייכן און געהיימען וואַל־רעכט, וואָס זיין מאַיעסטעט האָט מיט אַזאַ ברייטער האַנט געשאָנקען די פעלקער פון עסטרייך, — און אַט די אַפישקעס, וואָס איר האָט מיר דאָ געוויזן."

„אייער עקסצעלענץ ווייסט, ווי איבערגעגעבן איך בין צו זיין מאַיעסטעט און איך וועל נישט וואַגן צו קריטיקירן די מינדסטע זאַך, וואָס זיין מאַיעסטעט טוט־אויף. איך האָב נאָר געמיינט צו זאָגן, אַז קיינעם וואָלט גאָר נישט איינגעפאַלן אויסצודיכטן אַפישן, ווען זיי זאָלן עס נישט געווען אָפּלערנען פון די וואַל־אַגיטאַטאָרס. ביי מיר, אין דער ביר־ברייעריי, פלעגן די מענטשן אַרבעטן פערצן שעה אַ טאָג און זענען געווען צופרידן. וואָרים אַז מען איז דעם גאַנצן טאָג פאַרטאָן מיט אַרבעט, האָט מען נישט קיין צייט אויף נאַרישקייטן. איצט טיילט מען צווישן מיינע אַרבעטער אָט אַזעלכע אַפישקעס און מען העצט זיי אויף, זיי זאָלן נישט אַרבעטן לענגער, ווי צען שעה אַ טאָג. און טאָמער איז דאָס זיי ווייניק, נעמט אָט דער געמיינדע־ראַטמאַן אַנדריוק און העצט די מענטשן, מען זאָל נישט אַריינטרעטן אין זעלבסטשוץ. איך האָב דעריבער געוואָלט פרעגן, צי מען וואָלט נישט געקאָנט אויך ביי אונז — ווי ביי די גרויסע אַרמייען — איינפירן אַ שטראָף פאַר דעזערטירן פון דער פאָן. איך דענק, אַז מיט אייער צושטימונג, פאַרשטייט זיך — מיר וואָלטן באַדאַרפט מאַכן אַ פאָן פאַר אונזער זעלבסטשוץ, און יעדער איינער זאָל שווערן איבער דער פאָן..."

ס'איז אַריינגעקומען דער יונגער בריוו־טרעגער יוסטפאַן און איבערגעגעבן דר' וואַזערל אַ טעלעגראַמע. דר' וואַזערל האָט זיך אַנטשולדיקט ביים בירגערמייסטער, געהייסן דעם בריוו־טרעגער צואוואַרטן — אפשר וועט ער דאַרפן צוריקשיקן אַ טעלעגראַפישן ענטפער — און איז אַריין אין צימער. דער בירגערמייסטער און יוסטפאַן זענען געבליבן אַליין אויפן באַלקאָן.

דר' וואַזערל האָט אַנטציפערט די טעלעגראַמע, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ שטרענג־געהיימע מיטטיילונג פון דער רעגירונג: **נאָך די צייטווייליקע** דערפאָלגן פון די פויערים, האָט גענעראַל אַוואַרעסקו מיט אַ גרויסער אַרמיי באַזיגט די רעבעלן און צוריק ביי זיי אָפּגענומען די מייסטע ערטער, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרנומען. נאָר אין דאָראָהאָי האַלטן זיך נאָך די בינטאָוושטשיקעס, אונטער דער אָנפירונג פון אַ קאָרפּאָראַל און אַ יונג בלאָנד מיידל, וועלכע איז, ווי מ'זאָגט, אַן עסטרייכערין. די צוויי מענטשן זענען געוואָרן לעגענדאַרע פיגורן. אָבער מען וועט, אָן צווייפל, אויך זיי בייקומען אין די נאָענטסטע אַכט־און־פערציק שעה.

אַט דער טייל פון דער טעלעגראַמע איז געווען אינטערעסאַנט, עס האָט אָבער נישט געהאַט קיין דירעקטן שייכות מיט דר׳ וואַזערל. ער האָט גע־וואוסט, אַז אין די ווינער רעגירונג־קרייזן ווינטשט מען זיך אַזאַ אויסגאַנג, כּדי אויף דעם אופן אויסצומיידן די דעליקאַטע פראַגע פון אַן אינטערווענ־ציע, וואָס וואָלט געקאַנט פירן צו ערנסטע, און אפשר געפערלעכע אינ־טערנאַציאָנאַלע פאַרוויקלונגען. אָבער דער צווייטער טייל פון דער טעלע־גראַמע האָט אים געשטעלט פאַר אַ שווערן פּראָבלעם. עס האָט זיך דאָרט געזאָגט: מען קאָן דערוואַרטן, אַז די רעבעלן פון דאַראַהאַי זאָלן זיך צו־ריקציען צו דער עסטרייכישער גרענעץ. די רעגירונג וואָלט נישט וועלן, מען זאָל דערלאָזן, אַז באַזיגטע רומענישע פּויערים זאָלן אַריבערלויפן אויף דער עסטרייכישער זייט. דאָס קאָן אַרויסרופן סיי שוועריקייטן מיט דער קע־ניגלעך־רומענישער רעגירונג, סיי אומרוען אויף אונזער זייט, ווייל מיטן גייסט פון בונט קאָן מען זיך לייכט אָנשטעקן. די עסטרייכישע רעגירונג האָט דעריבער צוגעשטימט צום פאָרשלאַג פון דעם רומענישן אַמבאַסאַדאָר אין ווין און דערלויבט, אַז הונדערט רומענישע זשאַנדאַרן, איבערגעטאָן ווי פּויערים, זאָלן איבער סערעט אַריבערגיין אויף דער רומענישער זייט און דאָרט פאַרהאַלטן די רעבעלן, זיי זאָלן נישט אַריבער אויף דער עסטריי־כישער זייט. פאַר דעם צוועק האָט מען, אונטער אַ שטרענגער וואַך, אַרויס־געשיקט קיין סערעט הונדערט ביקסן מיט אַמוניציע, וועלכע מען דאַרף דערווייל באַהאַלטן ביי אַ פאַרלעסלעכער פּערזאָן. דאָס אַלץ — שטרענג געהיים. יעדער פון די איבערגעטוענע זשאַנדאַרן וועט דערנאָך אַליין פאַר זיך איבערנעמען זיין געווער און אַמוניציע און אַריבערגיין די גרענעץ. מען דאַרף אַזוי גיך ווי מעגלעך לאָזן וויסן, וואו מען וועט קאָנען אָפּנעמען דאָס באַהאַלטענע געווער.

דר׳ וואַזערלס מוח האָט גענומען אַרבעטן: אויב דאָס אַלץ ווערט נישט פּינקטלעך דורכגעפירט, קאָן זיין ווייטערדיקע קאַריערע שטיין אין קאָן. מיט ביילן קאָן מען וועגן דעם נישט רעדן, ווייל ער איז אַ פלאַפּלער. סענ־דער שלמה שרייבער איז יאָ פאַרלעסלעך, קאָן האַלטן אַ סוד און פאַר־שטייט די באַדייטונג פון אַזאַ אַקציע. אָבער ביי אים קאָן מען דאָך נישט באַהאַלטן קיין געווער, וועלכעס „פּויערים" זאָלן דערנאָך ביי אים אָפּנעמען. ביי וועמענזשע באַהאַלט מען עס? ער האָט לאַנג נאָכגעטראַכט, ביז ס׳איז אים איינגעפאַלן — דאָס נאַכט־לאָקאַל פון פייוול פּראַנט! עס ליגט נישט ווייט פון דער גרענעץ, און די מענטשן, וואָס קומען אַהין אינדערנאַכט, וועלן אפשר אפילו נישט באַמערקן, ווען פון צייט צו צייט וועט קומען אַ פּויער און זיך אַרויסנעמען אַ ביקס פונעם קעלער — יענע זענען דאָרט פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן. פייוול פּראַנט ווידער איז אַן אַלטער סאָלדאַט

און זיכער פֿאַרלעסלעך. די פֿראַגע איז נאָר, ווי אַזוי טרעפֿט מען זיך מיט אים, אַז ס'זאָל נישט צופֿיל אויפֿפֿאַליק ווערן.

דר' וואַזערל האָט אַלץ אויסגעפּלאַנירט און אַריינגערופֿן צו זיך פֿראַנץ בייל: „זאָגט מיר, הער בירגערמייסטער, וואָס האַלט איר פֿון פּיוול פּראַנט?"

פֿראַנץ בייל האָט נישט געניי פֿאַרשטאַנען: „אויף וועמען פֿרעגט אייער עקסצעלענץ?"

„איך פֿרעג, צי פּיוול פּראַנט איז אַ גענוג פֿאַרלעסלעכער פּאַרשוין."

פֿראַנץ ביילס פּנים האָט זיך צעשיינט. ער האָט אויף אַ מאָמענט פֿאַרגעסן אַלע זיינע זאָרגן וועגן די האַנטצעטלען — אַ קלייניקייט! אַזאַ הויכע פּערזענלעכקייט רעדט צו אים וועגן אַזאַ אינטימער פֿראַגע, וואָס האָט אים אַליין שוין אויך נישט איינמאָל פֿאַראינטריגירט. ער איז שטאָלץ געווען מיט דעם פֿאַרטרויען, וואָס מען שענקט אים און געזאָגט: „פֿאַר פּיוול פּראַנט גאַראַנטיר איך מיט מיין קאָפּ. ער קאָן שווייגן, ווי אַ טויטער. איך זאָג עס אייך אויס דערפֿאַרונג. יעדער מאָן — נו, ווי זאָל איך נאָר זאָגן... איר, איך מיין — אייער עקסצעלענץ פֿאַרשטייט דאָך. ס'איז נייטיק אַמאָל זיך צו נעמען אַ קליינע וואַקאַציע אין פֿאַרהייראַטן לעבן. ריין, ציכטיק, שטייט אונטער אַ דאָקטאָרס קאָנטראָל — און ביי מיר קומט מען נישט אָפּ כּמעט שיהיי־פּיהי. אויב איך קאָן נאָר מיט עפּעס דינען אייער עקסצעלענץ, בין איך עס גרייט צו טאָן צו יעדער צייט."

דר' וואַזערל האָט אים געלאָזט אויסרעדן און איז אפֿילו געווען צופֿרידן, וואָס פֿראַנץ בייל שטויסט זיך נישט אָן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ: „וואָלט איך אפֿשר געקאָנט זען אים אַליין ביי אייך אין קאָנצעליאַריע — לאָמיר זאָגן, אין אַ האַלבער שעה אַרום? איך האָף, עס וועט נישט זיין איבעריק אויפֿפֿאַליק, וואָס ער קומט צו אייך אין קאָנצעלאַריע אפֿילו אין אַ זונטיק?"

„אים גאָר?... אים אַליין? ער איז אַ מאָן אין די פּופֿציקער... אָך, יאָ — אַנטשולדיקט. דער קאָפּ איז אַזוי פֿאַרדרייט צוליב די געשעעענישן. לאָזט מיר נאָר וויסן, וויפֿל אַזייגער... אייער עקסצעלענץ דאַרף פֿאַרשטיין... אין אַזאַ אָפּגעלעגענער געגנט — אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט איר אים טרעפֿן אין מיין קאָנצעלאַריע."

פֿראַנץ בייל איז אַ ווײַלע שטײַק־געבליבן ביים אַרויסגאַנג פֿון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפֿט — וועמען קאָן ער אַריבערשיקן צו פּיוול פּראַנט, אָבער אַזוי, אַז קיינער זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם? און דאָ איז אַרונטערגעקומען מיט די טרעפּ דער ביוראָ־טרעגער יוסטפֿאַן, וועמען דר' וואַזערל האָט געהייסן צוריקקומען נאָך אַן עגטפֿער־טעלעגראַמע ערשט אין צוויי שעה אַרום. פֿראַנץ בייל האָט אים פֿאַרהאַלטן: „יוסטפֿאַן, האָט איר אפֿשר איצט אַביסל צייט צו גיין אַ וויכטיקן גאַנג?"

„איך וואָלט זיך געוואונטשן צו האָבן אַזוי פּיל געלט, וויפל צייט איך האָב. היינט בין איך צוגעטיילט צום טעלעגראַפן־דינסט. אָבער אום זונטיק, אָדער אין א חגא קומען נישט אָן קיין וויכטיקע טעלעגראַמעס. אויסער אַ טעלעגראַמע צו פּרוי בלאַזע, אַז איר באָבע איז פּונקט צו איר צוויי־און־ניינציקסטן געבורטסטאָג געשטאָרבן, איז היינט גאָרנישט אָנגעקומען. ס'איז אפילו נישט אָנגענעם פּונקט אום פּאַסכאַ־זונטיק צו ברענגען אַזעלכע בשו־רות, אָבער וואָס לאָזט זיך טאָן? מ'מוז, דינסט איז דינסט. מיר אַליין איז אויך נישט אַזוי לייכט. יאָ, כ'האָב זיך דערמאָנט — ס'איז אָנגעקומען נאָך אַ טעלעגראַמע, צו פּעטער קאָפּ: 'פּאָלדי געשעפּטלעך קיין ווין אָפּ־געפאָרן. ברענג פּערזענלעכע טרייסט. עליזע'. ווען מ'האָט אַליין אַ יונג ווייבל און מ'זעט אַזאַ טעלעגראַמע פון אַ ווייבל צו אַ פרעמדן מאַן, איז עס אויך נישט קיין גרויס פאַרגעניגן. אָבער דינסט איז דינסט. כאָטש פאַר מיין מאַרגאַריטאַן קאָן איך שווערן ביי אַלץ, וואָס הייליק איז. יאָ, דערנאָך איז געקומען אָט די מעטער־לאַנגע טעלעגראַמע צום הער פון דער רעגי־רונג. עס איז נישט קיין לייכטע זאַך, הער בירגערמייסטער, צו זיין אַ רע־גירונגס־מענטש. אָט די טעלעגראַמע איז באַשטאַנען עפּעס פון לויטער טאַטאַרישע ווערטער און ציפערן, ווי מ'וואָלט דאָ טעלעגראַפירט אַלע הויפּט־טרעפער פון דער לאָטעריע. אַזאַ טעלעגראַמע מוז קאָסטן אפשר צען גולדן."

בשעת יוסטפאַן האָט גערעדט, האָט פראַנץ בייל דערווייל זיך צוגעע־קוקט צו אַ פאַרביימאַרשירנדיקער אָפּטיילונג פון זעלבסטשוץ און נישט געהערט קיין וואָרט, וואָס ער זאָגט. האָט ער אָנגעהויבן פון אָנהויב און אים געפרעגט מיטן זעלבן ערנסט, ווי דר' וואָזערל: „פאַרשטייט איר צו האַלטן אַ סוד, יוסטפאַן?"

„איך וואָלט זיך געוואונטשן, אַז מיין פרוי זאָל אַ פערט־חלק שווייגן, ווי איך. און סודות קאָן איך האַלטן בעסער ווי דער גלח, ווען מען איז זיך פאַר אים מתוודה."

„דאָ האָט איר אַ קראָנע פאַרן וועג, יוסטפאַן. גייט אַריבער אַזוי גיך ווי מעגלעך צו פּיוול פראַנט און זאָגט אים ער זאָל שוין קומען צו מיר אין ביוראָ. אָבער איך מאַך אייך נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם, אַז דאָ האַנדלט זיך וועגן אַ זייער דעליקאַטער אָנגעלעגנהייט."

יוסטפאַן האָט זיך צווידייטיק צעשמייכלט: „ביי פּיוול פראַנט האַנ־דלט זיך שטענדיק וועגן זייער דעליקאַטע אָנגעלעגנהייטן. זאָל ער אפשר באַלד..."

„גאָרנישט זאָל ער באַלד, נאָר ער זאָל באַלד אַריבערקומען. און פאַרגעסט נישט: עס האַנדלט זיך דאָ וועגן אַ גרויס, און אפילו וועגן אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיק רעגירונג־געהיימניש."

56

אַ האַלבע שעה שפּעטער זענען אין בּיוראָ פון בירגערמייסטער געזעסן ביידע אַליין, דער וויצע־לאַנד־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע, דר־וואַזערל, און פּיוול פּראַנט, דער באַזיצער פון „אידאַ־היים": „איר האָט, פּיוול, ווי מען דערציילט מיר, געדינט צוואַנציק יאָר אין אונזער רומפּולער קייזער־און קעניגלעכער אַרמיי?"

„אַזוי איז עס, אייער עקסצעלענץ."

„וואו האָט איר געדינט?"

„צוערשט דריי יאָר אין טשערנאָוויץ, דערנאָך אין סאַנדזאַק נאָווי־באַזאַר, שפּעטער ביי דער גרענעץ פון אַלבאַניע און..."

„זייער גוט, און אין די צוואַנציק יאָר האָט איר זיך דערדינט צום ראַנג פון אַ פעלדוועבל?"

„שטימט, אייער עקסצעלענץ."

„און וואָס איז געוועז די אורזאַך, וואָס איר האָט זיך גענומען צו אייער איצטיקן באַרוף?"

„ווען מ'דינט אַפּ צוואַנציק יאָר זיין מאַיעסטעט און מ'טוט אַ נוצלעכע אַרבעט, קאָן מען ביי זיך נישט פועלן די ווייטערע עטלעכע יאָר, וואָס גאָט האָט געשאָנקען צו לעבן, צו פאַרברענגען אומנוצלעך אין אַ קאַנצעלאַריע. ווייל אויב אייער עקסצעלענץ האָט געדינט ביים מיליטער, וועט איר וויסן, אַז די אומנוצלעכסטע אַרבעט ווערט אָפּגעטאָן אין די קאַנצעלאַריעס. קיין אַנשטענדיקער סאָלדאַט וועט זיך פרייוויליק נישט מעלדן צו שרייב־אַרבעט. איך בין אַ מענטש, וואָס קאָן נישט אַרומגיין ליידיק."

„און ביים מיליטער האָט איר זיכער זיך אויסגעלערנט, אַז די גרעסטע און שענסטע מידה איז, אַז ווען מען באַקומט אַ באַפעל, דאַרף מען גאָרנישט פרעגן, נאָר אים געהאָרכזאַם און דיסקרעט דורכפירן — נישט אַזוי?"

„זיכער, אייער עקסצעלענץ. ווען איך זאָל דאָס נישט געוועזן אויסלערנען, וואָלט איך קיינמאָל נישט געווען פעאיק דורכצופירן מיין איצטיקע — נו, ווי זאָל איך זאָגן? — מיין זייער פאַראַנטוואָרטלעכע באַשעפטיקונג. איך האָב איצט זעקס מוידן. איך האָב מיט דעם, גאָט באַהיט, נישט געוואָלט באַשווינדלען דאָס שטייער־אַמט. אָבער אין נאָרמאַלע צייטן, אָן אַ פויערים־אויפשטאַנד, האָב איך בלויז פיר. דאָס קאָן אייך באַשטימען דער הער בירגערמייסטער, דער אויבער־אָפיציאַל פונעם שטייער־אַמט הער באַד־

באַרוק און נאָך אַ סך אַנדערע אַנשטענדיקע, געערטע הערן, וואָס זענען מייַנע סטאַבילע געסט. נאָר איצט, ווען עס זענען דאָ אין שטאָט אַזוי פיל פרעמדע געסט, און מיין אידא האָט נישט ליב, די מיידלעך זאָלן זיך אַיבעראַרבעטן, האָט זי צוגענומען נאָך צוויי אַרויסהעלפּערינס. יונגע, פרישע מוידן. איז אויב אייער עקסצעלענץ ווינטשט..."

„הערט אייך גוט צו, פּיוול: היינט פרי אין אָוונט וועט צו אייך צופאָרן אַ פויערישע פור."

„דאָס איז זייער גוט. פרי אין אָוונט זענען ביי מיר דאָ גאָר געציילטע מענטשן. דאָס בעסטע איז, אייער עקסצעלענץ זאָל אַריינגיין דורך דער הינטערשטער טיר."

„שלאָגט מיר נישט איבער און שטעלט נישט קיין פראַגן, נאָר הערט אייך אויפמערקזאַם צו: ס'וועט צופאָרן אַ פּשוטע פור מיט אַ סך זעק קאַרטאָפליעס."

„גראָד האָב איך נאָך די יום-טובים געוואָלט איינקויפן קאַרטאָפליעס שוין אויפן ווינטער. אָבער אַנטשולדיקט, עקסצעלענץ, וואָס איך האָב איבערגעשלאָגן. איצט, וועל איך שוין האַלטן די צונג צווישן די ציין."

„זעט, אַז איטער איר אַליין, זאָל קיינער נישט זיין דערביי, ווען מ'וועט אַפּלאָדן די קאַרטאָפליעס; אַפילו נישט אייער פרוי. צווישן די זעק קאַרטאָפליעס וועלן זיך געפינען עטלעכע זעק, אין וועלכע עס וועט זיין איינגעפּאַקט געווער. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?"

„לויט אייער באַפעל, עקסצעלענץ. איך וויל מער גאַרנישט פרעגן; אָבער איך בין נישט זיכער צי האָב איך ריכטיק געהערט."

„אויף די זעק מיטן געווער וועט איר אַרויפלייגן עטלעכע זעק מיט קאַרטאָפליעס — אָבער אַזוי, אַז מען זאָל גאַנץ לייכט קאָנען צו זיי צוקומען. מ'וועט אייך ברענגען עטלעכע קעסלעך אַמוניציע. דאָס אַלץ וועט איר באַהאַלטן אין קעלער, אָבער די טיר זאָל בלייבן אָפן. אַרום מיטנאַכט וועלן קומען פויערים. יעדער פויער וועט זיך נעמען אַ געווער. איר זאָלט קיינעם גאַרנישט פרעגן — ס'איז נישט אייער זאַך. האָט איר פאַרשטאַנען? יאָ, וואָס איך האָב נאָך געוואָלט זאָגן: די קאַרטאָפליעס בלייבן אייערע. דאָ האָט איר פּוטציק קראָנען — פאַר אייך. און געדענקט: קיינער טאָר קיינמאָל זיך נישט דערוויסן וועגן דעם. מיך האָט איר קיינמאָל נישט געזען. איך פאָר נאָך היינט אַוועק און פאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף אייך."

57

מיטן „שיר המעלות בשוב ד׳ את שיבת ציון״ אויף די ליפּן זענען די אַנטלאָפענע אידן צוריקגעקומען קיין מיהאַלעני. אמת, זיי זענען נישט צוריקגעקומען אין אַ הימלישן ירושלים של־מעלה, אויפגענומען צו ווערן פון מלאכים און כרובים. אפילו נישט אין אַ פּראָסט־פּשוטן ערדישן ירושלים של־מטה, כדי — ווי אונטער עזרא־הסופר — ווידער אויפצובויען דאָס בית־המקדש. אָט די שניידערס און שוסטערס, קירזשנערס און בלעכערס, בייטשן־מאַכער, הענדלער און שענקערס זענען בלויז צוריקגעקומען אַהיים, אין דעם קליינעם רומענישן גרענעץ־שטעטל מיהאַלעני. אָבער שוין אָט דאָס אומקערן זיך אין דער אָרימער היים, נאָך צוויי טעג „תענוג״ אויף בעטל־ברויט און אַרומוואַלגערן זיך אויף שטרוי אין דער סערעטער פאָלקס־קיך, האָט אויסגעקוקט אין זייערע אויגן, ווי אַ ישועה, ממש ווי אַ גאולה. און זענען דען נישט בפירוש געשען נסים מיט זיי? דער סערעטער גביר מענדער שלמה שרייבער האָט צו זיי, די ביטערע אָרימעלייט, גערעדט אין נאָמען פון אַ פרעמדן קייזער; אין לאַנד קומט פאָר אַ מלחמה, און דאָך לאָזט מען זיי צו־רו, הגם זיי זענען שטענדיק דער שעיר־לעזאזל; ס׳איז ערב יום־טוב, און דאָך איז נאָך קיין איין פּאָליציסט אָדער באַאַמטער נישט געקומען צו זיי אויספּרעסן געלט.

די אויסגעקאַלעכטע ווענט אין די שטיבער, די ווייסע טישטוכער, די געבענטשטע יום־טוב־ליכט, די מצות און כוסות ווין אויפן טיש, און דערבאָך די געשמאַקע הגדה — דאָס אַלץ האָט זיי אויסגעזען ווי אַ חלום. האָבן נאָך זיסער געשמעקט די אַרבע כוסות און מ׳האָט מיט נאָך מער התמדה געזאָגט די הגדה. מעגלעך, אַז נישט איינער האָט דערביי שטילערהייט, פאַר זיך, געטראַכט, אַז אפשר וועט טאַקע אין דער דאָזיקער נאַכט קומען דער גואל... אָבער שלום, וועלכער האָט זיי אַלע צוריק אַהער געפירט און איז איצט, מיט זיין טאַטן דעם שניידער און זייער גאַנצן בני־בית געזעסן ביים סדר, האָט אָן ספק, באמונה־שלמה געגלויבט, אַז פונקט צו חצות וועט משיח קומען. שוין צוויי מעת־לעת ווי ער שלאָפט נישט. ער האָט אַרומגעוואַנדלט צווישן צוויי מלוכות, געגאַנגען אויפן בית־עלמין צום קבר פון זיין רבין זכרונו לברכה, דערנאָך אַרויסגעפירט די אידן פון דער קנעכטשאַפט אין דער סערעטער פאָלקס־קיך און מיט זיי אָקעגנגעגאַנגען משיחן ביז קיין מיהאַלעני — ער האָט געוואוסט, אַז דער סדר מיט דער הגדה זענען נאָך נישט די גאולה אַליין — דאָס איז בלויז ערשט אַן אָנזאָג, ווי אַ פאָרהויז צום

איינגטלעכן פּרדס; און דאָך האָט ער „געזאָגט" מיט התמדה פּסוק נאָך פּסוק, וואָרט־ביי־וואָרט.

ס'איז געקומען צו „שפוך חמתך", ווען מ'עפנט ברייט די טירן אין אידישע הייזער צו ווייזן, אַז ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, ווען גאָט וואַכט איבערן כלל־ישראל — אָבער אויך, כדי אליהו־הנביא זאָל אַריינקומען אויסליידיקן דעם צוגעגרייטן כוס און אָנפילן אידישע הייזער מיט ברכה און הצלחה.

שלום האָט געעפנט די טיר. ער האָט בפירוש געזען אַריינקומען אליהו־הנביא. ער האָט אים געוואָלט פאַרהאַלטן, פרעגן אויף משיחן — אָבער אײדער וואָס־ווען, האָט אליהו אויסגעליידיקט דעם כוס און ווידער אַרויסגעשוועבט, ווי אַ וואָלקן. שלום איז אים נאָכגעלאָפן, אָבער דער וואָלקן איז פאַרשוואונדן. ס'איז געווען אַ קלאָרע, ליכטיקע לבנה־נאַכט. דער הימל איז געווען אויסגעשפּרייט ווי אַ פּרעכטיקער בלויער פּרוכת און ס'האָבן אויף אים געבלישטשעט אַזוי פיל קליינע, ליכטיקע שטערנדלעך, וואָס שלום האָט עס נאָך ביז איצט נישט געזען. „השמים מספרים כבוד אל... שאו שערים ראשיכם ושאו פּתחי עולם, ובא מלך הכבוד..." וואָרים פאַר וועמען דען, אויב נישט אויפצונעמען משיחן, האָבן היינט אַזוי יום־טובדיק זיך צעשטראַלט דער הימל און די שטערן?...

שלום איז געלאָפן אַלץ ווייטער און ווייטער — אפשר וועט ער פאָרט דערגרייכן אליהו־הנביא. ער האָט אפילו נישט באַמערקט, אַז ער איז שוין אויסער דער שטאָט. צעפּיבערט איז ער נאָכגעלאָפן זיין אייגענעם דמיון, וואָס האָט אים געטראָגן אין דער ריכטונג פון דראָהאָי. און וואָס ווייטער ער איז געלאָפן, אַלץ מער האָט דער דמיון זיך דערווייטערט פון אים. ווערט דאָך דערציילט אין „מלכים", אַז עס זענען געווען צייטן, ווען אליהו־הנביא איז אַרומגעגאַנגען צווישן מענטשן, ווי אַ פּשוטער בשר־ודם. און ווען ס'איז געקומען די צייט, אַז ער האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן די ערדישע געצעלטן און אויפשטייגן אין עולם־העליון, האָט צו אים זיין תלמיד אלישע אַזוי געזאָגט: „רבי, איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן, ביז דו וועסט מיך נישט מזכה־זיין מיט אַ כוח־הדמיון, וואָס איז טאָפּלט פון דעם כוח, וואָס דו אַליין פאַרמאָגסט". דאָס איז געווען אין יריחו ביים ירדן... אָבער דאָ, אין מיי־האָלעני ביים סערעט, בעט ער, שלום, גאָרנישט פאַר זיך, נישט אַמאָל קיין כוח־הדמיון — ער בעט בלויז ביי אליהו־הנביא מגלה צו זיין דעם גרויסן סוד פון אַלע סודות: האָט שוין די שעה פון דערלייזונג געשלאָגן? קומט ענדלעך די גאולה, אויף וועלכער אידן, ווי אַלע פעלקער פון דער וועלט, לעבעדיקע ווי די שוכני־עפר, וואַרטן שוין זייט דור־דורות?

שלומען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז נישט ער לויפט, נאָר ער שוועבט איבער דער ערד, וואָס איז פול מיט ברכה אין איר טראַכט, איבערביימער,

אַנגעזעטיקט מיט פרישן פרילינג־זאַפט — ער טראָגט זיך איבער שלאָפנ־דיקע דערפער, איבער פאַראייניצלטע, איינזאַמע שטיבלעך...

ס'איז שוין אפשר פון לאַנג געווען נאָך חצות — און ס'האָט זיך אַלץ נאָך נישט געהערט דער שופר־של־משיח, און ס'האָט זיך אַלץ נאָך נישט באַוויזן די דגל־מחנה־יהודה — — יאוש האָט גענומען צערן זיין יונגע נשמה. און דאָך איז נאָך דאָ אַ האָפענונג — דעם נביאס צל שוועבט נאָך, ווי אַ וואָלקנדל אין דער לופטן. אין אַ שטיבל האָט זיך באַוויזן אַ ליכט, און אי־בער אים האָט אַראָפּגענידערט דער שאָטן פון אליהו־הנביא, אַליין ווי אַ בעבטיקע פאַן, וואָס ווייעט אין לייכטן פרילינג־ווינטל.

שלום איז דורכן אָפענעם טויער אַריין אין גאָרטן. דער נביא — די פאַן — — ס'איז געשטאַנען פאַר אים אַן אישה מיט צעלאָזענע האָר — — — ער איז נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט געקומען אויג־אויף־אויג מיט אַן אישה. נישט איינמאָל איז אים געקומען אויף דער מחשבה אַ פרויענצימער — אָבער נאָר די, וואָס וועט דאַרפן זיין זיין כלה. שטייט דען נישט געשריבן וועגן פאָלק ישראל — די כלה פון כביכול — „דיינע בריסטן זענען גרייט, און דיינע האָר צעלאָזן — נאַקעט און אַנטבלויזט און איך בין געקומען אי־בער דיר..." און עס זאָגט זיך ביי ירמיה־הנביא: „איך געדענק דאָס פאַר־טרויען פון דיין יוגנט, די ליבשאַפט פון דיין כלה־צייט, ווען דו ביזט מיר נאָכגעגאַנגען אין אַן אומפּרוכטבאַר לאַנד..."

דער נביא — די פאַן — אָט די אישה האָט געקוקט אויף אים ערנסט און פרייטלעך, ווי זי וואָלט שוין לאַנג אויף אים דאָ געוואַרט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן אויף איר, און דערזען, אַז דאָס איז די זעלבע, וועלכע האָט אים ערשט מיט צוויי טעג צוריק, ווען ער איז גאַנץ־פרי גע־גאַנגען פון סערעט קיין מיהאַלעני, אַרויפגענומען צו זיך אויף דער פור. איז דאָך דאָס געווען דער ערשטער נס יענעם טאָג, וואָס איז אַזוי פול געווען מיט סודות און רמזים. וואו זענען דעמאָלט געווען זיינע אויגן, נישט תיכף צו זען, אַז נישט קיין געוויינלעכע אישה איז דאָס, נאָר אַ שליח פון זייך־ליבן־נאָמען, אַ מלאך, און אפשר גאָר אליהו־הנביא אַליין?...

אַ בלוילעכע בלאַסקייט אין מזרח, צאַרט ווי די ערשטע רייפקייט אויף אַ פרי, האָט אַנגעזאָגט, אַז עס שטייט־אויף אַ גאָלדיקער פרימאָרגן. יאָ, אין אירע אויגן איז דאָ עפּעס פון אַ נביא, פון משיחן... שלום האָט געוואָלט עפּעס פרעגן, עפּעס זאָגן — אָבער זיינע ליפּן האָבן געשוויגן, ווי ער וואָלט פאַרלוירן דעם כוח־הדיבור. זי האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט, און אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבער זיין צאַרטן גוף. ווי געפירט פונעם מאָרגן־שטערן, איז ער אַריין מיט איר אין אַ חדר, וואָס האָט זיך געשאָטנט אין כאָור־הבוקר. זי האָט גערעדט צו אים אין אַ לשון, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אים אויסגעטאָן, אים אָוועקגעלייגט אין בעט און זיך

צוגעלייגט נעבן אים. „למנצח על נגינת לדוד...” מיט אַזאַ נגינה, ווי זי רעדט איצט, האָט געמוזט קלינגען די האַרף פון דוד המלך... דער כוח־הדמיון האָט אים פאַרטראָגן ביזן אָדם־הקדמון — — אַט ער אַליין איז טאַקע אדם־הראשון. די טויערן צום גן־עדן שטייען אָפן, און דעם אַריינגאַנג היט אַ מלך מיט אַ פלאַמענדיקער שווערד אין האַנט. אָבער אַט איז אַוועק שוין דאָס וואָגלעניש איבער מדבריות און ס'איז געקומען די צייט פון מחילה־גמורה — מען מעג שוין אַריבערטרעטן דעם טויער צום גן־עדן — ער אַליין האַלט איצט די פייערדיקע שווערד אין זיין האַנט. ווידער געפינט ער זיך, ווי אַמאָל אדם־הראשון, מיט חוהן אין גן־עדן, פון וואַנען גאָט האָט זיי אַמאָל פאַרטריבן. עס איז אויפגעשטאַנען אַ ליכטיקער, שיינער טאָג, וואָס וועט מער קיינמאָל נישט פאַרגיין, נאָך וועלכן קיין נאכט וועט מער נישט קומען. און אַלץ שטאַרקער האָט געציטערט זיין גוף אין ציטערניש פון תאווה, — זיין נשמה האָט געזונגען אַ שיר־השירים, און מלאכים אין אים האָבן מיטגעזונגען.

שלום האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזען נעבן זיך אַ נאַקעטע ווייבס־פאַרשוין. אָבער ער האָט נישט, ווי אדם אין בראשית, געגעסן פון עץ־הדעת, נאָר בלויז פון התלהבות אין זיין דמיון; און ער האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז נאַקעט. האָט ער, ווי אדם, איר אַ נאָמען געגעבן חוה. און אַזוי האָבן מאַריאַ, ווי חוה, און שלום, ווי אדם געלעבט אין אַ ווינקל פון גן־עדן, צווישן מיהאַלעני און דאָראָהאָי — געלעבט אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, אין אַן אייגענער וועלט פון חלומות. איז נישט געווען מער קיין טאָג־און־נאַכט, ווייל אין גן־עדן איז דאָ בלויז דער אין־סוף. האָבן זיי אין עולם גשמיות געהאַט צוויי פאַרשידענע, פרעמדע לשונות; אָבער אין דער וועלט, אין וועלכער זיי האָבן איצט געלעבט, האָבן זיי גערעדט בלויז אויפן לשון פון נשמה און געבליטן — אַ שפּראַך אָן ווידערשפּרוכן און קעגנזאצן.

און מיטאַמאָל — אפשר נאָך אייביקייטן, און אפשר נאָר נאָך טעג אָדער גאָר בלויז שעהן נאָך זייער גן־עדנשען צוזאַמענלעבן — האָט די ניכטערנע וואָכעדיקייט זיך אַריינגעריסן אין זייער פאַרוויגנדיקן חלום. צום ערשטן מאָל, זייט שלום האָט זיך באוויזן, ווי א דערפילונג פון אירע טרוימען, וואָס זי האָט נישט געקאָנט אויסלעבן — נישט מיט איר מאַן און נישט מיט וואַסילין — האָט מאַריאַ איצט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. פאַר איר איז געשטאַנען יענע בלאָנדע, מיט וועלכער וואַסילי איז געווען אַוועק. זי האָט זיך איינגעקוקט אין אננאס בלאסן געזיכט און גלייך דערקענט, אַז אויך אַננאַ האָט אין דער צייט געמוזט דורכלעבן דעם גאנצן תענוג און ווי פון אַ פאַרלוירענעם און ווידער־געפונענעם גן־עדן. מאַריאַ האָט איצט מער נישט געפילט קיין אייפערזוכט — פאַרשוואונדן איז איצט געווען דער גאַנצער האַס צו איר. פון הויף און גאָרטן האָבן זיך דערטראָגן מענער־

שטימען. מאַריאַ האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און זי האָט ביים שיין פון דער לבנה דערזען יענע פויערים, וועלכע וואָסילי האָט געהאַט אַרויס־געפירט פון דאַנען. זי האָט זיך דערמאָנט — ווען זי וואָלט דעמאָלט נישט געווען פאַר זיי געעפנט די טויערן, וואָלטן זיי קיינמאָל נישט געווען גע־זיגט. זי האָט געפרעגט אויף וואָסילין — אָבער שוין נישט מער אויס איי־פערזוכט אָדער בענקשאַפט — און אַננאַ האָט דערציילט:

„עס זענען אין אַ גרויסער צאָל אָנגעקומען די סאָלדאַטן פון גענעראַל אַוואַרעסקו און האָבן מיט גרויסע מאַשינען גענומען שפּייען אויף די פויע־רים מיט פייער און אייזן. מענטשן זענען געפאַלן ווי זאַנגען אונטערן סערפּ. גאַנצע צוויי טעג האָבן מיר זיך אָקעגנגעשטעלט און אפילו ביי זיי פאַרנומען עטלעכע פון יענע גרויסע מאַשינען. מיר האָבן זיי דאָ מיט זיך. אָבער דער־נאָך האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונז אַ פייערדיקער גיהנום און זיי האָבן אונז צעשלאָגן אין אַ סך קליינע, באַזונדערע אָפּטיילונגען. ערגעץ ביי דראַהאָי קעמפט נאָך איצט וואָסילי מיט איינע אַזאַ אָפּטיילונג פויערים. און מיר האָבן זיך קוים דערשלאָגן אָט ביז אַהער.״

שלום האָט עפּעס אַרויסגעדרונגען פון אַננאַס רייד. ער איז אַראָפּ פון בעט. ערשט איצט האָט אים אַננאַ באַמערקט. זיין מאָגערער, ברוינלעכער גוף מיט דעם טונקל־בלאַסן פּנים, די צעשויבערטע פעך־שוואַרצע פּאות און די גליענדיקע אויגן האָבן געהאַט אין זיך עפּעס נישט דאָאיִדיקס: „די נפי־לים״ — האָט ער געשריען — „וועלכע האָבן נאָך ביי מעשה־בראשית זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם בורא־עולם און ער האָט זיי דערפאַר אַרונטערגע־שליידערט אין עולם־התחתון, אין גיהנום אַריין, זענען ווידער דאָ און ווילן ביים מענטשן אַוועקרויבן זיין ווידער־געוואונענעם גן־עדן. מוזן מיר אָנ־פירן אַ מלחמה קעגן זיי — אפשר שוין די לעצטע מלחמה!״ ער איז אַרויס אויפן הויף צו די פויערים. ווי קליינע קוואַלעכלעך וואַסער, וואָס זאַמלען זיך אין אַ מעכטיקן שטראָם, אַזוי האָבן זיך איצט אָנגעהויפט אין זיין מויל די עטלעכע געציילטע רומענישע ווערטער, וואָס ער האָט געקאָנט מאַכזאָגן, און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ ריזיקער וואַסער־גאָס, וואָס רייסט אַלץ צוזאַמען: „פויערים! גאָטס קינדער! קיין איז ווידער אויפגעשטאַנען צו הרגענען זיין ברודער הבל. אַלע בייזע כוחות האָבן זיך אַרום אים פאַר־זאַמלט. אָבער איצט איז דער גואל-צדק געקומען, און גאָטס צייכן אויף קינס שטערן וועט אים מער נישט באַשיצן. אַרויס אין מלחמה! ס׳איז אַ מלחמת־אלוקים — אַ מלחמה פאַר גאָט. און זאָלן מיר אפילו אַלע פאַלן וועלן מיר ווידער אויפשטיין תחית המתים — ווייל ס׳איז נישטאָ מער קיין טויט צווישן אונז.״

צוויי טעג דורכגאַנגד האָבן די עטלעכע טוצן פויערים, וואָס זענען אַהער געקומען, נישט געהאַט קיין ביסן אין זייער מויל און נישט קיין

טראָפּן וואַסער. בלויז מיט זייערע ביקסן און די צוויי דראָבערטע קאַ־
נאָנען האָבן זיי זיך דערשלעפּט אַהער — אָן אַ ציל, אָן אַ פּלאַן, געיאָגט
פֿון פּאַניק און שרעק. ערשט דאָ זענען זיי צוגעפֿאַלן צום ברונעם און
זיך געלאַבט אויך מיט אַביסל צוויבאַק, וואָס זיי האָבן געהאַט אָפּגענומען
ביי די זשאַנדאַרן. און מיטאַמאָל — אָט די וווּנדער פֿונעם אינגל. ער איז
זיי פֿאַרגעקומען ווי אַ מלאך פֿון הימל. מאַריאַ האָט אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף
שלומען איר מאַנס מיליטער־מאַנטל און אים געגעבן אַ ביקס אין האַנט.
די פּויערים, שוין צוגעוואוינט צו מיליטערישער דיסציפּלין, האָבן זיך
פֿאַרמירט אין אַ געשלאָסענער אָפּטיילונג און, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון
שלומען, מאַריאַ און אַננאַ, זענען זיי אַרויס פֿון פֿריצישן הויף מיטנעמענ־
דיק מיט זיך די צוויי קאַנאָנען. זיי זענען געגאַנגען דורכן וואַלד, וואו ערשט
צוריק מיט עטלעכע טעג זענען פֿאַרגעקומען קאַמפֿן. די זון איז שוין אויפֿ־
געגאַנגען — די פּויערים האָבן מאַרשירט קעגן מערב.

עטלעכע פֿון זיי זענען אַוועק פֿאַראויס אין דאָרף אַריין, וואו ס׳האָט
זיך געפֿונען די פֿאַרלאָזענע נאַפֿט־ראַפֿינעריע, און דאָרט דערציילט וועגן
אַוואַנגאַרדן־פֿאַר דעם פּאַרטיזאַנער אַרמיי און וועגן דעם הייפֿל פּויערים, וועלכע דערנענטערן זיך
צום דאָרף. מ׳האָט אויף גיך צונויפֿגעטראָגן עטלעכע זעק קאַרטאָפֿליעס
און אַביסל קוקורוזע־מעל.

די אָנגעקומענע אָפּטיילונג האָט אַריינמאַרשירט אין דער ראַפֿינע־
ריע. אַננאַ, וועלכע האָט שוין געהאַט אַ היפּשע דערפֿאַרונג פֿון די קאַמפֿן
ביי דאַראַהאַי, האָט געהייסן פֿאַרמאַכן די טויערן און זיך גענומען אָר־
גאַניזירן די פֿאַרטיידיקונג. פֿון די הויכע מויערן האָט מען געהאַט אַן אי־
בערבליק איבער דעם גאַנצן סערעט־טאָל און איבער די דערבייאיקע
דערפֿער אויף דער עסטרייכישער זייט. מען האָט נאָך איצט לייכט גע־
קאָנט אַריבערגיין די גרענעץ קיין עסטרייך, אָבער קיינער האָט אַפֿילו
נישט געטראַכט וועגן דעם. פֿאַר שלומען איז „יענע זייט" געווען דאָס
לאַנד, וואָס ליגט מחוץ דעם גן־עדן און געהערט נאָך צו דער צייט פֿון
פֿאַר משיחן. און הגם ער האָט פֿריער קיינמאָל נישט געהאַט קיין כלי־
זין אין האַנט, האָט ער זיך פֿלייסיק באַטייליקט אין דער צוגרייטונג פֿון
דער פֿאַרטיידיקונג — וואָרים מ׳האָט דאָך באַדאַרפֿט באַשיצן דעם גן־עדן
קעגן דעם אָנפֿאַל פֿון בייזע כוחות.

58

דער בירגערמייסטער פראַנץ בייל איז אין אָוונט פאַר פאַסקאַ־זונטיק געזעסן אַ פאַרזאָרגטער אין גאָרטן פון זיין ווילע. ער איז נישט געווען צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט. די גרויע וואָלקנס און דער קילער ווינט, וואָס האָט צעשאָקלט די נאַקעטע צווייגן אויף די ביימער, האָט געשאַפן דעם איינדרוק מער פון אַ שפּעטן האַרבסט, ווי פון אַנהויב פרילינג. געוויינלעך איז פראַנץ בייל נישט געווען קיין שטימונגס־מענטש; פאַרקערט, ער פלעגט שטענדיק זיין צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט. אָבער אָט די האַרבסטיקע שטימונג האָט אים דערמאָנט אָן דער נאָוועמבער־הגא, ווען קאַטאָליקן גייען אויף קבר־אבות און לייגן פאַרוויאַנעטע בלומען אויף נאַסע קברים — און דאָס האָט ער נישט ליב געהאַט. אחוץ דעם האָט געצויגן אַ קאַלטער ווינט דורך די נאַקעטע נוס־ און קאַשטאַן־ביימער און צערודערט זיין רעאומאַטיזם אין די פיס. מ'ווערט אַלט, האָט ער געטראַכט; אָבער ער האָט באַלד אַליין פאַריאָגט דעם געדאַנק — נאַריש! פינף־און־פערציק יאָר איז ערשט די שענסטע בלי-צייט ביי אַ מאַנסביל.

נאָר די טרויעריקע שטימונג האָט זיך נישט געלאָזט פאַרטרייבן. ווי שטענדיק אין אַזאַ פאַל, האָט ער גענומען טראַכטן וועגן קייזער פראַנץ יאָזעף, וועלכער איז געווען זיין מוסטער און אידעאַל אין לעבן. ער האָט גענומען פאַרגלייכן: נאָך אין שול האָט ער געלערנט, אַז קייזער פראַנץ יאָזעף איז אַרויף אויפן האַבסבורגער טראָן, ווען ער איז קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, און איז אַזוי אַרום דעמאָלט געווען דער יינגסטער מאָנאַרך פונעם ניינצענטן יאָרהונדערט. און ווען ער, פראַנץ בייל, איז מיט דרייצן יאָר צוריק, ווי אַ צוויי־און־דרייסיק־יאָריקער מאַן, געוואָרן בירגערמייסטער פון סערעט, האָט דעמאָלט די טשערנאָוויצער צייטונג געשריבן, אַז ער איז, אָן צווייפל, דער יינגסטער בירגערמייסטער אין דער גאַנצער מאָנאַרכיע. קייזער פראַנץ יאָזעף באַצירט שוין דעם האַבסבורגער טראָן זייט ניין־און־פופציק יאָר. כדי צו דערגרייכן אַזאַ צאָל יאָרן אויפן טראָן פון אַ סערעטער בירגערמייסטער, פעלט נאָך אים זעקס־און־פערציק יאָר. ביי קייזער פראַנץ יאָזעף איז געשטאָרבן די פרוי און ביי אים אויך. אָבער ער האָט צום צווייטן מאָל התונה געהאַט, בעת קייזער פראַנץ יאָזעף איז, מאָדנערווייז, זינט גאַנצע ניין טרויער־יאָר פאַרבליבן אַ נישט־געטרייסטער אַלמן. דאָס האָט ער נישט געקאָנט באַגרייפן. און נאָך אין אַן אַנדערער

זאַך איז ער געווען אַנדערש פון זיין אידעאַלן עבן־בילד: ער, פראַנץ בייל, איז יעדעס מאָל ווידער דערוויילט געוואָרן פאַר בירגערמייסטער אין סערעט, ווייל ער האָט באַלד, פון ערשטן טאָג אָן, זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון דער שטאָט דאָס געהאַלט פון אַ בירגערמייסטער. אמת, דערפאַר האָט אים די געמיינדע אַוועקגעגעבן פאַר אַ קלייניקייט די אַרענדע פון די שטאָטישע ביר־שטייערן, און דאָס האָט אים דערמעגלעכט, אַז זיין „ערשטע סערעטער ביר־דאַמף־ברייעריי, פראַנץ בייל" זאָל ווערן אויסשליסלעך זיין מאָנאָפּאָל אין סערעט.

און ווי תמיד, ווען ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברייעריי און וועגן קייזער, האָט אויך איצט זיין געמיט זיך אויסגעלויטערט און ער איז רואיקער געוואָרן. נאָכקומענדיק דעם לעצטן ווונטש פון זיין פאַרשטאָרבענער פרוי, האָט ער מיט אַ יאָר צוריק אויך זיינע זין אַריינגענומען אין געשעפט, כאָטש זיי זענען נאָך געווען מינדער־יעריק. זיין פירמע האָט איצט געהייסן „ערשטע סערעטער ביר־דאַמף־ברייעריי, פראַנץ בייל און זין". „ווען איך זאָל האָבן די מעגלעכקייט" — האָט ער געטראַכט — „צו רעדן מיט זיין מאַיעסטעט, אָבער נישט ווי דעמאָלט, ווען איך בין געווען אין דער סערעטער ערן־דעלעגאַציע, נאָר טאַקע אַזוי אויג־אויף־אויג, פון מענטש־צו־מענטש, וואָלט איך געזאָגט דעם קייזער: מאַיעסטעט! נעמט אָן די עצה פון אַן אונטערטאַן, וועלכער פאַרערט אייך אַזוי, ווי קיין שטערבלעכער האָט נאָך נישט פאַרערט זייער אַ האַר. איר זייט דער עלטסטער מאָנאַרך אין אייראָפּע. די וועלט דערוואַרט פון אייך אַן אויפטו, וואָס זאָל איבערשטייגן אַלע געשעענישן אין דער וועלט־געשיכטע. איבערראַשט די וועלט. דערקלערט, אַז איר זאָגט זיך אָפּ פון דער רעגירונגס־פּענסיע. מיט דעם וועט איר ווערן הונדערט מאָל מער אומשטערבלעך, ווי איר זייט שוין איצט."

אין אָנהויב האָט פראַנץ בייל אַליין זיך דערשראָקן פאַר אַזאַ מין געוואַגטקייט. אָבער אָט די אידייע, כאָטש ער האָט זי נאָך פאַר קיינעם נישט אַרויסגעזאָגט, איז אים באַלד געוואָרן אַזוי נאָענט, ווי דער טעגלעכער פּאַציער, און ער האָט שוין פאַר זיך געזען אַלע איינצלהייטן פון זיין שמועס מיטן קייזער. ער האָט געוואוסט: דער קייזער וועט אים דערשטוינט אָנקוקן און פרעגן: 'און מיט וואָס זאָל איך אויסהאַלטן מיין הויף און פירן אַ גרויסן שטאַט?' וועט ער אים ענטפערן: „מאַיעסטעט! איך וויל נישט, גאָט באַהיט, זיך אָנמעסטן צו זיין אַ מוסטער פאַר אייך. אָבער קלייגע דערפאַרונגען האָבן אָפּט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער ניצלעך פאַר גרויסע זאַכן. ווערט דען נישט דערציילט אין דער געשיכטע און אין מעשיות וועגן מאָנאַרכן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט גאַנצע שפּין־וועבערייען. ווען איר זאָלט, למשל, גרינדן אַ ביר־ברייעריי, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען 'ערשטע עסטרייכישע ביר־דאַמף־ברייעריי' און אונטער דעם זאָל מען נאָך צושטעלן 'פראַנץ יאָזעף

דער ערשטער און טראַן־פּאַלגער', — וואָלט איר פון דעם נישט נאָר גע־
קאָנט לעבן זעלבשטענדיק, אָן אַ רעגירונגס־פּענסיע, נאָר איר וואָלט מיט
דעם נאָך געקאָצט — אויף צעפּיקעניש פון אַלע שונאים — אַזוי פאַרגרע־
סערן אייער אַרמיי, אַז אַלע רעגירונגען פון דער וועלט וואָלטן פאַר אייך
געציטערט."

וועט דער קייזער זיך צוהערן צו אים? לויט דעם, וואָס היינט איז
פאָרגעקומען, איז שווער צו וויסן. אויף וויפל ער קאָן זיך דערמאָנען, איז
דער היינטיקער פּאַסכאַ־זונטיק געווען דער ערגסטער אין זיין לעבן. אפשר
איז עס אפילו נישט געווען דעם קייזערס שולד — זיכער נישט. איז דען
דער קייזער פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס איינער פון זיינע אונטער־
טאַנען, אָט דער דר' וואַזערל, האָט אים, דעם טערעטער בירגערמייסטער
פראַנץ בייל, דעם אויבער־שעף פונעם סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ, אַזוי
ביטער באַליידיקט? און אפשר איז עס אפילו דר' וואַזערלס שולד אויך נישט
געווען. פראַנץ בייל ווייסט שוין אויס דערפאַרונג, אַז ווען ס'טרעפט זונטיק
אינדערפרי אַ צרה, איז שוין דער גאַנצער וויטערדיקער טאָג אַ שלימזל־
דיקער. דאָ וועט שוין גאָרנישט העלפן. דער אויפרוף קעגן דעם אַנשליסן
זיך אָן דעם בירגער־זעלבסטשוץ וואָלט אים שוין נישט אַזוי געאַרט, ווען די
דאָזיקע מענטשן מישן זיך נאָר נישט אַריין אין זיינע פּריוואַט־געשעפטן.
היינט פאַרלאַנגען זיי אַ צוועלף־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, און מאָרגן וועלן
זיי נאָך אפשר פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל מער נישט האָבן דאָס רעכט צו באַ־
שטראָפן אַן אַרבעטער. וואָלט מען דאָך געקאָנט מיינען, אַז דער וויצע־שעף
פון דער בוקאָווינער רעגירונג, דער פאַרטרעטער פון זיין מאַיעסטעט דאָ
אין שטאָט, וועט אים אויסהערן, זיך דורכשמועסן מיט אים, און זיי וועלן
צוזאַמען געפינען עפּעס אַן עצה קעגן דעם. איז אַנשטאָט דעם, פרעגט גאָר
ביי אים דר' וואַזערל, צי דער היגער באַרדעל־באַזיצער איז אַ פאַרטרויענס־
ווערטער מענטש. מילא, דאָס קאָן מען נאָך פאַרשטיין — ס'איז מענטשלעך.

אָבער וועגן וואָס האָבן דער פאַרטרעטער פון זיין מאַיעסטעט מיט
פּיוול פראַנט געהאַט צו רעדן אונטער פיר אויגן? וואָלט דר' וואַזערל נאָך
געבליבן אין שטאָט איבער נאַכט, וואָלט געווען גאַנץ קלאָר וועגן וואָס זיי
האָבן גערעדט. אָבער ער איז דאָך פלוצים אַוועקגעפאָרן און איז אפילו
נישט געווען אין פּיוול פראַנטס לאָקאַל; האָבן זיי מסתם גערעדט וועגן רע־
גירונג־סודות. וואָסזשע פאַר אַ רעגירונג־סודות קאָנען האָבן דער פאַר־
טרעטער פון זיין מאַיעסטעט מיטן באָרדעל־אייגנטימער, וועגן וועלכע דער
בירגערמייסטער און דער אויבער־שעף פון דער לאָקאַלער אַרמיי טאָר
נישט וויסן? אויף וועמענס פלייצעס וועט מען דערנאָך אַרויפוואַרפן די
פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט, אויב נישט אויף זיינע, אויף פראַנץ ביילס?
און ווי קומט עס, וואָס אין דער צייט, ווען אויף יענער זייט גרענעץ צע־

פלאקערן זיך די פלאמען אלץ העכער און העכער, הויבט זיך אויף דער פארטרעטער פון זיין מאיעסטעט, מיט די דעפוטאטן, מיט אלע צייטונגס־לייט און זשאנדארמעריע־קאמאנדעס, און פארן אוועק פון שטאט, און זאגן אפילו נישט דעם בירגערמייסטער און דעם אויבער־קאמאנדיר פון דער שטאט ווער־און־וואס? אמת, זיי וויסן אלע, אז מ'קאן זיך אויף אים פאר־לאזן. אבער וואס וואלט זיין, ווען ער טוט נאך זייער ביישפיל און פארט אויך אוועק? פארשטייט זיך, אז ער וועט עס נישט טאן. ווארים זאל זיין מאיעסטעט אין ווין וויסן, אז אויף פראנץ בייל, דעם בירגערמייסטער פון דער שטאט סערעט, וואס ליגט אויף א גרענעץ־פונקט, וואו זיין מלוכה הויבט זיך אן און לאזט זיך אויס, קאן מען זיך פולשטענדיק פארלאזן.

פראנץ בייל האט נישט געוואוסט, אז דער פויערים־אויפשטאנד דארט, אויף יענער זייט גרענעץ, האלט שוין איצט ביי די לעצטע פאזן, אז גענע־ראל איוואנעסקוס סאלדאטן שעכטן איצט אויס טויזנטער פויערים א שעה. וואלט ער איצט געכאפט א בליק איבער דעם שטיינערנעם פארקן פון זיין גארטן, וואלט ער אין דער טונקלקייט פון דער צופאלנדיקער נאכט געקאנט זען א צעצונדענעם הימל אויף יענער זייט גרענעץ, וואו פויערישע שטיב־לעך גייען אויף אין רויך און פלאמען. אפשר וואלט דעמאלט זיין אויער אויך פארנומען די פארצווייפלטע יאמער־געשרייען פון די פויערטעס און זייערע קינדער. פראנץ בייל האט פון גארנישט געוואוסט, ווייל דעם קיי־זערס פארטרעטער און די אלע הויכגעשטעלטע געסט אין סערעט האבן איבערגעלאזן די שטאט מיט דער איבערצייגונג, אז אויף יענער זייט גרע־נעץ איז נאך אלץ ווי ס'איז געווען מיט צוויי טעג צוריק.

אין זאך האט פראנץ בייל ריכטיק געטראפן: אז דעם קייזער אין ווין איז דער פויערים־אויפשטאנד אין רומעניע פונקט אזוי ווייניק ניחא, ווי אים אליין. אין ווין האט מען זיך געגרייט צו פייערן דעם זעכציק־יאריקן יובי־ליי, זינט דער קייזער פראנץ יאזעף דער ערשטער האט איבערגענומען דעם טראן. האט די רעגירונג געוואלט אין קומענדיקן יובל־יאר אים געבן, ווי א געבורטסטאג־מתנה, צוויי נייע פראווינצן: באשניע און הערצעגאווינע, וועלכע זענען שוין אפילו זייט ניין־און־צוואנציק יאר געשטאנען אונטער עסטרייכישער מיליטער־פארוואלטונג, אבער פארמעל האבן זיי נאך אלץ געהערט צו טערקיי. דערצו איז מען נאך געשטאנען צום ערשטן מאל פאר אלגעמיינע וואלן און דער ווינער הויף האט מורא געהאט פארן נייעם פאר־לאמענט. האט ווין זיך געוואונטשן, אז דער פויערים־אויפשטאנד אין רו־מעניע זאל וואס גיכער דערשטיקט ווערן, ס'זאל פון דעם נישט בלייבן קיין שפור, נאך איידער ס'ווערט אנגעשטעקט מיטן רעוואלט די גרענעץ־באַ־פעלקערונג פון עסטרייך. דעריבער איז דר' וואזערל מיט די אלע פרעמדע געסט אזוי פלוצים פארשוואונדן פון סערעט.

דאָס אַלץ האָט פראַנץ בייל נישט געוואוסט. האָט זיך אים אַלץ אויסגעוויזן, אַז עס קומען פאָר גאָר גרויסע זאַכן; נאָר אָנשטאָט אים, דעם בירגערמייסטער, צו זאָגן וועגן דעם, האָט עס דער פאַרטרעטער פון קייזער גאָר פאַרטרויט דעם באָרדעל־באַזיצער, פייוול פראַנט. האַלט מען באמת אין ווין, אַז אַזאַ נאַכט־לאָקאַל איז וויכטיקער, ווי אַ ביר־ברייערײַ? אמת, מ׳דאַרף נישט פאַרלייקענען די וויכטיקייט פון אַזוינע געשעפטן, ווי עס פירט פייוול פראַנט. בפרט דער קייזער, וועלכער מוז דאָך שטענדיק אין זין האָבן די אַרמיי מיט אַלע אירע זאָרגן און באַדערפענישן; האָט ער אפשר זיך נישט געקאָנט העלפן און דערפאַר... אָבער ניין! דאָס איז דאָך גאָרנישט מעגלעך. „איך מוז דערגיין", האָט פראַנץ בייל ווייטער געטראַכט, „וואָס עס שטעקט הינטער דעם. איך האָב באַקומען פון דער רעגירונג די דערלויבעניש צו מעגן אָנשרייבן אויף מיינע פלעשער און פעסער־ביר דעם מאָטאָ פון אונזער מלוכה: ווירִיבוּס אוּניטיס, וואָלט מען פייוול פראַנט געגעבן די דערלויבעניש אָנצושרייבן אויף זיין פירמע אָט די באַליבטע ווערטער פון אונזער הערשער? ניין, און קאַכאַמאָל ניין! קאָן מען דאָך, הייסט עס, אפילו נישט פאַרגלייכן אָט די צוויי גאַנץ פאַרשידענע פירמעס און געשעפטן. און נישט געקוקט אויף דעם, האָט דר׳ וואַזערל דאָך נישט מיר, נאָר דעם אייגנטימער פון ׳אידאַ־היים׳ פאַרטרויט דאָס גרויסע געהיימניש. ניין, דאָ איז עפּעס נישט גלאַט. און זיכער איז דאָס געטאָן געוואָרן אָנעם וויסן פון זיין מאַיעסטעט. די וועלט וואַרט אויף אַן ענטפער. מוז מען איר איצט ווייזן, ווער עס קאָן אין אַ צייט פון נויט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס דאַרף אַנטשיידן דעם גורל פון די געשעענישן. זאָלן מיינע טאַטן אָפּווישן די שמאַך, וואָס מ׳האָט מיר אָנגעטאָן!"

דער זייגער אויפן קלויסטער־טורם האָט געשלאָגן אַכט. ניין אַזייגער האָט דער גאַנצער בירגער־זעלבסטשוץ באַדאַרפט זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק ביים ראַטהויז. ווען פראַנץ בייל איז איצט אַרויס פון זיין געדריקטער איינזאַמקייט צווישן די נאַקעטעביימער אין גאָרטן, איז ער מער נישט געווען פאַרצווייפלט; פאַרקערט, ער איז איצט געווען אַנטשלאָסן אויפצוטאָן גרויסע זאַכן. ער האָט אָנגעטאָן די פאַראַדנע אוניפאָרם פון די פרייוויליקע פייער־לעשער און איז, ווי אַן אמתער פעלדמאַרשאַל, אין זיין עלעגאַנטער קאַרעטע מיט די צוויי קאַרע פערד צוגעפאָרן צום ראַטהויז.

אין זאַל פונעם ראַטהויז זענען שוין געווען פאַרזאַמלט די מיטגלידער פונעם ענגערן גענעראַל־שטאַב, האַלטער און טאָפּאַן, די צוויי סערעטער דיכטער, דר׳ בערנהארד בענקענדאָרף און זכריה טערנער, ווי אויך סענדער שלמה שרייבער און עטלעכע אַנדערע מיטגלידער פונעם געמיינדע־ראַט. ווען פראַנץ בייל איז אַריינגעקומען, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון די פּלעצער, אַ סך מער צערעמאָניעל ווי געוויינלעך. טאָפּאַן און האַלטער האָבן

אים באַגריסט שטרענג מיליטעריש, בעת סענדער שלמה שרייבער האָט אירראָניש א שמייכל געטאָן. אים האָט דאָס גאנצע שפּילן זיך אין זעלנער אויסגעזען מער אַ שפּאַס, ווי ערנסט. אינזשיניער האַלטער האָט אָפּגעגעבן ראַפּאָרט: „הער שעף, איך מעלד געהאָרכזאַם, אַז נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז מיר ענדלעך געלונגען אויפצושטעלן פאַר אונזער פאָלקס־אַרמיי, איך מיין פאַר אונזער בירגער־זעלבסטשוץ, אַן אָפּטיילונג פון קאַוואַלעריע. ווי אַ באַזע פאַר אַט דער נייער מיליטערישער פאָרמאַציע נעמען מיר די פערד פון אונזערע כדייוויליקע פייער־לייט און פון די שטאָטישע מיסט־וואַגנס. איך פאַרהאַנדל איצט נאָך מיטן פאַרזיצער פון דער לאַסט־וואַגן און פיאַקער־צעך, דודל שמאַטשעק, אַז אויך זיינע פערד זאָלן זיך שטעלן אין דינסט פון אונזער גרויסן פּראָיעקט."

„און ווי שטייט עס מיט רייטער פאַר די פערד?"

„גאָט צו דאַנקען, עס פעלט אונז נישט. דאָ ווייזט זיך ווידער אַרויס דאָס גרויסע פאַרשטענדעניש פון אונזערע מיט־בירגער פאַר קערפּערלעכער קולטור. יעדער פון זיי איז אַ גוטער רייטער, און די מיינסטע ווילן ליבערשט דינען ביי דער קאַוואַלעריע, ווי ביי דער פיעכאָטע."

„האָט איר נאָך עפּעס צו באַריכטן וועגן אונזער יונגער אַרמיי?"

„יאָ, הער שעף. אויף אייער באַפעל, האָב איך גערעדט מיט די צוויי גרויסע דיכטער פון אונזער שטאָט און איך האָב זיי געבעטן צו פאַרפאַסן אַן אייגענע הימנע פאַר דעם בירגער־זעלבסטשוץ. די צוויי פּאָעטן, הער דר׳ בענקענדאָרף און הער טערנער געפינען זיך דאָ. מיט אייער דערלויבעניש וועלן די הערן פאַר אונז דעקלאַמירן דעם פּראָדוקט פון זייער מוזע, און דערנאָך וועלן מיר די נייע הימנע געבן אונזער מוזיקער שמערל פידלער, ער זאָל דערצו פאַרפאַסן מוזיק."

פראַנץ בייל האָט געבעטן דעם פינף־און־זיבעציק־יאָריקן, צוזאַגנדיקן דיכטער דר׳ בענקענדאָרף, אַ מעדיצינער פון באַרוף, ער זאָל פאָרלייענען די נייע הימנע, וואָס איז געווען א געמיינזאַמער פּראָדוקט פון אים און פון טערנערן. דר׳ בענקענדאָרף האָט אין אָנהויב זיך געקווענקלט, טענהנדיק, אַז טערנער האָט אַ קרעפטיקערע שטימע פון אים; אָבער טערנער איז באַשטאַנען דערויף, אַז דער פאָרצוג קומט דעם עלטערן; ביז ענדלעך האָט דר׳ בענקענדאָרף גענומען רעציטירן מיט אַ קרעפטיקער שטים:

„שטאָט, וואו די אויוונס פון שוויץ־באַד גליען,
וואו עפּל, באַרן און פלוימען בליען,
שטאָט פון צוויי בריקן ביים סערעט־טייך,
דיין בירגערמייסטער איז אַן אַ פאַרגלייך."

סענדער שלמה שרייבער האָט אינמיטן איבערגעריסן די פּאָטעטישע דעקלאַמאַציע: „אויף וויפל איך ווייס, בליען די ביימער בעת עפּעל, באַרן און פלוימען וואַקסן. אַ חוץ דעם...״

דאַ האָט שוין הילאַריאַן טאָפּאַן אים איבערגעריסן: „הער פּרעזידענט, מעג איך אייך דערמאָנען אַז אין דער גייסטיקער וויסנשאַפט פון דער מענטשהייט און אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון די פעלקער איז פאַראַן אַזאַ מין זאַך, ווי 'ליצענציאַ פּאָעטיקאַ' — אַ פּאָעטישע פרייהייט? ס'איז אַן צווייפל, אַז דורך דער מאַכט און ווילן פון דיכטער קאָן אפילו וועש בליען און שיך קאָנען גליען. איך וועל דעריבער, מיט אַלעמענס דער'לויבעניש, בעטן אונזער דיכטער פאַרצולייענען די צווייטע סטראָף.״

און דר׳ בענקענדאָרף האָט מיטן זעלבן פּאַטאָס ווייטער געלייענט:

„מיטן זעלבסטשוץ פון אונזער גרויסן פאָלק
איז סערעט שטאַרקער פון אַ גאַנצן פאָלק.
אין דיין מעכטיקער האַנט, אַ פראַנץ בייל,
ליגט סערעטס צוקונפט, רעגיר און הייל.״

פראַנץ בייל איז געווען אַזוי באַגייסטערט פון די לעצטע ווערטער, אַז ער האָט אפילו נישט אָפּגעוואַרט צו הערן אַ מיינונג פון אַנדערע, נאָר האָט אַרומגעכאַפּט די צוויי דיכטער און מיט אַ זיכערקייט אין טאָן אויסגערופן: „אָט דאָס איז די הימנע, וואָס מיר דאַרפן! אויב אויך די מוזיק וועט זיין אַזוי טרעפלעך, וועלן אונז אַ סך מקנא זיין. איך וויל נאָכאַמאָל גראַטולירן די הערן דיכטער צו זייער גרויס און געלונגען ווערק.״

דערווייל האָבן אויפן פּלאַץ פאַרן ראַטהויז זיך פאַרזאַמלט די מיטגלידער פונעם בירגער־זעלבסטשוץ. זייער צאָל איז אָנגעוואַקסן ביז אַ פינף הונדערט. פונעם באַלקאָן אויפן ראַטהויז האָט מען, ביים העלן ליכט פון דעם גאַז־לאַמטערן, געקאָנט געניי אַלץ זען, וואָס עס טוט זיך אונטן צווישן פאַרזאַמלטן עולם. אויף די פערד, וואָס אַזוי פלעגן זיי שטענדיק פירן דאָס מיסט פון דער שטאָט, אָדער צו אַ שרפה די לייטערס און וואַסער־קישקעס פון די פייערלייט, זענען איצט געזעסן, ווי קאַוואַלעריסטן, דער געמיינדע־דינער שרובעק, דער שוסטער פּאַדרוצקי מיט זיין אויסגעקעמטער קייזער־באָרד, און דער דינער פון דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט, לעוויצקי מיט זיינע אויפגעסטאַרטשעטע וואָנצעס. צוויי אַנדערע פערד, מיט שיינע, ברוינע זאָטלען, זענען געשטאַנען גרייט פאַר דעם קאָמאַנדאַנט האַלטער און פאַר זיין שטעלפאַרטרעטער, טאָפּאַן. אַרום די פערד האָט געטומלט אַ פאַרשידנפאַרביקע מאַסע פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פויערים אין זייערע אַליין־געוועבטע, מיט קאָלירן אויסגעשטיקטע לייוונט־העמדער, און אידן אין לאַנגע

קאַפּטאַנעס, מיט בערד און פּאות. טאָפּאַנס פאַרשעמעדיקער בליק האָט דער־זען צווישן עולם דעם קצב־יונג ברוך מיט זיין כלה רחל און דעם פּויער אַנדריוק: „אָט די מענטשן געפעלן מיר נישט״ — האָט ער זיך געווענדט צום בירגערמייסטער — „זיי האָבן דייטלעך באַוויזן, אַז זיי סימפּאַטיזירן מיטן שונא און קאָנען נישט דאַרום באַטראַכט ווערן, ווי פאַרלעסלעכע מיט־גלידער פון אונזער יונגער אַרמיי.״

„מיין ליבער פּראָפעסאָר, דער קייזער ווילט אויך נישט זיינע סאָל־דאַטן לויט זייער פאַרלעסלעכקייט, נאָר לויט זייער קערפּערלעכער אייגנ־שאַפט. און קיין מענטש קאָן נישט זאָגן, אַז ברוך אָדער אַנדריוק וואָלטן נישט געווען די פּרעכטיקסטע עקזעמפּלאַרן אין סיי וועלכער אַרמיי. מ׳וועט מיר זיי אויך נישט אויסשליסן. אָבער דער עולם ווערט אומגעדולדיק און מ׳דאַרף אָנהייבן די פייערלעכע צערעמאָניע.״

הילאַריאָן טאָפּאַן האָט אונטערגעשטופּט פראַנץ ביילן דעם מאַנו־סקריפּט פון דער אויסגעשריבענער רעדע. דרייצן יאָר איז פראַנץ בייל געווען בירגערמייסטער און ער האָט אין דער צייט געהאַלטן אַ סך רעדעס. אָבער קיינמאָל האָט ער נאָך ביי אַנדערע נישט באַשטעלט קיין רעדע פאַר זיך. נאָר אַזוי ווי מען האָט אים דערציילט, אַז אויך פאַרן קייזער ווערן די רעדעס אויסגעאַרבעט פון אַנדערע, האָט ער דאָס מאָל אויך באַשטעלט פאַר זיך אַ רעדע ביי פּראָפעסאָר הילאַריאָן טאָפּאַן.

האַלטער האָט געגעבן אַ סיגנאַל מיטן טראָמפּייט. דער עולם האָט זיך איינגעשטילט און דער בירגערמייסטער האָט גענומען לייענען פונעם מאַנוסקריפּט: „מיר פאַרזאַמלען זיך דאָ אין אַ פייערלעכער, ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער שעה, וואָס מען האָט אַרויפגעלייגט אויף אונזערע שוואַכע פּלייצעס. אויף נאַפּאַלעאָנען האָבן פּיראַמידן אַרונטערגעבליקט. און צו אונדז קוקט אַרויף מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אַ האָפענונג־ און טרייסט־דערוואַרטנדיקע מענטשהייט פון אַלע ליכטיקע קולטור־פּונקטן, עקן און ראַנדן און פאַרבאַרגנסטע ווינקלען אויף דער ערד, וואָס דרייט זיך מיט אַ יאָגנדיקער געשווינדקייט אַרום איר אייגענער אַקס. ווי האָט געטע געזאָגט:

‚און שנעל, מיט אומבאַגרייפטער שנעלקייט,
דרייט זיך און דרייט זיך די ערדן־פּראַכט;
עס בייט זיך גן־עדנס ליכטיקע העלקייט
מיט תהום־טיפער, טונקעלער נאַכט.׳

„אונזער אומשטערבלעכער בייטראַג צו דער ציוויליזאַציע, איז אונ־זער גאַז־לאָמטערן. אַזוי לאַנג ווי אָט דער גאַז־לאָמפּ שטייט, האָבן מיר

ביי אונז די העלקייט פון גן־עדן. נעמט מען אים ביי אונז אַוועק, וועט הערשן אַ תהום־טיפע, טונקעלע נאַכט. ווען מיר פאַרטיידיקן אַט דעם לאַמ־טערן, פאַרטיידיקן מיר אויך דעם קייזער, די מענטשהייט און דעם גאַנצן ערד־קיילעך. מיר שטייען אויפן פאָדערשטן פּאָסטן פון דער וועלט און, ווי סאָלדאַטן, דאַרפן מיר אים פאַרטיידיקן קעגן אַלע שונאים, וואָס וואַגן אים אָנצוגרייפן. איך רוף אייך צו נייע, אומשטערבלעכע טאַטן. זאָל לעבן זיין מאַיעסטעט, אונזער געהויבנסטער מאָנאַרך, קייזער פראַנץ יאָזעף דער ערשטער! הוראַ! הוראַ! הוראַ!"

59

זינט פראַנץ בייל איז געוואָרן בירגערמייסטער פון סערעט האָט ער זיך נאָך אַזוי גליקלעך ניטש געפילט, ווי ביים צוהערן זיך צו דער נייער הימנע און בעת דער פאַראַדנער צערעמאָניע פון זעלבסטשוץ. אמת, בשעת ער האָט דורכגעקוקט די פראָנט־רייען פון זיין אַרמיי, האָט ער פאַרנומען עטלעכע נישט גינסטיקע צווישן־רופן; אָבער וואָס מאַכט דאָס אויס אין פאַרגלייך מיט די מעכטיקע הורא־געשרייען? האָט דען נישט אפילו דער קייזער שונאים? פאַראַן אַן אַלט פאָלקס־פּערטל: 'וואָס מער אַ שונא, אַלץ מער כבוד'. ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אַ טאָג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַזוי פיל בייזע סימנים און איז אַוועק מיט אַזוי פיל האַרץ־הע־רעניש, זאָל זיך אַזוי שיין ענדיקן! מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, ווי גליק־לעך עס מוז ערשט זיין דער קייזער, ווען ער גייט אַזוי שטאָלץ פאַרביי די פראָנט פון זיין אַרמיי און קוקט־דורך רייע־ביי־רייע. קיין וואונדער נישט וואָס אַזוי פיל מענטשן אין דער וועלט זענען מקנא דעם גרויסן מאָנאַרך מיט זיין גליק און מאַכן פאַרשווערונגען קעגן זיין מלוכה. אָבער זיי וועלן זיך דער־ביי די ציין אויסברעכן. פאַר דעם וועט שוין זאָרגן דער סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ — מען מעג זיך אויף דעם פאַרלאָזן.

פראַנץ בייל איז געווען אַזוי פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, אַזוי באַרוישט פון גליק, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט דעם שטרענג־מיליטערישן גרוס פונעם פּאָליציסט, וואָס איז געשטאַנען פאַר זיין ווילע. ביי אים אין דער היים זענען שוין אַלע געשלאָפן. ער האָט זיך אונטערגע־ברומט די מעלאָדיע פון דער עסטרייכישער נאַציאָנאַל־הימנע און דערביי געטראַכט, צי וואָלט מען נישט געקאָנט אויך די זעלבע מעלאָדיע באַנוצן פאַר דער סערעטער הימנע. פאַרוואָס נישט? אָט באַנוצן דאָך די דייטשן די זעלבע מעלאָדיע צו זייער הימנע „דייטשלאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס".

ווען די דאַזיקע מעלאָדיע זאָל באַגריסט ווערן אויך צו דער סערעטער הימנע, וואָלט זי מיט דעם נוצלעך געוואָרן פאַר צוויי גרויסע מלוכות און פאַר איין באַרימטער שטאָט.

ווער ס'איז גליקלעך אויף דער וואָר, האָט אויך גליקלעכע חלומות. אַ מאַיאָר פון דער קאַוואַלעריע האָט זיך געגעבן פאַר אים אַ מיליטערישן שטעל מיט קלינגענדיקע שפּאָרן און אים איבערגעגעבן אַ פּערזענלעך האַנטשרייבן פון זיין מאַיעסטעט: „דער קייזער, ווי דער אויבערשטער קריגסהאַר, דערלויבט זיך איינצולאַדן דעם אויבער־קאָמאַנדיר פון דעם סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ, ער זאָל זיך באַטייליקן אין די היי־יאָריקע קייזער־מאַנעוורעס." דער מאַיאָר שטייט אויסגעצויגן, מיט אַן אונטערטעניק שמייכעלע אַרום זיין מויל: „אינדרויסן וואַרט דער הויף־וואָגן פון זיין מאַיעסטעט, מיט וועלכן אייער עקסצעלענץ וועט פאָרן דירעקט צו די מאַנעוורעס. זיין מאַיעסטעט האָט מיר באַפוילן צו זאָגן, אַז אין דער צייט פון די מאַנעוורעס וועט אייער עקסצעלענץ זיך מוזן באַנוגענען מיט איינפאַכער, מיליטערישער שפּייז." און ווי שנעל מען פאָרט — גאָט מיינער, אָט דאָס הייסט פערד! אין לאַגער גייט־אָן אַ לעבעדיקע טעטיקייט. אַלץ איז עפּעס אַזוי קאָלירפול צונויפגעמישט, און מען פייפט, ווי ביים סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ. די סאָלדאַטן מיט ווייסע צייכנס אויף די היטלען קעמפן קעגן סאָלדאַטן מיט בלויע צייכנס, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון זיין מאַיעסטעט אַליין. ס'איז אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. זיין מאַיעסטעט שפּאָרט נישט קיין מי, ווי שטענדיק, ביז די „ווייסע" ווערן באַזיגט — וואָס ס'איז אויך אַנדערש נישט געווען צו דערוואַרטן. דער זיג פון די „בלויע", אונטער דער אָנפירונג פון קייזער, איז אַ פולשטענדיקער. דער צערעמאָניע־מייסטער ווישט־אָפּ דעם גרייז־גרויען מאָנאַרך דעם פּערלדיקן שווייס פון שטערן און פּנים.

פונקט אין דעם מאָמענט דערזעט דער קייזער פראַנץ יאָזעף אים, פראַנץ בייל, וועמען ער האָט צו זיך פאַרבעטן. שטורמיש, גלייך ער וואָלט נישט געטראָגן זיינע זיבן־און־זיבעציק יאָר אויפן רוקן, איילט־צו דער קייזער און נעמט אים אַרום: „זייער שיין פון אייך, וואָס איר האָט אָנגענומען מיין איינלאַדונג. ווייסט איר, מיין ליבער פראַנץ — איר דערלויבט דאָך איך זאָל אייך רופן ביים ערשטן נאָמען — עס וועט מיך זייער פרייען, ווען אייער בירגער־זעלבסטשוץ וועט זיך באַטייליקן ביי די קומענדיקע מאַנעוורעס. ווי וואָלט זיין, ווען איר אַליין זאָלט איבערנעמען ביי די קומענדיקע מאַנעוורעס די אָנפירונג מיט דער קעגנערישער אַרמיי־גרופּע?" „איך וועל קיינמאָל נישט וואַגן אַקעגנצורעדן אייער מאַיעסטעט. אָבער אויפצוטרעטן קעגן אייער מאַיעסטעט, ווען אַפילו נאָר ביי מאַנעוורעס — דאָס נישט. דאָס קאָן איך איינפאַך נישט." „גיט מיר אייער האַנט, פראַנץ. איך האָב עס אויך אָנ־

דערש פון אייך נישט דערוואַרט. אייגנטלעך האָב איך אייך אַהער געבעטן אויך צוליב געשעפטלעכע אורזאַכן. מען האָט מיר זייער א סך דערציילט וועגן דעם, אַז זייט דרייצן יאָר רעגירט איר מיין ליבע שטאָט סערעט אָן אַ העלער געהאַלט. איך וואָלט אייך דערפאַר וועלן אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק." „עס לוינט נישט דעריבער צו רעדן, מאַיעסטעט." „נאָר נישט באַשיידן זיין, פראַנץ. איך האָב נישט ליב קיין באַשיידנקייט. איך מוז אייך אָפן זאָגן, אַז אין דער הינזיכט, האָב איך אייך גענומען פאַר אַ מוסטער. איך טראָג מיך אַרום מיט דער אידייע איינצוריכטן, צוליב מיין פריוואַטער איינקונפט, אַ גרויסע ביר־ברייערײַ, וואָס זאָל אַלץ איבערטרעפן אויף דעם געביט. פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל נישט ליפערן קיין ביר אין אייער שטאָט סערעט — איך וועל דאָך נישט גיין קאָנקורירן מיט אייך. אַלע פלענער זענען שוין פאַרטיק; עס פעלט מיר נאָך בלויז אַ פאַסיקער צייכן פאַר דער פירמע, אַ שוץ־מאַרקע. ווייל ווען איך האָב געוואָלט נעמען פאַרן נייעם ביר מיין באַליבטע לאָזונג 'וויריבוס אוניטיס', האָט מען מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אייער ביר טראָגט שוין אָט די מאַרקע. וואָלט איך וועלן הערן וועגן דעם אייער עצה." „מאַיעסטעט, ווען איך בין צום לעצטן מאָל געווען אין ווין, האָב איך אויפן טויער פון אייער פּאַלאַץ באַמערקט אַן אויפשריפט, וואָס איז מיר — אָפן גערעדט — נאָך אַ סך בעסער געפעלן, ווי 'וויריבוס אוניטיס'." „אויפן טויער פון מיין פּאַלאַץ? לאָמיך זיך נאָר דערמאָנען, פראַנץ. ניין, זאָגט עס מיר נישט; איך מוז זיך אַליין דערמאָנען. איך האָב עס: 'יוסטיציאַ פונדאמענטום רעגנאָרום' — גערעכטיקייט איז דער פונדאַמענט פון רעגירן — אויסגעצייכנט! ווי אַזוי האָט עס מיר נישט געקאָנט באַלד איינפאַלן? ביר־פלעשער, פון וועלכע די גערעכטיקייט..."

„הער בירגערמייסטער! שטייט גיך אויף!"

„ווער וואָגט עס צו שטערן, ווען איך רעד מיט זיין מאַיעסטעט?"

„הער בירגערמייסטער, ס'איז געוואַלדיק וויכטיק! מיר דאַכט, אַז מיר זענען אין קריג מיטן פויערים־אויפשטאנד!"

„וואָס פאַלט אייך איין, אייזל?"

„אַזוי איז עס, הער בירגערמייסטער. דאָס רעדט שרובעק. דער הער אויבער־קאָמאַנדיר האַלטער האָט מיר געהייסן אייך זאָגן, אַז אונזערע טרופּן זענען אויף צוויי פונקטן אַריבער די רומעניש גרענעץ. איין טייל, מיטן הער גענעראַל טאָפּאַן, גייען קעגן קודט קראוטער, און דער אַנדערער טייל מאַרשירט קעגן די פויערים מיטן פאַררעטער פּיזול פראַנט, וועלכער האָט געהאַט באַהאַלטן געווער."

פראַנץ בייל האָט זיך געריבן די אויגן — ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר: „וואָס רעדט איר? וואָס זאָגט איר? איך האָב שוין

פון לאַנג באַדאַרפט פטור ווערן פון אַזאַ נאַרישן געמיינדע־דינער. דער־ציילט געגנוי — וואָס איז געשען?״

„זאָל איך אָנהויבן מיט יוסטפּאַנען, אָדער מיט טאָפּאַנען?״

„וואָס האָט דען יוסטפּאַן צו טאָן מיט אונזער בירגער־זעלבסטשוץ?״

„נישט מיטן בירגער־זעלבסטשוץ, אָבער מיט זיין ווייב. דאָס הייסט, אייגנטלעך מיטן מאַכט־לאָקאַל. ווייל ער האָט געזאָגט, אַז דער הער בירגער־מייסטער האָט אים אַהין געשיקט מיט אַ רעגירונג־געהיימניש.״

„איך פרעג אייך נאָכאַמאָל: וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט אונזער בירגער־זעלבסטשוץ?״

„זאָל איך, הייסט עס, אָנהויבן פון יוסטפּאַנען?״

„הויבט אָן גאַנץ פון אָנהויב און דערציילט מיר אַלץ אויספירלעך, אויב איר ווילט נישט, אַז עס זאָל דאָ הייגנט געשען אַ מאָרד.״

„הייסט עס, אַז דער בירגערמייסטער ווייסט שוין, אַז ס'איז שיער נישט געשען אַ מאָרד? אָבער איך וועל בעסער אָנהויבן מיט יוסטפּאַנען, ווייל דער הער אויבער־קאָמאַנדיר, אינזשיניער האַלטער, האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. דער הער בירגערמייסטער ווייסט דאָך, אַז יוסטפּאַן האָט ערשט נישט לאַנג חתונה געהאַט. אַ שיינע פרוי, זיין מאַר־גאַריטאַ, און אַ בריה אויך; אָבער אפילו מיט מיינע יאָרן וואָלט איך מיט איר נישט חתונה געהאַט. הער בירגערמייסטער מעג עס מיר גלויבן. יאָ, יאָ, איך דערצייל שוין ווייטער, הער בירגערמייסטער. ווען די יוסטפּאַנס האָבן שוין באַדאַרפט גיין שלאָפן, האָט זייער שכנה, די פרוי בלאַוער, אויף גיך נאָך דערציילט מאַרגאַריטאַ יוסטפּאַן, אַז איר מאַן איז הייגנט אינדערפרי געוועזן אין 'אידאַ־היים'. ווען מען דערציילט דאָס מיין פרוי וועגן מיר, וואָלט זי מיר אפשר געמאַכט אַ פאַרוואורף, פאַרוואָס איך גיב אויס געלט אומזיסט. אָבער מאַרגאַריטאַ יוסטפּאַן, ווי ער אַליין דערציילט, איז אויף אים אָנגעפאַלן, ווי אַ גיהנום. ער האָט זיך געשוואוירן, אַז מ'האָט אים אַהין בלויז געשיקט אַ גאַנג אין אַן אַמטלעכער אָנגעלעגנהייט; אָבער מאַרגאַריטאַ האָט אים נישט געגלייבט און אים געצוואונגען צו גיין מיט איר אין 'אידאַ־היים', זיך צו איבערצייגן וועגן וואָס ער איז דאָרט געוועזן הייגנט אינדער־פרי. ס'איז געוועזן אפשר אַ האַלבע שעה נאָכדעם, ווי איר, הער בירגער־מייסטער, זייט אהיימגעגאַנגען. זיי זענען אָנגעקומען אין מאַרק פּונקט אין דער צייט, ווען מ'האָט — אונטער מיין לייטונג — אַרעסטירט דריי רומעני־שע פויערים, וועלכע האָבן נישט געקאָנט דערקלערן וועגן וואָס זיי זענען געקומען קיין סערעט. אויך אַנדערע פּאַטרולן פון בירגער־זעלבסטשוץ האָבן אָנגעטראָפן אַ סך פרעמדע פויערים אין גאַס. מ'האָט זיי פאַרהערט און דער־נאָך אָפּגעפירט אין אַרעסט.

קורץ — איך הער פּלוצים רעדן מאַרגאַריטאַ יוסטפּאַן. איר ווייסט דאָך,

אַז איך בין געווען איר טויף־פּאַטער: קען איך זי שוין: אַז זי צעלאָזט איר מויל, איז די בעסטע זאַך צו אַנטלויפֿן. נאָר איידער מיין פערד האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן פון אָרט — אַהאַ! זי איז דאָ מיט איר מאַן. „איך וועל דיך" — שרייט זי — „האָבן פּאַר אַן עדות ביי מיין גט־פּראָצעס, און דערפאַר מוזטו היכף מיט אונז מיטגיין."

„און אַט דער נאַרישער אָקס יוסטפאַן לאָזט זיך פון איר פירן ביי דער נאָז! ער קאָן איר נישט ווייזן, אַז ער איז דער האַר?"

„הער בירגערמייסטער, ווען איר זאָלט מאַרגאַריטאַן האָבן פאַר אַ ווייב, ווייס איך נישט, צי אויך איר..."

„מ'פרעגט נישט ביי איך, שרובעק, דערציילט ווייטער."

„דערווייל זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן עטלעכע פּאַטרולן פון אונזער זעלבסטשוץ. אפילו אונזער קאָמאַנדאַנט, הער האַלטער, איז אויך געקומען צו־לויפן אויף זיין פערד. אַלע האָבן שטאַרק געלאַכט, און אפשר פערציק פּאַרשוין זענען מיט אונז מיטגעגאַנגען אין 'אידאַ־היים'. אויפן וועג זענען נאָך אונטערגעקומען אַנדערע, און מיר זענען שוין געווען ביי אַ צוויי הונדערט פּאַרשוין. אין 'אידאַ־היים' האָבן זיך געפונען אַ סך מענטשן און מוזיק האָט געשפּילט. מיר אַלע זענען געבליבן אינדרויסן און נאָר יוסט־פאַן מיט זיין ווייב זענען אַריינגעגאַנגען, כדי פּייזול פּראַנט זאָל באַשטע־טיקן, אַז יוסטפאַן איז היינט אינדערפרי דאָרט געווען בלויז אין דינסט־אַנגעלעגנהייטן. פלוצים האָבן זיך דערהערט קולות פון אינעווייניק, ווייל די מענטשן דאָרט האָבן זיך דערשראָקן, ווען זיי האָבן מיטאַמאָל דערזען אַ פרעמדע פרוי. נאָר באַלד נאָכדעם איז אַרויסגעקומען דאָס פּאָרל מיט פּייזול פּראַנט. ער האָט געשוואוירן איבער זיין גליק, אַז יוסטפאַן איז ביי אים געווען נאָר צוליב אַמטלעכע אַנגעלעגנהייטן. אָבער ביידע, פּייזול פּראַנט און יוסטפאַן האָבן דערקלערט, אַז דאָס איז אַ רעגירונג־געהיימע־ניש. יוסטפאַן האָט געזאָגט, אַז אפילו ווען מ'שניידט אים אויס די צונג, וועט ער אויך דאָס געהיימניש נישט אַרויסגעבן, ווייל איר, הער בירגער־מייסטער, האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל שווייגן."

„מ'קאָן זיך נישט פאַרלאָזן אויף מענטשן, וואָס האָבן מורא פאַרן אייגענעם ווייב."

„איז עס, הייסט עס, אמת, הער בירגערמייסטער, אַז איר...?"

„נישט אייער זאַך. דערציילט ווייטער."

„איצט הויבט זיך ערשט אָן די אמתע מעשה. איר קענט דאָך, הער בירגערמייסטער, דאָס קצב־אינגל ברוך און זיין כלה רחל, וועלכע האָבן ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק זיך אומגעקערט פון ווערפּולי — ער האָט געאַרבעט מיט דער רעגירונג. זיי זענען אויך דאָרט געווען. און ווי מיר האָבן זיך אָזוי צוגעהערט צו דער אַמפּעריי צווישן מאַרגאַריטאַ יוסטפאַן און איר

מאַן מיט פּיוול פּראַנט, האָט אָט דער ברוך פּלוצים געכאַפּט אַ מאַן, וואָס האָט אַרויסגעטראָגן אַ ביקס פונעם קעלער פון 'אידאַ־היים'. דער מאַן האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון אים, און אין אָט דעם געראַנגל האָט ברוך פון אים אַראָפּגעריסן דעם מאַנטל. און ערשט איצט האָבן מיר דערזען, אַז אונטער דעם מאַנטל איז דער מאַן געווען אָנגעטאָן אין אַ ראָק פון אַ רומענישן זשאַנדאַר. דער מאַן איז אַנטלאָפן. דאָ איז ברוך צוגעשפּרונגען צו פּיוול פּראַנט און אים אַ נעם געטאָן אויפן פאַרהער, ער זאָל זאָגן, ווי אַזוי עס קומען צו אים אין קעלער מענטשן מיט געווער. און באַלד טאַקע האָבן נאָך צוועלף מענטשן מיט געווער אַרויסגעקומען פון קעלער, אַלע אָנגעטאָן ווי דער ערשטער. מיר זענען געווען דערשראָקן אויף טויט."

„איר האָט זיי דאָך, האָפנטלעך, אַלע אַרעסטירט און פאַרמאַכט אין קאָזע? איך טו זיך שוין אָן און וועל זיי אַליין נעמען אויפן פאַרהער. דאָס איז דאָך אַ באַוואָפנטער אָנפאַל אויף אַ פרעמד לאַנד — אַ פאַרברעכן קעגן אינטערנאַציאָנאַלן פעלקער־רעכט. פאַרשטייט, שרובעק: קעגן אינטערנאַציאָנאַלן פעלקער־רעכט!"

„איר דאַרפט זיך נישט באַמיען זיי צו נעמען אויפן פאַרהער, הער בירגערמייסטער — זיי זענען אַלע אַנטלאָפן."

„אַנטלאָפן זענען זיי? און איר האָט אַזוי מיר־נישט דיר־נישט געלאָזט אַנטלויפן דעם שונא? דאָס איז דאָך אַ שאַנד און שמאַך! וואָס וועט מען זאָגן אין ווין? וואָס וועט די וועלט דענקען וועגן אונז? איר האָט דאָך מיך בלאַמירט!"

„מ'וועט וועגן אונז זייער גוט דענקען, הער בירגערמייסטער; איר וועט באַלד הערן — אויב איר וועט מיך נאָר לאָזן דערציילן ביזן סוף. אָט די פרעמדע מענטשן האָבן עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופטן. עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. פון לאָקאַל זענען אַרויסגעלאָפן עטלעכע האַלב־נאַקעטע מענער און פרויען. פּיוול פּראַנטס שווער, טירינגער, האָט זיך אויף אונז געוואָרפן מיט אַ בעזעם. ברוך האָט ביי איינעם פון די פרעמדע אַרויסגעריסן דאָס געווער. איך שווער אייך, הער בירגערמייסטער, אַז מיר זענען אַלע גרייט געווען צו שטאַרבן אין שלאַכט. אָבער מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין געווער. איר ווייסט דאָך, אַז די איינציקע פיר ביקסן, וואָס שיסן, האָט צוגענומען טאַפּאַן פאַר זיין פּאַטרול. מיט איין געווער האָבן מיר דאָך נישט געקאָנט אויפנעמען קיין שלאַכט. און אָט, אין דעם גרויסן טומל, איז דערווייל פּיוול פּראַנט פאַרשוואונדן, און די פרעמדע מיט די ביקסן זענען אַריבער די גרענעץ."

„אָט דאָס הייסט אַ שאַנד! וואָס דער קייזער וועט זיך וועגן דעם דערוויסן..."

„דאָס איז שוין גאָרנישט קיין שאַנד. דערפאַר בין איך דאָך אַהער געקומען. נאָכדעם ווי יענע זענען אַנטלאָפן, האָט ברוך געזאָגט: מיר מוזן דורכזוכן דעם קעלער. און ער איז טאַקע באַלד אַהין אַריין, און מיר נאָך אים. צווישן זעק מיט קאַרטאָפליעס האָבן מיר דאָרט געפונען פינף־און־זיבעציק נייע ביקסן מיט צוויי קאַסטנס אַמוניציע. דער קאָמאַנדאַנט האָלטער האָט באַלד געפרעגט, ווער עס וויל נעמען אַ ביקס און אַריבערגיין מיט אים די גרענעץ. עס האָבן זיך געמאָלדן מער מענטשן, ווי מיר האָבן געהאַט געווער. און אַזוי האָט זיך דער קאָמאַנדאַנט האָלטער מיט אַן אַרמיי פון פינף־און־זיבעציק מאַן פונעם בירגער־זעלבסטשוץ אַרויסגעלאָזט קיין רומעניע, צוריקצוברענגען די פאַרברעכער, טויט אָדער לעבעדיק. דער ערשטער זיך צו מעלדן איז געווען דער קצב־יונג ברוך. דער קאָמאַנדאַנט האָלטער האָט אים באַשטימט פאַר זיין אדיוטאַנט און איך האָב אים אָפּגעטראָטן מיין פערד. איצט לאָזט אייך דער הער קאָמאַנדאַנט זאָגן, אַז ער וועט זיך אומקערן קיין סערעט ערשט דעמאָלט, ווען ער וועט זיין זיגרייך און באַדעקט מיט רום.”

„דאָס זענען דאָך גרויסע געשעענישן! אויב מיין אַרמיי שטייט איצט אין קאַמף מיטן שונא, מוז איך אויך דאָרט זיין. שרובעק, הייסט איינשפאַנען מיין קאַרעטע מיט די ברוינע פערד, און איר וועט מיך באַגלייטן. מיר פאָרן צום פראָנט.”

„אויף וועלכן פראָנט וועלן מיר פאָרן, הער בירגערמייסטער — אויף האָלטערס, צי אויף טאָפּאַנס?”

„וואָס, צום טייוול, איז דען געשען מיט טאָפּאַנען?”

„איך האָב דאָך אייך, הער בירגערמייסטער, באַלד אין אָנהויב געזאָגט, אַז אויך דער הער פּראָפעסאָר טאָפּאַן איז מיט זיינע טרופּן אַריבער די גרענעץ. דערנאָך איז אים יאָהאַן ווילד נאָכגעלאָפן.”

„ווילד פונעם ’פּעטן אָקס‘ מיטן פילזנער ביר? אָבער אומעטום מוז אָט דער גאָרנישט אַריינשטעקן זיין נאָז!”

„דאָ שטעקט נאָך מער ווי אַ נאָז, הער בירגערמייסטער. טאָפּאַן האָט זיך אַרויסגעלאָזן נאָך קורט קראַוטערן, ווילד — נאָך טאָפּאַנען, און איצט איז ווילדס טעכטערל נאָכגעלאָפן דעם פאָטער. מיין נאָמען איז נישט שרובעק, אויב דאָ וועט נישט געשען אַן אומגליק. טאָפּאַן האָט מיט זיך דריי מאַן מיט פיר שיסנדיקע ביקסן.”

„אָבער קורט קראַוטער געהערט דאָך צו אונזער זעלבסטשוץ. האָט ער זיך אָפּגעזאָגט צו דינען זיין קאָמאַנדאַנט, דעם פּראָפעסאָר טאָפּאַן?”

„פאַרקערט, ער האָט שוין צופיל געדינט. ער האָט זיך גענומען דאָס רעכט — און אפשר אויך פליכטן — וואָס יעדער איינער פון אונז וואָלט געקאָנט פּערזענלעך דורכגעפירט. ווען דער בירגערמייסטער וועט דערלויבן,

צעל איך אויף גיך אלץ דערציילן, כדי איר זאלט האבן א ריכטיק בילד וועגן דער לאגע פון אונזער ארמיי און פארוואס דער הער פראפעסאר טאפאן איז מיט זיינע טרופן אריבער די גרענעץ פון אן אנדער זייט, נעבן דעם סערעט־טיך. איך קאן נאר דערציילן דאס, וואס איך האב געהערט; ווייל בענוי, וועגן אזעלכע זאכן קאנען נאר וויסן די גליקלעכע, אדער אומגליקלעכע, וועלכע האבן פערזענלעך זיך באטייליקט אין דעם.״

„שרובעק, רעדט ענדלעך נאר וועגן די ריין מיליטערישע אנגעלעגנהייטן.״

„יא, יא, איך האלט שוין דערביי, הער בירגערמייסטער. ווען מיר זענען צוריקגעגאנגען פונעם ׳אידא־היים׳ — מיר זענען דארט געווען בלויז דינסטלעך, הער בירגערמייסטער — ווען מארגאריטא האט שוין געהאט זיך איבערגעבעטן מיטן מאן, און איך האב אייך באדארפט אריבערברענגען די מעלדונג פון אונזער קאמאנדאנט, זענען מיר פארבייגעגאנגען דאס הויז פונעם שטאטישן היצל, עמיל. שוין פון ווייטן האט זיך אונז אויסגעוויזן, אז מיר זעען לויפן מענטשן. מיר האבן געוואלט זיי נאכלויפן, כדי זיי צו קאנטראלירן, ווי ס׳איז אונזער פליכט. האט אבער יוסטפאנס פרוי געזאגט: נייך! און מיט איר וויל זיך קיינער נישט איינרייסן. נאר ווען מיר זענען צוגעקומען נענטער, האבן מיר דערזען, ווי יאהאן ווילד, אין שלאפראק און מיט א גרדים פלייש־מעסער אין האנט, לויפט ארויס פון הויז. ׳האלט מיך נישט אויף, האט ער געשריען, אז נישט וועט דא געשען אן אומגליק, וואס עס דארף ערשט דארט געשען!׳ אבער די יוסטפאנעכע האט אים אנגעכאפט ביי דער האנט און אים געצוואונגען צו דערציילן וואס ס׳איז געשען.״

„ווי קומט דען יאהאן ווילד צום היצל עמיל?״

„אט דאס טאקע האט ער אונז דערציילט: ׳ווען צוריק מיט עטלעכע טעג, זאגט ער, זענען מיט אמאל אהערגעקומען אזוי פיל אנטלאפענע, האב איך נישט געהאט מער קיין פלאץ אין מיין האטעל און איך האב געמוזט פאר די געסט אפטרעטן מיין פריוואטע וואוינונג. דעם היצל עמילס הייזל שטייט ליידיק נאך פון סוף לעצטן זומער. האב איך עס איינגעבעכטן אפגעדונגען און האב טאקע באלד געלאזט אהין אריינשטעלן מיינע בעטן, דעם דיוואן און די פיאנע, און זייט נעכטן וואוינען מיר דארט פריוואט. פלוצים, זאגט ער, איך בין קוים איינגעדרימלט געווארן, דערהער איך עפעס געשרייען, און באלד דארויף פעטש. איך האב באלד דערקענט דאס קול פון מיין צוקונפטיקן איידעם, הילאריאן טאפאן. ׳קורווע, שרייט ער, קורווע!׳ טראכט איך: ווער מען קאן ער דאס רופן קורווע ביי מיר אין הויז? נאך גאנץ פארשלאפן, לויף איך אריין אין מיין טאכטערס צימער, און איך דערזע: טאפאן, מיט א ביקס אין האנט, שטייט איבער זיין כלה, מיין טאכטער הייסט עס, וועלכע ליגט אין בלויזן העמד און ציטערט אויפן גאנצן קערפער. ׳זיי זיך מודה, געפאלענע׳, שרייט ער, ׳אדער דייך לעצטע שעה האט געשלאגן!׳.

מיין טאָכטער האָט אים געזאָגט דעם אמת — מיר, די ווילדס, זאָגן שטענ־דיק נאָר דעם ריינעם אמת — 'איך האָב גאָרנישט וואָס מודה צו זיין, ווי באַר, אַז איך האָב דעם הער קורט קראַוטער געגעבן פּיאַטאַ־לעקציעס'. 'פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם?'. האָט ער געפרעגט. 'ווייל איך האָב געוואָלט דיר מאַכן אַן איבערראַשונג מיט דעם געלט, וואָס איך פאַרדין'. 'און פאַרוואָס — קוועלט דער הונט ווייטער מיין טאָכטער — איז פּלוצים פינסטער געוואָרן, ווען איך בין דאָ פאַרבייגעגאַנגען מיט מיין פּאַטרול? פאַרוואָס האָב איך דיך געטראָפן נאַקעט אין בעט? און פאַרוואָס איז ער אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענסטער, ווען איך בין אַריינגעקומען?' זע איך דאָך שוין, אַז אָט דער הונט באַליידיקט און באַשולדיקט מיין טאָכ־טער גאַנץ אומזיסט. הויבט אין מיר אָן קאָכן דאָס בלוט. און אַז מ'האָט נישט וואָס צו באַהאַלטן, קאָן מען דאָך געבן אַ קלאָרן ענטפער. ענטפערט אים מיין טאָכטער מיט אויפריכטיקע טרערן אין די אויגן, אַז ס'האָט גע־קאָנט רירן אַ שטיין: 'ער האָט אַ הוסט געטאָן, צופעליק אין לאָמפּ אַריין, האָט זיך דער לאָמפּ אויסגעלאָשן. האָב איך זיך אין דער פינסטער אויס־געטאָן און בין אַריין אין בעט. און ער ווידער האָט נישט געוואָלט שטערן מיינע עלטערן אין שלאָף, איז ער, אַנשטאָט מיט די טרעפּ, אַהיימגעגאַנגען דורכן פענסטער. און פּונקט אין דעם מאָמענט ביסטו אַריינגעקומען.' אָבער הילאַריאָן טאָפּאַן, וועלכער קריכט אַליין אין די שאַנד-הייזער, האָט איר אַלץ נישט געוואָלט גלויבן און געשריען: 'מיט דיר וועל איך זיך נאָך אָפּ־רעכענען, ווען איך וועל צוריקקומען. אָבער אים וועל איך נאָך היינט ווייזן, וואָס עס מיינט פּיאַנאָ־לעקציעס'. און דערנאָך האָט ער נאָך אַרויסגעשריגן דורכן פענסטער: 'וואוהין איז דער אַמעריקאַנער אַנטלאָפן?' האָט מען פון אונטן געענטפערט: 'צו דער רומענישער גרענעץ'. איז ער אַרויס דורכן פענסטער און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: 'קומט מיט מיר!' איך האָב אים נאָכ־געקוקט — ער איז מיט דריי אַנדערע באַוואָפנטע מענער אַוועק צו דער גרענעץ. איצט האָב איך מיין טאָכטער גענומען אויפן פאַרהער, און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי מיר פאַרזיכערט, אַז אַחוץ פּיאַנע־שפּילן האָט זי מיט קורט קראַוטערן גאָרנישט געהאַט צו טאָן. דאָ האָב איך זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן. מיט אָט דעם מעסער בין איך גרייט, איינער קעגן פיר, ריינצוואַשן די ערע פון מיין טאָכטער. אָדער ער ציט צוריק אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, אָדער איך וועל אים מאַכן אַ לויה אויף מיינע קאָסטן'. אַזוי האָט ער אונז געזאָגט, יאָהאַן ווילד, און דערנאָך איז ער אַוועקגעלאָפן צו דער רומענישער גרענעץ."

פראַנץ בייל האָט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט, וואָס שרובעק האָט דערציילט און דערנאָך געזאָגט: סיי ווי — טאָפּאַן איז אונ־זער צווייטער קאָמאַנדאַנט און מיר מוזן פאַרטרעטן זיינע אינטערעסן, וואָס

עס זאָל נישט זיין. מיר פאָרן גלייך צו דער פּאָסט און מיר וועלן אוועקשיקן אַ באַריכט צו דער לאַנד־רעגירונג. מיר וועלן זיי לאָזן וויסן, אַז מיר האָבן אַרעסטירט פּאַרדעכטיקע פּויערים, אַז מיר יאָגן נאָך באַוואָפנטע פּויערים אויף יענער זייט גרענעץ און אַז מיר האָבן אַנטדעקט אַ גרויסן לאַגער מיט געווער. אַזאַ באַריכט מוזן מיר אויך שיקן צו זיין מאַיעסטעט".

60

נאָך לאַנגע און ביטערע קאַמפן קעגן אַ גאָר גרויסער איבערמאַכט אין אַ פּאַרשטאָט פון דאַראַהאַי, ווען די רייען פון זיינע מענטשן זענען שוין געוואָרן היפּש שיטער, איז ענדלעך וואַסיליק געקומען אָן אומדערוואַרטעטע הילף. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, אַז ענדלעך איז אים אַנטקעגנגעשוואומען יענע רעטונגס־שיף, צו וועלכער ווי עס האָט אים אויסגעוויזן, ער האָט די גאַנצע צייט געשטייערט. אין דרום־מזרח פון לאַנד האָבן זיך אַ גאַנצע געגנט פּויערים צעבונטעוועט, און אוואַרעסקוס טרופּן האָבן געמוזט זיך אַ לאָז טאָן צו יענער געגנט. אין דאַראַהאַי זענען געבליבן בלויז צוויי הונדערט מאַן, וועלכע האָבן באַדאַרפט קעמפן קעגן וואַסיליס אָפּטיילונגען. וואַסילי האָט באַמערקט, אַז ס'איז איינגעטראָטן אַ געוויסע דערלייכטערונג; אָבער לויט דער קאַמף־דערפאַרונג פון די לעצטע טעג האָט ער געוואוסט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען האַלטן מיט דעם ביסל מענטשן, וואָס איז אים געבליבן. ער האָט דעריבער, צוזאַמען מיט זלמן פליקער און דעם הייפל פּויערים, געמוזט זיך צוריקציען.

אַז אין דרום־מזרח איז אויסגעבראָכן אַ נייער בונט, האָט ער נישט געוואוסט. און דאָס איז אפשר געווען זיין מזל. וואָרים אַנישט וואָלט ער געווען זיך געניאַרט מיט נייע אילוזיעס, ווייל די „רעטונגס־שיף" דאָרט איז געווען בלויז אַ קליין שיפל, וואָס איז נאָך דערצו געקומען צו שפּעט, צו קאָנען ברענגען אמתע הילף. קעמפנדיק, האָט וואַסילי מיט זיינע מענטשן זיך צוריקגעצויגן מיטן זעלבן וועג, איבער וועלכן אַננאַ איז פריער צוריקגעגאַנגען מיט אירע מענטשן. נישט אָפּשטעלנדיק זיך אין ליידיקן שלאָס, זענען זיי אַנגעקומען אין דאָרף, וואו ס'האָט זיך געפונען די נאַפּטראַפינעריע. די אָרטיקע מענטשן האָבן זיי דערציילט, אַז אין דער ראַפינעריע געפינט זיך שוין אַן אָפּטיילונג פּויערים, אַנגעפירט פון צוויי פרויען און אַ בלאָנדן אינגל. זיי זענען אַריין אין דער ראַפינעריע. וואַסילי איז געווען גאַנץ איבערראַשט אַנצוטרעפן דאָרט מאַריאַן מיט שלומען, אָבער ס'איז אפילו נישט געווען קיין צייט צו צעפרעגן זיך וועגן דעם. פון

ווייטן האָבן זיך שוין באַוויזן פיינטלעכע טרופּן און מ'האָט וואָס גיכער גע־מוזט אויפשטעלן די צוויי פאַראַנענע קאַנאָנען און פּראַקטיש פאַרטיילן דאָס ביסל מענטשן, צו זיין גרייט פאַר דער פאַרטיידיקונג.

ערשט איצט, ווען מ'האָט שוין פלייסיק געאַרבעט ביים צוגרייטן די שיס־שטעלונגען, איז וואַסילין געקומען אויפן געדאַנק, אַז אייגנטלעך וואָלט ער מיט זיינער און מיט אַנגאָס אָפּטיילונג געקאָנט, איבער מיהאַלעני אָדער איבערן סערעט־טייך, זיך דורכשלאָגן קיין עסטרייך. ווייל דער איינציקער צוועק פון איצטיקן קאַמף איז דאָך געווען, וואָס מער לעבנס אָפּצוראַטעווען און דאָס האָט מען געקאָנט טאָן בלויז, ווען מ'זאָל זיך ראַטעווען אויף דער עסטרייכישער זייט.

אָבער איצט איז עס שוין געווען צו שפּעט. דער שונא איז שוין גע־שטאַנען פאַר די מויערן פון דער ראַפּינעריע, און ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג, ווי נאָר צו פאַרטיידיקן זיך ביזן לעצטן טראָפּן בלוט. וואָרים וואָס פאַראַ זין האָט איצט דאָס לעבן, אַז אַלץ איז פאַרלוירן? און דאָך האָט דאָס לעבן יאָ געהאַט אַ זין. אין דער נאַכט נאָכן זיג אין דאָראָ־האָי זענען וואַסילי און אַנגאַ צום ערשטן מאָל זיך נאָענט געוואָרן — מעג־לעך, אַז איר לייב טראָגט איצט אין זיך דעם זאָמען פון צוקונפט... און וואָס זאָל זיין מיט אָט די אַלע פויערים? די מייסטע פון זיי זענען יונגע מענטשן מיט אַ שטאַרקן ווילן צום לעבן. ווען מען דערזעט אַ שטיקל ברעג, מעג עס זיין אפילו אויפן פאַרוואָרפנסטן אינדזל, איז פאַרט נאָך דאָ אַ האָפענונג פאַר דעם, וואָס טרינקט זיך, אז ער וועט זיך ראַטעווען און אפשר דערגרייכן זיין ציל.

די פיינטלעכע קוילן האָבן שוין געסווישטשעט איבער זייערע קעפּ. וואַסילי האָט אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג. אָבער ער האָט באַמערקט מיט וואָס פאַראַ באַגייסטערונג די פויערים הערן זיך צו צו די ווערטער פונעם בלאַסן, שוואַרץ־האָריקן אינגל, וועלכער האָט צו זיי גערעדט אין אַ כמעט אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך — אויף אידיש. זיין עקסטאַז האָט מיטגעריסן די פויערים. אָט איז ער געווען ביי די קאַנאָנען און באַגייסטערט די עטלעכע מענטשן צום קאַמף, און אָט איז ער געשטאַנען אויפן מויער, וואו ער איז געווען אויסגעשטעלט קעגן די פיינטלעכע קוילן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט מיט אַ כיוון זיך אַקעגנגעשטעלט יעדער געפאַר, אַפילו דעם טויט. און די קוילן פון שונא פליען פאַרביי, ווי זיי וואָלטן אים אויסגעמיטן. שטייענדיק אויפן מויער, האָט ער געהאַלטן אין איין שיסן אויפן שונא, און שטענדיק געטראָפן אין ציל. ער האָט אפילו נישט געהערט, ווען וואַסילי האָט אים געוואָרנט צו זיין פאָרזיכטיק און ווי־נישט־איז זיך דעקן הינטער אַ באַשיצונג. די באַלאַגערער האָבן

שוין גענומען שיסן אויף דער ראַפינעריע מיט קאַנאָנען, אָבער אויך דאָס האָט אויף אים נישט געמאַכט קיין איינדרוק.

אויך וואַסילי, וועלכער האָט שוין געהאַט געצווייפלט אָן סיי וועלכע אויסזיכטן אויף אַ זיג, האָט זיך ווידער אָנגעצונדן מיטן ברען פון אָט דעם צאַרטן, טונקל־בלאָסן אינגל. מוזיק, ווי און פרייד האָבן געפונען אַן אויסדרוק, וואָס איז אַ סך שטאַרקער פון דער אומבאַהאָלפענער שפּראַך, וואָס צעמישט נאָר און פאַרווירט די אמתע דערהויבונג. עקסטאַז איז דער תמצית פון ווי, פרייד און מוזיק צוזאַמענגענומען. זייער קוואַל איז דאָס האַרץ, און דער שטראָם זייערער גיסט זיך ווידער אַריין אין ים פון האַרץ. מיר פּרואוון אָפט צו באַנעמען זאַכן מיט שכל, און עס געלינגט אונז נישט, ווייל מיר ווילן מעסטן די ווירקונג פון פאַרבן מיט דער מאָס פון א צענטימעטער. שלום האָט גערופן אין זיין עקסטאַז: „איר באַוואוינער פון דער וועלט! איר אַלע, וואָס איר האָט זיך באַהעפט מיט דער ערד! א פאָן וועט זיך באַוויזן אויף די בערג און איר וועט פאַרנעמען דאָס קול פונעם שופר — אַ תקיעה־גדולה. און אומקערן וועלן זיך די פאַרלוירענע פונעם לאנד אשור און די פאַרוואָגלטע פונעם לאַנד מצרים. זיי וועלן עולה־רגל־זיין קיין ירושלים און זיך בוקן אויפן הייליקן הר־ציון, און גאָט דער האַר וועט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקן. ווי א בליץ וועט דורכשניידן די לופטן גאָטס פייל; כביכול אַליין וועט בלאָזן אין די שופרות און מיט אַ מעכטיקן שטורם־ווינט וועט ער אַראָפּנידערן אויף דער מחנה."

פון שלומס ליפּן האָבן געשטראָמט ווערטער, גערעדט אין דער שפּראַך פון פאַרצייטיקע נביאים. אחוץ זלמן פליקער, האָט קיינער קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, און דאָך האָבן אַלע דערפילט וואָס ער זאָגט. שלום אַליין איז נישט געווען באַוואוסט, אַז דאָס רופט דורך אים אַ גאַנץ פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער גאָר דער וועלט און איז דער שעיר־לעזאזל פאַר אַלעמען; אַ וואַנדערנדיק פאָלק, וואָס טראָגט אין זיך די בענקשאַפט נאָך אַן אייגענער היים און קאָן אין קיין שום לאַנד קיין רו נישט געפינען. און פונקט ווי אין אים גופא, דעם אַכצן־יאָריקן, האָט עפּעס גאַנץ אומדערוואַרטעט זיך דערנענטערט צו אַ דערפילונג, אַזוי האָט ער אויך דערשפּירט אַ דערפילונג אין אָט די געשעענישן, וועמענס צוזאַמענהאַנג און אור־קוואַל זענען געווען פאַר אים פאַרהוילן. נישט האָבנדיק מיטגעמאַכט קיין געפאַר אין לעבן, האָט ער אויך פאַר קיין געפאַר נישט מורא געהאַט. דאָס אויסערלעכע פייער אַרום אים האָט געפלאַקערט מיטן זעלבן פלאַם, ווי זיין אייגענער ברען אין אים; די סיטרא־אחרא האָט זיך אויפגעהויבן צום לעצטן שטורם, מוז מען אויפנעמען מיט איר אַ קאַמף. און די פויערים אַרום אים, וועלכע זענען געווען פרעמדע אויף זייער אייגענער ערד, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט, וועלכע מ'האָט איצט געיאָגט, ווי

ווילדע חיות אין וואַלד, זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיטן פֿייער, וואָס האָט געשטראָמט פֿון שלומען.

אין פֿייער־רעגן פֿון אומאויפֿהערלעכן קאַמף האָט מען אַפֿילו נישט באַמערקט, ווען דער טאָג האָט זיך געענדיקט און ווען די נאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. די קעסלעך, קאַטקעס און פֿעסער נאַפֿט האָבן געגומען ברענען און הויך־שטייגנדיקע פֿלאַמען האָבן באַלויכטן דעם הימל, די פֿעלדער און די דערפֿער אַרום. דער ווינט האָט געבלאָזן דעם רויך אין די אויגן, אין מויל, אין דער נאָז. געטראָפֿן פֿון קוילן, איז געפֿאַלן איינער און אַ צווייטער און אַ דריטער, און דאָך איז נאָך אין זייערע פֿאַרגלייזטע אויגן, אַרום זייער אין ווי פֿאַרשטאַרטן מויל געווען אַ שפּור פֿון האָפֿענונג און גלויבן. עס האָט געגומען פֿעלן אַמוניציע. האָט מען אין רויך און אין פֿלאַמען, אין שטורעם פֿונעם פֿליִענדיקן, טויטלעכן בליי און אײַזן, אָנגעשעפּט פֿולע כּלים ברענענדיקן נאַפֿט און געגאָסן פֿליסנדיק פֿײַער אויף די קעפּ פֿונעם שונא.

„מיר פֿירן איצט דעם וואָגן פֿון פֿלאַמען מיטן פֿײַערדיקן פֿערד. געפֿאַנגען ליגט אין אונזער רייטוואָגן דער שונא טויט. דער דינער פֿון בײַז ליגט איצט געשמידט אין קייטן. הילפֿלאָז קוקט ער אַרונטער צו זײַנע פֿרײַנט און העלפֿערס דאָרט אונטן, און איז אַליין מאַכטלאָז זיי צו העלפֿן. איך וועל זײַן דײַן פּלאָג און דײַן קללה, אָ טויט, איך וועל זײַן דײַן פֿאַרניכטער, דו גרוב פֿון פֿאַרצערונג. און קיין דערבאַרעמונג, קיין מיטלייד זאָל נישט געוועלטיקן אין מײַן האַרץ.״

שלום האָט אַרײַנגעשריען אָט די ווערטער אין די אויערן פֿון די קעמפֿנדיקע, און געזאָגט האָט ער עס אין דער רומענישער שפּראַך, ווי אַלע קוואַלן פֿון מענטשלעכער פֿאַרשטענדיקונג וואָלטן זיך געעפֿנט פֿאַר אים.

נאָך דער גרויסער, וואָכנלאַנגער געשפּאַנטקייט, נאָך די קאַמפֿן און דעראײַגענישן פֿון די לעצטע טעג, אַרויסגעריסן פֿון צײַט־שטראָם דורך די לעצטע גיהנומפֿולע שעה׳ען, זענען פֿאַר וואַסילין שלומס ווערטער מער נישט געווען פֿרעמד, זיי האָבן מער נישט פֿאַר אים געקלונגען פֿאַנטאַסטיש. אויך וואַסילי האָט איצט דערפֿילט, אַז ער און די זײַניקע זענען אײַנגעשפּאַנט אין אַ פֿײַערדיקן וואָגן, אויף וועלכן עס זיצט דער טויט. איבער זייערע לײַבער סוויסטשעט די בײַטש און זיי יאָגן מיט אָטעם־פֿאַרכאַפּנדיקער געשווינדקייט דורכן כאַאָס פֿון צײַט און רוים. איין מאָל בלויז האָט אויפֿגעשײַנט פֿאַר זיי דער פֿרילינג און אַ ביי לעבן האָט זיך באַוויזן אין אַן אומענדלעכער ווײַטקייט. דער הויך פֿון טויט מיט דער פֿלאַמענדיקער בײַטש — איז רויך, זײַן גליִענדיקער אָטעם איז פֿון סמ׳עדיקע גאַזן. און ווידער האָט ער דערזען דאָס אַמאָליקע בילד פֿאַר זײַנע אויגן: זײַן פֿאָטער — געבונדן, פֿאַרחלשט, און די בײַטש האַלט אין איין צוויקן זײַן מאָגערן גוף. דער דײַטשער פֿאַרוואַלטער, קורט קראַוטער, סטראַשעט אויף אים

מיט בלוט־דורשטיקע אויגן. אָט שטייט ער דאָך, באַלויכטן פון די פלאַמען! ער שרייט עפּעס — קיין צווייפל נישט, ס'איז ער!

אַרויסגעריסן פון זיינע מחשבות האָט אים פּלוצים אַנגאַס קול: „זע נאַר, וואַסילי — אָט איז דאָך ברוך, און אָט איז רחל! זיי רופן אונז. און זע — יענע דאָרט אַנטלויפן!"

וואַסילי איז ווידער געקומען צו זיך — יאָ, דער רעגן פון פייער און אייזן האָט אויפגעהערט.

דער רויך און די היץ אַרום וואַסילין און זיין גרופּע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. אונטן, אין לאַגער פון שונא, האָט געהערשט פאַרווירע־ניש און טומל. איצט האָט שוין וואַסילי אַליין גענומען שרייען: „הילף איז געקומען! מיר האָבן הילף!" און די פויערים האָבן פאַרנומען זיין געשריי מיט שטיינער, וואָרים זיי האָבן שוין מער קיין הילף נישט דערוואַרט — זייער קעניגרייך איז מער נישט געווען אויף דער־וועלט. און דאָ האָט זיך צעקלונגען שלומס קול: „זאָלן, ווי ביי יהושע־בן־נון, די זון און די לבנה זיך פאַרהאַלטן, ביז דאָס פאָלק וועט זיך נוקם זיין אין זיינע שונאים."

„קומט מיט מיר!" — האָט אויסגערופן וואַסילי. ס'האָט ווידער דער־וואַכט דער ווילן צום לעבן. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון מויער, האָט באַפוילן צו עפענען דעם טויער פון דער ראַפינעריע און אַלעמען געהייסן פאַרלאָזן דעם ברענענדיקן גיהנום. די לעצטע זענען פון דאָרט אַרויס אַנגאַ, זלמן פליקער און וואַסילי, פאַר וועמען אָט די פלאַקערנדיקע שרפה איז ערשט געווען, ווי דער פייער־וואָגן פון טויט.

און אויך איצט נאָך, ווען דער לעבנס־ווילן האָט זיך שוין אומגע־קערט צו זיי, האָט נאָך אַלץ אויף די פויערים געווירקט דער עקסטאַז, מיט וועלכן שלום האָט זיי באַגייסטערט. אין דער געלויטערטער לופט האָט זיך געטראָגן זיין קול: „מלאכים און כרובים קעמפן פאַר אונז, די שטערן אין זייער לויף האַלטן מלחמה מיט די סיטרא־אחרא!" ער און מאַריאַ זע־נען געלאָפן אין דער שפּיץ פון די פויערים, כדי זיך אין הייליקן קאַמף באַהעפטן מיט די הימל־שאַרן און שטערן. אָבער ס'איז מער נישט געווען קיין שונא, קעגן וועמען צו קעמפן. פאַר דעם קלויסטערל און אַרום דעם דאָרפישן געמיינדע־שטיבל זענען געלעגן טויטע און פאַרוואונדעטע סאָל־דאַטן. די איבעריקע זעלנער פון אוואַרעסקוס אָפּטיילונגען זענען זיך צע־לאָפן, אַזוי גיך ווי ברוך, רחל און האַלטער, מיט זייערע מענטשן פון דעם בירגער־זעלבסטשוץ, זענען אויף זיי אַנגעפאַלן פון הינטן.

האַלטער און אַ סך פון זיינע מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגע־לאָזן פון סערעט נאָכצויאָגן די פויערים, וואָס האָבן גענומען וואָפן אין „אידא־היים", האָבן נאָך ביז איצט נישט געוואוסט וואָס אייגנטלעך עס קומט־פאָר אַרום זיי. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי, אין דער געגנט צווישן

ווערפולי און דעם שמאָלן גרענעץ־פּאַס ביים סערעט־טייך, געהאַלטן אין איין איבערשיסן זיך מיט יענע, אויף וועלכע זיי האָבן געמיינט, אַז דאָס זענען באמת פּויערים. אָבער צו קיין ערנסטער שלאַכט איז עס נישט געקומען. די איבערגעטוענע זשאַנדאַרן האָבן געקענט אויסגעצייכנט די געגנט און האָבן נישט געוואָלט זיך אַריינלאָזן אין אַ קאַמף מיט אַ קעגנערישער איבערמאַכט. זיי זענען דעריבער געלעגן באַהאַלטן הינטער די ביימלעך און קאָרטשעס און געפּרוּווט פאַרלאָקן זייערע פאַרפאָלגער אַלץ טיפער און ווייטער, האָפנדיק אויף דעם אופן זיך צו דערשלאָגן צו די הויפּט־טרופּן. אָבער אין דאָרף, וואו די ראַפּינעריע האָט זיך געפונען, זענען זיי פּלוצים אַריין אין קלעם צווישן צוויי פייערן און זענען נאָך אַ קורצן קאַמף, אַנטלאָפן צוזאַמען מיט די דאָרטיקע איבעריקע אויסגעמוטשעטע סאָלדאַטן.

קורט קראַוטער האָט זיך געהאַט באַהאַלטן אין אַ גרוב ביים ברעג פון סערעט־טייך. אַהין איז דערגאַנגען בלויז דער געקנאַל פון די ביקסן און קאַנאָנען. דאָ האָט אים געפונען הילאַריאָן טאָפּאַן. עס איז געווען מאָנטיק, אין די ערשטע פאַרמיטאָג שעה'ן. טאָפּאַן האָט געוואָלט קראַוטערן דערשיסן אויפן אָרט. אָבער משה מאַשיניסט האָט געזאָגט: „אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, מוז מען אַ מלחמה־אָפיציר געבן אַ געלעגנהייט צו שטאַרבן אויפן פעלד פון ערע. נישט ווייט פון דאַנען גייט־אָן אַ קאַמף. זאָל דער הער קראַוטער אויפן פעלד פון ערע אויך רייניקן די ערע פון אייער כלה.״

און אַזוי האָט זיך יענע גרופּע דערנענטערט צו דער נאַפט־ראַפינעריע פונקט דעמאָלט, ווען אוואַרעסקוס סאָלדאַטן האָבן גענומען אַנטלויפן. זענען זיי אויך אַנטלאָפן מיט זיי, אין דער ריכטונג צו דאָראָהאָי.

61

די שול־וואַקאַציע אַרום פּסח איז אין דער בוקאָווינע געווען די שענסטע און אַנגענעמסטע צייט פאַר די שול־קינדער. ווייל נאָך פאַר סוף־פּסח זענען באַלד אונטערגעקומען די קאַטויילישע הגאות און תיכף נאָך זיי די גריכיש־אָריענטאַלישע — איז דאָס פאַר די קינדער געווען די לענגסטע וואַקאַציע. און מערקווירדיק, דווקא אין אָט די פרייע טעג איז הברה־יונגוואַרג געשלאָפן ווייניקער ווי געוויינלעך און מ'האָט זיי שוין גאַנץ־פרי געקאָנט טרעפן ביים שפּילן זיך.

פראַנץ בייל איז היינטיקן פּאַסכאַ־מאָנטיק אינדערפרי געווען אַזוי פריילעך געשטימט, אַז ער האָט נישט געקאָנט רואיק איינליגן אין בעט.

האָט ער טאַקע גאַנץ־פרי געוואָלט צונויפרופן די געמיינדע־ראַט־מיטגלי־
דער צו אַ זיצונג. אָבער ווען שרובעק איז געקומען אויפוועקן דעם געמיינ־
דע־ראַטמאַן טעאָפיל קאָנסטאַנטינאָוויטש, דעם באַזיצער פון דער ערשטער
סערעטער פאָלקס לייי און שפּאַר־קאַסע, האָט ער פון אים באַקומען אַזאַ
פּאַטש און א דריגע אין הינטן, אַז שרובעק איז אַנטלאָפן און איז אַ טרויע־
ריקער צוריקגעקומען צום בירגערמייסטער. פראַנץ בייל האָט אים
געטרייסט: „נעמט אייך נישט צום האַרצן, שרובעק. ערשט איצט, נאָך אַזוי
פיל יאָרן, באַגרייף איך מיין פאָטערס ווערטער: 'אין אַ גרויסער צייט לעבן
אָפט קליינע מענטשן'. זיי פאַרשטייען נישט, אָט די לייט, אַז מיר לעבן
היינט דורך די גרעסטע צייט אין דער געשיכטע פון אונזער שטאָט. זאָלן
זיי פאַרשלאָפן אָט די גרויסע צייט, און מיר וועלן בעסער כאַפּן אַ שפּאַציר
אין פאָלקס־גאָרטן."

שרובעק האָט דאַרויף זייער געוואָלט ענטפערן מיט אַן אַנעקדאָט. ער
האָט געוואָלט דערציילן דעם בירגערמייסטער, אַז זיין פאָטער האָט זיך
דערצויגן אין א פינדלהויז — „און דאָך", פלעגט זיין פאָטער זאָגן אויף
זיך אַליין, „איז פון אָט דעם קליינעם מענטשעלע אויסגעוואַקסן א טאָפּל־
טער פרעזידענט: דער פרעזידענט פון די מלחמה־אינוואַלידן פון יאָר
1878, און דער פרעזידענט פון דעם ערשטן סערעטער פאַראיין פאַר האָ־
דעוועון בינען. איז דאָס נישט אַ באַוויז, ווי ריכטיק עס איז דאָס ווערטל:
'דער, וואָס קליינע זאַכן נישט ערט, איז אויך קיין גרויסע זאַך נישט
ווערט'?"

אָבער פראַנץ בייל איז געגאַנגען דריי שריט פאָראויס, און שרובעק
איז אים נאָכגעגאַנגען א שוייגנדיקער. זיי זענען געקומען אין פאָלקס־
גאָרטן. קינדער האָבן זיך געשפּילט אין מלחמה צווישן בורן און ענגלענ־
דער. הילאַריאַן טאָפּאַן פלעגט שטענדיק אויפגערעגט ווערן, ווען ער האָט
געטראָפן די קינדער ביי אָט דעם שפּיל: „פאַרוואָס זאָלן אונזערע קינדער
זיך שפּילן אין פרעמדע מלחמות? האָבן עס אונזערע גרויסע הערשער
נישט פאַרדינט, אַז די סערעטער קינדער זאָלן זיך שפּילן אין זייערע מלח־
מות?" אָבער דער איינציקער פענסיאָנירטער גענעראַל אין סערעט, מראַ־
זיק, וועלכער האָט זייט ניין יאָר יעדן צווייטן אַפּריל געפייערט זיין ניינ־
ציק־יאָריקן געבורטסטאָג און צו דער געלעגנהייט געלאָזט אומזיסט געבן
יעדן פיאַקערניק ביר און געטיילט צוקערקעס די קינדער, פלעגט די קינ־
דער פאַרטיידיקן: „זענען זיי שולדיק, וואָס מיר לעבן אין אַזאַ אָרימער צייט,
ווען נאָר די בורן און ענגלענדער האָלטן מלחמה?"

פראַנץ בייל האָט זיך ווייניק אינטערעסירט מיט קינדער און נאָך
ווייניקער מיט זייערע שפּילן. נאָר איצט איז ער געבליבן שטיין און זיך
צוגעקוקט, ווי די קינדער שפּילן זיך. אפילו די קינדער האָבן זיך וועגן

דעם געוואונדערט. דער בירגערמייסטער האָט געשטעלט פראַגן און די קינ־דער האָבן אים געגעבן אויפקלערונגען וועגן זייער שפּיל. „ווייסט איר, קינדער" — האָט ער זיי געזאָגט — „אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר זיך מער נישט שפּילן אין ענגלענדער און בורן?"

די קינדער האָבן געמיינט, אַז דער בירגערמייסטער וויל זיי פאַר־ווערן זיך צו שפּילן אין פאָלקסגאָרטן. האָט איינער פון זיי געענטפערט: „אויב אַזוי, וועלן מיר זיך שפּילן ביים סערעט־טייך און אין וועלדל."

„איר וועט זיך מעגן ווייטער דאָ שפּילן, אָבער נישט אין ענגלענדער און בורן, נאָר אין בירגער־זעלבסטשוץ און פּויערים־אויפשטאַנד. אייערע און אונזער אַלעמענס באַליבטע פאָטער־שטאָט סערעט וועט אין קורצן אָפּהאַלטן אַזאַ זיג, ווי ס'איז נאָך אין קיין שום שול־ביכל נישט באַשריבן געוואָרן. אייער לערער פון גימנאַסטיק, הער האַלטער, איז אַ גרויסער העלד און אַרמיי־פירער. איר וועט נאָך אַ סך לערנען וועגן דעם אין דער שול. און זייט פלייסיק, ווייל איר זייט קינדער פון אַ גרויסער העלדן־שטאָט."

מעגלעך, אַז פראַנץ בייל וואָלט נאָך געווען לענגער גערעדט מיט די קינדער; ווייל גראָד איז ער געווען אין אַ שטימונג צו רעדן, בעת די אַנ־דערע שטאָט־טאַטעס זענען פאַרשלאָפן די גרויסע צייט. אָבער דאָ האָט ער דערזען אַריינקומען אין גאָרטן דעם גענעראַל מראַזיק. זייט יאָרן שוין פלעגט דער גענעראַל ליב האָבן יעדן פרימאָרגן זיך צו באָדן אין סערעט־טייך און דערנאָך נעמען אַ שפּאַציר אין דער הויפּט־אַלייע פון פאָלקס־גאָרטן. דאָ פלעגט ער זיך באַווייזן פּינקטלעך האַלב זיבן אַזייגער. ווען ער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין גאָרטן מיט פינף מינוט פריער, האָט עס אַלעמען געוואונדערט. אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, אַז נישט ער איז צו־פרי, נאָר דער שטאָט־זייגער האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט פינף מינוט. פּאַדלאָווסקי, וועלכער האָט געכאָוועט קי צום מעלקן, פלעגט זאָגן: „ווען מיינע קי וואָלטן געווען דורכגעמאַכט די זעלבע שול, וואָס דער גע־נעראַל מראַזיק, וואָלטן זיי זיך געווען אויסגעלערנט צו געבן די מילך פּינקטלעך און רעגלמעסיק."

ווען פראַנץ בייל האָט דערזען דעם גענעראַל, וועלכער האָט שפּאַצירט אין אויסגעשטרעקטער, מיט רעגלמעסיקע שריט, איז אים באַלד איינגע־פאַלן, אַז דאָס איז דער מאַן, וועמען ער דאַרף איצט האָבן. ער איז אים אַנטקעגנגעלאָפן און אים באַגריסט — נישט דורך אַראָפּנעמען דעם הוט, נאָר שטרענג מיליטעריש: „אַ שיינעם גוט־מאָרגן אייער עקסצעלענץ."

דער גענעראַל האָט געענטפערט דעם גרוס דווקא דורך אַראָפּנעמען זיין מיליטעריש היטל. מיט דעם האָט ער געוואָלט אַרויסווייזן זיין פאַר־אַכטונג צו אָט דעם „ציוויליסט", וועלכער וויל מיט געוואַלד קאָפּירן די

שטרענג־מיליטערישע דיסציפלין. ער האָט נאָך עפּעס א ברום געטאָן א פּאָר ווערטער און אָפּגעמאָסטן דעם בירגערמייסטער פון קאָפּ ביז פיס: „ווי קומט עס, וואָס אייער ראָק האָט צוויי פאַרשידענע מינים קנעפּ? און וואו האָט איר איבערגעלאָזן דעם מיטלסטן קנאָפּ?"

פראַנץביילן האָט אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן. ער האָט מער נישט געזען פאַר זיך דעם פאָלקס־גאָרטן מיט די קינדער ביים שפּיל — פאַר זיינע אויגן איז פלוצים געשטאַנען דער הויף פון דער אָפיצירס־שולע אין קרעמס. מיט יאָרן צוריק האָט ער, מיט נאָך אַנדערע שול־קאַמעראַדן, געהאַט געענדיקט דאָרט די אָפיציר־שול און שוין אין עטלעכע טעג אַרום געזאָלט, ווי אַ קאַדעט־אַספּיראַנט, צוריקפאָרן צו זיין רעגימענט אין טשער־נאָוויץ. האָט מען צוליב דער געלעגנהייט געטרונקען אַ גאַנצע נאַכט, ביז פינף פאַרטאָג. ווען אַ קאַמעראַד האָט אים שפּעטער אויפגעוועקט פון שלאָף, האָט ער קודם נישט פאַרשטאַנען וואָס מען וויל פון אים. אָבער ענדלעך איז אים קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז פלוצים אָנגעקומען אויף אינ־ספּעקציע אַ גענעראַל פון ווין און אַז אין פינף מינוט אַרום מוזן אַלע שטיין פאַרזאַמלט אין הויף פון דער אָפיצירס־שול. און באַלד טאַקע איז ער גלייך מיט אַלעמען געשטאַנען אויפן הויף אין א געפאָרמטער מיליטערישער ריי. דער וויענער גענעראַל איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַנצע אָפּטיילונג און אַלעמען שאַרף קאָנטראָלירט. הינטער אים זענען נאָכגעגאַנגען דער אָבערסט פונעם רעגימענט און דער קאָמאַנדאַנט פון דער אָפיצירס־שול, אַ מאַיאָר. און פונקט ביי אים האָט דער גענעראַל זיך אָפּגעשטעלט: „איר, קאַדעט־אַספּיראַנט! וואו האָט איר איבערגעלאָזן אייער מיטלסטן קנאָפּ? און וואו האָט איר דאָס גענומען אייער היטל? אויסגעבאָרגט אין א מאַסקנ־באַל־אַנשטאַלט? ווען האָט איר זיך צום לעצטן מאָל ראַזירט? אָט אַזוי־אַ, מיטן בויך אַרויס און מיט דער ברוסט אַריין, ווילט איר ווערן אַ קייזער־און־קעניגלעכער אָפיציר?"

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין פאָטער האָט זיך דעמאָלט געלאָזט אַ כך קאָסטן אויף פאַרשידענע פּראָטעקציעס, איז זיין קאַריערע, ווי אַ רע־זערוו־אָפיציר, שוין געווען אַ פאַרשפּילטע. דאָס איז געווען מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק. אָבער ווי וואַגט עס איצט אַ פּענסיאָנירטער גענע־ראַל אים, דעם בירגערמייסטער, דעם אויבער־קאָמאַנדיר פון גאַנצן סע־רעטער בירגער־זעלבסטשוץ, אַזוי מיאוס צו באַפאַלן? אָט דער גענעראַל מוראַזיק האָט נאָך אַפילו נישט געזען קיין אַנשטענדיקן בירגערמייסטער; אַזוי וואָלט ער געזאָגט, אַז אַ בויך געהערט דווקא צו דער ווערדע פון אַ בירגערמייסטער. איך וועל אים באַלד עפּעס דערציילן, האָט פראַנץ בייל געטראַכט, וואָס ווער איך בין און ווי קליין ער איז. זאָל ער דורך מיינע גרויסע דערפאָלגן דערזען זיין אייגענע נישטי־

קייט: „עקסצעלענץ, אין דער צייט, ווען א סך פון אונזערע מענטשן זענען זיך רואיק געשלאָפן, און שלאָפן נאָך איצט אויך, האָט דער כיטרער שונא געפּרואווט פאַרנעמען אונזער קייזער־קעניגלעכע שטאָט. אָבער מיט אַ שוואונג, וואָס האָט נישט זיינס גלייכן אין דער גאַנצער קריגס־געשיכטע, האָט אַ קליין הייפעלע מוטיקע מענער איינגעשטעלט זייער לעבן און באַזיגט דעם פיינט, וועלכן זיי האַלטן איצט אין דערלאַנגען דעם לעצטן שטויס, כדי אים אויך מאַראַליש צו פאַרניכטן. און דאָס אַלץ איז געשען אונטער מיין אויבער־קאָמאַנדע."

„אין אַ ראָק מיט צוויי מעשענע און צוויי ניקל־קנעפּ, ביי וועלכן נאָך דער מיטלסטער קנאָפּ פעלט אינגאַנצן, ווילט איר זיין אַן אויבער־קאָמאַנדאַנט? און קעגן וועמען פירט איר דאָס מלחמה?"

„אויפן אומדירעקטן באַפעל פון זיין מאַיעסטעט באַשיצן מיר די היגע גרעסטע־שטאָט אין אונזער מאָנאַרכיע קעגן די פויערים, וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט. עקסצעלענץ האָט דאָך זיכער געהערט, וואָס עס טוט זיך אָפּ זייט אייניקע טעג אויף יענער זייט גרענעץ?"

„און וועלכן מיליטערישן ראַנג האָט איר זיך דערוואָרבן אין דער צייט פון אייער דינסט אין דער קייזער־און־קעניגלעכער אַרמיי?"

פראַנץ בייל איז רויט געוואָרן און מיטאַמאָל זיך דערפילט גאַנץ קליין: „איך מעלד געהאָרכזאַם, עקסצעלענץ, איך בין קאַדעט־אַספּיראַנט."

„הערט מיך אויס, קאַדעט־אַספּיראַנט בייל: זיין מאַיעסטעט גיט שטענדיק ארויס דירעקטע באַפעלן. אונזער קייזער־און קעניגלעכע אַרמיי איז, גאָט צו דאַנקען, נאָך געגונג שטאַרק, אַז זי זאָל קאָנען דורכפירן מיליטערישע אָפּעראַציעס אָן אייער הילף."

„עקסצעלענץ, מיר האָט עס באַפוילן צו טאָן דער הער דר' וואַזערל, דער שטעל־פאַרטרעטער פון דעם הער קייזער־קעניגלעכן לאַנד־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע."

„אויף וויפל איך וויים, האָט דער לאַנד־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע צו זאָגן בלויז איבער דער זשאַנדאַרמעריע. מיט מיליטערישע זאַכן האָט ער גאָרנישט וואָס צו טאָן."

און אָן אַ באַגריסונג אפילו, האָט דער גענעראַל מראזיק זיך געגעבן אַ דריי־אויס און איבערגעלאָזן דעם בירגערמייסטער אַליין. פראַנץ בייל האָט זיך איצט געפילט נאָך מער געטראָפן, ווי דעמאָלט, ווען דר' וואַזערל איז אַוועק אָן אַ זיי־געזונט. עס איז אים נאָך געווען אַ בושה פאַרן געמיינדע־דינער שרובעק, וועלכער האָט זיך צוגעהערט צו דער גאַנצער סצענע. איך די קינדער האָבן געהאָט פאַרלאָזן זייערע שפּילן און זיך פאַרזאַמלט אַרום זיי. האָט פראַנץ בייל הויך אַ זאָג געטאָן, אַז די קינדער זאָלן הערן: דאָס איז די אייפערזוכט פון דעם אומפעאיקן איבער דער טאָטן־פולער

קראַפט פון אונזער אייגענער יונגער שוץ־מאַכט. אָבער אַט דער פּענסיאָ־נירטער גענעראַל וועט באַלד האָבן אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג וועגן אונז. גייט אַריבער, שרובעק, אויף דער פּאָסט און פרעגט־אָן צי זענען אָנגע־קומען עפּעס אַמטלעכע טעלעגראַמעס. איך וועל זיין אין מיין קאַנצעלאַ־ריע."

אָבער ביי זיך האָט פראַנץ בייל געטראַכט: איך האָב מורא, אַז עס שטעלט זיך מיר נישט קיין גוטער טאָג. און אַנשטאָט אין זיין קאַנ־צעלאַריע, איז ער אַוועק אין דער בעצירקס־הויפּטמאַנשאַפט. ביז איצט האָט ער אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיטן בעצירקס־הויפּטמאַן, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך דאַרפן מיט אים טיילן מיטן רום איבער דעם זיג. אָבער איצט, ווען ער האָט געזען וואָס פאַרא שונא דער גענעראַל איז אים, האָט ער געטראַכט, אַז עס לוינט זיך אפשר אָפּצוטרעטן אַ טייל פון זיין רום, אָבי צו האָבן אַ פאַרבינדעטן אויף זיין זייט. ער האָט אָנגע־קלאַפּט אין טויער, און ווען דער דינער לעוויצקי האָט אים געעפנט, האָט ער געזאָגט: „איך האָב נאָר געוואָלט וויסן צי דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן שלאָפט נאָך."

„דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן קאָן קיינעם נישט אויפנעמען."

„איר ער דאָ אין דער היים, אָדער נישט?"

„דאָס טאָר איך, ליידער, נישט זאָגן, ווייל — צוליב געוויסע אורזאַכן טאָר איצט דער הער בעצירקס־הויפּטמאַן נישט געשטערט ווערן."

פראַנץ בייל איז געבליבן שטיין פאַרן טויער, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים פאַרראַטן: אין דער שעה, ווען אַ קייזער־קעניגלעכע שטאָט גע־פינט זיך אין דער העכסטער געפאַר, אַנטלויפן די הויכע באַאַמטע פונעם קריגס־פּלאַץ. ווען דער קייזער זאָל נאָר וויסן, ווי וויניק ער קאָן זיך פאַרלאָזן אויף זיינע דינער, ווי זיי נוצן דאָס אויס זיין פאַרטרויען. אָבער זאָל אויך זיין מאַיעסטעט וויסן, אַז דער איינציקער פראַנץ בייל בלייבט פאַרעקשנט זיין איבערגעגעבענער דינער און פאַרבינדעטער; אונטער זיין לייטונג האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע ווערק פון באַפרייען די שטאָט פונעם שונא און אונטער זיין לייטונג וועט עס אויך געפירט ווערן ביזן סוף!

בשעת פראַנץ בייל האָט אַזוי, פאַרזונקען אין געדאַנקען, זיך דער־נענטערט צום מאַגיסטראַט, האָבן דערווייל די גאַסן און דער מאַרק גענו־מען זיך באַלעבן מיט מענטשן. שרובעק האָט שוין געוואַרט אויף אים אין דער קאַנצעלאַריע: „נישטאָ, ליידער, קיין טעלעגראַמע, הער בירגערמייס־טער. איך האָב געזאָגט יוסטפאַנען, אַז דער הער בירגערמייסטער מוז נוי־טיק האָבן אַ טעלעגראַמע; האָט ער געזאָגט, אַז ער וואָלט גערן געגעבן, אָבער כ'איז, ליידער, נישט אָנגעקומען. ווייטער האָט ער געזאָגט..."

„הערט שוין אויף, זאָג איך איך. וואָס עלטער איר ווערט, אַלץ נאַרישער ווערט איר."

„אַזוי איז אויך געווען מיט מיין גאָטזעליקן טאַטן. דער הער בירגערמייסטער ווייסט דאָך, אַז מיין מאַמע איז געווען ביי אים די צווייטע פרוי. איז ווען מיין טאַטע איז אַלט געוואָרן ניינציק יאָר און מיין מאַמע זיבעציק, האָט זי צו אים געזאָגט: 'אַ שאָד וואָס ס'איז נישטאָ קיין פאַלקשול פאַר אַלטע לייט. דאָרט וואָלט מען כאָטש געקאָנט זיך אָפּרוען אַ פּאָר שעה אין טאָג'."

די טיר האָט זיך פּלוצים געעפנט. נישט אָנקלאַפּנדיק אפילו, איז אַריין אין קאַנצעלאַריע דער באַלעבאָס פון „אידאַ־היים", פּייוול פּראַנט. אין ביילן האָט אויפגעקאָכט די גאַנצע שנאה צו אים. אים האָט דאָך דאָס דעם לאַנד־פּרעזידענטס פּאָרטרעטער פאַרגעצויגן און אים געמאַכט פאַר זיין פּאָרטרויעטן:

„איר — איר... איך וויל בעסער נישט דערמאָנען דעם אמתן טיטל, וואָס איר פאַרדינט. ווי וואָגט איר נישט־געבעטענערהייט אַהער צו קומען און אפילו נישט אָנקלאַפּן אין טיר!"

„און ווי קאָנט איר זיין דאָ" — האָט שרובעק געפרעגט — „ווען איר זייט גאָר אינדערנאַכט, צוליב אַט דעם געווער, אַנטלאָפן קיין רומעניע?"

„הער בירגערמייסטער, איך בין אַהער געקומען, צו זוכן שוץ ביי אייך. איך האָב קוים, אויף הינטער־וועגן, זיך דערשלאָגן אַהער. מיין הויז ווערט באַלאַגערט פון אַ מענגע מענטשן."

„דאַרפט איר דאָך זיין צופרידן וואָס איר האָט אַזוי פיל פריע געסט" — האָט געזאָגט שרובעק.

„הער בירגערמייסטער, די מענטשן באַשולדיקן מיך, אַז איך האָב געגעבן די פויערים געווער און דערפאַר איז דער אינזשיניער האַלטער מיט זיין אַרמיי אַריבער די גרענעץ. איצט פאַרלאַנגען זיי פון מיר איך זאָל זיי צוריקגעבן זייערע מענער, זין און קרובים. אָבער איר, הער בירגערמייסטער, ווייסט דאָך אַמבעסטן, אַז איך האָב נאָר געטאָן דאָס, וואָס די הויכע רעגירונג האָט פון מיר פאַרלאַנגט. איר האָט דאָך אַליין דעמאָלט געשיקט יוסטפאַנען, איך זאָל אַהער־קומען. דער הער פון דער רעגירונג האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן. אָבער איר אַליין, הער בירגערמייסטער, האָט דאָך מיך באַשטימט פאַר אַט דער אומגליקלעכער אַרבעט — וואָרים אַז נישט, וואָלט דאָך דער הער פון דער רעגירונג מיר נישט געהייסן דאָס טאָן — וויל איך ביי אייך פרעגן...

פּייוול פּראַנט האָט איבערגעריסן אינמיטן און נאָך אַ ווײַלע געזאָגט:

„ווי אַן אַלטער סאָלדאַט, וועל איך נישט רעדן אין קעגנוואַרט פון אַ מענטש,

װעלכער איז נישט באַרעכטיקט דאָס צו הערן." ער האָט אָנגעװיזן אויף שרובעקן.

דער בירגערמײסטער האָט געהײסן שרובעקן אַרױסגײן. װען שרובעק איז שױן געװען אויף יענער זײט טיר, האָט אים נאָך דער בירגערמײסטער נאָכגעשריען: „װאַרט אויף מיר אין צװײטן צימער. לאָזט קײנעם נישט אַרײן, און ס'זאָל אײך גאָר נישט אײנפאַלן זיך אונטערצוהערן הינטער דער טיר! איצט, פּיװול, קאָנט איר װײטער רעדן."

„רעדן קאָן איך? איך װאָלט בעסער געשריגן! װאָס האָט מען געװאָלט פֿון מיר האָבן? װאָס האָט מען אָנגעהאָנגען אַזאַ אומגליק אויף מײן קאָפּ? איך בין אַ שטילער, באַשײדענער געשעפֿטסמאַן. איך און מײן פֿרױ און אונדזערע אָנגעשטעלטע אַרבעטן זײער שװער און טשעפּען קײנעם נישט. װאָס האָט מען צו מיר מיט געװער? דװקא איך מוז עס באַהאַלטן! איך האָב מיטן געװער אין האַנט אָפּגעדינט דעם קײזער גאַנצע צװאַנציק יאָר — איז װײניק? איצט בין איך דאָך, צוליב אָט דעם געװער פֿאַר די פּויערים, נישט זיכער מיטן לעבן! דערקלערט דאָס די מענטשן, הער בירגערמײסטער. איר װײסט דאָך, אַז מײן צונג איז געבונדן און איך טאָר נישט זאָגן קײן װאָרט װעגן דעם."

„אַז איך װײס נישט — װאָס זאָל איך זײ דערקלערן?"

„דערקלערט זײ דעם גאַנצן אמת: אַז דער הער פֿון דער רעגירונג האָט מיר צוגעשיקט דאָס געװער, איך זאָל עס באַהאַלטן אין אַן אָפֿענעם קעלער, כּדי די פּויערים זאָלן עס קאָנען פֿון דאָרט אַרױסנעמען."

פֿראַנץ בײלן האָט נישט געפּאַסט אַרױסצואװײזן פֿאַר פּיװול פֿראַנט, אַז ער אַלײן, קאָמאַנדיר פֿון זעלבסטשוץ, װײסט אַפֿילו נישט װעגן דעם, אָבער פֿאַר אים איז געװען קלאָר, אַז פּיװול פֿראַנט זאָגט דעם אמת. און ס'האָט אים אַזש פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם: „גײט אַרײן אין צװײטן צימער" — האָט ער אים געזאָגט — „אין מײן פּריװאַטן אַרבעט־צימער װעט איך קײנער נישט קאָנען גרײכן. איך װעל דאָ דערװײל זען װאָס איך קאָן טאָן."

צוערשט איז אים געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז דר' װאַזערל פֿאַרגינט אים נישט דאָס גליק, װאָס ער איז אי דער בירגערמײסטער, אי דער אויבער־קאָמאַנדיר פֿון סערעט; האָט ער דאַריבער געװאָלט באַװאָפֿענען די פּויערים, כּדי צו ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטאָט. באַלד אָבער האָט ער אַ טראַכט געטאָן: װי איז דאָס מעגלעך? דער פֿאַרטרעטער פֿון דעם הער לאַנד־פּרעזידענט קאָן דאָך נישט טאָן אַזאַ זאַך; װאָרים ער װײסט דאָך, אַז מ'װעט זיך דערװיסן װעגן דעם. ער האָט אַלײן נישט געװאוסט װאָס ער זאָל טראַכטן — מ'קאָן דאָך דאָ משוגע װערן! אָט! אַדאָ האָט ער עס געפּאַקט: נישט אַנדערש, ס'איז בלויז פּשוטער משוגעת! ער האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר, אַרײנגערופֿן שרובעקן און זיך װידער מיט אים אַלײן פֿאַרשלאָסן,

אַז קיינער זאָל נישט קאָנען אַריינקומען: „הערט, שרובעק: איך וויל אייך עפּעס פרעגן און איך האָף, אַז איר וועט מיר ענטפערן אַזוי ערלעך און אָפנ־האַרציק, ווי עס פאַרדינט מיין פאַרטרויען, וואָס איך שענק אייך. זאָגט מיר: איר פאַרשטייט עפּעס וועגן משוגעת ביי חיות?"

„צי איך פאַרשטיי? איך בין אין דעם ווי ביי זיך אין דער היים."

„וואָס פּאַסירט, ווען עמעצער ווערט געביסן פון אַ משוגענער חיה?"

„ס'איז אַזוי: אָדער ער שטאַרבט, אָדער ער בלייבט לעבן."

„הערט, שרובעק: איך מוז עס איצט גענוי וויסן. אויב איר פאַרשטייט גאָרנישט וועגן דעם, איז זאָגט עס מיר גלייך, וועל איך פרעגן ביי עמעצן אַנדערש."

„אָבער הער בירגערמייסטער, איך ווייס זייער אַ סך וועגן דעם. איך פאַרזיכער אייך, אַז אויך דאָ הענגט עס אָפּ פון מזל. אויב די קרובים האָבן מזל, וועט דער געביסענער תיכף שטאַרבן. לײדער האָבן מיר נישט געהאַט קיין מזל מיט אונזער מומע. איך קאָן זיך איצט נישט גענוי דערמאָנען צי זי איז געביסן געוואָרן פון אַ משוגענעם הונט, אָדער פון אַ משוגענער צויג. דאָס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי איר חתן האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיט איר. מיר דאַכט זיך אפילו, אַז אין דעם זעלבן טאָג. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד. איר חתן איז געווען ביי דער זשאַנדאַרמעריע און ער האָט איבערגעלאָזן ביי אונז עטלעכע רעוואָלווערס. האָט זי פּלוצים גענומען שיסן מיט אַלע רעוואָלווערס. מיין גאָטזעליקע מוטער האָט זי נישט געוואָלט אַריינגעבן אין אַ משוגעים־הויז, ווייל די מומע האָט געהאַט איר אייגנס פעלד, דער אפשר אויף דרייסיק טויזנט גולדן, — און ווי איר ווייסט, טאָר דאָך אַ משוגענע נישט מאַכן קיין טעסטאַמענט. האָבן מיר געהאָפט, אַז גאָט אַלייך וועט זיך אויף איר דערבאַרעמען. געגעסן האָט זי — פאַר דריי. מיין מוטער האָט דערוייל באַהאַלטן די רעוואָלווערס, כדי אויסצוהיטן פון אַן אומגליק. אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז די מומע האָט די רעוואָלווערס געפונען אין אַ שיפלאָד און זיי פאַרקויפט. צוואַנציק יאָר האָבן מיר אַזוי געליטן פון איר. דערנאָך איז זי שווער קראַנק געוואָרן און האָט גערופן צו זיך צוויי דאָקטוירים און אַ נאָטאַר. קורץ — נאָך דער לויה האָט מען געעפנט דעם טעסטאַמענט. נו, וואָס מיינט איר? קודם האָבן די דאָקטוירים פעסטגעשטעלט, אַז זי איז גאָר קיינמאָל נישט געווען משוגע. און פונעם טעסטאַמענט האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זי האָט אָפּגעשריבן איר גאַנץ פאַרמעגן פאַר דעם גריכיש־אָריענטאַלישן קלויסטער־פאָנד, זיי זאָלן זיך עפּענען אַן אייגענע ליכט־פאַבריק. אָט דאָס איז געווען דער שלימזלדיקער רעזולטאַט פון אַ ביס פון אַ משוגענעם הונט אין אונזער פאַמיליע."

פראַנץ בייל האָט ווידער געהייסן שרובעקן וואַרטן אינדרויסן. איצט איז שוין ביי אים קיין ספק נישט געווען — אַנדערש קאָן מען זיך די זאַך

נישט דערקלערן: דר׳ וואַזערל איז פּרייטיק געביסן געוואָרן פונעם גאַנצער און דער שגעון האָט זיך פּאַוואָליע אין אים אַנטוויקלט, ביז ער איז מיטאַמאָל אויסגעבראָכן. אין אָט אַזאַ אָנפּאַל פון משוגעת האָט ער — דער רוח ווייסט ווי אַזוי — באַקומען ערגעץ געווער און האָט עס דעם אָרימען פּיוּול פּראַנט געהייסן פּאַרטיילן צווישן די פּויערים. נאָך אַ גליק וואָס דער זעלבסטשוץ האָט זיך אַריינגעמישט אין דער ריכטיקער צייט. איצט מוז מען תיכף לאָזן וויסן וועגן דעם אין די הויכע פענסטער! די פראַגע איז נאָר, ווי אַזוי טוט מען דאָס, אַז ס׳זאָל נישט אַרויסרופן צופיל אויפזען?

דר׳ וואַזערל, האָט בייל ווייטער געטראַכט, איז דער וויצע־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע, און אין זיין משוגעת קאָן ער נאָך ברענגען אַן אומגליק אויפן גאַנצן לאַנד. דאָס מוז מען פאַרהיטן וואָס גיכער — יעדע מינוט איז דאָ טייער. מען מוז אָבער אויך האַנדלען זייער פאָרזיכטיק. צוערשט דאַרף מען זען, אַז די עפנטלעכקייט זאָל זיך וועגן דעם נישט דערוויסן, ווייל דאָס קאָן אונטערגראָבן דאָס פאַרטרויען צו דער רעגירונג און צו אירע באַאַמטע. מען מוז דערום זוכן אַ פאַרבינדונג מיט עמעצן, וועלכער שטייט דירעקט אונטערן באַפעל פון זיין מאַיעסטעט. דאָס בעסטע וואָלט נאָך זיין, זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע — יאָ, דאָס איז דאָס ריכטיקסטע. דאָס הייסט דירעקט געוומען דעם אָקס פאַר די הערנער. דעמאָלט וועט דער קייזער וויסן, אַז ווייטיקסטנס אין סערעט האָט ער עמעצן, אויף וועמען מען קאָן זיך פאַרלאָזן אפילו אין אַ נויט. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס, אַז דורך דער פּאָסט זאָלן זיך אַנדערע נישט דערוויסן וועגן דעם? זיכער נישט דורך דער סערעטער פּאָסט — דאָ וועט אין עטלעכע מינוט אַרום וויסן וועגן דעם די גאַנצע שטאָט.

יאָ, דאָס איז דער איינציקער אויסוועג — אין אַ צייט פון נויט מוז מען אָנווענדן אויסערגעוויינלעכע מיטלען. און ווען זיין וועט מיט דעם נישט נאָר צופרידן, נאָר וועט נאָך דערפאַר, אָן צווייפל, אויסדריקן די העכסטע אָנערקענונג: „קומט אַריין, שרובעק, איך דאַרף מיט אייך איבעררעדן וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך.“

„הער בירגערמייסטער, אינדרויסן וואַרטן זייער אַ סך מענטשן.“

„איצט האָב איך נישט קיין צייט פאַר זיי.“

„אָבער הער בירגערמייסטער, די מענטשן זענען באַאומרואיקט וועגן אונזער זעלבסטשוץ־אַרמיי, וואָס איז אין דער נאַכט אַריבערגעגאַנגען די גרענעץ. זיי זאָגן, אַז ביי דער גרענעץ זעט מען נישט קיינעם פון זיי, און פון דערווייטנס הערט מען שיסן קאַנאָנען.“

„זאָלן זיי זיין צופרידן וואָס מען הערט שיסן קאַנאָנען נאָר פון דערווייטנס. ווען אונזערע העלדישע פאַרטיידיקער זאָלן נישט געווען אַריבער־ביין די גרענעץ, וואָלט מען געהערט שיסן נישט פון דער ווייטנס, נאָר פון

גאַנץ נאָענט. איך וועל אַרויסגיין אויפֿן באַלקאָן און אַליין צו זיי רעדן. און איר גייט תיכף אַריבער אין האָטעל 'אַנשאַ־האָף' און זאָגט דעם הער טרעביטש, דעם פּאָסט־דירעקטאָר פֿון מיהאַלעני, אַז איך בעט אים, ער זאָל גלייך צו מיר אַריבערקומען."

פראַנץ בייל איז אַרויס אויפֿן באַלקאָן. אויפֿן מאַרק זענען געווען פֿאַרזאַמלט הונדערטער מענטשן, א טייל האָבן עפּעס אַרויפֿגעשריען צום באַלקאָן, אָבער אין טומל האָט מען נישט געקאָנט הערן קיין וואָרט. פראַנץ בייל האָט אויפֿגעהויבן די רעכטע האַנט, צום צייכן, אַז ער וויל צו זיי רעדן. דער עולם האָט גענומען זיך איינשטילן, און בייל האָט אָנגעהויבן: „געערטע מיט־בירגער און צייט־גענאָסן פֿון גרויסע געשעענישן — ערשטנס האָב איך קיינעם נישט אַריבערגעשיקט איבער דער גרענעץ, נאָר די מענטשן זענען אַליין פֿרייוויליק אַריבערגעגאַנגען, געטריבן פֿון זייער טיפֿן געפֿיל פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט און פֿליכט. צווייטנס האָבן אָט די מוטיקע מיט־בירגער מיט זייער האַנדלונג אָפּגעראַטעוועט אונזער שטאָט פֿון אַ זיכערן אונטערגאַנג. דריטנס גאַראַנטיר איך מיט דער ערע פֿון אונזער אומשטערבלעכן רום, אַז קיין האָר אויפֿן קאָפּ וועט ביי קיינעם נישט גערירט ווערן, אויב זיי האָבן זיך נאָר נישט אומנויטיקערווייז אַליין געשטופּט אין פֿייער. און פֿערטנס בעט איך אייך, איר זאָלט זיך געדולדן נאָך ביז היינט אָוונט, ווען איר וועט זיך דערוויסן זאַכן, אַז פֿאַר פֿרייד און גליק וועלן זיך אייך די האָר שטעלן קאַפּויער."

אַ טייל האָבן געלאַכט פֿון בירגערמייסטערס רייד; אַנדערע ווידער האָבן גענומען טראַכטן — וואָס קאָנען דאָס זיין פֿאַראַ פֿריילעכע זאַכן, וואָס דאַרפֿן קומען אויף דער שטאָט? אַ טייל אָבער זענען געווען דערפֿאַר, אַז מען זאָל זיך בעסער אַרויסלאָזן אויפֿזוכן האַלטערן מיט זיין פֿאַרשוואונדענער אַרמיי.

דער בירגערמייסטער איז צוריק אַריין אין זיין קאַנצעלאַריע. עטלעכע מינוט שפּעטער איז אָנגעקומען שרובעק מיטן פּאָסט־דירעקטאָר פֿון מיהאַלעני, טרעביטש. פראַנץ בייל האָט געהייסן שרובעקן אַרויסגיין און געבעטן טרעביטשן, ער זאָל זיך זעצן: „איך האָב אייך אַהער־געבעטן, געערטער הער פּאָסט־דירעקטאָר, אין אַ זייער וויכטיקער און פֿאַרטרויִלעכער אָנגעלעגנהייט. איך וויל אייך אָבער בעטן מיר פֿריער צו זאָגן: גייען דירעקטע טעלעגראַמעס פֿון מיהאַלעני קיין ווין, אָדער מוזן די טעלעגראַמעס גיין איבער אייער הויפּטשטאָט בוקאַרעשט?"

„אין נאָרמאַלע צייטן, הער בירגערמייסטער, שיקן מיר טעלעגראַמעס קיין אויסלאַנד איבער באָטאָשאַני. וואוהין זיי גייען פֿון דאָרט קאָנען מיר, לײַדער, נישט וויסן. אונזער שטאָט פֿאַרמאָגט אויך דירעקטע טעלעגראַף־דראָטן קיין ווין; אָבער מיט זיי קאָנען זיך באַנוצן בלויז די העכערע אַמט־קרייזן."

„אין אַ נויט־פאַל, הייסט עס, קאָנט איר אויך טעלעגראַפירן דירעקט קיין ווין, אויסמיידנדיק דערביי באָטאָשאַני אָדער בוקאַרעשט?"

„שטימט, הער בירגערמייסטער."

„וועל איך אייך בעטן דאָס, וואָס איך פאַרלאַנג איצט פון אייך, צו באַטראַכטן ווי אַ נויט־פאַל. פאַרשטייט זיך, אַז איך נעם איבער די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר דעם — און נישט נאָר ווי דער בירגערמייסטער פון אונזער גאַנץ באַדייטנדיקער קייזער־קעניגלעכער גרענעץ־שטאָט, נאָר אויך ווי דער העכסטער שעף פון אָט דער קליינער, אָבער בראַוועד אַרמיי, וועלכע מיר האָבן אָרגאַניזירט צוליב אונזער און אויך אייער שוץ. און נאָר איין גאָט ווייסט, אַז אונזער זעלבסט־שוץ האָט נישט בלויז אַ גרויסן לאָקאַלן ווערט, נאָר זי איז אפשר אויך פון אַן אינטערנאַציאָנאַלער באַדייטונג. וואָלט איך וועלן, אַז איר זאָלט מיר, דאָס הייסט פאַר מיר אַוועקשיקן קיין ווין אַ שטרענג־געהיימע טעלעגראַמע."

„פון מיהאַלעני? אָבער מיר זענען דאָך אַנטלאָפן פון מיהאַלעני."

„מיין ליבער הער, איך וויל נישט, גאָט באַהיט, פאַרלאַנגען פון אייך אַ קרבן. כאָטש די נויטווענדיקייט פון דער אויסערגעוויינלעכער צייט וואָלט מיך גאַנץ באַרעכטיקט צו דעם. אָבער מען האָט מיך אינפאָרמירט, אַז אין מיהאַלעני געפינען זיך נישט איצט נישט קיין צעבונטעוועטע פויערים און נישט קיין טרופּן פון אייער רעגירונג. אויף יעדן פאַל וועלן מיר עס טאָן זייער פאָרזיכטיק. איר וועט מיט מיר צופאָרן — פאַרשטייט זיך, אויב איר וועט עס טאָן פרייוויליק — ביז צו דער פאַרשטאָט. און ערשט נאָכדעם, ווען די עסטרייכישע גרענעץ־וועכטער וועלן אונז פאַרזיכערן, אַז ס'איז פאַר אייך דאָרט נישט פאַראַן קיין שום געפאַר, וועט איר מיר טאָן די געפעליקייט, וואָס איך בעט אייך און וואָס איז נישט בלויז אין די אינטערעסן פון איין לאַנד, נאָר אפשר טאַקע אויך אין די אינטערעסן פון ביידע לענדער."

אַ שעה שפּעטער האָט שוין דעם בירגערמייסטערס שענסטע קאַרעטע, געשפּאַנט מיט די צוויי בעסטע פערד פון דער ביר־ברייערײַ, זיך געפּוצט אויפן קליינעם בריקל, וואָס האָט פאַרבונדן דאָס קעניגרייך רומעניע מיט דער קייזער־און קעניגלעכער עסטרייכיש־אונגאַרישער מאָנאַרכיע. די עסט־רייכישע גרענעץ־וועכטער האָבן זייער פרייַנטלעך באַגריסט דעם בירגער־מייסטער פון סערעט און דעם פּאָסט־דירעקטאָר פון מיהאַלעני. דער גרויסער האָלצערנער טויער, אויף דער צווייטער זייט בריק, דורך וועלכן מען איז אַרייַנגעפאָרן אין רומענישן קעניגרייך און אין דער שטאָט מיהאַלעני, איז געשטאַנען אָפן. אָבער אין גרענעץ־שטיבל דאָרט איז קיינער נישט געווען. די עסטרייכישע גרענעץ־באַאַמטע האָבן געזאָגט, אַז זינט די אַנטלאָפענע אידן האָבן מיט דריי טעג צוריק זיך אומגעקערט קיין מיהאַלעני, הערשט

דאָרט אַ גאַנץ נאָרמאַל לעבן. עס געפינט זיך אפילו נישט קיין איין באַאַמטער אין שטאָט, אָבער אַזוי איז אַלץ דאָרט, ווי געווען.

דער פּאָסט־דירעקטאָר טרעביטש האָט געבעטן די עסטרייכישע באַאַמטע זיי זאָלן אים טאָן די געפעליקייט און זיך נאָכאַמאָל איבערצייגן, צי איז נישטאָ קיין שום געפאַר אהין אַריינצופאָרן. זענען די עסטרייכישע באַאַמטע אַוועק אויף דער אַנדערער זייט מיטן צוזאָג, אַז זיי וועלן דורכזוכן די גאַנצע שטאָט, און פראַנץ בייל מיטן פּאָסט־דירעקטאָר האָבן דערווייל צוגעוואַרט אין עסטרייכישן גרענעץ־שטיבל. פון צייט צו צייט האָט מען געהערט פון ווייטן אויפרייסן, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן די לופט. דער פּאָסט־דירעקטאָר איז געוואָרן שטאַרק אומרואיק, און פראַנץ בייל האָט אויך אָנגעהויבן פילן נישט איבעריק באַקוועם.

ס'איז שוין געווען אַרום צוועלף בייטאָג, ווען די צוויי עסטרייכישע באַאַמטע זענען צוריקגעקומען. זיי האָבן פאַרזיכערט, אַז אין מיהאַלעני איז פולשטענדיק רואיק. זיי האָבן גערעדט מיט עטלעכע אַנטלאָפענע פויערים, וועלכע האָבן דערציילט, אַז אַרום צוואַנציק קילאָמעטער ווייטער גייען־אָן שווערע קאַמפן נישט ווייט פון אַ נאַפּט־ראַפינעריע. אַ אינגל פון מיהאַלעני און אַ קאָרפּאָראַל זאָלן דאָרט זיין די אָנפירער פון די פויערים.

פראַנץ בייל און דער פּאָסט־דירעקטאָר זענען צוגעפאָרן צום פּאָסטאַמט, וואָס איז געווען גאַנץ נאָענט — קוים עטלעכע הונדערט מעטער. אַלע געשעפטן אין שטאָט זענען געווען אָפן. די עלעגאַנטע קאַרעטע האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. טרעביטש האָט אויפגעשלאָסן די געביידע און זיך אַוועקגעזעצט ביים טעלעגראַף־אַפּאַראַט, בעת פראַנץ בייל האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם טעקסט פאַר דער טעלעגראַמע. אייגנטלעך האָט ער שוין פריער געהאַט ביי זיך אין קאָפּ אויסגעשטעלט עטלעכע טעלעגראַמעס, אָבער ער האָט זיי אַלע פאַרגעסן. ענדלעך האָט ער איבערגעגעבן דעם פּאָסט־דירעקטאָר טרעביטש אַ דייטשן טעקסט:

'צו דער קייזער־קעניגלעכער קאַבינעט־קאַנצעליי אין ווין — שטעלפאַרטרעטער פון לאַנדפּרעזידענט דאָקטאָר וואַזערל אומגליקלעך געביסן פון אַ משוגענעם גאָנער פּאַסכאַ־פּרייטיק סטאָפּ נישט שטאָט סערעט נישט איר בירגערמייסטער פראַנץ בייל שולדיק אין דעם סטאָפּ דאָקטאָר וואַזעדל צוליב ביס משוגע געוואָרן סטאָפּ שרעקלעכע פאָלגן סטאָפּ האָט געלאָזט באַוואָפענען צעבונטעוועטע פויערים סטאָפּ געמאַכט וואָפן־לאַגער אין נאַכטלאָקאַל סטאָפּ געוועזער גליקלעכעדוויז אַנטדעקט און קאָנפיסקירט סטאָפּ פיינט פאַרטריבן איבער גרענעץ סטאָפּ משוגענער נאָך אין אַמט סטאָפּ זיגרייכער מאַרש פון קייזער־געטרייען סערעטער

בירגער־זעלבסטשוץ האלט אַן סטאָפּ בעת אונטערטעניק דעצי־דירנדיקן שריט פון העכסטע שטעלן קעגן משוגענעם סטאָפּ ענטפער געבעטן אויף פּאָסט־אַמט מיהאַלעני סטאָפּ איבערגע־געבן פראנץ בייל בירגערמייסטער און אויבער־קאָמאנדיר אין סערעט׳.

62

וואסילי האָט געפילט, ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ שווערן חלום און דערזעט פלוצים פאַר זיך אַן אומאַנגענעמע ווירקלעכקייט. און אָט די ווירקלעכקייט איז אים פאַרגעקומען נאָך מער אומגלויבלעך ווי דער חלום. אין די לעצטע שעהן פון קאַמף האָט ער שוין מער נישט גע־טראַכט וועגן זיין אייגן לעבן. ער האָט אפילו נישט געוואָלט זיך באַנוצן מיטן געהיימען וועג אין דער ראַפינעריע, מיט וועלכן ער און די מיינסטע פון זיינע מיט־קעמפער וואָלטן געקאָנט אַנטלויפן. און מיטאמאָל איז אומ־דערוואַרט געקומען הילף און ס׳האָט ווידער ביי אַלעמען דערוואַכט דער ווילן צום לעבן. ווייזשע אַנדערש — דעד שונא איז דאָך אַנטלאָפן. אָבער נישט בלויז ער אַליין, נאָר כמעט אַלע זיינע מיט־קעמפער האָבן געפילט, אַז די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט כוואַליע האַלט ערשט אין אָנקומען. די ביינטלעכע היפּט כוחות, איז ער געווען זיכער, געפינען זיך אין דאָראָ־האָי. ס׳איז בלויז אַ פראַגע פון שעהן, ביז זיי וועלן אַהער זיך דערנעענ־טערן. און כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון זיינע מענטשן, מוז מען שנעל האַנדלען.

נאָר צו וואָס? אין דער היץ פון געפעכט שווימען אויף אַזעלכע פראַגן, אָבער זיי גייען באַלד אונטער אין לויף פון קאַמף. ווי דורך אַ נס זענען זיי אַלע ווידער געקומען צום לעבן, אויף וועלכן זיי האָבן זיך שוין מער גאָר־נישט גערעכנט. אָדער איז עס בלויז געווען אַ לעבן אין אַן אַנדער פאָרם, ווי זיי האָבן דאָס געזען אין זייערע וויזיעס, בשעת זיי האָבן געקעמפט? איצט אָבער איז געווען נאָר ווי אַ כאַאָס אַרום אים און אין אים. אַלץ אַרום אים — אָט די טויטע און פאַרוואונדעטע פון שונא, אָט די פריינט, וואָס זענען גאָר קיין פריינט נישט געווען; וועלכע האָבן אים געראַטעוועט, נישט וויסנדיק אַליין וואָס זיי טוען — אָט דאָס אַלץ איז אים פאַרגעקומען אַזוי עפּעס כאַאָטיש־מאָדנע. דער קצב־יונג ברוך און רחל זענען באַלד צוגע־שטאַנען צו די פויערים. זלמן פליקער איז שטאַלץ געווען מיט זיין טאָכ־טער און זי פאַר אַלעמען פאַרגעשטעלט. און אָט איז האַלטער מיט זיינע

מענטשן כמעט פיר־און־צוואנציק שעה אָבגעלאָפן פאַרשטעלטע פויע־רים — און ווי שטאָלץ ער איז דאָס געווען, ווען ער האָט געזען, אַז אמתע סאָלדאַטן אַנטלויפן פאַר אים. ער האָט נישט געוואוסט צוליב וואָס ער קעמפט, אָבער ווי געוואַלדיק ער האָט זיך אַליין באַוואונדערט. האַלטער האָט געקוקט אויף די מענטשן, וועלכע ער האָט נישט־ווילגדיק געראַטע־וועט, און אַליין נישט געוואוסט צי זאָל ער זיי באַטראַכטן ווי פריינט אָדער ווי פיינט. יאָ, ווען ער וואָלט איצט געהאַט נעבן זיך קורט קראַוטער און הילאַריאַן טאַפּאַן — זיי וואָלטן אים שוין געזאָגט ווי אַזוי ער דאַרף זיך האַלטן! ווען ער איז אַהער געקומען, האָט זיך אים טאַקע אויסגעזען, אַז ער האָט זיי ערגעץ־וואו געזען אין דער פאַרווירטער מאַסע. דערנאָך אָבער זענען זיי ערגעץ פאַרשוואונדן.

ביים ליכט פון דער ברענענדיקער ראַפינעריע האָט וואַסילי דער־קענט אין האַלטערן יענעם מאַן, וועלכן ער האָט אַמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט געפונען שיכור נעבן קורט קראַוטערן אין וועלדל. אָט פון זיי האָט דאָס באַדאַרפט קומען די הילף? ווי איז דאָס מעגלעך? וואַסילין האָט אזש געזשומעט אין קאָפּ — ער האָט עס נישט געקאָנט באַגרייפן. דאָ האָט ער דערפילט אַ האַנט אויף זיינע אַקסל. הינטער אים איז געשטאַנען אַ מיטל־יאָריקער פויער פון ווערפּולי, איינער פון זיינע ערשטע מיטאַרבעטער. ער איז געווען אַ שווייגנדיקער. וואַסילי האָט אים שוין געקענט צוויי יאָר און האָט אים נאָך קיינמאָל נישט געהערט זיך אַריינמישן אין אַ געשפּרעך. דעריבער איז ער געווען שטאַרק דערשטוינט, ווען דווקא אָט דער פויער האָט צו אים געזאָגט: „מיר מוזן גיין פון דאַנען. גאָט אַליין האָט אונז באַוויזן אַ נס מיט דעם, וואָס ער האָט פון אונז פאַרטריבן דעם טויט. דאָס איז אַ צייכן, אַז ער וויל מיר זאָלן בלייבן לעבן.”

„זייט דאַנקבאַר, זיי האָבן נאַכט זענען א סך וואונדער געשען. און נאָך אָט די אַלע וואונדער שטייען מיר דאָ אַ קליין, אומבאַהאָלפן, פאַרלאָזן הייפעלע”.

וואַסילי האָט עס געזאָגט אין אַ טאָן פון פאַרצווייפלונג. אַרום אים זענען געשטאַנען אַ סך פויערים און אויך מענטשן פון זעלבסטשוץ. די מיטגלידער פון האַלטערס אָפּטיילונג האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל זיי צוריק־פירן קיין סערעט. דער באַקאַנטסטער וועג איז געווען איבערן סערעט־טייך. אָבער דער וועג איז געווען אַ שווערער און די מענטשן זענען שוין געווען מיד. האַלטער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן — ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. „גוט” — האָט ער געזאָגט — לאָמיר גיין. אָבער ווען מען וועט אונז פרעגן וואָס מיר האָבן דערגרייכט — אַ זיג, אָדער אַ דורכפאַל — וועל איך נישט וויסן וואָס צו ענטפערן.”

„אויב עס וועט נישט געפעלן דעם בירגערמייסטער, זאָל ער אַליין גיין אהער” — האָט עמעצער זיך אָנגערופן.

זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט ארום האָלטערן און זיך אַרויסגעלאָזן אין דער ריכטונג צו װערפּולי.

„און מיר?" — האָט אײנער פון די פויערים געפרעגט װאַסילין.

„װען מיר זאָלן גײן איבערן טײך, װאָלטן מיר פריער פון זײ געװען אויף דער עסטרײכישער זײט" — האָט געזאָגט אַ פויער פון אַרום דראַ־האַי.

„און אונזער הויזגעזינט?" האָט געפרעגט אַן אַנ־ערער.

די לעצטע פראַגע האָט צוריקגעבראַכט װאַסילין צו דער װירקלעכ־קײט. אים איז קלאָר געװאָרן, אַז ער האָט נאָך גרויסע פליכטן צו דער־פילן; אַז אין דעם מאָמענט טאָר ער נישט גלאָט מיטגײן, נאָר ער מוז פאַראויסגײן. ער דאַרף װידער זײן דער פירער. װעגן זײן פאַמיליע, װאָס איז געבליבן װײט אין זײער דאָרף, האָט ער גאָרנישט געװאוסט. אַננאַ איז געװען מיט אים. אָבער די מײנסטע פון אָט די פויערים האָבן זײערע פאַ־מיליעס אין װערפּולי. װען זײ אַלײן זאָלן איצט אַנטלויפן קײן עסטרײך, װעלן אַװאַרעסקוס טרופּן זיך נוקם זײן אין זײערע פאַמיליעס.

„מיר גײען קײן װערפּולי!" — האָט װאַסילי געגעבן אַ באַפעל.

די פויערים האָבן זיך אויסגעשטעלט אין ברײטע רײען. מיטצונעמען האָבן זײ נישט געהאַט װאָס, אַחוץ די ביקסן, פאַר װעלכע זײ האָבן שוין מער קײן אַמוניציע נישט געהאַט. אויף זײערע פּנימער איז געלעגן פאַרצװײפלונג — אַנדערע װידער האָבן רעזיגנירט זיך אונטערגעגעבן זײער גורל. װען װאַס־לי האָט איבערגעקוקט די אויסגע־שטעלטע רײען, האָט ער באַמערקט, אַז עס פעלן מאַריאַ און דאָס בלאַסע, שװאַרץ־אויגיקע אינגל. אַלע האָבן פאַרזיכערט, אַז מען האָט זײ געזען אַרויסגײן פון דער ברענענדיקער פאַבריק, אָבער קײנער האָט נישט גע־קאָנט זאָגן װאוהין זײ זענען פאַרשװאונדן.

דאָס פײער פון דער ראַפינעריע האָט זיך אויסגעשפּרײט אויך אויף די אַנדערע טײלן פון דער געבײדע און האָט איצט באַלויכטן דעם סערעט־טאָל און די גאַנצע װײטע פלאַך אַרום. זײ האָבן אָנגעהויבן דעם צוריק־מאַרש. עטלעכע הײמישע פויערים האָבן זײ געװאונטשן גליק אויפן װעג און אַלײן געציטערט פאַר דעם, װאָס עס קאָן נאָך קומען.

און אַזוי זענען די פויערים צוריקגעגאַנגען, אײנגאַנצן אײן קילאָ־מעטער הינטער די מענטשן פון דעם סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ. אײן גרופּע האָט זיך אומגעקערט אַהײם, נישט װיסנדיק אַלײן צוליב װאָס זײ זענען אַהער געקומען; די אַנדערע גרופּע איז גלאַט געגאַנגען, אָן אַ צװעק אָדן אָן אַ ציל.

63

אין ווינער הויף האָט די שפּאַנונג פון די לעצטע טעג אַביסל נאָכגעלאָזן. די באַריכטן פונעם עסטרייכישן מיניסטער אין בוקאַרעשט האָבן פיל באַרואיקט: דער אויפשטאַנד איז כמעט דערשטיקט; פון גרויסן פייער איז געבליבן בלויז אַ קליינער זשאַר, וואָס טליעט נאָך שוואַכלעך ערגעץ דאָ־און־דאָרט. אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק, ווען די קאַטאָליקן פייערן דאָס אויפשטיין פונעם דערלייזער, האָט דער קייזער באַקומען אַ ספּעציעלע טעלעגראַמע פון קעניג קאַראָל פון רומעניע. דער רומענישער מאָנאַרך האָט געלאָזט וויסן זיין קייזערלעכן קוזין אין ווין, אַז די געפאַר איז שוין אַריבער. אין דער טעלעגראַמע האָט קאַראָל אויך געבעטן די דערלויבעניש, אַז הונדערט רומענישע זשאַנדאַרן, איבערגעטאָן ווי פּויערים, זאָלן איבער׳ן סערעט אַריבערגיין די גרענעץ און אויף דעם אופן פאַרשטעלן דעם וועג די צוריקגייענדיקע פּויערים. קאַראָל דער ערשטער פון רומעניע האָט געשטאַמט פון אַ זייטיקער ליניע פון די האָהענצאָלערן. ער האָט געוואוסט, אַז דער הערשנדיקער שיכט אין זיין לאַנד, די באָיאַרן, האָבן מער געצויגן דעם מלוכה־וואָגן אין דער ריכטונג פונעם סאַנט פּעטערסבורגער הויף. אויך צווישן די פּאָלקסמאסן האָט געהערשט אַ שטאַרקע פּראָ־רוסישע נייגונג. בעת דער קליינער שיכט פון דער אינטעליגענץ האָט סימפּאַטיזירט מיט פראַנקרייך. די עסטרייכער און די דייטשן האָט מען באַטראַכט ווי פיינט פון רומעניע; און נאָך מער די אונגאַרן, וועלכע האָבן געהאַלטן אונטער זייער הערשאַפט מיליאָנען רעכטלאָזע רומענער. קאַראָל דער ערשטער האָט אויך געוואוסט, אַז זיין קריגערישער קוזין אין בערלין, דער דייטשער קייזער, לויערט אַלץ אויף אַ געלעגנהייט, צו ברענגען אונטער דייטשן איינפלוס דאָס מיט נאַפט און ווייץ געבענטשטע רומעניע.

אויך פראַנץ יאָזעף דער ערשטער האָט מורא געהאַט פאַר זיין דייטשן פאַרבינדעטן, ווילהעלם דער צווייטער. אין בערלין האָט מען מיט אַלע מיטלען געזוכט אינטערנאַציאָנאַלע קאָמפּליקאַציעס, בעת אין ווין האָט מען זיך פאַר דעם געשראָקן. אין בערלין האָט מען שטאַרק געוואָלט, אַז די שרפה אין רומעניע זאָל זיך וואָס מער צעפלאַקערן — וועט מען דעמאָלט קאָנען אויפטרעטן אין דער ראָל פון פייערלעשער; אין ווינער הויף ווידער האָט מען געלעבט אין שטענדיקער אנגסט, וואַרטנדיק אויף אַ סוף צו די אומרועז. דעריבער ווען פראַנץ יאָזעף האָט באַקומען די טעלעגראַמע פון קאַראָלן, האָט ער תיכף אַרויסגעגעבן די נויטיקע פאַראָרדענונגען. דער

קייזערלעכער געהיים־באַפֿעל איז באַלד איבערגעשיקט געוואָרן פֿון שלאָס שענבערון צום עסטרייכישן מיניסטעריום פֿאַר אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן. פֿון דאַנען האָט מען דעם באַפֿעל איבערגעשיקט טעלעגראַפֿיש דירעקט צום לאַנד־פּרעזידענט פֿון דער בוקאָווינע, און ער האָט עס תּיכּף טעלעגראַפֿירט צו זיין צייטווייליקן פֿאַרטרעטער אין סערעט, דר׳ וואַזערל. און אַזוי האָט דעם קייזערס געהיימער באַפֿעל באַקומען אַ תּיקון, אין דער פֿאָרם פֿון הונדערט ביקסן, אין סערעטער באָרדעל „אידאַ־היים". קייזער פֿראַנץ יאָזעף דער ערשטער און זיין שעף פֿון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע האָבן געהאָפֿט, אַז אַלץ וועט צוגיין גלאַטיק. זאָגטיק אויפֿדערנאַכט איז אויך אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פֿונעם בוקאָווינער לאַנד־פּרעזידענט, אַז דער באַפֿעל איז ענערגיש דורכגעפֿירט געוואָרן. אין ווינער פּאַלאַץ האָט ווידער געהערשט אַ יאָמטעוודיקע שטימונג און זיין מאַיעסטעט האָט אפֿילו דערלויבט דעם שעף פֿון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע אַרויספֿאָרן מאָנטיק אויף אַ טאָג אַפּרו אין ווינער וואַלד.

דער „טיר־גאַרטן" אין שענברונער קייזער־שלאָס איז יענעם מאָנטיק געווען שטאַרק באַזוכט. אין די רעסטאָראַציעס אַרום שענברון האָט געקאָכט מיט לעבן, אין די פֿאָרשטאָט־שענקען האָט מען געטרונקען הייריקן ווין. אַ סך פֿון די אַרויסגעקומענע געסט האָבן נאָך, פֿאַרן אַהיימפֿאָרן, זיך אָפּגעשטעלט אין די וויין־שענקען פֿון מיידלינג און היצינג, אויך נישט ווייט פֿונעם שענברונער שלאָס. ס׳איז צוגעפֿאַלן די נאַכט. די טראַמווייען און שטאָטישע באַנען מיט די אין רויך געהילטע דאַמף־לאָקאָמאָטיוון האָבן אַריינגעזויגן און אויסגעשפּיגן ריזיקע מאַסן מענטשן. אויך דער שעף פֿון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע איז געווען איינער פֿון די מיליאָנען אַהיימפֿאָרער. ער האָט געוואוסט, אַז „דער אַלטער" פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים אפֿילו אין אַזאַ פֿייערלעכן יאָמטעוו־אָוונט פּערזענלעך איבערגעבן די אָנגעקומענע טעלעגראַמעס. האָט ער אויף גיך אויסגעטאָן דעם גרינעם ראָק מיט די קורצע הויזן און ספּאָרט־שטיוול, און ווידער אָנגעטאָן די שטייפֿע אַמט־אוניפֿאָרם.

פֿראַנץ ביילס טעלעגראַמע איז געלעגן צווישן עטלעכע טוץ אַנדערע טעלעגראַמעס, צווישן זיי טעלעגראַמעס פֿון צוועלף באַוואוינער פֿון דעם ווינער „אַלטער־פֿאַרזאָרגונגס־היים". זייט יאָרן האָט קייזער פֿראַנץ יאָזעף גענומען אויף זיך די פֿליכט אינעם דאָנערשטיק פֿון דער פּאַסכאַ־וואָך צו וואַשן, אין דער ווינער סאַנט־סטעפֿאַנס־קירך, די פֿיס פֿון צוועלף זקנים פֿון יענעם אַנשטאַלט — צום זכר פֿון דעם, וואָס קריסטוס האָט צו זיין לעצטן מאָלצייט געוואַשן די פֿיס פֿון זיינע תּלמידים. אין יענער וואָך, מאָנטיק, האָבן די זקנים באַקומען, ווי אַ מתּנה פֿונעם קייזער, געבראָטן חזיר־פֿלייש, קעז־שטרודל און ביר, און נאָך דער מיטאָג־סעודה פֿלעגן זיי שיקן

זיין מאַיעסטעט אַ דאַנק־טעלעגראַמע. אויך די באַוואוינער פון אַנדערע מזשבי־זקנים אין די גרעסערע עסטרייכישע שטעט האָבן אין יענעם טאָג באַקומען, אין נאָמען פון זיין מאַיעסטעט, באַמאָלענע פּאַסכאַ־אייער, און אויך זיי האָבן געמוזט שיקן אונטערגעשריבענע דאַנק־טעלעגראַמעס צום קייזער. אין משך פון יאָרן האָבן א סך מאָל זיך געביטן די נעמען פון די זקנים, אָבער דער אינהאַלט פון די טעלעגראַמעס איז אַלץ געבליבן דער זעלבער. און דאָך האָט דער קייזער פאַרלאַנגט, מען זאָל די אַלע טעלעגראַמעס אים פאַרלייגן אין אַלפאַבעטישער אָרדענונג און זיי דערנאָך פאַרצייכענען אין אַ באַזונדער בוך.

זייט צענדליקער יאָרן פלעגט מען דעם קייזער פאַרלייגן די בריוו און טעלעגראַמעס פונקט אין דער זעלבער צייט, ווען ער פלעגט עסן זיין קאַלטע הון מיט טיי. דער שעף פון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע האָט דעריבער געמוזט זיך צואיילן. דערפאַר טאַקע האָט ער פראַנץ ביילס טעלעגראַמע באַהאַנדלט ווי יעדע אַנדערע דאַנק־טעלעגראַמע און האָט איר נישט געגעבן קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. ער איז געשטאַנען רעכטס פון זיין מאַיעסטעטס שטול, און דער צערעמאָניע־מייסטער איז געשטאַנען ביי דער לינקער זייט. דער קייזער האָט, עסנדיק זיין באַשיידענעם אָוונט־מאָלצייט, אויפמערקזאַם געלייענט די טעלעגראַמעס, וואָס זענען געלעגן גרייט אויף דער רעכטער זייט פון דער גאָלדענער סערוויר־טאַץ און וועלכע ער האָט, נאָכן איבערלייענען, אַריבערגעלייגט אויף דער לינקער זייט.

פלוצים האָט פראַנץ יאָזעף אויפגעהערט קייען און געהייסן דעם צערעמאָניע־מייסטער ער זאָל אים אויסגלייכן די ברילן אויף דער נאָז. זיינע הענט האָבן אָנגעהויבן ציטערן, וואָס איז שטענדיק געווען אַ בייזער סימן. „פאַרלייענען!" — האָט ער א זאָג געטאָן און געוויזן אויף פראַנץ ביילס טעלעגראַמע. דעם שעף פון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע האָבן די בוכשטאַבן געטאַנצט פאַר די אויגן. ערשט ווען דער קייזער האָט אים אויפגעפאָדערט צום צווייטן מאָל, האָט ער זיך אַ ביסל באַרואיקט און איז אימשטאַנד געווען אָנצוהויבן לייענען. ווען ער איז געקומען צו דער שטעלע „פיינט פאַרטריבן איבער גרענעץ סטאָפּ", האָט דער קייזער אַ געשריי געטאָן: „סטאָפּ! אָדער בעסער — לייענט נאָך דעם צווייטן זאַץ." מיט אַ ציטערניש אין קול האָט דער שעף געלייענט דעם צווייטן זאַץ: „משוגענער נאָך אין אמת סטאָפּ". ער האָט אויפגעהערט לייענען — ס'איז געוואָרן שטיל. די צוויי הויף־לייט האָבן נישט געוואַגט צו אָטעמען. דער קייזער האָט נאָר פאַר זיך אַליין איבערגעחזרט די ווערטער: „פיינט פאַרטריבן איבער גרענעץ..."

אינמיטן פון אַ פאָלקס־שטורם, וואָס האָט זיך געקליבן — ווי עס האָט זיך געדאַכט — אינגאַנצן אויסצוואָרצלען דעם האַבסבורגער שטאַם, איז

רעוואָלוציע־יאָר פון 1848, האָט דער אכצן־יאָריקער פראַנץ יאָזעף, מיט חלומות וועגן אַן אומבאַשרענקטער מאַכט, איבערגענומען דעם טראָן פון אַ נאָך לעבעדיקן, שוואַכזיניקן מאָנאַרך. נאָר מיט דער גרעסטער קראַפט־אָנשטרענגונג איז עס אים דערמאָלט געלונגען צו־צופירן די האַבסבורגער שיף, איבער די כוואַליעס פון אַ שטורמדיקן ים, צו אַ נישט זיכערן האַפן. אַכצן יאָר שפּעטער האָט ער מלחמה געהאַלטן מיט די פּרייסן, און באַלד, אין צוויי טעג אַרום, זענען שוין זיבעציק בעסטע רעגימענטן געווען פאַרניכטעט און דער שונא איז שוין געשטאַנען נישט ווייט פון דער הויפּטשטאָט. יאָר־צענדליקער זענען אַוועק. דער אַמאָל געוואַגטער יונגער קייזער איז געוואָרן אַן אַלטער ביוראָקראַט. ער האָט געציטערט פאַר אַ מלחמה אָדער אַ רעוואָלוציע. אַנשטאָט מלחמות, האָט ער אָפּגעהאַלטן מאַנעווערס און אַרויסגעגעבן שריפטלעכע דעקרעטן. צוויי זאַכן האָבן נישט געטאָרט דערמאָנט ווערן אין קעגנוואַרט פונעם אַלטן מאָנאַרך — רעוואָלוציע און פּיינט. רעוואָלוציע איז, אין זיין פאַרשטעלונג, געווען דאָס זעלבע ווי משוגעת; דאָס וואָרט 'פּיינט' האָט ביי אים געקלונגען, ווי דער סוף פון דער דינאַסטיע האַבסבורג־לאָטרינגען. און דאָ, צווישן אַזוי פיל דאַנק־טע־לעגראַמען, וואָס דריקן־אויס ליבע און איבערגעבנקייט פון זיינע אונטער־טאַנען, באַקומט ער פּלוצים אַ טעלעגראַמע, אין וועלכער עס ווערן דער־מאָנט ביידע העדסטער אויף אַמאָל — משוגעת און פּיינט! נישט אַנדערש — דער בייזער גורל קלאַפּט אין זיין טיר...

„ווייטער לייענען" — האָט ער געגעבן אַ באַפעל. מיט אַ פאַר־שטיקטער שטים האָט דער שעף פון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע דורכגע־לייענט די גאַנצע טעלעגראַמע. „ווער, פרעג איך, איז עס דער מאַן, וואָס וואַגט אין מיין אימפּעריע, אָן מיין וויסן, אַרויסצוגעבן באַפעלן, מען זאָל דעם פּיינט טרייבן איבער דער גרענעץ? ווער איז עס דער געוויסער דר' וואַזערל? זייט ווען זענען עס אין מיין מאָנאַרכיע פאַראַן משוגענע גאַנערס? ווער איז פראַנץ ביילו? וואו געפינט זיך אָט דאָס מיהאַלעני? אַ בירגער־זעלבסטשוץ שמעקט מיט רעוואָלוציע, מעג אפילו פאַר דעם שטיין דאָס וואָרט 'קייזער'לעך'!"

נאָך דער ערשטער אויפרעגונג איז געקומען די ניכטערנע איבער־לעגונג. אויף די אַלע געשטעלטע פראַגן האָט דער שעף פון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע געקאָנט תיכף ענטפערן בלויז מיט אַ דערקלערונג, ווער ס'איז דר' וואַזערל. האָט דער קייזער באַלד אַ פרעג געטאָן: „דער שטעלפאַרטרע־טער פון מיין הערצאָגטום בוקאָווינע, וואָס ליגט ביי דער גרענעץ צווישן דעם רומעניישן אומרו־קעסל און דעם רוסישן ווואולקאַן, איז זייט פרייטיק באַפאַלן פון אַ שגעון — און מיר דערוויסן זיך דאָס ערשט היינט?" וואָס האָבן געקאָנט אויף דעם ענטפערן דער שעף פון דער קאַנצעלאַריע און

דער צערעמאָניע־מייסטער? זיי האָבן געשוויגן. און דעם קייזער פון עסט־רייך און קעניג פון אונגאַרן, זיין אַפּאָסטאָלישע מאַיעסטעט, האָט צום ערשטן מאָל, זייט ער האָט מיט ניין־און פופציק יאָר צוריק איבערגענומען דעם טראָן, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, גענומען באשעפטיקן די פראַגע: קאָן מען דורך אַ ביס פון אַ גאַנער משוגע׳ ווערן?

עס איז נישט געווען אַ לייכט שטיקל אַרבעט פאַר דער ווינער פּאָליציי־דירעקציע איצט אויסצוגעפינען די מיטגלידער פון דער רעגירונג, דעם רעקטאָר פון דער וועטערינאַר־הויכשול און די פאָרשטייער פון דער ווינער פּסיכיאַטרישער קליניק. וואָרים ווער פאַרברענגט דאָס דעם לעצטן אָוונט פון אַ הגא אין דער היים? אָבער זיין מאַיעסטעטס באַפעל מוז דורכגעפירט ווערן. איז אַלץ שוין קלאָר געווען, ווען די רעגירונג האָט אינמיטן נאַכט זיך פאַרזאַמלט צו אַ זיצונג, אונטערן פאָרזיץ פון זיין מאַיעסטעט. מען האָט שוין אפילו געוואוסט, ווער ס׳איז פראַנץ בייל און וואו עס ליגט מיהאַלעני. מען האָט זיך נאָר נישט געקאָנט אייניקן אויף דער פראַגע, צי פון אַ ביס פון אַ גאַנער קאָן מען ווערן משוגע. דער שריפטלעכער ענטפער, וואָס צוויי וויסנשאַפטלער האָבן צוזאַמען אויסגעאַרבעט, איז געווען: „טעאָרעטיש איז עס אין דער גרענעץ פון מעגלעכקייט. אין דער געשיכטע פון דער פּסיכיאַטריע און פון דעם וועטערינאַר־היילוועזן איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַזאַ פאַל. מען דאַרף נאָך וועגן דעם אַרויסקריגן אַ שריפטלעכע דערקלערונג פון דער מעדיצינישער פאַקולטעט און פון דער וועטערינאַר־הויכשול.״

דאָס מיניסטעריום פאַר אינעווייניקסטע אַנגעלעגנהייטן האָט געפּרוּווט טעלעפאָניש זיך פאַרבינדן מיטן לאַנדפּרעזידענט פון דער בוקאָווינע, אָבער אומזיסט. אַ פאַרשלאָפענער אונטער־באַאַמטער האָט געלאָזט וויסן, אַז דער הער לאַנד־פּרעזידענט, ווי אויך זיין שטעלפאַרטרעטער און אַלע הויכע באַאַמטע פון דער בוקאָווינע געפינען זיך איצט אויף יענער זייט גרענעץ, ווי די געסט פון רומענישן גענעראַל אַוואַרעסקו, וועלכער פייערט דאָרט, אין שטעטל הערטא, דעם זיג איבער די פויערים. און מיטן שטעטל הערטא איז איבערגעריסן די טעלעפאָן־פאַרבינדונג. לויט דעם שיסן פון קאַנאָנען און שרפות אויף דער רומענישער זייט, ווייזט אויס, אַז נישט געקוקט אויף דער פייערונג פון זיג — ווערט נאָך דאָרט געקעמפט. הויכגעשטעלטע קרייזן אין טשערנאָוויץ ווייסן גאָרנישט וועגן משוגעת פון הער דר׳ וואַזערל.

אויפן באַפעל פון זיין מאַיעסטעט האָט מען געלאָזט וויסן טעלעפאָניש דעם זשאַנדאַרמעריע־קאָמאַנדאַנט פון דער בוקאָווינע, ער זאָל תיכף אַרויסשיקן קיין סערעט אַן אָפּטיילונג זשאַנדאַרן, צו אַנטוואָפענען דעם אַזוי גערופענעם בירגער־זעלבסטשוץ; מען זאָל נישט אַריבערלאָזן איבער דער גרענעץ קיין אַנטלאָפענע פון רומעניע; די אַנטלאָפענע, וואָס געפינען זיך שוין

דאָרטן, זאָל מען צו־רו לאָזן, און ער זאָל באַלד שיקן אַ טעלעגראַפישן באַ־ריכט וועגן די דאָרטיקע געשעענישן.

דער מיניסטאָרן־ראַט האָט געפאַסט אַ באַשלוס צו פּענסיאָנירן דעם לאַנד־פּרעזידענט פון דער בוקאָווינע און זיין שטעלפאַרטרעטער — אויף זייער אייגענעם פאַרלאַנג, צוליב שוואַכן געזונט. און דעם שעף פון דער קאַבינעט־קאַנצעלאַריע האָט מען באַפוילן, ער זאָל דעם בירגערמייסטער פּראַנץ בייל אויסדריקן דעם דאַנק פון זיין מאַיעסטעט פאַר זיינע הויכע פאַרדינסטן פאַר דער רעגירונג און דער מלוכה; און מען זאָל אים לאָזן וויסן, אַז זיין מאַיעסטעט האָט אים גנעדיק באַוויליקט די הויכע אויסצייכע־נונג, ער זאָל פון איצט אָן מעגן אין זיין נאָמען, צווישן „פּראַנץ" און „בייל" אַריינשטעלן דאָס וואָרט „פאָן".

64

עס פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז שוין ביים ערשטן באַגעגענען זיך מיט אַ מענטשן דערפילן מיר צו אים אַ ווידערווילן, אָן אַ שום סיבה, נישט וויסנ־דיק אַליין פאַרוואָס. נישט זעלטן ווערט אַזאַ ווידערווילן אפילו פאַרוואַנדלט אין האָס. אַ געפיל פון דעם מין האָט באַהערשט מאַריאַן באַלד, ווען קורט קראַוטער האָט זיך נאָך צום ערשטן מאָל באַוויזן אין איר וואוינונג. איר נישט־דערפאָלג ביי וואָסילין איז אין איר פאַרשטעלונג געווען פאַרבונדן מיט קורט קראַוטער. ווען זי איז, צוזאַמען מיט אַלע קעמפער, אַרויס פון דער ברענענדיקער נאַפט־ראַפינעריע, האָט זי זיך געלאָזן זוכן קורט קראַו־טער, וועמען זי האָט — אויף אַ מאָמענט בלויז — באַמערקט צווישן דעם פאַרווירטן עולם. שפּעטער איז ער און הילאַריאַן טאָפּאַן אוועק מיט די אַנטלויפנדיקע סאָלדאַטן. נישט וויסנדיק אַליין פאַרוואָס און צוליב וואָס, האָט זי זיך געלאָזט לויפן נאָכן שונא, וועמען אויך שלום האָט געוואָלט פאַר־פאָלגן. און פאַר שלומען זענען די אַנטלאָפענע סאָלדאַטן געווען דער שונא.

די אַנטלאָפענע איז באַפאַלן אַ פּאַניק. בעת די קאַמפן יענעם טאָג האָבן זיי געזעצן שלומען זיך באַווייזן און פאַרשווינדן אויף די פאַרשידנסטע גע־פערלעכסטע פונקטן, און זיי האָבן אָנגעהויבן אים באַטראַכטן ווי אַן איי־בערערדיש וועזן. ווען דער פייַנט האָט זיך פּלוצים באַוויזן הינטער זייער רוקן, האָבן זיי דאָס צוגעשריבן שלומס געטלעכער קראַפט. און איצט האָבן זיי ווידער הינטער זיך געהערט זיין קול. זיי האָבן געהאַלטן אין איין לויפן, אָן אַן אָטעם. עטלעכע טוץ באַוואָפנטע סאָלדאַטן זענען אנטלאָפן אין דער נאַכט, געיאָגט פון אַן אַכצן־יאָריקן, אין רעליגיעזן שגעון זיך צפּלדיקן אינגל,

און פון א היסטערישער פרוי. הילאַריאָן טאָפּאַן און קורט קראַוטער וואָלטן געווען געקאָנט זיך באַהאַלטן ערגעץ הינטער קוסטעס, אָבער זיי זענען מיטגעריסן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער פּאַניק און זענען אויך מיטגעלאָפן.

זיי זענען אַלע אַריינגעלאָפן אין דעם פּריצישן הויף, וואו ס׳האָבן זיך אין די לעצטע טעג אָפּגעשפּילט אַזוי פיל פאַרשידנאַרטיקע געשעענישן. זיי האָבן פאַרמאַכט די טויערן הינטער זיך און האָבן זיך אויף אַ געוויסן אופן דערפילט געזיכערט. שלום און מאַריאַ זענען אָנגעקומען צום שלאָס אויפן זעלבן פּונקט, וואו זיי האָבן מיט עטלעכע נעכט פריער זיך באַגעגנט. אין שלומען האָבן דערוואַכט די זעלבע וויזיעס ווי דעמאָלט. זיין עראָטישער עקסטאַז האָט זיך איבערגעטראָגן אויף מאַריאַן. זיי האָבן באַמערקט ווי די טויערן האָבן זיך פאַר זיי פאַרמאַכט. דאָרט, הינטער די טויערן, איז געווען זייער גן־עדן, און איצט איז ער פאַרנומען פון זייערע פיינט. די טויערן מוזן געעפנט ווערן, דער גן־עדן מוז אָפּגערייניקט ווערן פון בייזן שונא. א פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין זייערע גופים. זיי האָבן זיך דערפילט שטאַרק און צוגלייך שוואַך. אין קאָנוואולסיעס פאַרקרעמפּט, זענען זיי צוגעפאַלן צו דער פּרוכט־טראָגנדיקער פרילינג־ערד.

גראָבע שטימען און קאָפּען מיט די פיס האָבן זיי פאַרטאָג אויפגעוועקט. דאָס זענען אָנגעקומען טרופּן פון צפון, וועלכע מען האָט אַהער געשיקט, ווען אַנטלאָפענע סאָלדאַטן האָבן דערציילט, אַז ביי דער נאָפּט־ראַפינעריע קומען פאָר שווערע קאַמפן. שלום און מאַריאַ זענען געלעגן שטיל און נישט געענטפערט אויף קיין שום פראַגע. עס זענען אַרויסגעקומען די אַנטלאָפענע סאָלדאַטן פון שלאָס. זיי האָבן נישט געוואָגט צו דערציילן, אַז אַט די צוויי מענטשן האָבן זיי באַוואָגט. האָבן זיי אויסגעטראַכט פאַרשידענע ווידערשפּרעכנדיקע תירוצים: די צוויי מענטשן האָבן אָנגעפירט מיט אַ גרויסער מחנה עסטרייכער און זיי האָבן געמוזט זיך צוריקציען קעגן איבער אַ ריזיקער איבערמאַכט; עס איז זיי געלונגען צוויי פון די פאַרשאָלטענע עסטרייכער צו נעמען געפאַנגען. דער קאָמאַנדאַנט פונעם רעגימענט, אַן אָבערסט, האָט געפּרוּווט פון די ווידערשפּרעכנדיקע באַריכטן זיך שאַפן אַ בילד און איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פויערים האָבן שוין פון לאַנג געמוזט אַריבערגיין די גרענעץ. ער האָט געלאָזט זייגע סאָלדאַטן אויפשלאָגן אַ לאַגער פאַרן שלאָס און געהייסן נעמען אין געפאַנגענשאַפט שלומען און מאַריאַן, כדי זיי שפּעטער אויסצופרעגן.

שלומען און מאַריאַן האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קעלער פון שלאָס. אין אַ צווייטן טייל פון קעלער האָט מען געהאַלטן הילאַריאָן טאָפּאַן און קורט קראַוטער. דער ריח פון געבראָטן פלייש און פריש געקאָכטער מאַמאַליגע האָט דערגרייכט ביזן קעלער אַריין. הילאַריאָן טאָפּאַן איז פאַר מידקייט און הונגער אַנטשלאָפן געוואָרן און ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ס׳איז

זונטיק אינדערפרי און ער זיצט ביי זיין כלה גערדא. זי איז נאָך געשלאָפן, אָבער ער האָט שוין געפילט דעם ריח פון גולאַזש, וואָס מ׳האָט פאַר זיי ביידע צוגעגרייט צום אָנבייסן. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אָבער ער האָט גאָרנישט געקאָנט אָנטאַפּן. עטלעכע מינוט האָט ער געריבן די אויגן, ביז ער האָט אָנגעהויבן זיך דערמאָנען איינצלהייטן און ענדלעך גענומען פאַרשטיין וואו ער געפינט זיך.

ווען זיי זענען נאָך אָנגעקומען צום שלאָס, האָט קורט קראַוטער געפּרוווט איבערצייגן די סאָלדאַטן, אַז ער איז אַ פריינט פון זיי. אָבער זיי האָבן זיך אַפילו נישט צוגעהערט צו אים. די מייסטע פון זיי האָבן זיך געפונען אין אַ דעמאָראַליזירטן צושטאַנד און קורט קראַוטער אַליין האָט זיך געוואונדערט וואָס זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין קעלער און נישט גלייך דערשאָסן. ער האָט מקנא געווען טאָפּאַנען, וואָס יענער איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, ווייל אַליין האָט ער נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. ער האָט גענוג לאַנג געלעבט אין רומעניע און געגנוי געוואוסט אין וואָס פאַראַ געפאַר ער געפינט זיך. דער רוח האָט געזאָלט נעמען אָט די גערדא! — האָט ער געטראַכט — אין „אידאַ־היים" קאָן מען דען נישט האָבן דאָס זעלבע פאַרגעניגן? אַזאַ יונגע מויד פון אַן אָנשטענדיקער באַלעבאַטישער היים איז נאָך פיל ערגער ווי אַ גאַסן־מיידל — אַז זי אַליין איז צוגעשטאַנען! נאַי וואָלט זי דאָ געווען, אַנשטאָט אים.

הילאַריאָן טאָפּאַן האָט איבערגעשלאָגן זיינע טראַכטענישן: „אייגנטלעך וואָלטן מיר איצט באַדאַרפט דערליידיקן אונזער אָנגעלעגנהייט אויף אַן אויפן, ווי עס פּאַסט פאַר ערן־מענער."

„איר פאַרגעסט אפּנים, געערטער הער פּראָפעסאָר, וואו מיר געפינען זיך. אויב זיי וועלן נישט מאַכן קיין אויסנאַם מיט אונז, וועלן מיר באַלד ביידע נישט האָבן וואָס צו דערליידיקן. דאָ מאַכט מען אַ קורצן פּראָצעס."

„איר מיינט, אַז זיי וועלן וואַגן מיך, ווי דעם צווייטן מאַן אין דער פירונג פונעם סערעטער בירגער־זעלבסטשוץ..."

„צי זיי וועלן אייך דעם צווייטן און מיך דעם ערשטן, אָדער גלייכצייטיק אונז ביידע אַריבערפעקלען אויף יענער־וועלט, איז שווער צו זאָגן. מיר איז שוין סיי ווי אַלץ איינס."

„אָבער דערלויבט נאָר — ס׳איז נישטאָ קיין שום יורידישע אָדער היסטאָרישע גרונט־לאַגע פאַר דעם. דאָס וואָלט דאָך געווען א מיליטעריש־יורידישער טאָפּל־מאָרד, וואָס קאָן פירן צו גרויסע דיפּלאָמאַטיש־אינטערנאַציאָנאַלע פּלאָנטערן. די רומענישע אַרמיי וואָלט דאָך נישט וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע ווי א בלוט־באַפלעקטע, און דאָס נאָך אין אַ צייט, ווען זי זוכט אָרדענונג..."

„ווי אַזוי די רומענישע אַרמיי וועט אַריין אין דער געשיכטע, אינטע־

רעסירט מיך זייער ווייניק, כל־זמן איך לעב. מיך וואָלט איצט מער אינטערעסירט אַ גלאָז גוטער שנאַפּס מיט אַ שטיק געבראָטן פלייש און א גלאָז וויין. האָט איר כאָטש ביי זיך אַ פּאַפּיראָס?"

„אַזוי לאַנג ביז אונזער אָנגעלעגנהייט איז נישט דערליידיקט, קאָן איך אייך גאָרנישט געבן. איך וויל נישט לייקענען — איך האָב ביי זיך אין קעשענע א פול פּעקל ספּאָרט־ציגאַרעטן. אָבער מיין ערן־געפיל דערלאָזט עס נישט. מיר מוזן אונזער פראַגע איין מאָל פאַר אַלע מאָל דערליידיקן, כאָטשבי שוין צוליב גערדאַן. טאָמער פּאַסירט מיט אונז עפּעס, מוז דאָך דאָס מיידל וויסן נאָך וועמען זי דאַרף טרויערן. אָדער, ווען דאָס, וואָס ס'איז אייערנעכטן ביינאַכט צווישן אייך ביידע פאָרגעקומען, זאָל פירן צו רעזולטאַטן, מוז דאָך די וועלט וויסן — אפילו נאָך אונזער גרויזאַמען טויט — ווער ס'איז געזעצלעך דער נישט־געזעצלעכער פאָטער."

„איך קאָן אייך פאַרזיכערן... אָבער איך וויל בעסער נישט דעבאַטירן וועגן דער ערע פון אַ יונגער דאַמע, צו וועלכער איר שטייט אין פאַרהעלטעניש פון א חתן. איך זאָג אייך בלויז, אַז אין אַזעלכע זאַכן בין איך זייער פאַרזיכטיק און ווי ווייט עס באַטרעפט מיך, דאַרפט איר נישט מורא האָבן פאַר קיין רעזולטאַטן. מיך אינטערעסירט איצט בלויז, ווי אַזוי מיר קאָנען אַרויס פון דאַנען מיט גאַנצע ביינער. און דערווייל בעט איך אייך — גיט אַ פּאַפּיראָס."

„גיט איר, הייסט עס, צו אומדירעקט — געווי געוואָוען, אייגנטלעך דירעקט — אַז איר האָט געהאַט מיט מיין כלה באַציאונגען, וואָס נאָר איך אַליין מעג מיט איר האָבן."

„אויב — אַנשטאָט אויסצוניצן אפשר די לעצטע געלעגנהייט צו פאַררויכערן אַ פּאַפּיראָס — ווילט איר דווקא רעדן וועגן זאַכן, וואָס וועלן באַלד אַנדערע אינטערעסירן, מוז איך אייך זאָגן, אַז נאָך אַלעמען האָט איר, ווי אַ חתן, פּונקט אַזוי ווייניק רעכט צו האָבן באַציאונגען מיט אייער כלה, ווי איך."

„וואָס מיינט איר מיט דעם, אַז 'באַלד וועט עס אַנדערע אינטערעסירן'?"

„איך מיין, אַז גערדאַ — אייער כלה — וועט נישט נאָך מיר און נישט נאָך אייך אָנטאָן אַ טרויער־שלייער, און זי וועט זיכער נישט ווערן אַ נאָנע אין אַ קלאָשטאָר. לאָמיר בעסער פאַררויכערן ספּאָרט־ציגאַרעטלעך, וועלן מיר קלאָרער קאָנען נאָכטראַכטן, ווי אַזוי זיך אַרויסצובאַקומען פון דאַנען."

„איך גיב אייך אַ פּאַפּיראָס אָבער מיטן באַדינג, אַז מיר וועלן שפּעטער אויסגלייכן אונזער אָנגעלעגנהייט, ווי ערן־מענער. אַליין וועל איך קיין פּאַפּיראָס נישט רויכערן. איך וויל ליבערשט אַריינאָטעמען דעם ריח פון געבראָטן פלייש און וויל אים נישט מישן מיטן רויך פון אַ ציגאַרעטל. נאָט,

און דאָ האָט איר אויך אַ שוועבעלע. די גריכישע העלדן און די רוימישע פּאַטריציער האָבן אויך נישט געררויכערט."

„צו אַלדי רוחות מיטן ריח פון זייער געבראָטן פלייש! וואָס האָב איך פונעם ריח, אַז זיי פרעסן דאָס פלייש."

מ'האָט געעפנט די טיר צום קעלער, און ס'האָט אַ שטראָם געטאָן מיט טאָג־ליכט און פרישער מאָרגן־לופט. צוויי סאָלדאַטן האָבן נישט איבעריק דעליקאַט אַ פּאַק געטאָן הילאַריאָן טאָפּאַן און קורט קראַוטער און זיי געפירט צום אָבערסט.

„פונעם צעשטערטן טראָיאַ איז געבוירן געוואָרן דאָס אומשטערבלעכע רוים" — האָט טאָפּאַן געזאָגט צו קורט קראַוטערן, בשעת די סאָלדאַטן האָבן זיי אונטערגעשטופּט איבער די קעלער־טרעפּ — „דערפאַר האָב איך פאַרטרויען און איך האָף דאָס בעסטע."

הגם ס'איז שוין געווען כמעט פולער טאָג, האָט אויפן אָבערסט טיש נאָך געברענט דער נאַפט־לאָמפּ. דאָס טאָפּלטע ליכט האָט נאָך טונקעלער געמאַכט דעם איבעריקן טייל פון צימער און דער אָבערסט האָט נישט געקאָנט גענוי זען די צוויי געפאַנגענע, וועלכע זענען מיט די סאָלדאַטן געבליבן שטיין ביי דער טיר. אויך זיי האָבן נישט גאַנץ דייטלעך געקאָנט זען דעם אָבערסטס פנים. איז עס ער, אָדער האָב איך אַ טעות — האָט געטראַכט קורט קראַוטער, און ענדלעך האָט ער אַ געשריי געטאָן: „דאָמנולו סטעפאַנעסקו!"

דער אָבערסט האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול. ערשט איצט, אויסערן ליכט־קרייז פונעם נאַפט־לאָמפּ, האָט ער דערקענט אין קראַוטערן זיין אַמאָליקן דייטשן פאַרוואַלטער: „ווי אַזוי זייט איר דאָ אַריינגעפאַלן? און דער הער דאָ איז מיט אייך?"

אַנשטאָט קראַוטערן, האָט הילאַריאָן טאָפּאַן געענטפערט: „מיר זעבען די בעסטע פריינט."

65

די קרעטשמע איז געווען קוים פינף הונדערט מעטער ווייט פון דער רומענישער גרענעץ. פון דאַנען האָט מען געקאָנט זען אַ טייל פון ווערפולי. דער שלאָס דאָרט איז געווען העל באַלויכטן. וואסילי האָט זיך געפילט ווי איינער, וואָס איז פון א זינקענדיקער שיף אַרויף אויף אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל. ווערפולי, דער שלאָס — גאַנץ רומעניע זענען פאַר אים געווען, ווי אַ שיף, וואָס פאָרט פאַרביי דעם פוסטן, איינזאַמען אינדזל און באַמערקט אפילו נישט די שיף־ברוכיקע. אַזוי נאָענט פון דער רעטונג, און דאָך אַזוי ווייט!

אויך אנגא און אקרולי, וועלכע זענען געזעסן נעבן אים ביים שענק־טיש, האבן געשוויגן. צו זייערע אויערן האבן געגרייכט די קלאנגען פון פריילעכער מוזיק, וואס זענען געקומען פון דער ערשטער סערעטער דאמף־ביר־ברייערײ.

אין סערעט האט מען היינט געפייערט א דריי־פאכיקן יום־טוב. ס'האבן געשפילט אלע דריי מוזיק־קאפעליעס, אויך יענע פון „אידא־היים", וועלכע פייוול פראנט האט גערן אויסגעבארגט פארן היינטיקן אוונט. מען האט געפייערט דעם אלט־נייעם דעפוטאט צום עסטרייכישן פארלאמענט, פראפעסאר סקעדל, וועלכער איז דערוויילט געווארן אויפן גרונט פון אלגעמיינעם, גלייכן, געהיימען און דירעקטן וואל־רעכט. מען האט נאך אפילו גישט געהאט געציילט די שטימען, אבער וועגן אויסגאנג פון די וואלן איז קיין צווייפל נישט געווען: לויט א וואל־אפמאך, האט דער גוט־באזיצער פישער זיך צוריקגעצויגן לטובת דעם פראפעסאר סקעדל, און די אנדערע קאנדידאטן האבן געקאנט רעכענען נאר אויף א גאנץ קליינער צאל שטימען.

דעם זעלבן טאג, נאך בשעת דעם גאנג פון די וואלן, האט גערדא ווילד חתונה געהאט מיט הילאריאן טאפאן, וועלכער האט אויך פון זיין שולפארוואלטונג באקומען די דערלויבעניש אנצונעמען און צו טראגן א מיליטערישע אויסצייכענונג פון גענעראל אווארעסקו. די אונטערפירערס זענען געווען: קורט קראוטער און דער דעפוטאט, פראפעסאר סקעדל.

און אין זעלבן טאג האבן דער גוט־באזיצער פישער און זיינע פריינט איינגעארדנט א פייערונג לכבוד דעם זיג פון גענעראל אווארעסקו איבער די צעבונטעוועטע פויערים. דאס איז געווען דעם בירגערמייסטער פראנץ ביילס אידייע, אז מען זאל אלע דריי יום־טובים פייערן אין איין טאג. צוליב דעם האט ער אפגעטראטן זיין ביר־ברייעדיי מיטן הויף און מיטן גארטן, וועלכע מען האט באצירט מיט גירלאנדן און הונדערטער אנגעצונדענע לאמפיאנען. מען האט איינגעלאדן די גאנצע באפעלקערונג פון דער שטאט, פאר וועלכע מען האט צוגעגרייט פריי גאנצע הויפנס וואורשטלעך מיט ביר. אין יעדער אפטיילונג — אין דער ברייעריי, אין הויף און אין גארטן — האט געשפילט איינע פון די דריי קאפעליעס, און יעדע פון זיי האט זיך באמיט אריבערצושפילן די אנדערע. האבן זיי אפט פארלושעט די אויערן מיט זייער קאקאפאניע, אבער די געסט האט עס גארנישט געשטערט. ס'האט געהערשט א פריילעכע, אפילו אן אויסגעלאסענע שטימונג. אלע האבן זיך אויסגעמישט צוזאמען, ווי עס וואלטן היינטיקן טאג פארשוואונדן יעדער ראנג און שטאנד. אפילו פייוול פראנט איז דארט געווען. נאך פיר שעה הוליען און אויסטרינקען גאנצע פעסער אלקאהאל, האט קיינער מער נישט געפרעגט ווער איז ווער. פראפעסאר סקעדל האט געטאנצט מיט דער כלה און דער בירגערמייסטער מיט די מוידן פון „אידא־היים", וועלכע האבן זיך

נישט געלאָזט פאַרשעמען און זענען אויך געקומען. מען האָט געטרונקען
טאָאַסטן פאַרן קייזער פראַנץ יאָזעף, פאַרן גענעראַל אַוואַרעסקו און דעם
קעניג קאַראָל פון רומעניע, און — פאַרשטייט זיך — צו דעם געאדלטן,
מוטיקן שטאָט־פאָטער פראַנץ פאָן בייל, וועלכער האָט נאָך אין יענעם טאָג
באַקומען, פונעם נייעם שעף פון דער בוקאָווינער לאַנד־רעגירונג, די פרי־
ווילעגיע אַרויסצושטעלן אויף זיין ביר־ברייעריי דעם טיטל „קייזער־קע־
ניגלעכער הויף־ליפעראַנט".
אין שענק, וואו ס'זענען געזעסן וואַסילי, אַננאַ און אָקרולי, זענען דער־
וויל אויך אָנגעקומען זלמן פליקער און זיין טאָכטער רחל. ס'איז געווען
דער לעצטער אָוונט, וואָס וואַסילי האָט פאַרבראַכט אין סערעט. באַלד ווי
ער איז אַהין אָנגעקומען מיט די פויערים פון ווערפולי, האָט מען אים,
אויפן פאַרלאַנג פון גענעראַל אַוואַרעסקו, אַרעסטירט. אַוואַרעסקו האָט אפילו
פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אויסליפערן. וואַסילי איז געווען אויף אַלץ גע־
פאַסט. ס'האָט אים נאָך אָפּגעגליקט, וואָס אים איז געלונגען אַריבערצוגיין
די גרענעץ איידער עס זענען אַהין אָנגעקומען די עסטרייכישע זשאַנדאַרן,
וועלכע זענען געשיקט געוואָרן פון טשערנאָוויץ. לויט זייערע אָנווייזונגען,
האָבן די זשאַנדאַרן נישט געטשעפּעט די אַריבערגעקומענע פון יענער זייט.
ס'האָט זיך געשאַפן אַ קאָמיטעט פון סערעטער פויערים, און עס איז זיי
געלונגען די פון ווערפולי אנטלאָפענע איינצואָרדענען אין דער נייער גע־
בידע פון דער גאַרבאַרניע, וועלכע איז נאָך געשטאַנען ליידיק. דער באַ־
לעבאָס פון דער גאַרבאַרניע, גרעגאָרי מאַרטינעסקו, האָט זיי גערן אַריינ־
גענומען, ווייל ער האָט אין דעם געזען אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט
אַריינצוקריגן אין זיין באַטריב ביליקע אַרבעטסקראַפט. זיי האָבן שוין טאָקע
זייט דריי טעג ביי אים געאַרבעט פאַר אַ הונגעד־לוין, אָבער זיי האָבן
פאָרט געהאַט מיט עפּעס צו דערהאַלטן די נשמה.
וועגן וואַסילין איז אין סערעט עטלעכע טעג אָנגעגאַנגען אַ קאַמף. עס
זענען געפלויגן טעלעגראַמעס קיין טשערנאָוויץ און ווין און מען וואָלט אים
אפשר געווען אויסגעליפערט, ווען נישט די געשיכטע מיטן לערעד פון ציג־
דעסטי. עטלעכע סאָלדאַטן פון גענעראַל אַוואַרעסקו האָבן אַריבערגע־
שלעפּט אויף דער רומענישער זייט דעם לערער פון צינדעסטי, וועלכער
איז געווען אַן עסטרייכישער בירגער. דער גלח פון דאָרף און עטלעכע
פויערים זענען אַוועק קיין טשערנאָוויץ און געבעטן די דאָרטיקע לאַנד־
רעגירונג, זי זאָל פאַרלאַנגען פון דער רומענישער רעגירונג, מען זאָל דעם
לערער באַפרייען. דערווייל האָט מען אויסגעפונען, אַז צוזאַמען מיט שלו־
מען און נאָך אַ סך פויערים האָט מען אויך דעם לערער פון צינדעסטי
אויפגעהאַנגען אויף דער רומענישער זייט, נישט ווייט פון „אידאַ־היים".
עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם. מען האָט אַפילו גערעדט, אַז מען

וועט וועגן דעם אַריינברענגען אַן אינטערפּעלאַציע אין דעם נייעם פּאַרלאַמענט, וואָס האָט באַלד באַדאַרפט זיך צוזאַמענקומען. כדי צו מילדן די שטימונג איז געקומען אַ באַפעל פון ווין, מען זאָל וואַסילין נישט אויסליפערן, אָבער אונטער איין באַדינג: ער מוז אַוועק פון סערעט און זיך באַזעצן אין אַן אָרט, וואָס ליגט מינדעסטנס הונדערט קילאָמעטער ווייט פון דער גרענעץ.

דאָס צעשיידן זיך מיט די פּויערים איז געווען זייער שווער פאַר וואַסילין. אַקרולי און אַננאַ האָבן אים צוגערעדט, ער זאָל צוזאַמען מיט זיי זיך באַזעצן אין זייער היים־לאַנד, טשעכיע. וואָרים אַקרולי איז, קעגן זיין ווילן, פּענסיאָנירט געוואָרן און ער האָט איצט געוואָלט פאַר זיך און זיין אידעם זוכן אַ נייע עקזיסטענץ אין זיין טשעכישער היים. אָבער וואַסילי האָט נישט געוואָלט הערן וועגן דעם. ער איז געווען אַנטשלאָסן צוזאַמען מיט אַננאַ אַוועקפאָרן אין די קאַרפּאַטן־בערג און ווערן דאָרט אַ פעלד־אַרבעטער, כדי צו זיין נאָענט צו די פּויערים, וועמעס פירער ער איז געווען, און אויך נאָענט צו זיין היים, פון וועלכער ער האָט, ווי אַ שיף־ברוכיקער, געמוזט אַנטלויפן.

מאָרגן שוין האָט ער געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט, האָט ער געוואַרט אין שענק, ביז מ'וועט ענדיקן די אַרבעט אין דער גאַרבאַרניע, ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעזעגנען מיט די פויעדים. די גאַרבאַרניע איז געווען דאָס איינציקע געשעפט אין סערעט, וואו מען האָט געאַרבעט אויך היינט, אין טאָג פון די פייערונגען. ענדלעך האָט געקלונגען דער גלאָק. ס'האָט זיך געעפנט דער טויער פון דער גאַרבאַרניע און ס'האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען די פּויערים. זיי זענען געקומען מיט די ווייבער און קינדער און האָבן זיך אַלע אויסגעזעצט אויף דער לאָנקע אַרום דער גאַרבאַרניע.

וואַסילי האָט געוואוסט, ווי די פּויערים פילן. זייערע היימישע דערפער זענען געלעגן אויף יענער זייט, גאָר נאָענט פון דער גרענעץ, און דאָך האָבן זיי זיך געפילט אַזוי ווייט פון זיי. ווייניקער ווי אַ קילאָמעטער פון דאַנען האָט זיך געפונען דאָס אָרט, וואו זיי זענען געבוירן געוואָרן, וואו זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט. זייערע עלענדע שטיבלעך מיט די שטרויענע דעכער זענען איצט געלעגן אין אַש און שטויב, צעשטערט פון אַוואַרעסקוס זעלנער. אַ סך פון זייערע פריינט און קרובים האָט מען אויפגעהאָנגען. זיי האָבן געפילט, ווי די מיט פרילינג שמעקנדיקע, פרוכטטראָגנדיקע ערד — אַזוי נאָענט ווי די אייגענע נשמה — רופט זיי צו זיך, און זיי מוזן דאָ אָפּפינסטערן טעג אין דער שטיקענדיקער גאַרבאַרניע. דורך וואַסילין, וועלכער איז זיי אַזוי נאָענט געוואָרן, האָבן זיי געזען אַ האָפענונג ווידער זיך אומצוקערן אַהיים. און איצט נעמט מען אויך אים

אַוועק פון זיי. ביי אַ סך האָבן זיך געוויזן טרערן אין די אויגן, ווען וואַסי־לי האָט יעדן באַזונדער אַרומגענומען און זיך צעקושט.

„דער טאָג וועט נאָך קומען." האָט ער צו זיי געזאָגט — „עס איז געווען אַ נישט־געראָטענער פּאַרזיי. אָבער איר ווייסט דאָך, אַז ווען מען אַרבעט, קומט נאָך דער פּאָסוכע אַ גערעטעניש; עס קומט אַ זומער פון פרוכטבאַרקייט, אַ זאַטער שניט, פול מיט ברויט. מיר האָבן געזייט, נאָר דער וועטער האָט אונדז נישט צוגעשפּילט. אָבער דער טאָג פון שניט וועט נאָך קומען. און אויב איך מוז אפילו פון איך היינט אַוועקגיין, בלייב איך אָבער אַלץ זייער נאָענט צו אייך."

דער אויטאָר וויל דאָ אויסדריקן זיין דאַנק און אַנערקענונג דעם יונגן חבר **שמחה לאָקער** פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט ביים קאָרעגירן דעם בוך. זיין אַרבעט איז אין יעדן פּרט געווען אַן איבערגעגעבענע. ער האָט זי געטאָן מיט אַ סך ליבע און אויפמערקזאַמקייט.

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער מאַטעריעלער און מאָ־
ראַלישער הילף פון די פאָלגנדיקע געזעלשאַפטן, אָר־
גאַניזאַציעס און פּערזאָנען:

הערשל יאַגאָדאַ

לייען־קרייז „פּיגעלע יאַגאָדאַ"

לייען־קרייז „י. ל. פּרץ"

אידישע פאָלקס־ליגע אין מעקסיקע

פאַרוואַלטונג פון „איקוף" (מעקסיקאַנער אָפּטיילונג)

פרויען־קאָמיטעט צו שטיצן די יתומים אין בירא־בידזשאַן

זאַוול און גוטשאַ ביעלאַק

כוליאַ און אסתר גראַפאַ

לעאָן און העלאַ גרינבערג

הערמאַן און שרה יונגסטער

באַמערקונג:

צוליב אַ פֿאַרדריסלעכן טעכנישן טעות איז אַ שורה אויף דער זייט 188 איבערגעדרייט געוואָרן און דער נומער פֿון דער זייט 297 איז נאָך אין איניקע עקזעמפּלאַרן אַרויסגעקומען פֿאַרדרייט.